STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01633

NAYE ERD

Fedor Gladkov

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פיאָדאָר גלאַדקאָוו

ניי ע ר ד

ייִדיש: שלמה שיינבערג

ייִדישע אוניווערסאַל-ביבליאָטעק

1934 וואַרשע

Printed in Poland

Druk. Sikora, Warszawa

אַ וואָרט צום לייענער

העכער דריי יאָר איז טויט דאָס יידישע פֿאַרלאַג-וועזן. די יידישע ליטעראַטור איז אַרומגערינגלט, ווי מיט אַ כינעזישער מויער, פֿאַר אַלע נייע דערשיינונגען אויפֿן געביט פֿון וויסנשאַפֿטלעכן און ליטעראַריש-קינסט־לערישן שאַפֿן.

אין דער וועלט גייט אָן אַן אינטענסיווער געראַנגל פֿאַר איבערבוי פֿון אַלע מאַטעריעלע און גייסטיקע לעבנס-פֿאָרמען פֿון דער מענטשהייט. קינסטלער און דיכטער באַמיען זיך אין אַלע ליטעראַטורן אויפֿצונעמען דעמ־דאָזיקן געראַנגל, צו געשטאַלטן אים, און דורך דער פּריזמע פֿון זייער קונסט משפּיע צו זיין אויפֿן לעבן.

צום יידישן לייענער אָבער דערגייט נישט קיין איינציקער קלאַנג.

די יידישע איבערזעצונגס-ליטעראַטור איז ביי היינטיקן טאָג געגליכן צו אַ טויטער אָזערע, וואָס האָט נישט קיין צופֿלוס.

דאָס יידישע לשון — דער איינציקער לעבעדיקער קאָנטאַקט פֿון די ברייטע יידישע מאַסן מיט דער אויסערלעכער וועלט, דער פֿאַרביקסטער אילוסטראַטאָר פֿון אונזער פֿאָלקס-אייגנאַרט, דער שטאַרקסטער פֿאַקטאָר אין אונזער קאַמף מיט דער אַסימילאַציע, וואָס גייט אויף אונז ווי אַ פֿאַר־פֿלייצונג — אָט דער גרויסער כּוח איז פֿאַרוואָרלאָזט.

אין דער אָריגינעלער ליטעראַטור ווערן נאָך פֿון צייט צו צייט גע־מאַכט אָנשטרענגונגען פֿון יחידים, יידישע קינסטלער און דיכטער, וואָס באַמיען זיך ממש מיט מסירת-נפֿש צו ברענגען פֿאַר דער ליכטיקער שיין דעם פּראָדוקט פֿון זייער שאַפֿן. אַלץ ווערט אָבער געטון ביחידות, אָן אָרגאַניזאַציע, אָן דעם מינדסטן קאָנטאַקט מיטן לייענער, אַזוי אַז אויך די אָנשטרענגונגען גייען לאיבוד.

כּדי איינמאָל פֿאַר אַלע מאָל אַ ריר צו טון דעמדאָזיקן מצב פֿון זיין טויטן-פּונקט, האָט די פּעריאָדישע אויסגאַבע, וואָס איז געשאַפֿן גע־וואָרן אונטערן נאָמען „יידישע אוניווערסאַל-ביבליאָטעק", זיך געשטעלט

פאַר אַן אויפגאַבע אַרויסצוגעבן די וויכטיקסטע, אינטערעסאַנטסטע און אַקטועלסטע ווערק פון די גרעסטע שריפטשטעלער פון אונזער צייט.

די אָריגינאַליטעט פון דערדאָזיקער אויסגאַבע באַשטייט אין דעם, וואָס זי איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויפן יסוד פון פיאָנערישער אַרבעט:

א) מאַקסימאַלע רעדוקציע פון פרייז: נישט 30, 40, נאָר 6 גראָשן אַ דרוק-בויגן, אַזוי אַז אַ בוך פון 10 בויגן, 160 זייטן, גרויסער פאָרמאַט, עסטעטיש אַרויסגעגעבן, וואָס דער פרייז דערפון איז נאָך ביי היינטיקן טאָג פון 3 ביז 4 גילדן, זאָל קאָסטן נישט מער ווי — 60 גראָשן.

ב) כסדרדיקער אינטענסיווער קאָנטאַקט מיטן לייענער: די „יידישע אוניווערסאַל-ביבליאָטעק" וועט זיך באַמיען אונטערצוהאַלטן אַ סיכטיקע קאָרעספאָנדענץ מיט אירע לייענער, צו טיילן זיך מיט זייערע איינדרוקן, צו ריכטן זיך לויט זייערע אָנווייזונגען, אַקעגנצוקומען זייערע וואונטשן.

ג) די „יידישע אוניווערסאַל-ביבליאָטעק" וועט זוכן מיטלען נאָך מער צו רעדוצירן איר פרייז און שאַפן מעגלעכקייטן, אַז אירע אויסגאַבן זאָלן קאָנען דערשיינען וועכנטלעך.

און אין פולן גלויבן, אַז אַלע פריינט פון יידישן וואָרט וועלן זיך וואַרים אָפרופן אויף אונזער אונטערנעמונג, ברענגען מיר פאַרן יידישן לייענער דאָס ערשטע בוך פון פיאָדאָר גלאַדקאָווס באַרימטן ווערק „נייע ערד".

„יידישע אוניווערסאַל-ביבליאָטעק"

דאָס ערשטע בוך

דאָס ערשטע העפט

האַרבסטיקע וואָלקנס

ווען איך בלייב אַליין אין מיין צימער און קוק דורכן פענסטער, — אויפן ברייטן קוואַדראַט פון הויף, אויף דער בעז-בלויער פאַרנעפּלטקייט פון די ווייטע בערגלעך אין די בלייזן צווישן די בנינים, אויפן וויסטן אומעט פון די האַרבסטיקע פעלדער, אויף דעם זייער שווערן, מיט וואָלקנס באַלאָדנטן הימל, — באַפאַלט מיך אַ נאָגנדיקע בענקשאַפט. מיר דאַכט זיך, אַז די וועלט איז פאַרפאַלן געוואָרן הינטער דידאָזיקע פאַרשוואומענע האָריזאָנטן אין אַן ענדלאָזן תהום, אַז זי איז נישט מער ווי אַ קוים-שימערנדע דערינערונג פון האַלב-פאַרגעסענע בילדער. די באַרג-און-טאָליקע וויטן, פאַרלוירענע אין גרינעם שימל פון ווינטער-תבואה, אין סאַמעטענעם פיאָלעט פון האַרבסטיקער צעאַקערטקייט, זינקען אין שלעפעריקער רו און איינטעניקער פאַרגעסנקייט. באַלד נאָכן הויפּטקאָרפּוס פון די בנינים יערט דער זומפּ מיט זיינע בערגלעך אין טונקל-גרויען געפּלאָנטער פון ווילדגראָז און ראָר-שטעקעלעך, צעריבענע און צעפּרעסענע פון פייכטע ווינטן. און לינקס, נאָך דעמדאָזיקן זומפּ, פון וועלכן עס טראָגט זיך דער ביטערער געשטאַנק פון כינין, טוליען זיך אין אַ קופּע, אָפּגעריסענע, מיט אויסגעקראָכענע שטרויענע דעכער, שוצלאָז און פרירנדיק, די אַלטינקע הייזקעס פון אונזער שכן — דעם נעבעכדיקן דערפעלע. קיין מענטשן זעט מען דאָרט נישט, און מיר דאַכט זיך, אַז דאָס דערפל איז אומבאַוואוינט. אונזער גראָז-פאַרוואַקסענער הויף איז פּוסט — אויך דאָ זעען זיך נישט קיין מענטשן, און איך פריר פון אומקלאָרן פּחד: איך בין פאַראורטיילט, נישטאָ פאַר מיר קיין אויסגאַנג, איך בין לעבעדיקערהייט באַגראָבן אין דעמדאָזיקן אורמדבר.

אגב, דידאָזיקע כוואַליע פון טיפער מרה-שחורה, וואָס טראָגט
זיך אָן פלוצלינג, ווי אַ וואָלקן, פאַרשווינדט באַלד. זי גיט אַן
אָטעם אויף דער נשמה מיט קעלט און פייכטקייט און — ווערט
צעגאַנגען. דאָס געשעט געוויינטלעך אין טעג פון שלעכטן וועטער,
ווען די מענטשן, מיט וועלכע איך לעב צוזאַמען — די מיטגלידער
פון דער קאָמונע — ווערן אַזוי ווי בלינד ; זייערע אויגן בלאַקירן
אָפּ, די שטימען גרילצן הייזעריק און די פנימער זענען געריבצלט.
אין אַזעלכע טעג זענען זיי שווייגנדיק, אָפּגעזונדערט, פאַרשלאָסן
אין זיך ; זייערע רייד זענען לאַנגווייליק, און דאָס לאַכן — נישט
אויפן אָרט, ווי דאָס בילן פון אַ הונט אין דער ליידיקייט אַריין.

פאַר מיין פענסטער איז דורכגעגאַנגען, אָנגעשטרענגט פאָר-
אויס מיט אַ ברייטן טריט, אַנדריי סעמיאָניטש וויעטראָוו, — אונ-
זער פּאָרזיצער, באַלעבאָס, אָרגאַניזאַטאָר. ער האָט, דורכגייענדיק,
פון געוואוינהייט האַסטיק אַ הייב-געטון דעם קאָפּ אין דער קעפּי
מיטן פאַרריסענעם דאַשעק, זיך באַגעגנט מיט מיין בליק, און
פיאָנעריש מיך באַגריסט מיט דער האַנט. זיין פנים — איז מאַט,
מיט אַ שטרענגן קנייטש אין דער באַק. די גרינלעכע אויגן, —
זענען האַרט, דורכזיכטיק, מיט אַ קאַלטן אָפּגלאַנץ. ער איז אַ
מענטש פון גלייכגעוויכט, תמיד פאַרנומען מיט עפּעס אַ פאַרבאָר-
גענעם געדאַנק. דאָס יאָר איז אויף די פעלדער געווען אַן אויס-
געצייכנט גערעטעניש, — ביי אַלע זענען די אויגן געווען יום-
טובדיקע, און דער חבר וויעטראָוו האָט זיך אַרומגעדרייט אַ גע-
האָרבעטער איבער זיין טעריטאָריע, ווי ער וואָלט אויסגעמיטן
באַגעגענישן און געשפּרעכן, — אַרומגעגאַנגען, נישט קוקנדיק אויף
קיינעם, געפאַנגען פון עפּעס אַ פאַרשאָלטן רעטעניש. און שטענ-
דיק, ווי נאָר איך פלעג דערזען, אין דער נאָענט אָדער פון דער
ווייט, דעם אָנגעשטרענגטן גאַנג, וויעטראָווס, זיין האַרט פנים, מיט
דעם קאַלטן אָפּגלאַנץ אין די אויגן, זיין שטרענג-אָפּגעשלאָסענע
פאַרטראַכטקייט, פלעגט אַלץ אין מיר אויפציטערן, געשפּאַנט ווערן,
און דאָס בלוט פלעגט אָנהייבן שלאָגן האַסטיקער. איך בין מקנא
דעמדאָזיקן פשוטן, אויף די פעלדער געהאָדעוועטן, מענטש, דעם

געבוירענעם פויער, מיטן מוח פון אַ ריינראַסיקן פּראָלעטאַריער. אָט דער חברהמאַן איז אומגעווײנטלעך איינגעגלויבט אין דער צוקונפט, אין זיין זאַך, אין זײַנע כּוחות, און סיי זיין אייגן לעבן, סיי די לעבנס פון אונז אַלע — זעען אים אויס, ווי ניִשטיקע שטויבעלעך אונטער אָט דעם אויסגעשפּרייטן הימל. צוואָס־זשע זיך באַאומרויִקן, דענערווירן, אויפרעגן, ווען דאָס אַלץ איז — נאַרישקייט, נעבעכדיקע קינדערישע פּלוידעריי, צופעליקער סקריפּ פון אַ טיר.

מיר האָט זיך שטאַרק פאַרגלוסט אַרויסצולויפן, דעריאָגן אים און זיך צוטוליען צו זיין פעסטן אַקסל: דאָס איז דער איינציקער מענטש, וועלכער איז מיר נויטיק געווען אין דער מינוט, ווען מיין נשמה איז פאַרטרונקען געווען פון אַ שווערער כוואַליע פון אומעט. איך האָב אַ כאַפּ־געטון דאָס מאַנטעלע אויף די אַקסלען און אין לויפן געוואָלט אָנטון די קאַלאָשן, אָבער זיך פאַרפּלאָנטערט אין זיי. זיי האָבן, ווי קליינע הינטעלעך, זיך אָנגעטשעפּעט אָן די פיס, געגומען אונטערשפּרינגען, גלאַנצן מיט דער נייער גומע, ווי זיי וואָלטן געשטשירעט ציין, און זיך איינגעקוליעט פון פאַרגעניגן. איך בין בייז געוואָרן און זיי אָנגעשלאָגן מיט די אָפּצאַסן. וויעטראָוו איז שוין אַרונטערגעגאַנגען הינטערן ראָג פון אונזער קאָרפּוס. ער איז געווען אָנגעטון אין אַ לאַנגער, וואַרימער קורטקע פון זעלנערישן געוואַנד, און דידאָזיקע קורטקע האָט אים געמאַכט ברייטפּלייציק און שווער. סתם אַזוי, אָן באַשעפטיקונג, דרייט ער זיך קיינמאָל נישט איבערן הויף און צווישן די בנינים: הייסט עס, אַז ער האָט אַצינד עפּעס אַ וויכטיקע אַרבעט אויסצופירן, און דידאָזיקע סעקונדן פּולסירן מיט בלוט אין זיין מוח. איך בין געלאָפן, ווי אַ מיידעלע, איבער דעם ציגלנעם טראָטואַר לענגאויס אונזער קאָרפּוס (דאָסדאָזיקע טראָטואַר זוימט אַרום אין אַ קוואַדראַט אַלע פיר זייטן פון הויף). איבער נאַכט איז עס אָפּגעוואַשן געוואָרן פון רעגן, און די ציגעלעך האָבן געלויכטן טונקל־רויט, ווי פיין־צוגעשניטענע שטיקלעך פון אַ באַטעמטן טאָרט. בלויז אין מיטן האָבן שפּורן פון טריט זיך געטונקלט, אויסגעלייגט ווי אַ

בלויע, ערטערווייז איבערגעריסענע, באַנד אין דער לענג. פֿון די שוואַרצע שול־פֿענסטער מיט די אייזיקע אָפּגלאַנצן אויף די שויבן האָבן זיך אַרויסגעריסן שטורמישע געשרייען פֿון די קינדער. אַצינד — איז אַ הפסקה אין מיין אַרבעט: אין דער קינדער־היים זייגן די מאַמעס זייערע קאַרפּוזיקלעך, און אין קינדער־גאָרטן באַקומט דאָס קליינוואַרג דעם הייסן פֿרישטיק. דאָרט — געפֿינען זיך די ניאַניעס, דורך מיר אויסגעבילדעטע, אָבער... איך לאָז זיי זעלטן אַליין, צוליב מיין געוויינטלעכן אומצוטרוי. פֿון דער קיך פֿאַרן קאָלעקטיוון עסצימער האָט אַ פֿלייץ־געטון אויף מיר אַ וואַרימע, פֿייכטע כוואַליע פֿון דעם צעפּלאַמטן אויוון. דורך דער אָפּענער טיר האָבן פֿון דער פֿינסטערניש זיך געטראָגן הילכיקע געשרייען פֿון די ווייבער, די אויפֿזעערינס, געלעכטער, אָפּגעריסענע לידער, געקלאַנג פֿון געפֿעס און דער צישענדיקער געזאָט פֿון געפּרעגלטס אויף די פּאַטעלניעס, ווי דאָרטן וואָלטן שטראָמענדיקע וואַסערן זיך איבערגעגאָסן. אין צוויי שעה אַרום — איז מיטאָג.

דער ווינט האָט געשויבערט מיינע האָר, און זיי זענען ווי שפּינגעוועב אַראָפּגעפֿאַלן אויף מיין פּנים. אין לויפֿן האָב איך געפֿילט די שטייפֿע שווערקייט פֿון מיינע ברוסטן.

וויעטראָוו האָט זיכער געהערט, ווי איך דעריאָג אים, אָבער נישט פֿאַרלוירן זיין רויִקייט, זיך נישט אויסגעדרייט — ווייטער געגאַנגען אַזוי האַסטיק, אָנגעשטרענגט פֿאָרויס, געשעפֿטסמעסיק, פֿאַרנומען מיט זיינע געדאַנקען. ער איז פֿאַרבייגעגאַנגען פֿאַר דער מיל און דער מילך־ווירטשאַפֿט, אָבער נישט געוואָרפֿן קיין בליק אויף זיי. קאָמונאַרן אין לאַנגע העמדער פֿון האַרטער לייוונט האָבן אָוועקגעלאָדנט זעק מיט קאָרן פֿון דער דרעשמאַשין. זיי — אויף אים — האָבן אויך נישט געלייגט קיין אַכט, אָבער ווען איך בין פֿאַר זיי דורכגעלאָפֿן, האָבן זיי כיטרע געשטשירעט די ציין אויף מיר און מיך פֿריינטלעך באַגריסט מיט די הענט.

וויעטראָוו האָט שווייגנדיק, נישט קוקנדיק אויף מיר, אַרונטערגערוקט די האַנט הינטער מיין אָרעם און נישט פֿאַרקלענערט דעם טריט. איך בין כמעט געלאָפֿן, גייענדיק לעבן אים, און אויף

זיין יעדן טריט געמוזט מאַכן צוויי. איך האָב נישט געקאָנט שפּאַ־נען איבער דעם פייכטן, גליטשיקן, פון הארבסט צעריבענעם, גראָז מיט אַזעלכע ברייטע טריט ווי ער: איך בין אים נאָכגעלאָפן, ווי אַ נישט דערוואַקסן מיידעלע. ער האָט נישט געוואָלט גיין מיטן זעלבן טריט, וואָס איך — ער וואָלט זיך צעשטערט זיין געוויינט־לעכן, אין משך פון אָט די יאָרן אויסגעאַרבעטן, ריטם. זיין מוח, זיינע מוסקולן, זיין ווילן האָבן געקאָנט לעבן נאָר אין דעם ריטם.

— אַנדריי סעמיאָניטש, איך וועל דיר נישט שטערן?

— ביטע. וואָס איז?

— איך האָב נישט אויסגעהאַלטן... אַ ביסל אָפּגעשוואַכט גע־וואָרן, וויעטראָוו...

ער האָט גלייכגילטיק, כמעט פאַרדראָסיק, מיט אַ מעלאָדישן באַריטאָן אַ רעד געטון נישט צו מיר, נאָר אין דער ווייטקייט, אין נעפּל אַריין, איבער די ליליאַ־בייטן פון די פאַראַקערטע פעל־דער. אָבער אין זיין האַנט האָב איך געשפּירט נאָענטע פריינט־שאַפט און צערטלעכקייט. דעמדאָזיקן מענטש גלייב איך מער, ווי זיך אַליין.

— אַ מרה־שחורהניק ביסטו. איך געדענק נישט קיין איין פאַל, דו זאָלסט אַמאָל ברייט און האַרציק זיך צעלאַכן. מע דאַרף, ברודער, קאָנען נישט בלויז אָנפירן מיט דערווירטשאַפט, מען דאַרף אויך קאָנען לאַכן.

ער האָט אַ קוק געטון אויף מיר מיט פאַרוואונדערונג. דער קאַלטער אָפּגלאַנץ אין זיינע אויגן איז נישט צעגאַנגען. און פּלוצ־לינג האָט ער זיך צעשמייכלט און אויפגעהויבן דעם בליק צום הימל. זיין פּנים איז געוואָרן יונג, עפּעס האָט אַ פינקל געטון אין זיין שמייכל, ווי דער שמייכל וואָלט אים אויף צען יאָר יינגער געמאַכט.

— דאָס ביסטו, אגב, גערעכט... אָבער וואָס איז דער חילוק?... עס איז דאָ אַזוי פיל אַרבעט, אַזוי פיל ענינים, וואָס לאָזן זיך נישט אָפּלייגן, אַז עס בלייבט אפילו נישט קיין צייט

אויף אָפּצועסן, אַ צייטונג דורכצוקוקן, נישט בלויז אָן זיך צו גע-דענקען. אָט גיי איך צו די בהמהלעך אַצינד — דאָרט ווערט אין מיר תמיד די נשמה באַנייט.

— און אָט האָב איך, וויעטראָוו, דאָ אָפּגעלעבט שוין אַ יאָר, אָבער מיר דאַכט, אַז איך בין אַהערגעקומען ערשט נעכטן, און דאָך זעט אויס דאָס פריערדיקע לעבן שוין אַזוי ווייט און לאַנג פאַר-גאַנגען, ווי די קינדהייט. פאַרוואָס איז דאָס אַזוי?

— אפנים דערפאַר, וואָס מיר לעבן אַ ביסל פאָרויס דער אַלגעמיינער צייט. פאָרויס דידאָזיקע פעלדער — אין וועטגעיעג מיט דער זון. אָבער דאָך אין שפאַן פון דער צוקונפט.

— דאָס קלינגט האָפערדיק, וויעטראָוו. דו רעדסט מיט נישט קיין פויערישע ווערטער.

— וואָס איז דער חילוק, האַליאַ? פריער פלעגט מען זאָגן: יעדע שטאָט אין לאַנד איז מיט איר מנהג באַקאַנט, יעדעס דאָרף זיך פירט, ווי זיין שטייגער רעגירט. און אַצינד מוז די צונג זיך צוגעוויינען צו אַנדערע ווערטער. מע קאָן זאָגן: וואָס דער אַרבע-טער איז פאַר דער שטאָט, דאָס איז דער קאָמונאַר פאַרן דאָרף. האַנט אין האַנט — גייען שטאָט און דאָרף באַנאַנד. אין אונזער וואַנט-צייטונג האָט אַ געוויסער קאָמסאָמאָל אָנגעשריבן אַזאַ לידל:

ס'ווערט די שטאָט נישט מיד צו בויען,
לויט די דירעקטיוון;
און די דאָרפסלייט — זיך פאַרייניקט —
שאַפן קאָלעקטיוון.

זעסט, סאַראַ ווערטער!... אויך דער געדאַנק איז נישט קיין דאָרפישער. דאָס איז סאָציאַליזם.

ער האָט זיך פאַרקוקט אויף די פון ציגל געמויערטע בנינים פאַר אים, און די נעץ פון קנייטשעלעך איבער זיין נאָז-וואָרצל האָט אַ ציטער געטון, ווי ער וואָלט באַמערקט עפּעס אַן אומאָרדנונג אין דער ווירטשאַפט. ער האָט געוואָלט פאַרשנעלערן דעם טריט, נאָר איך האָב אים געשטערט.

— אַט וועט מען דאַרפֿן אין פֿרילינג די שול איבערבויען... מיט אַ לאַנדווירטשאַפֿטלעכער באַשטעלונג... לאַבאָראַטאָריעס — ווי געהעריק איינאָרדענען, פּראַקטיקומס, און נאָך אַזעלכע זאַכן. דו ווייסט? מיר פֿירן איין אין קומענדיקן יאָר סעלעקציע-אַרבעטן! וואָס איז דער חילוק? פֿאַרוואָס זאָלן מיר נישט קאָנען? מיר ווילן אויסרעגולירן!

אין זיינע אָפּלען האָבן אויפֿגעבליצט פֿונקען פֿון באַגייס-טערונג.

— די שול איז טאַקע אַ גוטע זאַך, — אַנדריי סעמיאָ-ניטש, — אוודאי וועט דאָס זיין אויסגעצייכנט. אָבער דו פֿאַרגעס נישט, טייערער חבר, אַן די קינדער-אינסטיטוציעס. די קינדער-היים און דער קינדער-גאָרטן געפֿינען זיך דאָך אין שטיקענדיקע צימערלעך.

ער האָט מיך אַ שטויס געטון מיט צערטלעכער פֿאַרדראָסיקייט.

— נישט אַלץ אויף אַמאָל, האַליאַ. אין שול איז אַצינד נישט מעגלעך צו לערנען — זי איז ערגער פֿון אַ פֿערדשטאַל. דו זעסט דאָך, וואָס פֿאַר אַ פֿערדשטאַל מיר האָבן דאָ — אַ פּאַלאַץ! מיר אַליין אָבער זענען — נאַריש, טראָגן נאָך די פֿויערישע פֿעל אויף זיך. און דער קאָמונע זענען נויטיק קולטורעלע אַרבעטער. מיר שפּילן זיך דאָך נישט אין קיין באַטעערקעס. וואָס איז דער חילוק? וויפֿיל כּוחות, געזונט, שלאָפֿלאָזע נעכט זענען אויסגעבערענגט געוואָרן און — ווי ווייניק האָבן מיר נאָך דערגרייכט!... און אין דער צוקונפֿט?... דער קאָפּ קאָן פּלאַצן, ווען מען נעמט טראַכטן... אַלץ איז דאָך נאָך אין דער צוקונפֿט. פֿון דעם נעכטן זענען מיר ערשט איין וויאָרסט אָפּגעגאַנגען, און ביז צום מאָרגן — איז נאָך צען טויזנט וויאָרסט.

ער איז עפּעס מיטאַמאָל טרויעריק געוואָרן און אָנגעהויבן אַזוי ווי קלענער ווערן.

באַלד נאָך אונזערע וואוינונגס-הייזער (פֿריער איז דאָס אַלץ געווען דאָס אייגנטום פֿון אַ רייכן קולאַק) האָבן יונגטלעך און קרעפֿטיק זיך געצייכנט די פֿריש-געמויערטע ציגל-ווענט פֿון עטלע-כע בנינים — איינער העכער פֿון אַנדערן. דער ערשטן בנין, מיט

לענגלעכדיקע פענסטער אונטערן דאַך, — דאָס איז די גרויסע שטאָל פאַר אונזערע פערשעראָנען. זי איז אַרומגעצוימט מיט אַ ברייטער צוים. אונטער אַ לאַנגער שאָפּע שטייע אין אַן ענגער רייע — וואָגנס, טאָטשקעס, פורן, גלאַנצנדיק מיט זייערע רעדער. אינדרויסן — זעען זיך קופּעס מיסט. זיי רויכערן, ווי קליינע וואולקאַנען, און זייער וואַרימער פאַרענדיקער געשטאַנק טראָגט זיך אונז אַקעגן כוואַליעסווייז. אַ ביסל העכער האָט זיך ברייטלעך צעלייגט דער פאַקהאַוז — די באַזע פאַר די לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען. מיט דידאָזיקע מאַשינען איז פאַרלייגט דער גאַנצער חלל פון בנין, אָבער אַריינגמען אין זיך אַלע האָט ער פאָרט נישט געקאָנט: אונטערן אָפּדאַך לענגאויס דעם בנין, צונויפגעפּלאָנטערט מיט זייערע אייזערנע טיילן, זענען אָנגעשטעלט ברייטע, שווערע טראַקטאָרס, אַקעראייזנס, בראָנעס, מאַשינען צום זייען און שניידן. נאָך העכער, זיך איינברעכנדיק אין אַ גלייכן ווינקל, דערהויבט זיך שטאָלץ און שלאַנק אַ נייענקער בנין, מיט אַרשיניקע פענסטער, דורכגעקרייצטע מיט אומציילִיקע ראַמען אין צעריסענעם גלאַנץ פון די שויבן, מיט טורעמלעך אויפן דאַך. דאָס איז דער מעכאַנישער וואַרשטאַט. לינקס, אויפן סאַמע סוף, נאָענט שוין פון אונזערע וואוינונגס-הייזער, געפינט זיך דער קלוב, הויך און ברייט ווי אַ קאַזאַרמע, באַלד נאָך אים שטייגן אויף אין דינע, שאַרפע ליניעס אומגעהייער הויכע ראַדיאָ-מאַסטן, מיט לאַמטערן אויפן שפּיץ, און ווי צוויי לאַנגע סטרונעס ציען זיך, אַראָפּגעהאָנגענע אינמיטן פון זייער אייגענער שווערקייט, די אַנטענע-דראָטן.

פון דאַנען צעעפענען זיך פאַרנעפּלטע האָריזאָנטן. אין די פאַרטאָגן און בין-השמשותן איז די טונקלהייט שווער און קאַלט: מיין גאַנצע אינערלעכקייט דרייט זיך צונויף אין מיר, ווי אַ יעזש, און מיר דאַכט זיך, אַז מיינע אויגן לעשן זיך אויס, שטאַרבן אָפּ פאַרבלאָז, און דאָס פנים באַדעקט זיך מיט שימל. איך וואַרט אויף די נעכט, — אָן הימל, אין-סופיקע, שוואַרצע, ווי אַ תהום, ווען דו זעסט נישט די אייגענע האַנט אין חושך, און די ערד ווערט אויפגעלייזט אין גאָרנישט. אָבער

איך האָב ליב מיינע נעכט נישט פאַר זייער פינסטערניש — איך האָב זיי ליב פאַר אונזערע טרוימען: באַלד וועלן אונזערע נעכט זיך צעבליען מיט אָן אַ שיעור קאָנסטעלאַציעס, זיך צעציטערן מיט שפּיזנדיקע ברעמען, און אין חושך וועלן אויפפלאַמען פאָספאָרישע געוווירבלען און ספּיראַלע ליכט-נעפּלען. דידאָזיקע פייערן פון אונ־זער אָאַזע וועלן ענלעך זיין צו אַ וואונדערלעכן סאָד אין שטור־מישן, פרילינגדיקן באַפרוכפּערונגס-פונאַנדערבלי. פון דערוואַרטונג וויגט זיך שוין מיין האַרץ אין פריידיקן אויפברויז: דעמדאָזיקן פלאַמענדיקן סאָד אין דעם מדבר וועלן אָנצינדן מ י ר, און זיי־נע פייערן וועלן קיינמאָל נישט פאַרלאָשן ווערן. זיי וועלן זיך שנעל פאַרשפּרייטן, ווי אַ געדיכטער זריעה-רעגן איבער אָט די בערגלעך און טאָלן, און עס וועט פאַרשווינדן דער אוראַלטער חושך פון די נעכט, און די געשפּעגסטער פון איינזאַמקייט וועלן פאַר־ברענט ווערן אין מבול פון ליכטיקייט. מיט אומקלאָרע נאַאיווע ווערטער האָב איך דאָס אַלץ אַרויסגעזאָגט וויעטראָוון. מיר איז איבער עפּעס געווען אַ ביסל אַ בושה פאַר מיין פּלוידעריי, און איך האָב מורא געהאַט, אַז ער וועט פאַרדראָסיק זיך אָוועקדרייען פון מיר און שטרענג אַ זאָג טון:

— נו, גענוג דיר שוין צו פּלוידערן נאַרישקייטן. דו פאַר־ברענגסט די צייט מיט גאָרנישט, האַליאַ... דעריבער קריכן דיר אַלערליי פאַנטאַזיעס אין קאָפּ אַריין...

וויעטראָוו אָבער האָט מיך פריינטלעך אַרומגענומען מיט איין האַנט, — נישט מסוגל, אומגעלומפּערט, אָבער זייער וואַרעם, — און אַ שמייכל געטון.

דערדאָזיקער שמייכל באַווייזט זיך ביי אים תמיד פּלוצלינג און איז אָנשטעקנד — ער צעשפּילט זיך ווי אַ שוימענדיקע משקה ביי אים.

— עך דו, האַליאַ, ליבינקע!... ווי אַ קוקאַווקע ציילסטו די יאָרן... גיב אַ ביסל צייט, לאָז די מענטשן אויסהאָדעווען, איבער־אַנדערשן, און מיר וועלן וואונדער באַווייזן. העלף אונז צו, טייע־רינקע, אין דער קאָמונע טרעט אַריין — האַלט דיך נישט מער אָן

די צויטן פון דיין פאַרגאַנגענהייט. זיי האָבן אַזאַ ווערט, ווי די פאַראַיאָריקע האָר אויף דעם הונטס פעל.

זיין האַנט האָט מיך אומרויק געמאַכט, און איך האָב אין דעם אויגנבליק באַזונדערס שאַרף דערפילט די עלאַסטישע שווערקייט פון מיינע ברוסטן. מסתמא איז אין מיר שטאַרק אַנטוויקלט דער אינסטינקט פון מוטערשאַפט. ניין, דאָס איז קלאָר: דאָס איז נישט קיין ליידנשאַפט. דאָס איז בלויז יענער געזונטער לעבנסכּוח, וואָס ווערט אַרויסגערופן דורך דער קראַפט פון אַ צווייטן מענטש. אין זיין אַרומנעמען מיך איז נישט געווען קיים שום שלעכטע כּוונה: דאָס איז געווען בלויז אַן אויסדרוק פון וואַרימער צערטלעכקייט פון אַ פריינט און ליבן חבר. מיר זענען געוואוינט געוואָרן צו רעדן צווישן זיך אָפנהאַרציק, פּנים אל פּנים, צו זאָגן זיך אַלץ אויפריכטיק. ער האָט מיך אויסגעבעסערט, אינערלעך באַפרייט (אמת, פאַרשאַפנדיק מיר ווייטיק) פון די שלעכטע געוואוינהייטן פון אַ שטאָט־פרוי, פון דעם, אייגנטימלעכן פאַר מיין עלטער, כיטרען אָנשטעל צו שפּילן די ראָל פון אַ פריילין, פון דער קאָקעטעריע און די ווייבערישע פאָראורטיילן.

טיילמאָל, ווען איך בלייב אַליין, פאַרגעס איך מיך, און, קוקנדיק אין שפּיגל, הייב איך אָן, נישט ווילנדיק, אומבאַוואוסטזיניק, זיך שענער צו מאַכן און אויפמערקזאַם באַטראַכטן מיין פיגור. מיין פּנים — איז נישט שיין: איך בין אַ ביסעלע געשטופּלט, אָבער די אויגן — זענען גרויסע, רייצנדע, נערוועזע, און די ברעמען — געדיכטע, הערלעכע, דריקן אויס אַ סך מוט. באַלד כאַפּ איך מיך, ווי איך שטיי אַזוי פאַרקוקט אין שפּיגל, און ווער בייז אויף מיר. מיט אים אָבער, מיט וויעטראָוון, פיל איך מיך, ווי דורכזיכטיק: פאַר אים זענען אָפן אַלע ווינקעלעך פון מייז נשמה.

— אַנדריי סעמיאָניטש, מיר איז פונדעסטוועגן נישט פאַרשטענדלעך...

— וואָס נישט פאַרשטענדלעך?

— דו, וויעטראָוו, ביסט אַן אויסגעצייכנטער אַרבעטער, אָר־

גאַניזאַטאָר, חבר, אײנגאַנצן פּאַרכאַפּט פֿון אידעען און פּלע־נער... ווי אַזוי זשע קאָן מען פּאַראײניקן דײַן פּערזענלעך פּאַ־מיליע־לעבן מיט די אַלע עסקים דײַנע און אידעאַלן.

— נו, ווײַטער ?... רעד ווײַטער...

זײַן האַנט איז שווער אַראָפּגעפאַלן און געשיקט זיך אַ גליטש געטון צו מײַן היפּט.

— דו ווער נישט בײז, נאָר הער מיך אויס.

— איך פּראָטעסטיר דען ? איך ווײס וואָס דו ווילסט זאָגן. נאָר איך וויל הערן, ווי אַזוי דו וועסט דײַן פראַגע פאָרמולירן. רעד־זשע ווײַטער.

— מײַן נישט, איך בעט דיך, אַז איך וועל פאַר דיר בטול ווערן. די ווידערשפּרוכן און סתירות פֿון דײַן פּערזענלעך און גע־זעלשאַפטלעך לעבן וואַרפן זיך שטאַרק אין די אויגן. דײַן פּרוי־לעבט אָפּגעזונדערט, דיך פאַרשטײט זי נישט, אַלע אונזערע אײנ־ריכטונגען האַסט זי, די קינדער האַלט זי בײַ זיך און וויל זײ נישט אָפּגעבן, נישט אין דער קינדער־הײם, נישט אין קינדער־גאָרטן. וואָס־זשע זאָל מען טראַכטן וועגן דעם ? און ווי אַזוי קאָן מען בײַ אַזאַ בײַשפּילווירקן דערציעריש אויף די אַנדערע פרויען ? מיר איז עפּעס נישט געלונגען פריער צו רעדן מיט דיר וועגן דעם, אָבער אַצינד וואָלט איך דיך געבעטן מיר צו ענטפערן.

ער האָט מיר ווידער אַרויפגעלײגט די האַנט אויפן אַקסל און פּלוצלינג פרײלעך און האַרציק זיך צעלאַכט.

— עך דו, האַליאַ־האַליוכאַ !... דו פאַרשטײסט גאָרנישט. דאָס אַלץ איז אמת, און עס קאָסט מיך זײער טײער. איך וועל דיר דאָס אַלץ אויפקלערן, אָבער דערווײל לאָמיר מאַכן אַ באַזוך בײַ אונזערע חברים — די חיות. מיר וועלן נאָך שמועסן.

אין מלכות פֿון די בהמות

מיר זענען אַרײַנגעגאַנגען אין דער פּערדשטאַל, און אויף מיר האָבן אַ שטראָם־געטון וואַרעמע, געדיכטע, פײַכטע כוואַליעס פֿון פּערדישן שווײס, געפּרײַעטען קאָרן און מיסט. אגב, קײן מיסט

איז נישט געווען: דער לאַנגער קאָרידאָר אין דער האַלב-טונקע-לער פּערספּעקטיוו, מיט אָפענע קאַבינקעס פון ביידע זייטן, איז געווען ריין, אויפגערוימט, און דער חלל האָט געאָטעמט מיט רחבות און לופטיקייט. אין יעדער קאַבינקע, מעכטיק געשטיצט אויף עלאַסטישע פיס, האָט זיך געזען אַן אַטלאַסענער, הייסער פערדישער הינטן מיט אַ לאַנגן זיך כוואַליענדיקן ווידל. צווייג-האַפטיקע אָדערן האָבן שיין און בולט אַרומגעפלאָכטן די פיס הינ-טער דער בלוילעכער פעל. עס האָט זיך געפילט בחוש, ווי דאָס בשפעדיקע, פעטע בלוט שטראָמט האַסטיק אין זיי, צעשפּאַרנדיק די אָנגעקוואָלענע אָדערן. די גלאַטע, שיפע לענדן האָבן פסדר אויפגעציטערט, די בלישטשענדיקע זייטן און אויסגעבויגענע רוקנס האָבן מיט ראַסיקער גראַציעזקייט זיך קיילעכיק געשפּאַנט אין בראָנזיקן לעבנס-פּלאַטער. דאַכט זיך, אַז די פערד האָבן אונז דערשפּירט פון דער ווייטנס: זיי האָבן אין עלעקטערישן ציטערן זיך איבערגעגאָסן מיט פונקען, געברענט מיט אינערלעכן פיבער, אומרויִק פאַרוואָרפן די אויסגעבויגענע, מעטאַל-גלאַנציקע העלזער, געטרייסלט מיט די צעפּאַטלטע גריוועס, אויסגעדרייט די געשניצ-טע קעפּ צו אונז, געפייערט מיט די צעפלאַמטע אויגן, און ליידנ-שאַפטלעך, מיט פריידיקן כראָפּען אונז אָקעגנגעהירזשעט. וויעט-ראָוו איז געוואָרן אַזוי ווי העכער, מוסקוליעזער, און זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט מיט דער זעלבער הייסער פייכטקייט, ווי די אויגן פון די פערד. ער האָט גלייך פאַרגעסן אָן מיר און זיך אַ וואָרף געטון צו דער ערשטער קאַבינקע. מיט זעלטענער צערטלעכ-קייט און פריידיקער אָנטציקונג איז ער דרייסט צוגעגאַנגען צום פערדישן הינטן און, וואָרקענדיק, גענומען גלעטן די שיפע לענדן פון דער חיה. מיר איז געווען שרעקלעך: דאָס פערד האָט צערייצט אָנגעהויבן האַקן מיט די פּאָדקאָוועס, און איבער זיין קערפּער זענען דורכגעלאָפן פיבערדיקע שטראָמען.

— אַנדריי סעמיאָניטש!... לאָז זי אָפּ, איך בעט דיך... מען דאַרף נישט, — זי וועט דערהרגענען.

אָבער ער האָט נישט געהאָרכט: געקוויקט זיך מיט דעם

איבערפלוס פון חיהשן לעבן, אליין זיך אנגעשטעקט מיטן זעלבן נערוועזן פיבער, און מיר האט זיך אפילו געדאכט, אז אויך ער אליין ברומט אזוי ליידנשאפטלעך מיט זיין גאנצן אינערלעכן וועזן, אפענטפערנדיק אויף דעם פערדישן הירזשען. ער האט זעלבסט־פארגעסן געגלעט די פערלמוטערנע פעל פון דעם פערשעראן, ארומגעפירט די האנט צווישן זיינע פיס און איבער דעם בויך. זיינע נאזלעכער האבן זיך אנגעבלאזן, און ס׳פנים האט שיכור גע־שמייכלט. דאס איז געווען שוין גאר אן אנדערער שמייכל — נישט יענער, אויגנבליקלעכער, שוימענדיקער שמייכל פון מענטשלעכער פריינטשאפט.

— הערלעכער מייגער! ... באהאטיר דו! ... חוצפהניק, טייוול! ... ווען וועט מיר שוין געלונגען דיך צו דיסציפלינירן?... עס וואלט שוין צייט געווען פאר דיר א ביסל שכל צו האבן, הול־טיי איינער... נו, נו, שטיף נישט! „באטראק"!

דאס איז דער בארימטער „באטראק", וואס איז געקויפט געווארן אויפן בעסטן זאוואד פאר פערד־צוכט, ווי א ריינראסיקער פראדוצענט. דאס איז — דער שטאלץ פון אונזער קאמונע. א פלא־מענדיקער ריז, ווי א לעבעדיקע מאנומענטאלע סקולפטור.

וויטעראוו איז אומגערן ארויסגעגאנגען פון דער קאבינקע, נישט אפרייסנדיק די אויגן פון „באטראקן". דאס פערד האט אויך אים ליבלעך באגלייט מיט פייערדיקע אויגן, געצוקט מיט די שארף־אנגעשפיצטע אויערן און, סאמעט־ווייך, גליקלעך געהירזשעט, ווי עס וואלט געלאכט.

— איך קאן מיך פשוט נישט אפרייסן פון אים. סארא הער־לעכער!... אין די נעכט גיי איך צו אים, צו דעם אויסוואורף...

און דער פערשעראן האט אויך צו אים אויסגעדרייט דעם באגריוועטן האלז, געבלאזן מיט די נאזלעכער, גערופן אים מיט דעם קלאפן פון דער קאפיטע און לאכנדיקן הירזשען.

ערגעץ דארט אין דער טיף פון דער שטאל האט זיך גע־הערט דאס קול פון שטאלמייסטער:

— שטיי איין... נבלה דו!

מיר זענען געגאַנגען איבערן קאָרידאָר פאַרביי די קאַבינעטן. די פערד האָבן אומרויק אויפגעציטערט, זיך אויפגערעגט, טויב געהירזשעט, און זייערע מאַכטיקע הינטנס האָבן זיך געוויגט און פינקלדיק געגלאַנצט. זיי זענען געווען אַ סך, דידאָזיקע קאַבינקעס, הייטערע, אומרויקע, איבערפולטע מיט צאַפלדיקן לעבן. אָבער וויטעראָוו האָט בלויז נייגיריק און ליבלעך געגלעט דידאָזיקע פלאַמענדיקע לענדן מיט זיינע שיכורע אויגן.

דער שטאַלמייסטער קאַרפוכאַ, אינגאַנצן אַ רויטער, מיט אַ פעסטן ברוסטקאַסטן און מעכטיקע אַקסלען, איז געגאַנגען אַקעגן אונז מיט אַ שווערן טריט, און זיינע פאַרזשמורעטע אויגן האָבן כיטרע געשמייכלט. דאָסדאָזיקע שטומע לאַכן זיינס האָט באַדעקט מיט קנייטשן זיין פאַר דער צייט געעלטערט פנים, ווי דאָס פנים פון אַ סריס.

איך האָב מיך נישט געקאָנט איינהאַלטן פון שמייכלען: אין אים איז געווען עפעס אַזוינס, וואָס האָט אים ענלעך געמאַכט צו אַ פערשעראָן. צי עסט ער נישט אַמאָל קיין האָבער צוזאַמען מיט זיי?

— „מאַיקאָ" לאָזט נישט צורו דעמדאָזיקן טייוול, „באַטראַקן". זי ציט אים ווי אַ מאַגנעט. און ס'איז קיין חידוש נישט!... ממש ווי אַ מויד... דאָ כיכיקעט זי, דאָ פייפט זי... „לאָמיך אים אַ רייץ טון, אָט דעם הולטיי"... און ער קריכט אויף די גלייכע ווענט, אַרבעט פאַר דער מיתה, קאָן אויף קיין אָרט נישט איינשטיין... היינט האָט ער די גאַנצע פערדישע קאָמאַנדע אויפגערודערט... אַ געקלאַפעריי, אַ געוואָיעריי, אַ בונטעווען זיך — מען האָט זיי קוים איינגעשטילט. און אַלץ איבער איר, דער פאַרפירערקע...

— האָט מען געדאַרפט צולאָזן דעם לאַשאַק צו איר... איי, מענטשן!...

— בלויז מיט דעם טאַקע האָט מען זי איינגעשטילט.

— וואָס־זשע האָט דאָ צו טון איר פאַרפירערישקייט? דער לאַשאַק איז איר נייטיק געווען, נישט קיין אַנדער.

— נו, אַנדריושאַ! דו רעד מיר נישט... איך קען איר ווייבערישע טבע — זי וועט יעדן משוגע מאַכן... אזא קאַפּריזן כאַראַקטער האָט דאָס שוין... אַן אמתע מכשפה, אַ בהלה אויף איר!...

— פאַראָרדן, קאַרפּוכאַ, גלייך צו שיקן נאָכן וועטערינאַר (וויעטראָווס שטימע איז געוואָרן באַלעבאַטישמעסיק שטרענג און באַפעלעריש). ער האָט ווידער דורכגעלאָזט זיין וויזיט, לויט דער רייע. איך וועל אים שוין דערלאַנגען, ווי עס געהער צו זיין.

— יאָ, יאָ, אַנדריי סעמיאָניטש! ווי לאַנג איז דער שיעור זיך צו צערעמאָניען מיט אים? וואָס פאַרשטייט ער וועגן פערד? איך אַליין, דעם אמת זאָגנדיק, בין שוין אַ גרעסערער ידען אין די זאַכן... וואָס פאַר אַ מחותן איז ער מיט פערד...

— נו, געבוג צו טענהן, דו — ביכט אַ ניאַניע פאַר די פערד, און נישט קיין דאָקטאָר. טו, וואָס מען הייסט דיך.

קאַרפּוכאַ האָט שאָדנפריידיק געכיכעט מיט צונויפגעזשמורע־טע אייגעלעך און געשנייצט די נאָז פון פאַרגעניגן.

— עס איז דאָך באמת פון געלעכטער צו פּלאַצן, וואָס פאַראַ העלד דאָס איז... ווי אַ גראָ מייזעלע ווערט ער דאָך פאַר שרעק: ער האָט דאָך מורא אפילו צוצוגיין... מיט אַ פינגער אַ שטאָלפּער צו טון...

וויעטראָוו האָט שוין נישט אויסגעהערט קאַרפּוכען, און זיין פאַרזאָרגטער בליק האָט אים אויסגעמיטן.

— נאָך מיטאָג וועלן דאָ קומען טשעסליאַרעס. מען דאַרף די זשלויבן איבערמאַכן.

און ער האָט אַ שמייכל געטון, צופרידן פון זיין נייעם פּלאַן.

— מיר פירן איין פאַרפאָלקאָמענונגען. אין אונזער זשורנאַל איז באַשריבן אַן אויסגעצייכנטע דערפינדונג פון אַ נייעם טיפּ זשלויבן, איך אַליין פון זיך האָב אויך עפּעס צוגעגעבן. כאַפּ דיך אַריין, האַליאַ איוואַנאָוונאַ, — וועסט פשוט מויל און אויערן עפּע־נען פון פאַרוואונדערונג... וואָס איז דער חילוק?... יאָ! קאַרפּוכאַ!

ווען דער פּאַשע און דער נייער קאָמבינאַציע פון פיטערונג... דו האָסט דורכגעפירט, וואָס איך האָב געהייסן?

קאַרפּוכאַ איז אומעטיק געוואָרן.

עס איז קענטיק געווען, אַז ער האַלט נישט פון וויעטראָווס נייע איינפירונגען, נאָר גיט זיך אים באין ברירה אונטער.

— דורכגעפירט. ווי אַזוי האָב איך געקאָנט נישט דורכפירן, ווען איר האָט פאַראָרדנט? אָבער, דעם אמת זאָגנדיק, אַנדריי סעמיאָניטש... פאַלט אַלץ פון די הענט... איך — בין צוואַנציק יאָר ביי פערד... און די אַלע אַנטימאָנס — דאָס איז בלויז אַ פּלאָג פאַר דער חיה... אַ פערד — איז אַ נאַטירלעך באַשעפעניש, עס האָט ליב איינפאַכקייט... דו פרעג מיך...

וויעטראָוו האָט צונויפגעצויגן די ברעמען, און דער קאַלטער, אָפּגלאַנץ אין זיינע אויגן איז געוואָרן שאַרף און שפּאַטיש.

— נו, קאַרפּוכאַ, דו ביסט פּונקט אַזאַ עקספּערט, ווי אונזע־רע ווייבער בנוגע קינדער־דערציונג. וואָס איז דער חילוק? ווען מיר זאָלן פאָלגן די ווייבער, וואָלטן מיר שוין לאַנג די קאָמונע צעפירט... אַ שטאַלמייסטער אַ גוטער ביסטו, האָרכן דיך וועלן מיר, אָבער... טו פונדעסטוועגן אַזוי, ווי די פאָרשריפטן הייסן דיך.

וויעטראָוו איז צוגעגאַנגען צו דער „מאַיקאַ“, מיטן הויך־פּיסיקן לאַשאַק פון קאָוע־קאָליר ביי דער זייט. דער לאַשאַק האָט זיך געריבן אָן איר אַטלעסענער פעל, געקלאַפּט איר מיטן קעפל אונטערן בויך, אויפגעציטערט, געפּאַכט מיטן געקרייזטן ווידעלע, שרעקעוודיק זיך איינגעהערט, אויסגעדרייט דעם האַלז און געקוקט מיט נאַאיווע, קאָמישע אויגן אין אונזער זייט אַריין. ער איז געווען אינגאַנצן אַ סאַמעטענער און איידעלער. „מאַיקאַ“, אַ שלאַנקע, אַ געטאָקטע, אַ פינקלדיקע, מיט אַ הערלעכער, סובטעל־געצייכנטער פיגור, האָט געקוקט אויף אונז שטאָלץ און שטרענג. זי איז געווען אומצוטריט־לעך אין איר שיינקייט. און ווען וויעטראָוו האָט זיך געדרייט אַרום איר און זי צערטלעך געגלעט איבערן טאָרס, איבער די זייטן,

איבערן האַלז און קאָפּ, האָט זי ווידערווילליק אויפגעציטערט, זיך דערגערווירט, אומגעדולדיק אַרויסגעדרייט פון זיינע הענט.

— אָט סאַראַ קאַפּריזניצע דאָס איז!.. — האָט קאַרפּוכאַ התפעלותדיק זיך געקרומט. — ממש אַ דאַמע — ס׳איז איר מיט גאָרנישט צוצוטרעפן... אַלע זענען ביי איר נישטן, כאַמעס, בלויז זי אַליין איז שיין און וואויל. נו, אדרבה, זאָג אַליין, — האָט ער עקשנותדיק געזשמורעט אויף מיר זיינע פאַרחידושטע אויגן: — עס איז דאָך נישט מער ווי אַ קליאַטש... אַ חיה... און קען זיך אַליין אַזוי גוט — פילט די אייגענע שיינקייט און יחוס... אָט, מיידן, אַוואָסערע איר זענט!...

איך האָב מיך נישט געקאָנט איינהאַלטן פון לאַכן.

— ווי קומען דאָ אַהער מיידן, קאַרפּוכאַ? לויט דיין מיינונג וואָלט מען אפשר געדאַרפט אויך אַלע מיידן אין קאַבינקעס אַריינשטעלן...

— איין טייוול, האַליאַ איוואַנאָוונאַ... די זעלבע קאַפּריזניצעס און אונטערפירערינס... איין גזע.

— ווי-זשע שעמסטו דיך נישט, קאַרפּ, צו רעדן אַזעלכע נאַרישקייטן?... דו ביסט דאָך עפּעס אַ קאָמונאַר.

— דאָס רעד איך דאָך בלויז פון ליבשאַפט אַזוי... צי וואָלט איך טאַקע, אַזוי צו זאָגן, דערלויבט אָנצוטון דיר אַ ציימל און אַריינשטעלן דיך אויפן אָרט פון דערדאָזיקער קליאַטשע?... ווען איך זאָל אַזוי ליב האָבן מענטשן ווי פערד, וואָלט דאָך גאָרנישט געווען צו באַצאָלן פאַר מיר.

און מיך האָבן אין דעם מאָמענט געפייניקט באַליידיקונג און קנאה. אָט זאָרגט וויעטראָוו פאַר די חיות מיט אַזוי פיל איבערגעגעבנקייט און ליבשאַפט, און וועגן די קינדער, וועגן די קינדער-אינסטיטוציעס, האָט ער נאָך מיט מיר נישט גערעדט קיין איין מאָל. דידאָזיקע פויערישע ליידנשאַפט צו פערד האָט מיך באַליידיקט: אים זענען די פערד — טייערער, ווי די קינדער.

פון דער פערד-שטאַל זענען מיר אַריינגעגאַנגען גלייך אין דער קי-שטאַל. די זעלבע קאַבינקעס, נאָר ברייטערע, און אויסגעבעטע

מיט ווייך שטרוי. איך האָב ליב דידאָזיקע שווייגנדיקע, אין פאַרטראַכטקייט פאַרזונקענע, וועלט פון בהמות. דאָ שמעקט מיט מילך און זיסלעכן ריח פון זאַנגען. דידאָזיקע געלע, פליושענע קי, מיט די ריזיקע בייכער, מיט די טרויעריקע אויגן, מיט די שווערע ראָזאָווע אייטערס, ווי לאָגלען, וואָס צעשפּרייטן די הינטערשטע ביינער פיס, מיט די ציצקעס, ווי גראָבע פינגער, — דידאָזיקע ראַסאָווע קי אונזערע, רופן אַרויס אַ וואַרים געפיל ביי מיר, — איך שפּיר צו זיי אַ מין פיזישע צערטלעכקייט. דאָס איז אַ וועלט פון מאַמעס, אַ וועלט פון פריידיקן זויגן, פון ליבשאַפט צו די ניי-געבוירענע. עס זעט אויס, ווי דידאָזיקע אונטערטעניקע, מיט מוטערשאַפט באַלעסטיקטע באַשעפענישן, לעבן בלויז צוליב זייער בויך, צוליב זייערע אייטערס, און דאָס גאַנצע שווערע לעבן זייערס באַשטייט נאָר אין לעקן די, ווי זיי אַליין, פליושענע קעלבער, מיט די טעמפּע, גאַווערנדיקע מאָרדעס. די קי האָבן זיך געפונען אין איין זייט, די קעלבער — אין דער צווייטער, — צו צוויי, צו דריי, צו פיר. די מאַמעס און די קעלבער האָבן געמעלה-גירהט.

„דידאָזיקע נאַרישע זויגערס — געפינען זיך דאָ אויך אַזוי ווי אין אַ קינדער-היים", האָב איך געטראַכט, און מיר האָט זיך פאַרגלוסט צו גלעטן זיי איבער דער וואַרימער פעל פון מעש-קאָליר. מיר איז אויך איבער עפּעס אַ ביסל טרויעריק געוואָרן, און טיף אין מיר האָב איך דערפילט אַ זאַנפטע שטילקייט. וויעטראָוו האָט שטיל גערעדט מיט צוויי אַרבעטער — מיט אַ האַרט-האָריקן, מילד-שמייכלענדיקן אַלטיטשקן, און יונגן חברהמאַן, וואָס האָט אַלע ווײַלע זיך געכאַפּט צום היטל און אַ הויב געטון די הויזן.

זיי זענען אַריינגעגאַנגען אין דער טיר, רעכטס — פון דאָרטן האָט זיך געהערט אַ שנאָרכענדיק קרעכצן פון חזירים און שאַרף געקוויטשעריי פון יונגע חזירימלעך. מיר איז אַ שאָד געווען אַרויסצוגיין פון דעם אָרט, וואו עס הערשט אַזאַ מוטערלעך שווייגן, — איך בין צוריסגעגאַנגען פּאַמעלעך, מיט אַ שטילן ווייי אין האַרץ. פאַרוואָס הערשט תמיד אַפילו ביי די חיות-מאַמעס — אַזאַ שטילקייט, און די לופט אָטעמט מיט סודותפולן טרויער.

אַ שאַרפער ריח פון מושקאַט האָט מיר אַ שלאָג געטון אין דער נאָז אַריין. ער האָט מיך אָפּגעשטויסן צוריק, און איך האָב מיך גלייך דערמאָנט, אַז איך דאַרף גיין אַהיים – צו מיינע קינדערלעך. דאָרט וואַרט מען שוין מסתמא אויף מיר. מען דאַרף אָנהייבן די געוויינ־לעכע שפּילערייען און קינדער־גאָרטן.

אויך אין דער חזיר־שטאַל האָט געהערשט די זעלבע רחבות און צעזייטע שטאָלערנע ליכטיקייט. דער קאָרידאָר האָט געשימערט מיט ווערטיקאַלע ליניעס : גראָ־געפאַרבטע סלופּעס, ווי זיילן, דורכ־געפלאָכטן מיט אייזערנע קראַטן אין דער פאָרם פון אַ פּאַרצוימונג. אין איין זייט זענען געלעגן די חזירים, די ערן, אין דער צווייטער – די מאַטשאָרעס מיט גאַנצע חברותות יונגע רירעוודיקע חזירימלעך, וואָס זייערע האָר האָבן געגלאַנצט ווי זילבער. און ווידער האָט ביז קאָפּ־שווינדל מיר אַ זעץ געטון דאָס בלוט אין פּנים אַריין. וויעטראָוו – איז אַליין אַ בהמה, אויב ער איז פּעיק זיך צו קוויקן מיט חזירים. די קינדער שטיקן זיך אין קליינע צי־מערלעך, מיט קלייניקע פענסטערלעך. עס איז נישטאָ, נישט קיין באַקוועם מעבל, נישט קיין גרינס, נישט קיין זאַפּאַס פון וועש. די בלעכערנע וואַנעס – קנאַקן, ווי זיי וואָלטן געדונערט – בייגן זיך, שניידן איין די הענט. זיי שטייען לענגאויס דער וואַנט פון קינ־דער־צימער, און עס טראָגט זיך פון זיי אַ ריח פון זשאַווער. צווישן די בעטלעך איז שווער דורכצוגיין : זיי זענען צונויפגע־שטעלט אין אַ קופּע, און מען מוז זיי אַלע מאָל פונאַנדעררוקן און באַאומרויקן דערמיט די קינדער. דידאָזיקע אייזערנע קעסטלעך, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אין אונזערע וואַרשטאַטן, פּייפן, קנאַקן, גראַטשען. עס איז נישט מעגלעך שוין אויסצוהאַלטן. און דאָ – ווערט פאַר אַלעם געזאָרגט מיט ליבשאַפט, עס ווערן גע־מאַכט פאַרפאָלקאָמונגען, ער קומט טאָג־טעגלעך אויף באַזוכן. ער באַטראַכט, ווי אַ דאָקטאָר, שטרענג און אויפמערקזאַם, יעדע אָפּ־צוימונג, וואו עס ליגן, פאַרשמאַכטע פון היץ, ווי שווער אָנגעגאָ־סענע זעק, די שנאָרכנדיקע פאַרזעענישן, קרעכצן פאַר תענוג און זייערע בייכער וויגן זיך, ווי גאַלערטע.

— הער, וויעטראָוו. דאָס איז — אַ געמיינהייט פון דיין זייט...

— וואָס איז? האַ?

— דאָס איז העסלעך, וויעטראָוו. די חזירים אין פאַרגלייך מיט די קינדער... אַזאַ ליבשאַפט צו דידאָזיקע שמוציקע באַשעפעניש און אַזאַ נאַכלעסיקע באַציונג צו די קינדער! מיר לעבן אין אַ לאָך, מיר שטיקן זיך, און דאָ איז — אַ פּאַלאַץ...

— אַך, דאָס מיינסטו! — האָבן זיינע ברעמען זיך צעשמייכלט מילד און שפּילעוודיק, ווי ער וואָלט געזען אין מיר אַ קינד, וואָס קאַפּריזיוועט. — נו, איך פאַרשטיי!... האַליוכאַ. דו... ביסט אַ וואויל מיידל... אָבער, טייערינקע, עס וואָלט פונדעסטוועגן נישט געשאַדט, דו זאָלסט די נערוון דיינע אַ ביסל באַרויקן. וואָס איז דער חילוק? מיט נערוון וועסטו קיין סאָציאַליזם נישט בויען...

„ווי אַזוי פילט ער נישט, — האָב איך געטראַכט, — אַז איך לייד — לייד נישט פאַר זיך, נאָר פאַרן באַליידיקטן קינד. ווי אַזוי וואַגט ער חוזק צו מאַכן פון מיין ווייטיק?"

— אַ גראָשן, וויעטראָוו, זענען ווערט די אַלע טענות דיינע וועגן דעם נייעם מענטש, וועלכן דו ווילסט דערציען. דו קאָנסט דאָס אַלץ רעדן נאָר וועגן די חזירים און לאָשאַקעס. בלויז מיט אָט די בהמות ווילסטו בויען דאָס נייע לעבן, אָבער דאָס קאָן דאָך טון יעדער קולאַק און פּיפּיק סוחרל. איך קאָן ביי דיר נישט אויסבעטן אפילו קיין צעבראָכענעם דרייער אויף צו קויפן דיזענפעקציעכאַלאַטן, דו ביסט דעם חודש קיין איין מאָל נישט געווען ביי אונזערע קינדער, זיך נישט פאַראינטערעסירט מיט וואָס מיר אָטעמען, אין וואָס מיר נייטיקן זיך... און אָט דידאָזיקע חזירים זענען ביי דיר חשובער, ווי דיינע אייגענע קינדער...

ער האָט מיר נישט איבערגעשלאָגן, געוואַרט געדולדיק, ביז איך וועל אַלץ אַרויסזאָגן, און געקוקט אויף מיר זייטיק, ווי אַן אָקס, מיט ווידערוויליקן באַדויערן. פּלוצלינג האָט ער ליבלעך און ווייך מיך אַ נעם געטון הינטערן אָרעם און זיך צעשמייכלט מיט זיין פריערדיקן שוימענדיקן שמייכל.

— האַליאַ איוואַנאָוונאַ... האַליוכאַ !... וואָס רעדסטו נאַרישקייטן ? וואָס איז דער חילוק ?

איך האָב אויסגעריסן די האַנט פון אים, אָבער שוין נישט געקאָנט רעדן : מיין גאַנצער כעס איז ערגעץ-וואו פאַרשוואונדן. וויעטראָוו האָט זיך געוויגט, געציטערט, אָנגענומען אַ מאָדנע געשטאַלט פון אַ פאַרזעעניש אין מיינע אויגן. אָבער ווען ער האָט מיך ווידער מיט ברוטאַלער צערטלעכקייט אַ נעם געטון הינטערן אָרעם, האָב איך מיך שוין נישט אַקעגנגעשטעלט און מיט אַ ביטער געפיל פון אונטערטעניקייט, זיך אים אונטערגעגעבן.

— אָבער וואַרט נאַר-צו, דו האַליוכאַ... וואָס איז דער חילוק ? וועסט נאָך באַווייזן זיך אָפצורעכענען מיט מיר... אויסטערליש מיידל דו ! מיר וועלן אַלץ רעגולירן... דו גיב בעסער אַ קוק אויף אָט די שדימלעך. וואָס גאַר אַ קאָמיש חברותהלע דאָס איז, האַ ?...

די רירעוודיקע קופּע הזירימלעך האָט, וואָרטשענדיק און קוויטשענדיק, ווי ווייך טייג, זיך גערוקט הינטערווייַלעכטס אין די גאָלדענע כוואַליעס פון שטרוי. דערנאָך זענען אַלע מיטאַמאָל אַזוי ווי פאַרגליווערט געוואָרן און באַלד ווידער זייטיק זיך אַ וואָרף געטון צו דעם ווייכן, ראָזאָווען שטיק פעטס, ענלעכן צו אַ געדיכטער ראָשטשינע. וואָס איז נאָר-וואָס אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון אַ ריזיקער דייזשע. דאָס שטיק פעטס איז געלעגן אומבאַוועגלעך, איינגעגראָבן מיט דער מאָרדע אין שטרוי, און געוואָרטשעט, און זיך פייל געפּיעשטשעט פון שווערער פעטלייביקייט. דער גרויסער אייטער האָט זיך געוויגט, און די אָנגעקוואָלענע ציצקעס האָבן, ווי הענגלען וויינטרויבן, אַראָפּגעשווערט אין שטרוי אַריין, הייסע און אָנגעגאָסענע מיט מילך. די חזירימלעך האָבן פלוצלינג מיטאַמאָל זיך אַ הייב-געטון און אויסגעדרייט מיט די פאַרריסענע מאָרדעלעך צו אונז. די פלאַכע רעדלעך פון זייערע פיסקעס, ראָזיקע און גיריקע, האָבן פיבערהאַפט געציטערט און דייטלעך זיך געצייכנט אויפן זילבערדיקן פאָן פון די אויפגעשטעלטע האָר. זיי האָבן אויסגעזען, ווי אַ קופּע לעבעדיקע, מיט צוקער באַשיטע זעמעלעך, ענג צונויפגעדריקטע און צוזאַמענגע-

וואַקסענע מיט די זייטן. זייערע אייגלעך, אונטער די גרויע ברע־מען, האָבן נאַריש געמרוגעט און קאָמיש־אויפגערעגט אונז גע־דראָט מיט זייער וואַכזאַמער, אַנגעשטרענגטער נייגיריקייט. צוויי פּאָר פון זיי האָבן פּלוצלינג זיך אָפּגעריסן פון דער אַלגעמיינער טשאַטע און אָן אַ סיבה זיך אָנגעהויבן דרייען אויף איין אָרט מיט דער פּאַרביסנקייט פון ווילדע חיהלעך: ביידע האָבן זיך געריבן מיט די זייטן איינס אָן אַנדערן און זיך געשלאָגן מיט די מאָרדע־לעך איבער די הינטער־חלקים. איך האָב מיך אָנגעכאַפּט אָן דער פאַרצוימונג און געלאַכט — איך האָב נישט געקאָנט נישט לאַכן, די ברוסט האָט זיך אַליין געטרייסלט פון געלעכטער. וויעטראָוו האָט זיך אַראָפּגעזעצט, דורכגעשטעקט די האַנט דורך דער פּאַר־צוימונג און גענומען קנאַקן מיט דער צונג. די חזירימלעך האָבן ווידער מיט אַ געקוויטשעריי זיך אַ וואָרף געטון צו דער מוטער און מיטאַמאָל אַרויפגעפאַלן אויף איר ווייכן בויך. זיי האָבן אַלע באַלד זיך איינגעגראָבן מיט די פּיסקעס אין איר אייטער און גע־גומען צמאָקען מיט קינדערישער גיריקייט. דאָס חזיר האָט זיך אַ וויג געטון, אויסגעלייגט נאָך ברייטער און אָנגעהויבן קרעכצן שטיל, זיס־פאַרשמאַכט, מיט פּיעשטשענדיקער ליבשאַפט.

לעבן. אייביקע, אומשטערבלעכע, מיט הייסער ליבע איבער־פולטע און נאָך פּרוכפּערונג גאַרנדיקע מוטערשאַפט. מיין האַרץ איז פאַרפלייצט געוואָרן פון אַ וואַרים רחמנות־געפיל צו אָט די נאַאיווע, קאָמישע ברואימלעך. וויעטראָוו האָט געקוקט אויף מיר מיט יינגליש־פריילעכער שטיפערישקייט אין די אויגן און גע־שמייכלט.

— נו, וואָס, האַ? האַליוכאַ דו, האַליוכאַ!... זיך אַ קאָך־געטון, גענומען שוימען, ווי מילך אויפן פייער. און פאַר דעם טאַקע האָב איך דיך ליב — דו קאָנסט אָנצינדן, אויפטרייסלען... און דער קאָפּ הייבט אָן ווי צו טון, און דאָס האַרץ ווערט אומרויִק. נו, וואָס ביסטו אָנגעפאַלן אויף מיר? צי ווייס איך דען נישט, און פיל נישט אַליין? אויסטערליש מיידל דו!...

די אויפרודערונג

איך האָב מיך אַ ביסל געשעמט פאַר מיין צו תאָסטיקן אויפרעגן זיך, און דאָס האַרץ האָט שטיל געקלאַפּט און ווי געטון: דאָס, וואָס איך האָב געפילט צו וויעטראָוון, איז געווען נישט קיין באַליידיקונג פאַר זיין ריינדער ליבשאַפט צו די בהמות, נישט קיין חרטה, נישט קיין מיטלייד אויף אים. אין זיין פּריוואַטן לעבן — איז ער אומגליקלעך, ער זאָרגט נישט פאַר זיך, ער איז אינגאַנצן אָפּגעגעבן דער אַלגעמיינער זאַך. אָבער מיר האָט וויי-געטון נאָך עפּעס: אָט איז ער באַהערשט געוואָרן פון אַ וואַרים געפיל און זיין האַרץ איז גערירט געוואָרן לעבן די חזירמלעך, — פאַרוואָס-זשע איז ער קאַלט און געשעפטסמעסיק, ווען ער קומט אַריין אויף אַ ווײַלע צו די קינדער, פאַרוואָס מיידט ער זיי אויס, אַ שטרענגער און אָנגעברוגזטער, ווי אַ פרעמדער? ער איז גראָב, צוריקגעהאַלטן מיט זיי — אים אינטערעסירן מער די עסקים און פראַגן פון דער ווירטשאַפט: דאָ אָבער ווערט ער אויפגעלעבט, פאַרגעסט אָן אַלע ענינים, ציינדט זיך אָן, און דאָס בלוט פּולסירט האַסטיקער אין זיינע אָדערן. מיר האָט זיך געגלוסט אים אַ גלעט טון איבערן פּנים, זיך צודריקן מיט דער באַק צו זיין האַנט. אָבער אויך באַליידיקן אים האָט זיך מיר געגלוסט, פאַרשאַפן אים ווייטיק, באַשולדיקן אין צביעות, אין קולטורלאָזיקייט און אין נאָך עפּעס.

— דו, אַנדריי סעמיאָניטש, חנפע מיך נישט, בעט איך דיך. — די ווערטער זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן האַרט, אָבער אין זייער טאָן האָט זיך געפילט צערטלעכקייט. — איך זע דיך דורך און דורך. איך וועל דיר די גלייכגילטיקייט צו די מענטשן נישט מוחל זיין: דו לעבסט און אָטעמסט בלויז מיט די בהמות, מיט דיין באַלעבאַטעווען, אין אָט דעם קרייז — ביסטו אַ פּאָעט. אָבער וואָס ווייסטו וועגן די ליידן פון די מענטשן?... באַזונדערס פון די קינדער, ווייל די קינדער — אָט דאָס „אייגנטום פון דער קאָמונע", ווי דו האָסט דיך ליב אויסצודריקן... די קינדער זענען באַרויבט פון אונזער ליבשאַפט און וואַכזאַמקייט... נישט בלויז די מענטשן, וואָס

בויען צוזאַמען מיט דיר דאָס נייע לעבן — פילסטו נישט, נאָר דו פילסט אויך נישט זיך אַליין, דו ביסט לגבי זיך אַליין נישט אין אָרדנונג — דיין לעבן איז שרעקלעך אומגעלומפּערט, און עס טראָגט זיך דערפון אַ שלעכטער ריח פון פאַרדומפּנקייט. אויב פאַר איין זאַך שעץ איך דיך, מוז איך דיך פאַר דער צווייטער האַסן. גלייב מיר, אַז מען וואָלט נאָך דיך אַליין געדאַרפט אַריינזעצן אין אַ קינדער-גאָרטן און דערציען, לויט אַלע כללים פון פּעדאַגאָגיק. פונקט. איך וויל דאָ מער נישט בלייבן — גענוג פאַר מיר.

ער האָט געשוויגן, אַזוי ווי געוואַרט, וואָס איך וועל נאָך זאָגן. די קנייטשן אויף זיינע באַקן זענען געוואָרן האַרט, האָבן זיך איינגעשניטן טיפער און שאַרפער. ער האָט זיך איינגעהויקערט, זיך איינגעטוליעט אין פּאַלטן, ווי עס וואָלט אים קאַלט געוואָרן: מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט אפילו געוואָלט אויפשטעלן דעם קאָלנער. ווידער האָט ער מיט זיין געוויינלעכער טיפער פאַרזאָרגטקייט זיך גענומען קוקן אויף די פיס, אָבער איך האָב דערקענט, אַז ער פילט זיך צעמישט און פאַרלוירן.

אַזוי זענען מיר שווייגנדיק און פרעמד דורכגעגאַנגען דעם הויף, ווידער אַרויסגעקומען אויפן נאַסן גראָז און ביידע צוזאַמען שטיין געבליבן, נישט זייענדיק בכוח זיך אָפּצורייסן איינער פון אַנדערן. דער הימל איז געווען טונקל, טריב, קאַלט. אין דער לופט איז געהאָנגען אַ פייכטער נעפּל, און מיינע האָר זענען באַלד שווער געוואָרן. עס האָט געשמעקט מיט זומפּ, מיט בלאָטיקער ערד, מיט זיסלעכער פאַרדומפּנקייט פון פוילנדיקן גראָז. אונטער די פיס איז געווען שליימיק, גליטשיק. דער לאַנגער קאָרפּוס פון מעכאַנישן וואַרשטאַט האָט זיך גערויטלט מאַסיוו מיט זיין ציגל-געמויערטער וואַנט, און די ריזיקע פענסטער האָבן העל און פינקלדיק געשימערט. טויב האָט געהודזשעט דאָס זיפּצן און שאַרפע קלינגען פון מעטאַל. ווי צום ערשטן מאָל האָב איך דערזען איבערן בנין פון דער מיל דעם הויכן, דינעם קוימען, מיט די דראָטן, ווי שטראַלן, וואָס האָבן קאַרוזעלאַרטיק זיך שיף אַראָפּ-

בפלאָוט פון זיין הייך צו די ערד. דער גרינער, געקרייזלטער רויך האָט זיך ווייך אַוועקגעטראָגן צו די פּיאָלעטע, פאַרנעפּלטע ווייטן, צו די זומפּן און בערגלעך אויף יענער זייט טאָל. שאַרף האָבן זיך אַריינגעשטאָכן אין הימל די ווערטיקאַלן פון די הויכע ראַדיאָ-מאַסטן ביים קלוב. און אָט די ווערטיקאַלן, די פלאַכקייט פון די ווענט, די פּאַסמעס רויך — האָבן מיר אומגעקערט מיין גלייכגעוויכט — איך האָב מיך דערפילט רויק, איינפאַך און זי־כער. ניין, איך בין נישט געדעכט לגבי וויעטראָוון: דאָ, אין דער וויסטער העק, וואו דאָס פאָלק גלייבט נאָך אין שדים און לצים, וואָס האַלטן זיך אויף אין די זומפּן, וואו די פויערישע כוטאָרס זיצן נאָך אין געשטאַנק פון אַמאָליקן לעבן פון די אורזיידעס, דאָ פאָרמט זיך די נייע מענטשלעכע אַרבעט אויף גאָר אַן אַנדערן אופן. ניין, איך בין אַ שלעכטע און נאַרישע.

— דו בייזער דיך נישט, אַנדריי סעמיאָניטש. דו פאַרשטיי מיך, טייערער. איך וואָלט דאָך געוואָלט — אַלץ זאָל זיין וואָס בע־סער און שענער.

ער האָט מיך אומגעריכט אַ כאַפּ געטון, אַרומגענומען און אָנגעהויבן טראָגן, ווי אַ קינד אויף די הענט.

און באַלד — אויפגעציטערט פון עפּעס אַ גרויס, אויפטרייט־לענדיק געפיל, וואָס האָט אויפגעפלאַמט אין זיינע אויגן, האָט ער מיך לייכט אָפּגעשטופּט, זיך אויסגעדרייט, און מיט האַסטיקע טריט גענומען גיין צום וואָרשטאַט, מיט די העל-צעפינקלטע פענסטער.

פנים אל פנים האָט זיך באַגעגנט מיט מיר לושאַ. ווי תמיד — איז איר פיגור גראַציעז, און די אויגן — יונגפרוילעכע, תמימותדיקע, — זענען פאַרצויגן מיט אַ לייכטן טרויער. איר שטערן איז בולט, ווי ביי אַ קינד, און די ליפּן — זאַפטיקע, אומ־רויקע, דורשטיקע, — זענען כסדר גרייט צו קושן זיך. איר גאַנ־צער קערפּער האָט געאָטעמט מיט געזונטער קרעפטיקייט. אירע האָר זענען פרעכטיקע, געדיכטע. די לאַנגע צעפּ, צונויפגעדרייט אין אַ ראָליק, זענען געלעגן הויך איבערן נאַקן, און דאָס ווייסע

טיכל, אין דער פאָרם פון אַ קאָקאָשניק, האָט זיך שיין פאַרהויבן איבערן קאָפּ, און מיטן שפּיץ, ווי מיט אַ פליגל פון אַ מעווע, אומרויִק אַרומגעפלאַטערט איבערן שיפן אויסבויג פון רוקן. דאָס איז גוליאַקעס, דעם סעקרעטאַרס ווייב פון דער קאָמונע.

— אין וואַרשטאַט אַריין גיי איך, שוועסטערל. זיי שלאָפן אַלץ אָפּ, די בעלי-מלאכות, מיטן מעבל פאַרן עסצימער... באַקוועמ־לעכקייט גיב זיי... און וועגן עסצימער וועט זיך קיינער נישט דער־מאָנען. אַך, האַליוכאַ, דאָס לעבן ווערט דאָך אונז געגעבן נאָר איין מאָל... נישט אומזיסט צעבליִען זיך דאָך די בלומען אין פרילינג...

אירע ווייסע ציין האָבן געפינקלט. איך האָב מיך נישט גע־וואונדערט, וואָס זי האָט מיר ווייך און גיריק אַ קוש געטון. די אויגן, קלוגע, ליידנשאַפטלעכע, האָבן מיך געגלעט און אָפּגעגאָסן מיט ווייבערישער לעבנס-פריידיקייט.

— דו שפּיי אויף אַלע, גאָלדן האַרץ מיינס... נו, זאָלן זיי זען, זאָלן זיי בילן... און אַז מיר וועט זיך פאַרגלוסטן — וועל איך אויך מיט דער גאַנצער ברייטקייט פון דער נשמה אַ לעב טון. אָט מאַך איך אַלץ פאַפירענע בלומען פאַרן עסצימער... איך בין אַ קענערין אין דער אַרבעט! איך האָב זייער ליב בלומען צו מאַכן!... מיין גוליאַקען... האָסט דאָך, אוודאי, געהערט?... שיקט מען אַוועק זיך לערנען... אויף עפּעס קורסן אַזעלכע... אַ נאַר בין איך, האַליעטשקע, ליבע... איין זאַך פייניקט מיך — איך האָב קיין קינד נישט... אַך, שוועסטערל, אויף אַלץ וואָלט איך געגאַנגען, אַבי כאָטש איין מאָל אַ קינד צו געבוירן... טיילמאָל מאַכט זיך — איך וואָלט אים דערשטיקט, דעם גוליאַקען מיינעם... פון דער נשמה קריכט ער מיר... קוקן קאָן איך נישט אויף אים.

איך האָב געפילט, ווי דאָס בלוט קומט מיר אין פּנים אַריין. עס איז מיר געוועזן אַ ווייטיק און אַ בושה, ווי מען וואָלט מיך געכאַפּט ביי אַ גנבה. לושאַ האָט געזען, ווי וויעטראָוו האָט מיך געטראָגן, אָבער איך האָב נישט באַמערקט אין אירע אויגן יענץ שאָדנפריידיקע שמייכעלע פון אַ רכילותניצע. און דאָך איז מיר

געוועז שרעקלעך. די ווייבער וועלן זיך שלייפן די צונגען און שושקען אין די בין-השמשותן אין דיווינקעלעך. איך האָב, אַ צעמישטע און פארלוירענע, זיך געקלאַמערט אָן איר פאַלטן, זי אָנגעכאַפּט ביי די הענט, ביים קאַפּטל איבער דער ברוסט.

— דו האָסט געזען, לושאַ? דאָס איז געשען אומגעריכט... עס איז קיינמאָל נישט געוועז פון זיין זייט אפילו קיין אָנדייטונג... און עס איז נישטאָ... און וועט נישט זיין... איך וויל דאָס נישט... און איך פיל אויך צו אים גאָרנישט, אַ חוץ חברישער פריינטשאַפט.

איר זאַפטיקע שטימע, אַ מעלאָדישע און באַטעמטע, האָט געאָטעמט מיט הארציקייט און אַ מין אינערלעכע קלוגשאַפט פון בעזונטער יוגנטלעכקייט.

— וואָס פאַלט דיר איין, שוועסטערל... מיט רכילות פאַרנעמען זיך בלויז ווייבער, וואָס זענען מקנא. דאָרט, וואו קנאה — דאָרט איז אויך רכילות. אָבער וואָס פעלט מיר? איך בין, אַי שיין, אַי געזונט, אַי פריילעך... בלויז איין זאַך, זעסטו!... איך האָב דאָך אים, דאַכט זיך, ליב, מיין פיעטקען... אַ מאַנספּאַרשוין, ווער מיר גוטס גינט... און דאָך... ווען עס זאָל זיך מיר עמעצער אונטעררוקן, וואָלט איך אפילו קיין קלער נישט געטון.

— וואָס רעדסטו, לושאַ?... וואָס טוט זיך מיט דיר! ווי אַזוי איז דאָס ביי דיר עפּעס — אַזוי פראָסט

— וואָס-זשע דען? איך זע נישט קיין חטא אין דעם; זאָל איך אפשר קיינמאָל נישט האָבן קיין קינד?... פאַרשטייט זיך, אַז אויף אַ גוטן אופן, אָן די אַלע מיאוסקייטן...

און פּלוצלינג האָט זי זיך דערשראָקן.

— נייך, איך זאָג ליגנט, מיידעלע... מיר, ווייבער, האָבן ליב צו קאָקעטירן... דאָס איז שלעכט... אָבער איך קאָן נישט, איך קאָן נישט לעבן אַזוי, אָן דער האָפנונג — אַ קינד צו האָבן...

זי האָט זיך צוגעדריקט צו מיין האַנט, און אירע ציין האָבן ווידער אַ פינקל-געטון. מיין האַרץ איז פול געוואָרן מיט צערטלעכקייט צו איר, און איך האָב אַרומגעכאַפּט איר האַלז.

— גוטע לושאַ, מיינע !... אפשר ביסטו טאַקע גערעכט... איך פאַרשטיי נאָך גאָרנישט אין די זאַכן...

ביי איר איז תּמיד אַזוי : אָן רירנדער צערטלעכקייט קאָן זי אפילו קיין טריט נישט שטעלן.

— אָך דו, האַליוכאַ מיינע, האָב ליב... האָב ליב און האָב ליב... דאָס לעבן איז דאָך אַזוי שיין און פריידיק !... פרעג דאָס אייגענע האַרץ דיינס, וועט עס דיר זאָגן... קום אַמאָל אַריין צו מיר, שוועסטערל... וועסט זען וואָס פאַר אַ בלומען איך האָב !...„

זי איז אַוועקגעגאַנגען פון מיר מיט האַסטיקע טריט, וויגנדיק זיך אין דער טאַליע, און אפילו די גראָבע פאַלדן פון איר וואַטענעם פאַלטן האָבן נישט געקאָנט פאַרשטעלן די געזונטע שיינקייט פון איר קערפּער.

דאָס אָנטשעפעניש

וויעטראָווס ווייב איז געשטאַנען אויפן וועג קעגנאיבער דער מילך-ווירטשאַפט, מיט די הענט אונטערן פאַרטוך, און איינגעטענהט מיט די לאָדענער. זי איז אַרויסגעקומען לייכט-אָנגעטון — שטובמעסיק — אין אַ שמוציק קאָפּטנדל, מיט אַ ריס אויפן אַקסל, אָבער אין וואַרימע וואָלענע זאָקן און אויסגעטרעטענע גומענע קאַלאָשן. אַ הויכע, אַ קנאָכיקע, האָט זי אַרויסגעשטופּט דעם בויך פאַר זיך, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ און זיך צעשריגן מיט דער פאַרביסנקייט פון אַ מענטש, וואָס איז שטאַרק פאַרביטערט. איר פּנים איז געווען אַ ברייטס, אַ דאָרפישס, אָבער אַן אויסגעדאַרטס, אַ האַרבסטיקס, מיט שאַרפע באַקנביינער, אַ שפּיציקער גאָמבע און טראָציק-פאַרריסענער נאָז. די אויגן — טיף אין קאָפּ אַריינגערוקט, אָבער די וויעס — בולטע, אָנגעשוואָלענע. זי האָט געוואָרפן אויף מיר זייטיקע בליקן, און ווי נאָר איך האָב מיך צונויפגעטראָפן מיט אָט די בליקן, האָב איך גלייך פאַרשטאַנען, אַז זי לאָקערט אויף מיר. די וויעטראָווע האָט געשריגן מיט אַ שלוקערץ, מיט ספּאַזמאַטישן לאַכן, מיט פּיינלעכער צודרינגלעכקייט, און די קאָמונאַרן האָבן זיך

איבערגעקוקט, געשטשירעט די ציין און איר אָפּגעענטפערט גוט־מוטיק און מיט ליצנות.

— איך ווייס, אַז איר זענט אַנדערש נישט געוואוינט, ווי נאָר די יאַפּעס צו רייסן: „קולאַקעס!"... „באַטראַקעס!"... — זי האָט זיי נאָכגעשפּעט אויף אַן עקלהאַפטן אופן און אַזוי ווי דורכגעשטאָכן מיטן שפּיציקן גאָמבעלע. — קולאַקעס! דאָרפישע פּאַראַבקעס!... מען האָט אייך צונויפגעטריבן, אַלע נאַראָנים, אין איין באַראַק אַריין, און מען שינדט פון אייך די הויט דרייפאַכיק...

אַ בערדיקער קאָמונאַר האָט פריילעך געשטשירעט די ציין פון דער געדיכטער האָריקייט אַרויס.

— דו הייל נישט, מאַטוויעעוונאַ! צווישן די נאַראָנים דאָ, — איז פאַר דיר, דער חכמה, נישט קיין לעבן, נאָר אַ קאַר־נאַוואַל...

— נאַראָנים זענען אומעטום די אייגענע. און דער קלוגער קאָן ביי דעם נאָר צונעמען נאָר דעם האָרב זיינעם.

— דאָס זעט מען טאַקע לויט דיר, פּאָרזיצערין. די נאַראָנים בייגן זיך אונטערן האָרב, און דו האַלטסט אין איין ברויט פרעסן. וואָלסט כאָטש פעט געוואָרן פון דעם פרעסן... וואָרים, אַזוי — האָט מען דאָך פון דיר גאָרנישט. נישט דו ביסט שיין, נישט דו קאָנסט עמעצן פאַרגעניגן פאַרשאַפן...

— פאַר אַזעלכע נאַראָנים, ווי איר זענט, איז גענוג, וואָס מיין מאַן אַרבעט. און איך זאָל מיר גיין פאַר פרעמדע די ביינער ברעכן, און זאָל דערפון גאָרנישט האָבן — אַזאַ נאַר בין איך נאָך נישט. איך האָב נאָך ביי מיין טאַטן אינדערהיים געלעבט, ווי אַן אייגענע באַלעבאָסטע...

— אָבער דאָס ברויט, דאָס ברוי... וואָס דו פרעסט — ווע־מענס איז? מאַטוויעעוונאַ, ווער עס אַרבעט נישט — דער עסט נישט. און דו ביסט, ווי אַן אמתער פאַראַזיט: אַי דו פרעסט, אַי דו שפּייסט אין פּנים אַריין.

— איך — בין אַ פרוי פון אַ מאַן, און מיין מאַן איז מחויב מיך צו דערנערן מיט די קינדער. ווען איך האָב געהאַט אַן אייגענע

נעסט, האָט מיך קיינער נישט באַשריגן צוליב דעם שטיקל ברויט, און אַצינד בין איך יעדן אַ דאָרן אין אויג. אַ קללה זאָל קומען אויף אייך מיט אייער קאָמונע צוזאַמען! עס זאָל פון איר קיין שריד ופליט נישט בלייבן! מען דאַרף זי אונטערצינדן און פאַרברענען אויף אַש — איר טשאַד זאָל אויף הונדערט וויאָרסט אַרום זיך שפּירן. אי פון דער פאַמיליע האָבן זיי אַ תל געמאַכט, אי די מענטשן גייען אַרום, ווי פאַרסמטע, אי דאָס האַרץ פילט זיך געפאַנגען... נישט אויף אַזאַ לעבן האָב איך מיט אַנדרייצן חתונה געהאַט...

פון ערגעץ-וואו, פון הינטער דער שטויביקער שאָפּע אַפּער, האָט זיך באַוויזן גרישאַניאַ, אונזער בריגאַדיר פון דער לאָדונג, אַ מענטש מיט אַ קליינעם קאָפּ פון אַ רויב-חיה און קערפּער פון אַן אַטלעט. ער איז האַסטיק אָנגעפאַלן אויף וויעטראָווס ווייב און זי פאַרטויבט מיט זיין הודזשענדיקן באַריטאָן:

— בירגערין וויעטראָוואַ! טראָגט אייך אָפּ פון דאַנען צו אַלדי רוחות! איך פאַרווער אייך שטרענג דאָ צו פירן אַגיטאַציע. נעמט די קאַלאָשן הינטערן אָרעם און... איך בעט אייך...

די וויעטראָוואַ האָט מיט פאַראַכטונג געגעבן אַ שטופּ אַרויס דעם בויך קעגן אים, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ און אַרויס מיט אַ ירגזון:

— איך בין נישט דיין נקבה, און — דו ביסט נישט מיין אונטערפירער! ווער ביסטו דאָס פאַר איינער? זיך אַריינגע-קריגן דאָ, דער שלעפּער, וואָס קיינער ווייסט נישט, ווער אין טאַטע איז און וויל נאָך דאָ קאָמאַנדעווען. אַך דו, מאַלפּע איינע!...

די לאָדענער האָבן זיך געקייקלט פון געלעכטער.

— דאָס איז שוין איינמאָל אַ פּיסקאַטע! אַן אמתע יאַש-טשערקע מיט ציין! פון דיין מענה-לשון, מאַטוויעוונאַ, מוזן זיך אָפּט איבערדרייען די קישקעס אין בויך ביי אַנדריי סעמיאָניטשן.

— איך בעט אייך, בירגערין וויעטראָוואַ, גייט אַוועק, דעזאָר-גאַניזירט אונז נישט מיט אייער סקאַנדאַל...

איך בין דורכגעגאַנגען פאַר זיי און מיט אַ שמייכל באַגריסט גרישאַניען. ער האָט פריידיק אַראָפגעכאַפּט די קעפּי פון קאָפּ און זיך העפלעך פאַרנייגט.

— פאַר האַליאַ איוואַנאָוונאַ — כבוד און אַכטונג!

די וויעטראָוואַ האָט זיך געגעבן אַ דריי אויס צו מיר, און איך האָב געמוזט אַראָפלאָזן די אויגן פאַר איר בליק.

— צוליב דיר טאַקע שטיי איך דאָ, טייבעלע מיינס. וואַרט נאָר־צו אַ ווײַלע, וואַרט נאָר, נאַקעטער הינטן דו! לאַנג נאָך וועסטו פרעמדע מענער זיך נאָכשלעפּן? ס'איז דיר ווייניק, וואָס דו נאַרסט זיי אַריין אין די נעכט צו דיר, ווילסטו נאָך אין מיטן העלן טאָג זיי אויפן האַלז זיך אָנהענגען? ניין, דו וואַרט נאָר־צו! אַנטלויף נישט! איך וועל דיר טיי־ווי דאָס פּרצוף פאַר אַלע לייטישע מענטשן פאַרשוואַרצן.

אירע אויסגעשרייען האָבן מיך געשלאָגן אין רוקן, און איך האָב מיך באַמיט מיט אַלע כּוחות נישט צו ווערן אויפגערעגט, אָבער מיין האַרץ האָט זיך צוזויפגעדריקט און שטאַרק געקלאַפּט פון שרעק און באַליידיקונג. גרישאַניאַ איז געגאַנגען לעבן מיר און געלאַכט, אָבער ער איז געווען צעמישט און פאַרלוירן.

— איך וועל אייך אָפּפירן, האַליאַ איוואַנאָוונאַ: דידאָזיקע אומבאַוואוסטזיניקע פלוי קאָן אייך נאָך גיפטיק אַ ביס טון. פאַר אַנדריי סעמיאָניטשן — איז דאָס אַ גרויסער אומכבוד.

די וויעטראָוואַ איז אונדז נאָכגעגאַנגען און אירע געשרייען האָבן זיך געטראָגן איבער דער גאַנצער קאָמונע. פון דער ווייטנס, פון דעם טונקעלן חלל אַרויס פון די געעפנטע טירן, — פון דער מילך־פערמע, פון די שפּייכלערס, פון דער קיך, — האָבן אונדז מענטשן נאָכגעקוקט און גיריק זיך איינגעהערט אין דער וויעטראָוואַס שרייען. דאָס לאַכן פון די לאָדענער האָט זיך געהערט הינטער אונדז. זי האָט כּסדר זיך באַמיט מיך אָנצוכאַפּן און איז דאָך געבליבן הינטערשטעליק. זי האָט מיך געזידלט און איינצייטיק מורא געהאַט פאַר גרישאַניען.

מיר זענען געגאַנגען שווייגנדיק, און איך האָב געציטערט פאַר בושה און שטאַרקן חשק זיך אַ וואָרף צו טון אויף דער ווילדער פויערטע און זי מקיים-פסק צו זיין. גרישאַניאַ האָט מיך אַ שטופּ געגעבן פאָרויס, און מיט אַ קול, פאַרשטיקט פון כעס, אַ זאָג געטון:

— גייט, האַליאַ איוואַנאָוונאַ... איך בעט אייך וואָס שנע־לער צו דערגרייכן אייער ציל, צוצוקומען צו דער קינדער-היים. איך וועל מיר דערלויבן צו פאַרהאַלטן דאָסדאָזיקע וויסטע אַנטשעפּעניש.

— איר באַאומרויקט זיך אומזיסט. גרישאַניאַ. איך האָב פאַר איר קיין מורא נישט. איך וויל אפילו, אַז זי זאָל וואָס העכער שרייען, כדי עס זאָל איין מאָל אַ סוף נעמען.

איך בין געגאַנגען רויק, מיטן זעלבן געמאָסטענעם, נישט גע־איילטן טריט, און געהערט, ווי גרישאַניאַ האָט הינטער מיר איינגע־טענהט מיט איר, אַקצענטירנדיק יעדעס וואָרט באַזונדער:

— בירגערין וויעטראָווע, דאָס איז זייער נישט געוויסנהאַפט פון אייער זייט... איר פּראָוואָצירט אויף אַ זייער נישט באַוואוסט־זיניקן אופן — מאַכט צו שאַנד די קאָמונאַרן און דעם חבר וויעטראָוו.

— גיי צום טייוול, חמור-קאָפּ! וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף מיר? טשעפּע דיך אָפּ, זאָג איך דיר... איך וועל איר סיי-ווי די מאָרדע צעהאַקן.

— בירגערין וויעטראָווע, ליקווידירט אייער שענדלעכע אויפ־פירונג, איך בעט אייך... אָט גייט דער חבר וויעטראָוו — זעט וויפיל אומאָנגענעמלעכקייטן איר פאַרשאַפט אים...

דער וויעטראָוואַס שרייען איז איבערגעריסן געוואָרן.

דאָס צווייטע העפט

מיין ערשטער טריט

איך דערמאַן מיך אָפט אָן דער צייט, ווען איך האָב געשטעלט מיין ערשטן טריט אויף דערדאָזיקער ערד. וואָס פאַר אַ קאָמישע, ווילדע און קאַפּריזע איך בין דעמאָלט געווען — טאַקע אַ שטאָטיש מיידל, מיט אַלע באַרבאַרישע פאָראורטיילן און געוואוינהייטן פון אַן איינזאַמער. אָט דער נאַקעטער טאָל אין קרייז פון די משופּעדיקע בערגלעך, פאַרלוירענע אין גרינעם סאַמעט פון די לאָנקעס און פעלדער, האָט מיר אויסגעזען, ווי אַ מדבר, און די באַראַקן מיט די ווייסע ווענט, די קאָלעקטיווע וואוינונגען — ווי אַ תפיסה. און ווען איך בין אַראָפּ פון וואָגן און שטיין געבליבן אויף דעם הויף, אָן אַ ביימעלע, אָן אַ גרעזעלע, האָב איך דערפילט אַ האָפנונגסלאָזע שווערקייט אין די פיס, אין די הענט, אין גאַנצן קערפּער און אַ דריקנדיקע פּוסטקייט אַרום מיר, און אָט די פּוסטקייט האָט שטיל אָפּגעקלונגען אין מיינע אויערן מיט פיינלעכער איינזאַמקייט. מיר איז געוואָרן ביז ווייטיק אַ רחמנות אויף זיך און איך האָב מיך דערפילט אַזוי אומגליקלעך, אַז מיר האָט זיך געגלוסט זיך אַ וואָרף טון אין דעם אַש-גרויען שטויב אַריין לעבן די רעדער און צעוויינען זיך פון פאַרצווייפלונג. איך האָב מיך שיעור נישט אַרויפגעכאַפּט צוריק אויפן וואָגן און גענומען טרייבן מיין פורמאַן, דעם פאַרשטויבטן בחור מיט די געלע האָר, וואָס האָט געשנייצט די נאָז אין ווידל אַריין פון זיין פערדל און שלעפעריק געוואַרט מען זאָל אים באַצאָלן פאַר דער פור. איך בין, משמעות, געווען זייער צערודערט, ווייל פון שוואַרצן חלל פון דער טיר איז אַרויסגעקומען אַ מענטש אין אַ מיליטערישן שינעל, אויפגעהאָנגען אויף די

אַקסל, מיט אַ גרוי פּנים, אַ מעכטיקן, אָנגערוקטן שטערן, און שטרענגע קנייטשן אויף די באַקן, פון די אויגן ביז דער גאָמבע. זיינע נאָזלעכער האָבן שפּאָטיש געציטערט, און די אויגן האָבן מיך גוט אַרומגעטאַפּט. אין דידאָזיקע אויגן האָט געלויכטן אַ קלוג פייערל, ווי מען זעט אַמאָל ביי אַ שטאַרקן הונט, וואָס שפּילט זיך מיט אַ קליין איבערגעשראָקן הינטעלע.

— ווער איז דאָס ? די זעלבע טאָקע... אויף וועלכער מיר וואַרטן פאַר דער אָרגאַניזאַציע פון די קינדער ?...

זיין שטימע איז אויך געווען שפּאָטיש און וואולגאַר, אויפן שטייגער פון די רויטאַרמייער. איך האָב אָנגעשטרענגט אַלע מיינע כּוחות זיך צו האַלטן פריי און אומאָפּהענגיק. אין אמתן, איך בין דאָך נישט אַזוי שוואַך און הילפלאָז — איך זאָל מיך צעוויינען בלויז ביים אָנבליק פון דעמדאָזיקן אומהיימלעכן אָרט און אויס מורא פאַר דעם מענטש אין שינעל. איך בין דאָך געקומען דאָ אַהער אויף אַ לעבן פון קאַמף, פון אומבאַקוועמלעכקייטן, צו מענטשן, וואָס נייטיקן זיך אין מיין הילף. וואו זענען דיינע כּוחות, האַליאַ ? דו — ביסט דאָך עפּעס אַ פּאַרטיי־חברטע, דו — געהערסט דאָך נישט צו די שרעקנדיקע... דו האָסט דאָך נישט איינמאָל שוין באַוויזן, אַז דו קאָנסט זיין געוואוג דרייסט און אַנטשלאָסן אויך. איך האָב אַ קוק געטון אויפן רויטאַרמייער מיט שטרענגער אַרויס־פאָדערונג און אַ געשריי געטון צו אים נישט העפלעך און מיט גרינגשעצונג (בראָווירנדיק ווי אַ הינדל):

— אַלזאָ, חבר, בין איך, הייסט עס, געקומען צו אייך. אַ פּעדאַגאָגין. ווער איז דאָ ביי אייך דער הויפּט־מאַכער ?

— וואָס איז דער חילוק, חברטע ! נעמט אייערע זאַכן. איר זענט געקומען און — די זאַך איז דערליידיקט, די פראַגע איז אויסגעשעפּט. איר זענט אַ קאָמסאָמאָלקע ?...

איך האָב אַ שמייכל געטון, ווי אַ פרעמדע, באַמיענדיק זיך אַרויסצוּווייזן מיין איבערגעוויכט.

— איך בין געווען אַ קאָמסאָמאָלקע אויך. מען קאָן דאָך

נישט אייביק זיין קיין קאָמסאָמאָלקע, חבר. אַצינד – געהער איך צו דער פּאַרטיי.

– אָ, דאָס – איז אויסגעצייכנט !... וואָס איז דער חילוק ?...

אָבער פאַר אַ פּאַרטיי־חברטע פּאַסט גאָרנישט אַזוי צו דענערווירן זיך. דו ביסט דאָך געקומען אַהער אַרבעטן, און נישט אַרויסווייזן דיינע קאַפּריזן.

– וואָס טשעפּעט איר זיך, חבר ! העלפט מיר בעסער אַריינ־טראָגן די זאַכן. איך וועל דאָך נישט בלייבן דאָ אויפן הויף.

ער איז צוגעגאַנגען צו מיר זייער נאָענט, און איך האָב צום ערשטן מאָל באַמערקט דעם דורכזיכטיקן אָפּגלאַנץ פון זיינע אויגן :

– וויעטראָוו. פאַרזיצער פון קאָמראַט. און ווי הייסט איר ? גוט... האַליאַ איוואַנאָוונאַ... וועלן מיר אייך רופן האַליאַ... וואָס איז דער חילוק ?

ער האָט גענומען מיין וואַליזע, דאָס פּעקל בעטגעוואַנד און אַ זאַג געטון צום פורמאַן :

– פּאַרפּאָר צו דער שטאַל... זאָג דאָרט, מען זאָל געבן האָבער דעם פערד... דערנאָך קום אַריין אין עסצימער... וועסטו עסן אָונטברויט...

און ער האָט זיך געלאָזט גיין מיט מיינע זאַכן נישט צו יענער טיר, פון וועלכער ער איז אַרויסגעקומען, נאָר קעגנאיבער, צום צווייטן, הויכן קאָרפּוס, מיט די גרויסע פענסטער און די צוויי נידעריקע אָפּיצינעס.

– געגאַנגען נאָך מיר, האַליאַ איוואַנאָוונאַ... דאָ – וועסטו האָבן אַ צימערל... קאָנסט דיך איינאָרדנען, ווי דיר אַליין גע־פעלט... רעגולירן...

מיר זענען געגאַנגען דורך אַ לאַנגן, ריינעם קאָרידאָר, ווי אין אַ האָטעל, מיט אַ סך טירן פון ביידע זייטן. עטלעכע טירן, דאָ און דאָרטן, זענען געווען גאַסטפריינטלעך אָפן. די צימער־לעך – זענען קליינע און ליכטיקע, זייער ציכטיקע, מיט ווייסע ליילעכער אויף די בעטן און בלומען אויף די פענסטער. ווען מיר

זענען דורכגעגאַנגען פאַר זיי, האָבן פּרויען, איינפאַך פּאַרקעמטע, מיט פנימער, אָפּגעשמיסענע פון ווינט, אונז נייגיריק נאָכגעקוקט, און איך האָב נישט געקאָנט וויסן — צי זיי זענען יונגע אָדער אַלטע. די מענער זענען געזעסן ביי די טישן און מיך באַגלייט מיט אַן אומצופרידענעם בליק אין די אויגן. איין פרוי איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט מיטן אַקסל אַןביישטידל פון אַ טיר און באַוועגט מיט די פיס, ווי אַ פליג, וואָס רייניקט זיך די פיסלעך פון שטויב. לויט דעם מעלאָדישן און פאַרחידושטן טאָן פון איר קול, האָב איך מיך משער געווען, אַז זי איז נאָך זייער יונג, אפשר גאָר אַ מיידל.

— אוי, וואָס פאַר אַ יונגיטשקע זי איז!... איך ווייס גאָר נישט, צי מען וועט עפּעס האָבן פון איר?... מען וועט איר צו־נויפברענגען אַזוי פיל קינדער — נו, וועט זי זיך אַן עצה געבן?...

און זי האָט זיך צעלאַכט זאַפטיק, מיטן גאַנצן קערפּער, אָבער אָן באַליידיקונג, גיכער מיט אַ געפיל פון מיטלייד און פריילעכער פאַרוואונדערונג.

— לושאַ! — האָט וויעטראָוו אַ געשריי געטון מיט גראָבער צערטלעכקייט, זיך נישט אויסדרייענדיק. — גיי נאָר אַהער, גיב נאָר אַ ביסל אַ שמועס מיט איר אויף אונזער שטייגער... וואָס איז דער חילוק?... דאָס מיידל האָט זיך אינגאַנצן פאַרלוירן...

ער האָט אַן עפן געטון אַ טיר רעכטס און אַריינגעגאַנגען מיט מיינע זאַכן. דאָס צימערל איז געווען אַ ווייס־געקאַלעכטס, מיט אַן אייזערן בעטל ביי דער וואַנט. ביים פענסטער איז גע־שטאַנען אַ ניי טישל מיט צוויי נייאינקע טאַבורעטקעס, — אפנים פון אייגענער אַרבעט. די לופט איז געווען געדיכט אָנגעזאַפּט מיטן זיסלעכן ריח פון סאָסנע־האָלץ. דורכן פענסטער האָב איך ווידער דערזען דעם שטויביקן, נישט גלייכן הויף, מיט מיין פורמאַן, וואָס האָט געצויגן די לייצן און אונטערגעשמיסן זיין פערדל מיט דער בייטש. עס האָט נעפלדיק זיך געצייכנט די קרומע ליניע פון די ווייטע בערגלעך, און איבער זיי איז ליכטיק געהאָנגען דער היי־סער הימל, מיט צוויי אַש־גרויע וואָלקנדלעך, ווי אינדזלען

אויף אַ ים. און ווי נאָר איך בין אַריין אין צימערל, האָב איך מיך גלייך דערפילט דורכזיכטיק און לייכט, ווי איך וואָלט נאָר-וואָס געהאַט זיך אויסגעבאָדן און אָפּגעוואַשן דעם גאַנצן שטויב פון דער נשמה. איך האָב מיך באַגעגנט מיטן בליק מיט וויעטראָוון, און מיר האָבן זיך ביידע צעשמייכלט. דער קאַלטער אָפּגלאַנץ אין זיינע אויגן האָט אַ ציטער געטון, און אין דעם אויגנבליקלעכן שמייכל אויף זיינע ליפּן האָב איך גלייך דערפילט אַ חברהמאַן, אַ פּשוטן ביי זיך, וואָס איז איינגאַנצן געפּאַנגען פון עפּעס אַ שטאַרקן געדאַנק. זיינע נאָז-לעכער האָבן נאָך אַלץ געאָטעמט מיט חוזק, און די אויגן האָבן מיך טיף דורכגעדרונגען. ער האָט זיך געזעצט אויפן טיש, באַלד אויפגעשטאַנען, אויפגעפּראַלט דאָס פענסטער, און ווידער זיך געזעצט

– אַלזאָ, וואָס איז דער חילוק, האַליע איוואַנאָוונאַ?... טרעפן מיר גלייך-צו צו דער אַרבעט?...

– אדרבה, חבר וויעטראָוו, איך קאָן אייך שוין היינט פאָרלייגן דעם אַרבעטס-פּלאַן, צוזאַמען מיט דעם בודזשעט און דער מעטאָדע, פאַרן נאָענטן קוואַרטל...

– אָוו-וואַ, דאָס איז אויף אונזער שטייגער!...

ער האָט זיך אַפילו אַ פּאַטש-געגעבן מיט דער האַנט איבער דער קני און אַ קוואַקע-געטון פון פאַרגעניגן.

– וואָס איז דער חילוק? באַלד נאָכן נאַכטעסן רופן מיר צונויף דאָס קעמערל מיטן ראַט. עס וועט זיין אַ פיין אָוונטל. נו, און דו וועסט דיך טאַקע אויך באַלד באַקענען מיט אונזער גאַנצן אַקטיוו. וואָס זאָל איך דיר זאָגן? ווען איך האָב דיך דערזען די ערשטע רגע, איז מיר געוואָרן גאָרנישט היימלעך: אַ מיידעלע, טראַכט איך, אַן איידעלס, מיט נערוון. אָבער ווען איך האָב מיך אָנגעהויבן טיפער איינקוקן אין דיר – איז שוין געוואָרן – נישקשה: אַ פּנים אַ ברייטס, באַקנביינער שטאַרקע, און ברעמען – אויך געדיכטע. פון וואָסער אָפּשטאַמונג ביסטו, אייגנטלעך, פון פּראָלעטאַרישער, צי אינטעליגענטישער?

– און ווי דאַכט זיך אייך?

— עפּעס אַזוי ווי אַ געמיש פון ביידע... דער קערפּער איז נישט פאַרצויגן, און די ברוסט האַלט זיך אויך פעסט.

מיר איז געוואָרן זייער לייכט און פריילעך. זיין רעדן האָט מיך פאַראינטערעסירט.

— איר, חבר וויעטראָוו, באַטראַכט מיך, ווי מען באַטראַכט אַ קו.

— וואָס איז דער חילוק? אַ מענטש דאַרף אויך געשאַצט ווערן, ווי מען שאַצט אַ חיה. גוטע אַרבעט קאָן געטון ווערן נאָר דורך אַ געזונטן מענטש. אונזער אַרבעט — איז די אַרבעט פון אַ קלאַס, אונזער קלאַס — איז אַ געזונטער, און ממילא קאָן אונזער אַרבעט געטון ווערן נאָר דורך אַ מענטש פון אונזער בלוט און פלייש. יעדע אַרבעט מוז קומען פון אינעווייניק. אונזער אַרבעט וועט דורך קיין פרעמדע הענט נישט געטון ווערן. נו, און איך מוז שוין גיין צו מיינע זאַכן: מיר באַהאַנדלען אַצינד דעם אַרבעטס-פּלאַן פאַר דער קומענדיקער וואָך. מיר רעגולירן...

ער האָט נאָך אַ וואָרף-געטון אַ בליק פון אַ באַלעבאָס איבערן צימער און איז אַוועקגעגאַנגען.

דער שפּיגל

דאָס בליעכל איז געפאַלן פון די בעז-ביימער און זיך אַרומגעטראָגן אין דער לופט אויפן הויף און נאָך די בנינים ביז די ווייטסטע בערגלעך. די ווייסע ווענט פון דער לאַנגער קעגנאַיבערדיקער קאַזאַרמע זענען געוואָרן בלוילעך, און דער דאַך מיט זיינע דאַכעוועקעס, ווי שיפן, איז געווען אַנגעגליט פון היץ. די זון האָט געאָטעמט מיט חמימה איבער די בערגלעך, און זיי האָבן שאַרף זיך געצייכנט מיט זייער געהאַרבעטער ליניע און אויסגעזען, ווי ריזיקע ברויטן, פאַרברענטע און געפּלאַצטע פון צו לאַנגן באַקן זיך. אין די בלייזן צווישן די בערגלעך איז געהאָנגען אַ געדיכטע, בלויע פאַרנעפּלטקייט, ווי אין אַ תהום. דייטלעך האָט זיך געזען בלויז דער שמאָלער וועג, וואָס האָט, ווי אַ

באַנד, זיך געשלענגלט באַרג-אַראָפּ און פאַרלוירן אין דער ווייטקייט. איבער דעמדאָזיקן וועג איז אַצינד געפאָרן באַרג-אַראָפּ אַ קליין פירל, ענג אָנגעזעצט מיט פויערטעס, אין פאַרביקע טיכער. דאָס פערדל האָט זיך געשטיצט אויף די פאָדערשטע פיס, זיך אַלע ווײַלע אַ זעץ-געטון אויף די הינטערשטע, דער כאָמוט מיט דער דוגע זענען עס געקראָכן איבערן קאָפּ. דעם פירל איז נאָכגע-ריטן אַ פויער, אויסגעבויגן אַהינטער, און זײַנע פיס,״ לאַנגע, ווײַכע, ווי אַן בײַנער, האָבן זיך אים קאָמיש נאָכגעבאָמבלט. איך האָב מיט שטומען ווײַטיק געקוקט אויף דעם פײַערדיקן הימל, אויף די פיאָלעטע בערגלעך, פאַרזונקענע אין אומעט, און זיך געזעגנט מיטן לעצטן טאָג פון מײַן פאַרגאַנגענעם לעבן. עס וועט צופאַלן די נאַכט — אַ פינסטערע, אַ שטומע, אַ האַרבסטיק-טויטע און אומ-היימלעכע, מיט אירע געשפּענסטער פון סטעפּ, און דידאָזיקע פינ-סטערניש וועט פונאַנדערעפענען פאַר מיר מײַן צוקונפט, וועלכע וועט מאָרגן מיך פאַרפלײַצן מיט אַ נײַעם, נאָך ביז אַצינד קיינ-מאָל נישט געזעענעם זון-אויפגאַנג.

די ווענט פון מײַן צימער האָבן געברענט מיט אַן אינערלעך פײַער, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך ברען אויך מיט אַזאַ פײַער: עס וועט אַריבער אַן אויגנבליק, און איך וועל מיך פאַרוואַנדלען אין אַ שאָטן, זיך אויפלייזן, און געווירן ווערן אויפסניי. ערגעץ-דאָרט טיף אין האַרץ האָבן געפלהאַפּט געציטערט יונגע פאַרגעפילן, און עפּעס אַ האַרט קול, ענלעך צו ווייטראָווס, האָט אויסגעשריגן מיט פעסטער אַנטשלאָסנקייט:

— וואו-זשע איז דײַן אויסהאַלטעוודיקייט, האַלינאַ? דו — ביסט דאָך אַ שטאַרקע און זעלבסט-זיכערע; דו ביסט דאָך אַוועק צוהער אַ באַגײַסטערטע, כדי צו שאַפן אַ נײַ לעבן. פאַרליר נישט דעם מוט, האַלינאַ!

דאָס נײַאינקע, אײַזערנע וקזטעלע איז שוין געווען צוגעגרייט: עס איז געשטאַנען ווײַך און קײַלעכיק אויפגעבעט אונטער דער רײַ-נער קאָלדרע. דאָס קישן האָט אויך אויסגעזען, ווי עס וואָלט גע-אָטעמט מיט פײַער.

— עך, וואָס פאַר אַ יונגיטשקע און פרישינקע די ביסט! אינגאַנצן ענלעך צו אַ יינגל: אי די האָר זענען ביי דיר געשוירענע, אי דאָס קליידל איז אַ קורצס.

לושאַ איז געשטאַנען אין דער געעפנטער טיר, מיט שטראַלנדיק-צעפינקלטע אויגן, אינגאַנצן אַ גאָלדיקע פון זון-פאַרגאַנג. אירע בורשטינענע האָר, זייער געדיכטע, פאַרשווענדעריש-רייכע, זענען געווען פאַרלייגט אויפן נאַקן און האָבן אַרומגענומען איר קאָפּ אין דער פאָרם פון אַ פּרעכטיקן קאָקאָשניק. פון דער טיפער בלויקייט פון אירע אויגן האָט אַרויסגעזונגען אַ קינדישע פאַרחידושקייט. די ליפּן זענען געווען ווייכע, אָנגעקוואָלענע, אומרויִקע, ליידנשאַפטלעכע, אַזעלכע, וואָס זענען געוואוינט צו קושן זיך. און די נאָז — אַ געטאָקטע, אַ האַרטע, ווי אַן אוגערקעלע, מיט חנעוודיקע, ווי שפּינוועב דינע קנייטשעלעך לעבן די אויגן. די ברוסט האָט זיך געהאַלטן הויך, אַרויסרופנדיק, ווי ביי אַ מיידל. אָנגעטון — איז זי געווען נישט דאָרפיש, נאָר ווי עס גייען אַרבעטער-פרויען — ריינינקע און ציכטיק. זי איז געווען באָרוויס, אָבער אויך די פיס זענען געווען ריין אָפּגעוואַשן.

— נאָך דער שטאָט, מוז דיר אַלץ דאָ אויסזען ווילד... נישט אמת?...

זי האָט מיך אַזוי ווי אַ צי-געטון צו זיך, און איך האָב זי אָנגעכאַפּט ביי די הענט.

— דאָס זענט איר טאַקע די לושאַ? דאָס האָט וויעטראָוו אייך גערופן?

— נו, יאָ, שוועסטערל... די זעלבע טאַקע.

— אויסגעצייכנט. וואָס פאַר אַ שיינע איר זענט!

— נו, מען לויבט מיך שוין אויך! וואָס נאָך פעלט מיר?...

זי האָט זיך צעלאַכט, איז רויט געוואָרן, און עס איז קענטיק געווען, אַז מיינע רייד האָבן איר הנאה געטון.

מיר האָבן אויסגעפּאַקט מיין וואַליזע, אַרויסגענומען די וועש, קליידלעך, ביכער, פאָטאָגראַפיעס, פאַרשידענע צאַצקעס. און ווען איך האָב אַרויסגעשלעפּט פון דער דנאָ דעם גרויסן שפּיגל, האָט לושאַ אויסגעשריִען מיט אַ ציטער-געטון פון התפעלות.

— אַך, וואָס פאַר אַ שיינע זאַך דאָס איז! אַזאַ גרויסער שפּיגל איז ביי אונז אין דער גאַנצער קאָמונע נישטאָ...

— גאָט מיינער, לושאַ... וואָס איז דאָס פאַר אַן אומגעוויינלעכס?

נאָר איך אַליין האָב מיך פונדעסטוועגן אָנגעהויבן וואונדערן: נאָכוואָס איך האָב מיטגעשלעפּט מיט מיר דעמדאָזיקן אומגעלומפּערטן, גרויסן שפּיגל? ער האָט פאַרנומען די גאַנצע דנאָ פון דער וואַליזע און זי אַראָפּגעשווערט אין איין זייט אַריין. דאָס האָט די מאַמע אים געקויפט פאַר אירע לעצטע גראָשנס צו מיין אָוועקפאָרן. זי אַליין האָט זיך לאַנג געשפּיגלט אין אים און אויסגעזען אפילו יינגער אין זיין לויטערן גלאַנץ.

— איך האָב דאָס גאַנצע לעבן, האַליאַ, געטראַכט וועגן קויפן אַ גרויסן שפּיגל, און עס איז אַלץ נישט אויסגעקומען אין דער יוגנט. אַצינד וועסטו כאָטש פון אים הנאה האָבן. דאָס גיב איך דיר — נדן.

איך האָב געקוקט אויף איר און געלאַכט

לושאַ האָט מיט ערנסטע, כמעט שטרענגע אויגן זיך איינגעגראָבן אין שפּיגל און אַ ווײַלע אַזוי ווי פאַרשטיינערט געבליבן, אַנטציקט פון זיך אַליין — פון יענער אומוואָרהאַפטיקער, נישט ממשותדיקער, וואָס האָט זיך געזען אויף יענער זייט גלאָז פון שפּיגל. און יענע צווייטע, נישט עקזיסטירנדיקע לושאַ, האָט מיטגעריסן מיט זיך די לעבעדיקע לושאַ. אַ שווייגנדיקע, איז זי מיטן שפּיגל פּאַמעלעך אַרויסגעגאַנגען איבער דער שוועל פון צימער, נישט אָפּרייסנדיק די אויגן פון אים און, אַן אייגענעם וויסן, נישט אויפגעהערט צו מאַכן פאַרשידענע מינעלעך פאַר אים. אין איר האָט העפּטיק וויבּרירט די פרוי, אַ שיינע, אַ הייסע, אַ לעבנס-דורשטיקע. דער שפּיגל

האָט געפינקלט אין אירע הענט, זיך דערוויטערט און באַלד צוריק דערנענטערט, אויפגעהויבן און אַראָפּגעלאָזט. זי האָט זיך געקוויקט מיט איר שיין פּנים פון דער נאָענט, באַטראַכט אירע האָר און גאָמבע פונדערווייטנס, זיך טיף איינגעקוקט אין אירע אויגן. און שטייענדיק אַזוי נישט אויסגעדרייט צו מיר, האָט זי פון קאָרידאָר אַ זאָג געטון מיט אַ מעלאָדיש, זייער ערנסט קול, וואָס איז געווען אָנגעזאַפּט מיט האַרציקער פרייד:

— מיר וועלן אים אויפהענגען אין קאָרידאָרל, האַליעטשקאַ. אָט דאָ... פונקט אין מיטן... אַלע אונזערע קאָמונאַרקעס וועלן זיך גאָרנישט קאָנען אָפּוואונדערן...

דאָס איז געווען פאַר מיר אומגערעכט, און מיין האַרץ האָט אַ ציטער-געטון פון אויפרעגונג.

די גאַנצע צייט, וואָס איך האָב געוואוינט אין אַקאַדעמישן הויז, זענען מיינע זאַכן, מיינע ביכער, געווען אומבאַרירלעך, און צו מיין בעט, צו מיין טישל, האָט קיינער נישט געוואַגט זיך צוצורירן. דאָרט האָב איך געהאַט מיין שטרענג אָפּגעגרענעצטע טעריטאָריע, וואָס האָט פאַרמאָגט איר אייגענע, דורך אַלע אָנערקענטע, אימוניטעט. און דאָ, ווי עס ווייזט אויס, בין איך באַרויבט פון דער פרימיטיוויסטער אומבאַרירלעכקייט, און אויף מיינע זאַכן קוקט מען, ווי אויף אַ בשותּפותדיק אייגנטום. לושאַס רייד האָבן מיך אויפגערעגט, און מיין האַרץ האָט אויפגעפלאַמט מיט פּראָטעסט. די מאַמע האָט אויסגעגעבן אויף מיר אירע שווערפאַרהאָרוועטע גראָשנס, געבעטן איך זאָל אָפּהיטן איר מתּנה, און דאָ וויל די ערשטע-בעסטע פרוי מיר צונעמען דווקא דאָס, וואָס דערמאַנט מיר דעם איינציקן נאָענטן מענטש מיינעם. דאָס — איז פויערישע גיריקייט, נישט מער. דאָס לעבן דאָ אין דער קאָמונע האָט צעפלאַקערט ביי זיי די דאָרפישע אַפּעטיטן. אויף צזאַ אופן קאָן דאָך אַ גאַנצע כאַפּטע ווייבער זיך אַריינרייסן צו מיר און אָן קונצן מיר צעשלעפּן מיין גאַנץ פאַרמעגן.

— לושאַ, פאַרוואָס-זשע דווקא — אין קאָרידאָר? איך האָב נאָך נישט בדעה צו טיילן מתּנות אויף לינקס און רעכטס

אַ שמייכל פון באַליידיקטער אייגנליבע האָט צעקרומט מיין פּנים. אָבער דאָס האַרץ האָט פלוצלינג ווייטיקלעך אַ צאַפּל געטון, ווי עפּעס וואָלט זיך אָפּגעריסן אין מיר. דו — ביסט אַ נאַר, האַליאַ: דו פאַרמיאוסט דיך אינגאַנצן אין די אויגן פון דערדאָזיקער פרוי. דו ביסט צאַריינגעפאַלן אין אַ שווערער לאַגע. דיין הסרון שרייבסטו צו איר. לושאַ האָט דיך פלינק געכאַפּט אויף דער ווענטקע. ווי אַזוי זשע וועסטו אַרבעטן דאָ ?

זי איז שנעל צאַריינגעקומען — אירע אויגן זענען געווען טונקל פון שרעק און פאַרוואונדערונג.

איך בין נישט בכּוח געווען צו קוקן אויף איר: מיר איז געווען אַ חרפּה, איך האָב מורא געהאַט, אַז זי וועט מיך דערזען דורך און דורך, אַז זי וועט אַנטלויפן פון מיר, ווען זי וועט זיך צונויפטרעפן מיט מיינע אויגן, און דערציילן יעדן וועגן מיין גי־דיקייט. אָבער עפּעס אַ מאָדנע געפיל פון עקשנות האָט מיך נישט געלאָזט זיך אונטערגעבן. לושאַ האָט געמרוגעט מיט די לויטערע אויגן, ווי זי וואָלט זיי געהאַט פאַרפרושעט, איר פּנים איז גע־וואָרן מיאוס, אָפּבלאַקירט. ווי זי וואָלט מיט איינמאָל אָפּגעבליט, און זי האָט הייזעריקלעך אַ הוסט געטון. פאָרזיכטיק, זייער גע־היטן, ווי זי וואָלט געהאַלטן אין די הענט אַ זאַך, וואָס קאָן זיך לייכט צעברעכן, האָט זי צוועקגעלייגט דעם שפּיגל אויפן בעט און, וואַרפנדיק אַ בליק אויף דער טיר און אויסמיידנדיק מיינע אויגן, האָט זי זיך אָנגעהויבן צאַרויסשאַרן פון צימער. זי איז ענלעך געווען צו אַ קינד, ביי וועלכן מען האָט צוגענומען אַ שפּילעכל.

— איך האָב דאָך נאַר געמאַכט אַ שפּאַס, לושאַ?... וואָס האָסטו דיך באַליידיקט, נאַרישע ?

מיר האָבן זיך באַגעגנט מיט די בליקן און באַלד זיך אַוועק־געדרייט.

פלוצלינג האָט זי זיך אויסגעגלייכט, געוואָרן צוריק פעסט ביי זיך, און שטרענג, אויפן שטייגער פון אַ מאַמע, פאַרצויגן די ברעמען :

— נו, קום זיך אָפּוואַשן, האַליעטשקאַ. איך וועל דיך צופירן.

ביי אונז איז דאָך אַלץ בשותּפותדיק: אי דאָס עס-צימער, אי דאָס וואַנע-צימער... אַ באָד האָבן מיר אויך... און דאָס וואַש-צימער און באָד-צימער זענען אויך בשותּפותדיקע. בלויז דאָס אָנטון איז אייגנס, און די מענער און ווייבער זענען אויך אייגענע. לכתּחילה, פאַרשטייט זיך, זעט דאָס אויס ווילד... אָבער דערנאָך, אַז מען געוואוינט זיך צו, זעט מען ערשט, ווי גוט דאָס איז... באמת... קיין שום דאגות... האָסט דיר אָפּגעטון דיינס, וואָס מען האָט דיך געהייסן — און ביסט דיר ווידער פריי, ווי אַ פייגעלע אין פעלד...

איך האָב גענומען דאָס פודלקעלע מיטן זייף, אַריבערגעוואָרפן אַ האַנטוך איבערן אַקסל און אַרויסגעלאָפן אויפן קאָרידאָר. אַ לאַנגער, אַ שמאָלער, אין אָוונטדיקער פורפור-טונקלקייט, איז ער געווען אָנגעזאָפּט מיט געשאָרך, שפּעטשערייַ און פאַרבאָרגענע שטימען.

— דו זעסט, שוועסטערל, ווי מיר לעבן דאָ? אַלץ — טירן און טירן... דרייאונצוואַנציק טירן — דרייאונצוואַנציק צימערלעך. און דאָס וואַש-צימער און וואַנע-צימער — זענען באַזונדער.

— און וואו געפינען זיך די צימערן, וואָס זענען באַשטימט געוואָרן פאַר דער קינדער-היים און קינדער-גאָרטן?

— דאָ — נישט ווייט, אין דער צווייטער אָפּיצינע. מען האָט בכיוון אָפּגעטיילט... עס זאָל זיין באַזונדער. אָט וועסטו דיך אָפּוואַשן, וועלן מיר גיין באַקוקן די וואוינונגען...

— ניין, לושאַ, דאָס וועלן מיר טון שפּעטער... פריער וועלן מיר בעסער זעען די קינדער-צימערן.

— וואָס פעלט דיר איין, מיידל? דו ביסט דאָך, גאָלדן האַרץ מיינס, געקומען צו דער קאָמונע. פריער דאַרף מען זיך באַקענען מיט די מענטשן, און דערנאָך — ווי דו וועסט שוין אַליין וועלן...

און סיי דאָס קול איר, סיי דער גאַנג, זענען געוואָרן אַנטשלאָסענער און שטרענגער.

„דאָס איז זי אויף מיר אַזוי אָנגעברוגזט פאַרן שפּיגל, —

האָב איך געטראַכט, אַ באַליידיקטע. — זי גיט מיר צו פילן, אַז איך בין נישט קיין מענטש פון זייער קרייז"...

דאָס וואַש־צימער האָט זיך בורייט אַן עפן־געטון מיט ביידע האַלבע טירן אין קאָרידאָר אַרײַן, און אַ שטויביקער זייל זון־ליכט, וואָס האָט זיך געצויגן פון דאָרט, האָט זיך אָפּגעשלאָגן אויף דער קעגנאיבערדיקער וואַנט אין צע־קרימטע, רויט־גליענדיקע פענסטער־קוואַדראַטן. דאָס צימער איז געווען אַ גערוימס און ליידיקס. די וואַש־בעקנס — לאַנגע, צינ־קענע, אויף הילצערנע פיס, ווי אין אונזערע אַקאַדעמישע היי־זער: אײַנדערהויך — אַ רעזערוואואַר אויף וואַסער, מיט מעשענע קראַנדלעך, פון אונטן — אַ קאָריטע, מיט אַ גרויען אָפּזאַץ פון זשאַווער. אויף די ווענט — הענגערס, אויף די האַקעס — ליינ־טענע האַנטיכער. אויף איין וואַנט איז מיט קנאָפּקעס געווען צוגע־שפּיליעט אַ פּלאַקאַט, מיט גרויסע קאַליגראַפישע אותיות: „וואַש די הענט און דאָס פּנים אומבאַדינגט מיט זייף". — „יעדן אָוונט וואַש די פיס, עס זאָל אויף זיי נישט בלײַבן קיין שווייס. שווייס — איז אָנשטעקנד".

דאָס איז מיר געפעלן. דאָס הייסט פויערן!

— ביי אייך, לושאַ, דעקאָרירט מען אויך די ווענט מיט פּלאַקאַטן. אַפּנים, אויך דאָ הענגט מען זיי אויף, כּדי נישט אָפּצוהיטן די פאָרשריפטן.

לושאַס שיינינקע ליפּלעך האָבן זיך אָנגעבלאָזן, און אירע אויגן האָבן אַ פינקל געטון בייז און שטאָלץ. זי האָט פּלוצלינג גראָב מיר איבערגעשלאָגן:

— אפשר איז דאָס אַזוי ביי אייך, אין שטאָט, ביי אונז, אָבער — פּרוּוו נאָר, וועט דיר באַלד די סאַנקאָמיסיע גיט די אויערן אָנדרייען. נו, וואַש דיך אָפּ... איך וועל שוין גיין... וועסט עפּעס דאַרפן — גיב אַ רוף.

און זי האָט זיך אויסגעדרייט, שוין אײַנגאַנצן אַ ברוגזע, און שנעל אַוועקגעלאָפן, פויקנדיק מיט די פיענטעס איבערן דיל. מיר איז געווען קלאָר, אַז זי איז פון עפּעס באַליידיקט, און איך בין

איר נמאס געוואָרן. דאָס האָט מיר ווײ-געטון, און אַ געפיל פון אײנזאַמקײט האָט װידער צונויפגעפרעסט מײן האַרץ.

דער שול-אַרבעטער

צוריק בין איך געלאָפן איבערן קאָרידאָר מונטער, לײכט, אונטערשפּרינגענדיק, ווי איך וואָלט געהאַט אָפּגעוואַשן פון דער נשמה די גאַנצע מידקײט פון וועג און אַלע ערשטע שווערע אײנדרוקן. מײנע אויגן זענען געוואָרן פרישער, לויטערער, דאָס בלוט רויקער, איך האָב מיך געפילט אינגאַנצן ווי באַנײט, און דער קאָרידאָר איז מיר געוואָרן הײמישער און פאַרשטענדלעכער... אין מײן צימער בין איך אַרײנגעלאָפן קינדיש-שטיפעריש און באַלד זיך אָנגעשטויסן אויף אַן אומבאַקאַנטן מענטש. „נאַדיר ווידער, — האָב איך אַ טראַכט געטון מיט פאַרביטערונג — הײסט עס, אַז יעדער אײנער קאָן, אָן צערעמאָניעס, אַרײנגײן צו מיר, ווען נאָר עס גלוסט זיך אים. צי וועל איך מיך מוזן צוגעוואוינען אויך צו דעם?“

איך האָב געמאַכט אַ טריט צוריק און דערפילט, אַז מײנע ברעמען האָבן זיך אומפרײנטלעך אַ קרים געטון.

— וואָס דאַרפט איר, חבר? איר — זענט געקומען צו מיר?

דער מענטש האָט געמאַכט אַן אײנדרוק פון אַ קלײנעם סאָוויעטישן באַאַמטן: אַ נעהאָרבעטער, אין אַ גרויער, באַרכאַטענער טאָלסטאָווקע, אין שטיוול, אַ דאַרער, מיט אַ בלײלעך פנים פון אַ שווינדזיכטיקן (איך האָב באַמערקט אויף זײן שטערן, אויף דער נאָז, אויף די מאַטע באַקן — לעכעלעך מיט שוואַרצע פינטעלעך), אַ געל-באַוואַקסענער, מיט צוגעקלעפּטע ... האָר צום שטערן. אויגן — ... באַלאַקירטע, בל... זײער טרויעריקע — שפּלדיקע ... און דאָס קול ... ... געווען — אַזאַ הוילס און שפּלדיקס.

ער האָט אומגעקערן, אַזוי ווי נײטנדיק זיך, מיר דערלאַנגט

אַ דאַרע האַנט, און הילפלאָז, כמעט פאַרצווייפלט, אַ מורמל־געּ־טון איבער מיין אַקסל אַריבער, אין דער זייט אַריין פון בעטל:

— נו, מילא, וואָס... גוט מאָרגן...

— נו, מילא, זאָל זיין גוט מאָרגן... פון וואַנען דערנעמט איר זיך דאָס אַזאַ מרה־שחורהדיקער? איר זענט אַ קאָמונאַר?

ער האָט אויסגעשטשירעט שיינע, ווייסע ציין, נאָר זיי האָבן אין זיין מויל אויסגעזען, ווי פאַלשע, און דערפון האָט זיין שמייכל אויך אויסגעזען, ווי אַ געמאַכטער. דאָס איז געווען אַפילו נישט קיין שמייכל, נאָר אַ גרימאַסע פון עקל. ער האָט זיך זאָגאַר פאַר־שטעלט פאַר מיר מיט דער האַנט, אַזוי ווי אַלץ וואָלט אים נמאס געווען, און ער אַליין איז זיך אויך נמאס.

— ניין... ווי דאָרט.. אַ לערער...

און גיפטיק אַ קרייע געטון:

— אַ שול־אַרבעטער...

ער האָט אָפּגעזיפצט, גענומען קוקן אויף מיינע זאַכן, אויף די ווענט, אויפן בעטל און, דרך־אגב, מיט עקל לגבי זיך אַליין, פאַרביסן אַרויסגעמורמלט:

— קיריקאָוו.

און פּעט זיך גליטשנדיק מיט זיינע שפּלדיקע אויגן איבער מיין פּנים, האָט ער פּלוצלינג אַ זאָג געטון:

— אַ פּעדאַלאָגין, האַ?... מיט בילדונג?

מיך האָט געפּייניקט אַ געפיל פון עקל און פאַראַכטונג צו אים, און איך האָב בשום אופן נישט געקאָנט זיך ביטן צו זיין העפלעך.

— נו, טאַקע אַ פּעדאַלאָגין, און מיט בילדונג...

— וואָסער בילדונג דאָרט... אַ ביסל דרעסור... מאָנטעס־סאָריס סיסטעם קענט איר?

— פאַרוואָס זאָל איך נישט קענען?

— נו, און פרעבעלן? פּעסטאַלאָצין?

— וואָס זענט איר צוגעשטאַנען צו מיר, חבר? וואָסער מאָד־נער עקזאַמען איז דאָס? איר ווילט מיך אַרויסברענגען פון געדולד?

ער האָט פלוצלינג אַ קוק-געטון אויף מיר טרויעריק, מיט גאָר אַנדערע, זייער מידע, פאַרטראַכטע אויגן און אומעטיק געזאָגט:

— איר בייזערט זיך אומזיסט, חברטע. איך בין זייער, זייער צופרידן, וואָס איר זענט געקומען. פאַר אַרבעט — איז דאָ ביי אונז אַ ברייט פעלד. אָבער דיסציפלין, זע איך, פעלט אייך נאָך אינגאַנצן. דאָס איז נישט גוט. דאָ איז בנוגע דיסציפלין — זייער שטרענג.

און פלוצלינג האָט ער ווידער גיפטיק-ביטולדיק אַ שמייכל געטון, און זיינע שפלדיקע אויגן האָבן זיך פאַרצויגן מיט אַ פייכטער נעפלדיקייט.

— די שרויפן פון דער דיסציפלין-מאַשין ווערן דאָ אַזוי פעסט צוגעדרייט, אַז די ביינדעלעך קנאַקן, האַליאַ איוואַנאָוונאַ.

— וואָס-זשע, לויט אייער מיינונג — איז דאָס שלעכט?

איך האָב גערעדט מיט אָפּשפּעטנדיקער גאווה, בייז און חוצפּהדיק. מיר איז געווען ענג מיט אים. מיין צימערל איז אַזוי ווי פול געוואָרן מיט שטויב און מיט אַ ריח פון נבלה. וואָס וויל ער דאָ, צום טייוול? ער זעט דאָך גאַנץ גוט, אַז ער איז מיר נישט ליב, אַז ער איז אַריינגעפאַלן נישט אין דער געהעריקער צייט, און זיין כאַראַקטעריסטישער אומעט ווירקט אויף מיר, ווי סם.

— אָט, האָסטו דיר... מיט בי-לדונג... און פראַגן שטעלט זי אומגעלומפערטע... מיט אַזאַ כאַראַקטער וועט אייך דאָ זיין שלעכט...

מיך איז באַפאַלן אַ שרעקלעכער כעס, אָבער פאַר גרויס אויפרעגונג האָב איך מיך גאָר צעלאַכט.

— דאָס הייסט דורכדרינגלעכקייט! איר קענט שוין מיין כאַראַקטער אויך, האָט זיך שוין אפילו אינפאָרמירט, ווי איך הייס. און וועגן דיסציפלין מיר שוין אַריינגעזאָגט...

ער איז געשטאַנען ביים פענסטער מיט זיין ביטולדיקן שמייכעלע און זייטיק געקוקט אויף מיר. זיינע אויגן, שאַרפע,

קלוגע, פריילעך בלישטשענדיקע האָבן מיך דורכגענומען פון קאָפּ ביז די פיס.

— איך בין זייער, זייער צופרידן, וואָס איר זענט געקומען...

— ניין, הערט נאָר, חבר שול־אַרבעטער, דאָס ווערט שוין זייער אינטערעסאַנט. איר האַלט זיך, ווי אַ פּ י ט י ש ע ט ר ע פ ע ר י ן.

ער האָט זיך פּלוצלינג צעלאַכט הייזעריק, מיט הפסקות, אַזוי ווי העשענדיק, און זיינע אַקסלען האָבן זיך גענומען טרייסלען, ווי די פליגל ביי אַ האָן. די ציין האָבן ווידער גענומען בלישטשען מיט געזונטער, פּאָרצעלייענער ווייסקייט, און די אויגן האָבן זיך פריילעך צעגלאַנצט. און אַ מאָדנע זאַך: אויך מיר איז געוואָרן פריילעך און קינדיש־לייכט אויפן האַרץ, ווי מיר וואָלטןביידע צוזאַמען אָפּגעשפּילט עפּעס גאָר אַ פיין שטיקל.

— דאָס הייסט, האַליאַ איוואַנאָוונאַ, איר האָט געוואָלט זאָגן אַ דעלפישע וואָרזאָגערין אָדער דעלפישע הייליקע?... אַ פּיטישע טרעפערין, כאַ, כאַ... דאָס — איז אויסגעצייכנט...

און דאָס לאַכן האָט פּלוצלינג ריין געמאַכט די לופט, און אונז גלייך דערנענטערט. די באַציִונג צווישן אונז איז געוואָרן אַ לייכטע און האַרציקע.

— זעצט אייך, חבר קירעעוו... וואָס שטייט איר? לאָמיר אַ ביסל שמועסן אינטים.

— ערשטנס, נישט קירעעוו, נאָר קיריקאָוו... איר האָט אַ שלעכט געהער... ביים דערציען קינדער דאַרף מען האָבן אַן עמפינדלעך אויער, וואָס זאָל גוט רעאַגירן אויף קלאַנגען... צווייטנס, רופט מען מיך פשוט פּראָכאָר... אַלע רופן מיך אַזוי... דאָס קלינגט שטאָלץ און גרינטלעך — פּראָכאָר. און, דריטנס, וויל איך מיך נישט זעצן. יאָ, וויעטראָוו — איז אַ קיזלשטיין...

ער זיצט פעסט אין די ווירטשאַפטלעכע ענינים, ווי אין אַ ברוק... אַ גרויסער ליבהאָבער פון די פּראָבלעמען, וואָס פאַרנעמען זיך מיט פּי און מאַשינען. אַצינד איז ער פאַרנומען מיטן פּראָיעקט פון עלעקטראָפיקאַציע... אַן אָנהענגער פון דער

ווירטשאַפטלעכער באַזע... אָנהייבנדיק פון אַ באַזע פון חזירים און פי...

ער איז דורכגעגאַנגען פאַר מיר, פלוצלינג זיך אויסגעגלייכט, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אַהינטער, אַריינגעשטעקט די לינקע האַנט אין דער קעשענע און געשעפטמעסיק צעשטרייט אַ קוק-געטון אויף מיר פון אונטערן שטערן אַפּער. איך האָב גלייך דערזען, אַז ער — איז נאָך גאָר אַ יונגער, כמעט אַ יינגל, אַז דאָ — איז ער אַן איי-געגער מענטש, אַז זיין כוח און באַדייטונג זענען זייער גרויס. אין זיין אָנבליק, אין זיכערן גאַנג האָט זיך באַוויזן עפּעס אַזוינס, וואָס האָט דערמאָנט אָן אַ מענטש מיט אַן אַמביציעזן כאַראַקטער. ער האָט, משמעות, באַמערקט מיין דורכדרינגלעכן בליק און, אַ ברוגזער, זיך אויסגעדרייט צו מיר אויף דער שוועל:

— יאָ, די פראַגע איז: נאָכוואָס איר זענט דאָ אַהערגע-קומען?

איך בין געוואָרן צעמישט און האָב מיך צעלאַכט, פילנדיק אָבער, אַז איך ווער רויט פון פאַרלעגנהייט.

— איר, חבר, פאַרוואונדערט מיך די גאַנצע צייט מיט אייע-רע מאָדנע פראַגן. איר האַלט מיך, משמעות, פאַר עפּעס גאָר אַן אומבאַוואוסטזיניק מיידל.

— נו, גיי-ט שוין... — זיין פּנים האָט ווידער גענומען אויס-דריקן דערשלאָגנקייט, און די אויגן זענען געוואָרן — שפּלדיקע. — נו, גייט שוין... מען דערקענט באַלד שטאָטישע קאָקעטעריע... אַ באַלאַנסירן... דאָ איז דאָס נישט נייטיק... איך ווייס, וואָס איר וועט מיר ענטפערן: איר זענט געקומען אויף אַן אמת.

— איז דאָך דאָס קלאָר אַן אייער אומגעלומפּערטע פראַגע, חבר פראָכאָר.

ער איז צוגעגאַנגען צו מיר שטרענג, מיט פאַראַכטונג אין די קלוגיטשקע אויגן און מיר אַ קלאַפּ-געטון איבער דער פּלייצע.

— שלאָגט זיך אַריין אַ טשוועקל אין אייער קודלאַטע קעפּל, האַליאַ איוואַנאָוונאַ... נישט אויף קיין אמת!... ניין! מיטאַרבעטן!... אַרבעטן גלייך מיט אַלע ביים שאַפן אַ קאָמוניסטישן קאָלעקטיוו...

יאָ! ליקווידירט-זשע בעסער אָט די אַלע שמאַכטעס אייערע... דעם שפּיגל, אַ שטייגער... די שעכטעלעך... שטותים!... פּיטישע וואָרזאָגערין!... דאָ מוז מען זיך פאַרגעזעלשאַפטלעכן ביז די קישקעס אין בויך... יאָ... איך בין זייער, זייער צופרידן, וואָס איר זענט געקומען...

מיך האָט שוין צײַנד שטאַרק געצויגן צו אים. איך האָב אַרויסרופנדיק געקוקט אויף זיינע אויגן, שפּאָטיש-נערוועזע, לייכט-אויפרייצנדיקע, און אַ טרייסל טוענדיק מיט די האָר פון קאָפּ, האָב איך פאַרלייגט די הענט אויף די היפטן

— איר זאָגט ליגנט. און איר זענט אינגאַנצן עפּעס אַזאַ צונויפגעסטריגעוועטער און געלעכערטער.

— מאַטעמאַטיק האָס איר געלערנט? נישט געוויסנהאַפט געלערנט... אַזוי זיך, אַבי איבערצוקומען... נו, גייען דאָ די פאַרמולן — אין אַ זייט: דאָ מוז מען די מאַטעמאַטיק מיטן געפיל און די אייגענע זייטן דורכאַרבעטן...

— נו, שפּילט זיך נאָר נישט אין פּיטישער וואָרזאָגעריי. פאַרוואָס האָט איר אַליין ביז אַצינד זיך נאָך נישט איבערגעשאַפן אין אַ קאָמונאַר?

— איך? הם...

— יאָ, איר טאַקע...

— איך בין נישט ראוי, פריינט מיינער. אַ צו שווערער גבורט. איך גיי אָפּ מיט בלוט און זאַפט. פרעמד — בלוט און פלייש... אינטעליגענטיש בלוט... איך לייד אויף זעלבסט-אַנאַליז. אפשר וועל איך געבוירן ווערן אַ טויט קינד. און אפשר... אפשר וועל איך מיך גאָר צעשרייען ביי דער שטיק-ווי מיט אַזאַ זאַפטיקן או-אַ! וואָרים, אויב דו וועסט פאַר דער צייט אַרויסשרייען דעם זעלבן „או-אַ“, וועט אַרויסקומען אַ פאַלשער „הוראַ“, ווי ביי אַ קבצן, אַן אונטערלעקער. דאָ זענען פאַראַן ביי אונז מענטשן, וואָס אַרבעטן — איר וועט זען. דאָ ווערן — ווי אין אַ כעמישער לאַבאָראַטאָריע: מענטשן געפּאָרשט מיט דער הילף פון שטאַרקע

רעאַקטיוון... איך געפין מיך אַליין אין דער לאַגע, און ס׳איז מיר דאָך טשעקאַווע זיך צוצוקוקן... נו, דערווייל.

ער האָט איבער עפּעס ווידער זיך איינגעהויקערט און אַ מרה-שחורהדיקער זיך געלאָזט גיין איבערן קאָרידאָר, און פּלוצלינג האָט ער זיך ווידער אומגעקערט און מיטן זעלבן יאוש, וואָס פריער, אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

— יאָ, אַ קאָמונע... אַ קעמערל פון דער צוקונפטיקער געזעלשאַפט... יאָ!... און די שול — איז עפּעס אַ פינסטער שעכטהויז פאַר פליגן. קיין ברונען איז נישטאָ — וואַסער טרינקט מען — שטינקענדיקס, פון זומפּ. און נאָך עפּעקטפולער — איז דער רעקאָרד-נומער: דערליידיקן-זיך — גייט מען אונטערן פרייען הימל. דאָס איז אַזאַ פּאַסטוך-אידיליע. עס איז קיין בית-הכסא נישטאָ.

איך האָב מיך געקייקלט פון געלעכטער און בין אַ פאַלגעטון אויפן בעט.

אין אייגענעם נעסטעלע

ביזן אָוונטברויט האָב איך מיך פאַרנומען מיטן איינאָרדענען מיין נעסטעלע. איך האָב איבערגעבעט דאָס בעט, און די שנייאיקע ווייסקייט און לופטיקע לייכטקייט דערפון האָבן מיך אַזוי ווי באַפליגלט. איך האָב צוגערוימט דאָס טישל: איבערגעדעקט עס מיט אַ גרויס פרעכטיק-געבלימט טוך, — דער מאַמעס אַ מתנה (דאָס טוך געדענק איך נאָך פון דער צייט, ווען איך בין געווען אַ קינד), — אויסגעלייגט אין די זייטן ביכער, אַוועקגעשטעלט אין מיטן אַ קליין טינטערל פון גרויען מירמלשטיין. דאָסדאָזיקע טינטערל האָב איך געקויפט פאַר מיין אַוועקפאָרן — איך האָב מין נישט געקאָנט גובר זיין נישט צו קויפן עס. איך האָב שוין לאַנג נעהאָט געחלומט וועגן איינשאַפן זיך אַ שיין טינטערל מיט אַ פיין דעקל, וואָס זאָל ענלעך זיין צו אַ גלעקעלע. איך האָב עס אַוועקגעשטעלט אויפן טיש און לאַנג געשעפּט תענוג פון דער זילבערדיקן היטעלע, וואָס האָט געפינקלט אויף דער זון. איך האָב

עס אפילו אָנגענומען מיט קינדישער פרייד ביים קיילעכל און גע·
נומען קלינגען דערמיט איבערן קוביקפּאָרמיקן קריסטאָל פון טינ·
טערל. לעבן טינטערל האָב איך אַוועקגעשטעלט אַ הילצערן
בעכערל אויף בליישטיפטן און האַלטערס, און הינטערן טינ·
טערל — אַן ערמאַטורקע פון דראָט, אין דער פאָרם פון אַ
פּעכער, געדיכט באַזעצט מיט פאָטאָגראַפיעס און אָנזיכטס·קאַרטן.
מיטן דעקאָרירן די ווענט האָב איך מיך פאַרנומען לאַנג:
אַ דריי מאָל אַלץ געענדערט, און אייפעריק באַטראַכט פון
פאַרשידענע זייטן אין צימער — פון דער טיר, פון בעט, פון
טיש. איבערן בעט האָב איך אויפגעהאָנגען, געדרוקט אויף
לייוונט — „אַליענושקען", איבער „אַליענושקען" — לעניניען. קעגנ·
איבער אויף דער וואַנט — די קרופּסקאַיאַ, און אַלס ראַם, אין
דער פאָרם פון דעם אות П, האָב איך אויפגעהאָנגען מיין שאַל
פון גאַזע. אויף פאַרשידענע ערטער, אויף דער זעלבער וואַנט,
האָב איך מיט קנאָפּקעס צוגעשפּיליעט גרויסע פּלאַקאַטן, מיט די
אויפשריפטן: „ווי אַזוי דאַרף מען זיך באַגיין מיט אַ זייג·קינד"
און „שפּילעריי און באַשעפטיקונג מיט קינדער פאַרן שול·עלטער".
איבערן טיש (דעם טיש האָב איך אַוועקגעשטעלט אין ווינקל פון
פענסטער), האָב איך צוגעשפּיליעט מאַקסים גאָרקין, אין דער יוגנט,
ווען ער האָט נאָך געטראָגן לאַנגע האָר. דעם שפּיגל האָב איך אויפ·
געהאָנגען צווישן בעט און דער טיר, אונטער אים — אַוועקגעשטעלט
אַ טאַבורעטקע, זי איבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע פון דער קאָ·
מונע, וואָס איז פריער געלעגן אויפן בעט, און אויף איר אַוועק·
געשטעלט פאַרשידענע טואַלעט·מכשירים: פלעשעלעך, אַ סלויאיקל,
אַ טעצעלע אויף זייף, בערשטעלעך פאַר די ציין און די נעגל.
פאַרן בעט, אויפן דיל, האָב איך אויסגעשפּרייט אַ קליין טעפּיכל
פון היימישער אַרבעט — אויך אַן אַלט חפץ: וואָס די מאַמע האָט
מיטגעבראַכט פון דאָרף נאָך פאַר מיין געבוירן ווערן. דאָס אַלץ
האָב איך געטון מיט גרויס הנאה און מיט ליבשאַפט — געטון שנעל,
באַגייסטערט און זיך דערביי געפילט גליקלעך. און ווען איך האָב
זיך אומגערן דערזען אין שפּיגל, האָב איך מיך אפילו פאַרשעמט

און אַרויסגעלאָזט אַ פריידיקן זיפץ וועגן זיך: אַזוי שיין האָב איך מיר אַליין אויסגעזען. מיינע אויגן האָבן זיך אַזוי ווי אויסגעברייטערט, זענען געוואָרן פול מיט עפּעס אַ פאַרבאָרגענעם געדאַנק, און זייער טונקעלער טיפקייט איז אַרומגעשוואָומען אַ כּישופדיקער טרויער. און די געדיכטע, אינגאַנצן מענלעכע ברעמען האָבן זיך געטונקלט שווער און קראַפטפול. באַהערשט פון אַן אומקלאָרער אויפרעגונג, בין איך צוגעגאַנגען צום טיש, זיך געזעצט אויף דער טאַבורעטקע און דערפילט אַ מידיקייט. העל האָבן אויפגעפלאַמט אין זכרון אָפגעריסענע שטיקלעך בילדער פון דער פאַרגאַנגענהייט. מסתמא זענען זיי אַרויסגערופן געוואָרן דורך די זאַכן, וואָס האָבן אויפגעלעבט אונטער מיינע הענט...

...אַ קליינע אַרבעטער-משפחה: דער טאַטע, די מאַמע, איך. אַ קליין צימערל אין אַן אַרבעטער-הויז. אַ טעקסטיל-פאַבריק. דער טאַטע, וואָס אַרבעט אין וואַרשטאַט פון די אינסטרומענטן, דרייט זיך אַרום תּמיד, אפילו אין דער היים, אַ ברודיקער, אַן אָנגעזאַפּטער מיט אַ ריח פון אייזן און שמירעכץ, אַ מרה-שחורהדיקער, אַן אָנגעלאָדענער, ווי אַן אָקס, מיט אַ קול פון אַ טויבן, שווערן באַס. דער טאַטע האָט מיך קיינמאָל נישט געצערטלט, אָבער איך האָב מיט מיין גאַנץ וועזן געפילט זיין ליבשאַפט און צערטלעכע גוטסקייט צו מיר. מיט דער מאַמען האָט ער זיך געהאַלטן אָנגעכמורעט, פרעמד, נישט גערעדט מיט איר, בלויז אַרויסגעגעבן באַפעלן. ער איז געשטאָרבן פּלוצלינג, פון אַ האַרץ-אַטאַק, ווען איך בין נאָך געווען אַ קליין מיידעלע. די מאַמע האָט שטענדיק מורא געהאַט פאַר אים אימת-המות און איז ענלעך געווען צו אַ נעבעכדיקן, געשלאָגענעם הונט. און איך בין געוואָרן איבערראַשט, ווען איך האָב זי דערזען לעבן זיין טויטן קערפּער. זי איז געווען גאָר פאַרצווייפלט. זי האָט אַזוי לאַנג געוויינט פון צער און ליבשאַפט, ביז זי איז געפאַלן אין חלשות. זי בענקט נאָך ביז היינט נאָך אים, און ווען זי דערמאָנט זיין נאָמען, פילן זיך אירע אויגן אָן מיט טרערן. די מאַמע אַרבעט נאָך היינט אויך אין אַ פאַבריק: זי — איז אַ דעלעגאַטקע, וואָס איז

אריינגעטרעטן אויפן לעבן־רוף אין דער פארטיי. אבער די דערשלאגנקייט און דער אינערלעכער פחד, וואס לעבן אין איר, האבן זי נישט פארלאזט. און דידאזיקע באזונדערקייט אירע, די געעלטערטקייט פאר דער צייט, דער קאליר פון פנים, ווי ביי א מאנאכין, דאס הארציק־וויברירנדע קול, אין וועלכן עס פילן זיך א סך דורכגעלעבטע ליידן, ישוב־הדעת און לעבנס־דערפארונג, — דאס אלץ ווירקט אויף די ארבעטער־מאסן איבערצייגנדער פון אלע רעדעס און ציפערן.

...אט גיי איך שוין אין שול אריין אויך — איך בין א לעבעדיק, קודלאטע מיידעלע, אן איינרייסערין, א שלעגערין, פאר וועלכער אפילו די יינגלעך האבן מורא. דערנאך — די פאבריק, די וועבערייי־אפטיילונג. דאס ווייסע שפינוועב פון די פעדים, דער געפליגלטער לויף פון די אויטאמאטישע וועבשטולן. דער קאמסאמאל. איך בין אן ארגאניזאטארין פון א פיאנערן־אפטיילונג. דערנאך דער ראבפאק, דער וואוז*). ווי שנעל דאס אלץ איז דורכגעלאפן! און ווי דאס אלץ לעבט נאך אין מיר, ווי איך וואלט עס אלץ מיטגעבראכט דא אהער: און איך ווייס נישט, צי בין איך נאך אלץ יענץ מיידעלע, די שטיפערקע, אדער בין איך שוין א דערוואקסענע, מוטיקע פרוי. אלץ איינס. איך פיל מיך יונג, פול מיט כוחות, מיר גלוסט זיך אי ווייזן זיך, אי אויספירן א גרויסע ארבעט, אז דער אטעם זאל פארגיין; עס גלוסט זיך קעמפן, ראנגלען זיך, ברענען און זינגן. איך בין אלט — דרייאונצוואנציק יאר. כאפט זיי דער טייוול, די יארן, אויב איך פיל מיך ערשט, ווי א זיבעצןיעריקע קאמסאמאלקע! איך וועל דא באווייזן וואונדער, איך וועל איבערראשן אלע מיט דער דרייסטקייט פון מיינע פלענער און אומדערמידלעכקייט אין קאמף. היינט אין אוונט... יא, היינט אין אוונט, — אין א שעה ארום, אין צוויי שעה ארום, — וועל איך מיך באווייזן פאר זיי, פאר דידאזיקע מענטשן פון העק, וועלכע קאכן זיך אין אייגענעם זאפט, הילפלאזע צוליב זייער אומוויסן

*) ראבפאק — ארבעטער־פאקולטעט, וואוז — הויכשול.

און די דאָרפישע געוואוינהייטן. זיי וועלן שטיין בלייבן נשתומם, מיט געעפנטע מיילער, און, אַנטציקטע, זיך קלאַפּן איבער די שטערנס: עך, אַט ווער עס האָט אונז געפעלט! אַט ווער עס וועט אונז באמת איינאָרדנען אַ וואונדערלעך לעבן! איך וועל אָרגאַניזירן די פרויען, וועל פירן מיט זיי אַן אינטענסיווע קולטורעלע און דערציִערישע אַרבעט, זיי וועלן זיך צונויפלעבן מיט מיר און זיך פאַרוואַנדלען אין אמתע פּראָלעטאַריערינס, אין באַגייסטערטע בויערינס פון אַ קאָמוניסטיש לעבן...

...אַ ספּאָזמאַטיש לאַכן ציט צונויף מיין האַלז און צעקרימט מיר אַזוי דאָס פּנים, אַז איך דערפיל אַ שאַרף צופּן אין דער נאָז און אין די אויגן, ווי דאָס טרעפט, ווען די ציין ווערן הייליק. איך האָב מיך פּלוצלינג דערמאָנט אַן קיריקאָוון און אַן זיין קול, וואָס איז אַזוי שפּלדיק:

— יאָ-יאָ, אַ קאָמונע... און דערליידיקן-זיך גייען די מענטשן אונטערן פרייען הימל אַרונטער... דאָס איז אַזאַ אידיליע!... וואָס פאַר אַן אויסטערלישער, ליבער בחור דאָס איז! און וויעטראָוו — איז אַ חכם און אַ וואונדערבאַרער חבר, אַזאַ שטאַרקער און זיכערער אין זיך. און לושאַ איז אַ האַרציקע און פריידיקע. אַפּנים, אַלע דאָ זענען אַזעלכע אויסגעצייכנטע מענטשן. זיי האָבן מיך גלייך באַמערקט, גלייך הויך אָפּגעשאַצט און ליב געקריגן, ווי איך וואָלט געווען — זייערס אַן אייגענע, און זיי — מיינע אייגענע...

אומגעריכטע מענטשן

אין קאָרידאָר האָבן זיך דערהערט מונטערע שטימען, עס האָבן געגנומען קלאַפּן אָפּצאָסן, און די בין-השמשותדיקע ליידיקייט איז פול געוואָרן מיט גערויש. איך האָב איבער עפּעס גלייך באַשלאָסן, אַז די מענטשן גייען צו מיר, און ווייס נישט, פאַרוואָס איך האָב מיך דערשראָקן, פּונקט ווי איך וואָלט געווען אין עפּעס שולדיק קעגן זיי. איך האָב גלייך געמאַכט מיינע מלבושים,

זיך אַרומגעקוקט איבערן צימער — אַלץ איז געווען אין אָרדנונג. אָבער מיין אומרויקייט איז שנעל געוואַקסן און געמאַכט ציטערן מיין האַרץ. די ווענט האָבן זיך געוויגט, און זייער פלאַכקייט האָט אַזוי ווי זיך אויסגעקרימט — אויך זיי האָבן זיך געלאָזט הערן און מיך אויסגעלאַכט. אָבער די באַקאַנטע שטימע אין מיר האָט אויסגעשריגן שטרענג און מיך אויפגעפאָדערט: זיי פעסט און אויסגעהאַלטן, האַלינאַ!

די טיר האָט זיך ברייט אַן עפן-געטון, קיינער האָט אין איר פריער נישט אָנגעקלאַפּט. אין אַ גרינער קורטקע פון אַ רויט-אַרמייער און קורצע הייזלעך, איז דרייסט אַריינגעקומען אַ בחור, זייער ענלעך צו אַ ציגיינער — מיט אַ ברוין פנים, געהאָרבעטער נאָז און שוואַרצע, גלאַנציקע האָר. זיינע אויגן זענען אויך געווען שוואַרצע, הייסע, אַמביציעזע. צוזאַמען מיט אים איז אַריינגעקומען אַ נידעריק, קרעמפּע מענטשל, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַראָפּגעדריקט פון דער הייך, מיט אַ ברייט, רויט פנים, אַ באַוואַקסנס מיט צימרינג-רויטע שעפּסן-האָר, מיט אַ פּאַרריסענער נאָז, — אַ ברוסט — אַ ברייטע און בולטע, פיס — דיקע און קרומע.

דער בחור, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַ ציגיינער, האָט מיר פעסט אַ טרייסל-געטון די האַנט און זיך שאַרף איינגעגעסן אין מיר מיט זיינע פאַרדעכטיקע, הייסע אויגן. זיינע וויעס האָבן געציטערט, ווי ער וואָלט געקעמפּט מיט מיינע אויגן.

— גוליאַקאַ... מיין נאָמען... סעקרעטאַר פון ראַט...

און ער איז אַוועקגעגאַנגען אין דער זייט אַריין — צו דער וואַנט-צו.

דער צווייטער איז צוגעגאַנגען נאָך אים און שווייגנדיק, גלייכגילטיק, ווי געניים, מיר אַריינגערוקט די האַנט. די גראָבע, אָנגעדראָלענע פינגער האָבן זיך אינגאַנצן נישט צונויפגעדריקט. ער האָט געקוקט זייטיק, מיך אויסמיידנדיק, מיט אַ טריבן, שטומען בליק פון אַ באַלעבאָס. זיינע אויגן זענען געווען גלייכ-

ניִלטיקע, גרינלעכע. ער האָט מיך אַזוי ווי נישט באַמערקט אָדער נישט געוואָלט באַמערקן.

גוליאַקאַ האָט זיך אַרומגעקוקט שווייגנדיק, אַזוי ווי אויפגערודערט: זיך צוגערירט מיט די פינגער צו די בילדלעך, צו דער שאַנק, אַ קלאַפּ־געטון מיטן נאָגל איבערן שפּיגל, גענומען אין דער האַנט אַריין די סלאָיקעלעך און שעכטעלעך און אָנגעטאַפּס דאָס ליילעך אויף דער טאַבורעטקע.

ער איז צוגעגאַנגען צו מיר און ווידער פון דער נאָענט מיך אָפּגעבריט מיט זיינע הייסע אויגן. אין זייער שוואַרצער טיפקייט האָט זיך געצאַפּלט אַ לאַנגסטיקער, אומרויקער געדאַנק.

— אָט וואָס, האַליאַ איוואַנאָוונאַ, די זאַך שטעלט זיך פאָר אַזוי: דאָ ביי אונז קאָן אפילו דער טייוול אַ פוס צעברעכן. איך קוק מיך צו, ווי אַזוי איר האָט זיך דאָ איינגעאָרדנט און... וואָס איר טראַכט וועגן אייער לאַגע דאָ? ! שטותעריי! דאָס הייסט דאָך פשוט — נעמען און באַגראָבן די אייגענע פערזענלעכקייט אין מיסט...

איך האָב מיך איבער עפּעס דערשראָקן, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט מיר אַ קניפּ־געטון מיט דער האַנט אין אַקסל. ער האָט געאָטעמט מיט אַ געפּאַר, וואָס איז מיר געווען אומפאַרשטענדלעך, און דאָס ציטערן פון זיינע וויעס האָט אויף אַ פיינטלעכן אופן באַאומרויקט מיין האַרץ. ער האָט זיך איינגעקלאַמערט מיט זיינע אויגן אין מיר און כיטרע מיך אויסגעלאַכט, ווי איינער רעדט: איך האָב מיך גוט איינגעביסן אין דיר, קליינבירגערין, און איך וועל דיך פון אַצינד אָן שוין נישט צורו לאָזן. איך האָב פלוצלינג דערפילט זייער שאַרף, ווי מיינע וויעס האָבן אויך אומגעריכט אָנגעהויבן קאָנוואולסיוו צו ציטערן. מיט אַ [illegible]עפּיל פון פיינטלעכן חוזק האָב איך אים אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס און ביטולדיק אַ מורמל געטון:

— איך פאַרשטיי גאָרנישט, חבר גוליאַקאַ. איר רעדט שוין עפּעס צו פאַרפּלאָנטערט.

גוליאַקאַ האָט שווייגנדיק געקוקט אויף מיר עטלעכע רגעס,

דערנאָך זיך ווידער דורכגעגאַנגען איבערן צימער. פון דער שוועל האָט ער מיך דורכדרינגלעך באַטראַכט אַ ווײַלע און וועגן עפּעס פאַרגעדענקט. ענדלעך איז אים קלאָר געוואָרן, און ער האָט אַ שטאָלפּער-געטון מיט דער האַנט אין זײַן חברס ברוסט אַרײַן.

— דאָס איז באַנקין, אונזער סעקרעטאַר פון קעמערל. אַ וואוילער בחור: ער באַמיט זיך וואָס שטאַרקער זיך צו האַלטן אָן דער פּאַרטליניע. ער האָט זיך דערפרייט מיט אײַך... אַ פרויען-אָרגאַניזאַטאָר איז אים נייטיק. אַלזאָ, באַנקין, רוק-זשע אַרויס דײַנע פּראָבלעמען אָדער... אפשר שפּעטער... צוזאַמען מיט די פרויען ?...

באַנקין איז געשטאַנען לעבן פענסטער און געבלעטערט אַ בוך, אַזוי גלײַכגילטיק, ווי ער וואָלט געווען אַ הילצערנער. ער האָט געשוויגן און אַזוי ווי מיט דער הילף פון דעמדאָזיקן בוך קאָנטראָלירט מײַנע געדאַנקען. דערנאָך האָט ער עס מיט עקל אַ וואָרף-געטון און ווידער טריב זיך אַרוגעקוקט, מיך אויס-מײַדנדיק. ער האָט נישט געהאַט בײַ מיר וואָס צו טון, און זיך אויסגעדרייט צו מיר מיטן רוקן. געענטפערט האָט ער אויף אַ משונהדיקן אופן, עפּעס אַזוי ווי נישט זיך אַליין, נישט גוליאַקען:

— מיר וועלן אַלץ-אינאײנעם צוזאַמען... באַהאַנדלען... מיר וועלן מיט דעם ענין צוווארטן ביז צו דער פאַרזאַמלונג. פאַר אונז איז אַ פּראָלעטאַריערין, אַ פּאַרטיי-חברטע — אַן אמתער אוצר. מיר וועלן באַשליסן היינט אויף דער פאַרזאַמלונג פון ראַט. מיר וועלן אײַנשפּאַנען. אַ גוטע אָנפירערין פאַר די פרויען — שלאָג-לערישער פון אַ טראַקטאָר.

איך האָב געקוקט אויף זיי בײדע, און אויף דער נשמה איז מיר געוואָרן איבלדיק — עס וועט מיר זייער שווער זײַן צו לעבן מיט דידאָזיקע מענטשן.

גוליאַקאַ איז ווידער געשטאַנען לעבן מיר, און ווידער האָב איך באַמערקט דאָס ציטערן פון זײַנע וויעס.

— יאָ, חברטע... האַליאַ איוואַנאָוונאַ... פּראָבלעמען האָבן מיר אַ סך... ווי איז אײַער מיינונג וועגן די פּראָבלעמען

פון פריוואַטן לעבן ? נו... לאָמיר זאָגן... וועגן די פראַגן פון חתונה... פאַמיליע ?... וועגן די פראַגן פון אייפערזוכט און געשלעכטלעכן צוזאַמענלעבן ? הי ?... און וועגן אייגנטום ? הי ?...

פאַרוואָס מאַכט ער פון מיר חוזק ? מיט וואָס האָב איך אַרויסגערופן זיין אומצוטרוי צו מיר ? פון וואַנען נעמט זיך צו אים אַזאַ איבערגעטריבענע פאַרדעכטיקייט ? אמת, איך בין פאַר זיי — אַ נייער מענטש, וועלכער קאָן זיין געפערלעך : איך קאָן שעדלעך ווירקן אויף די פרויען — אַריינברענגען צעשטערונג אין דעם לעבן, וואָס זיי האָבן געשאַפן פאַר זיך. אין זיינע אויגן בין איך אַזעלכע, וואָס קאָן אויף אַן אומבאַוואוסטזיניקן אופן זיך אַריינרייסן אַהער ווי אַ שונא, וועלכן מען דאַרף פריער גוט אויספאָרשן אָבער פאַרוואָס-זשע מוז מען דאָס טון אויף אַזאַ גרינגשעציקן איז און מיט אַזוי פיל פאַרביסנקייט ? און איך האָב ווידער מיט ווינטלעכן חוזק אין די אויגן אים אָפּגעמאָסטן פון אויבן ביז צו עפּ און בייז און אַרויסרופנדיק זיך צעלאַכט.

— איר וואָלט מיר בעסער, חבר גוליאַקאַ, מיטגעטיילט, וואָסערע מיטלען עס זענען דורך אייך באַשטימט געוואָרן פאַר דער אָרגאַניזאַציע פון די קינדער-אינסטיטוציעס. וואָרים, כ'לעבן, אייערע פראַגן קלינגען פשוט קאָמיש.

ער האָט, אַ פאַרלוירענער, זיך אַ קראַץ-געטון איבער דער נאָז פון אונטער דער האַנט אַפּער, אין פאַרלעגנהייט, גענומען קוקן דאָ יף גאַרקין, דאָ אויף מיר, דאָ אויף באַנקינען, ווי ער וואָלט בשום אופן נישט געקאָנט זיך משער זיין, אין וואָס ער איז שולדיק קעגן מיר.

— הם... נישט נייטיק !... די פראַגן — זענען וויכטיקע... דורכגעליטענע... שטייען אויפן טאָג-אָרדנונג... מיר ליידן דאָ גוט פון זיי... עסן זיך גוט די לעבער אָפּ. אַלזאָ, וואָס-זשע, באַנקין ?

און באַנקין האָט געקוקט אויף דער וואַנט, גלייכגילטיק און מיך אויסמיידנדיק.

— אַזוי איז דאָס... בכלל, און אין אַלגעמיין גענומען... פאָדערט יעדע אַרבעט אָרגאַניזאַציע... צום דאַרף האָבן אַ פּלאַן.

אין דיין אייגן קליין וועלטל ביסטו א גאָרנישט. וואָסער ווערט האָבן דיינע פּראָבלעמען? שטותעריי! אינדיווידואַליזמעז! טרייבן דאַרף מען — האַלז און נאַקן!

גוליאַקאַ איז נאָך אַלץ אַזוי, אַ פֿאַרטראַכטער, מיט הייס־אָנגעצונדענע אויגן, געשטאַנענען לעבן מיר, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף אַן ענטפֿער פֿאַר זיינע פֿראַגן. באַנקין האָט זיך פֿאַרקוקט אויפֿן טינטערל און ווי פֿאַרגליווערט געוואָרן, באַצויבערט מיט דער שיינקייט דערפֿון. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, גענומען דאָס דעקעלע, צוגעטראָגן עס זייער נאָענט צו זיין פּנים און גוט באַטראַכט פֿון אַלע זייטן. אויך ער האָט קאָנטראָלירט מיינע זאַכן, ווי גוליאַקאַ, און אַ געפּלעפּטער פֿון זיי, געבליבן שטיין מיט אַ פֿאַרווירטקייט אויפֿן פּנים.

— יאָ־יאָ... אַ פֿיין זאַכעלע... הער, איר גלעקלעך, מיינע קליינע... טרעלן... מויל און אויערן אויפֿצושטעלן...

גוליאַקאַ, אַ פֿאַרזונקענער אין זיך, האָט אָנגעהויבן שפּרייזן איבערן צימער. ער האָט אַריינגערוקט די הענט אין די קעשענעס, און אין זיינע אויגן האָט זיך ווידער באַוויזן יענער אויסדרוק פֿון צודרינגלעכן ווייטיק, וואָס האָט אים קיין רו נישט געגעבן.

— מען וועט שוין ווי־ס׳איז דורכקומען. אַלץ וועט גיין מיט דער ליניע, באַנקין. נודע שוין נישט!

ער האָט דיסקוטירט כּלומרשט מיט זיך אַליין, אָבער זיין קול, אַ קרעכטיקס, אַ קלינגענדיקס, פֿול מיט פֿאָדערונג, איז געווען געווענדט בלויז צו מיר.

— מילא, די אַלע פּראָבלעמען וועלן מיר פֿאַרענטפֿערן... אין פּראָצעס פֿון לעבן. אין אונזער לעבן גייט אַלץ אַזוי, אַז די פּראָבלעמען פֿון באַציונג ווערן אָפֿט געלייזט, אינגאַנצן אומאָפּהענגיק פֿון אונז. אַט ענטפֿערט אונז קיריקאָוו אויף די פּראָבלעמען מיט שאַרעדעס. אָבער, האַליאַ איוואַנאָוונאַ, עס גייט אין דעם, וואָס איר וועט זיך פֿאַרפּלאָנטערן אין אָט די שמאָכטעס אייערע. אין דער לאַגע, וואָס מיר לעבן, טאָר מען נישט פֿאַרטרעטן די אייגענע אינטערעסן מיט נאַרישקייטן. איר האָט נישט ריכטיק

אויסגעגנוצט דאָס מעבל: אַ טאַבורעטקע — איז געמאַכט געוואָרן דערויף, מען זאָל אויף איר זיצן, און אַ קאָלדרע — מע זאָל זיך מיט איר צודעקן. די שאָל האָט איר געמאַכט פאַר אַ צירונג — הייסט עס, אַז זי איז אַ לוקסוס, און לוקסוס איז די שעדלעכסטע זאַך אין לעבן. אַט ליידט שוין באַנקין פון קנאה. נו, און קנאה פירט צום אָפרייסן זיך פון קאָלעקטיוו. פון קנאה — שטאַמט גנבה און צוגעבונדנקייט צו אייגנטום. זאָגט אייך, וואָס איר ווילט, און מיר ווילט זיך אָט דאָס גאַנצע מיסט אַרויסקערן פון דאַנען מיט אַ בעזעם. דורך די אייגענע זאַכן פאַרוואַנדלט זיך דער מענטש אין אַ יעזש. יעדע זאַך — איז אַ שטיין, און דער שטיין פאַרצוימט דעם וועג צום מענטש.

ער האָט זיך אויסגעדרייט אויף די אָפּצאַסן און אַרויסגעגאַנגען אין קאָרידאָר אַריין. באַנקין איז אים גלייכגילטיק נאָכגעגאַנגען. איך האָב נישט געפונען קיין ווערטער — צו ענטפערן גוליאַקין: איך האָב מיך געפילט באַליידיקט און דערשלאָגן. אין קאָרידאָר האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט לושאַן. מיט אָט דער פרוי האָב איך מיך דערפרייט, ווי מיט אַן אייגענער, ווי איך וואָלט געזען אַ שטיקל אין איר. מיר איז געוואָרן אַ בושה און אַ ווייטיק, און די גאַנצע באַקוועמלעכקייט פון מיין צימער האָט מיר אויסגעזען מיאוס און אומגעלומפּערט.

— לושאַ, טייערע, קום אַריין צו מיר... איך וויל אַלץ אַרויסוואַרפן. כאַפּט עס דער טייוול!...

— דו, שוועסטערל, ווייסט, ווער דער געץ איז? דאָס איז דאָך מיין צרה, דער מאַן מיינער פון אַלטן רעזשים... און איך האָב מיר געטראַכט אַזוי: אויב מיר האָבן מיט דער הילף פון דער רעוואָלוציע אַלץ צעריבן אויף אַש און שטויב, ממילא, איז אויך ער, דער פּאַפּישער, פאַר מיר נישט קיין עכטער מאַן... וויל איך — לעב איך מיט אים, וויל איך נישט — איז נישט... כאַטש ער האָט, דער פאַרשיווער טייוול, זיך מיר איינגעגעסן ווי אַ קלעשטש אין דער נשמה. און איך האָב גענומען און באַשלאָסן: דו לעב דיר באַזונדער, און איך — לעב

מיר באַזונדער, יעדער האָט זיך זיין ווינקעלע, און בלויז די ליבע – איז אַ בשותפותדיקע... אויפן קאָמוניסטישן שטייגער. נו, האָב איך ווײַט געטון ?

אין דידאָזיקע רייד אירע איז געווען יעפּעס פרישס, זייער שיינס, אומגעריכטס, נייעס און איבערראַשנדיקס.

– לושאַ ליבע ! דו ביסט אַזאַ וואַרימע און קערנדיקע.

גוליאַקאַ האָט, אַ פאַרטראַכטער, גאָר אַ גלעט-געטון איבער דער פלייצע און שטיל, אויך אַזוי פאַרטראַכט, אַרויסגעזיפצט :

– די ווייבער פאַרשטייען זיך דאָך אויפן וואונק און אַנטשיידן זייער לייכט וועגן זייערע פראָבלעמען.

זי האָט ברוגזדיק אים אַ פאַטש-געטון איבער דער האַנט און ויך צעשריגן :

– און וואָס ווילסטו דאָ ? אַ שנאַפּ-הונט ביסטו ? !... האָט שוין אַריינגעשטעקט די נאָז דאָ צו אַ נייעם מענטש, און איז שוין גרייט צו זידלען זיך... מען האָט דיך געבעטן ? האַ ? טראָג דיך ! טראָג דיך שוין אָפּ פון דאַנען !...

דאָס דריטע העפט

איך וואָלט געוואָלט דערציילן וועגן מיינע איבערלעבונגען מיט נייע ווערטער, מיט אַזעלכע, וואָס זענען שוין דורך עמעצן און ערגעץ-וואו אַרויסגעברענגט געוואָרן, נאָר זענען נאָך פאַר באָרגן אין תהום פון אַלטע בילדער. איך פיל מיך שוין גאָר אַנדערש — נישט אַזוי, ווי איך האָב מיך געפילט און געטראַכט מיט אַ יאָר צוריק. מיר ווילט זיך שטאַרק פאַרקערפערן מיינע געפילן און געדאַנקען אין עפעס אַזעלכע אומגעריכטע, פרישע ווערטער, וואָס זאָלן האָבן גאָר אַנדערע פאַרבן, אַן אַנדערע ציי-כענונג, ווי די ווערטער אין דער פאַרגאַנגענער עפּאָכע פון מיין לעבן! פאַרוואָס איז די מענטשלעכע שפּראַך אַזוי אָרים? ווער-טער, ווי געוואוינהייטן, ווי טראַדיציעס, זענען שטאַרקער פון טויט: זיי לעבן איבער די גרעסטע רעוואָלוציעס און אַ גאַנצע רייע דורות. קלאַסן שטאַרבן און פאַרשווינדן, אָבער זייערע ווערטער — לעבן נאָך לאַנג. ווען וועט שוין די מענטשהייט זיך דערשלאָגן צו האַרמאָניע אין אירע מעשים, אַז יעדע רעוואָלוציע פון לעבן, זאָל זיין אויך אַ רעוואָלוציע פון וואָרט? אפשר ווערן אונזערע כוחות אויסגעשעפּט פאַר דער צייט בלויז דערפאַר, וואָס אונזער וואָרט ווירקט נאָך אויף אַ זייער פּרימיטיוון אופן אויפן לעבן. אפשר שטאַרבן היינט די מענטשן פּריצייטיק דערפאַר, וואָס דער אָפּ-טויטנדיקער סם פון די אַלטע ווערטער דערהרגעט זיי? מיר שאַפן מיט אונזער אַרבעט אַ ניי לעבן, אָבער אונז שטיקן די געשפּענ-סטער פון די פאַרשטאָרבענע.

אגב, — לאָמיר מער וועגן דעם נישט רעדן. איך וועל דער-ציילן מיט אַלטע ווערטער וועגן נייע מעשים.

די זויג-קינדער

די צימערן פון דער קינדער-היים און פון קינדער-גאָרטן געפינען זיך אין זעלבן לאַנגן קאָרפּוס, וואו איך וואוין. זיי זענען גרעסער פון אַלע וואוינונגס-צימערלעך, און דאָך זייער ענג און דושנע. דאָס צימער פון דער קינדער-היים איז צוויי מאָל אַזוי גרויס, ווי מיין צימער, און דאָס צימער פון קינדער-גאָרטן איז צוויי מאָל גרעסער פון דער קינדער-היים. ביידע — זענען זייער ליכטיקע, העלע. אין דער קינדער-היים שטייען אין צוויי רייען אויסגעשטעלט אייזערנע בעטעלעך מיט הויכע געפלאָכטענע ווענטלעך. די בעטעלעך זענען געמאַכט געוואָרן אין אונזער אייגענעם מעכאַנישן וואַרשטאַט. איך ווער נאָך ביז היינט פריידיק אויפגערעגט, ווען איך נעם קוקן אויף אָט די ריינינקע, שניי-ווייסע געלעגערלעך, אין וועלכע עס באַברעט זיך דאָס פּוכלינקע קליינוואַרג. טייל ליגן אויף די פּלייצעלעך און פּלאָנטערן מיט די הענטלעך און פיסלעך, טשעפּען זיך מיט זיי, ווי קליינע שפּינען, אָן די אומזיכטבאַרע שפּינוועב-פעדים, וואָס זענען שטייף, ווי סטרונעס, אָנגעצויגן אין דער וועלט, אין דער צוקונפט. טייל — גודערן, שפּילן זיך גיריק מיט דער ליידיקייט, באַהערשנדיק מיט אומגלויבלעכע אָנשטרענגונגען די זון-שטראַלן. טייל שרייען, בונטעווען זיך קעגן דער אייגענער הילפלאָזיקייט צו דערגרייכן דער מאַמעס בשפעדיקע ברוסט. זאָלן זיי שרייען: זייערע לונגען וועלן פון דעם ווערן שטאַרקער און די מוסקולן פון פּנים — ענערגישער: דאָס איז דער ערשטער אופן פון פאַרהאַרטעווען זיך אין לעבנסקאַמף. און מיר ווערט תמיד פריי און פריילעך, ווען איך הער דאָס שרייען. די ברוסט ציטערט פון לאַכן, ווען אָט דאָס שרייען ווערט באַזונדערס אומגעדולדיק און רוגזהדיק. דער אָנפירער פון די בונטן — איז תמיד וואָלאָדקאַ, אונזער נאַטאַשעס זינדל. ער איז — אַ געזונטער, אַ זאַטער, אינגאַנצן אַ געוויקלטער, אַ שטייפער. ער שרייט געוויינטלעך מיט אַ קלינגענדיקן אַלט. ער וואַרפט מיט די הענט, מיט די פיס; זיין פּנים, אָנגעגאָסן מיט בייז בלוט,

ווערט צעקרימט פון כעס, אָבער די אויגן וויינען נישט: זיי טשעפען זיך מיט הונגעריקער גיריקייט אָן די מענטשן, אָן די שטאַכעטלעך פון בעטעלע, אָן די זון-שטראַלן, אָן די אייגענע פויסטלעך. דאָס זיידענע קעפל פאַרט אַרום איבערן קישעלע, דער שטייפער, ראָזער בויך בלאָזט זיך אָן, ווי אַ פּענכער, און דאָס פּעמפּעלע פון נאָפּל אָטעמט און ציטערט ביין און עקשנותדיק. נאָך אים הייבן אָן צו שרייען און וואַרפן מיט די הענטלעך און פיסלעך אַנדערע, אויך אַזעלכע ווי ער. זייערע ראָזע, אָנציינדיקע יאַסלעס, ענלעכע צו קליינע פּאַדקעוועס, בייסן די לופט. די הונגעריקע גיריקייט מאַכט קאַנוואַלסיוו ציטערן זייערע פולינקע קערפּערלעך, די וואַרימע און סאַמעט-ווייכע, און זיי אַלע, אַזעלכע באַטעמטע, מיט מילך-שמעקנדיקע, ראָזינקע, אָטעמען מיט פּעסטן, קערנדיקן, הייסן ווילן צום לעבן. איך קוק מיך אָפּטמאָל-צו צו דעם געמיינזאַמען חיהשן בונט זייערן, און אויך אין מיר הייבט אָן ציטערן עפּעס אַן אומקלאָר, נאָך שטים געפיל פאַר אַזאַ נפשל. איך ווער דורכגעדרונגען מיט באַוואונדערונג פאַר אָט די הייסע, געדיכטע מיט בלוט אָנגעגאָסענע, קערפּערלעך — פאַר די צעבונטעוועטע קליינע מענטשן-קנאָספּן, וואָס האָבן זיך שוין אַריינגעזויגן סיי אין דער זון, סיי אין דער לופט, סיי אין זייערע מאַמעס, — און מיר ווערט פּלוצלינג קלאָר, אַז זייער אָנציינדיקע שטומקייט, זייערע אויגן, ענלעכע צו בלומען, וואָס זענען באַדעקט מיט דעם ערשטן פּערלמוטערנעם בליאונגס-שטויב, זייערע שאַרף זיך קלאַמערנדיקע פינגערלעך — דאָס אַלץ איז דער שווינדלדיקער תהום פון יענעם לעבנס-אָטעם, וואָס איז פאַר אונז שוין פאַרבאָרגן, פאַרזונקען אין די אָפּגרונטן פון די טיפסטע געהיימנישן, און די דערינערונג וועגן אים אַמאָל אין שלאָף און אין באַזונדערע אויפבליצן פון באַוואוסטזיין — איז תמיד אומהיימלעך און סודותפול, ווי אַ פאַרגעפּיל, ווי דאָס פאַרזונקען ווערן אין ביינאַכטיקער פינסטערניש. דערפאַר טאַקע זענען זיי שטום, דערפאַר זענען זיי אַזוי עמפינדלעך, ווי דאָס גאַנצע לייב זייערס וואָלט באַדעקט געווען מיט טאַפּ-הערנדלעך, ווייל זיי מוזן נאָך

דורכגיין אַ גאַנצן ים פון נסיונות — שטורעמווינטן, געווירבל־
וואַסערן, קאַטאַסטראָפעס, כּדי אויסצוקעמפן פאַר זיך די וועלט,
לעבן זיי בין איך געוואָרן רייכער, טיפער און קלוגער.

די מאַמעס

עטלעכע מאָל אין טאָג קומען די מאַמעס זייגן זייערע קינ־
דערלעך. זיי זעצן זיך אויס אויף די נידעריקע טאַבורעטקעס לעבן
די בעטעלעך, ביי די ווענט, — אומעטום, וואו נאָר ס'איז דאָ אַ
פריי אָרט, — ריין־אָפּגעוואַשענע, יום־טובדיקע, מאָדנע אין־זיך
פאַרטיפטע, און איך זע אין זייערע אויגן אַזוי פיל צערטלעכקייט,
אַזאַ פייערלעכע דורכזיכטיקייט און טרויעריקייט. כאָטש אין אָט די
מינוטן שמייכלען זיי געוויינטלעך לייטזעליק און זענען אַזוי ווי באַ־
הערשט פון פאַרוואונדערונג, פילנדיק, ווי די קינדער גיסן זיי
איבער אין זיך. זיי לייגן אַרויס פון די בלוזעס, פון די
העמדער זייערע אָנגעקוואָלענע, ציטערדיק־ווייכע ברוסטן, מיט די
וואָרצלען, ענלעכע צו אַגרעסן. דאָס קינד שרייט „אַ־אַ, אַ־אַ" און
כאַפּט זיך גיריק אָן מיט די ליפּעלעך, זייגט זיך איין, גראָבט זיך
איין מיטן נעזעלע, מיט די בעקעלעך און פינגערלעך און הייבט אָן צו
וואָרקען פון גרויס תענוג. די מאַמע בלייבט זיצן, ווי פאַרגליווערט
פון עפּעס אַ שטאַרק געפיל, וואָס הייבט אָן שטראָמען אין איר,
און הערט זיך קאָנצענטרירט איין אין זיך. ליבע מאַמע, אין דיר
איז דאָ עפּעס רירנדיקס, וואָס דערמאָנט אָן אַ קו! איך קאָן מיך
אָפּט נישט אָפּרייסן פון זיי, אַ פאַרשיכורטע פון אָט דער פאַרטיפט־
קייט זייערער, און שפּיר תמיד אַ מין פייַנלעכן גליווער אין מייַנע
ברוסטן, וואָס הייבן אָן באַלעבט צו ווערן און בענקען נאָך אַ
קינד. מיר דאַכט זיך, אַז זיי הייבן אָן פּלוצלינג צו שפּראָדלען
און זיך אָנגיסן מיט מילך. די מאַמעס שווייגן און שמעקן אויך
מיט מילך. זייערע הענט זענען שוין גאָר אַנדערע, ווי ביי דער
אַרבעט און אין דער געוויינטלעכער צייט, — זיי ווערן אַזוי ווי
ניי־געבוירן: זייערע פינגער באַקומען אַן אייגענע שפּראַך, וואָס

ווייסט נישט און וויל גאָרנישט וויסן פון קיין ווערטער. די אויגן פון די מאַמעס באַגעגנען זיך און גיסן זיך צונויף אין איין האַר־מאָניע. אָפט קאָנען די פרויען נישט אויסהאַלטן דעם גרויסן אי־בערפלוס פון געפיל, וואָס הייבט אָן צו שטראָמען אין זיי. אין זייערע אויגן ציטערן שטראַלנדיקע טראָפּנס, און זיי הייבן אָן צו וואָרקען אויסטערלישע, אומגעווייינלעכע ווערטער פון ליבשאַפט, וואָס דאָס וואָכעדיקע לשון איז גאָרנישט באַקאַנט מיט זיי. דאָס איז די שפּראַך פון יענער באַזונדערער מוטערלעכער פּאָעזיע, וועלכע איז פאַרשטענדלעך בלויז די צוויי איינאיינעם צונויפגעגאָ־סענע וועזנס.

— זינדעלע מיינס, קינדעלע, יינגעלע שיינס...

— ביוניעלע, טייבעלע, מיידעלע קליינס...

טיילמאָל זעט מיר אויס דאָס גודערן פון די מאַמעס, ווי זיי וואָלטן גערעדט פון היץ, אָדער ווי דערוואַקסענע וואָלטן זיך געשפּילט אין קינדער, און מיין האַרץ הייבט אָן פריידיק צו ציטערן. איך קוק אויף זיי און לאַך, לאַך אויך מאָדנע, ווי אַ קינד, קלינגענדיק. דאָס באַליידיקט זיי נישט, און די וואַרימע טראָפּנס אין זייערע אויגן שטראַלן.

— גיי האָב און זייג אַליין, טייערינקע, וועסטו ערשט דע־מאָלט געוואויר ווערן... וועסטו ערשט דעמאָלט דערשפּירן, ווי דאָס האַרץ קלאַפּט אין דיר... וועסטו ערשט דעמאָלט וויסן, וואָס עס הייסט אַזוינס אייגן בלוט און פלייש...

די פּנימער פון דידאָזיקע פרויען — זענען אָפּגעשמיסן פון ווינט, און די טאָג־טעגלעכע אַרבעט האָט זיך אָפּגעדריקט אויף זיי מיט שטילער פאַרטראַכטקייט, פּראַקטישער דערפאַרונג און קנייטשעלעך פון לעבנס־חכמה. עס דאַכט זיך, אַז די פּנימער זענען באַדעקט מיט מאָזאָליעס, די קנייטשן אויף זייערע שטערנס האָבן זיך איינגעשניטן אויפן גאַנצן לעבן. און די אויגן זעען עפּעס אַזוינס, וואָס איך זע נישט: זיי אָטעמען — מיט קרבנפּעיקייט, קלאָרער, רויקער שטילקייט, טיפן ליידן. בשעת זיי רעדן, קוקן זיי אויף מיר זייטיק, אָנגעשטרענגט, פאָרשנדיק,

זיכערע אין זיך; ווישן זיך אויס מיט די פינגער די ווינקלען פון די ליפן, פילן מיר מיט. און איך זע, אַז זיי ווייסן שוין פאַר־אויס, וואָס איך טראַכט, וואָס איך וועל זאָגן, און שמייכלען ליט־זעליק, ווי צו אַ קינד, וואָס פּלאַפּלט וועגן ערנסטע זאַכן, נישט פאַרשטייענדיק זייער קאָמפּליצירטקייט און זינען. איך האָב מיך שוין צונויפגעלעבט מיט זיי, און זיי האָבן זיך אויך צו מיר צו־געבונדן. דאָך פיל איך, אַז צווישן אונז הענגט נאָך אַ תהום: עס זענען פאַראַן געוויסע געפילן, געדאַנקען, ווערטער וואָס האַרמאָנירן נישט, עס זענען דאָ געוויסע באַוועגונגען אין אונזערע נשמות, וואָס זענען זיך סותר איינע די אַנדערע.

דער קינדער-גאָרטן

אויף דער צייט, וואָס זיי זייגן זייערע קאַרפּוזיקלעך, גיי איך אַוועק אין צווייטן צימער אַריין, וואו עס געפינט זיך דער קינדער-גאָרטן. פון הינטער דער טיר טראָגט זיך אין קאָרידאָר אַריין דער הילכיקער געטומל פון די קינדער, עס הערן זיך איינצלנע קולות און אויסגעשרייען. דאָס איז די צייט פון פריש־טיק אָדער מיטאָג. דאָס קליינוואַרג, אָנגעטון אין גרויאינקע בלוז־קעלעך, זיצט אַרום צוויי קיילעכדיקע, זייער נידעריקע טישן, אויף קורצפיסיקע טאַבורעטקעלעך – אויך אַזעלכע ווי די, אויף וועלכע עס זיצן די מאַמעס. דידאָזיקע קיילעכיקע טישן, אַרומגערינגלט מיט דעם אומרויקן קליינוואַרג, זעען אויס, ווי ריזיקע זון-רויזן. לעבן יעדן שפּערעלע שטייט אַ טעלערל מיט עסן. די קינדער עסן גיריק און אומגעלומפּערט — טייל באַנוצן זיך מיט די הילצערנע לעפע־לעך, אַנדערע — עסן פּשוט מיט די פינגערלעך. זיי שטופּן זיך, שטיפן, קריגן זיך. די נאַניע גיט אַכטונג אויף זיי און באַמיט זיך צו האַלטן אָרדענונג. דידאָזיקע בלאָנדהאָריקע מענטשעלעך, מיט די פולינקע בעקעלעך, האָבן מיך ליב, זענען צוגעבונדן צו מיר: ס'איז גענוג, איך זאָל מיך באַווייזן, און זיי שפּרינגען שוין אויף פון די ערטער און גיבן זיך אַ לאָז, ווי אַ מחנה פייגל, צו

מיר מיט אַ געשריי און געפּילדער. זיי קלעבן מיך אַרום פון אַלע זייטן, ווי בינען, פּיפּסען, ווי פייגעלעך, כאַפּן מיך אָן ביי די פּאָלעס פון כאַלאַט, שטרעקן אויס ליידנשאַפטלעך אַ סך הענטעלעך צו מיין פּנים, כאַפּן מיט די פינגערלעך די לופט און פאָדערן מיין אויפמערקזאַמקייט, מיין ליבשאַפט, אַ בליק מיינעם, אַ שמייכל. דאָ, אַרום מיר, שפּילן זיך אָפּ גאַנצע דראַמעס און שטורמישע טריומפן. די, וואָס קאָנען זיך נישט צושטופּן צו מיר און בלייבן אין דער זייט, ווי פאַרשטויסענע, פאַלן אַריין אין שרעקלעכן כעס און פאַרצווייפלונג, מאַכן קולות, שלאָגן זיך, בייסן זיך, די געליטענע שרייען פון ווייטיק. די אייפערזוכט שפּילט זיך אָפּ אין די שווערסטע פאָרמען.

— אָוועק!... איך וויל... נישט דו, נאָר איך וויל.

— אַ-אַ! וואַנקאַ בייסט... (אַ קוויטש). האַל-יאַ!... וואַנקאַ קנייפּט... וואָס שטופּסטו דיך, וואַנקאַ — מיטן הינטן?...

מען מוז גלייך ראַטעווען די לאַגע: איך צעשפּרייט די הענט, ווי פליגל, און הייב אָן צו שאָקלען מיט זיי, ווי איך וואָלט פונאַנדערגעשיט איבער די אַלע קעפּעלעך דעם גאַנצן אוצר פון מיינע מתנות.

— וואָס איז דאָס מיט אייך, קינדערלעך? מיר זענען דאָך אַלע חברים און האָבן זיך ליב.

— ווי אַזוי קאָנט איר זיך דאָס דערלויבן צו באַליידיקן איינע די אַנדערע? וואַניאַ — איז עלטער, און מאַניאַ — איז אַ קליינינקע און שוואַכינקע.

און גלייך דערהערן זיך די באַקאַנטע אויסגעשרייען:

— ביי די הענטעלעך זיך אָננעמען, ביי די הענטעלעך!...

— האַליאַ, דערציילַ... וועגן אַרנפּליאַן דערציילַ...

— און מאַנקאַ, דער טייוול, שטופּט זיך ווידער מיטן הינטן!...

— נו יאָ... זי האַלט נאָר אין איין שטופּן זיך מיטן הינטן... ווי אַ זשאַבע!

אַלע לאַכן.

— און פיעטקא, דער פארך, האט צוגעכאפט אלע שערעלעך... ער האט זיך ארויפגעלייגט אויף זיי מיטן בויך און קאפעט מיט די פיס. ער זאגט — זיי זענען זיין... לאמיר מאכן א משפט אי־בער אים... זעט, זעט, ווי ער קאלערט זיך אויפן בויך...

פיעטקא קוקט אויף אונז מיט רוגזה פון אונטערן שטערן אפער און רייצט זיך מיט אונז מיט זיינע הענט און פיס.

— נו, קינדערלעך! איר זענט דאך — קאמונארן. איר — זענט דאך אלע גלייך, ביי אייך — איז דאך אלץ בשותפותדיק, אלץ — געהערט דאך אלעמען גלייך... האבן דען דערוואקסענע עפעס אייגנס: א פערדעלע? קיעלעך? מאשינען? הייב דיך אויף, פיעטיא, — דו וועסט דיר דעם בויך אויפטרענען...

— דיי'טיש טשים טייוול!...

— מיין טאטעשי האט אן אייגענעם פאלטן... — רייצט זיך עמעצער פון זיי כיטרע־עזותדיק און מיט נצחון — און די מאמע־שי האט נייע לעטשלעך.

— און מיין מאמע האט א זילבערן פינגערל און אויערינגלעך.

— און איך האב א ליאלקע... אהא! — רומט זיך א מיידע־לע מיט דער גאווה פון אן אייגנטימערין. — קיינער האט נישט, און איך האב... אהא!... דער טאטעשי האט זי מיר פון שטאט געברענגט... מיט אויגן און צעפעלעך...

אך, ווי שווער מיר איז צו קעמפן מיט אט די אינסטינקטן פון אייגנטום! (אפשר דערפאר, וואס איך אליין געפין מיך נאך אונטער דער לאסט פון דערדאזיקער „ירושה“?) אט די רעפלעקסן נעמען זיי איבער פון זייערע עלטערן — פון פאטער, פון דער מוטער, פון די שוועסטערן, פון די ברידער. דאס, וואס עס ווערט איינגעווארצלט אין זיי דא; דאס, וואס איך באמי מיך טאג־טעגלעך מיט עקשנות צו אנטוויקלען אין זיי, ווי א געוואוינהייט, ווי א געדאנק, וואס גייט איבער אין געפיל, דאס פארלירן זיי אין דער היים: די פאמיליע האקט אונטער אין איין רגע אלץ, וואס עס ווערט איינגעפלאנצט אין זיי דא אין משך פון א סך שעהן. דאס קעמף איך נישט מיט די קינדער, נאך מיט דער פא־

מיליע, וואָס לעבט נאָך מיט די אַלטע געוואוינהייטן, מיט דער אַלטער ליבשאַפט צו אייגענע זאַכן.

מיט דעמדאָזיקן קליינוואַרג שפּאַצירן מיר איבער דער טע-ריטאָריע פון דער קאָמונע, באַקענען זיך מיט דער אַרבעט פון די דערוואַקסענע אויף אַלע געביטן פון דערווירטשאַפט. איך מיט נאַטאַשען געוואוינען זיי צו אויפצונעמען די אַרבעט, ווי אַן אַרבעט, וואָס ווערט געטון נישט פאַר זיך אַליין, נאָר פאַר אַלע, פאַרן גאַנצן קאָלעקטיוו בכלל. די אַלע מענטשן, וואָס אַרבעטן אין גרופּעס, אויפן פעלד, אין דער מיל, ביים אויסאַרבעטן די פּו-טער, ביי די בהמות, אין וואַרשטאַט, אויף דער מילך-פערמע, אין דער קוך, — זענען נישט קיין פרעמדע „פּעטערס", נישט קיין שכנים, אָפּגעצוימטע מיט אייגענע פּאַרקנס, נאָר נאָענטע, אייגע-נע, מיטגלידער פון איין משפחה, און זייער לעבן איז נישט קיין געיעג נאָך רווחים, נאָר אַ בשותפותדיק וואוילזיין. מיר אַרבעטן אויך יעדן טאָג — פירן אויס געזעלשאַפטלעכע אַרבעט: מיר פאַר-טיקן אויס שפּילעכלעך, צייכענען, דעקאָרירן דאָס צימער, קלויבן צונויף בלומען-בוקעטן פאַרן עסצימער, נייען העפטן פאַר די שול-קינדער, באַקענען זיך מיט אונזערע מאַשינען, מאַכן אייגענע מאָ-דעלן און אַרבעטן לויט זיי, איינטיילנדיק זיך אין בריגאַדעס, לויט אַלע געזעצן פון אַרבעטס-איינטיילונג און כוחות-פונאַנדערטיילונג. מיר שטודירן די אַנאַטאָמיע און פיזיאָלאָגיע פון די חיות, זייער לעבן און מנהגים און דעם אופן פון אומגאַנג מיט זיי. מיר שטו-דירן ענדלעך זיך אַליין, אַנטוויקלען אין זיך דאָס געפיל פאַר היגעניע, אָרגאַניזירן פאַרשידענע קעמערלעך: אַ קעמערל, וואָס פאַרנעמט זיך מיט די אינטערעסן פון אונזער אייגן לעבן, אַ קע-מערל, וואָס דאַרף האָבן אויפזיכט איבער די חיות און געוויקסן. איינס פון די וויכטיקסטע קעמערלעך איז דאָס, וואָס פאַרנעמט זיך מיטן אויפזיכט איבער די אייגענע פאַמיליעס און איבער די קינדער פון די פויערן, וואָס וואוינען אין די נאָענטסטע כוטאָרס: מיר באַמיען זיך צו דערציען די טאַטעס מיט די מאַמעס אַזוי, אַז זיי זאָלן נישט פירן צווישן זיך קיין מחלוקת, זיך נישט זידלען

מיט קיין גראָבע רייד, נישט זאָגן קיין תפילות, נישט האַלטן קיין הייליקע בילדער אין די שטובן, נישט טרייבן קיין רכילות. און אין די נאָענטע דערפלעך, וואוהין מיר גייען אָפּט, שליסן מיר באַקאַנטשאַפט מיט די קינדער, דערציילן זיי וועגן זיך, וועגן דער קאָמונע און רעדן־צו די מאַמעס אָפּצוגעבן זייערע קינדער אין דער קינדער־היים און אין קינדער־גאָרטן. זומער אַרבעטן מיר אין פעלד: אויף די טראַקטאָרס, אויף די שנייד־מאַשינען; לעבן די דערוואַקסענע ווערט דאָס קליינוואַרג דורכגעדרונגען מיט אַ געפיל פון שטאָלץ און נעמט זיך אָן מיט קראַפט.

און אָט אין דערדאָזיקער קינדערישער וועלט פיל איך, אַז איך צלײן באַקום אויך נײַע געוואוינהײטן. אין משך פון דעם יאָר האָבן מיינע געדאַנקען, מיין אידעאָלאָגיע אומבאַמערקבאַר זיך פאַרקערפערט אין געפילן. דאָס זענען שוין נישט קיין פאָרמולן פון ביכער, נאָר מיין אייגן לעבן, מיין נאַטור. איך האָב שוין אויפגעהערט צו באַמערקן דעם חילוק צווישן טעאָריע און פּראַקטיק. פריער האָב איך כסדר געפילט איבער מיר אַ מין דאַמאָקלעס־שווערד: די דאָגמע, די אידעאָלאָגיע האָבן, ווי שטרענגע שופטים, תמיד געוועקט אין מיר עפּעס ענלעכס צו שרעק. איך האָב מיך כסדר קאָנטראָלירט; יעדעס וואָרט מיינס האָט דערוועקט אין מיר די אומרויקע פראַגע — צי דענק איך גענוג מאַרקסיסטיש, צי איז מיר גענוג אייגן געוואָרן דער דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם, צי זענען נישטאָ אין מיר קיין קליינבירגערלעכע אָדער בורזשואַזע אָפּנויגן. און ווען עמעצער פון די סטודענטן און חברים פלעגט אין אַ וויכוח מיט בייזן חוזק מיר פאָרוואַרפן:

„נו, האַליאַ, דו רעדסט אפּיקורסות! דאָס איז נישט קיין באָלשעוויסטישע איינשטעלונג. דאָס זענען דיינע אייגענע חקירות, ביי לענינען אין דעם־און־דעם אַרטיקל ווערט געזאָגט אַ ביסל אַנדערש" —

פלעג איך, אַ פאַרגליווערטע פון שרעק, לויפן אין ביבליאָטעק אַריין, נעמען בלעטערן לענינען, און מיט ציטערדיקע הענט

און אַ פאַרצאַפּלט האַרץ זוכן יענץ אָרט, אויף וועלכן דער חבר האָט אָנגעוויזן.

און אַצינד פאַלט מיר אפילו נישט איין צו קאָנטראָלירן מײַנע געדאַנקען. דער מאַרקסיזם — דאָס בין איך, דאָס איז מײַן געזעלשאַפטלעכע עקזיסטענץ. און סײַ איך, סײַ די אַלע מענטשן, וואָס וואוינען דאָ — פון קליין ביז גרויס — זענען אומצעשיידבאַר, פונקט ווי איך וואָלט געווען בלויז אַ טייל פון זיי אַלע, און זיי — אַ טייל פון מיר. זייערע חסרונות — דאָס זענען מײַנע חסרונות; זייערע דערפאָלגן — מײַנע דערפאָלגן; און זייערע איבערלעבונגען, דאגות און פריידן ווערן פאַרקערפּערט אין מיר. צי איז דאָס אין הסכם מיט דער אידעאָלאָגיע, צי איז דאָס אין סתירה צום לעניניזם — וועגן דעם פאַלט מיר נישט איין אפילו צו טראַכטן.

אָבער די מענטשן זענען דאָ פונדעסטוועגן פאַרשידענע, און זייער באַציונג צו מיר איז אויך אַ פאַרשידענע. טייל פון זיי האָסן מיך און קוקן שטענדיק אויף מיר, ווי אויף אַן אייביקן שונא, אַנדערע — האָבן מיך זייער ליב און האַלטן זיך פרײַנטלעך מיט מיר, נאָך אַנדערע — זענען גלײַכגילטיק צו מיר, באַמערקן מיך נישט, ווי זיי באַמערקן קיינעם נישט. אַ שטאַרקע פײַנטשאַפט האָב איך אַרויסגערופן בײַ טייל באַלד אין די ערשטע טעג פון מײַן פאַרברענגען דאָ.

די פרויען

אַ קורצע צײַט נאָך מײַן קומען אַהער, האָב איך צונויפגערופן די פרויען און פאַרפירט מיט זיי אַ שמועס וועגן דער קינדער-היים, וועגן קינדער-גאָרטן, וועגן קינדער-דערציונג, וועגן דעם, ווי אַזוי מען דאַרף זייגן קינדער, און די גאַנצע צײַט באַטאָנט, אַז זיי, די קאָמוניסטקעס, אין אָט דעם פאַרוואָרפענעם העק, זענען די ערשטע אָרגאַניזאַטאָרינס פון דער קאָלעקטיווער פעדאַגאָגיק. פרויען זענען געווען אַ סך. זיי זענען געזעסן אויף [illegible]ענק אין דעם גרויסן זאַל פאַר פאַרוויילונגען, פאַרשידנפאַרביק אָנגעטון, טייל מיט

טיכלעך אויף די קעפּ, טייל אָן טיכלעך, מיט פאַרהאָרוועטע, מאַטע פּנימער, מיט פעסט צונויפגעדריקטע ליפּן, מיט פאַרדעכטיקער פרעמדקייט אין די אויגן, פון וועלכע עס האָט אַרויסגעקוקט אַ מין אייגענע, דורכן לעבן אין דאָרף דערוואָרבענע, געזעצטע, איינפאַכע קלוגשאַפט. עס זענען אויך געווען אַ סך מיידלעך, געקליידט שוין שטאָט-מעסיק — אין קורצע קליידלעך און בלוזקעלעך. ביי טייל זענען די האָר געווען געשוירענע. און אויך זייערע פּנימער זענען געווען אַנדערע — אַרויסרופנדיקע, עזותדיקע, פאַרריסענע, און די אויגן — ברייט-צעעפנטע, אומרויִקע, נערוועזע. זיי האָבן שוין פאַרגעסן די דאָרפישע אַלטפרענקישע מאָדע פון האַלטן זיך באַשיידן און שעמעוודיק. האָבן שוין נישט אָפּגעהיטן אַזוי קיין שטאָט ווי זייערע מאַמעס אין די מיידל-יאָרן, דאָס הייסט, נישט צונויפגעדריקט די ליפּן, נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און נישט גערעדט מיט אַ שטילינקע קול פון אונטערטעניקער מיידקייט. זיי זענען ענלעך געוואָרן צו קאָמסאָמאָלקעס און פאַבריקמיידלעך. זיי האָבן זיך געהאַלטן פריי אין די באַוועגונגען, האָבן גערעדט הויך און געלאַכט. די ווייבער זענען זיי באַפאַלן מיט זידלערייען, אָבער זיי האָבן זיך בלויז אָפּגעיאָגט און אָפּגעשאָקלט פון זיי מיט עקל.

— איר וואָלט זיך כאָטש געשעמט, חוצפּהניצעס. דאָס איז שיין אַזוי ?... זע נאָר ווי זיי זענען דאָס אַרויס מיט די מיילער, די בושהניצעס !... און נאָך דערצו מיידלעך...

— דו, פּאַשאַ, טשעפּע זיי נישט, זיי וועלן דיר נאָך די אויגן אויסדראַפּען. וואָלטן זיי געווען אין דאָרף, אין אַ היים, וואָלט זיי אַ טאַטע מיט די לייצן צעקאַטעוועט...

די מיידלעך האָבן עזותדיק איבערגעריסן דאָס שרייען פון די ווייבער.

— און דו, מומע צוודאָטיע, ביל ווידער נישט אַזוי הויך. זאָל אייך הנאה טון, וואָס איר האָט אין אייער צייט זיך שוין פאַר אונז אויך אויסגעשעמט. מיר האָבן זיך נישט פאַרוואָס צו שעמען. און דער אייגענער טאַטע — איז פונקט אַזאַ קאָמונאַר,

ווי איך. די לייצן זענען דאָ אַלעמענס, און אויף שלאָגן — זענען די הענט צו קורץ.

דעם אָוונט, וואָס איז מיר באַזונדער פאַרבליבן אין זכרון, האָב איך צום ערשטן מאָל איבערגעלעבט אַ שטאַרק געפיל פון אַנטציקונג צוליב די שטורמישע אויסרופן פון די מיידלעך. אָט מיט וועמען איך וועל אַרבעטן! אָט אויף וועמען איך וועל מיך שטיצן אין מיין קאַמף!

אין פרעזידיום איז געזעסן לעבן מיר אַן עלטערע פרוי מיט אַן אָפּגעבערענט פּנים. דער שטערן — אין דינע קנייטשעלע, ווי ביי אַ האַרמאָניע, האָט אויסגעדריקט טרויער, ווי אויפן בילד פון אַ הייליקער. פון די אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַ מידער פרויען-געדאַנק, וואָס איז נישט דורכגעטראַכט געוואָרן ביזן סוף. אָבער זי איז איז געווען אַנטשלאָסן, שטרענג ווי אַ שוויגער. די ברוסט אַרויסגערוקט פאָרויס, דער היפּשער קאָפּ פאַרוואָרפן אַהינטער, מיט די הענט גלעט זי זיך איבער די היפטן, און דער אויסדרוק פון פּנים איז האַרט, ווי ביי אַ מאַנספּאַרשוין. דאָס איז די פרוי פון אַ קאָמונאַר, איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דעם קאָלעקטיוו, אַ געוועזענער פּאַרטיזאַן. זי רופט מעןביים פאַמיליע-נאָמען: טשושקינאַ — נישט אַזוי ווי אַלע אַנדערע. לעבן איר, פון דער צווייטער זייט, איז געזעסן די מעוברתע נאַטאַשע, אַ קאָמסאָמאָלקע. זי האָט זיך אונטערגעשפּאַרט מיט די הענט די היפּשע ברוסטן, געקוקט איבערן זאַל אויף די פרויען מיט אַ קוים באַמערקבאַרן, לאָקערנדיקן שמייכעלע פון אַ שלאַנג. איר בויך האָט זיך שוין אַרויסגעשטופּט פון קלייד, וואָס איז געווען אָנגעצויגן אויף די לענדן און היפטן, און זי האָט אים אַזוי ווי גאַוותדיק נאָך מער אַרויסגעשטופּט זיך צו ווייזן מיט אים, ווי זי וואָלט בכיוון געררייצט די חתונה-געהאַטע פרויען מיט איר מיידלישער חוצפּה: קוקט און האָט הנאה, ווי אַזוי איך צעשטער אַן צערעמאָניעס אייערע דורות-אַלטע פאָר-אורטיילן — פאַר אַ מיידל איז נישטאָ מער קיין בתולהשאַפט, און קינדער האָבן איז נישט בלויז אייער פּריווילעגיע. און נישט געקוקט אויף איר שוואַנגערשאַפט, וועלכע האָט זי געהאַלטן פעסט גע-

בונדן אין איין שטאַרקן קנופּ אויפן בויך — האָט זי דאָך זיך געפילט, ווי אַן אויסדערוויילטע: מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז פאַרליבט אין זיך, אַז זי האַלט זיך אויף אַן עגאָיסטישן אופן גליקלעכער פון אַלע, שטאַרקער פון אַלע, און אַז זי האָט דערגרייכט דאָס, וואָס עס האָט נישט דערגרייכט קיינער.

די טשושקינאַ איז אויפגעשטאַנען, מיט אומפאַרשטענדלעכן פאַרדראָס געוואָרפן אַ בליק אויף דעם געזעמל ווייבער, און פלוצלינג אַ שמייכל געטון.

— אַלזאָ, ווייבער! אַרויס מיט לשון. ווען מיר האָבן אין דאָרף, ווי פאַרשאָלטענע, נישט געוואוסט פון קיין רו, נישט ביי־טאָג, נישט ביינאַכט, האָבן מיר אין אונזער ביטער מזל בלויז געשוויגן און די טרערן געשלונגען. אָבער אַצינד וועט אונז שוין קיין שום טייוול נישט אימשטאַנד זיין די מיילער צו פאַרמאַכן — נישט מיט דער פויסט, נישט מיט דער באָרד, נישט מיט קיין שטעקן. רעדט! לייגט אַרויס אַלץ, וואָס נאָר איר האָט אויף דער נשמה...

זי האָט פּאַמעלעך צוריק גענומען זיך אַראָפּלאָזן אויף דער שטול. און ווי נאָר זי האָט זיך געזעצט, האָט זי באַלד הויך און גראָב אויסגעשריגן:

— איר האָט זיך נישט וואָס צו שושקען, ווייבער! גערעדט זאָל ווערן!... זאָל אַרויסטרעטן — ווער עס האָט נאָר חשק.

אַלע האָבן געשוויגן, זיך איינגעקורטשעט. שטום פאַרשלאָסענע אין זיך געקוקט אויף אונז מרה־שחורהדיק, געהיים, מיט עפּעס אַ פאַרבאָרגענעם געדאַנק.

די ערשטע האָבן זיך אַ הייב־געטון פון די ערטער די זעלבע מיידלעך טאָקע. זיי זענען רויט געוואָרן פון אויפרעגונג און זייערע אויגן האָבן זיך הייס אָנגעצונדן.

גלאַשאַ, די קאָמסאָמאָלקע, אַ היפּשע, אַ מוסקולייזע, מיט אַ פּנים פון אַ קאַלמיקין, אַ קורץ־געשוירענע, מיט אַ גרין קעמעלע אין די האָר, איז צוגעגאַנגען צום טיש און מיט אַ קלינגענדיק קול גענומען רעדן צו די ווייבער אויפן זאַל. און סיי

דאָס קול אירס, ביי די ווערטער זענען אויך געווען אַזעלכע היפּשע, מוסקוליעזע.

— מיר האָבן שוין לאַנג טאַקע וועגן אַזאַ קינדער-היים געטראַכט. געוואַרט און אין שטאָט אין געזונט-אָפּטייל אַלע שוועלן אָפּגעקלאַפּט.

פון דעם געזעמל ווייבער האָט מיט אַ קוויטשענדיק לאַכן זיך אַרויסגעריסן אַן אויסגעשריי:

— דו, גלאַשקאַ, האָסט זיך געריכט אויף עפּעס? האָסט דיך אפשר געגרייט געלעגן צו ווערן?

גלאַשאַ האָט מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ שטרענג און גראָב אָפּגעענטפערט:

— איך האָב מיך טאַקע געריכט. נו, איז וואָס, אַז כ׳האָב מיך געריכט. מיר האָט ווער פאַרווערט קינדער צו האָבן? אויב עס וועט זיך מיר גלוסטן, וועל איך זיי אַ גאַנצע קופּע אָנפּלאָדיען. איך בין נישט אין דאָרף: דערשטיקן זיי וועל איך נישט, און די טיר וועט מיר אויך מיט דזשעגעכטס קיינער נישט אויסשמירן. און קיין אַבאָרטן, ווי איר, וועל איך מיר אויך נישט מאַכן. היינט ראַט איך עס אייך אויך נישט צו טון. מאַכט-זשע נישט קיין אָנשטעל...

אַן אומגעדולדיק קול, וואָס האָט אַ זיפּץ געטון מיט געמאַכטער פאַרזאָרגטקייט, איז אַרויסגעשפּרונגען, כדי צו רייצן זיך אַ ביסל מיט די ווייבער.

— גלאַשקאַ, דו זאָגסט, אַז די מיידלעך קומט גלייכע רעכט, די ווייבער זענען דאָך אָבער — אייפּערזיכטיק. זיי וועלן אויף די אויגן נישט לאָזן. דאַרף מען זיי פּשוט פרעגן: פאַרוואָס איז האָבן אַ קינד פאַר אַ מיידל אַ חרפּה, און פאַר אַ פרוי איז עס גאָר אַ גרויסער כבוד? מען דאַרף אַלע פאַררעכענען צו איין קאַטעגאָריע, און פּטור אַן עסק.

אין די רייען האָט זיך דערהערט אַ געלעכטער, די ווייבער זענען בייז געוואָרן, און גלאַשאַ האָט אויף אַ שטרענגן און גראָבן אופן געוואָרפן אירע הויכע אויסגעשרייען:

— דאָס זאָג איך דאָך טאַקע, מיידלעך: זייערע דאָרפישע געזעצן און מנהגים פּאַסן זיך נישט פאַר אונזער קאָמונע. זיי האָבן זיך אַליין אָפּגעשמיסן. פון דער קוך — אָפּגעריסן, פון וועש וואַשן אָפּגעוואוינט, און ווען זיי האָבן נישט געהאַט וואו די קינדער צו האַלטן — די קינדער-היים איז נאָך נישט געווען — האָבן זיי אויך פאַרלוירן דעם חשק קינדער צו האָבן. דערמאָנט אייך נאָר, וויפיל ווייבער עס מאַכן זי ביי אונז אַבאָרטן, וויפיל עס ליגן קראַנק. פון וואָס האָבן זיך ערשט צוויי יונגע פרויען פאַר קאַלעקעס געמאַכט? זאָלן זיי שוין בעסער שווייגן!... מיט קינדער איז יעדן שווער, זיי וועלן זיי אַלע צו אונז צונויפברענגען. האָט נישט קיין עגמת-נפש...

און זי האָט מיט אַ פעסטן, מוטיקן טריט זיך געלאָזט גיין צוריק אויף איר אָרט.

דאָס איז געווען נישט קיין געוויינטלעכע פאַרזאַמלונג, מיט אַ שטרענגן רעגולאַמין, מיט אַן אָפּגעהיטענעם סדר פון די רעדנער, מיט אַ דיסציפּלינירטער אוידיטאָריע. דאָס פרעזידיום האָט אינגאַנצן נישט אָנגעפירט מיט דער זיצונג: עס זענען זיך צונויפגעקומען פרויען נאָך דער אַרבעט — סיי יונגע, סיי עלטערע, סיי מיידלעך — האָבן זיך אויסגעזעצט צוזאַמען און אָנגעהויבן פּלוידערן וועגן זייערע ווייבערישע זאַכן. ווער עס האָט נאָר געוואָלט, איז אַפּערגעגאַנגען צום טיש רעדן. די ווייבער צווישן זיך האָבן זייך געפירט געשפּרעכן: זיי האָבן זיך געשושקעט אין ג[illegible]לעך, געפירט וויכּוחים, געלאַכט. און די טשושקינאַ האָט זיך נישט באַמיט צו האַלטן אָרדענונג. זי אַליין איז אויך אַזוי ווי צופרידן געווען פון דעם, וואָס די פרויען פּלאַפּלען אַזוי פריי און היימיש וועגן די נייע געשעענישן אין זייער לעבן: וועגן דעם דורכברוך אין זייערע אַלטע דאָרפישע געוואוינהייטן, וועגן די קומענדיקע טעג, וואָס האָבן זיי אָנגעפילט אי מיט שרעק, אי מיט גוטע האָפנונגען. די ווייבער האָבן פיינטלעך געבורטשעט אויף די מיידלעך, און די מיידלעך האָבן פריילעך און וויציק זיי אָפּגעענטפערט. די יונגע פרויען האָבן זיך אויך צוזאַמען

געהאַלטן אין אַן ענגער גרופּע, אָפּגעזונדערט פון די מיידלעך און פון די עלטערע פרויען, אָבער צווישן זיי און די מיידלעך איז געווען אַ מין אינטימע נאָענטקייט. עלטערע פרויען זענען געווען נישט קיין סך, און זיי האָבן זיך געפילט, ווי פרעמדע. טייל פון זיי זענען געזעסן אָנגעבלאָזן ווי סאָוועס, און בייז, פאַרשלאָסן אין זיך, געקוקט אי אויף מיר, אי אויף דעם יונגוואַרג, אי אויף דער מעוברתטער נאַטאַשען, און נאַטאַשע איז געזעסן אַ שטאָלצע, אַן אומאָפּהענגיקע, אַ שווייגנדיקע, ווי זי וואָלט זיך געפילט העכער און קלוגער פון אַלע. זי האָט זיך באַגעגנט מיט די מאַטע אויגן און האַרטע פּנימער פון די פרויען און זיי מבטל געווען מיטן בליק.

פון דערדאָזיקער גרופּע איז אַפּגעגאַנגען צום טיש אַ פרוי מיט אויך אַזאַ אויסגעהאַרעוועט פּנים, ווי ביי דער טשושקינאַ. זי האָט, ווי פון קעלט, זיך געקורטשעט און איבער עפּעס געוואָרפן פיינטלעכע און רוגזהדיקע בליקן אויף מיר. די ווינקלען פון איר מויל, מיט דינע ליפּן פון ערד-קאָליר, האָבן זיך נידעריק אַראָפּ-געלאָזט. איך האָב באַמערקט, אַז אַזעלכע אַראָפּגעלאָזטע ווינקלען טרעפט מען נאָר ביי פרויען, וואָס זענען דורך עמעצן באַליידיקט געוואָרן אויפן גאַנצן לעבן.

— איר, מיינע ליבע, זאָגט מיר אָט-וואָס — יאָ. איר האָט אָט די קינדער-היים. און איך האָב — אַ קינד... איך פאַרשטיי עס נישט! איך האָב מיך מיט מיין קינד אַרומגעטראָגן, געהאָדעוועט עס — און דאָ קומט מען און מען נעמט עס מיר צו? נעם און גיב עס אַוועק, ווי אַ קעצל, עפּעס דאָרט אַ ליאַדע וועמען. וואָס איז דאָס פאַר אַן אָרדענונג עפּעס — די קינדער פון די מאַמעס אָפּצורייסן?... האַ?... קיינמאָל אין לעבן וועל איך מיין קינד נישט אַוועקגעבן. און טאָמער שטאַרבט עס — צו וועמען וועל איך דערנאָך טענות האָבן? יעדע מאַמע טוט דאָס האַרץ ווײ אויף איר קינד. אָט איז די וויעטריכאַ נישט געקומען. זי איז נישט אַזוי ווי מיר שעפּסן. זי וועט די פּיסקעס צעפּליאַסקען, אויב עס וועט זיך עמעצער מיט אַ פרעמדער האַנט צו אירע קינדער צורירן. און מיט וואָס בין

איך ערגער פון דער וויעטריכאַ, האַ ? „איר, זאָגט זי, זענט קאָ- מוניסטקעס — ווי דען ! דאַמעס-באָלשעוויסטקעס... אייך האָט מײַן באַפוילן, מוזט איר האָרכן... אָבער איך וועל מיין היימישע נעסט נישט צעשטערן״. אָט — וואָס זי זאָגט ! זי — מעג, און מיר — טאָרן נישט ? פונוואַנען האָט זי זיך עס דערנומען אַהער, דאָס פאַנפאָראָנקעלע ? ווער איז זי פאַר מיר ? וואָס וועט זי מיין קינד אויסלערנען ? מיר האָבן גענוג אייגענע חצופות, וואָס האָבן אי פאַר גאָט נישט קיין מורא, אי פאַר מענטשן נישט קיין חרפה...

און זי איז צוריקגעגאַנגען אויף איר אָרט, אַ פעסטע ביי זיך, אַ האַרטע און בייזע. די פרויען האָבן אַרויסגעפּלאַצט מיט געשרייען און געלעכטער. די טשושקינאַ האָט שטרענג און רויק געוואַרט ביז עס האָט אָנגעהויבן אַ ביסל שטילער צו ווערן.

— דו, חברטע זשיזשיקאָוואַ, רעדסט נאַרישקייטן. זעסט, ווע- מען זי איז מקנא ! אַזעלכע ווי דו און וויעטראָווס ווייב וועלן מיר אָפּטויפן אויף אונזער שטייגער, אויפן קאָמוניסטישן. מיר וועלן אייך זאָגן איין מאָל, צוויי מאָל, און דערנאָך עפענען דאָס טויער, און אייך ווייזן דעם וועג... נישט דו און נישט אַניסיאַ מאַטוויעוונאַ פירן דאָ איין געזעצן און האַלטן אָרדענונג.

לושאַ איז נישט געווען צווישן די פרויען. איך האָב זי לאַנג געזוכט צווישן די קעפּ אין די געבלימטע טיכלעך און בענ- דער, און מיר איז געווען טרויעריק, וואָס זי איז נישטאָ. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז אויף אַ פאַרזאַמלונג פון מאַמעס און מיידלעך, וואָס ריכטן זיך בקרוב צו ווערן מאַמעס, וועט זי נישט קומען: זי האַלט, אַז איר אָרט איז נישט צווישן זיי — דאָס אָרט איז פאַר איר פאַרלוירן. אָרימע לושאַ ! זי האָט זיכער גע- ליטן פון באַליידיקונג און פאַרצווייפלונג אין די מינוטן. אין איר האָט זיך געבונטעוועט דאָס אויפגערעגטע געפיל פון אַ פרוי, וואָס איז פאַרמשפט נישט צו האָבן קיין קינדער. וואו איז זי געווען אַצינד ? אפשר איז זי אַרומגעלאָפן איבער איר צימער און זיך

געשלאָגן קאָפּ אין וואַנט, אָדער אפשר האָט זי, אַן איינזאַמע, אַרומגעבלאָנדזשעט הינטער די בנינים פון דער קאָמונע, אין טיפן חושך פון דער האַרבסט-נאַכט.

די פרויען און מיידלעך זענען געוואָרן אַלץ אויפגערעגטער און זיך פאַרזאַמלט אין אַ גרופּע אַרום דעם טיש. טייל זענען אויפגעשפּרונגען פון די ערטער און אַלע צוזאַמען ביז געשריגן, נישט אויסהערנדיק איינע די אַנדערע.

— יאָ, יאָ... דאָס, טשושקינאַ, דאַרף מען פאַרשרייבן... זי, דידאָזיקע וויעטראָוואַ, שפּייט אונז אין פּנים אַריין, און מיר, נאַראָנים, זיצן און באַלעקן זיך.

— וואָס זאָגט איר נישט צו דער פּריצה! אַזאַ ליידיקע זאַך... און מען האָט פון איר קיין רו נישט... אַ פאַרזיצערין, ווי דען...

— טשושקינאַ, זאָל מען זי שוין ברענגען צו שלעפן דאָ אַהער... מיר ווילן פון גאָרנישט וויסן... מיר וועלן איר דאָ די פליגל אָפּהאַקן...

די מיידלעך האָבן זיך אין אַ גאַנצער האַרמע אַ שפּאַר-געטון צום טיש און מיט געשרייען אַרומגערינגלט די טשושקינאַ.

— מיר וועלן גיין, טשושקינאַ... מיר וועלן זי ברענגען אַהער ביים קלייד צו שלעפן... לאָמיר לויפן, מיידלעך...

און נישט וואַרטנדיק ביז די טשושקינאַ וועט זיי דערלויבן, זענען זיי אין אַ גאַנצער טשאַטע אַוועק צו דער טיר.

די טשושקינאַ האָט אויפגעהויבן די האַנט, געוואָלט עפּעס שטרענג אַ געשריי טון, זי האָט אָבער בלויז יאושדיק אַ שאָקל-געטון מיטן קאָפּ.

און די ווייבער האָבן זיך אַלץ כסדר געבונטעוועט:

— מען דאַרף זיך נישט צערעמאָניען מיט איר... אַנלערנען דאַרף מען זי, אַז זי זאָל האָבן צו געדענקן...

— יאָ, יאָ!... מיר וועלן אַרבעטן, טוען דאָס, טוען יענץ, און זי וועט דאָ זיצן און זיך חברן מיטן טייוול... זי וויל נישט קומען נישט אויף קיין אַרבעט, נישט אין עסצימער אַריין... זי באַ-

קומט זיך איר פּאַרציע פון דער קוך... דער מאַן איז פאַר איר אַ שטיינערנע וואַנט, הינטער וועלכער זי באַהאַלט זיך...

— אוודאי, אויב אַלע וועלן אַזוי זיין, וואָס וועט דערפון אַרויסקומען ?... אפשר וויל איך אויך אַזוי ?... איך טאָר נישט, און זי מעג ? !

מיין אויפמערקזאַמקייט האָבן באַזונדערס שטאַרק צוגעשמידט צו זיך די עלטערע פרויען. זייערע פּנימער זענען פון כעס אפילו אַזוי ווי איינגעפאַלן.

— אויב מען האָט אונז איינגעשפּאַנט, דאַרף מען די וויעט־דיכע אויך איינשפּאַנען !... וואָס, מיר זענען ערגער פון איר ? מען האָט שוין געזען אַזאַ שליאַך...

— זאָל זי דאָ אַהערקומען, ווי אַלע... זי האָט צוויי ווע־רים... מיר ווילן פון גאָרנישט וויסן !...

און די זשיזשיקאָוואַ האָט מיט אַ גיפטיק שמייכעלע אויף די ליפּן און מיט אַ גראָב קול זיי אָפּגעענטפערט :

— אַך, איר נאַרישע שעפסן, אַך, איר כאָליערעס וויסטע !... אדרבה, לאָמיך נאָר זען, פּרוווט זי נאָר נעמען מיט די הוילע הענט... איר וועט זי נישט נעמען, קיינמאָל אין לעבן נישט... אָט אַזוי דאַרף מען טאָקע ! אַניסיאַ מאַטוויעוונאַ דרייט נישט מיטן ווידל... זי האָט — „קאַראַכטער”. זי וועט אירס אומזיסט נישט אָפּטרעטן... זי אַליין אָבער פּייניקט זיך אויך נעבעך. איך ווייס, וויפיל טרערן זי פאַרגיסט אין די נעכט. זי האָט בלויז איין טרייסט — די תפילות אירע צו דער הייליקער מוטער.

די ווייבער זענען אַרויס מיט לשון־הרע אויפן הויכן קול. די וויעטראָוואַ האָט מען געשאָלטן, געזידלט : די וויעטראָוואַ — איז אַ גנבטע, אַז זי מאַכט פון די קינדער אַ תל, אַז זי גיט דעם מאַן צו שמעקן, אַז זי לאָזט קיינעם אויף די אויגן נישט, שפּייט אויף אַלע, טרייבט די בריגאַדירן פון איר טיר אַוועק, און האַלט מיט אַלע אין איין אַרומרייסן זיך...

ווען אַלע האָבן זיך שוין געהאַט באַרויקט און מיט נייגי־ריקייט גענומען קוקן אויף דער טיר, בין איך אויפגעשטאַנען,

און מיט אַן אַנטשלאָסן, קלינגענדיק קול אָנגעהויבן רעדן, זייער דייטלעך אַקצענטירנדיק יעדעס וואָרט באַזונדער:

— איך וואונדער מיך, חברטעס, ווי אַזוי איר האַלט אויס אין אייער סביבה אַזאַ מיטגליד פון דער קאָמונע, וואָס צעשטערט אויף אַ צולהכעיסדיקן אופן די געזעצן פון אייער קאָלעקטיוו. אַזאַ מענטש, ווי די וויעטראָוואַ, דאַרף אָן טענות אויסגעשלאָסן ווערן פון דער קאָמונע. איר בויט אַ נײַ לעבן, און די שעדיקער מאַכן צונישט אייערע אָנשטרענגונגען. ווי אַזוי דערלאָזט איר דאָס? איר זענט מחויב צו פאָדערן...

טייל האָבן געקוקט אויף מיר מרה־שחורהדיק, טייל האָבן געלאַכט און טייל — זיך איבערגעקוקט מיט פאַרוואונדערונג: „כ'לעבן, סאַראַ נאָר די געקומענע איז! זי פאַרשטייט נישט די איינפאַכסטע זאַכן!" בלויז עטלעכע מיידלעך האָבן אַנטציקטע אויסגעשריגן צו מיר:

— אמת! אמת!... מען דאַרף איר געבן — האַלדז און נאַקן!... אָנלערנען זי, די מכשפה, און שיקן צו אַלדי רוחות... מען דאַרף זיך אויפהערן אַרומצוטראָגן מיט איר...

אויף זייערע אויסגעשרייען איז אַפערגעגאַנגען אַ פרוי מיט אַ נידעריק אַראָפּגערוקט טיכל איבער די אויגן. איר פנים איז געווען אַ יונגס, נאָר איבער עפּעס אַ פאַרטרויערטס, אַזוי ווי אַ פאַרוויינטס. זי האָט זיך נישט דרייסט אַרומגעקוקט, גלייך געמאַכט די מלבושים אויף זיך, און אין פאַרלעגנהייט זיך צוגערוקט צום טיש.

— איך, ווייבער, וויל רעדן וועגן אונזער זאַך... וואָס האָט זי דאָ געשריגן גלאַשע... אַבאָרטן... יעדע איינע פון אונז וויל לעבן... וואָס־זשע, מוז שוין טאַקע אַזוי בלייבן... מוז מען שוין דאָס גאַנצע לעבן האַלטן אין איין קינדלען... אי שווער האָרעווען, אי קינדער האָבן... דאָס קליינע, ביי דער ברוסט, רייסט... דו קאָנסט די גאַנצע נאַכט קיין אויג נישט צוטון... דער מאַנספאַר־שוין?... וואָס אַרט עס אים?... אָפּגעטון זיינס אַרום דער נקבה... — ווייסט ער נאָר איין זאַך — זיך אַוועקלייגן און פאַפן... יונג — איז מען דאָך נאָר אויך איין מאָל... האָבן ווילט

זיך נישט... אָבער: זיי פרעגן קיינעם קיין עצה נישט — זיי ווערן געבוירן... גלאַשקען איז אַצינד לייכט צו רעדן. זי וואָלט באַר גע-פּרוווט אַזוי כסדר: דאָ האָבן דעם בויך אונטער דער נאָז, דאָ זייגן און ניאַנטשען...

און גלאַשאַ האָט איר הויך איבערגעשלאָגן:

— דערויף ביסטו אַ נקבה — דו זאָלסט קינדער האָבן. און דאָ איז פאַר דיר צוגעגרייט — אי אַ קינדער-היים, אי אַ קינדער-גאָרטן.

— יאָ, יאָ, גלאַשענקאַ, — דאָס קול פון דער יונגער פרוי האָט געציטערט, ווי זי וואָלט זיך איינגעהאַלטן נישט אַרויסצו-ווייגען: — יאָ, יאָ!... דו האָסט נישט פאַרזוכט. ווי שווער דאָס איז, מיט וויפיל פּיין דאָס איז פאַרבונדן... און יעדער מאַמע איז איר קינד ליב און טייער. גיי נעם און גיב עס אַוועק אין דער קינדער-היים אַריין... רייס עס אָפּ פון אייגענעם האַרץ... עס טוט דאָך וויי... עס איז שוין עפּעס אַזוי ווי נישט דיין קינד. עס האָט שוין נישט מער דער מאַמעס אויג אויף זיך, די צערטלעכקייט...

מער האָט מען זי נישט געלאָזט רעדן. די פרויען האָבן שוין געשריגן איינע אויף דער אַנדערער. די עלטערע זענען ווי-דער אַריין אין כעס און געקוקט אויף מיר מיט פאַראַכטונג.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ נייעס... ווי איז דאָס געהערט גע-וואָרן? מען זאָל צונעמען קינדער?! גיי — האָב זיי, און דער-נאָך וועט מען זיי ביי דיר מיט אַ בעזים אויסקערן..

— איך וועל נישט אַוועקגעבן, בשום אופן... איך בין געוואוינט זיי צו האָבן לעבן זיך: מעג מען עס אַמאָל אָנ-פּאַטשן, ווען עס דערקוטשעט שוין צו פיל, אָבער — דאָך: אייגן בלוט, און דאָס האַרץ פרייט זיך, ווען עס פילט עס לעבן זיך...

איך בין ווידער אַרויסגעטרעטן מיט אויפקלערונגען: די מאַמעס ווערן נישט אָפּגעריסן פון די קינדער: זיי זייגן זיי, קאָנען זיי באַזוכן אין דער פרייער צייט. אויף ביינאַכט נעמען זיי די קינדער צוריק צו זיך. אָבער מען האָט מיך נישט אויסגע-

הערט און געשריגן פאַרעקשנט, רוגזהדיק, פיינטלעך. דאָס האָבן אַזוי געשריגן — די עלטערע. די יונגע האָבן אויך געשריגן, אָבער זייער גאַנצע פיינטשאַפט איז געווענדט געווען קעגן די עלטערע.

די טיר האָט זיך ברייט אָן עפן-געטון, און אַלע זעגען שטיל געבליבן. די מיידלעך האָבן זיך אַריינגעפּאַקט אין איר שוואַרצן חלל, געשטופּט זיך מיט די עלנבויגנס און געלאַכט. זיי האָבן זיך אַריינגעריסן אַלע מיטאַמאָל און אויסגעשריגן:

— זי וויל נישט... זי האָט אונז שיער נישט מיט אַ בעזים אויסגעשמירט... מיר האָבן דאָרט גענוג געהאַט.

די פאַרזאַמלונג האָט געשוויגן. אַלע האָבן זיך געפילט גע-פלעפט. עס איז אַרויסגעשפּרונגען די מעלקערין דוניאַ, אַ יונגע פרוי מיט עזותדיקע אויגן און אַ הויכן בוזים, און מיט אַ חוזק-שמייכעלע זיך געווענדט צו די עלטערע פרויען:

— אָט האָט איר אייך, ווייבעלעך... גוט אַזוי... מען שפּייט אייך אין פּנים אַריין, און איר זאָגט: עס רעגנט... דאָס איז גוט אַזוי? דער וויעטריכאָס וועג געפעלט אייך? איר ווילט זיך קאָמפּאַנירן מיט איר? ניין, ווייבעלעך. מיר וועלן דאָס לעבן אַנדערש איבערבויען... און מיר וועלן די אַלע וויעטריכאָס גוט די ווינדלען אַנדרייען. מיר, פרויען, האָבן זיך דערשלאָגן צו פרייהייט, און וועלן די פרייהייט שוין קיינמאָל אין לעבן נישט אָפּגעבן.

— עמעצער האָט פאַרביסן אַריינגעוואָרפן:

— אַזאַ פרייהייט, דוניאַשאַ, ווי דו האָסט, האָט שוין טאַקע קיינער נישט. דו לעבסט אַרום, ווי אַ קאָבילקעלע אין אַ טאַבון.

— איז וואָס גייט עס אייך אָן? איך בין אַ מאַנאַכין, צי וואָס? איך לעב דאָך אָפן... אויסגעלאַסן בין איך נישט. און איר פאַרדאַרבט אייך אויך נישט די מאָגנס... מיר קענען שוין אייער דאַרפישע צנועות.

איר האָט מען גענומען שטאַרק אַפּלאָדירן.

— לאָמיר בעסער אונזער נייע לעבן בויען אין אחדות. לאָמיר אָננעמען אַ באַשלוס... ווער עס וועט נישט מסכּים זיין מיט אונז און האָבן געשעפטן מיט דער וויעטריכאַ, — איז אַ קאַפּע אין הינטן אַריין, און — וואָן ! און מיט דער וויעטריכאַ — אויף אַן אַנדערן אופן. די וויעטריכאַ איז אונז אַ ביין אין האַלז. זי האָט שוין אָן אַ שיעור שאָדן געבּרענגט ! וואָס מאַכט דאָס אויס, וואָס זי איז וויעטראָוס ווייב. זי איז קעגן דער קאָמונע, דאַרף מען איר געבן דעם וועג. איר געביין זאָל דאָ נישט בלייבן.

עס האָט זיך אויפגעהויבן די טשושקינאַ און מיט אַ פינגער אויסגעווישט די ווינקעלעך פון אירע ליפּן.

— נו, ליבּע פרויען, מיר האָבן זיך דורכגעשמועסט. די פאַרזאַמלונג איז געווען אַ גוטע. קיין בייז האַרץ אויף דער זשיזשיקאַוואַ און אַנדערע — האָבן מיר נישט. מיר ווייסן: עס טוט זיי וויי. און מיר זענען נישט קיין שונאים איינע די אַנדערע. מיר וואָלטן דאָך געוואָלט, ווי בעסער. מען מוז זיך צוגעוואוינען, מאַמעלעך, מען מוז אונזער לעבן גאָר אַנדערש איבערבויען. לאָמיר-זשע דאָס טון מיט געמיינזאַמע כּוחות, און אַלץ וועט זיין גאָר אויפן בעסטן אופן. און וואָס שייך אַניסיאַ מאַטוויעוונאַ — איז טאַקע אמת... מען דאַרף זי דערציען... אָבער — נישט מיט בייזן, נישט מיט קיין שטעקן... ניין, מאַמעלעך... מען מוז ליידן מיט איר... וואָס קאָן מען טון. מען דאַרף פּרוּוון אויף אַלע אופנים. מיר זענען דאָך נישט קיין גזלנים... ביי אונז איז דאָך נישט — עפּעס אַ תּפיסה.

איך בין אויפגעשטאַנען און גערעדט מיט די פרויען מיט באַגייסטערונג און אַנטציקונג. מיך האָבן אַרומגערינגלט הייסע קערפּערס, ליבּע פּנימער. די מיידלעך און יונגע פרויען האָבן מיך צוגענומען, און איך האָב אין די מינוטן פאַרגעסן אָן זיך. איך האָב מיך פאַרלוירן אין זיי, בין אינגאַנצן אַריינגעוואַקסן אין זיי.

דערנער

מיט מיינע געהילפינס האָב איך מיך באַשעפטיקט טאָג-טעגלעך — איך האָב איינגעאָרדנט פאַר זיי אמתע קורסן. איך האָב אָנגעפירט מיט די פרויען, ווי מיט קינדער: זיי צוגעוואוינט צו ריינקייט און אויסגעלערנט, ווי אַזוי אומצוגיין מיט די קינדער — ווי אַזוי צו האַלטן זיי אויף די הענט, ווי אַזוי צו קאָרמען, ווי אַזוי צו וויקלען, ווי אַזוי צו פירן זיך מיט זיי אין פאַרשידענע מאָמענטן פון זייערע שטימונגען און נייגיריקייט. איך האָב זיי אָנגעטון אין דיזינפעקציע-כאַלאַטן און אַנטוויקלט אין זיי די באַדערפעניש צו האַלטן די צימערן אין ציכטיקער ריינקייט און פרישקייט. שווער איז זיי געווען זיך צוצוגעוואוינען צו דעמדאָזיקן, און עס איז געווען אַזאַ צייט, ווען איך האָב געפילט, אַז טייל פון זיי האָבן געמאַכט אַ פאַרשווערונג קעגן מיר: אָנגעכמורעטע, האָבן זיי אויף אַ פיינטלעכן אופן זיך באַמיט צו טון מיר אַלץ להכעיס, אָדער לחלוטין גאָרנישט צו טון. איינמאָל האָב איך זיי צונויפגערופן, און מיר האָבן זיך הייס און אינטים דורכגעשמועסט. מיין שטיצע אין דעם פאַל איז געווען נאַטאַשע. אויפגערייצטע, קאַפריזע, מיט רויטע פלעקן אויף די באַקן, האָבן זיי זיך געקריגט ווי קינדער, געזידלט און באַליידיקט איינע די אַנדערע, געזידלט און באַליידיקט אויך מיך, אָבער איך האָב מיך געהאַלטן רויק און זיכער ביי זיך.

— צי זענען מיר עפּעס פאַרשאָלטענע, צי וואָס? וואָס מיר טוען — טויג נישט. צי זענען מיר ליב-אייגענע? אונזערע קינדער — זענען נישט קיין פריצהשע. זעט, אין דאָרף, ווי ווי דאָס קליינוואַרג האָדעוועט זיך: פרעסט אַלץ, וואָס נאָר עס קומט אונטער דער האַנט, און וואַלגערט זיך מיט די חזירים אין מיסט. מיר גיבן זיך שוין צופיל אָפּ מיט זיי, וואַשן זיי צופיל. דאָס איז שוין צופיל אויפן אינטעליגענטישן שטייגער.

איך און נאַטאַשע האָבן לאַנג איינגעטענהט מיט זיי, דיסקוטירט, זיך אויפגערעגט, און אונזערע וויכוחים האָבן געפירט בלויז

צו איינס — מיר מוזן זיך איבעראַרבעטן ביזן וואָרצל: לכתחילה איז דאָס שווער, אָבער שפּעטער וועלן מיר שוין גאָרנישט וועלן לעבן מיט קיין אַנדער לעבן. ביז אַצינד האָבן מיר געלעבט שלעכט, חזיריש. מען האָט אונז נישט געהאַלטן פאַר קיין מענטשן. אַצינד אָבער האָבן מיר אויסגעקעמפט פאַר זיך אַלע מענטשלעכע רעכט, מוז מען דאָך באַווייזן, אַז מיר זענען ווערט אָנצופירן מיט אונזער לעבן.

נאָך היינט קומט מיר אויס צו קעמפן מיט אָט די עקשנות-דיקע דאָרפישע געוואוינהייטן, וואָס פלייסן זיך מיר אַלץ צו טון להכעיס.

באַזונדערס עקשנותדיק און אויסגעהאַלטן אין אירע האַנדלונגען איז די יונגע פרוי אַקסיוטאַ. אַ דאַרינקע, אַ קנאָכיקע, מיט קליינינקע, שוואַרצינקע אייגעלעך, מאַטע און בלינדע, ווי די בלעטעלעך פון אַ טשערעמכע-בלימל; זי גייט מיט אַ וואַקלדיקן, פוילן, צעקראָכענעם גאַנג, האַלט זיך שווייגנדיק, און אַלע זענען איר דערווידער. זי האַסט מיך אויף אַ טעמפּן, פאַרביסענעם אופן, מיט דער פאַרבאָרגנקייט פון אַ חיה. זי ליידט פון אַ מין פיינלעכער באַדערפעניש אַלץ צו טון להכעיס.

— דו, אַקסיוטאַ, בר ענג גלייך דעם טיש אין אָרדענונג: די קינדער וועלן זיך באַשעפטיקן מיט האַנט-אַרבעט.

זי גייט שווייגנדיק און פלומרשט געהאָרכזאַם אַרויס, ברענגט אַריין אַ שמוציקן בעזים און הייבט אָן צו רייבן מיט אים די טישן. איבערן צימער צעטראָגט זיך אַן אַויר פון פאַמיעס.

— אַקסיוטאַ, וואָס טוסטו? דאָס ערשטע מאָל קומט דיר אויס צו טון אַזאַ אַרבעט?

אירע אויגן, ווי די - בלעטעלעך פון טשערעמכע, גיבן אַ בלינצל צווישן די אָנגעשוואָלענע וויעס, און זי גייט ווידער אַרויס אין קאָרידאָר אַריין. דערנאָך קומט זי אַריין מיט אַ נאַסער שמאַטע און הייבט אָן צו שמירן מיט איר איבער די טישן. איך מוז ווידער שרייען.

— אַקסיוטאַ, דאָס איז אומפאַרשעמט! דו ברענגסט אונז בכיוון שאָדן.

אַ שווייגנדיקע, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף מיר, פלעגט זי פאַרביסן זיך אַרומדרייען איבערן צימער אַן שום באַדערפעניש און אונז שטערן אין אונזער אַרבעט. איינמאָל, בלייבנדיק אַליין מיט איר, האָב איך, אַ פאַרצווייפלטע, איינהאַלטנדיק די טרערן, זי אָנגענומען ביי דער האַנט, איר אַריינגעקוקט טיף אין די אויגן, און זי געפרעגט:

— אַקסיוטאַ, פאַרוואָס פירסטו דיך אויף אַזוי שלעכט? פאַרוואָס טוסטו אַלץ להכעיס? אין וואָס זענען דיר שולדיק די קינדער? וואָס האָב איך דיר פאַר אַ שלעכטס געטון?

זי האָט אַרויסגעריסן די האַנט, זיך אָוועקגעדרייט, און זיך געלאָזט גיין צו דער טיר. שוין אויף דער שוועל, זיך אָנשלאָגנדיק אָן דער וואַנט, האָט זי אַ ווײַלע אַ קלער-געטון, און מיט אַ הייזעריקלעך קול אַרויסגעזאָגט:

— ס'איז מיר אַלץ נמאס געוואָרן... וואָלטן כאָטש מיינע אויגן דאָס נישט צוגעזען... איך וויל אַהיים... איך האָב שוין מער קיין כוח נישט... צוּוואָס דריי איך מיך אַרום דאָ?... אי די הענט, אי די נשמה — ווי בלינד זענען זיי. פּלאָנטערן זיך אַרום אָן אַ וועג און אָן אַ ציל. אינדערהיים האָב איך געהאַט אויף וואָס זיך אָנצושפאַרן: אי אַ ווינקעלע אַן אייגנס, אי אַ טאַפּטשאַן, אי אַ בהמהלע... און אַצינד האָט מען מיך מיטן וואָרצל אויסגעריסן און אויף דער גאַס אַרויסגעוואָרפן. גייען מענטשן און טרעטן מיך מיט זייערע פיס.

איך האָב זי אַרומגענומען און מיט צערטלעכקייט באַרויִקט:

— דאָס איז גאָרנישט, אַקסיוטאַ. מען דאַרף, טייבעלע, זיך קאָנען איינברעכן. וועסט זיך לערנען — וועסטו אַ סך געוואויר ווערן. און דיין פאַרגאַנגען לעבן וועט דיר אויסזען שמוציק און ווילד. דו — ביסט נישט אַליין. לאָמיר זיך קעגנזייטיק צוהעלפן איינאָרדנען אונזער לעבן.

— איך ווייס נישט... עפעס אַ שד זיצט אין מיר. איך קאָן מיר קיין רו נישט געפינען...

איך האָב זי געגלעט איבער די האָר און גערעדט צו איר צערטלעכע רייד. צעשיידט האָבן מיר זיך וואָרים, ווי האַרציקע חבריטעס. די ערשטע טעג דערנאָך האָט זי געאַרבעט מיט אַלע כוחות און זיך געפלייסט מיך צופרידנצושטעלן, פאַרויסצוטרעפן מיינע פאַרלאַנגען. דער שד, וועלכן זי האָט דערמאָנט, בונטעוועט זיך אין איר אויך איצטער. אָבער שוין זעלטן. געוויינטלעך איז זי טעמפּ, געהאָרכזאַם און גלייכגילטיק. זי קעמפט שוין נישט מיט מיר, נאָר מיט זיך אַליין, און איך ווייס, אַז דער שוואַרצער כוח פייניקט זי שרעקלעך.

און אין דער היים, אין דאָרף, איז איר לעבן געווען גאָר־נישט פריילעך. דער מאַן פלעגט זיך פאַרדונגען אַלס פּאַסטוך, און זי האָט איינע אַליין געמוזט האָרעווען אַרום דעם באַלעבאַטיש־קייט. די נויט האָט זי אויפגעפרעסן. דער מאַן האָט געשיכורט, די קינדער האָבן געקרענקט און זענען אויסגעשטאָרבן איינס נאָכן אַנדערן, אָבער זי האָט ליב געהאַט איר הייזקע, איר הויפל און פלעגט גאַנצע טעג, פון זון־אויפגאַנג ביז אין דער זונקענדיקער נאַכט אַריין, זיך אַרומפּלאָנטערן אין איר נאַרע. און איצטער האָט זי אָט די נאָרע אירע נישט געפילט, און אַ פיינלעכע בענקשאַפט האָט זי געשטיקט.

נאַטאַשע איז געווען די איינציקע אַרבעטערין, וואָס האָט אַלץ געטון אויס איבערצייגונג. פאַר דער קימפעט איז זי געווען אַ פשוטע ניאַניע, אַן אויפרוימערין, אַן אויפזעערין — וואָס מען האָט געוואָלט, אָבער זי האָט זיך געהאַלטן זיכער און שטרענג, ווי אַן אמתע באַלעבאָסטע. צו איר באַציִען זיך אַלע מיט אַכטונג, האָבן אפילו פאַר איר מורא; וועגן איר טרייבט מען צומיינסט רכילות און מען שושקעט זיך אין די ווינקעלעך. זי ווייסט וועגן דעם, נאָר קוקט אויף אַלע מיט איר געוויינטלעכן שלאַנגישן שמייכעלע. בלויז טיילמאָל, ווען איר גלוסט זיך שוין גאָר שטאַרק אַ ביסל שפּאַס צו טרייבן, צעלאַכט זי זיך מיט אַ קלינגענדיק געלעכטער

און הייבט אָן רעדן מיט חוזק און אַרויסרופנדיק — גראָד דע-מאָלט, ווען די פרויען זענען מיט באַזודערער הנאה אַריינגעטון אין רכילות, זיך שטופנדיק מיט די עלנבויגנס איינע די אַנדערע.

— אַלזאָ, מיידלעך, איר האַלט אַלץ אין איין ריטער פלעכטן ?... ווען-זשע וועלן די ריטער איבער אייערע אייגענע פליי-צעלעך אַ הוליע-טון ?

די פרויען בלינצלען אין פאַרלעגנהייט מיט די אויגן, קור-טשען זיך איין און שמייכלען, ווי גנבטעס, וואָס מען האָט זיי געכאַפּט ביי דער גנבה.

— וואָס פאַלט דיר איין, נאַטאַליעטשקאַ ! מיר רעדן דאָך סתם אַזוי... וואָס-זשע, מען טאָר שוין גאָרנישט רעדן אַ ביסל ?

זי שמייכלט קלוג און באַרויִקט זיי.

— אדרבה, מיידעלעך, וויפיל אייער האַרץ גלוסט !... אויף דעם .זאָט מען דאָך אייך צונגען אָנגעהאָנגען, איר זאָלט מיט זיי פליאַדערן. איר זענט מיר בלויז אַ שאָד... איר אַרבעט שוין צופיל מיט זיי, און קיין נוצן דערפון — איז פאַר קיין גראָשן נישטאָ.

נאָך דער קימפעט איז זי באַשטימט געוואָרן אַלס אויפ-זעערין איבער די קינדער-אינסטיטוציעס. און ביי דער אַרבעט איז זי שנעל אויסגעוואַקסן און קולטורעל געוואָרן. זי איז אַצינד אפילו שטרענגער און פאַדערט מער פון מיר. אַקסיוטאַ ציטערט פאַר איר, האָט זי אָבער אויך שרעקלעך פיינט. איך האָב שטאַרק מורא, עס זאָל עפּעס נישט געשען צווישן זיי. איינמאָל האָב איך וועגן דעם געזאָגט נאַטאַשען, נאָר זי האָט אפילו די אויגן נישט אויפגעהויבן, און איר האַנט, וואָס איז באַשעפטיקט געווען מיט אויפשטעלן די ציפערן פון באַריכט, האָט אפילו נישט קיין ציטער-געטון.

— איך, האַליעטשקאַ, זע זי דאָך דורך און דורך : איך זע אפילו, ווי זי קוקט אויף מיין רוקן, ווייס, וואָס זי טוט יעדע מינוט. זי שלאָפט נישט אין די נעכט. דו האָסט באַמערקט, וואָסע-רע רויטע אויגן זי האָט, ווי זי וואָלט שיכור געווען ? אַזעלכע מענטשן עסן בלויז זיך אַליין, זיי — זענען נישט געפערלעך.

צו אונז קומט אָפט אַריין די טשושקינאַ. נאָך אין קאָרידאָר שרייט זי שוין הויך, ווייבעריש, מיט אַ מעלאָדיש קול.

נו, וואָס הערט זיך, מיידעלעך? ווי דרייט זיך דאָס מילעכל — איז די אַרבעט אַן אָפּקומעניש, אָדער לייכט, ווי אַ שפּילעכל? לאָזט מיך נאָר אַ קוק טון אויף אייערע מענטשעלעך.

מיר זענען זייער צופרידן, וואָס זי קומט: מיר פירן זי צו צום וואַש־בעקן, גיבן איר אַ כאַלאַט און רעדן מיט איר אַלע אינאיינעם. און זי שרייט אויף אונז מיט געמאַכטן געבייזער, ווי אַ שוויגער:

— נו, וואָס האָט איר זיך צעקוואָקעט? וואָס זענט איר, ווי הינער, פון שאַדעלע אַראָפּגעפלויגן! דער שד האָט מיך דאָ אָנגעטראָגן, און זיי זענען שוין גרייט צו פאַרמאַטערן אַ מענטש: אַ קאַפּאָטע, ווי אַ פּאָפּ, מיר אָנגעטון, דערצו נאָך וואַסער, און זייף... אַן אַרבעט מיר אָפּגעגעבן!... בלויז אַ באָד האָט נאָך דאָ צוגעפעלט... מיט פּאַרע, מיט אַ בעזימל... אַ, דער גוטער יאָר זאָל אייך נישט קענען... מער קום איך נישט צו אייך!...

און פּלוצלינג, אַ בייזע, אַ געריטע, הייבט זי אָן צו קושן אונז איינע נאָך דער אַנדערער.

אין דער קינדער־היים קוקט זי מיט פרייליכער צערטלעכקייט אויף די פּולינקע, געשמאַקע קערפּערלעך, וואָס רודערן מיט די הענטלעך און פיסלעך און שפּילן זיך מיט דער זון. מיט וואַרימען טוי אין די אויגן, קאָן זי לאַנג קיין וואָרט נישט אַרויסרעדן.

— אָט וואָס מיר האָבן דערלעבט... פריער איז דאָס אפילו אויפן רעיון נישט געקומען... מיר האָבן געלעבט, ווי חזירים... אין שמוץ, אין ווילדקייט, אין צרות... די ליכטיקע שיין פאַר די אויגן נישט געזען... אָבער אַצינד... מיידעלעך מיינע!... איך ווער דאָך ממש פאַרבלענדט פון אָט דער הימלישער זויבערקייט. זיי — וועלן שוין זיין מענטשן... עכטע מענטשן!...

און שטענדיק, ווען מיר גייען אַריבער מיט איר אין קינדער־גאָרטן אַריין, פאַרשטאַרצט זי שוין אין קאָרידאָר דעם כאַלאַט

און הייבט־אָן אַרויסנעמען פון קעשענע די צוקערלעך, וואָס זי האָט בכיוון געקויפט אין אונזער קאָאָפּעראַטיוו. איך כאַפּ זי אָן ביי די הענט און נעם איר שנעל און אויפגערעגט צו דאָס זיסוואַרג.

— דאָס טאָר מען נישט, טשושקינאַ... דו ביסט — גאָרנישט צום אויסבעסערן... געוואוינ דיך אָפּ, איך בעט דיך, פון דער שלעכ־טער טבע: דו מאַכסט אונז קאַליע די קינדער...

זי בייזערט זיך און שרייט — פאַרשטייט נישט, ווי אַזוי קאָן מען דאָס ביי די קינדער צונעמען דאָס גליק צו באַקומען מתנות.

— מען האָט דאָ אויסגעטראַכט אַזוי פיל נאַרישקייטן... דאָס זענען דאָך קינדער!... פאַר זיי איז דאָך אויף דער וועלט נישטאָ קיין בעסערע זאַך פון זיסקייטן....

— מען טאָר דאָס נישט, טשושקינאַ, — פאַרשטיי. דאָס מאַכט שרעקלעך קאַליע זייער כאַראַקטער: זיי ווערן קאַפּריז און צע־שטערן דערנאָך דעם גאַנצן טאָג־סדר.

זי ברוגזט זיך, מורמלט, אָבער גיט זיך אונטער... און אין צימער גופא, צווישן די קינדערלעך, קאָן זי זיך גאָרנישט זאָט אָנרעדן מיט זיי; זי באַטייליקט זיך אין אונזערע שפּילערייען און ווערט אַליין מיטגעריסן פון אונזערע אַרבעטן, ווי אַ קליינע — זי צייכנט, שערט אויס מיטן שערעלע רייזעלעך פון פּאַפּיר, לערנט נייען, צושניידן, מאַכן ליאַלקעס.

מיט באַנקינען האָט זי אויסגעהאַלטן אַן עקשנותדיקן קאַמף: וויפיל ער האָט זיך נישט באַמיט מיך אַרויטצורוקן אַלס אָרגאַני־זאַטאָרין פון די פרויען — האָט די טשושקינאַ אַלץ אַנטשלאָסן פּראָ־טעסטירט. אויף אַ פאַרזאַמלונג פון די פרויען איז זי סוף־כל־סוף אַרויס פון געדולד און הויך און בייז אים איבערגעשלאָגן:

— דו ווייסט נישט, וואָס דו רעדסט, באַנקין. האַליאַ איוואַ־נאָוונען טאָר מען נישט באַשטימען אַלס פרויען־אָרגאַניזאַטאָרין. זי איז אונזער קינדער־אָרגאַניזאַטאָרין, און אין דער אַרבעט גייט שוין ממילא אַריין אויך דאָס אָרגאַניזירן די פרויען. אָבער נישט איך, נישט קיינער פון די פרויען, וועלן נישט דערלויבן

אַרויסצוווײַפן אויף איר די גאַנצע ווייבערישע אַרבעט. איך וועל שוין נעמען אויף מיר אָט די אַרבעט — כאָטש איך האָב מיך פריער אָפּגעזאָגט — איך האָב מיך געוואָלט פאַרנעמען מיט דער ־יך... אַצינד אָבער וועל איך זי יאָ נעמען... דאָס עסצימער מיט דער קיך וועלן מיר איבערגעבן לושען...

אויף אַזאַ אופן איז באַנקין אַרויס אַ באַזיגטער פון דעם קאַמף. ער האָט יאושדיק אַ מאַך־געטון מיט דער האַנט און גלייכ־גילטיק געזאָגט:

— אַלזאָ... בכלל וועלן מיר די זאַך טאַקע אַזוי פאָרמולירן... אונטערשטרייכנדיק די אַקטיוויטעט פון די קאָמוניסטקעס און זייער פּראָלעטאַריש באַוואוסטזיין... איז אַרייַנגעטראָגן געוואָרן אַן ענ־דערונג אין דער באַשטימונג פון קעמערל־ראַט... האָ, האָ... די חברטע טשושקינאַ — איז שוין איינמאָל אַ פרוי מיט אַ פעסטן כאַראַקטער... זי איז מיר שוין לאַנג געפעלן געוואָרן... אויב אַ פרוי האָט אַ טבע זיך ביי אַלעם צו קלאַפּן איבער די היפּטן, איז אַ סימן, אַז זי וועט אירס אויספירן... און מיר וועלן אין סך־הכל טאַקע אַזוי פאַרפּראָטאָקאָלירן.

באַנקין האָט ליב געהאַט צו רעדן הומאָריסטיש, און ווייל ער האָט זיינע ווערטער אַרויסגעזאָגט אין אַ מרה־שחורהדיקן טאָן, האָבן מיר דערפאַר געלאַכט נאָך פרייַלעכער, מיטן גאַנצן האַרץ.

אַ פרוי פון הינטערן אויוון אַפּער

אין קינדער־גאָרטן האָבן נישט אַרייַנגעגעבן זייערע קינדער די זשיזשיקאָוואַ און וויטעטראָווס ווייב, וועלכע האָט זיך פאַרבאַ־ריקאַדירט ביי זיך אין צימער און זיך נישט געוויזן — נישט אין קלוב, נישט אין עסצימער, נישט אויף די פרויען־פאַרזאַמלונ־גען. צוויי מאָל האָב איך זי געזען, בשעת זי האָט פונאַנדער־געהאָנגען גרעט אויף דער צווייטער זייט פון הויפּט־קאָרפּוס, אויפן

הויף פון דער אָפיצינע. אַ צעשויבערטע, אַ שמוציקע, אַ קנאָכיקע, מיט זייער אַ ברייטן און פלאַכן הינטן, מיט פעסט צונויפגעדריקטע ליפן און איינגעגראָבענע אייגעלעך, האָט זי ווילד, מיט בלינדן האַס, אַ ווײַלע אַ קוק־געטון אויף מיר און שנעל אַוועקגעכאַפּט דעם קאָפּ. פון דער באַגעגעניש מיט איר, איז מיר, איך ווייס אַליין נישט פאַרוואָס, דאָס האַרץ אַנטפאַלן.

איך האָב מיך איבערגעשמועסט וועגן איר מיט נאַטאַשען, מיט לושען, מיט די ניאַניעס, מיט דער טשושקינאַ. זיי אַלע האָבן איבער עפּעס סודותדיק געשמייכלט. נאַטאַשאַ, מיט איר געוויינטלעכן שמייכל, אַ פאַרטיפטע אין זיך, האָט געזאָגט, נישט צו מיר, נאָר אין פענסטער אַריין:

— אין אַ נײַ הויז מוזן זײַן מײַז... זי פירט זיך — ווי אַ פוקס: זי גייט בלויז אין די אייגענע שפּורן.

איך האָב מיך באַראָטן מיט דער טשושקינאַ — צי זאָל איך אַריינגיין צו דער פרוי און זי פּרוּוון איבעררעדן, זי זאָל אונז אַריינגעבן די קינדער, אָדער זאָל איך דאָס אויסווירקן דורך וויטעטראָון אַליין. די טשושקינאַ האָט, אַ פאַרטראַכטע, מיך אָנגעקוקט מיט מידע אויגן, און אַ זיפץ־געטון.

— עס איז בלויז אַ מיטלייד אויף וויטעטראָון, אַנדערש — וואָלט איך שוין לאַנג דורכגעפירט, מען זאָל זי פון דאַנען משלח זײַן, און ס'וועט סײַ־ווי אויסקומען זי צו משפּטן. זי האַלט אונז כסדר אין שרעק... זי קאָן אַלץ אָפּטון, אפילו אונטערצינדן... אָט איז זי ערשט נישט לאַנג געלעגן געוואָרן — האָט זי די אַקושערקע איבער דער שוועל נישט אַריבערגעלאָזט, אַליין מיט דער באָבע זיך געפּאָרעט.

— הבֿרטע טשושקינאַ, איך וועל פונדעסטוועגן אַרייַנגיין צו איר. איך וועל פּרוּוון. לאָמיך כאָטש געוואויר ווערן — וואָס פאַר אַ פרוי דאָס איז.

— גיב נאָר גוט אַכטונג, האַליעטשקאַ. זי זאָל דיר נישט קיין עוולה־טון. און זי איז דאָך אַמאָל געווען גאָר אַ וואוילע פרוי. וואָס מיט איר איז געשען, איז גאָרנישט צו פאַרשטיין. זי

האָט דאָך אַן אַנדערהאַלבן יאָר געלעבט, ווי אַלע אַנדערע. זי
שטאַמט פון אַ פיינער, רייכער פאַמיליע... פון אַן אונזעריקער...
עס איז איר קאַפּויער געקומען !...

איך בין אַוועקגעגאַנגען צו דער וויעטראָוואַ איינמאָל פאַר
מיטאָג-צייט. איר צימער געפינט זיך אין סאַמע עק פון קאָרי-
דאָר - אין ווינקל. די טיר איז געווען פאַרמאַכט, און פון הינ-
טער איר האָבן זיך געטראָגן פאַרשידענע קולות פון די קינדער.
זי האָט געשריגן, געטופּעט מיט די פיס, און איך האָב געהערט
אויך דעם וויינען אָפּקלאַנג פון פּעטש איבער נאַקעט לייב.

— שווייג, נבלה, וואָרים איך וועל דיך דערהרגענען !... עס
איז דאָך גאָר קיין טויט נישטאָ אויף אייך... מאַשע, גיב אים
דאָרט, דעם פאַרזעעניש, דעם סמאָטשעק... איך קאָן דאָך אים
גאָרנישט באַווייזן דאָס ברויט צו קייען... ווי אַ חזיר — פאַר-
שלינגט ער דאָך אַלץ... דער זולל וסובא !...

איך האָב אָנגעקלאַפּט אין דער טיר איינגעהאַלטן, מיט
אַ ציטערדיקער האַנט, מיט אַ שרעקנדיק האַרץ. די טיר האָט
זיך געעפנט, מיט פאַרדעכטיקער פאָרזיכטיקייט, נישט מיטאַמאָל.
אַניסיאַ מאַטוויעוונאַ האָט זיך איינגעגראָבן אין מיר מיט איין
אויג פון צווישן שפּאַלט אַרויס און גראָב אַ פרעג-געטון:

— וואָס דאַרפסטו ?

— איך האָב מיך געוואָלט דורכשמועסן מיט אייך, אַניסיאַ
מאַטוויעוונאַ... וועגן די קינדער...

— נישטאָ וואָס צו רעדן... טראָג דיך אָפּ פון דאַנען... זע
נאָר, ווי דאָס האָט זיך אויסגעשלייערט מיטן קליידעלע ביז די
ליטקעס... שלעפּ דיך, כל-זמן דו ביסט גאַנץ...

און זי האָט בייז פאַרהאַקט די טיר. עס האָט אַ גרילץ-גע-
טון דער ריגל, און אין צימער, צווישן דעם געוויין פון די קינ-
דער, האָט זיך דערהערט איר שטיקנדיק קול, אָנגעזאַפּט מיט
פאַראַכטונג.

דאָס פערטע העפט

צווי וועלטן

די קאָמונע „נייע ערד“... דידאָזיקע „נייע ערד“ איז דער קאָנטינענט צווישן דעם אַרכיפּעלאַג פון די פויערישע „בייטן“ און „חלקים“. די דערפער און כוטאָרס אויף דער צווייטער זייט פון זומפיקן טייל, נאָך די ראָר־שטעקנס, רויכערן זיך, צופונסנס די באַרגיקע ווייטן, ווי פאַרברענטע קופּעס מיסט; עס זעען זיך זייערע ווייסע און פיאָלעטע גלאָקן־טורעמלעך און צערקווילעך, מיט די אָפּגעטיילטע ערד־חלקים, וואָס שפּרייטן זיך אויס ביז אַראָפּ צום זומפּ מיט זייערע פאַרוואַקסענע בערגלעך. און נאָך די דערפער, איבער די באַרגיקע ווייטן, טונקלען־און גרינען זיך אין דער לענג און אין דער ברייט, אין דער פאָרם פון קלינעס, קוואַדראַטן און שמאָלינקע שטרייפן, די אָמאָליקע הויפישע פעלדער. אין דער צייט פון האַרבסט און פרילינג שטייען דאָרט, ווי וואָנסיקע פעלדגרילן, וואָגנס, מיט די האָלאָבליעס פאַרריסן אין דער הויך, עס קריכן מיד און פויל איינזאַמע פערד, וואָס שאָקלען מיט די מאָרדעס און שלעפּן־נאָך הינטער זיך אַקערס און בראָנעס. אויב דער פויער גייט איינגעהויקערט און וואַקלדיק הינטערן פערד — איז אַ סימן, אַז ער אַקערט זיין פעלד. אויב פאַרן פערד גייט אַ פרוי אָדער אַ קינד — באַטייט דאָס, אַז דאָס פערד שלעפּט אַ בראָנע. דעמאָלט שפּאַנט ערגעץ־וואו נישט ווייט אַ פויער, וואָס באַוועגט ברייט מיט דער האַנט, ציילט אויפמערקזאַם זיינע טריט און באַוועגונגען פון דער האַנט. עס זעט אויס, ווי ער וואָלט געטראָגן אַ פויק אויפן בויך, און ער פויקט אין איר צום טאַקט פון זיינע שיטערע און וואַקלדיקע טריט. די פעלדער, געהילטע אין נעפּל, דערמאַנען אָן מדבר, די צעקרומטע משופּעדיקע

בערגלעך ציִען זיך ביז אַראָפּ צו די דערפלעך און זומפּן, און די פאַרגליווערטע שטילקייט הויערט שווער איבער די איינטעניקע ווייטן. מיך באַפאַלט תמיד אַ טרויער, ווען איך נעם קוקן אויף אָט דער אַרבעט, דער איינזאַמער, אָרימער און אין אומעט פאַרזונקענער. איך קוק אויף די פּוסטע בערגלעך, אויף די אויסגעמאַטערטע פערדלעך און זיך שטרויכלענדיקע מענטשן, פּיעגעוואַטע און שוצלאָזע, און מיין האַרץ נעמט קלאַפּן צום טאַקט פון אַ ליד, וואָס איך האָב אַמאָל, שוין זייער לאַנג געלייענט, שוין לאַנג פאַרגעסן, אָבער וואָס לעבט אויף אין מיר אין אָט די מינוטן:

כּאַטעס — צו דער ערד געבויגן,
פעלדער — מאָגערע און גרויע...
היימלאַנד מיינס, אויף לייד דערצויגן...

דידאָזיקע פעלדער זענען ווייט, ווי געשפּענסטער פון דער פאַרגאַנגענהייט, ווי זעונגען, פאַרשוואומענע אין אַנדערע וועלטן. איך קוק אויף דעם לאַנדשאַפט פון קעגנאיבערדיקן ברעג. אונזער ערד שפּרייט זיך אויס איבער די בערגלעך און ציט זיך אַוועק צו די ווייטע זיך־כוואַליענדיקע האָריזאָנטן אויף דער זייט זומפּ. אונזערע פעלדער זענען נישט אַזוי צעריסן און געלאַטעט, נישט דורכגעשניטן פון פּיאָלון־פאַרוואַקסענע סטעזשקעס: דאָס זענען — אומענדלעכע סאַמעטענע שטחים, ימים גאַנצע, גרין־זיידענע, פון ווינטער־תבואה; און זומערצייט — אָקעאַנען, מיט פערלמוטער און גאָלד צעציטערטע, וואָס כוואַליען זיך אַוועק צו די פאַרנעפּלטע, געבערגלטע, איינזופיקע ווייטן און ברייטן. עס זעט אויס, ווי די ערד וואָלט אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון אַ שׂרפה, וואָס די זון האָט אין איר אומעטום אָנגעצונדן, און די פייער־הוראַגאַנען פרעסן זי פון אַלע זייטן. זומער, אין די קריסטאָלענע טעג, רוקן זיך שווער איבער דידאָזיקע פלאַמענדיקע פעלדער, אין סעמעטרישע רייען, אייזערנע פאַרזעענישן און שניידן די זוניקע כוואַליעס פון ווייץ און קאָרן.

און אין האַרבסט און פרילינג, אויסגעשטרעקט אין לאַנגע שורות, אָדער איינגעשטעלט אין גלייכע קאָלאָנעס, אויפהייבנדיק אַ געלן וואָלקן שטויב אַרום זיך, צעקעמען די ערד, מיזאַם און עקשנות־דיק, גלאַנציקע אַקערס, דיסקאַרטיקעס, זיגזאַגישע בראָנעס, פלינקע זייע־מאַשינען. דאָ זע איך שוין נישט — נישט קיין דאַר, אויסגע־מאַטערט פערדל, נישט קיין פויער, וואָס שלאָגט זיך אַרויס פון די כוחות, נאָכשלעפנדיק זיך, אַ געהאָרבעטער, מיט געפלאָנטער־טע טריט נאָכן אַקער. איך זע נישט — נישט קיין שניטערס, נישט קיין שניטערינס, וואָס בוקן זיך גאַנצע טעג הכנעהדיק צו זייער ווערמיק פיצל ערד, און באַקומען פאַר יעדן בוק אַ זשמעניע הייס שטרוי מיט עטלעכע מאָגערע זאַנגען — אויך אַזאַ אָרימער קרבן, ווי עס זענען זייערע קאַרגע בינטלעך געוויקסן פון די וואַקסענע, תפילהדיקע צערקווע־ליכט, וואָס ציטערן מיט הונגעריקע פייער־צינגלעך.

מיר האָבן — צוויי טויזנט העקטאַר ערד, פון וועלכע עס געפינט זיך נישט קיין איין טפח, וואָס זאָל נישט זיין אויפגע־אַקערט און פאַרזייעט מיט פאַרשידענע זריעה־קערנער און גראָזן, נישט אָנגעזעטיקט מיט פעטע אַזאָטן. און אין דעם געדיכטן ים פון מעוברתער און פרוכפערנדיקער ערד געפינען זיך אונזערע בנינים — דער געמויערטער קאָרפוס פון די קאָלעקטיווע וואוינונ־גען, ווירטשאַפטלעכע געביידעס, וואַרשטאַטן, הויכע שייערס און שטאַלן פאַר די בהמות און תבואות — דאָס איז אַ גאַנצער פלאַט פון שיפן, פאַר וועלכע די קאַמענדע איז שטרענג צוגעקליבן און איז באַקאַנט מיט די צילן און פליכטן, וואָס זענען אויף איר אַרויפגעלייגט געוואָרן... דאָס זענען — אייגענע ברידער און חברים אין דער אַרבעט, וואָס זענען פאַרבונדן דורך אַ שבועה פון טרייהייט און פריינטשאַפט. דאָס — איז אַ משפחה פון דריי־הונדערט מענטשן. זיי פאַרמאָגן גאָרנישט זייער אייגנס, אָבער פאַרמאָגן אַלץ. זיי האָבן גאָרנישט, אַחוץ זייערע כוחות, אָבער זענען אייגנטימער פון אַ בשותפותדיק פאַרמעגן.

און ווען עס קומען צו אונז די פויערן פון אַט די

„כאַטעס — צו דער ערד געבויגן", פון אָט די „פעלדער — מאָגערע און גרויע", ווען זיי קומען, נישט געקעמטע, שמוציקע, אין שמאַטעס און לאַטעס, ווי זייערע אַלטפרענקישע מאָגערע פעלדער, און הייבן אָן אין וואַרשטאַט, אין דער מיל, אין די אָוונטן אין קלוב, זיך צו קלאָגן אויף זייער שווער לעבן, דעמאָלט נעמט וויעטראָוו אויף אַ זאַכלעך-עקשנותדיקן און שטאָלצן אופן תמיד מיט זיי איינטענהן :

— מיר אַרבעטן שוין לויט אַ נייעם סיסטעם... מעליאָראַציע... און איר פטרט נאָך די כוחות אויפן אַלטן שטייגער... ווען וועל איך אייך שוין איינברעכן, טייוולאָצים ? איר זענט דאָך קבצנים : נישט קיין ברויט האָט איר, נישט קיין הויז אויפן לייב, וואו אַ פלוי זאָל זיך קאָנען האַלטן. איר האָרעוועט טאָג-און-נאַכט און פגרט אַוועק, פאַרקריפּלטע און צעפוילטע. ס'וויפילטע יאָר שוין ווייז איך אייך אויף מיט ראַט און טאַט : וואַרפט אַוועק צום טייוול דידאָזיקע קאַטאָרגע אייערע. עס וועט ביי אייך גאָרנישט אַרויסקומען — איר וועט זיך סוף-כל-סוף אַליין אַ מיתה אָנטון. מען מוז בויען דאָס לעבן אויף אַ נייעם שטייגער — אַ נייַ לעבן, מיט בשותּפותדיקע כוחות... מען מוז גיין אין איין ליניע — מיט דער פאַרטיי און מיט אונזער מלוכה...

די פויערן שטייען מרה-שחורהדיק, פרווון כיטרע זיך אַרויסדרייען, קוקן טעמפּ אויף זייערע פיס און מורמלען :

— אוודאי... אַנדריי סעמיאָניטש... נו, יאָ... פאַרשטייט זיך... ווער איז דאָס זיך אַליין אַ שונא... אָבער... אַז מען כאַפּט אַ בליק אַרום זיך... דאָס פיצל ערד, וואָס מען האָט... קליין איז עס... נישטאָ מיט וואָס אויפצוטון... ביי אייך איז עפּעס אַנדערש !... האָ-האָ, וויפיל ערד איר פאַרמאָגט !... גוטבאַזיצערס גאַנצע !... און די ערד איז אַ קייַלעכיקע... אי דער ווינט האָט וואו אַ הוליע צו טון, אי די הימלען האָבן אויף וואָס זיך אָנצולענען... ביי אונז אָבער — נישט עס איז דאָ אויף וואָס אַ פערד צו האַלטן, נישט וואו אַ קבר אויסצוגראָבן... ביסט דאָך אַליין געווען אַ

פויער — ווייסטו דאָך. דער פויער צו דער נויט — איז צוגעשמידט, ווי דער קאַטאָרזשניק צו דער טאַטשקע...

— קלאַפּט-זשע זיך איינמאָל פאַר אַלע מאָל אַריין אין די קעפּ: ערד — אַלע צוזאַמען — האָט איר אַ סך, פאַרייניקט זי, ווישט אָפּ די גרענעצן אייערע און סטעזשקעס. דאָס ערשטע יאָר וועלן מיר אייך פאַראַקערן, פאַרזייען, אַראָפּנעמען די תבואה... און עס וועט אַוועק אַן אַרבעט לויט אַ נייעם סיסטעם... סופּערפאָספאַטן... איר וועט זיך איינשאַפן מאַשינען... וואָס איז דער חילוק? רעגולירט. די מלוכה וועט אייך אין אַלעם צוהעלפן. מיר וועלן אַרבעטן צוזאַמען — פאַרן אַלגעמיינעם וואוילזיין, וואָרים — אַזוי: גייט אייער אַרבעט פאַרן טייוול. פון שטענדיקן זיצן אויף איין אָרט — ווערט דער הינטן אויסגעריבן.

די פויערן האַלטן זיך ביי זייערס, קוקן אויף אים מיט כיטרע אויגן און שמייכלען אין די בערד אַריין.

— אַ מאָדנע מענטש ביסטו, אַנדריי סעמיאָניטש!... ביי אונז קאָן אַ זון מיט אַ טאַטן אויף איין פעלד, אין איין כאַטע נישט אויסקומען — מען האַלט אין איין טיילן זיך. מיט אונזערסגלייכן וועסטו נישט צו ווייט פאַרפאָרן: מער ליידיקגייערס פאַראַן, ווי פליגן אויפן רוקן פון אַ פערד. איך וועל האָרעווען, זיך ברעכן אין דרייען, און ער וועט מיר זיצן אויפן קאַרק און שיכורן, און מיך מיט די ביינער אויספרעסן... דאָס גאַנצע קניפּל — איז איין קריפּל...

— נו, און מיר זענען פון אַנדער טייג געקנעטן, צי וואָס? מיר האָבן דאָך אויך אַמאָל מיט אייך צוזאַמען געאַרבעט. און פונדעסטוועגן זעט איר דאָך, ווי מיר לעבן... און וויפיל האָבן מיר זיך פון אייך אָנגעליטן, טייוולאָנים... אי געבערענט, אי גערויבט האָט איר אונז... און וואו וועט איר אַצינד געפינען אין גאַנצן קרייז נאָך אַזאַווירטשאַפט? מיר זענען דאָך דער שטאָלץ פון אונזער לאַנד... וועגן אונז שרייבט מען דאָך אפילו אין די צייטונגען... אין מאָסקווע...

וויעטראָוו לייגט אַרויס זיין גאַנצן אַקטיוו פאַר די פויערן

עקשנותדיק און אומדערמידלעך: ער רופט צונויף געמיינזאַמע פאַרזאַמלונגען אין קלוב, פאָרט אין דאָרף אַריין אויף זיצונגען פון די דאָרפסראַטן, קאַמערלעך, האַלט רעפעראַטן, גיט אָפּ באַריכטן, אַגיטירט, באַאַרבעט איינצלנע פויערן און שלאָגט אַלץ אין איין פונקט: מען דאַרף איבערמאַכן דאָס אַלטע לעבן — קיין אַנדערער אויסוועג איז נישטאָ. ער פירט אַרום איבער זיינע פעלדער און דער באַלעבאַטישקייט גאַנצע מחנות פויערן און פויערטעס, ווייזט זיי זיינע דערגרייכונגען, — די באַאַרבעטונג פון די פעלדער, די פרוכטבאַרקייט, די גרייס פון די זאַנגען, פון די קערנער, די בוראַקעס אויף פאַשע, די גאָרטן־קאַרטאָפל, די פאַרזייעטע גראָזן, די מאַשינען, די שיינע ראַסאָווע בהמות, די מילך־פערמע, גיט זיי צו עסן אין קאָלעקטיוון עסצימער, אָרדנט איין פאַר זיי אָוונטן אין קלוב, גייט זיי צו הערן ראַדיאָ...

און איך הער אַלץ אָפּטער און אָפּטער זייער זיפצן אין פאַרוואונדערונג:

— וואָס איז צו טענהן... אַלץ איז ביי אייך — מיט דער פולער זשמעניע... מען מוז זיך באַשליסן... פון צופיל טראַכטן — קומט גאָרנישט אַרויס

מיר איבערראַשן די פויערטעס מיט אונזער קינדער־היים, מיטן קינדער־גאָרטן. זיי שטופן זיך צונויף ווי שעפסן אין אַ קופּע און גלאָצן מיט די אויגן, זיפצן מיט פאַרלוירנקייט, נישט צוטרויליכער אומגינסטיקייט. זיי קערן זיך אום אַהיים באַזיגטע, אָבער פאַרעקשנט אין זייער פויערישער צוגעבונדקייט צו דער אייגענער נאָרע.

— אַלץ איז טאַקע גוט דאָ, אָבער... דאָס האַרץ טוט וויי... גיי נעם און צעוואַרף די אייגענע נעסט — אַן אָרימע — אָבער פאָרט אַן אייגענע. מען דאַרף נאָך צוּוואַרטן... זען... וואָס אַנדערע וועלן טון... און דעם אמת מוז מען זאָגן — די קינדערלעך איז טאַקע וואויל ביי אייך — ריינינקע... זאַטינקע... כאַטש נעם און טו אויך דאָס אייגענע, און ביי דיר וועט אויך אַזוי

זיין... אָבער וואָס – אַז איינער ציט אין וואַלד, דער צווייטער – אין פעלד... עס איז שטאַרק אַ שאָד... די ווייבער בלאָזן זיך ווי סאָוועס...

ביי מיר אין צימער

וויעטראָוו קומט אַריין צו מיר יעדן אָוונט. עס איז שוין עפּעס געשען אַזוי, אַז ער איז פון מיין קומען אָן געוואוינט געוואָרן אַריינצוגיין צו מיר, כאָטש אויף אַ מינוט, אַבי מיך צו באַזוכן. ער זעצט זיך געוויינטלעך אַוועק ביים טיש און שווייגט אַ געוויסע צייט, ווי ער וואָלט זיך איינגעהערט אין זיך. און מ׳יר דאַכט זיך, אַז ער איז פאַרשטאַרט געוואָרן אויפן גאַנצן לעבן, אַז ער איז אויף אַן אכזריותדיקן אופן אַריינגעפאַלן אין עפּעס אַ פּיינלעכער סתירה, וועלכע ער איז נישט בכוח גובר צו זיין. פאַר־וואָס איז ער אין זיין פּריוואַטן לעבן אַזאַ אָפּהענגיקער, אונטער־טעניקער און פּחדנותדיקער מענטש. ער ווייסט דאָך אַליין, אַז ס׳איז נישט מעגלעך צו פאַרייניקן אין זיך אַ שטאַרקן אָרגאַניזאַטאָר, אַן אויסגעהאַלטענעם קאָמוניסט, אַ שטרעבנגן צו זיך אַליין און צו אַנדערע, מיט אַזאַ וואַקלהאַפטיקייט, מיט אַזאַ נעבעכדיקער כאַראַקטערלאָזיקייט אין אייגענעם פאַמיליע־לעבן; ער ווייסט, אַז זיין אויטאָריטעט פאַלט, אַז ער רופט נישט אַרויס קיין צוטרוי ביי זיינע חברים, אַז עס וועט אָנקומען אַ מאָמענט, ווען מען וועט פאָדערן פון אים אַ חשבון: אָדער זיי אַליין אַ מוסטער פון אַ קאָמונאַר, אָדער ברענג נישט אַנדערע צו קיין נסיונות און טרעט אַרויס פון דער קאָמונע. מען קאָן נישט פאָדערן ביי אַנדערע דאָס, וואָס מען איז אַליין נישט אימשטאַנד אויסצופירן. ער קלאָגט זיך נישט קיינמאָל: ער רעדט בלויז וועגן דער ווירט־שאַפט, וועגן זיינע פּלענער, וועגן די קאָנטראָל־ציפערן, וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון די קאָלווירטן אין ראַיאָן, וועגן אויפבויע־ייע קאָרפּוסן אויף וואוינונגען, פאַר דער שול און די קינדער־

אינסטוציעס, וועגן דער עלעקטראָסטאַציע, וועגן קולטווירן דאָס לעבן, וועגן קאָמוניסטישער דערציִונג. די עלעקטראָסטאַציע — דאָס איז זיין גרונט־אידעע; ער האַלט אין איין רעדן פון איר, לעבט כסדר מיט איר, זי גיט אים קיין רו נישט.

באַלד ביים אַריינגיין, נאָך אויף דער שוועל, נישט באַ־גריסנדיק זיך, ווייזט ער אָן אויפן נאַפט־לאָמפּ, און זיינע אויגן דריקן אויס — אומעט און צערודערונג.

— קוקן קאָן איך נישט אויפן דאָזיקן שטינקעכטס. איך וואָלט עס צו אַלדי רוחות אַ שליידער אַרויס געגעבן דורכן פענ־סטער. אָבער עס העלפט גאָרנישט — מען מוז האָבן געדולד. מיר וועלן אומבאַדינגט אַוועקשטעלן אַן עלעקטראָסטאַציע. פאַרטרייבן אַלע שדים און פלעדערמייז. דידאָזיקע פּאָראווּרטיילן זיצן נאָך געַנוג אין יעדן אײנעם פון אונז.

און איך פאַרשטיי די לעצטע ווערטער, ווי אַן אָנצו־הערעניש.

נאָך מיין באַגעגעניש מיט זיין ווייב ביי דער מיל, האָט ער ביז אַצינד מיט קיין זאַך נישט געגעבן צו פילן, אַז ער ווייסט דערפון. אָבער די פרויען פון זייער שכנותדיקער ,וואוינונג האָבן מיר דערציילט, ווי אַזוי אַניסיאַ מאַטוויעוונאַ האָט געיעלהוועט איבערן גאַנצן קאָרפּוס, געמאַכט מיך מיט דער בלאָטע צוגלייך, אָפּגעגאָסן מיט שמוץ די יונגע קאָמוניסטקעס און מיידלעך. ער האָט זיך באַמיט זי איינצושטילן אויף אַ רויִקן אופן, געהאַלטן די קינדער אויף די קני און זיי געצערטלט. אָבער זי, נאָך מער אויפגערייצט פון זיין רויִקייט, האָט זיך געריסן ביז היי־זעריקייט.

וויעטראָוו האָט פּאָרזיכטיק אַוועקגעזעצט די קינדער אויף דער שטול, איז האַרט צוגעגאַנגען צו איר און פעסט צונויפגע־דריקט אירע הענט. ער האָט זיך איינגעגראָבן מיט די אויגן אין איר פנים און מיט קאַלטן גרימצאָרן גענומען רעדן צו איר אין זעלבן טאָן, ווי ער פלעגט רעדן וועגן וויכטיקע ענינים פון קאָלעקטיוו :

— פון דער מינוט אָן זאָלסטו מער נישט וואַגן אַרויסצו־ברענגען קיין איין וואָרט פון באַליידיקונג וועגן דערדאָזיקער פרוי. וואָרים איך וועל פון דיר אַ תל מאַכן — אַזוי צי אַזוי: אָדער אומברענגען, אָדער אַרויסוואַרפן:

— נישט ביי דיין לעבן... איך וועל די נפקה אויף די אויגן נישט לאָזן. אַלע זענען זיי דאָ — הורן. איר וועט מיט מיר גאָרנישט מאַכן, נישט מיט גוטן, נישט מיט בייזן. אי אָוועקגיין פון דיר וועל איך נישט, אי ווי אַ ביין אין האַלז וועל איך דיר זיצן. ווי ס׳וועט זיך מיר גלוסטן, אַזוי וועל איך לעבן. דו האָסט חרוב געמאַכט די אייגענע נעסט, צעשטערט אונ־זער לעבן, געלאָזט זיך פון פרעמדע מענטשן פאַנגען. אַלץ איז דאָ פרעמדס. איך לעב אין אַ גיהנום! איך וויל נישט! איך וועל אַלץ טון: אָדער דערהרגענען, אָדער אונטערצונדן — אויף זיך אַליין קיין רחמנות נישט האָבן.

ער האָט זי אַ שליידער־געטון צו דער ערד און מיט דער פריערדיקער קאַלטער רויִקייט זיך אָוועקגעדרייט פון איר.

נאָר איך האָב דעם אָוונט אָוועקגעשטעלט קאָנקרעט די פראַגע:

— וויעטראָוו! איך טרעט אַרויס פאַרן ראַט מיט אַן אָנקלאַ־גע קעגן דיר און דיין ווייב. איך האַלט — אַז איר אָרט איז מער נישט אין דער קאָמונע. אויב דו באַציסט זיך צו איר לייכט, ווייל זי איז דיין ווייב, וועל איך מיך באַמיִען, אַז מען זאָל דיר מאַכן אַ פאָרוואורף דערפאַר, וואָס דו טרעסט אָפּ פון דער פאַרטיי־ליניע. מיט איר איז מען זיך באַגאַנגען מילד. אין משך פון מיין זיין דאָ, שוין אַ גאַנץ יאָר, ליידט מען פון אירע נידערטרעכטיקייטן. מען מוז אַ סוף מאַכן צו דעם.

ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, זיך פאַרלוירן, לאַנג גע־זעסן שווייגנדיק פאַר מיר. זיינע אויגן זענען מאַט געווען, און אין זייער טיפקייט איז פאַרגליווערט געוואָרן אַ פיין. איך בין אויך געזעסן שווייגנדיק, און צווישן אונז האָט זיך געפילט אַ פיינטלעכע פרעמדקייט. דערנאָך האָט ער מיט אָנשטרענגונג אויס־

געדרייט צו מיר זיין אַש־גרוי פּנים, און דורכגעפּירט זיינע פּאַר־שטאַרטע פינגער איבער די באַקן און שטערן.

— וואַרט־צו אַ ביסל, האַליאַ איוואַנאָוונאַ... וואָס איז דער חילוק? עס איז נמאס געוואָרן. איך וועל מיר אַליין אַן עצה געבן. איך וועל רעגולירן.

— זיי מוחל, וויעטראָוו! דאָס איז אַן ענין, וואָס גייט אָן נישט בלויז דיך אַליין — ער איז נוגע אונז אַלע. מען טאָר זיך דאָך נישט שפּילן אין פּאַטשערקעס. דאָס זענען דיינע ווערטער. איך רעד שוין נישט וועגן דעם, וואָס מען מאַכט מיך מיט דער בלאָטע צוגלייך, דיסקרעדיטירט מיך פאַר מענטשן. איך האָב צו טון מיט קינדער און מאַמעס. דידאָזיקע פרוי ברענגט שאָדן דעם גאַנצן קאָלעקטיוו: זי דעזאָרגאַניזירט די פרויען. איך קאָן נישט אַרבעטן אין אַזעלכע באַדינגונגען. באַזונדערס נאַריש — איז דיין לאַגע. דיין אויטאָריטעט פאַלט. דו מאַכסט דיך מבוזה, וויעטראָוו!

— ניין, וואַרט נאָר צו אַ ווײַלע, איך בעט דיך. איך וועל אַליין אַוועקשטעלן דעם ענין. איך דאַרף נאָר האָבן אין וואָס זיך אָנצוכאַפּן.

איך האָב מיך צעלאַכט אים אין פּנים אַריין, מיט עקל און אויפרעגונג.

— אַזוי! דו האָסט זיך נישט אין וואָס אָנצוכאַפּן, וויעטראָוו? איך פיל מער נישט קיין אַכטונג צו דיר. זיי אַזוי גוט — גיי אַוועק און קלער דיך איבער, דו ביסט אַ פּחדן און אַ שמאַטע. איך גיב שוין מאָרגן איין אַ מעלדונג.

ער האָט זיך פּאַניש געטשעפּעט אָן מיר מיט זיינע צערו־דערטע אויגן און געוואָרפן בליקן אַרום זיך, ווי ער וואָלט געזוכט הילף ביי וועמען.

— דו, האַליאַ איוואַנאָוונאָ, וועסט פאַרשטיין און נישט מאַכן דעמדאָזיקן שריט. וואָס איז דער חילוק?

— איך וועל אפילו נישט קיין טראַכט טון, וויעטראָוו... איך פאַרשטיי דיך גאַנץ גוט. דיר דאַרף מען דערלאַנגען אַזאַ קלאַפּ, אַז

זאָלסט דערפֿילן אין וואָסער רינשטאָק דו וואַלגערסט דיך. מיט איין האַנט אָרגאַניזירסטו דו, און מיט דער צווייטער צעשטערסטו דאָס לעבן. דאָס איז נידערטרעכטיק, וויעטראָוו. דאָס הייסט ביי דיר — דו רעגולירסט, אַך, דו!

ער איז אויפֿגעשטאַנען און אַוועקגעגאַנגען פֿון מיר, אַ פֿאַרפּייניקטער, אַ דערשלאָגענער פֿון בזיון.

צומאָרגנס האָב איך אָנגעשריבן אַ מעלדונג אין ביוראָ פֿון קאָמערל, מיט אַ פֿאָדערונג גלייך אַרויסצוטרעטן קעגן וויעטראָוון, ווי קעגן אַ פּאַרטיי־חבר; און אַ צווייטע מעלדונג צום ראַט וועגן וויעטראָווס ווייב. נאָר באַנקין האָט מיך לכתּחילה אָנגעהויבן אויסמיידן, און ווען מיר האָבן זיך באַגעגנט, האָט ער זיך באַמיט צו מאַכן אַן אָנשטעל, אַז ער זעט מיך נישט. ענדלעך האָב איך אים אָנגעכאַפּט ביים אַרבל און גענומען שרייען אויף אים:

— וואָס איז דאָס מיט דיר, באַנקין, וואָס פֿאַר אַן אונטערוועגלעך זענען דאָס? פֿאַרוואָס ברענגסטו נישט פֿאַר דער זיצונג מיין מעלדונג? איך וועל געצווונגען זיין צו אַפּעלירן צו אַן אַלגעמיינער פֿאַרזאַמלונג. געדענק, באַנקין!

ער האָט געדרייט מיטן קאָפּ און געקוועקעט.

— דאָ... זעסטו... איז אַ גאַנצער כאַאָס... מען קאָן אומברענגען. מען דאַרף עס מאַכן — זייער קלוג... מיטאַמאָל קאָן מען נישט... איך בין בכלל און אין סך־הכּל גענומען מיט דיר אין אַלעם מסכּים. מיר האָבן שוין נישט איינמאָל גערעדט וועגן דעם... אָבער וויעטראָוון דאַרף מען שטאַרקן מיט אויטאָריטעט... וועסט אים אַ קלאַפּ טון אומבאַרעכנט — וועט פֿון אים אַ חורבה ווערן... און דיר וועט דיין מעלדונג אויך קיין נחת נישט פֿאַרשאַפֿן... ס׳וועט זיך פֿאַרקאָכן אַ קאַשע... עס וועלן זיך אָנהייבן רכילות... דו ביסט בכלל און אין סך־הכּל גענומען אַ מיידל... און האָסט אַ ביסל פֿייגעלעך אין קאָפּ... מען דאַרף יעדע זאַך אָוועקשטעלן גרינגטלעך... דאָס איז שווער...

און פּלוצלינג האָט ער געמאַכט אַ בייזע מינע:

— קאָך נישט !... איך וועל זען... מיטן וואָרצל אויס־רייסן...

איך האָב אויך גערעדט מיט דער טשושקינאַ. זי האָט זיך שטאַרק אָנגעבייזערט:

— דו, מאַמעלע, ביסט אַ צו איילקע. וואָס, מיידל, רודערסטו? אויב וויעטראָוו שטעלט זיך אַקעגן — איז עס דאָך נישט אומזיסט. איך ווייס עפּעס... כ'וועל דיר דערציילן, וואַרט־צו... אָבער דו, טייערע, יאָג דיך נישט... שפּרינג נישט אַרויס פאַר דער צייט... פאַר אַ בלינדן, מאַמעלע, איז אויך דער טאָג שוואַרץ...

מיך האָט פאַרדראָסן, נאָר איך האָב באַשלאָסן צוצוּוואַרטן.

פּ ר אָ כ אָ ר ס כ י ר ו ר ג י ע

איך געדענק צוזאַמען אין אונזער קאָלעקטיוו עטצימער. איינמאָל אינאָוונט, אין דער צייט פון נאַכט־עסן, זענען מיר געזעסן זאַלבעפערט ביים טיש: איך, וויעטראָוו, פראָכאָר און גוליאַקאַ. מיר האָבן געשמועסט וועגן דעם, ווי שווער ס'איז געווען צו קעמפן מיט די קאָמונאַרן זיבער זייערע אַלטע געוואוינהייטן צו נבול־פּה און שיכּרות. דער קאַמף איז געווען אַ לאַנגער, אַן עקשנותדיקער. מען האָט אָנגענומען אַ שטרענגן באַשלוס אויף אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג וועגן אויפהערן צו באַנוצן זיך מיט מיאוסע ווערטער, וועגן דעם, אַז מען זאָל אין דער קאָמונע פון דעם טאָג אָן לגמרי פאַרגעסן אַן אַלקאָהאָל־משקאות. מען האָט אויסגעאַרבעט שטרענגע מיטלען פון שטראָף קעגן די, וואָס וועלן זיך נישט אונטערוואַרפן דעמדאָזיקן באַשלוס. געוויסע נישט אויסבעסערנדיקע נבול־פּהניקעס און אַלקאָהאָליקער האָט מען געמוזט פאַרטרייבן פון דער קאָמונע. ס'איז מערקווירדיק, וואָס אַלע אַלקאָהאָליקער און נבול־פּהניקעס — זענען אויך גרויסע פוילאַקעס. און ווירקלעך, די גאַנצע צייט פון מיין אויפהאַלטן זיך אין דער קאָ־

מוגע האָט איך נישט געהערט קיין איין מיאוס וואָרט און נישט געזען קיין איין שיכורן, כאָטש איך פלעג באַזוכן די ווייטסטע אַרבעטס־פונקטן, וואו די אַרבעטער האָבן אָן אויפזיכט פון בריגאַדירן אויסגעפירט זייער אַרבעט. טיילמאָל האָבן זיי אין מיין קעגנוואַרט געשריגן איינער אויפן אַנדערן, זיך אויפגערעגט. עס איז געווען אַזאַ מאָמענט, — דאָס איז געווען אין דער שמידע־ריי — ווען דער, וואָס אַרבעט מיטן גרויסן האַמער, האָט נישט געטון פונקט אַזוי ווי דער מייסטער האָט אים געהייסן, דערנאָך איז־גאַנצן זיך צעטומלט, און די אַרבעט איז איבער דעם איבערגע־ריסן געוואָרן. דעם מייסטערס פנים איז פאַרלאָפן געוואָרן מיט בלוט, די אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן מיט כעס. ער איז אָנגעפאַלן אויף דעם אַרבעטער, געגומען מאַכן קולות, אָבער קיין איין מיאוס וואָרט האָב איך נישט געהערט. און דאָס איז געשען דעמאָלט, ווען זיי האָבן מיך נישט געזען: איך בין געשטאַנען הינטער אַ קופע אייזן און בכיוון זיך נישט געוויזן. ביים טיש, בשעת אונ־זער געמיינזאַמען שמועס, האָב איך טאַקע דערציילט וועגן מיינע באַאָבאַכטונגען.

— דאָס איז אַ גרויסער קולטור־נצחון, חברים. אַזעלכע גע־וואוינהייטן, וואָס ווערן איינגעפלאַנצט נאָך אין דער קינדהייט און יוגנט, באַזונדערס נבול־פה, איז געוואַלטיק שווער אויס־צוואָרצלען. די געשיכטע וועט אייך דערפאַר דערמאַנען צום גוטן, חברים.

איך האָב געזען, אַז וויעטראָוו איז געווען צופרידן.

— פאַרוואָס די געשיכטע? די געשיכטע — ווי די געשיכ־כע: די געשיכטע איז אַ באָבע. קודם־כל האָבן מיר אַליין זיך עס פאַררעכנט אין אַקטיוו. נאָר דאָס פריידט אונז ווייניק.

— וואָס הייסט, עס פריידט אונז ווייניק, וויעטראָוו?

אויף קיריקאָווס פנים האָט זיך באַוויזן אַ קאַלטער שמייכל, און ער האָט יאושדיק אַ מאַך־געטון מיט דער האַנט.

— דאָס זענען דאָך קוריאָזע מענטשן, פעדאָלאָגין, — אַ מין שלימזלניקעס.

ער האָט זיך אָנגעלענט אויפן טיש און זיך צעלאַכט מיט עקל און פאַרביטערונג.

— נבול־פה ראָטן זיי אויס, און קיין בית־הכסא האָבן זיי נישט. מיט שיכּרות קעמפן זיי, און אויף האַזאַרד־שפּיל — לייגן זיי קיין אַכט נישט.

וויעטראָוו איז אַזש אויפגעשפּרונגען פון פאַרוואונדערונג.

— וואָס הייסט — האַזאַרד־שפּיל? וואו?

קיריקאָוו האָט אַרויסגעזיגן פון צווישן די ציין, נישט לייגנ־דיק קיין אַכט אויף אים:

— די פערד — שטייען אין פּאַלאַצן, און די קינדער ווערן פאַרסמט פון דער שטיקנדיקער לופט אין די ענגע לעכער. אָט האָט איר אייך אַ קאָלעקטיוו עסצימער, און פון שמוץ און אויר גייט זיך אַ חלשות אָן: קיין וואַש־בעקנס זענען נישטאָ, און אויף די שטיוול ברענגט מען מיט גאַנצע וואַגאָנעס בלאָטע. צייטונגען און ביכער ווערן אויסגעשריבן, און אַנאַלפאַבעטן זענען דאָ פּער־ציק פּראָצענט.

— ניין, וואַרט נאָר צו, פּראָכאָר, וואו־זשע האָסטו דאָ געזען האַזאַרד־שפּיל?

קיריקאָוו האָט שאַרף, מיט פאַרוואונדערונג, אַ קוק־געטון אויף אים, און ביטער פאַרצויגן די נאָז. און דעמאָלט האָב איך צום ערשטן מאָל דערזען, ווי וויעטראָוו האָט זיך פאַרלוירן, איז צעמישט געוואָרן, ווי מען וואָלט אים אַליין געכאַפּט ביי האַזאַרד־שפּיל. איך האָב גאָרנישט פאַרשטאַנען פון דעם שמועס און בין אַליין אויך צעטומלט געוואָרן: איך האָב געפילט ווי מיין פּנים האָט זיך אָנגעצונדן. און קיריקאָוו האָט מיט אַ שטילן קול בייסיק אַ זאָג־געטון אין מיין זייט אַריין:

— עך, איר... פּיטישע וואָרזאָגערין!

— איר אַליין זענט אַ פּיטישער וואָרזאָגער. איך פאַרשטיי נישט קיין וואָרט פון אייער פּלוידערן דאָ.

— האַלט זיך פאַר אַ פּעדאַלאָגין, און זאָגט ליגנט...

— וואָס איז דאָס, פּראָכאָר? איר רעדט עזותקייטן...

— אַז מען רעדט עזותקייטן — טוט מען נישט קיין מיאוס־קייטן. מיט דעם — מיין איך נישט אייך: דאָס האָט זיך גראָד אַזאַ גראַם צוגעטראָפן. עס זענען דאָ פאַרשידענע האַזאַרד־שפּילן. אַזוי שפּילט דער קאָמונאַר וויעטראָוו בלינד אין זיין פאַמיליע־לעבן. ער וועט פאַרשפּילן... דאָס איז אַ פאַקט! גוליאַקאַ — איז אַ גוטער סעקרעטאַר, אַ שטאַרקער אָרגאַניזאַטאָר און באַלעבאָס, — ער און וויעטראָוו, דאָס זענען — קאַסטאָר און פּאָלוקס. און געבוירן קינדער קאָנט איר נישט. ער שפּילט אין ליבע מיט שלעכטע קאָרטן. אַ פאַרשלעפּטער ענין.

גוליאַקאַ האָט אויפגעציטערט, זיך גלייך באַדעקט מיט שווייס פון דעם אומגעריכטן קלאַפּ, אַ ברוס־געטון און פאַרשטיקט געבליבן. מסתמא איז פון קיריקאָווס רייד אין אים עפּעס אָפּגעשטאָרבן.

— דאָס איז זייער אמת... דאָ לאָזט זיך גאָרנישט אויפטון... דאָס איז אַ פּראָבלעם...

— ביי אונז איז אַלץ — אַ פּראָבלעם... אַ פּראָבלעם פון קאָנטראַסטן: אָט איז באַנקין — אַ זייל און שטיצע פון דער קאָמונע, דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַטאָר, און אַליין קריכט ער אַרום אין אַלע ווינקעלעך, קלויבט צונויף כּל־המינים נישטיקייטן און — טראָגט זיי אַוועק צו זיך אין קעמערל אַריין. אַ שעכטעלע פון פּאַפּיראָסן האָב איך נעכטן אינאָווענט אַוועקגעוואָרפן אויפן וועג, האָט ער עס אויפגעהויבן און — צו זיך אין קעשענע אַריין. איך האָב עס בכיוון אַוועקגעוואָרפן, כּדי זיך אַ שפּיל צו טון מיט אים. ס׳איז אַ טשעקאַווע זאַך, פעדזאָלאָגין: איר וואָלט אַריינגעגאַנגען צו אים און — אַ ביסל נחת געשעפּט פון זיין געהיימען אוצר. יעדעס אַוועקגעוואָרפענע זאַכעלע — איז זיין הייליק און אומבאַרירלעך אייגנטום.

— דאָס איז אמת, וויעטראָוו?

וויעטראָוו האָט מיט מאַטע אויגן געקוקט אויף קיריקאָוון.

— איך פאַרנעם מיך נישט מיט שפּיאָנאַזש: דער פּרייוויליקער אַמט — געהערט פּראָכאָרן.

קיריקאָוו האָט אויפגעהויבן אויף אים זיינע אומעטיקע, מידע אויגן, און זיינע שיינע ציין האָבן יונגטלעך אַ גלאַנץ־געטאָן.

— גאָרנישט קיין שלעכטער זאַמט: אַ שפּאָן מיטן ווילן פון דער קאָמונע. אָבער דו ביסט דיך טועה, אַנדריי: איך בין בלויז אַ באַטראַכטנדיקער מענטש. כדי צו זיין אַ גוטער שול־אַרבעטער, דאָס הייסט, דערציער און לערער פון קינדער, דאַרף מען זיין אַ שאַרפער אָבסערוואַטאָר, אָנפּניותדיק אויפנעמען און פאַרצייכענען יעדן לעבנס־פאַקט. קאָנטראַסטן לערנען אויס מאַכן פאַראַלגעמיינערונגען און אויספירן. למשל, ווי אַזוי קאָן מען פאַרייניקן אַ כאַם מיט דער קאָמונע? אַ פּרימוס מיטן קאָלעקטיוון עסצימער? אַ קינדער־גאָרטן מיט שלעכטע קינדער?

וויעטראָוו איז פאַרשטאַרט געבליבן און האָט האַלב פאַרמאַכט די אויגן. מיר איז געוואָרן שרעקלעך. איך בין איינער עפּעס געווען זיכער, אַז וויעטראָוו וועט אַ ליאַדע ריס אויפשרייען, אַ ווילדער פון כּעס, און אַ קלאַפּ־געבן קיריקאָוון. גאַליאַקאַ האָט אויך געקוקט אויף אים מיט ווייטע, פיבערדיק־בליצנדע אויגן. זיין פּנים איז געווען אומגעוויינטלעך שלאַבעריק און רויט. דערדאָזיקער קיריקאָוו האָט זיי געפּייניקט ביז חלשות. און זיי האָבן אונטערטעניק פאַרטראָגן אַלע זיינע חוזק־שפּיצלעך און סאַרקאַזמען.

— אָדער אַ שטייגער, ווי אַזוי זאָל מען נישט באַצייכענען אַלס קאָנטראַסטן אָט אַזעלכע פאַקטן... אגב, וואָס זענען עס אַזוינע קאָנטראַסטן? ענטפערט, פּעדאָגאָגן...

— נו... דערשיינונגען און פאַקטן, וואָס זענען זיך קעגנזייטיק סותר...

— שלעכט. איר זענט אַ קנאַפּע דיאַלעקטיקער. קאָנטראַסט — דאָס איז אַ שטעקן מיט צוויי עקן, דאָס איז — אַן זאַמפאַרייניקטע אייגנהייט, וועלכע וואַרפט זיך אין די אויגן מיט איר אַבסורדאַלישקייט. דאָס איז — דאַרויק, וואָס גלייבט בלינד אין ספּיריטיזם, וויעטראָוו, וועלכער טרעט פּחדנותדיק אָט פאַר נידערטרעכטיקייט. אָדער, למשל, גוליאַקאַ, דער גרויזאַמער פאַר־

פּאָלגער פון אַלע, וואָס האָבן נישט-בפּיוון אַמאָל בלויז אַ שמעק-געטון דעם ריח פון אַלקאָהאָל. און אַליין זיצט ער פּאָר איין אַ שיכּורער, ווי אַ פּאַרפוילטע דיניע.

אין וויעטראָווס אויגן האָבן געציטערט פייערדיקע טראָפּנ-דלעך. גוליאַקאָ איז געזעסן, ווי אַ פאַראורטיילטער: אים האָט מען אַזוי ווי אַ קלאַפּ-געטון איבערן פּנים, און ער האָט גע-בלינצלט מיט די אויגן, און זיינע ווייס האָבן פּיבערהאַפּט געצי-טערט. קיריקאָוו האָט געקוקט אין אַ זייט, מיט אַן אויסדרוק פון שווערן אומעט, ווי ער וואָלט נאָר-וואָס געהאַט אויסגעפירט אַ געניייטע לאַנגווייליקע אַרבעט.

וויעטראָוו איז שנעל אויפגעשטאַנען, ווי עפּעס וואָלט אויפ-געריסן אין אים, און אַרויסגעקרעכצט בלויז איין וואָרט:

— קום!

נאָר פון דעם דומפּן קול, ווי פון אַ פאַרוואונדעטן האַלז אַרויס, וואָס האָט מיך פּאַרטויבט מער ווי אַ ברום, איז מיר געוואָרן אומדערטרעגלעך שווער. אַזוי מסתמא באַפעלט מען אויפ-צושטיין און מיטצוגיין אַ נישט-באַגנעדיקטן שונא, וועלכער דאַרף באַלד דערשאָסן ווערן. גוליאַקאָ האָט אונטערטעניק און געהאָרכ-זאַם זיך אויפגעהויבן און מיט אַ וואַקלדיקן טריט נאָכגעגאַנגען וויעטראָוון. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע מענטשן, וואָס האָבן זיך געפונען אין עסצימער, האָבן זיך אַ וואָרף-געטון צו אונזער טישל און אין פּאַניק אָנגעהויבן פּאָכען מיט די הענט. די פלעמלעך אין די הענגל-לאָמפּן האָבן אָנגעהויבן פּיבערהאַפּט ציי-טערן, זענען אַזוי ווי אַרויסגעפלויגן פון די גלעזלעך. איך האָב מיך דערשראָקן: אָט-אָט וועלן זיי פאַרלאָשן ווערן און מיר וועלן בלייבן אין דער פינסטער. דאָס האָט דורכן אָפענעם פענסטער זיך אַריינ-געריסן דער ווינט. און איך האָב אַצינד ערשט באַמערקט, אַז די שוואַרצע פינסטערניש אויף יענער זייט פענסטער האָט אויפגע-פלאַקערט מיט אומגעהייערער ליכטיקייט און אַ קראַך-געטון מיט ערדציטערניש. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטורם.

איך בין אַרויסגעלאָפן נאָך וויעטראָוון און גוליאַקען, און

פון דער פינסטערניש, אָן אַן אָנהייב און סוף, האָט זיך דער־טראָגן צו מיר וויעטראָווס קול, וואָס איז געווען מאַט און הייזעריקלעך:

— דו — ביסט אַ מנוול. איך וועל תיכף שטעלן די פראַגע וועגן דיר אין ביוראָ.

און גוליאַקאַ האָט אַלץ געקוואַקעט, ווי עס וואָלט זיך אים עפּעס אָפּגעריסן אין האַלז.

— אַנדריי, דו הער מיך אויס, פריינט... אויב איך וועל אוועקגיין, וועל איך דיך אויך מיטשלעפּן. לאָמיר־זשע צו־זאַמען צעשטערן די קאָמונע. מיר זענען פּאַרזונקען אין זומפּ פון פּערזענלעכקייט, חבר וויעטראָוו.

שטרויכלענדיק זיך אין דער פינסטערניש אָן שטיקער ערד, בין איך געלאָפן אין דער שוואַרצער ליידיקייט אַריין, בלויז לויטן קלאַנג פון די שטימען, און מיר איז געווען שרעקלעך, — שרעק־לעך צוליב מיין אָפּגעריסנקייט פון די געזעענע זאַכן און מענטשן. נאָר די וועלט איז ווידער באַלויכטן געוואָרן פון אַ גרינעם בליץ, און פאַר מיר, זייער נאָענט, אויף דער וואַנט, וואָס האָט לבנהדיק העל אויפגעפלאַמט, האָבן דייטלעך, בולט אויפגעלעבט צוויי אַלצאיינע פיגורן — וויעטראָוו און גוליאַקאַ. און ווען דער בליץ איז פאַרלאָשן געוואָרן, איז די פינסטערניש געוואָרן נאָך שוואַר־צער, נאָר פאַר די אויגן האָט בלויז געשימערט אַ געווירבל פון פונקען. די לופט איז אויפגעטרייסלט געוואָרן פון אַ דונער און דער הימל האָט געפּלאַצט, ווי אַן אייז־פעלד. און דאָסדאָזיקע קראַכנ־דיקע ברעקלען זיך פון אייז האָט פאַרטויבנדיק זיך אַריבערגע־קאָלערט פון איין עק הימל אין אַנדערן. עס האָט זיך געפילט אַ שאַרפער ריח פון ערד. איך האָב טאַפּנדיק אין דער פינסטערניש זיך אָנגעשטויסן אויף ביידע מיטאַמאָל — אויף וויעטראָוון מיט גוליאַקען — זיי צעטיילט און גענומען יעדן אונטער דער האַנט.

— חברים, וואָס איז געשען? פראָכאָר האָט דאָך בלויז גע־שפּאַסט, פריינט מיינע. צי קענט איר נאָך נישט פראָכאָרן? דאָס

איז דאָך דער געוויינטלעכער אופן פון זיין פּראָוואָצירן, און איר האָט זיך שוין געשטעלט — דיבאָם.

וויעטראָוו האָט געקעמפט מיט זיך מיט אַלע כוחות: אפילו די מוסקולן זיינע זענען אָנגעשטרענגט געוואָרן ביז פּיבערהאַפטן ציטערן.

— פּראָכאָר שפּאַסט נישט. דו קענסט נאָך נישט גיט פּראָכאָרן, האַליאַ איוואַנאָוונאַ. פּראָכאָר שפּילט זיך קיינמאָל נישט מיט קיין ווערטער, — דאָס זאָלסטו געדענקען. ער שעצט צו הויך זיין געדאַנק, ער זאָל זיך וואַרפן מיט ווערטער. ער — איז גערעכט. דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט, — איז אמת. גוליאַקאַ — איז שיכור. ער איז היינט געפאָרן אין ראַיאָן אַריין און זיך אָנגעטרונקען. דו ווייסט, וואָס עס הייסט אַזוינס — גוליאַקאַ איז שיכור? דאָס איז — רוין, דעזאָרגאַניזאַציע, וואָרים מאָרגן וועט דאָס באַקאַנט זיין אין אַלע ווינקעלעך, און מען וועט אונז צעטראָגן מיט די ביינער: „גוליאַקאַ — האָט זיך אָנגעשיכורט, וועט מען אונז אויך מוזן מוחל זיין, אויב מיר וועלן זיך אַ ביסל אָנבלאָזן". וועגן מיר רעד איך נישט. דאָס — איז אַ באַזונדערער שמועס. וועגן באַנקינען — איז אויך אמת. נו, אַצינד — זאָג דו: וואָס טוט מען? — נו, וואָס טוט מען אַצינד? ווי נעמט מען אַצינד כוחות צו קעמפן.

זיין קול האָט זיך פּלוצלינג פאַרהאַקט, ער האָט הייזעריק אַ הוסט-געטון, און שנעל זיך געלאָזט גיין פאָרויס. גוליאַקאַ איז אים נאָכגעלאָפן.

— האַליאַ איוואַנאָוונאַ, — וויעטראָוס קול האָט ווייך און טרויעריק אָפּגעקלונגען אין דער פינסטערניש. — האַליאַ איוואַנאָוונאַ... דו, טייערע, שווייג. גוט?...

— אַנדריי סעמיאָניטש, ווי שעמסטו זיך נישט?...

— נו, גיי, טייבעלע, גיי דיר...

ניין, איך האָב זייער ליב וויעטראָוון, — איך האָב אים ליב פאַר זיין אומגעוויינטלעך-שטאַרקער אויסהאַלטעוודיקייט, פאַר זיין פאַרשטיין דעם מענטש מיט אַלע זיינע שוואַכקייטן און אויפּברויזן. איך בין פאַרוואונדערט פון זיין גרויס געדולדיקייט און

שטאָלץ ליידן. ער איז — אַן אומרחמנותדיקער שופט פאַר זיך אַליין און פאַר אַנדערע, נאָר באַצייט זיך גלייכצייטיק מיט רירנדער צערטלעכקייט צו אַלע. ער איז זייער קלוג און דערדאָזיקער ליבע צו זיינע מיטברידער אין דער קאָמונע.

דעם אָוונט האָב איך מיך לאַנג נישט געקאָנט באַרויִקן: נישט חרפה און נישט כעס האָבן מיך געפייניקט: איך האָב מיטלייד געהאַט מיט אַנדריי סעמיאָניטשן.

אומפרוכטבאַרקייט

די זעלבע נאַכט איז געקומען צו מיר לושאַ, מיט אומרויִק פאַרטשאַדעטע אויגן, אַן אויפגערעגטע און דערשראָקענע. זי האָט כסדר זיך אַרומגעקוקט, איינגעהערט, אויפגעשוידערט, זיך אָנכאַפנדיק ביי דער ברוסט און זיך ברעכנדיק די פינגער. פאַרשעמט און צערודערט, ווי פילנדיק זיך שולדיק, האָט זי מיט געבעט מיר אַריינגעקוקט אין די אויגן און געזוכט אין זיי שטיצע, אויפמונטערונג, הילף...

— מיינער... דו ווייסט, האַליעטשקאַ?... גוליאַקאַ?...

און האָט איר איבערגעריסן פליסטערן באַלויכטן מיט אַ שמייכל.

— דו פאַרשטייסט, שוועסטערל?... צי איז דאָס מעגלעך? ער איז — שיכור... אַך, וואָס ערשט איז פאָרגעקומען!... ער קריכט איבערן דיל און בעט מיך: האָב אַ קינד, האָב אַ קינד!... דו שטעל דיר נאָר פאָר, האַליעטשקאַ. ווי אַזוי קאָן איך דאָס? צי בין איך דען פריי? דאָס האַרץ ווערט צעריסן אין מיר, איך וואָלט אויך אַלץ געוואָלט... אָבער וואָס זאָל איך טון?... איך האָב אים קוים שלאָפן געלייגט. ווי מיט אַ קליין קינד זיך באַגאַנגען — נישט געוואָלט מיך אָפּלאָזן.

— דו וואָלסט דיך כאָטש, לושאַ, מיט אַ דאָקטאָר באַראַטן.

— איך בין געווען, האַליעטשקאַ... „דו קאָנסט, זאָגט ער,

אויב ווּעסט נאָר ווּעלן, האָבן אַ גאַנצע קופּע קינדער".
כ'וואָלט אים צעריסן דעמדאָזיקן פּיעטקען, דעם טייוול. זעקס יאָר
לעבן מיר שוין און — קיין שום פאַרבינדונג. און, דאַכט זיך, אַ
פּויער — אַז ס'איז דאָ אויף וואָס אַ קוק צו טון!

— נו, איז וואָס-זשע טראַכסטו וועגן גוליאַקען? דאָס איז
דאָך אַ פאַרברעך פאַר אַ קאָמונאַר.

— צי ווייסט ער דען נישט? ער ווייסט דאָס אפילו זייער
גוט. ער איז אַ קלוגער און באַוואוסטזיניקער. ער פילט: עס איז
נישטאָ קיין גליק פאַר אונז אין אונזער ליבע... זריעה אויפן
ווינט... און איך קאָן אויך נישט אַזוי... איך קאָן נישט,
האַליעטשקאַ...

זי האָט פלוצלינג אויפגעשווידערט און אַזוי ווי איינגאַנצן
זיך צעגאָסן. זי האָט גענומען כליפּען פיינלעך און מיט פאַר-
ביטערטקייט.

— איך קאָן נישט אַזוי, שוועסטערל... העלף מיר!... האָב
מיטלייד!... איך פיל: כ'האָב אים ליב. נאָר דידאָזיקע ליבע —
איז אַ פּוסטע. ווי אַ שאָטן — ער גייט דיר נאָך, און דו האָסט
אים נישט... ווּעסט אים נישט פאַנגען... איך פיל: זי טריקנט די
ליבע, ווי וואַסער אין אַ הייסן טאָג — זון איז דאָ אין איר אַ סך,
און זי טריקנט אויס דאָס וואַסער. עס איז איבער מיינע כוחות...
צי בין איך ערגער פון אַנדערע, צי וואָס?... וואָלט כאָטש דער
טייוול געקומען צו מיר ביינאַכט... אַבי ס'זאָל שוין זיין אויף
זיכער...

און פלוצלינג זענען אירע אויגן פאַרשטאַרט געוואָרן פון
שרעק.

— הער מיך נישט אויס, האַליעטשקאַ!... הער מיך נישט!...
איך ווייס נישט, וואָס עס טוט זיך מיט מיר... אַ נאַר בין איך...

און איך האָב געקוקט אויף איר און געוואוסט: דערדאָ-
זיקער טייוול וועט קומען — עס קאָן נישט זיין קיין אומפרוכט-
באַרע ליבע.

אן אינטימער שמועס

וויעטראָוו קומט פונדעסטוועגן ווייטער צו מיר יעדן אָוונט. פון זיינע קעשענעס שטאַרן אַרויס צייטונגען און ביכער. וועגן לייענט ער זיי? אַ פאַרשלאָסענער אין זיך, אַ קאַלטער צו אַלעם בייטאָג, אין דער קעגנוואַרט פון מענטשן, הייבט ער אָן ביי מיר צו לייכטן. ער באַראַט זיך מיט מיר וועגן זיינע ענינים און פּלענער. און דערמאָנט אַלע מאָל די פאַרגאַנגענהייט, ווי די איבערגעלעבטע יאָרן פון קאַמף וואָלטן געוועזן פאַר אים — אן אומאויסשעפּלעכער קוואַל פון לעבעדיק וואַסער. איך האָב זייער ליב אים אויסצוהערן, און פיל מיך שטענדיק ווי אַ באַטייליקטע אין די אַלע איבערגעלעבטע געשעענישן, פּונקט ווי מיר וואָלטן אומצעשיידבאַר אויפן גאַנצן לעבן געטראָגן אין זיך די בראַנדיקע וואונדן פון יענע ליידן און פריידן, פאַרצווייפלונג און העראָיִזקייט. און מיר ווערט קלאָר, פאַרוואָס זיינע אויגן האָבן אַזאַ קאַלטן אָפּגלאַנץ, פאַרוואָס ער גייט תמיד אַרום אַ געהאָרבעטער פון פאַרטראַכטקייט: דער מענטש ווייסט וואוהין ער צילט, גלייבט אין דער צוקונפט, ווייל אָט די צוקונפט איז — אן אומפאַרמיידלעכקייט, אַ קאַמף, וועלכער פאָדערט פון אים אַלע זיינע כוחות, זיין גאַנץ לעבן און פולע זעלבסטאָפּפערונג. און מיר דאַכט זיך, אַז ער וועט קיינמאָל נישט האָבן קיין אייגן לעבן.

וועגן אַלע נסיונות אין קאַמף פאַר דער קאָמונע, פאַרן באַשאַפן די צוקונפט אין די קעגנוואַרטיקע טעג, רעדט ער פּראָסט, זייער געוויינטלעך, אפילו ביז באַליידיקונג לאַנגווייליק. און מיר וואָלט זיך געגלוסט, אַז ער זאָל רעדן וועגן דעמדאָזיקן מיט עפּעס אַ באַזונדערער באַגייסטערטער שפּראַך, אַז יעדעס וואָרט זיינס זאָל בריִען, ווי פייער.

— וואָס איז דער חילוק, האַליאַ איוואַנאָוונאַ? נישט יעדער קאַמף באַשיינט דעם מענטש: למשל, דער קאַמף פון אן אייגנטימער אָדער דער קאַמף פאַר פּערזענלעכע אינטערעסן — גיריקייט, קאַריערע, נקמה, אַ וואַרימע מויזן־נאַרע. ערשט דער קאַמף נישט

פאַר זיך, דער קאַמף אין נאָמען פון אַלע — דאָס איז אַ קאַמף, וועלכער פאָדערט זעלבסטאָפּפערונג.

און גאָר אומגעריכט ווייזט ער אָן מיטן פינגער אויף מיינע קליינינקייטן אויפן טיש און באַפעלט שטרענג:

— און דו, האַליאַ, וואַרף אַרויס אָט דאָס גאַנצע מיסט. דאָס — זענען קרעץ, און קרעץ — פון אומריינקייט. קרעץ — זענען אַ קרענק, און איטלעכע קרענק נייט צו טראַכטן נאָר וועגן זיך. ווי שטאַרק מענטשן האָבן ליב אַלערליי אָנשטעקעניש און קראַנקייטן! איך מיין, אַז ווען די מענטשן זאָלן נישט ליב האָבן זייערע קראַנקייטן, וואָלטן זיי, אָט די קראַנקייטן, שוין לאַנג נישט געווען... זיי ווילן זיי! קראַנקייט — דאָס איז אויך אַזאַ גיריקייט.

— און ליבע, אַנדריי סעמיאָניטש? דאָס איז דאָך אויך אַן ענג פערזענלעכע ליידנשאַפט!

— אָבער, ניין. ליבע איז אויך קאַמף. און ליבע איז אויך פאַראַן פאַרשידענע. ליבע פאַר זיך — איז דאָס אייגענע, וואָס איבערוועוערט. זי פאָדערט קנעכטשאַפט און קעגנזייטיקע צוגעבונדנקייט. דאָס טראָגן מיר אויך אין אונזער בלוט, ווי אַ געירשנטע קראַנקייט. אַזאַ ליבע הייבט שוין אָן ביי אונז ביסלעכווייז צו וועלקן. עס ווערט געבוירן אַ נייע ליבע. קוק דיך צו צו אונזער יוגנט: ביי איר הייבט שוין אָן דידאַזיקע ליבע זיך אויסצודריקן אויף אַ נייעם שטייגער. דאָס לעבן און די מענטשלעכע באַציונגען בויען זיך שוין אויף אַ נייעם אופן — אין דעם שטעקט אַלץ. די אַלטע קנעכטישע פאַמיליע צעשטערן מיר — ממילא צעשטערן מיר אויך די אַלטע ליבע. וואָס איז דער חילוק?

— אַנדריי סעמיאָניטש! פונוואַנען קומט צו דיר אַזאַ אַנטוויקלטקייט און קולטור? איך הער ווי דו רעדסט, און וואונדער מיך. דו ביסט דאָך ערשט נישט לאַנג געווען אַ פויער, האָסט זיך דאָך אין ערגעץ נישט געלערנט. איך קוק אויף דיר און קאָן מיך נישט אויפהערן צו וואונדערן: דו ביסט גאָרנישט ענלעך צו קיין דאָרפסמאַן.

— וואָס איז דער חילוק, האַליאַ? איך בין דאָך דורכגע-

נאָנגען די שול פון אונזער גרויסער רעוואָלוציע. און צי איז דאָס בויען אונזער קאָמונע נישט קיין שול? קיין העכערער אוניווערזיטעט פון דעמאָקראַטיע. דעמאָקראַטיע? אָבער פון דעמדאָזיקן וואָס איז דאָך גאָר אין ערגעץ נישטאָ. פריער — די פּאַרטיזאַן-קאַמפּן, דערנאָך — די רויטע אַרמיי. בלוטיקער קאַמף גייט נישט דורך אומזיסט. און אויב דאָס איז אַ קאַמף פאַר גרויסע אידעאַלן, פאַר אַ נייער וועלט, און פאַר אָט דער נייער ערד אונזערער, — אַזאַ בלוט איז אַ סך מחיה-מתים: אין דעם בלוט האָבן מיר זיך געקאָכט, ווי אין אַ זידנדיקן קעסל. דאָס גייט אונז צו טראַכטן אַזוי, אַז דער קאָפּ זאָל פּלאַצן. בויען סאָציאַליזם — איז נישט קיין האַלץ האַקן. דאָ ווערט דער מענטש אַריינגעוואַקסן אין מיליאָנען, רייסט זיך אַרויס מיט גרויס מי פון דער שאָל פון זיין פעריזעגלעך לעבן. אַך, וויפיל כוחות עס פאַרמאָגט דער מענטש, דער פּראָלעטאַריער! עס באַפאַלט ממש אַ שרעק... און אויך אַ פרייד — נישט צום אויסהאַלטן... דו וואָלסט, דאַכט זיך, די גאַנצע ערד אַרומגענומען און זי איינגאַנצן אויף דיין נייעם שטייגער איבערגעמאַכט... אגב, איך בין אויך געווען אויף קורסן... אמת, דאָס איז — נישט דער עיקר... געלערנט האָבן מיר זייער אַ סך, הפליא. ווייסן זייער אַ סך, וואָס די בורזשואַזיע און אינטעליגענץ ווייסן נישט... און פונדעסטוועגן — און דאָס טוט ווי — זענען מיר פאָרט אומגעבילדעטע מענטשן... מיט אונז איז געשען דאָס, וואָס מיט איוואַנושקען אין דעם מעשהלע מיטן „האָרבאַטע פערדל": מען האָט אים אַריינגעוואָרפן אין דער קאָכעדיקער סמאָלע, און ער האָט זיך אונטערגעטוקט און אַרויסגעשוואומען אַן אַנדערער, אַ יונגער, — אַ ניי-געבוירענער. וואָס איז דער חילוק? געשלאָגן האָבן מיר זיך העלדיש, דאָס בלוט האָט געשפּריצט, און אָט זענען מיר אַהיימגעקומען אין אונזערע דערפלעך אַריין זיגרייכע, מיט אָרדערס פון דער רויטער פאָן, און יעס האָט אַן אָטעם געטון אויף אונז מיט אַלטן, הונדערטיעריקן לעבנס-שטייגער, מיט מאָגערע ערד-פּאַסן. מיר זענען אָנגעקומען גראָד אין דער צייט פון הונגער. די פעלדער האָבן געברענט, ווי אין אַ שרפה. די בהמות האָבן אויפגעגעסן דאָס

לעצטע ביסל פאַרפוילטע שטרוי פון די דעכער, געגריזשעט דאָס איבערבלייבעכטס פון די פאַרקנדלעך און דער עבר, און די מענטשן האָבן די בהמות אויפגעגעסן. און אָט דידאָזיקע מענטשן זענען געלעגן קראַנק אויף וואַסערזוכט, אויפגעדראָלענע, ווי מתים. די מענטשן זענען געפאַלן פון טיפוס. די גייסט איבער דער גאַס, און הערסט — קרעכצן, רעדן פון היץ, שרייען — דער טויט שטיקט די מענטשן. דעמאָלט האָב איך צום ערשטן מאָל דערפילט, וואָס עס הייסט אַזוינס שרעק. אויף דער מלחמה האָב איך נישט געוואוסט פון דעם, און דאָ איז מיר דאָס האַרץ אָפּגעשטאָרבן. און די שרעק דערנעמט זיך פון דעם, וואָס דאָס אומקומען רוקט זיך אָן אויף דיר, ווי אַן איבערנאַטירלעכער כוח. ווי דו וואָלסט אַריין אין אַ זומפּ און דער שליים ציט דיך אַריין אין זיך און ס'איז נישטאָ קיין שום רעטונג פאַר דיר הונגער! דו ווייסט, וואָס עס באַטייט אַזוינס הונגער אין דאָרף? איך בין אַ מענטש אָן פאַראורטיילן און אַבערגלויבן, אָבער איך זאָג דיר אָפן: איך האָב אָנגעהויבן צו ליידן פון מיראַזש. איך האָב געזען דעם הונגער. איך קאָן דיר נישט אויסמאָלן, וואָס פאַר אַ געשפענסט דאָס איז, נאָר ער האָט מיך שטענדיק באַגלייט, ווי אַ שרעקלעכער חלום, — פון אונטער דער ערד איז ער אויסגעוואַקסן, ווי אַ שטורעם-ווינט, אַ צוויטיקער און געלער, — ער איז געגאַנגען, געפלויגן און געקרעכצט, געאָטעמט אויף מיר מיט היץ. און ווי מערקווירדיק דאָס איז — עס איז הונגער, און עסן ווילט זיך נישט. בלויז אַן אומעט פרעסט דאָס האַרץ — אַן אומעט פון שרעק. עסן האָט זיך נישט געגלוסט, און פונדעסטוועגן בין איך איינמאָל בגנבה צוגעגאַנגען צו אַ ווערבע און ווי אַ מויז גענומען גריזשען איר קאָרע. עס האָט זיך פשוט שרעקלעך פאַרגלוסט עפּעס גריזשען — נישט עסן, נאָר גריזשען. איך האָב ביז בלוט מיר פאַרוואונדעט די יאַסלעס. און אָט אַזוי גריזשענדיק, בין איך געפאַלן אין חלשות. און ווען איך בין צו זיך געקומען, — האָב איך מיך דערשראָקן, פאַרשטאַרט געוואָרן, ווי איינער פאַרן דערשאָסן ווערן: איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך

װער משוגע. און אָט אין יענער צײַט בין איך געװען אַן עדות פֿון צװײ פּאָרפּאַלן. איך גײ אַרײַן אין פּאָדערהױז פֿון אַ שכן, און זע: די שנור זײַנע זיצט לעבן װיגעלע פֿון קינד און לעקט מיט דער צונג אַ װינדעלע, און דאָס װינדעלע איז אײַנגעריכט מיט עפּעס אַן עקלהאַפֿטער שיטערקײט. דאָס קינד איז קראַנק געװען אױף דיזענטעריע. איך האָב מיך צעיאָמערט, װי אַ קלײן קינד, און אַן אומזיניקער אַרױסגעלאָפֿן אױף דער גאַס! און דאָס צװײטע מאָל איז געװען אַזױ: כ׳בין אַרײַנגעגאַנגען צו אַ חבר פֿון פֿראָנט, אַ קאָמוניסט (צו דעם זעלבן באַנקינען טאַקע), כּדי צונױפֿצורופֿן אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון קעמערל און באַהאַנדלען אונזערע ענינים, זוכן עפּעס אַן אױסװעג פֿון דער לאַגע. דעמאָלט איז צום ערשטן מאָל בײ מיר צײַטיק געװאָרן דער באַשלוס צו שאַפֿן אַ קאָמונע. כ׳קום אַרײַן. אונטער די הײליקע בילדער — ליגט אַ מת. עס איז געשטאָרבן זײַן ייִנגערער ברודער, דער נישט־חתונה־געהאַטער. אַרום דעם מת, זע איך, פֿאָרעט זיך באַנקינס װײַב (זי איז אין יענער צײַט טאַקע געשטאָרבן פֿון טיפֿוס), באַנקין איז נישט געװען, אין שטוב — איז פּוסט. די פֿליגן ראָיען איבער דעם טױטנס פּנים. בין איך צוגעגאַנגען און פֿאַרגליװערט געבליבן: די יונגע פֿרױ האָט זיך צוגעבױגן צום קאָפּ פֿון טױטן און שטרענגט זיך כּסדר אָן אים אָפּצובײַסן, נאָר זי קאָן נישט. האָב איך זי אָנגעכאַפּט בײ דער האַנט: „װאָס טוסטו, פֿאַרשאָלטענע? דו ביסט משוגע געװאָרן?“ און זי איז אַזױ װי װילד געװאָרן, רײַסט זיך אַרױס פֿון מיר, און ריטשעט, װי אַ הונט. דערנאָך איז זי אָפּגעשװאַכט געװאָרן, אַ פֿאַל־געטון אױפֿן דיל און פֿאַרלױרן דאָס באַװוסטזײַן. אױפֿגעכאַפּט האָב איך מיך אױפֿן פֿעלד, און קאָן בשום־אופֿן נישט פֿאַרשטײן, װי אַזױ איך קום אין אַ גרוב אַרײַן. דערזען מײַנע הענט, אױסגעשמירט מיט ערד און פֿאַרבלוטיקטע, האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז איך האָב אַלײן טאַקע אױסגעגראָבן דעמדאָזיקן גרוב, מיט מײַנע אײגענע הענט. יאָ, האַליאַ, דאָס האָט מען געמוזט איבערלעבן, כּדי נאָך אַזעלכע לײדן צו באַשאַפֿן אָט די קאָמונע טאַקע. זי, דידאָזיקע קאָמונע

אונזערע, איז געבוירן געוואָרן און אַרויסגעוואַקסן פון הונגער, פיין און טויט. אפנים, ס'איז אמת דאָס, וואָס מען זאָגט, אַז נאָר פון טויט ווערט געבוירן אַ נײַ לעבן. יאָ! אָט וואָס נאָך עס געפעלט מיר נישט אין דיר, האַליאַ. דו ווילסט דיך אַלץ אויספיינערן, דו באַמיסט דיך אַלץ אויסצוזען בעסער, ווי דו ביסט. דו מאַכסט נאָך און האַלסט דיך אין דער מאָדע. איך זאָג אָפן, ווי אַ חבר — באַליידיק דיך נישט. דאָס איז דאָ איבעריק.

— שווייג, וויעטראָוו, דו טראַכט בעסער וועגן זיך.

אָבער איך האָב געפילט, אַז איך ווער שרעקלעך רויט.

— איך געדענק אָן זיך, האַליאַ. וואָס איז דער חילוק? רעד אָן אָנצוהערענישן. מען דאַרף, אַז די מעשים זאָלן תמיד האַרמאָנירן מיט די געדאַנקען.

— און ביי דיר האַרמאָנירן זיי! דיר, וויעטראָוו, פּאַסט נישט צו לערנען אַנדערע.

— אַך, דו פאַרשטייסט מיך נישט, האַליאַ. דו קענסט מיך נאָך נישט. פאַר מיר עקזיסטירט נישט קיין ווייב, קיין פריינט: עס קאָן אויסשלאָגן אַ שעה — און איך זאָל אויף אַן אכזריותדיקן אופן פאַרניכטן אי דעם פריינט, אי דאָס ווייב, אי דעם פאָטער. איך לייד כלומרשט געדולדיק, אָבער צי ווייסטו וואָס עס באַהאַלט זיך אונטער דערדאָזיקער געדולדיקייט?

— איך בין מסכים, וויעטראָוו. דאָ — איז פאַר מיר אַ גוטע שול. איך פיל מיך אַזוי אויך שוין אַן אַנדערע. מיר וועלן זיך נאָך פאַרמעסטן, וויעטראָוו.

ער האָט אַזוי ווי נישט געהערט מיינע לעצטע ווערטער.

— אַהאַ, דו פילסט דיך שוין אַן אַנדערע! אָבער ווי אַזוי האָבן מיר דורכגעמאַכט דידאָזיקע שול! ליב האָבן אַן אייגענע שאַפונג קאָן מען נאָר דעמאָלט, ווען מען ווידמעט זיך איר אינגאַנצן, ווען זי ווערט דורכגעליטן. וואָס איז דער חילוק? ווערטפול און אומשטערבלעך איז נאָר דאָס, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין פיין און אין בלוט — פאַר וועלכן עס איז געקעמפט געוואָרן מיט זעלבסטאָפּפערונג און [illegible]. מען דאַרף זיך אַליין אַריינמויערן אין

פונדאַמענט פון אַ בנין, און דערדאָזיקער בנין וועט זיך האַלטן יאָרהונדערטער. מען דערציילט, אַז פאַרצייטנס האָט מען לע־בעדיקע מענטשן, יונגע, אומשולדיקע מיידלעך, באַגראָבן אין דער ערד, אונטער די ווינקל־שטיינער פון די בנינים. מען האָט גע־גלייבט, אַז צוליב דעם איז דער בנין שטאַרקער און קאָן קיינ־מאָל נישט חרוב ווערן. איך פאַרשטיי דאָס, ווי אַ לעגענדע. אָבער דאָס פּאַסט זיך זייער צו דעם, וועגן וועלכן איך רעד. אויסן זעלבן אופן האָבן אויך מיר געבויט אונזער קאָמונע.

ווי אַזוי די קאָמונע איז געשאַפן געוואָרן

און ער האָט מיר דערציילט, ווי אַזוי עס איז געגרינדעט געוואָרן, ווי אַזוי עס האָט זיך געשאַפן דידאָזיקע קאָמונע, און וואָס פאַר אַ שטערונגען זי האָט איבערגעלעבט אין משך פון די־דאָזיקע יאָרן.

אין די שווערע הונגער־טעג האָבן זיך צונויפגענומען די צעטומלטע און פון שרעק געפייניקטע קאָמוניסטן־פּאַרטיזאַנען — וויעטראָוו, באַנקין, גוליאַקאַ, טשושקין — און צוגעקאַנגען צום לערער קיריקאָוו, וועלכער רופט זיך אַצינד מיטן שטאָלצן נאָמען פּראָכאָר. זיי האָבן זיך צונויפגענומען, דורכגעשמועסט און באַ־שלאָסן גלייך צו ווערבירן די אַלע, וואָס ווילן „גיין אין פּאַרי־שפּראָכענעם לאַנד". ווי אַ מענטש פון וויסן און בילדונג, האָט פּראָכאָר געשפּילט פאַר זיי די ראָל פון אַן עקספּערט, אָדער בע־סער געזאָגט — פון אַן אינפאָרמאַטאָר, פון אַן ענציקלאָפּעדיע. קיריקאָוו האָט זיי דערקלערט:

— ליבע מענטשן, איך האַלט מיך פאַר נישט ראוי צו זיין אַ מיטגליד פון דער קאָמונע. איך — בין אַן אינטעליגענט. אָבער איך שטעל מיך איינגאַנצן אין אייער רשות. איך וועל אַרבעטן גלייך מיט אייך. איך בין צו לייכט־וואָגיק פאַר אייער העלדישער

אונטערנעמונג: איך פֿאַזיר נישט, נאָר זאָג דעם אמת — איך ווייס מיין פּרייז. איך בין נישט ראוי. אָבער איך וועל גיין מיט אייך אויף אַלץ. איר — זענט אַנדערע שטייגער מענטשן; ווי מענטשן פֿון דער ערד, שעצט איר נישט די אַרבעט פֿון מוח, און פֿאַר מיר איז דער מענטשלעכער מוח — אַלץ. איז דעריבער, ווענדיק איבערלאָזן פֿאַר מיר מיין מוח און נישט לאָזן אים באַעוולהן, וועל איך אָפּהיטן מיין אומאַפּהענגיקייט, און איר וועט פֿון דעם בלויז געווינען.

מיט פּראָכאָרס הילף האָבן זיי אויסגעאַרבעט אַ סטאַטוט, מיט פּראָכאָרס הילף דורכגעפֿירט אַן אַגיטאַציע אין דאָרף פֿאַר דער קאָמונע, און מיט זיין הילף אויסגעפּועלט אין קרייז דאָס איבערגעבן זיי דעם שכנישן כוטאָר, וועלכער האָט פֿריער געהערט צום רייכן קולאַק בוראַקאָוו. ערד ביז דער רעוואָלוציע האָט ער געהאַט נישט קיין סך — 200 העקטאַר, נאָר דערפֿאַר — אַ בריוההדיק הויז, קאַשאַרן פֿאַר דער הויף־דינערשאַפֿט און צוויי גרויסע פֿערדשטאַלן. ער האָט אויך געהאַט אַ דאַמף־מיל און אַ פּוטער־ווירטשאַפֿט, נאָר זיי זענען געווען חרוב און שוין לאַנג נישט טעטיק. דער קולאַק בוראַקאָוו האָט נאָך געוואוינט אין זיין הויז אין דעם כוטאָר.

שטאַרבנדיק פֿאַר הונגער, צעטומלטע פֿון שרעק, האָבן די פֿויערן מאַסנווייז זיך אַ לאָז־געטאָן צו דער שול — זיך פֿאַרשרייבן אין דער קאָמונע.

— סיי־ווי וועלן מיר אומקומען, איז שוין גלייכער צוזאַמען, צווישן מענטשן, איידער אין די אייגענע נאָרעס. דאָ וועסטו נאָך אויסגעפֿרעסן ווערן — פֿון מענטשן, אָדער פֿון הינט.

מען איז געגאַנגען אָן גלויבן געראַטעוועט צו ווערן, — געגאַנגען, כּדי צו שטאַרבן אינאיינעם: אַנטלאָפֿן פֿון דער שרעק, פֿון די רוחות, פֿון זיך אַליין. די ווייבער האָבן גענומען יאָמערן: ווי מכשפֿות — האָבן זיי געוואוסט נאָר פֿון זייערע אויוונס און קיין מאָל נישט אַרויסגעלאָזט דעם בעזים פֿון דער האַנט. זיי האָבן בעסער געוואָלט שטאַרבן בײַ דער זייט פֿון זייער הויז־שד. עס

האָט זיך אָנגעהויבן אַ שלאָגן פון די ווײַבער איבערן גאַנצן דאָרף. דאָס איז אויך ענלעך געוועזן צו אַן אַלגעמײן משוגעת.

בלויז וויעטראָווס ווײַב האָט זיך נישט געבונטעוועט: זי איז אפילו פּאַראינטערעסירט געוועזן אין דעם מאַנס אַרבעט און האָט עפּעס קאָמבינירט. זי איז אָפּט געלאָפן צום פאָטער, אַ פּאַר־מעגלעכן אַלטיטשקן, און פלעגט צוריקקומען אַ פרײלעכע.

עס האָבן זיך צונויפגענומען אַ זעכציק משפחות, — מענטשן נישט געקליבענע: אי פּוילאַקעס, אי שיכורים, אי נײַטיקע, זיכע־רע מענטשן. מען האָט זיך אַרומגעזוכן, אַז מען וועט זיך נישט קײן עצה געבן מיט אַזאַ ערב־רב. לכתחילה האָט מען געמײנט, אַז עס וועלן זײַן ווײניק בעלנים, אָבער ווען מע האָט אָנגעהויבן אָפּרײַסן די טירן, האָבן די אָרגאַניזאַטאָרן זיך מיישב געווען, אַז די קאָמונע וועט זיך צעפּאַלן און צעשטערט ווערן, אויב עס וועט נישט זײַן קײן שטרענגער אויסוואַל פון גוטע אַרבעטער.

פראָכאָר האָט אײנמאָל געפרעגט וויעטראָוון און די חברים:

— ליבע מענטשן. פאַר וועמען איז נײטיק און באַקוועם די קאָמונע? צי האָט איר וועגן דעם אַ טראַכט־געטון:

— וועגן דעם איז נישטאָ וואָס צו טראַכטן, פּראָכאָר פּיעטראָוויטש.

— רוף מיך בלויז פּראָכאָר. הײַנט איז נישט קײן צײַט אומ־זיסט ווערטער צו פאַרלירן. זאָג.

— איך זאָג דאָך: וועגן דעם איז נישטאָ וואָס צו טראַכטן. די קאָמונע איז באַקוועם נאָר פאַר דער אָרימקײַט.

— אָט האָסטו דיר... — האָט קיריקאָוו מיט פאַרדראָס און פאַרביטערונג אַ מאַך־געטון מיט די הענט: — פאַר דער אָרימ־קײַט!... פאַר וועלכער אָרימקײַט? אָרימקײַט צו אָרימקײַט — איז נישט גלײַך. עס איז דאָ אַן אָרימקײַט, וועלכע וועט זײַן שעדלע־כער און נידערטרעכטיקער פון אַ קולאַק, ווײַל זי איז לײַכט צום איבערקויפן און האָט ליב אַ סך צו שרײַען. אײַער קאָמונע קאָן דערטרינקען אָדער פאַרברענט ווערן אין אײן טראָפּן אַלקאָהאָל.

קלויבט אייך צו מענטשן, ענלעכע צו זיך, און — נאָר אַזעלכע. נעמט די רשימה און לאָמיר אויסשטרייכן אַלע, וועמ ס'איז געפערלעך. עס איז גלייכער זיך צו באַציִען צו אַ מענטש מיט חשד, איידער אים צו גלייבן. נישט גלייבן, נאָר קאָנטראָלירן — דאָס איז דאָס געזעץ פון מענטשלעכע באַציִונגען אין אונזער צייט — דאָס געזעץ פון קאָמוניסטישן אויסוואַל. איר, פריינט מיינע, — פּאַרטיזאַנער און רויטאַרמייער: פּאַסט-צו אַלע אייערע מעטאָדן און כּללים פון קריגס-צייט צו די מענטשן, וועלכע שטופּן זיך צו אייך, און קלויבט אויס די זיכערסטע. בינדט זיי מיט אַ האַרבער שבועה, שטעלט זיי פאַר דער אומפאַרמיידלעכקייט פון שאַרפע שטראָפן. אייזערנע דיסציפּלין פון קריגס-צייט. איר פאַרשטייט?

פון די זעכציק משפחות האָט מען איבערגעלאָזט צוואַנציק. פאַמיליעס מיט אַ סך קינדער האָט מען נישט גענומען, כּדי נישט צו שטערן דעם פּרינציפּ פון גלייכהייט. אין שטאָט האָט מען באַשטעטיקט דעם סטאַטוט, אויסגעבאַרגט זריעה, געצפּנט אַ געלט-קרעדיט, און דער קאָמונע אַ נאָמען געגעבן: „נייע ערד". דעם קולאַק האָט מען דערוויטערט: ער האָט נישט געוואָלט, זיך אַקעגנגעשטעלט — האָט מען אים אַרויסגעוואָרפן מיט כּוח (אָנגעבראָכן אַ ביסל די ביינער) און קאָנפיסקירט זיין גאַנצן אינווענטאַר, צוויי פערד, דריי קי, פינף חזירים.

די קאָמונאַרן האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך עטלעכע פּגירה-וואַטע שקאַפּעס, עטלעכע סקעלעטן פון בהמות, אַ צוויי-דריי וואָגנס, צעבראָכענע אַקער-אייזנס, און זיך גענומען צו דער אַרבעט. די ערד איז געווען צעוואָרפן: טייל שטיקלעך — צוזאַמען, אַנדערע — ווייט אויף צען קילאָמעטער. מיט דידאַזיקע הונגעריקע שקאַפּעס האָט מען אָנגעהויבן אויפצוררייסן די ערד, וואָס איז געלעגן די לעצטע צייט אומבאַאַרבעט, כּדי צו פאַרזייען ווינטער-תבואה. ביי דער אַרבעט זענען געפאַלן די פערד, זענען געפאַלן מענטשן. וויטראָוו אַליין איז אַ געוויסע צייט אַזוי אָפּגעשוואַכט געוואָרן, אַז ער איז איינמאָל אַ פאַרחלשטער אַריינגעפאַלן אין אַ ראָוו פון אַ בייס. און ווען ער איז צו זיך געקומען, האָט ער

דערזען, אַז זײַן פערד ליגט אויך — פגרט, און ער האָט זיך גע־
שטעלט אין ראָוו און געוויינט, — געוויינט נישט דערפאַר, וואָס
דאָס פערד איז אים אַ שאָד געווען (דאָס האָט אפילו נישט גע־
מאַכט אויף אים קיין איינדרוק), נאָר סתם אַזוי, געוויינט אָן אַ
סיבה: די טרערן האָבן זיך אַליין געגאָסן.

דאָס איז געווען דאָס שווערסטע יאָר: די מענטשן זענען אינגאַנצן אָפּגעשוואַכט געוואָרן, די בהמות זענען אויסגעפּגרט. אָבער די מענטשן האָבן זיך געהאַלטן: שוין מיט דעם אַליין, וואָס זיי האָבן סונדעסטוועגן עפּעס געגעסן, וואָס זיי האָבן יעדן טאָג זיך פאַרזאַמלט און געמוטיקט איינער דעם אַנדערן, איז זיי געווען לייכטער, ווי אין דאָרף. דאָרט זענען די מענטשן געפאַלן, ווי פליגן. מיט אייגענע כוחות און מיטלען האָט מען אויסרעמאָנטירט די פערדשטאַלן, אַז מען זאָל קאָנען אין זיי וואוינען, און אויפן ווינטער האָט זיך יעדער איינגעאָרדנט אין זײַן ווינקעלע. יעדן טאָג איז געקומען פּראָכאָר און געפירט געשפּרעכן, צוגעגעבן מוט, געוועקט גלויבן אין דער שײַנער צוקונפט. און אויב ער איז אַמאָל נישט געקומען צו זיי, האָבן זיך אַלע באַאומרויִקט, דער־נערווירט, און צומאָרגנס אינדערפרי געשיקט צו אים געוואויר ווערן — צי ער איז נישט געשטאָרבן?

מען האָט באַלד איינגעאָרדנט אַ קאָלעקטיוו עסצימער, אין וועלכן אַלע האָבן באַקומען צו עסן אומזיסט. עס זענען געקומען פון שטאָט חברים, האָבן אויפגעמונטערט און זיך געשטעלט אין ענגער פאַרבינדונג מיט דער קאָמונע. עס זענען געקומען עטלעכע פאַבריק־אַרבעטער, האָבן אָרגאַניזירט וואַרשטאַטן און אַרײַנגעפירט אין לעבן זייער פּראָלעטאַרישן גייסט.

ווינטער האָבן די ווײַבער צוליב לײַדיקגיין זיך פאַרבענקט נאָך זייערע אייגענע אויוונס, און אין דער קאָמונע האָט מען זיך אָנגעהויבן בונטעווען. אויף די פאַרזאַמלונגען האָבן די ווײַבער געהאַלטן אין איין באַקלאָגן זיך:

— זיי האָבן אונז צונויפגעטריבן דאָ אַהער, אין דעם לאָך אַרײַן, די פאַרשאָלטענע, און זיך דאָ, ווי אויף קאַטאָרגע. אין

דער היים איז אַ סך בעסער געווען: צי ס׳איז יאָ געווען אַרבעט, צי נישט — וואָס מ׳האָט געטון איז געווען פאַר זיך. איז מען אַ ביסל געלעגן ביים אויוון און זיך געוואַרימט, אָדער אויפן הויף מיט די קעלבלעך זיך אַרומגעיאָגט. דאָס איז שוין געווען אַ כלל: וואָס דו פאַרדינסט, גייט עס דיר אין קעשענע אַריין. אַז דער טייוול זאָל אייך צונעמען מיט אייער קאָמונע, פאַרשאָלטן זאָל זי זיין! דאָס איז נישט קיין לעבן, נאָר אַ תפיסה. דאָרט, כאָטש איין טאַראַקאַן דו האָסט געהאַט, איז ער געווען דיינער, און דאָ ווייסט מען אפילו נישט וועמענס ער איז.

און וויעטראָוו האָט אויף איינער אַזאַ פאַרזאַמלונג פּלוצלינג געמאָלדן:

— חברים, פאַר וועמען די קאָמונע איז אַ לאַסט, דער זאָל גלייך איינגעבן אַ מעלדונג וועגן אַרויסטרעטן. עס איז גלייכער אַרויסצוטרעטן באַלד, איידער אַריינצוטרייבן די אָנשטעקונג אין געווייניק. מיר האָבן פאַר אייך פריער נישט באַהאַלטן, אַז מיר שטעלן אויס אויף דער אויסהאַלטעוודיקייט און איבערגעגעבנהייט: אויף דעם בויט זיך די דיסציפּלין פון דער אַרבעט און פון דעם געמיינזאַמען לעבן. ווער עס האָט באַקומען ספקות, האָט חרטה, און האָט אַן איידעלן מאָגן — דער זאָל גלייך אַרויסטרעטן. אָבער בונטעווען, סתם קראַקען און אָנשטעקן אַנדערע — דאָס וועלן מיר נישט דערלויבן.

עס זענען אַרויסגעטרעטן צוויי פאַמיליעס, האָבן באַקומען זייער חלק פון פאַרדינסט, אָבער אין צוויי חדשים אַרום זענען זיי צוריקגעקומען. און נישט די מענער, נאָר די פרויען זענען געקומען אויף דער פאַרזאַמלונג.

— מיר זענען געקומען, חברים קאָמונאַרן, בעטן, איר זאָלט אונז מוחל זיין... עס האָט זיך אונז פאַרגלוסט צוריק צום אייגענעם... זענען מיר אָוועקגעגאַנגען... אָבער מיר האָבן שוין מער קיין כוח נישט — נישט גוט האָט זיך אונז געלעבט אין דער אַלטער נעסט... זאָל עס שוין זיין פאַרשאָלטן, דאָסדאָזיקע אַלטע, מיאוסע לעבן! מיר האָבן די כוחות פאַרלוירן. מיר זענען פאַר־

לייזיקט געוואָרן... מיר ווילן עס שוין נישט קענען מער... נעמט אונז צוריק אַריין... מיר וועלן שוין אַלע אָנזאָגן: האָרכט נישט די נאַרישע ווייבער, זיי וואָיען און בילן אויף דער לבנה, ווי די הינטעכעס... און איר, ווייבער ליבע, הערט שוין גאָר אויף צו טראַכטן וועגן יענעם... אויב די צונג וועט אייך אָנהייבן סוועג-דזשען, בייסט זי זיך אָפּ, זי זאָל נישט בחינם קלאַפּן...

דאָסדאָזיקע צוריקקומען פון די אַוועקגעגאַנגענע ווייבער האָט אַרויסגערופן אַן אויפרודערונג אין דער קאָמונע. צווישן די פרויען האָט אויף אַ לאַנגע צייט אויפגעהערט דאָס קלאָגן זיך און רכילות טרייבן. אַניסיאַ מאַטוויעוונאַ האָט שוין אָנגעהויבן צו כמורען זיך, נאָר זי האָט נאָך אַלץ עפּעס קאָמבינירט.

דער זומער איז געווען אַ שיינער. דאָס געוועטעניש — אויסגעצייכנט. די מענטשן זענען געוואָרן פרייליך און האָבן געאַרבעט אָן אָפּרו. אויף די ווייטערע פעלדער האָט מען אין די נעכט געהאַלטן וואַך מיט ביקסן: מען האָט מורא געהאַט, אַז די פויערן פון דאָרף וועלן גנבענען די אָפּגעשניטענע תבואה. איינמאָל ביינאַכט האָבן אויף די נאָענטע פעלדער גענומען ברענען די סטויגן. דאָרט איז נישט געווען קיין וואַך. ווער עס האָט אונטערגעצונדן האָט מען נישט געוואוסט. דאָס פייער האָט אַרומגענומען נישט בלויז די תבואה פון דער קאָמונע — עס האָט זיך איבערגעכאַפּט איבער דעם אָפּגעשניטענעם פעלד אויך צו די פויערישע פעלדער. עס האָבן געלאָשן אַלע צוזאַמען — אי די קאָמונאַרן, אי די פויערן, — אָבער די שרפה האָט אָפּגערייניקט אויף די פעלדער אַ גרויסן שטח. אין מיטן פון לעשן דאָס פייער האָט אויסגעבראָכן אַ געשלעג: די פויערן האָבן זיך געוואָרפן אויף די קאָמונאַרן מיט די דרעשעס. עס האָט ווער אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז די תבואה האָבן אונטערגעצונדן די קאָמונאַרן, כדי מיט געוואַלט צו נייטן די פויערן אַריינצוטרעטן אין דער קאָמונע. איינעם פון אונזערע האָט מען אַזוי צעממיתט, אַז מען האָט אים געמוזט אַוועקפירן אין שפּיטאָל אַריין. ער איז צומאָרגנס גע-

שטאַרבן. אין דאָרף האָט מען אַרעסטירט עטלעכע פּויערן און זיי אַוועקגעפירט אין שטאָט. די פּויערן פון דאָרף זענען אונז געוואָרן בלוטיקע שונאים. די קאָמונאַרן זענען נישט געשלאָפן אין די נעכט: זיי האָבן זיך געריכט אויף אָנפאַלן און אונטערצינדונגען. איינמאָל בייַנאַכט האָט מען לעבן שייער געכאַפּט צוויי דאָרפישע יונגען, די איבעריקע דריי זענען אַנטלאָפן. ווען מען האָט זיי באַזוכט, האָט מען ביי זיי געפונען פּענכערס מיט נאַפט און מעסערס. אַנשטאָט זיי צו אַרעסטירן, האָט וויעטראָוו אַליין לאַנג „זיי באַאַרבעט מיט רייד", זיי מכבד געווען אין קיך (דאָס אַלץ איז געשען שפּעט ביינאַכט) מיט די שיריים פון נאַכט-עסן און זיי אַפּגעלאָזט אַהיים — אַליין זיי באַגלייט ביז צום סאַמע דאָרף. די קאָמונאַרן זענען אָנגעפאַלן אויף אים פאַר זיין „הומאַניטאַרישקייט", אָבער ער איז געווען גאָר פריילעך און זיך געריבן די הענט:

— מאָדנע חברה וואָס איר זענט! דאָס זענען דאָך — פּיאָנקעס. די שונאים שלאָגן דאָך אונז מיט אונזערע אייגענע הענט. פאַרשטייט דאָס. און אָט די הענט דאַרף מען נעמען מיט ליבלעכקייט און שכל, און נישט אָפּהאַקן זיי.

נאָך דעמדאָזיקן געשעעניש האָט דאָס דאָרף ביסלעכווייז זיך באַרויִקט און צווישן דאָרף און דער קאָמונע איז אַריינגעטרעטן אַ וואָפנשטילשטאַנד.

מיט דעם געשעעניש האָט מען זיך קוים געקאָנט אַן עצה געבן: אויף די דאַרע פעלדלעך איז שווער געווען אַריבערצופירן די תבואה פון די ווייטע פעלדער. וויעטראָוו, דער פאָרזיצער פון דער קאָמונע, האָט באַוויזן וואונדער: ער איז גאַנצע טעג אַרומגעפאָרן איבערן קרייז און דורכגענישטערט אַלע פאַרבאָרגנסטע ערטער, וואו עס זענען באַהאַלטן און עס ליגן פאַרגעסענע לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען. בוראַקאָוו האָט אַמאָל געהאַט אַ לאָקאָמאָביל און אַ דרעש-מאַשין. די מאַשינען זענען ביי אים געשטאַנען ערגעץ אין אַ באַהאַלטן אָרט: זיי זענען אַזוי ווי אין וואַסער אַריין. איינמאָל

איז וויעטראָוו אומגעריכט אַוועק צו אים אין דאָרף אַריין און גלייך אויף אַ שאַרפן אופן אים געשטעלט די פראַגע:

— בירגער בוראַקאָוו, וואו זענען באַהאַלטן אייערע מאַשינען?

בוראַקאָוו, אַ מענטש נאָך אַ יונגער, מיט דער גאַלאַנטקייט פון אַ קליינעם סוחר און ספּעציעל אויסגעפּיינערטער שפּראַך, אַ גערעזירטער, האָט שווייגנדיק אַראָפּגענומען פון דער וואַנט זיין ביקס און גענומען קלאַפּן איבער איר מיט די פינגער.

— חשובער חבר, אייער וואוילגעבוירנהייט! ווי מיין קלאָרער שכל זאָגט מיר, זענט איר, לויט דער פּאַקטישקייט פון דער לאַגע, מחויב אָפּצושאַצן דעם געהעריקן ווערט פון אָט דער מאַשין, וואָס געפינט זיך אין מיינע געניטע הענט. אויב איר זענט אַ מענטש מיט ישוב־הדעת און ווייסט, וואָס עס הייסט אַזוינס אַ באַקוועמער חשבון, וועט איר פאַרשטיין, אַז איר דאַרפט זיך אָפּטראָגן פונדאַנען וואָס שנעלער. מיר זענען ביידע אַליין. דידאָזיקע מאַשין איז צוגעגרייט געוואָרן פאַר אייער קאָמוניסטישער וואוילגעבוירנהייט. איר — זענט מיינע רויבער און באַנדיטן, און איך וועל אייך אויסשיסן, ווי די הינער.

וויעטראָוו איז צוגעגאַנגען צו אים מיט אַ פריינטלעכן שמייכל, פלינק אויסגעריסן ביי אים די ביקס, און געזאָגט מיט דראָענדיקער מילדקייט:

— בירגער בוראַקאָוו, דידאָזיקע ביקס וועט אונז צונוץ קומען פאַר ווילדע קאַטשקעס און בעקאַסן. נישט ווייט פון אונז געפינען זיך דאָך זומפּ. און אייך ראַט איך צו זיין אַ ביסל פאָרזיכטיקער: מיר לעבן אין אַן אומרויִקער צייט — איר קאָנט היינט־מאָרגן, לויט אַלע געזעצן פון געריכט און אויספאָרשונג, אונטערשטעלן אייער מוח אונטער דער ביקס. ביי אונז גייט דאָס צו גיך מיט שונאים און שעדיקער. וואָס איז דער חילוק?

און ער האָט אים דורכגענומען מיטן קאַלטן גלאַנץ פון זיינע אויגן.

— אָהאָ, אייער וואוילגעבוירנהייט, איר האָט נישט אָנגע־

טראָפן אויף קיין שוטה. זעט נאָר בעסער אָפּצוהיטן אייערע אייגענע מוחות. די פויערן — זענען אַ פאָלק אַ גערעכטיקס: פאַר רויבער און פערד־גנבים האָבן זיי אַן אייגן געריכט, און זיי מאַכן דאָס שנעל און אַנטשלאָסן.

— אָבער, בירגער בוראַקאָוו, מיר אַליין — זענען דאָך פויערן... וואָס איז דער חילוק? אויף די פעלדער זיך געהאָדעוועט — אויגן און אויערן האָבן מיר שאַרפע. אויך קיין שלעכטע פאַרטיזאַנער נישט געווען. און די וואַך איז ביי אונז אויך גאַנץ פיין אָוועקגעשטעלט. באַאומרויִקט זיך נישט פאַר אונז. אַ דאַנק פאַר דער פאָטערלעכער זאָרג.

און אַזוי איז טאַקע וויעטראָוו אַוועקגעגאַנגען מיט דער ביקס פון בוראַקאָוון.

איינמאָל איז וויעטראָוו געפאָרן אין דער געמיינדע אַריין צום אַגראָנאָם. דערדאָזיקער אַגראָנאָם, אַ הויכער, אַ ביינעקער, איז געווען בוראַקאָווס אַ פריינט און היימישער מענטש פון די אַלטע ציטן. ער האָט געוואוינט אין אַן אייגן הויז, מיט פיינע בנינים אויפן הויף. אין דער צייט איז ער געווען אַ באַאַמטער אין לאַנדווירט־אָפּטייל. וויעטראָוו איז געוואויר געוואָרן מן־הצד, אַז אין דידאָזיקע הויפישע בנינים זענען באַהאַלטן ביי אים געוויסע לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען און אַנדערע כלים. ער איז געקומען צו אים מיטן אויסרייד זיך צו באַראַטן וועגן איינפירן ראַציאָנאַליזאַציע אין דערווירטשאַפט פון דער קאָמונע. דער אַגראָנאָם האָט אים אויפגענומען אָנגעכמורעט, פאַרדעכטיק, און די גאַנצע צייט נישט אויפגעהערט בייזן און ביטולדיק אונטערצוברומען זיין ה־ם...

— עס וועט ביי אייך גאָרנישט אַרויסקומען, ה־ם... אָן געלט, מיט ליידיקע הענט... אָן וויסן, ביי אַזאַ האָרדע, ה־ם... הונדערט דעה־זאָגערס, הונדערט פערזענלעכע אינטערעסן... און אָן איין לייטישן אָנפירער מיט דער באַלעבאַטישקייט — אָן דער פאַראינטערעסירטקייט פון אַ באַלעבאָס. אויב מען זאָל די אינדיווידועלע אונטערנעמערישקייט צעטיילן אויף הונדערט, וועלן מיר

און דער אַגראָנאָם האָט פּילדייטיק זיך צעשמייכלט.

גראָד אין דעם מאָמענט זענען אַריינגעפאַלן די צוגעגרייטע מענטשן, האָבן געוויזן אַן אָרדער אויף אַן אונטערזוכונג, און צומאָרגנס איז דער לאָקאָמאָביל, די דרעש־מאַשין און אויך אַנדערע מאַשינען איבערגעפירט געוואָרן אין דער קאָמונע אַריין.

עס איז אַריבער נאָך אַ יאָר. די ערד האָט מען פאַרייניקט: אַלס אויסבייט פאַר די צעוואָרפענע פעלדער, האָט די קאָמונע זיך אַרומגערינגלט מיט איין גרויסן שטח פון אַכטהונדערט העקטאַר. מען האָט איינגעפירט דעם סיסטעם פון אינטענסיווער אַלגעמיינער פעלד־באַאַרבעטונג. מען האָט זיך ברייטער פונאַנדערגעבויט. געלאָזט אין גאַנג די פוטער־ווירטשאַפט און די מיל. די פויערן, וואָס האָבן פריער חוזק געמאַכט פון דער קאָמונע און אָפּגעוואַרט, — האָבן אַצינד באַלאַגערט דעם ראַט מיט זייערע מעלדונגען וועגן אָננעמען זיי אין דער קאָמונע. אָנגענומען האָט מען איינצלנע, פאָרזיכטיק, קאַרג.

זומער איז פלוצלינג געשען אַ קאַטאַסטראָפע: עס האָט זיך דורכגעטראָגן אַ שרעקלעכער שטורעם מיט אַ גאָס־רעגן און גראָבן האָגל. אַ גרויסע טייל פון געדעטעניש איז פאַרניכטעט געוואָרן. די מענטשן זענען אַריינגעפאַלן אין שיגעון, האָבן פאַרלוירן די קעפּ. אַלע האָט זיך פלוצלינג אָנגעהויבן דאַכטן, אַז די קאָמונע — איז אַ פאַסטקע, אין וועלכער די מענטשן זענען פאַרמשפּט אויף קנעכטשאַפט און הונגער־טויט. די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען זענען

געוועזן שטורמישע. אַלע האָבן פאַרלוירן דעם זינען: עס האָט זיך געדאַכט — אַז אָט-אָט וועט ערגעץ פּלאַצן אַ פּעדימל פון שפּינוועב, די מענטשן וועלן זיך אַ וואָרף-טון אויף וויעטראָוון און זיינע חברים און איבער זיי אויספירן אַ בלוטיק זעלבסט-גערינכט.

— אויב מענטשן אין אַן אומגליק האָבן נישט אין וועמען זיך נוקם צו זיין, זענען זיי זיך נוקם אין זיך אַליין, — האָט וויעטראָוו קלוג באַמערקט, דערציילנדיק וועגן דאָזיקן פּעריאָד אין זייער לעבן. — וואָס איז דער חילוק, האַליאַ איוואַנאָוונאַ? ווען די מאַסע צעפּאַלט זיך, פאַרלירט תמיד דער מענטש דעם שכל: ער כאַפּט זיך אָן אין זעלבסטמאָרד. און נקמה — איז דער שענדלעכסטער זעלבסטמאָרד.

די ווייבער זענען ווידער ווילד געוואָרן. זייער היסטעריע און פּאַנישע שרעק האָט אָנגעשטעקט די מענער. אין דער קאָמונע האָט זיך געקאָכט, ווי אין אַ צערודערטן מוראַשניק. די מענטשן זענען בלינד געוואָרן און פון שרעק זיך אָנגעהויבן צונויפצוקלאַפּן מיט די שטערנס. עס האָבן זיך אָנגעהויבן מיאוסע קריגערייען און געשלעגן צוליב נאַרישקייטן. עטלעכע פאַמיליעס זענען העגדום-פּענדום אַנטלאָפן פון דער קאָמונע. און ערשט אין דער לעצטער מינוט, ווען די קאָמונע איז שוין געהאָנגען אויף אַ האָר צו-שטערט צו ווערן, האָבן וויעטראָוו, באַנקין, גוליאַקאַ, טשושקין און די אַרבעטער פון די וואַרשטאַטן, געפונען אין זיך גענוג מוט צונויפצונעמען די לעצטע כוחות: רויִק, מיט פעסטער אַנטשלאָסנקייט האָט ער געמאָלדן, אַז איטלעכער, וואָס וועט אַריינטראָגן צערודערונג צווישן די קאָמונאַרן, — איז אַ פאַררעטער, אַן אייבערגעקויפטער און אַ שונא. מיט אַזעלכע וועט מען אויף אַן אומרחמנותדיקן אופן זיך אָפּרעכענען: אַרויסטרייבן אים אַן יעדער פאַרגיטיקונג, מיט אַ וואָלפן-בילעט. עס איז נאָך קיינמאָל אַזוי נישט נייטיק געווען קיין אחדות, קעגנזייטיקע הילף, ברידערלעכע סאָלידאַריטעט, ווי אַצינד. אמתער כוח אין קאַמף ווייזט זיך אַרויס ערשט אין מאָמענטן פון גרויס געפאַר. מען דאַרף

געטײנען הילף בײַ דער פּאַרטײַ און בײַ אונזער מאַכט. אַזוי ווי דער פּאַרזײַ פון די פעלדער איז געווען צעסעקורירט, האָט מען באַקומען אַ פּרעמיע.

דער ביוראָקראַטיזם און די טעמפּקייט פון די באַאַמטע האָבן פאַרײַנגעבראַכט ווידטראָוון אין צאָרן. ער האָט די פראַגע רעפערירט אין קרײַז־קאָמיטעט און אויסגעפועלט זײַנס: די באַנק האָט געגעבן אַ קרעדיט פאַר דער קאָמונע. די מיל און די פוטערווירטשאַפט האָט געגעבן גוטן ריווח. מען האָט זיך ענג פאַרבינדן מיטן קאָאָפּעראַטיוו. אויף דער קאָמונע האָט מען אָנגעהויבן קוקן, ווי אויף אַ מעכטיקן כּוח, ווי אויף אַ שטיץ־פּונקט אין קאַמף פאַר דער קאָנסטרוקציע פון דאָרף. אַלע קאַמפּאַניעס זענען דורכגעפירט געוואָרן אין ראַיאָן בײַ אַ גרויסער מיטווירקונג פון די קאָמונאַרן, אָבער עס זענען אויסגעבראָכן צוויי שׂרפות אין די נעכט: עס איז פאַרברענט געוואָרן אַ שײַער מיט נישט־אויסגעדראָשענער תּבואה, און אין אַ חודש אַרום — אַ גרויסער הילצערנער שפּײַכלער. די שולדיקע זענען נישט געפינען געוואָרן, אָבער אַלע האָבן געוואוסט פונוואַנען דאָס פײַער איז געקומען: מען איז געווען איבערצײַגט, אַז דאָס איז אַ שטיקל אַרבעט פון בוראַקאָווס באַנדע.

אין דעם אַנדערן יאָר איז ווידער געווען אַ געראַטעניש. די קאָמונע האָט באַוויזן דורך אַ געלעגנהייט זיך אײַנצושאַפן אַ גרויסע צאָל מאַשינען. דוכאָבאָרצעס, עמיגראַנטן פון קאַנאַדע, האָבן, נאָך צוויי נישט־מזלדיקע יאָרן לעבן אויף דער סאָוויעטישער ערד, באַשלאָסן צוריקצופאָרן קיין אַמעריקע. דעם גאַנצן אינווענטאַר האָבן אויף באַקוועמע באַדינגונגען אָפּגעקויפט די קאָמונאַרן. דאָס האָט צוגעגעבן מוט די מענטשן. מען האָט זיך פאַרבונדן מיטן קאָאָפּעראַטיוו פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען. עס איז אַוועק אַן אַרבעט וועגן קאָלעקטיוויזירן די דערפער, אַן עקשנותדיקע און דויערהאַפטע: דער קאָמונע איז נײטיק געווען צו לעבן פרײַ און זיך אַנטוויקלען. איר אָפּגעזונדערטקייט פון דאָרף, וואָס האָט נאָך געלעבט אויף אינדיווידועלע יסודות, האָט געדראָט מיט דער סכּנה פון צעשטערונג.

פֿון דעמאָלט אָן האָט אַניסיאַ מאַטו[illegible] אויפֿגעהערט זיך אַרומצוטראָגן מיט פֿאַרבאָרגענע פּלענער, און אירע אויגן זענען פֿאַרלאָשן געוואָרן. זי האָט אויפֿגעהערט צו קומען אויף אַרבעט און זיך פֿאַרמאַכט אין איר צימערל. אַזוי ווי די ערשטע יאָרן איז נישט פֿאַרווערט געווען זיך צו קאָכן עסן אין דער היים, האָט זי גענומען אירע און די קינדערס פּאָרציעס אין דער קאָלעקטיווער קיך. עס האָבן זיך אָנגעהויבן סקאַנדאַלן מיטן מאַן. זי האָט זיך געהאַלטן אַזוי, ווי מען וואָלט זי אומגעוויסנהאַפֿט אָפּגענאַרט.

אין דעם יאָר האָט די קאָמונע אָנגעהויבן צו בויען ריזיקע געבײַדעס: זי האָט געמאַכט אַ ציגעלניע, אויפֿגעבויט שטאַלן, מעכאַנישע וואַרשטאַטן, אײַנגעקויפֿט ראַסאָווע בהמות און פֿאַרלייגט דעם פֿונדאַמענט פֿאַר אַן עלעקטרישע סטאַציע.

דער לעבנס־שטייגער האָט נאָך געטראָגן דעם זעלבן דאָרפֿישן כאַראַקטער. יעדע משפּחה האָט נאָך געלעבט אויפֿן זעלבן אופֿן, ווי פֿריער אין דאָרף: אַ קאַמער, שמוץ, די קינדער צונויפֿגעפּאַקט, דאָס וואַשן וועש אין פֿאָדערהויז. אין דער צײַט פֿון דער אַרבעט בלײַבן די קינדער אָן אויפֿזיכט. נאָר די פֿרויען האָבן פּלוצלינג אַזוי ווי זיך אָפּגערעדט: זיי האָבן נישט געוואָלט מער האָבן קיין קינדער. פֿרײַ געוואָרן פֿון אויוון, פֿון די טעפּ, האָבן זיי אינגאַנצן אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך דעם עול פֿון דער קיך. אַצינד האָט זיך געשאַפֿן בײַ זיי אַ סטיכישער דראַנג צו באַפֿרײַען זיך פֿון די קינדער. די מאַסן אַבאָרטן, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן מיט היימישע מיטלען, האָבן גורם געווען שווערע קראַנקייטן. עטלעכע פֿרויען זענען געשטאָרבן. און דאָס האָט אַרויסגערופֿט די פֿראַגע וועגן אָרגאַניזירן אַ קינדער־היים און אַ קינדער־גאָרטן.

וויעטראָוס באַמערקונגען אויף באַזונדערע בויגנס אַלס ביילאַגע צום פערטן העפט

די שלעכטע זייטן פון דער קאָמונע לויט די אָנקלאַגעס פון זייטיקע און געוויסע איי‏גענע מענטשן

אָן ספק זענען דאָ אַ סך חסרונות אין אונזער קאָמונע, אָבער די רכילות, כאָטש עס איז דאָ אין זיי אַ קערן פון אמת, זענען פונדעסטוועגן פשוט אַ געמיינער און נידערטרעכטיקער ליגנט. אָט ווענען די וויכטיקסטע אָנעקדאָטן, פון וועלכע מיר האָבן שטאַרק געלאַכט אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג:

1. אין דער קאָמונע שלאָגן זיך אָפט די ווייבער, דערפאַר איז פון דער פאַרזאַמלונג אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס אָפּצושערן אַלע ווייבער.

לויט די באַווייזן פון דער בערכדיקער סטאַטיסטיק, האָבן אין דער קאָמונע איינגאַנצן אויפגעהערט די פאַמיליע-סיכסוכים, דאָס הייסט, געשלעגן צווישן מאַן און ווייב. דאָס ווייסן אַלע. אמת, אַז די ווייבער ווערטלען זיך טיילמאָל איבער, אָבער צו די האָר דערגייט עס נישט. די מיידלעך, וואָס אַן אמת, שערן זיך. דאָס איז גוט: אַז עס וועלן קיין לייז נישט זיין, אַז דאָס צוקעמען זיך געדויערט נישט לאַנג.

2. די קינדער, אפילו גאָר די קליינע, גיט מען צו עסן נאָר דעמאָלט, ווען דאָס גלעקל הייבט אָן צו קלינגען, און דערפאַר איז זיי שלעכט דאָרט צו לעבן.

נאַרישע מענטשן מיינען, אַז נאָרמאַלע דערנערונג, אין דער בעהעריקער צייט, איז פאַר קינדער שעדלעך. צום גליק פון די נאַראָנים גיט מען נאָך אין דער קאָמונע די קינדער צו עסן, ווען איינעם גלוסט זיך, אָן באַזונדערע כללים, און דאָס איז, פאַרשטייט

זיך, נישט גוט. ווי נאָר עס וועט איינגעאָרדנט ווערן אַ ספּעציעל עסצימער פאַר די קינדער, וועט מען מוזן פאַר דער טובה און געזונט פון די קינדער שטרענג באַשטימען די צייט פון געבן זיי עסן. אויף אונז ליגט דער חוב צו דערציען מיט אַ רעגולער לעבן די צוקונפטיקע בויער פון קאָמוניזם, און נישט קיין אידיאָטישע קאַלעקעס.

3. פריער האָבן זיי געהאַלטן אין איין טענהן, אַז די קאָמונע וועט זיך נישט דערהאַלטן, דערנאָך האָבן זיי אָנגעהויבן צו זאָגן, אַז אונזער קאָמונע — איז שטאַרק.

דאָס האָט געזאָגט דער מאַגן, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן אויסשעפּן די פּראָדוקטן. און ווען דער עולם האָט אָנגעהויבן פרעסן ביז ס'איז שוין קאַפּויער געגאַנגען, האָט מען אָנגעהויבן גלייבן אין איר שטאַרקייט. אָן אימה באַפאַלט, ווען מען הייבט אָן צו טראַכטן: וויפיל כוחות און יאָרן מען דאַרף נאָך, כדי צו ברענגען דערצו, אַז דער מאַגן זאָל זיך אונטערוואַרפן דעם קאָפּ! ווען וועלן מיר שוין באַהערשן די סטאָמאָקולטור?

4. אין דער קאָמונע שטייט דער פּאָרוזיצער אויף אַ קופּע האָלץ און גיט אַרויס צו איינצלנע שייטלעך צום הייצן.

אַ פאַנטאַזיע. אין ערגעץ איז נישטאָ אַזאַ פרייהייט און מיספּרויכן מיטן צו־שטאַרקן הייצן די אויוונס, ווי אין דער קאָמונע.

5. דער דריילינג וועט קומען און צעטרייבן די קאָמונע.

וואָסער דריילינג, שוטים! סיידן נאָר די וורעגגלישע. נאָר מיר האָבן זיך שוין לאַנג אויסגעלערנט אויפן פּאַרטיזאַנישן אופן צו שטיקן דידאַזיקע פליי.

6. די קאָמונאַרן לעבן בלויז דערפאַר, וואָס מען גיט זיי אַ סך, און ווען מען וועט זיי אויפהערן צו געבן, וועלן זיי אַלע אויסגערן.

יעדע ווירטשאַפט בייטיקט זיך אין פעריאָד פון איר אָרגאַניזירונג אין סובסידיעס, כדי דערנאָך צו זיין פּראָדוקטיוו. פון וועמען מען ריכט זיך אַ סך צו האָבן, דעם גיט מען. ווער ס'האָט דאָס געזאָגט? די קולאַקעס און ליבהאָבער פון אייגנטום, וואָס קראַפּירן פאַר קנאה. מיר זענען נישט קיין אויסנוצער, נאָר אַ רינג אין דער סאָציאַליסטישער בויאונג פון ראַטנפאַרבאַנד. ניין, זיי פאַרשטייען דאָס נישט! קולאַקישער אינדיווידואַליזם — דאָס איז סיפיליס, וואָס ווערט אַרויסגעטריבן פון בלוט מיט גרויס אָנשטרענגונג.

7. אין דער קאָמונע לעבן די מענער און פרויען מיט וועמען עס קומט זיי אונטער

נו, דאָס הייסט שוין פאַרשפּרייטן אַנטינאָמיע. ביי אונז איז נישטאָ קיין מיאוסע אויסגעלאַסנהייט, ווי ביי מענטשן, וואָס לעבן פאַר זיך. מיר האָבן אַליין איינגעשטעלט אייזערנע, שטרענגע לעבנס־כּללים. און עס איז גאָרנישט נייטיק געווען מיט דעם באַזונדער זיך צו פאַרנעמען. ניאוף — שטאַמט פון די עקלהאַפטיקע מעשים פון די פּרעסערס און טיראַנען. ביי אונז אָבער — איז דאָ גלייכהייט און מענטשלעכע חשיבות. ניאוף איז דאָ דאָרט, וואו עס איז דאָ אייגנטום.

8. אין דער קאָמונע — איז אַ שטאַרקער מאַנגל אין אַר־בעטס־הענט, און ווען עס באַווייזט זיך אַ נייע[ר] מענטש, גיט מען אים צו עסן און צו טרינקען, און מען האַלט אים אין איינ־רעדן, ער זאָל אַריינטרעטן אין דער קאָמונע

אָט ווי זיי פּלאָנטערן ווי אַן איבערגעדרייטער זשוק מיט די פיסלעך! פריער האָבן זיי געזאָגט: דאָרט גיט מען נישט קיין עסן, אַבינד, זעענדיק, אַז די באַציאונג איז די בעסטע, טרעטן זיי אַרויס עגאָיסטיש קעגן דעם, פאַרוואָס מען ליידט נישט אין קיין אומ־זיסטע פרעסערס אין דער קאָמונע.

9. אין דער קאָמונע טאָר מען זיך נישט איבערצאָלמען, — פאַר דעם ווערט מען גלייך באַשטראָפט.

פאַרשטייט שוין איינמאָל פאַר אַלע מאָל, פאַנטאַסטישע מענטשן, אַז די קאָמונע איז נישט — קיין מאַנאַסטיר: זי איז געבוירן גע־וואָרן נישט דורכן גייסט פון קריסטוסן, נישט מיט קיין ווייררויך, און טראַכט נישט וועגן הימלישן קעניגרייך. אָבער דאָס איז אויך פלאַפלעריי: עס איז נישטאָ קיין שום באַשטראָפונג, נאָר דאָס מענטשלעכע אויסלאַכן און די כּסדרדיקע אויפקלערונג צעבלאָזן גאַנץ שנעל דעם פרומען ליגנט. דערדאָזיקער ליגנט אַליין קאָן, ווי אַ סאָווע, נישט פאַרטראָגן אונזער ליכטיקייט.

10. אין דער קאָמונע וועט קיינמאָל נישט זיין קיין גלייכ־הייט, ווייל עס זענען דאָ פאַרשידענע כאַראַקטערן און פאַרשידע־נע מדרגות פון שכל, און דאָס וועט תמיד פאַרשאַפן אינדיווידועלע גרענעצן אין די לעבנס־באַציונגען פון די מיטגלידער.

בורזשואַזע אָנשטעקונג. צי זענען מיר אַזעלכע נאַראָנים? דאָס

אַגיטירן דאָך די אידיאָטן, אַז מען דאַרף אַלע שערן לויט איין פאַסאָן: אויף דעם געביט לאָזט זיך די נאַטור נישט באַהערשן. אין דער קאָמונע איז איטלעכער מחויב אויסצופירן אַ געוויסע טייל אַרבעט, וואָס איז לויט זיינע מעגלעכקייטן און ברענגט נוצן דער ברידערלעכער געזעלשאַפט. אויב ס'איז נישטאָ קיין גלייכהייט צווישן די באַזונדערע מיטגלידער, איז אָבער דער אַלגעמיינער סך-הכל פון דער אַרבעט זייער נאָענט צו גלייכהייט. און אויב עס זענען פאַראַן אַלגעמיינע ליבלינגען, איז דאָס — גוט, און קיינעם איז נישט פאַרבאָטן צו ווערן אַזעלכער.

11. אָט וואָס אונזערע ווייבער האָבן אַ געווייסע צייט געשמועסט צווישן זיך: „די קאָמונע האַלט זיך אויף די פּראָסטע אַרבעטער און אויף אונז, פרויען. די אָנפירערס שטעקן נאָר אַריין די נאָז אומעטום, אָבער האָבן נישט די מינדסטע ידיעה, וואָס עס טוט זיך אין דער ווירטשאַפט. ווי נאָר די פּראָסטע אַרבעטער וועלן זיך צעלויפן, וועלן זיי שוין נישט האָבן מיט וועמען אַרומצורעגירן. און ווען זיי וועלן שוין נישט האָבן וועמען אונטערצודריקן, וועלן זיי אַליין אויך נישט האָבן וואו זיך אַהינצוטון, און זיי וועלן זיך אויפהענגען אויף שטריק אונטער אַ בוים".

דער יסוד פון דעמדאָזיקן געדאַנק איז, פאַרשטייט זיך, — די טעמפּקייט פון אונזערע ווייבער: זיי זענען פריער געוואוינט געווען צו לעבן אין דאָרף אָפּגעזונדערט, זייער אַרבעט איז קיינמאָל נישט קריטיקירט געוואָרן, און דאָ, אין דער קאָמונע, טרעפן זיי זיך שטענדיק אָן אויף דער קעגנווירקונג פון געזעלשאַפטלעכן ווילן. די-דאָזיקע ווייבער פאַלן אַריין אין גרימצאָרן, ווען די מענער מישן זיך אַריין צו זיי סיי אין קיך, סיי אין קעלער, סיי אין אַנדערע, דאַכט זיך, נאָר ווייבערישע אַרבעטן. מיר מאַכן אָבער נישט קיין חילוק צווישן מענערישער און ווייבערישער אַרבעט: אַלע אַרבעטן אין דער קאָמונע — האָבן גאָרנישט צו טון מיט געשלעכט. אָנשטאָט צוצוהעלפן די מענער אין זייער אַרבעט, לאַכן זיי אין די ווינקעלעך וכדומה, אַרויסווייזנדיק מיט דעם זייער גרענעצלאָזע אומבאַוואוסטזיניקייט און קעלבערנע קאַפּריזן. מיט דער צייט אָנערקענען זיי אַליין זייערע פעלערן, דערווייל אָבער מוז מען כסדר אַכטונג געבן אויף דער ווייבערישער אַרבעט און בויען דאָס קאָמוניסטישע לעבן.

12. די קאָמונע וועט זיך צעפאַלן, ווייל עס איז נישט דערלויבט אין איר די מינדסטע פאָרם פון אייגנטום.

דאָס איז נישט אמת: דערווייל עקזיסטירט נאָך אייגנטום אין הינזיכט פון מלבושים און אַנדערע קלייניקייטן. אָבער דאָס איז — שלעכט; ווען עס וועט אינגאַנצן נישט זיין קיין אייגנטום, וועט די קאָמונע צוליב דעם זיין אומבאַזיגבאַר. דער חבר לענין האָט געלערנט: קאָמוניזם, דאָס איז — איין גרויסער שותּפות, דאָס איז דער פּלאַן און דער חשבון. און די קאָמונע — דאָס איז דער קערן פון דער צוקונפט אונטער דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור. אַך, ווי שווער ס'איז דעם מענטש זיך צוצופּאַסן צו אַ ניי לעבן.

13. עס איז גלייכער צו שטאַרבן פאַר הונגער אויף דער פריי, איידער צו לעבן אין דער קאָמונע אין אונטערדריקונג.

ערשטנס, קאָן אַזוי רעדן נאָר אַ זאַטער, נישט קיין הונגעריקער. און אין דער קאָמונע טרעטן טאַקע אַריין נאָר אַזעלכע, וואָס זענען נישט בכוח צו לעבן אָפּגעזונדערט. צווייטנס, פילן זיך אין דער קאָמונע אונטערדריקט יענע, וועלכע זענען ווייניק פּאַראינטערעסירט מיט איר און וועלכע האָבן נישט קיין אייגענע איניציאַטיוו. אין אַלעם איז שולדיק דער מענטש אַליין!

14. די קאָמונאַרן טראַכטן ווייניק, זיי לעבן נישט „מיטן גייסט", און דערפאַר קאָן מען נישט האָפן אויף קיין „אַנטוויקלונג", — זיי לעבן „סתּם אַזוי" — און נישט מער.

דאָס איז אויך — אַנטיבאַמיע און פאַנטאַזיע. דידאָזיקע טעמפּע באַשעפענישן ווייסן נישט, אַז די פּראָלעטאַרישע פילאָזאָפיע לערנט: דאָס גאַנצע גייסטיקע לעבן שטיצט זיך אויפן דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם. דאָס איז — איינס. צווייטנס: די קאָמונאַרן (הגם נישט אַלע) פאַרלאָזן זיך שוין אפילו צופיל אויף דער צוקונפט, און דידאָזיקע האָפנונג און דער גלויבן אונזערער זענען בכוח איבערצוטראָגן בערג.

15. באַלד נאָכן פרישטיק ווערן אין דער קאָמונע צונויפגעקליבן אַלע שטיקלעך ברויט און ביז מיטאָג טאָר קיינער נישט נעמען אפילו קיין ברעקל. דאָס זעלבע איז ביים מיטאָג. און נאָכן נאַכט-עסן שפּילט מוזיק — מען שפּאַצירט, מען טאַנצט, דערנאָך קלויבן זיך די מענער אויס פרויען און מען גייט שלאָפן.

וואָס קאָן מען אויף דעם ענטפערן נאַרישע מענטשן, אויב נישט פּשוט זיי אויסלאַכן? צוואָס פאַר אַ נידערטרעכטיקייט מענטשן זענען פעיק צו דערגיין אין זייערע געדאַנקען! פאַר דער פּינקטלעכקייט און דער מעסיקער פאַרוועגדונג פון די פּראָדוקטן, וואָלט

מען די קאָמונאַרן געדאַרפט נאָר לויבן. אָבער מענטשן לויבט מען בכלל זעלטן, און אויב מען לויבט זיי שוין יאָ, איז מיט אַ גאווה־שמייכעלע, אַזוי ווי מען באַציט זיך צו אַ נידעריקערן. חוץ דעם, הייסט אויפריכטיק לויבן — זיין שטרעבג אין דער פאָדערונג צו זיך אַליין. מיט טאַדלען פאַרנעמען זיך נאָר מענטשן קנאהדיקע און פאַרביסענע, וועלכע ווילן דערנידעריקן אַנדערע. עס איז אינטערע־סאַנט, אַז מענטשן, וואָס זענען געוואוינט צו עסן אָן אַ סדר און נישט אין דער צייט, האַלטן אַזעלכע געוואוינהייטן אַלס געזעץ פאַר אַלע. אין דער היגזיכט קאָן דינען אַלס גוטער ביישפּיל אפילו אַ חזיר, וואָס ווערט שנעל פעט נאָר דעמאָלט, ווען מען פאַשעט עס רעגולער און אין דער געהעריקער צייט.

וואָס שייך ווידער דער פרייער ליבע צווישן מאַן און פרוי, איז דאָ קאָן מען שוין, פאַרשטייט זיך, לגמרי זיך נישט באַגיין אָן „גאָט”, כדי צו גלייבן, אַז אַלץ האָט אַזוי שנעל און ראַדיקאַל זיך געענדערט. די אַלע רעדערייען זענען נישט מער ווי נידערטרעכטיקע רכילות פון דער קולאַקישער באַנדע. אויסגעלאַסנהייט איז אַ זאַך, וואָס ווערט געטריבן נישט ביי אונז, נאָר ביי דער בורזשואַזיע: די בורזשואַזע וועלט — אָט דאָס — איז אַן עכט פּראָסטיטוציע־הויז. הלוואי וואָלט שוין געווען ביי אונז „פרייע ליבע”!

דאָס — איז דער אידעאַל פון סאָציאַליזם. דאָס — איז עכטע מענטשן־ליבע. דער קאָמוניזם איז דאָך טאַקע אין טיפן זין פון וואָרט דידאָזיקע פרייע ליבע פון פרייע מענטשן.

אַך, מענטשן! אָט אין וואָס עס באַשטייען אונזערע מיינונגס־פאַרשידנהייטן ביים בויען דעם קאָמוניזם! אפנים, אַז קיין איין גרויסע זאַך קאָן זיך טאַקע נישט באַגיין אָן שטרויכלען און אָן מיאוסקייטן. וואָס העכער עס גייט אויף די זון פון אונזער פּראָלע־טאַרישן אידעאַל, אַלץ געדיכטער איז דער דאַמף, וואָס שמייגט־אויף איבער דעם עקלהאַפטן זומפּ. מען דאַרף פאַרמאָגן דעם הערויאיזם פון זעלבסטבאַוואוסטזיין, כדי נישט פאַרסמט און דער־שטיקט צו ווערן.

16. אין דער קאָמונע פגרן אויס די חזירימלעך, ווייל די קאָמוניסטן פייערן נישט די יום־טובים.

דאָס, וואָס די חזירימלעך פגרן אָפּט, דערנעמט זיך פון דער באַכלעסיקייט פון די פרויען, און טיילמאָל אויך פון די מענער. מען דאַרף צו דער חיה זיך באַציען באַוואוסטזיניק, פּראָלעטאַריש, און אונז האָט שוין צופיל דורכגעפרעסן דער אינדיווידואַליזם. „די

אינדיווידואַליסטן" האָבן שטענדיק אַ פּאָפּישע אידעאָלאָגיע. מענטשן, וואָס לעבן אָפּגעזונדערט, זענען שטענדיק גיריק און אַבערגלויביש.

17. אויב מען זעט אין דאָרף אַ דיקן מענטש, זאָגט מען אים: „דיך וואָלט מען געדאַרפט איינשרייבן אין דער קאָמונע”.

דער זין פון דעמדאָזיקן ווערטל באַשטייט אין דעם, וואָס אין דער קאָמונע גיט מען כלומרשט שלעכט צו עסן, און מען הייסט אַ סך אַרבעטן. דאָס איז אומבאַדינגט ליגנט! אויב מען אַרבעט אפילו אַ סך, איז עס אויך נישט קיין חרפה. אַרבעט פאַר אַלע צוזאַמען איז טאַקע דאָ אַ סך, אָבער פאַר יעדן קאָמונאַר באַזונדער איז די אַרבעט לייכט און גייט, לויט דעם אַלגעמיינעם פּלאַן, נישט אַרויס פון די ראַמען פון אַכט-שעהדיקן אַרבעטס-טאָג. אין דאָרף אַרבעט דאָך דידאָזיקע אָרימע מאַסע, ווי אַ פאַרשאָלטענע, פון זון-אויפגאַנג ביז טיף אין דער זינקענדיקער נאַכט אַריין. דאָס עסן איז ביי אונז אויך אַ סך בעסער, אויב מען זאָל נעמען אַלס ביישפּיל די צאָל פאַמיליעס אין דאָרף, באַזונדערס די אָרימע, וועלכע פרעסן דער טייוול ווייסט וואָס פאַר אַ מיאוסקייטן. און אָט פון אַזעלכע אָרימע מענטשן באַשטייט דאָך טאַקע אונזער קאָמונע. ווי שווער ס'איז צו קעמפן מיט דער אידעאָלאָגיע פון די אינדיווידואַליסטן. דאָס — איז אַן אידעאָלאָגיע פון שעדיקער. מיר וועלן פונדעסטוועגן אין אַלגעמיינעם קאַמף פאַרן סאָציאַליזם זיגן מיטן עגאָיזם און דער פּראָלעטאַרישער קולטור.

דאָס פינפטע העפט

דאָס פראָבלעם פון האַרץ

גוליאַקאַ איז אַוועקגעפאָרן אויף די אַגראָנאָמישע קורסן. זיין אַוועקפאָרן איז פאָרגעקומען עפּעס אומבאַמערקט. עס איז געווען אַ גוליאַקאַ, און ער איז מער נישטאָ. וויעטראָוו איז, ווי פריער, אַרומגעגאַנגען אַ געהאָרבעטער, תמיד באַשעפטיקטער, מיטן געוויינטלעכן קאַלטן גלאַנץ אין זיינע אויגן.

אין דער פרי, אַ שעה פאַרן אַוועקפאָרן, איז גוליאַקאַ געקומען צו מיר צוזאַמען מיט לושען. ביידע זענען געווען אויפגערעגט. ער האָט כסדר געקוקט אויף איר מיט אַ פאַנישער פראַגע און האָפנונג אין די אויגן. זי האָט זיך געשפּילט מיט זיין שוואַרצער טשופּרינע.

— זאָגט מיר נאָר, קינדערלעך, וויפיל יאָר האָט איר אייך שוין ליב. איר זעט נאָך אַצינד אויך אויס, ווי חתן־כלה.

לושאַ האָט אים שעלמיש געגעבן אַ פּעטשל מיט דער האַנט איבער דער באַק.

— זאָג איר, פּיעטקאַ, וויפיל דו האָסט אויסגעבערענגט פון דיין ליבע אויף מיר, און אויף ווי לאַנג עס וועט נאָך קלעקן?

— ניין, זאָג דו עס. לויט מיר, איז דאָ איבעריק בוכהאַלטעריע. מיט ציפערן וועסטו גאָרנישט אויפקלערן, און קיין פּראָבלעם ווערט נישט געלעזט מיט דער הילף פון אַריטמעטיק. אויב איך וועל זאָגן, אַז מיר לעבן צוזאַמען זעקס יאָר, קאָן אַמאָל די צוקונפט שוין נישט גלייך זיין צו דער פאַרגאַנגענער צייט פון דער ליבע.

— נו, דו דרייסט זיך אַרויס אויף אַ געלערנטן אופן, טייערינקער. זעקס יאָר ליבן מיר זיך שוין — וואָס נאָך מער דאַרף מען? דאָס

האַרץ קלאַפּט פריי: עס קלאַפּט זיך אויס זיינע סעקונדן. צי קאָן מען עס אָנוואַרפן דעם אייגענעם ווילן

גוליאַקאַ האָט אומרויִק אַ ציטער־געטון און איז אויפגעשטאַנען. ער איז, ווי געווײנטלעך, זיך דורכגעגאַנגען איבערן צימער, אָפּווישנדיק מיט דער פּלייצע די ווענט, און זיך צורירנדיק אַלע מאָל מיט די פינגער צו אַן אַנדערער זאַך.

— אָט וואָס, האַליאַ איוואַנאָוונאַ. ווי אַזוי קאָן מען לעזן דאָס פּראָבלעם פון געשלעכט? דאָסדאָזיקע פּראָבלעם איז אומלעזבאַר. לעזן מיט געוואַלט דאָס, וואָס עס לאָזט זיך נישט, איז אוממעגלעך. ווערסט גאָרנישט אויפטון: דער שווערסטער קאַמף — דאָס איז דער קאַמף מיט זיך אַליין.

ביי מיר האָט אַרויסגערופן אַ פרײלעך געפיל דידאָזיקע חכמה זיינע: מיט איר האָט ער געוואָלט פאַרטויבן זיין שרעק. ער האָט געקאָנט הערשן איבער זיך: אים האָט זיך געגלוסט וויינען, נאָר ער האָט זיך צוגעגעבן מוט, און זיך מושטירט, ווי אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן ווילן. מיר איז געווען אַ רחמנות אויף אים, אָבער אייניצייטיק האָב איך אים געשעצט פאַר זיין מוטיקן קעמפן מיט זיך. איך האָב מיך נישט איינגעהאַלטן און אים אָנגעכאַפּט ביי די אַקסלען: מען האָט אים געדאַרפט אַוועקשטעלן פעסט אויף די פיס.

— גוליאַקאַ, טייערער, ליב האָבן זעקס יאָר — דאָס איז נישט קיין קליינע צייט. די יאָרן פון ליבע פאַרוואַנדלען זיך אין אָרגאַנישער צוגעבונדנקייט. לושאַ האָט דיך זייער ליב — איך ווייס. און די צעשיידונג מיט דיר וועט מאַכן די ליבע נאָך שטאַרקער.

עס איז געווען אַ מאָמענט, ווען זיינע אויגן־אַפּלען האָבן בליציק אויפגעפלאַמט. אָבער ער איז באַלד צוריק ווייך געוואָרן — אָנגעהויבן אויסזען איינפאַכער און פאַרטראַכטער

— האַליאַ איוואַנאָוונאַ, איך פאָר אַוועק. איר ביידע — זענט חברטעס. אויב זי וועט זיך פּלוצלינג אָנהייבן פילן עפּעס שלעכט... נו, עס וועט פּלוצלינג עפּעס געשען... עס וועט זי ווער באַליידיקן אָדער פאַרקערט... דו פאַרלאָז זי נישט... האַלט זי אונטער...

— נו, גוליאַקאַ, נאָכוואָס זאָגסטו מיר דאָס? אַזעלכע זאַכן, ליבער, בעט מען נישט.

לושאַ האָט זיך צעלאַכט מיט אַ מעלאָדיש, געריצט טרילערן.

— פיעטקאַ, קום אַהער, אויסוואורף דו!

דער שנעלער איבערגאַנג פון צאַרטן טרילערן צום גראָבן, בייזן אויסגעשריי, האָט מיך איבערראַשט.

— קום אַהער, שד דו, טייוול, שוטה! קוש מיך, נאַ? שטאַר־קער! דערשטיק מיך... נו, שטאַרקער־זשע!... אַז די ביינער זאָלן קנאַקן...

גוליאַקאַ האָט זיך אַ וואָרף־געטון צו איר, זי אַרומגעכאַפּט, זיך איינגעזויגן אין אירע ליפּן, און מיטן גאַנצן כוח זי צוגעדריקט צו זיין ברוסט.

— אַ־ך!... — זי האָט אַזש אַ ברום־געטון פון ווייטיק און תענוג: — אַ־ך!... איך וועל שטאַרבן!... איך וועל פּגרן!... ווערסט מיך צעדריקן!...

ער האָט זי צוגעפירט צו אַ שטול און זי פּאַרזיכטיק אַוועק־געזעצט, ווי אַ קינד. זי האָט, אַ בלייכע, ווי אַ בלינדע, זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן.

איך האָב געציטערט, באַפאַלן פון אַ חשק נישט צום אויס־האַלטן, אַז ער זאָל מיך אויך אַזוי צודריקן ביז ווייטיק.

לושאַ האָט אַזוי ווי פאַרשטאַנען מיין געפיל, און אַ פאַר־שמאַכטע אַ געשריי־געטון מיט אומפאַרשטענדלעכן צאָרן:

— שנעלער, גיב נאָר זי אויך אַ נעם!... זאָל זי אויך פילן וואָסערע מוסקולן דו האָסט...

ער איז נישט דרייסט, שמייכלענדיק, צוגעגאַנגען צו מיר, און וואַרפנדיק אַ צעשראָקענעם בליק אויף לושען, צעשפּרייט די הענט.

— נו, גיב זי נאָר אַ דריק צו... וואָס האָסטו מורא? זי איז געמאַכט פון צוקער, צי וואָס?... זי איז די אייגענע, וואָס איך.

און אין דעם אויגנבליק, וואָס איך האָב דערפילט, אַז די לופט ווערט ענג אַרום מיר, איז מיך באַפאַלן אַ שרעק. מיטאַמאָל

בין איך אַ פלי־געטון ערגעץ אין דער הויך און צוגעדריקט געוואָרן צו אַן אומבאַקאַנטער קראַפט. צווישן דידאָזיקע מעכטיקע מוסקולן האָב איך מיך פלוצלינג דערפילט נישטיק קליין, לייכט, ווי אַ פייגעלע. און דערפאַר, וואָס איך האָב שוין נישט געקאָנט אָטעמען, דערפאַר, וואָס איך בין פאַרשלונגען געוואָרן פון דידאָזיקע שרעקלעכע צוואַנגען, האָב איך צום ערשטן מאָל איבערגעלעבט אַ פיזישע גליקזעליקייט. און נישט בלויז מיטן האַלז, נאָר מיטן גאַנצן קערפער האָב איך גענומען הויך שרייען, ווי מיט אָט דעם שרייען וואָלט אַרויסגעפלויגן פון מיר מיין גאַנץ לעבן. אינמיטן דעמדאָזיקן שרייען האָב איך דערהערט לושעס פריידיק געלעכטער.

איך בין אַוועקגעגאַנגען פון אים איבגאַנצן אַ פאַרשמאַכטע און אויסגעשעפטע, נאָר עפעס אַזוי ווי אַן אַנדערע — אַן אומבאַקאַנטע.

— זעסטו שוין, שוועסטערל, וואָס פאַר אַ ביק דאָס איז?... זאָל ער פאָרן, כאַפּט אים דער טייוול? לאָמיך זיך פון אים כאָטש אַ ביסל אָפּרוען...

זי איז געווען אַזוי ווי שיכור.

און גוליאַקאַ האָט זיך פלוצלינג באַרויִקט, גענומען אַ שטול און זיך אַוועקגעזעצט קעגנאיבער לושען, מיט דער מינע פון אַ מענטש, וואָס איז פאַרזאָרגט וועגן אַן ערנסטן ענין.

— איז אָט וואָס, לושען... אַנטשולדיק מיר, האַליאַ איוואַנאָוונאַ... איך רעד, כדי דו זאָלסט הערן. מיר — זענען קאָמונאַרן, און דאַרפן אונזער לעבן בויען לויטן נייעם שטייגער. מיר זענען זינדיקע מענטשן, אָבער אונזער קאָלעקטיוו לעבן פאַרפליכטעט אונז צו האַנדלען אין אַלע פאַלן לויטן שכל הישר. און זינדיק זענען מיר דערפאַר, וואָס אין אונז זיצט נאָך אַלץ דער פויער פון דאָרף, דער קליינבירגער... מיר זענען נאָך מענטשן מיט דער אַלטער פעל אויף זיך, שמוציקע, און אין אונז ברויזט נאָך עפעס. מיר מאַכן זיך איבער דורך קאַטאָרזשנער אַרבעט... און יעדע זאַך, יעדער ענין, און קודם־כל יעדעס געפיל, איז פאַר אונז אַ פראָבלעם...

געדאַנק — האָבן מיר איין גראַם, און געפיל און נאָך אַנדערע אַזעלכע נישטיקייטן — אַ גאַנצן טאָן. אָט פאַרוואָס מיר זענען אַזעלכע שלעכטע און אומגעלומפערטע. ריכטיק זאָגט אונז פראָכאָר. נו, און פאַר אונז איז דערדאָזיקער גראַם געדאַנק טייערער פון טויזנטער טאָן מיסטיקן אָפפאַל פון דעם אַלטן לעבן. דעריבער איז דערדאָזיקער געדאַנק אונזערער — דער דורכגעליטענער — די טרייב-קראַפט פון אונזער העכסטער אידעאָלאָגיע. איז אָט וואָס, אַנטשולדיקט... וועגן וואָס האָב איך עס געוואָלט רעדן ?... עפּעס אַזוינס שטאַרקס האָבן איך געוואָלט זאָגן... כ׳האָב מיך אַזש איינגאַנצן אַזוי ווי אָנגעצונדן, נאָר... עס פעלן מיר ווערטער... און אַלץ איז עפּעס אַזוי ווי אויסגעוועפּט געוואָרן... העלף מיר אַרויס, לושאָק... וואָס-זשע זיצסטו, ווי אַ סאָווע ?

— פונוואַנען זאָל איך וויסן, אַז דו האָסט זיך פאַרנומען, ווי אַן אָראָטאַר אַרויסצוטרעטן ?...

זי האָט זיך אַזוי ווי גערייצט מיט אים.

איך האָב ווידער רחמנות געקריגן אויף גוליאַקען : ער האָט געקעמפט מיט זיך — ער האָט זיך באַמיט אָנצוכאַפּן אָן עפּעס אַן אָריגינעלן נייעם געדאַנק, כדי זיך צו שטאַרקן און פעסטיקן זיין ווילן. איך האָב מיך אַוועקגעזעצט לעבן אים און אָנגענומען לושעס האַנט : מען טאָר נישט — האָב איך געמיינט מיט דער באַוועגונג צו ווייזן — זיך רייצן מיט אַ מענטש אין מאָמענט פון זיין אויפשטייג. די מאָמענטן פון צעשיידונג דערהייבן שטענדיק דעם מענטש און זענען תמיד טיפער און וויכטיקער פון די באַגעגענישן.

— פיעטער, האָסט געוואָלט עפּעס זאָגן וועגן זיך... האָסט געוואָלט אויסדריקן עפּעס אַ געדאַנק... דאַכט זיך, וועגן באַהערשן זיך ?...

— יאָ, יאָ, אַזוי איז עס... איך פאָר אַוועק, לושאָק.

— נו, איך ווייס, האַרצינקער, איך ווייס... דו פאָרסט אַוועק, טייערינקער מיינער... דו פאָרסט באַלד אַוועק... דו זעסט ? (זי האָט געוואָרפן אַ בליק אויפן פענסטער און אַ וויש-געטון די פאַרלאָפענע שויב — איבער די טראָפעלעך פון איר טויאיקער פייכט-

קייט האָבן זיך גענומען קייקלען, זיך שלענגלענדיק און ציטערנדיק, צווי טרערן). זעסט, די פערד זענען שוין געשפּאַנט, די בריטשקע וואַרט...

— נו, איז אַט וואָס, בכלל און אין סך־הכל גענומען... אַ שאָד — וואָס באַנקין איז אַצינד דאָ נישטאָ. מיט די ווערטער דריקט ער אויס זיין יעדן אַנטשלאָסענעם געדאַנק. איך מוז רעדן פון טיפן האַרץ. מיר זענען דאָ אַלע — גלייך, אַלע — קאָמונאַרן. סיי דו, סיי איך — זענען אומאָפּהענגיקע מענטשן. דו ביסט פריי, און אויך איך — בין פריי. און מיר האָבן נישט צווישן זיך קיין חשבונות און פּרעטענזיעס. אונזער ליבע — איז אַ זאַך אַן אינערלעכע, אַ גייסטיקע. דאָס האַרץ — אַ כוח אַ פרייער. דאָס האָסטו, לושאַק, געזאָגט ריכטיק. דו ביסט דאָך פאַר מיינע אויגן אַ קאָמוניסטקע אויסגעוואַקסן. געדענקסט וואָסערע דו ביסט געווען אין דאָרף? אַ נאַרישע און שרעקעוודיקע, און האָסט אפילו פאַר מיר מורא געהאַט. אָבער אַצינד וואָס? אַצינד האָסטו שוין גאָר פאַרגעסן, וואָס שרעק איז אַזוינס. דו האָסט דיין אייגענעם געדאַנק, וואָס איז שטאַרקער פון יעדער שרעק. שרעק שטאַמט פון איינזאַמקייט און אָפּהענגיקייט, און דער געדאַנק — פון קאַמף פאַר פרייהייט, פון קאָלעקטיוון לעבן.

— אַך דו, האַרציקער, רעדסט שוין צו לאַנג: מסתמא דערפאַר, וואָס דו אַליין שרעקסט זיך פאַר עפּעס. איך ווייס: דו האָסט פאַר דיר אַליין מורא... דו גלייבסט אין דיר אַליין נישט...

זי האָט אים ווידער צערטלעך אַ פּעטשל געגעבן איבער דער באַק און זיך גענומען שפּילן מיט זיין טשופּרינע. און דידאָזיקע צערטלעכקייט אירע האָט ווי אַן עלעקטרישער שטראָם אים אויסגעגלייכט, און זיין פּנים איז געוואָרן שיין און זיכער: עס האָט געלויכטן פון באַגייסטערונג.

— ניין, לושאַק, איך האָב אַצינד פאַר גאָרנישט קיין מורא, איך בין ביי מיר זייער פעסט און איבערצייגט. איך וועל דיר זאָגן בלויז אָט וואָס: דו ביסט — אַ קאָמוניסטקע, דאָס איינע געדענק. און אַ קאָמוניסט דאַרף וויסן איין זאַך: ער דאַרף רעוואָ־

לוציאָנעריש אַ שפּיי טון אויף אַלע דאָרפישע פאָראורטיילן. מיר — זענען מענטשן געזעלשאַפטלעכע, נישט קיין קנעכט. איז אָט אין וואָס עס באַשטייט דאָס פּראָבלעם: אויב, לאָמיר זאָגן... נו, לאָ־מיר אָננעמען... עס וועט פלוצלינג געשען אַזוי (ער האָט דייטלעך באַטאָנט יעדעס וואָרט)... געשען אַזוי, אַז דיין האַרץ וועט אָנ־הייבן אַרבעטן אין אַן אַנדערער ריכטונג... פלוצלינג, לאָמיר זאָגן...

— אוי, האַרצינקער, גיכער... נו, איך וועל שוין אַליין פאַרענדיקן...

— וואַרט־צו, לושאַק... איך וועל אַליין קאָנען קלאָר אויס־דריקן מיין געדאַנק... נו, לאָמיר זאָגן, עס וועט דיר עפּעס צוקו־מען, און דו וועסט צו אַ צווייטן מאַנספּאַרשוין דערפילן אַ געוויסע נאָענטקייט...

— נו, ליבע, האַרצינקער... זאָג: ליבע און — פּטור אַן עסק.

— אַנטשולדיק, לאָמיר אָננעמען, אַז סאַקע ליבע... איז קאָנסטו, לושאַק, האַנדלען פריי... איך קאָן דיך נישט פאַרפליכטן... אויף דעם זענען מיר ביידע קאָמוניסטן... מיר בויען די קאָמונע... איז זאָלסטו דעמאָלט נישט ליידן און נישט טראַכטן... ווי אַזוי קאָן איך פאָדערן און דיר באַפעלן?... מיר ביידע האָבן אי ווילן, אי שכל־הישר. איין זאַך בלויז בעט איך דיך: קיין שום סודות... עס זאָל נישט סתם טראָגן דעם כאַראַקטער פון מיאוסער אויסגעלאַסנ־הייט... דאָס איז ביי אונז ערגער, ווי גנבענען פון קאָלעקטיוון אייגנטום.

לושעס פּנים איז פאַרגאָסן געוואָרן מיט אַ רויטקייט. זי האָט איינגאַנצן געציטערט פון געררטקייט. זי האָט אַזש נישט געקאָנט אַרויסרעדן קיין איין וואָרט. איך האָב געקוקט אויף זיי און אויך געציטערט.

לושאַ איז אויפגעשטאַנען. זי האָט נישט געקאָנט באַהערשן איר האַרץ. איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען ביי איר אַזעלכע הערלעכע אויגן: פאַרגאָסן פון טרערן, האָבן זיי געשטראַלט מיט צניעותדיקער שיינקייט.

באַגלײט האָבן אים בלױז פיר מענטשן: לושאַ, איך, װיעט־ראָװ און באַנקין. גוליאַקאַ און װיעטראָװ האָבן זיך לאַנג און האַרציק געקושט.

— נו, ברודער, פאָר!... קום צוריק אַן אַגראָנאָם... װאָרים דידאָזיקע שלימזלען זענען אונז שױן דערעסן געװאָרן... אַט דאַרף מען די סעלעקציע־אַרבעטן אַנטװיקלען מיטן גאַנצן פאַרנעם. װעסט קומען אין פרילינג, — װעלן מיר דיך אױפנעמען מיט אַן עלעקטרישער אילומינאַציע.

גוליאַקאַ האָט זיך אַ ריס־געטון צו אים פון דער בריטשקע, װי ער װאָלט געװאָלט אַראָפּשפּרינגען און זיך אָפּזאָגן פון זײַן רײַזע.

— אַך, אַנדריושאַ!... עס איז אַ שאָד אַװעקצופאָרן פון דער אַרבעט... די גאַנצע לאַסט, װאָס איך האָב ביז אַצינד געטראָגן, װעט דאָך פאַלן אױף דיר... דער סעקרעטאַריאַט, דאָס פירן די חשבונות... װער װעט זיך דאָ אַן עצה געבן מיט דער אַרבעט? און נאָר מער אַ שאָד איז מיר, װאָס איר װעט די עלעקטראָסטאַציע לאָזן אָן מיר... מיר האָבן דאָך צוזאַמען אַרײַנגעלײגט אונזערע נשמות אין איר...

— פאָר, פאָר, פרײַנט! דו װעסט אונז אין שטאָט אַ סך מער צוהעלפן: װעסט אַ דריק־טון, װאו מען דאַרף... אַלײן אױס־פאָרשן, אָנטאַפּן, מיט באַהאַװנטע מענטשן זיך באַראַטן...

איך האָב געדריקט גוליאַקעס הענט און אַ באַגײַסטערטע גע־זאָגט צו אים און צו װיעטראָװן:

— טײַערער חבר, קאָנסט פאָרן רױִק. איך נעם אױף מיר דײַן אַרבעט: מיטן סעקרעטאַריאַט װעל איך מיר אַן עצה געבן, און די חשבונות פירן װעט מיר צוהעלפן אַנדרײ סעמיאָניטש.

מיט באַנקינען האָט ער זיך געזעגנט בלױז מיט אַ דריק פון דער האַנט. באַנקין איז אױך אין די מינוטן געבליבן פלעגמאַטיש, װי גוליאַקאַ װאָלט געװען פאַר אים אַ צופעליקער גאַסט. ער האָט געקוקט אױף אים זײַטיק און אונטערגעברומט:

— אַלזאָ... בכלל און אין סך־הכל גענומען... קום צוריק אַן

אַגראָנאָם... וועסט זיך צוגרייטן. שפּעטער אַ מאַרקסיסטישן קרייז אָרגאַניזירן... די פּאַרטיי — איז אַלץ... אָן דער פּאַרטיי — זענען מיר אָן אַ קאָפּ און אָן פיס... שאַרבנס...

ער האָט רעזאָנירט, ווי אַ מענטש, וואָס האָט ליב כסדר אונטערצוברומען, נאָר מיר האָבן נישט געלייגט קיין אַכט אויף זיינע רייד, און בלויז געשמייכלט: ער האָט אַרויסגעזאָגט די פּשוטסטע אמתן, אָבער מיר האָבן אים ליב געהאַט און נישט איבערגעריסן זיין פּרעדיקן.

לושעס אויגן זענען געווען פאַרגאָסן מיט טרערן, און גוליאַקעס טרוקענע אויגן האָבן געברענט מיט פיבער. די פערשעראָנען, פינקלענדיק מיט די בראָנזענע פעלן און זיך שפּילנדיק מיט די מעכטיקע מוסקולן, האָבן שטאָלץ פאַרריסן די קעפּ און געצוקט מיט די אויערן.

סוף פון ערשטן בוך

פיאָדאָר גלאַדקאָוו

נייע ערד

יידיש: שלמה שיינבערג

יידישע אוניווערסאַל-ביבליאָטעק

וואַרשע 1934

Druk „W i r", Warszawa, Nowolipie 7.

צווייטער בוך

וואָכנטעג

דאָס לעבן איז געוואָרן פֿאַר מיר רייכער, אינטערעסאַנטער: איך האָב מיך שוין אַקטיוו באַטייליקט אין די גרויסע און קלענערע ענינים פֿון דער קאָמונע. אין משך פֿון דעם יאָר, וואָס איך האָב דאָ פֿאַרברענגט, האָב איך אויסשטודירט ביזן קלענסטן פּרט איר גאַנצן סדר, דעם גאַנצן סיסטעם פֿון די ווירטשאַפֿטלעכע און מענטשלעכע באַציִונגען, נאָר איך בין נאָך אַלץ געווען ביז אַצינד אַ באַאָבאַכטערין. איך האָב געאַרבעט לויט דער פּאַרטליניע מיט די קאָמסאָמאָלן, אַ ביסל אין קלוב, אין דער ביבליאָטעק און לייענזאַל, ביים ליקווידירן דעם אַנאַלפֿאַבעטיזם, אָבער מיין אָנטייל אין די ווירטשאַפֿטלעכע ענינים פֿון דער קאָמונע איז געווען אַ נישטיקער.

אויף דעם געביט האָט פּראָכאָר געאַרבעט מער פֿאַר מיר: ער איז נאָך ביז אַצינד פֿאַרבליבן די רעכטע האַנט פֿון וויעטראָוון און געשפּילט די ראָל פֿון אַ געבילדעטן עקספּערט. זומער אָבער האָט ער געאַרבעט אויף די פֿעלדער, ווי אַ געוויינטלעכער אַרבעטער. זיינע שילער האָבן אויסגעפֿירט די פּראַקטישע אַרבעטן אויף די מאַשינען, אין די וואַרשטאַטן און גערטנער. מיט זיי טאַקע האָט ער דעם פֿאַרגאַנגענעם פֿרילינג פֿאַרפֿלאַנצט אַ סאָד אויף אַ שטח פֿון צוויי העקטאַר, און איינגעאָרדנט אַ בינען־ווירטשאַפֿט פֿון פֿערציק בינשטאָקן. פֿון זיין שול האָט ער געמאַכט אַ מין ביִאָסטאַציע און אַגראָנאָמישן פּראַקטיקום. צווישן סאָד און די בנינים האָט מען איינגעאָרדנט אַ מעטעאָראָלאָגישע סטאַציע — אַ קליינע, אַ צווייטראַנגיקע: אַ געפֿלאָכטן ביידל מיט

טערמאָמעטערס און אַנדערע מכשירים צום אויסמעסטן, אַ באַראָ־מעטער אויף אַ סלופּ, אַ הויכן מאַסט מיט אַ וועטער־פֿענדל. די קינדער האָבן גערנווייליק, פֿלייסיק, מיט פֿריידיקער ערנסטקייט גע־פירט לויט אַ רייע די באַאָבאַכטונגען, פֿאַרשריבן און אַרויסגע־האָנגען זייערע טאַבעלעס אויף אַ שוואַרץ ברעט, וואָס זיי האָבן צוגעקלאַפּט צו אַ סלופּ פֿון שול־גאַניק. די קאָמונאַרן און קאָמונאַר־קעס פֿלעגן זיך פֿאַרזאַמלען אַרום דעם ברעט, און זייערע פּנימער זענען געווען נייגיריק פֿאַרזאָרגט און פֿאַרטראַכט.

— ער ווייזט אויף רעגן... וואָסער רעגן דאָרט... אויף שניי גאָר ווייזט ער... זעסט ווי ער דרייט זיך אָן... פֿאַרהאַקט אַ קאָפּ...

— דו האָסט אַליין אַ בלייערנעם קאָפּ. די צייט — ווייזט אויף שניי, און דער באַראָמעטער — אויף רעגן... אויף וואַסער...

— און וואָס ווייזט דער טערמאָמעטער ? וויפֿיל איז דאָרט ?... וועט זיך מאַכן אַ פֿראָסט אָן שניי — איז אַ סוף צו דער ווינטער־תבואה...

— אָבער דו פֿאַרשטיי : אויב דער באַראָמעטער ווייזט — אויף רעגן, דאַרף מען זיך, הייסט עס, ריכטן אויף שניי... דער טערמאָמעטער ווייזט — אויף נידעריקער פֿון נול... ס׳איז נישט שרעקלעך...

— גאַנץ גוט... דאָס איז גוט פֿאַר אונז...

— וואָס איז דאָס, מיידלעך, מיטן קאָאָפּעראַטיוו, וואָס ער האַלט אין איין אָפּשלעפּן ? עס איז שוין לאַנג צייט וואַרימע מלבושים אַרויסצוגעבן, און זיי קלויבן זיך נאָך אפילו נישט אין שטאָט אַריין...

אָפּט פֿלעגן צווישן די פֿאַרזאַמלטע זיך פֿלוצלינג אָנהייבן טענץ. די מיידלעך און יונגע פֿרויען מיט ערנסטע, מאָדנע פֿאַר־שטייפֿטע פּנימער, פֿלעגן אָנהייבן זינגען פֿאָלקס־לידער און זיך דרייען אין אַ רעדל איינע מיט דער אַנדערער. זיי האָבן דרייסט און שטרענג פֿונאַנדערגעשאַרט דעם עולם, געמאַכט אַ גרויס ראָד און צוגעטופּעט מיט די פֿיס וואָוילעריש און בראַוו.

מיין מאַמע — זי האָט מיך געבוירן,
אַזוי קליין ווי אַ הינעריש איי...

און דער עולם אַרום איז אויך שטיין געבליבן פאַרגליווערט, אין פאַרכישופטער זעלבסטפאַרגעסונג.

אָבער איינצייטיק זענען אין דער זייט געפירט געוואָרן געשפּרעכן און וויכוחים וועגן פאַרשידענע פראַגן פון ווירטשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן.

— ...תּבֿואה־זאַפּאַסן... צום פויער דאַרף מען וויסן ווי אַזוי צוצוגיין, אַנדערש וועט ער די תּבֿואה אין דער באָרד אַריין באַהאַלטן... און מיר, קאָמוניסטן, ווייסן בעסער פאַר אַנדערע, ווי אַזוי זיין באָרד פונאַנדערצוקעמען...

— ...מען וואָלט געדאַרפט אין פרילינג אָנהייבן אויסטרוקענען די זומפּן. דידאָזיקע זומפּן פאַרנעמען אַ הונדערט העקטאַר... אין אויסלאַנד טרוקנט מען זיי מיט מאַשינען... מען דאַרף זיך אַ נעם טון פעסט צום ראַט פון דער קאָמונע...

— ...מע שרייבט, אַז ס'איז דאָ אַזאַ אויפטועך, וואָס באַקומט זאַנגען צו פינף הונדערט קערנער. מען וואָלט אים געדאַרפט איינלאַדן צו אונז און פאַרגאַפן די פויערן... באַלד וואָלט דער גאַנצער קרייז איבערגעגאַנגען אין די קאָלווירטן...

— ...מע שמועסט וועגן מלחמה... פוילן, פראַנקרייך... די קאַפּיטאַליסטן... אַך, מען וואָלט געדאַרפט אַ ביסל צוזוואַרטן... זיך פאַרפעסטיקן... די קאָלעקטיוון אַנטוויקלען... אַ ביסל נענטער צום סאָציאַליזם... מיר וואָלטן דעמאָלט אומעטום פאַרשפּרייט די סאָוויעטן־מאַכט...

— ...אין דער קאָמונע — זענען אָנגעקומען דרייהונדערט מעלדונגען פון פויערן... מען וואָלט זיי געדאַרפט נישט אָננעמען אין דער קאָמונע, נאָר שאַפן אַ קאָלווירט...

די קינדער־היים און דעם קינדער־גאָרטן האָב איך אָנפאַרטרויט נאַטאַשען. אין משך פון דעם יאָר איז זי געוואָרן שטרענגער און פּעדאַנטישער פון מיר. די צימערן האָט זי געהאַלטן אין

ציכטיקער רייניקייט, די ניאַניעס האָט זי אויסמושטירט אַזוי, אַז זיי האָבן שוין אויס געוואוינהייט אַליין אויסגעפירט דעם גאַנצן טאָג־אָרדנונג. איין אַקסיוטאַ האָט נאָך פון צייט־צו־צייט אַ ביסל קאַפּריזעוועט.

אונזער דאָקטאָר

צוויי מאָל אין חודש קומט צו פאָרן אין דער קאָמונע אַריין דער דאָקטאָר פונם קרייז־שפּיטאָל — מיכאַל מיכאַליטש. דאָס איז אַ מענטש אַ דיקלעכער, אַ צערייצטער, אַן אָנגעברוגזטער, מיט קליינינקע, צעטראָגענע אייגעלעך. זיינע האָר — פון קאָפּ, פון דער באָרד, פון די וואָנסעס — זענען תמיד ביי אים אויפגעשטעלט, ווי זיי וואָלטן כסדר געשפּריצט מיט פייערדיקן צאָרן. ער שרייט אויף די קראַנקע, שטורכעט זיי, און זיי קומען אַרויס פון אים מיט דערשלאָגנקייט אין די אויגן. ווען ער באַטראַכט די קינדער, קרימט ער זיך מיט עקל און קנייפּט זיי. זיי האָבן מורא פאַר אים, אַזוי מורא, אַז פון זיין בלויזן באַווייזן זיך ברעכט אויס אַ געשריי און אַ טומל. אפילו די זייג־קינדער דערפילן אים שוין פון דער ווייטנס און הייבן אָן צו מאַכן שרעקלעכע קולות. די קאָמונאַרן ווייסן שוין: אויב אין אונזער קאָרפּוס הערן זיך קוויטשערייען און געוויינען, איז אַ סימן, אַז מיכאַל מיכאַליטש איז געקומען צו פאָרן און האָט אָנגעהויבן דורכצופירן די מעדיצינישע אונטערזוכונג פון די קינדער אין דער קאָמונע.

איינמאָל איז ער אַריינגעקומען צו אונז אַן אָנגעכמורעטער, מיט בלוט־פאַרגאָסענע אייגעלעך. די וואָנסעס און באָרד האָבן פאַרשפּרייט אַרום זיך אַ פייכטן און אומריינעם גיפטיקן ריח. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער ליידט פון שיכּרות. אגב, ער האָט מיר שטענדיק אויסגעזען פאַרסמט פון אַלקאָהאָל און איז אַזוי ווי בכיוון געקומען צו אונז אין די טעג, ווען דאָס שיכּרות האָט אַריינגעבראַכט אַ צערודערונג אין זיין בלוט און איבערגעקערט

זיין נשמה. ער האָט געברומט אונטער דער נאָז עפּעס אומפאַרשטענד־לעכע ווערטער, און זיי זענען, ווי גאַוואַר, אַראָפּגערונען איבער זיין באָרד. ער האָט זיך אויסגעטון אין פאָדערצימער און זיך גע־לאָזט גיין גלייך אין צימער אַריין פון דער קינדער־היים, נישט האָבנדיק אָפּגעוואַשן די הענט, אָן אַ דיזינפעקציע־כאַלאַט. איך בין שרעקלעך בייז געוואָרן און אים פאַרשטעלט דעם וועג אויף דער שוועל.

— מיכאַל מיכאַליטש, איך וועל אייך נישט אַריינלאָזן צו די קינדער אין אַזאַ שטאַנד: זייט אַזוי גוט, וואַשט אייך אָפּ די הענט און טוט אָן דעם כאַלאַט. איר — זענט אַ דאָקטאָר, און דאַרפט אונז ווייזן אַ ביישפּיל פון ריינקייט און אָרדנונג.

ער האָט שווייגנדיק מיך אָפּגערוקט מיט דער האַנט און זיינע שיכורע אויגן האָבן מיט אַ בליק פון פאַראַכטונג מיין אַקסל דורכגעבויערט.

— איר הערט, דאָקטאָר? איר — זענט אומריין און שמוציק. איך וועל אייך נישט צולאָזן צו די קינדער.

נאַטאַשאַ האָט רויִק און שטאַרק אים אָנגענומען ביים אַרבל פון סורדוט און מיט אומגעוויינטלעכער געשיקטקייט און קראַפט אים געגעבן אַ דריי אויס צו דער טיר.

— ביטע, דאָקטאָר, אין וואַש־צימער אַריין. און די הויזן פאַרקנעפּלט — איר קאָנט נאָך עפּעס פאַרלירן...

ער איז אַריין אין גרימצאָרן, און זיינע שיטערע באַקן האָבן גענומען ציטערן פון כעס.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ חוצפה?... איר! מיידן!... זייט צופרידן, וואָס איך שלעפּ מיך דאָ אַהער צו אייך אויף אַ פאַרשי־ווע וואָגן צוויי מאָל אין חודש. ווען איך זאָל אפילו זיין דאָס ערגסטע חזיר, וואָלט איר מיך אויך געדאַרפט אויפנעמען מיט דאַנקבאַרקייט. און איך זע נישט פון אייער זייט קיין שום אָנערקענונג.

און נאַטאַשאַ האָט אים געקוקט אין די אויגן אַריין רויִק, מיט נאַאיווער אויפמערקזאַמקייט.

— אָבער אַזוי ווי איר זענט, דאָקטאָר, זענט איר אונז אויך טייערער ווי געלט. אפשר אייך אין קאָפּ אַ זוך טון? איר זענט דאָך אינגאַנצן, נעבעך, פּאַראַלייזיקט געוואָרן.

— וואָס? וואָס אַזוינס? צום טייוול וועל איך עס שיקן! קיין שום שוטה וועט צו אייך מער נישט פאָרן. דאָס בין איך נאָר אַזאַ טפש, אַן אידיאָט, וואָס שלעפּ מיך צו אייך אין די בלאָטעס. איך וויל נישט מער האָבן צו טון מיט אַזאַ ערב-רב... קאָמוּנאַרן!... אַ סטאַדע שעפּסן... און דאָס ברענגט נאָך נייע ממזרים אויף דער וועלט...

קעגן מיין ווילן האָב איך אַ גלעט-געטון זיין אַקסל און גענומען ליבלעך שמייכלען צו אים:

— מיכאַל מיכאַליטש, טייערינקער, באַרויִקט אייך. איר — זענט דאָך אַ דאָקטאָר, אַ קולטורעלער מענטש. איך וויל נישט, איר זאָלט אייך דערנאָך דאַרפן שעמען פאַר אייער היציקייט.

ער איז פלוצלינג ווייך געוואָרן און אפילו אַזוי ווי אַ כליפּע-געטון, דערנאָך מיט אַ מאַך פון דער האַנט זיך געלאָזט גיין אין קאָרידאָר אַריין.

— גייט מיר נאָר... חברטע פּעד-דאָלאָגין!... רויטע דערציערין פון דער רויט-טער גזע.

נאַטאַשאַ האָט אַ בליק-געטון אויף מיר און שפּעטער נאָכגעקוקט דעם דאָקטאָר מיט אומשולדיקע און קינדיש-תמימותדיקע אויגן, אָבער איר שמייכל האָט אויסגעדריקט שאַרפן עקל. איך בין נאָכגעגאַנגען דעם דאָקטאָר און נישט געקאָנט דערשטיקן אין זיך דאָס געפיל פון שנאה צו אים. דידאָזיקע שנאה האָט געקאָכט אין מיר, ווי עפּעס אַ פיזיאָלאָגישע נויטווענדיקייט, וואָס איז נישט אָפּהענגיק פון מיין ווילן. דערדאָזיקער מענטש איז געווען אַ פרעמדער, פון אַן אַנדערער וועלט, און צווישן מיר, צווישן אונז אַלע און אים איז דורכגעצויגן אַ דראָט-פאַרצוימונג.

— נ-נו, חברטע רויט-טע פּעד-דאָלאָגין! דערלאַנגט מיר זייף... וואַסער!... זייט אייך מטריח און גיסט מיר אַרויף אויף

די הענט... גרייט צו דעם כאַאָס... פֿאַרנעמט זיך מיט מיר... איר האָט נאָך נישט באַוויזן צוצוגרייטן קיין אייגענע דאָקטוירים... און איר וועט נישט אוגרייטן... איר וועט אויספגרן און — נישט צוגרייטן... איר האָט פֿאַרניכטעט די גאַנצע קולטור... איר האָט צעטרעטן אַלע מענטשן פֿון דער וויסנשאַפֿט... געקרייציקט די גאַנצע אינטעליגענץ... איך וועל נישט דערלויבן חוזק צו מאַכן פֿון מיר... פֿאַ'שטאַנען?... איך בין אויך געקרייציקט... איך — בין אַ געפֿאַנגענער... איך שטאַרב פֿון הונגער, פֿון יאוש, פֿון איינזאַמקייט... און מיין לעבן איז פֿאַרלוירן...

ער האָט אַ כליפּע-געטון און זיך גענומען שטיקן מיט די טרערן. וואַשנדיק זיך, שפּריצנדיק מיט וואַסער אין אַלע זייטן, האָט ער אינגאַנצן געציטערט און זיך געוואַקלט.

— נאָך וואָס לעבן מיר נאָך, רוסישע אינטעליגענץ, אין די־דאָזיקע יאָרן?... נאָך וואָס שלעפּן מיר זיך נאָך אַרויף אויף אָט דער ליידנפֿולער גאָלגאָטע אונטער דער לאַסט פֿון אונזער גרויסן צלם?... וואָס פֿאַר אַ קללה פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט הענגט איבער אונז?...

— מיכאַל מיכאַליטש, באַרויִקט אייך. איר זענט אונז טייער. מיר האָבן אייך זייער ליב און שעצן אייך. פֿאַרוואָס זענט איר אַזוי אומגערעכטיק קעגן אונז?

— און איר... איר זענט צו מיר גערעכטיק?... צוואָס זאָלן מיר רעדן וועגן גערעכטיקייט, ווען אין אייערע הענט געפֿינט זיך — אַ מעסער, אַ שטעקן און אַ שטריק?

— ניין, מיכאַל מיכאַליטש. איר זענט קעגן אונז נישט גע־רעכטיק, גלייבט דאָס מיר. אונזער קאָמונע — דאָס איז אַ היים פֿון קולטור און נייע ברידערלעכע באַציִונגען. ווילט דאָס פֿאַר־שטיין, און איר וועט דערזען, אַז איר זענט פֿאַר אונז — דער נאָענטסטער פֿריינט. באַרויִקט אייך, מיכאַל מיכאַליטש.

איך האָב אים ווידער אַ גלעט-געטון איבערן אַקסל און איבער די האָר, כאָטש דאָס איז מיר געווען איבער עפּעס זייער

דערווידער. איך האָב אים אָפּגענאַרט — בכיוון אָפּגענאַרט, נייטנ־דיק זיך עס צו טון: איך האָב אים געהאַסט. און ער איז ביס־לעכווייז ווייך געוואָרן, זיך באַרויִקט פון מיין צערטלעכקייט און זיך שוין אָנגעכאַפּט אָן מיר, ווי אַ באַליידיקטער, שוואַכער, מי־דער מענטש. ווען ער האָט זיך אָפּגעווישט די הענט און אָנגעטאָן דעם כאַלאַט, האָט ער מיך אומגעריכט צוגעצויגן צו זיך און מיר אַ קוש־געטון אין שטערן.

— ליב מיידל!... איך דאַנק דיר... איך דאַנק דיר פאַר דער צערטלעכקייט... איך — בין אַ מענטש, אַ פּאַרוואונדעטער פון לעבן... איך נייטיק מיך זייער אין אַ פּשוט האַרציק וואָרט... אין אַ קליין וואָרט, ווי פון אַ פייגעלע... ניין, ניין, די מענטשהייט וועט נישט אונטערגיין... די אינטעליגענץ וועט נישט אָפּ־שטאַרבן... הלוואי, הלוואי!

אין צימער פון דער קינדער־היים האָט ער זיך ווידער באַגעגנט מיט נאַטאַשען און ווידער אויפגעקאָכט געוואָרן פון צאָרן.

— קוקן קאָן איך נישט אויף דערדאָזיקער גאָרגאָנע... באַפרייט מיך פון איר... זי וועט מיר אַ ביס טון.

איך האָב אַ וואונק־געטון צו נאַטאַשען, און זי איז שמייכלענדיק אַוועקגעגאַנגען אין קינדער־גאָרטן אַריין.

דער דאָקטאָר איז דעם טאָג געווען דאָס ערשטע מאָל אויפ־מערקזאַם, מילד און שטיל אין דער באַציִונג צו די קינדער און דערוואַקסענע קראַנקע.

אונזער אַקטיוו

אַלס צייטווייליקער סעקרעטאַר פון דער קאָמונע, האָב איך מיך באַטייליקט אין אַלע זיצונגען און צוזאַמען מיט וויעטראָוון באַהאַנדלט די פאַרשידענע אָנקלאַגעס פון די קאָמונאַרן: איך האָב מיך מתווכח געווען וועגן דער נאָרמע פון פאַרדינסט, באַשטימונג

אויף אַרבעט, איר נאָרמע, אַרומגערעדט די אַרבעטס־פּלענער און אַרויסגעזאָגט מיין מיינונג וועגן דער פונאַנדערטיילונג פון די כוחות אויף פאַרשידענע געביטן פון דער ווירטשאַפט. און ענינים איז געווען זייער אַ סך. זיי האָבן געפאָדערט אַ סך אָנשטרענגונג, געניטשאַפט, פּראַקטיק און באַקאַנטשאַפט מיטן לעבן פון דער קאָמונע. אַהיימקומען פלעג איך אַ מידע, אָבער מונטערע און גליקלעכע.

קיינמאָל איז מיין לעבן נישט געווען אַזוי אַלזייטיק און רייך. דאָך אויסערלעך האָט דאָסדאָזיקע לעבן זיך געצויגן מאָנאָטאָן און די טעג זענען ענלעך געווען איינער אויפן צווייטן ווי די בלעטער פון אַ גרויס בוך.

יעדער קינפטיקער טאָג האָט זיך אָנגעהויבן פון פריערדיקן אָוונט. אין צימערל פון ראַט, וואָס איז ענלעך געווען צו אַ געוויינטלעכער קליינער קאַנצעלאַריע, מיט שענק און דאָקומענטן, מיט פּלאַקאַטן און סכעמעס אויף די ווענט, פלעגן זיך פאַרזאַמלען נאָכן נאַכט־עסן די אָנפירער פון די פאַרשידענע סעקציעס פון דער ווירטשאַפט און די בריגאַדירן, כדי צונויפצושטעלן דעם אַרבעטס־פּלאַן אויפן מאָרגנדיקן טאָג, און די זיצונג אונטער וויעטראָווס פאָרזיץ פלעגט זיך ציען אַ דריי שעה. כדי אויסצוהערן די באַריכטן פון די בריגאַדירן און אָנצייכענען די אַרבעט אויף מאָרגן, איז נייטיק געווען נישט מער ווי אַ שעה. נאָר די מענטשן האָבן געפירט וויכוחים, געשריגן צוליב נאַרישקייטן, זיך אויפגערעגט, זיך באַשולדיקט איינער דעם אַנדערן אין נאַכלעסיקייט, אַנאַליזירט ביז אין די קלענסטע פּרטים יעדן אַרבעטער און אַרבעטערין, אָפּגעשאַצט זייערע כאַראַקטערן, אויפפירונגען, געוואוינהייטן. און אין משך פון אַ קורצער צייט האָב איך דערקענט יעדן קאָמונאַר מיט אַלע זיינע חסרונות, אופן פון רעדן און פעיִקייטן. איך האָב שנעל דערוואָרבן די טעכניק פון איינטיילן די אַרבעט צווישן די מיטגלידער פון דער קאָמונע און האָב געקאָנט אַליין קריטיש אָפּשאַצן די פאַרשידענע פאָרשלאָגן און דעם אופן פון אויספירן די אַרבעט.

נאָך דער זיצונג זענען די בריגאַדירן געגאַנגען איבער די וואוינונגען און מיטגעטיילט די קאָמונאַרן וועגן די אויפגאַבן פון מאָרגנדיקן טאָג. איטלעכער האָט באַלד בײַנאַכט שוין זייער פּינקט־לעך געוואוסט, וואָס ער האָט צו טון, ווי גרויס עס איז די אַר־בעט, וואָס ער דאַרף אויספירן, און איז פאַראַנטוואָרטלעך געוועזן פאַר איר אויספירונג פאַרן בריגאַדיר, דער בריגאַדיר ווידער — פאַרן אָנפירער פון דער סעקציע, און זיי ביידע צוזאַמען — פאַרן פאָרזיצער פון דער קאָמונע.

אַלס בריגאַדירן זענען באַשטימט געוואָרן אַלטע קאָמונאַרן און קאָמונאַרקעס, וואָס זענען שוין געווען אַרײַנגעוואַקסן אין דער קאָמונע און זי געהאַלטן פאַר זייער ווערק. דאָס זענען געווען מענטשן שטאַרקע, אויסגעפרווטע, דיסציפּלינירטע. אויף דידאָזי־קע זיצונגען האָבן זיי גערעדט וועגן דיסציפּלין מיט אַ באַזונדע־רער הנאה, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זענען אָפּט שוין צו־פיל מדקדק אויף קלייניקייטן און זענען צופיל פּאַדערנדיק, אַז זייער שטרענגקייט פאַרוואַנדלט זיך אין אַ גייסטלאָזן פאָרמאַליזם. נאָר דאָס האָט זיך בלויז אַזוי געדאַכט: זייערע פּנימער זענען געווען געקאַרבטע, פאַרהאַרטעוועטע פון פעלד־אַרבעט, שטרענגע, די שטימען — הייזעריקלעכע פון די ווינטן, דומפּיקע, נאָר די אויגן, זייער לעבעדיקע און אויסדריקלעכע, שאַרפע און דורכדרינגלעכע, האָבן, ווי בײַ געזונטע חיות, געפינקלט מיט דורכזיכטיקע טראָפּנס פון גיריקער לעבנס־דורשטיקייט. און ס׳איז געווען מאָדנע, וואָס זיי אַלע האָבן זייער ליב געהאַט צו טרייבן לצנות — נישט כדי עמעצן צו באַליידיקן, נאָר סתם אַזוי אַ ביסל זיך אָנצולאַכן פון דעם איינפאַכסטן וויץ, וואָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן אויף אַ נאַאיוון אופן. און מיט דידאָזיקע וויצן האָבן ממש געשפּראָדלט אַלע געשפּרעכן וועגן זייערע עסקים. אָפּט פלעגט זיך דאַכטן, אַז אָט־אָט וועט אויסברעכן אַ מחלוקה: זיי הייבן אָן זיך צו טשעפּען איינער צום אַנדערן און אויף אַ בזיונדיקן אופן צו דערנידעריקן אַ חבר. און פּלוצלינג, אינמיטן פון אָט דעם צעפלאַקערטן וואָרט־קאַמף, האָט עמעצער אַרײַנגעוואָרפן אַ שטאַרקע רעפּליק, פון

וועלכער די אויגן זענען אויפֿן שטערן אַרויסגעקראָכן. אַלע קייק־לען זיך פֿון געלעכטער, — עס כיכעט סיי דער באַליידיקער, סיי דער, וואָס איז באַליידיקט געוואָרן. דאָס פּלעגן זיין גראָבע וויצן, נאָר עס האָט זיך איבער עפּעס נישט געפילט אין זיי קיין שמוץ, און אויך איך האָב געלאַכט מיט זיי ביז טרערן. איין וויעטראָוו האָט זיך נישט געלאָזט אַרויספירן פֿון גלייכגעוויכט און אָפּרייסן פֿון זיינע געדאַנקען, אָבער אויך אין זיינע אויגן האָבן געפינקלט טראָפּנדלעך פֿון געלעכטער. באַנקין איז געווען גלייכגילטיק און בלינד. פֿאַרוואָס האָבן זיינע אויגן קיינמאָל נישט אויסגעדריקט זיין אמתן געמיטס־צושטאַנד ?

טשושקינען פֿלעג איך פֿריער זעלטן זעען: ער האָט זיך שטענדיק געפֿונען ביי דער אַרבעט. ער איז געווען דער פֿאָרזי־צער פֿון אַרבעטס־ראָט. אַצינד פֿלעג איך מיך טרעפֿן מיט אים עטלעכע מאָל אין טאָג. דאָס איז געווען אַ בערדיקער פּויער, מיט אַ שראַם איבערן פּנים, וואָס האָט פֿאַרכאַפּט דאָס אויג און די גאַנצע לענג פֿון דער באַק. דאָס אויג איז געווען קאַליע: עס האָט אַרויסגערופֿן אַן אומהיימלעך געפיל צוליב דער מוטנער אומבאַוועגלעכקייט. דעמדאָזיקן שראַם האָט ער באַקומען אין די צייטן פֿון פּאַרטיזאַנישן קאַמף, אין אַ געפעכט מיט קאָזאַקן. ער טאַדלט באַזונדער ליידנשאַפֿטלעך יעדן איינעם, וואָס דערלויבט זיך דעם מינדסטן אופֿן פֿון דיסציפּלין־ברוך, און די סיבה פֿון אַלע חסרונות אין דער אַרבעט, נישט פּינקטלעכער אויספירונג און אומאָרדנונג זעט ער בלויז אין דעם נישט אונטערוואַרפֿן זיך דער דיסציפּלין. פֿאַר אים איז דיסציפּלין — אַלץ: ער איז באַהערשט נישט צום באַפֿרייען זיך פֿון דער אידעע וועגן דיסציפּלין. אים האָט מען אפילו געגעבן אַ צונאָמען: „די גייענדיקע דיסציפּלין”. וועגן וואָס ער זאָל נישט רעדן — וועגן דערווירטשאַפֿט, וועגן קולטור־אַרבעט, וועגן דעם לעבן אין דער קאָמונע, וועגן וועטער, וועגן פּאָליטישע געשעענישן, — מוז ער אַלץ אַרויסקומען אויף דיסציפּלין. פֿאַר אים איז דער גורל פֿון אונזער מלוכה, דער גורל פֿון דער קאָמונע, די קינדער־דערציִונג, די אויסזיכטן אויף געראַטע־

ניש — אַלץ איז אָפּהענגיק פון דער דיסציפּלין. ער האָט קיינ־מאָל נישט דורכגעלאָזט די געלעגנהייט צו ברענגען אַלס ביישפּיל די דיסציפּלין פון די פּאַרטיזאַנער און דער רויטער אַרמיי.

— מיר, טייוולאָנים פּאַרשאָלטענע (זיין קול האָט געקלונגען, ווי פון אַ הויל פּאַס אַרויס). — זענען דאָך נאָך פויערן אין לאַפּטשעס... אַ בערישע קאָמאַנדע... ווען וועט איר שוין, פריינט מיינע, ווערן אייזערנע פּראָלעטאַריער... אין געשלאָסענע רייען?

מיר איז עטלעכע מאָל אויסגעקומען צו רעדן מיט אים אינטים, און איך האָב מיט פאַרוואונדערונג אַנטדעקט אין אים אַ מענטש מיט זייער אַ צאַרטער און טרוימערישער נשמה. דער שמייכל איז קיינמאָל נישט אַראָפּ פון זיין פּנים, און דער שראַם זיינער האָט מאַרטירעריש געציטערט און געוועקט מיטגעפיל צו אים. ער האָט זייער ליב געהאַט צו רעדן וועגן די ביכער, וואָס ער האָט איבערגעלייענט, און געפעלן זענען אים ביכער וועגן מלחמה, וועגן רעוואָלוציע, וועגן דערפינדונגען פון וויסנשאַפט און טעכניק. דערדאָזיקער פּראַקטישער באַלעבאָס און שטרענגער פּאָרזיצער פון אַרבעטס־ראַט פלעגט זיך אָפט ווענדן צו מיר מיט אומגעריכטע פראַגן וועגן דער צוקונפט:

— זאָג מיר, האַליאַ איוואַנאָוונאַ, אַזוי מיטן גאַנצן האַרץ: אָט געפינט זיך אויף דער וועלט אונטער דעם אימפּעריאַליסטישן יאָך אַ פאָלק — די נעגערס. וועלן זיי ווערן אַמאָל ווייסע?

— איך מיין, אַז ניין, חבר טשושקין: דאָס איז דאָך נאַ־טירלעכע סעגמענטאַציע, די אייגנשאַפט פון אַ ראַסע.

— גיי שוין! וואָסער סעגמענטאַציע... וואָסער ראַסע... לויטן מאַרקסיזם, האַליאַ איוואַנאָוונאַ, — שטאַמט דאָס פון דער קאַפּיטאַליסטישער אונטערדריקונג. אין דער צייט פון קאָמוניזם וועט נישט זיין קיין שום אונטערשיד — אַלע וועלן זיין פון איין קאָליר: איין קאָלעקטיווער מענטש... קיין דיסציפּלין האָבן זיי נישט, די טייוולאָנים, אַנדערש וואָלטן זיי זיך שוין לאַנג באַפרייט פון קנעכטשאַפט... איך, זעסטו, טראַכט: צי מיר וואָלטן נישט געדאַרפט אַהערברענגען אַ צוויי־דריי מענטשן פון אָט די נע־

גערס... אויף אַ פּרווו... מיר בויען דאָך דאָ דעם קאָמוניזם, האַ ?...
מיר פאַרלייגן דאָך די פונדאַמענטן... מיר וואָלטן זיכער פון זיי
אַראָפּגעריסן דידאַקטיזיקע קנעכטישע שוואַרצקייט. אָך, וואָלט איך
געוואָלט דערלעבן יענע צייטן... ס׳גלוסט זיך שרעקלעך נישט
צו שטאַרבן !... אַ הערלעכע צייט וועט דאָס מסתמא זיין !... עס
וואָלט אַזוי אינטערעסאַנט געווען צו דערלעבן... האַ ?...

דער פאַרוואַלטער פון די מעכאַנישע וואַרשטאַטן, דער סאָר־מאָוועור אַרבעטער ראָגאַטקין, אַ שווייגנדיק, קליין מענטשל, שטענדיק מיטן ליולקעלע אין ווינקל פון מויל, מיט באַהאַלטענע גלייכגילטיקע אויגן אונטער די ברעמען, האָט תמיד געקוקט אַ פאַרטראַכטער אויפן דיל, אָדער אין די פאַפּירן אויפן טיש און נישט גענומען קיין שום אָנטייל אין די דיסקוסיעס. בלויז דעמאָלט, ווען מען האָט אים געשטעלט אַ פראַגע, אָדער געבעטן אַרויסצוזאָגן זיין מיינונג, האָט ער שטיל און נאַכלעסיק געענטפערט מיטן ליולקעלע צווישן די ציין :

— מיין שטאַנדפונקט און שטעלונג זענען אַזעלכע : מען דאַרף דעם ענין אַנטשיידן לויט דער קלאַסן־ליניע. איין כלל : צי אַנטשפּרעכט אונזער אַרבעט די פאָדערונגען פון דער פּאַרטיי און דער מלוכה ? קאָנקרעט דאַרף מען אין דער באַטרעפנדיקער פראַגע האַנדלען אַזוי און אַזוי...

לושאַ — איז די פאַרוואַלטערין פון דער קיך און פון קאָלעקטיוון עסצימער. אויף די זיצונגען איז זי גאָרנישט צו דערקענען : זי איז טרוקן, קאַרג אויף רייד, די באַריכטן גיט זי אָפּשטרענג, מיט אַ געפיל פון גרויס פאַראַנטוואָרטלעכקייט, און פאַרענדיקט תמיד מיט דער זעלבער פראַזע :

— אונז, חברים, איז שווער צו אַרבעטן : די פרויען — זענען אַן עלעמענט אַן אָפּגעשטאַנענער, אַן אומבאַוואוסטזיניקער. מיט בלויזער דיסציפּלין קאָן מען דאָ ווייניק אויפטון : מען דאַרף, חברים, איין זאַך — מען דאַרף איבער די פרויען אַרבעטן, לערנען זיי, דערציען... ביי אונז אָבער איז די קולטאַרבעט נאָך היינ־

טערשטעליק... עס קומען נאָך אין דאָרף אַריין פּאָפּן... קרובים... כּישופמאַכערס...

לעבן איר פלעגט זיך תּמיד אַוועקזעצן גרישאַניאַ, דער פונאַנ־דערטיילער פון דער אַרבעט: האַרבסט און ווינטער — ביים לאָדע־נען, און פרילינג און זומער — ביי די טראַקטאָרן, אונזער שטענדי־קער קלוב־קאָנפעראַנסיע. ער — איז אַליין אַ טראַקטאָר־פירער און געוועזענער לאָדענער. אין דער קאָמונע אַריין איז ער געקומען פון ערגעץ ווייט, פון דער שטאָט: ער האָט געהערט וועגן אונזער קאָ־לעקטיוו, באַגייסטערט געוואָרן, פאַרלאָזט די אַרבעט, אַריינגעטרעטן אויף אַ קורץ־טערמיניקן קורס פאַר טראַקטאָרן־פירער, און נאָכן פאַרענדיקן גלייך אַוועק צו אונז. ער איז נעקומען צו וויעט־ראָוון און אַזוי ווי אָפּגעגעבן אַ ראַפּאָרט:

— איך וויל, חבר, אַריינטרעטן צו אייך אין דער קאָמונע. איך בין ספּעציעל פאַר אייך געוואָרן אַ טראַקטאָר־פירער. איר קאָנט מיך באַנוצן צוואָס איר ווילט, נאָר איך בין — אַ מענטש אַ ברידערלעכער: איך האָב ליב צו נעמען פון לעבן נישט די שוים און דעם בראָק, נאָר אויסשעפּן עס ביזן גרונט. איך וויל אייביקייטיק לעבן אין אַ קאָמוניסטישער געזעלשאַפט.

אין משך פון אַ קורצער צייט האָט ער זיך אַרויסגעוויזן אַלס מייסטער אויף אַלע געביטן: אַלס אינסטרוקטאָר ביי די טראַקטאָרן, נוצלעכער טוער אין קלוב, פלינקער און זייער פריי־לעכער ליקווידאַטאָר פון אַנאַלפאַבעטיזם, מוזיקאַנט (ער האָט אָרגאַ־ניזירט אַ דראַמקרייז און אַן אָרקעסטער), געשיקטער לאָדענער און אָרגאַניזאַטאָר פון הויז פאַר דער יוגנט.

אַ חברהמאַן איז דאָס געווען אַ געזונטער, אַ לעבנסלוסטי־קער. איך האָב נאָר בשום אופן נישט געקאָנט זיך צוגעוואוינען צו זיין קליינעם קאָפּ אויף די ברייטע אַקסלען. אין קיין שום מחלוקת האָט ער זיך נישט באַטייליקט, און צו יעדן מענטש זיך באַצויגן מיט וואַכזאַמען אינטערעס, ווי ער וואָלט יעדע שעה און יעדן טאָג באַמערקט אין די מענטשן עפּעס נייעס און אָריגינעלס.

אויף די זיצונגען איז ער מערסטנטייל אַרויסגעטרעטן מיט פּראָ-יעקטן — נייע, דערפינדערישע, אינטערעסאַנטע.

ער פלעגט עפּעס זייער גערן אַרויסטרעטן באַלד נאָך לושען און זיך באַציִיגן צו איר מיט חשיבות, באַזונדערער העפלעכקייט, זי אָנגערופן ביים נאָמען און פאַמיליע-נאָמען, און געקוקט אויף איר אומאויפהערלעך מיט אַנטציקונג. און פון איר פּנים האָב איך דערקענט, אַז זי פילט אים תמיד לעבן זיך, אַז דאָס פאַרשאַפט איר הנאה און ברענגט זי אַריין אין פאַרלעגנהייט. ער פלעגט זיך זעצן לעבן איר און זיך באַגייסטערן מיט אירע רייד. און זי פלעגט זיך אָפּרוקן פון אים און זיך גלייך מאַכן דאָס קלייד. איין אַרויס-טריט אַזעלכער האָט אונז אַלע אויפגערודערט. ווי געוויינטלעך, האָט ער גענומען דאָס וואָרט גלייך נאָך לושען, און — ווי גע-וויינטלעך — אומגעדולדיק זיך געריסן אַרויסצוזאָגן עפּעס נייע געדאַנקען, וואָס זענען נאָר-וואָס צייטיק געוואָרן ביי אים.

— לוקעריאַ ניקאָלאַוונאַ האָט זייער ריכטיק באַוויליקט צו באַמערקן וועגן אונזערע חברטעס — די פרויען. אין די שריפטן פון די פּאָפּן ווערט געזאָגט: „די פרוי — איז דאָס געווער פון שטן, דער קוואַל פון זינד", און אַ פאָלקס-ווערטל עצהט אַזוי: „קוש דאָס ווייב אין קעפּל, און טרייסל זי, ווי אַ בוים מיט עפּל". נו, האָט מען זי געטרייסלט מיטן גאַנצן כוח — און אַזוי צע-טרייסלט, אַז פון מענטש איז אפילו קיין עפּעלע נישט געבליבן, נאָר עפּעס... אַ קישקע אויף קינדער צו האָבן... לוקעריאַ ניקאָ-לאַוונאַ האָט אַרויסגעזאָגט אַ טרויעריקן אמת: מען קאָן נישט מיט בלויזער דיסציפּלין דערהייבן די פרוי צו אַ געהעריקער מדרגה. די פרוי וואָלט אייך שוין איינמאָל געקאָנט דערציילן, וואָס עס איז אַזוינס אָט די דיסציפּלין: איך משך פון הונ-דערטער יאָרן איז דידאַזיקע דיסציפּלין געווען פאַר איר גורל אַ האַרטע דראַט, איבער וועלכער זי איז געניִיט געוואָרן צו גיין אונטער דער בייטש פון אונזער ברודער — דעם מאַן. איך לייג פאַר טשושקינען אויסצושיסן דידאָזיקע דיסציפּלין זיינע אין עמעצן

אַנדערש, און די פרויען ראַט איך זיך צו באַוואָפּענען ביז צו די ציין...

— אָהאָ, מלחמה !... דאָס הייסט — אויסגעשאָסן...

— אוודאי. אָט וואָס איך לייג פאָר : די פרויען דאַרפן אָרגאַניזירן אייגענע בריגאַדעס פאַר אַרבעט אין דאָרף — צווישן די פרויען טאַקע, און דידאָזיקע פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען דאַרף מען אַרויסשיקן קעגן די פּאָפּן און קולאַקעס, קעגן די מענער, קעגן אַלע שוטים און טייוולאָנים. דאָס, חברים, וועט זיין אַ מלחמה, וואָס מ'האָט נאָך אַזעלכע נישט געזען. מען דאַרף זיי אַרויסגעבן אַ באַפעל — אויפצובונטעווען די ווייבער : אַפּערטרייבן זיי פון הינטערן אויוון, צורעדן אַריינצוטרעטן אין דער קאָמונע, גרינדן שולן פאַר דער ליקווידאַציע פון אַנאַלפאַבעטיזם, פאַר לער־נען צושניידן און נייען, אָרגאַניזירן קינדער־היימען.

— נו, נו... זיי וועלן, ברודער, אַ לאָז־טון אין גאַנג די פּאַטעלניעס מיט די לאָפּעטעס... אַז מען וועט נישט באַווייזן עוקר צו זיין...

— עס איז נישט אַזוי שרעקלעך. מען דאַרף עס נאָר קלוג איינאָרדענען. ווי איז אייער מיינונג וועגן דעם, לוקעריאַ ני־קאָלאַעוונאַ ?

לושאַ האָט נאָך אַ ווײַלע טראַכטן שטרענג געענטפערט :

— דער פּראָיעקט איז אפילו זייער אַ ריכטיקער... אָבער אונזערע ווייבער קאָנען שוין צו־שטאַרק די קעפ פאַרלירן... אומ־דערהערט וועט דאָס זיין פאַר זיי... ווילד און אויסטערליש... לכתחילה וועלן זיי ווי די שעפסן אין אַ ווינקל זיך צונויפשטופן... שרעקעוודיק... און דערנאָך — ווער ווייסט, וואָס עס קאָן אין דאָרף געשען... זיי וועלן זיך צעדורסן...

— אַך, חברים ! שטעלט אייך נאָר פאָר : אַ ווייבערישער צוג קעגן דעם ווייבערישן עלעמענט — ווי שיין דאָס וועט זיין ! די מעכאַניק האָט אויך ליב אויפברויז. די פרוי פאַרגעטערט פּאָעזיע. צו דער פרוי דאַרף מען גיין מיט מוזיק... האַליאַ איוואַ־

נאָוונאַ וועט אָן ספק זיין אויף אונזער פּראָנט, און דער חבר יויעטראָוו וועט בלויז גינסטיק צושמייכלען... גיט אַ שמייכל, חבר וויעטראָוו...

וויעטראָוו האָט טאַקע אַ שמייכל געטון, און די פּאַרזאַמלונג האָט אויסגעהערט גרישאַניען, ווי אַ קאָנפעראַנסיע, און פרייּ לעך געלאַכט. איך בין הייס אַרויסגעטרעטן פאַר גרישאַניעס פּאָרשלאַג — זיך אויפגערעגט, אָנגעצונדן. מען האָט מיך אויסגעהערט געשפּאַנט און אָנגעשטרענגט. צופעליק איז מיין בליק געפאַלן אויף וויעטראָוון: ער האָט געקוקט אויף מיר שאַרף, אינגאַנצן קאָנצענטרירט אויף מיין פּנים, און אין זיינע אויגן האָב איך באַמערקט אַ פייערל, וואָס האָט מיך געשראָקן. אפּנים, איך האָב אין דעם מאָמענט אויסגעזען נישט ווי די געוויינטלעכע, וואָכעדיקע אָנפירערין פון דער קינדער-דערציִונג, נאָר ווי עפּעס אַן אַנדערע, נייגעבוירענע, אומגעוויינטלעכע (אגב, איך האָב דאָס אַליין אויך געפילט), ווייל נאָך מיין רעדן האָבן אַלע לאַנג געקוקט אויף מיר מיט בלישטשענדיקע אויגן. גרישאַניאַ האָט מיר געדריקט די האַנט, און לושאַ האָט זיך אַ רייב-געטון מיט איר באַק אָן מיין אַקסל.

— נו, און ווי איז דיין מיינונג וועגן דער זאַך, חבר ראָגאַטקין?

דאָס ליולקעלע צווישן ראָגאַטקינס ליפּן האָט אַ ציטער-געטון, נאָר זיינע אויגן זענען געבליבן גלייכגילטיק פּאַרטראַכטע. ער האָט אַרויסגענומען דאָס ליולקעלע און שטיל, אויטאָריטאַטיוו, געענטפערט:

— פון קלאַסן-שטאַנדפּונקט און לויט דער פּאַרטיי-פּאָליטיק אין דאָרף... און בלויז דאָס דאַרפן מיר טאַקע אין זינען האָבן... איז גרישאַניעס פּאָרשלאַג ריכטיק אונטערגעשטיצט געוואָרן דורך די פרויען. נאָר מען דאַרף דאָס דורכפירן אָן איבעריקן טומל, אָן דריידלעך און פּויקעריי. איך בין מסכים אַקטיוו זיך צו באַטייליקן.

און ער האָט ווידער אַרייַנגערוקט דאָס ליוּלקעלע אין ווינקל פון מויל און געבליבן זיצן אַ גלייכגילטיקער, ווי טויב פאַר אונזערע גערעדערייען.

נ י ע ו ו ע ג ו ו י י ז ע ר

האַרבסט־און ווינטער־צייט איז די אַרבעט אין דער קאָמו־נע געווען מאָנאָטאָן, שטיל, נישט קאָמפּליצירט: זי איז דורכגע־פירט געוואָרן אין אַן אַכט־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג. מען איז אויפ־געשטאַנען פון געוואוינהייט פרי. פון זיבן ביז אַכט — איז געווען פרישטיק אין קאָלעקטיוון עסצימער אין דריי גרופּעס. פון אַכט ביז צוועלף — אַרבעט, פון צוועלף ביז צוויי — מיטאָג, פון צוויי ביז זעקס — ווידער אַרבעט, פון זיבן ביז אַכט — נאַכט־עסן. און דערנאָך ביז צען אַ זייגער — קולטור־און פּאַרטיי־אַרבעט אין די קרייזן, אין קלוב, אין דער ביבליאָטעק און לייען־זאַל. צומייַנסט מאָנאָטאָן איז געווען די אַרבעט פון די פרויען און מיידלעך: זי איז באַשטאַנען פון מעלקן די קי, פירן די קיך, האַלטן אין אָרדע־נונג די שפּייז־קאַמער, רוימען די צימערן (איך רעכן נישט די פרויען, וואָס האָבן כסדר דיזשורירט אין די קינדער־אינסטי־טוציעס), באַשעפטיקונג אין די שפּייכלערס, אין דער וועשעריי און שניידער־וואַרשטאַט. די מענער האָבן אויסגעפירט די שווערע אַרבעט: זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט די פערד, מיט די מאַשינען, מיטן לאָדענען און איבערפירן, מיט דער מיל און דער פוטער־ווירטשאַפט, מיטן צוגרייטן רוישטאָפן. אין די מעכאַנישע וואַר־שטאַטן האָבן געאַרבעט די קוואַליפיצירטע אַרבעטער — שלאָסערס, שמידן, טאָקערס, טשעסליערס, סטאָליערס און מאַליערס. די גרעס־טע טייל פון זיי זענען געווען קאָמונאַרן, איינצלנע בלויז — גע־דונגענע אַרבעטער. אָבער ביידערליי האָבן באַקומען געצאָלט פאַר דער אַרבעט לויט איין טאַריף. די געדונגענע אַרבעטער האָבן גענאָסן פון די זעלבע גענוצן פון דעם קאָלעקטיוון לעבן, וואָס

די קאָמונאַרן, און מיר פלעגן פאַרגעסן, אַז זיי זענען — נישט קיין מיטגלידער פון דער קאָמונע, נאָר צופעליקע מענטשן, וואָס זענען אונז געשיקט געוואָרן דורך דער אַרבעטס־בערזע.

איך האָב געאַרבעט מיט די קאָמסאָמאָלן. אונזער קעמערל איז געווען אַ קליינס: אויף דער גאַנצער קאָמונע איז געווען אַ צוואָנציק קאָמסאָמאָלן — מער יינגלעך ווי מיידלעך. די אַרבעט איז ביי זיי געגאַנגען שלעכט: די ביוראָ האָט קאָפּירט די זיצונגען פון דער פאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, געשטעלט די זעלבע פראַגן, זיך געלאַנגווייליקט, געמאַטערט. אַלע האָבן זיך באַמיט אַרויסצוּווייזן פאַר קלוג און פלעגן אַוועקגיין פון די זיצונגען מידע און אויסגעשעפּטע. ערשט אינדרויסן, אויף דער פריי, פלעגן זיי, ווי שילער נאָך אַ לאַנגווייליקער לעקציע, אויפגעלעבט ווערן, פאַרפירן שפּילערייען, זינגען און שרייען וויפיל זייער האַרץ האָט געגלוסט. דער סעקרעטאַר טישקאַ, אַ שווער־לייביקער בחור מיט אַ ברייט מויל, מיט אַ קליינעם קערפּער און גרויסע הענט און פיס, מיט דיקע ליפּן, וואָס זענען שטענדיק גרייט געווען צו לאַכן, מיט אַרויסגעסטאַרטשעטע אויגן, וואָס האָבן זיך געפילט ענג צווישן די ווענט אין צימער, — האָט נאָכגעמאַכט באַנקינען: ער איז געווען איבערצייגט, אַז דאָס האַרטע פּנים פון דעם פאַרטיי־סעקרעטאַר און דער שטאַמלדיקער אופן פון זיין רעדן — זענען די בעסטע סימנים פון אַן אמתן פירער. און ווען איך בין אָנוועזנד געווען אויף דער ערשטער זיצונג פון זייער ביוראָ, בין איך פאַרוואונדערט געבליבן: טישקאַ האָט טאַלאַנטפול געשפּילט די ראָל פון באַנקינען — ער האָט מיט די קלענסטע פּרטים נאָכגעאַמט זיינע רייד, דעם אויסדרוק פון פּנים און זיינע האַסטיקע זשעסטן. און זיין ערשטע פראַזע איז באַשטאַנען פון באַנקינס ווערטער:

— נו, חברים... מיר עפענען... בכלל און אין סך־הכל גענומען... אונזער פאַרזאַמלונג...

די מיטגלידער פון ביוראָ — נאַטאַשע און דאָס שלאָסערלערייגל פון די וואַרשטאַטן, פאַוולאָ, דער באַוועגלעכער, מיט די

אומרויִקע הענט, בלייכער, לאַנג־פּנימדיקער, מיטן אָפּוואַרטנדיקן שמייכל אין די אויגן — האָבן געדולדיק און אונטערטעניק צוזאַ־מען מיט אים איבערגעקייעט די זעלבע פראַגן, וואָס זענען שוין לאַנג באַהאַנדלט געוואָרן אין פּאַרטיי־קעמערל. מיר איז גלייך גע־וואָרן אומדערטרעגלעך ענג צווישן זיי. די קינדער האָבן געליטן און זענען געווען הילפסלאָז אויסצוטראַכטן פאַר זיך עפּעס אינטערע־סאַנטס, פאַרכאַפּנדיקס, אַז דאָס לעבן זאָל זיך פונאַנדערשפּילן אין זייערע ענינים, שפּריצנדיק מיט פונקען, יונג, פריילעך. איך האָב מיך אַריינגעריסן אין זייער אַרבעט און פאַרשטראָכן זייער גאַנצן טאָג־אָרדנונג.

— וואַרפט דערווייל אַוועק, קינדער, אייער טאָג־אָרדנונג. לאָמיר רעדן אַ ביסל אינטימס.

טישקאַ האָט געפּרוווט אַ קוק־טון אויף מיר מיט באַנקינס פּנים.

— וואָס הייסט, חברטע ?... מען דאַרף בכלל און אין סך־הכל געגומען... זיך צוגרייטן...

נאַטאַשאַ האָט שלאַנגיש געשמייכלט, און פּאַוולאַ האָט גלייך, אין אומגעדולדיקן אָפּוואַרטן, זיך צעלאַכט מיט די אויגן. זיינע הענט האָבן געגומען אַרבעטן ווי אַ ווינט־מיל.

— אָט וואָס, טייערינקער טישאַ... וואַרף דו קודם־כל אַוועק דאָסדאָזיקע אַבסורדאַלע ווערטל: „בכלל און אין סך־הכל געגומען", און דערנאָך קום צו זיך, נעם דיך אין די הענט אַריין און ווער אַ גוט יינגל.

— און וואָס בין איך דען אַצינד ? מיט וואָס בין איך אַצינד שלעכט ? — ער איז רויט געוואָרן און זיך פאַרלוירן. — מיר זענען דאָ אַלע — קאָמסאָמאָלן... און זענען מחויב... צו פאַר־פעסטיקן אונזערע רייען... נאָך דעם פּאַרטיי־קעמערל...

— אַצינד ביסטו שלעכט, טישאַ... אַן אמתער בלאַזן און קאָמישע בריאה.

נאַטאַשאַ האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, דרייסט זיך

איינגעפלאָנטערט אין זיין טשופרינע און אויסגעדרייט צו זיך זיין פנים.

— און איך קוק אויף דיר די גאַנצע צייט, טישקאַ, און טראַכט מיר, פאַרוואָס דו ביסט אַזאַ שוטה. אַ וואַלאַך וועט קיינ־מאָל קיין זשרעבאָק נישט ווערן. אויף דעם איז ער — באַנקין. און אַ זשרעבאָק דערקענט מען נישט לויטן קאָפּ (מיר אַלע לאַכן). באַהערש דיך, נאַרישער קאָפּ! און אַצינד, לאָז נאָר מיך פירן דעם פאָרזיץ פאַר דיר: וועסט זעען, ווי עס וועט גיין.

טישקאַ איז פלוצלינג אויפגעקאָכט געוואָרן, זיך באַליידיקט און ווי מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן.

— גיי צו אַלדי רוחות... און צו מיין טשופרינע טשעפּע זיך נישט... וואָרים — אָט גיב איך דיך אַ נעם ביי די פיס, און דו פליסט גלייך דורכן פענסטער... אָנטשעפּעניש דו!

און ער האָט זי אויך אָנגעכאַפּט ביי די געשוירענע האָר. פּאַוולאָ האָט זיך געפּאַטשט מיט די הענט איבער די קני און אַ באַגייסטערטער געקייכט פון געלעכטער. נאַטאַשאַ איז אויפגע־שפּרונגען און מיט הנאה גענומען קלאַפּן טישקען איבערן רוקן. איך בין אויך אויפגעשפּרונגען פון אָרט און זיך אַריינגעפּלאָנ־טערט אין זייער געשלעג. די לאַנגווייליקייט פון די פריערדיקע געשפּרעכן איז מיטאַמאָל פאַרשוואונדן. מיר האָבן אַרומגעשטיפּט ווי קינדער, ביז מיר זענען מיד געוואָרן, און ווען מיר האָבן זיך באַרויקט, האָבן מיר זיך דורכגעשמועסט האַרציק און פאַרטרוי־לעך וועגן אונזערע חסרונות. די פאַרזאַמלונגען ווערן שלעכט באַ־זוכט, די יוגנט זיצט נישט אויס אויף זיי ביזן סוף און פאַרהאַלט זיך נישט רויִק. אין קאָמסאָמאָל איז נישטאָ קיין צופלוס פון נייע מיטגלידער. די קאָמוניסטיש־סאָציאַליסטישע יוגנט גייט אין שפּאַן ביי באַנקינען, און באַנקין, ווי אַ בייזער אויפזועער, האַלט דעם אַקטיוו אין שטרענגער געהאָרכזאַמקייט.

מען האָט באַשלאָסן די ערשטע צייט צו פאַראינטערעסירן

די יוגנט מיט פיזקולטור און שפּילערייען: מיט פוסבאָל און באָקס.

איך האָב גענומען אויף זיך די ראָל פון אַן אינסטרוקטאָר פאַר פיזקולטור און פוסבאָל־שפּיל, נאַטאַשאַ — פאַר ריטמישער גימנאַסטיק: איר אופן פון אַרבעט מיט די קינדער האָט זי גע־וואָלט אָנווענדן אויך צו דער יוגנט. נאָכדעם ווי די אַרבעט וועט ביי אונז אַוועק ווי עס געהער צו זיין, — מיר האָבן אין דעם נישט געצווייפלט, — האָבן מיר בדעה געהאַט צו אָרגאַניזירן שלאָגלער־בריגאַדעס אויף פאַרשידענע געביטן פון אַרבעט.

— און וואָס וועט זיין מיט באַנקינען, קינדער? ער וועט דאָך שטאַרבן פאַר עגמת־נפש, דערזעענדיק אונזער הפקר־דיקייט.

— צום טייוול מיט באַנקינען!... זאָל ער קוועטשן מיטן הינטן דעם טאַבורעט און שמירן מיט דער באָרד פּאַפּירן. מיר וועלן זיך צו באַנקינען אויך אַ נעם טון...

מיר האָבן באַשלאָסן איבערצונעמען די אָנפירונג איבערן יוגנט־הויז און איבער דער שול, צו אָרגאַניזירן אַ פּיאָנערן־אָפּטיילונג.

צומאָרגנס אינאָוונט האָבן מיר פאַרזאַמלט אין קלוב אַלע קאָמסאָמאָלן און צוזאַמען אַרומגערעדט אונזערע באַשלוסן. און די אַלע צוואָנציק מאַן האָבן שטורמיש טריומפירט, ווי זיי וואָלטן שוין לאַנג אָפּגעוואַרט די יוגנטלעכע איבערקערעניש אין זייער לעבן. פון דעם אָוונט אָן האָבן זיך צום ערשטן מאָל אָנגעהויבן די באַשעפטיקונגען פון פיזקולטור. אין שניידער־וואַרשטאַט האָט מען דורך וויעטראָוון באַשטעלט ספּאָרט־קאָסטיומען, און אין אַ וואָך אַרום זענען אַלע אין די רייען, — סיי די יינגלעך, סיי די מיידלעך, — שוין געשטאַנען מיט נאַקעטע פיס און אָרעמס. מיר האָט הנאה געטון ווי זיי האָבן קינדיש־פריידיק זיך אַנטציקט מיט זייערע קאָסטיומען און שטאָלצירט מיט זיי, ווי מיט מלחמה־טראָפייען. די מיידלעך האָבן לכתחילה זיך געשעמט, רויט געוואָרן, נאָר אין

זייערע אויגן איז געווען צו דערקענען, אַז זיי זענען גליקלעך. אויך טישקאַ איז שוין נישט געווען דער אייגענער: זיין פּנים האָט געפלאַמט, און ער איז אויף אַן אמת שוין ענלעך געווען צו אַ פלינקן זשרעבאָק.

די קאָמונאַרן און קאָמונאַרקעס האָבן אָנגעפילט אונזער קלוב און מיט פאַרוואונדערונג געקוקט אויף די האַלב-נאַקעטע בחורים און מיידלעך. די מענער האָבן געלאַכט און די פרויען האָבן שרעקנדיק געזיפצט, זיך געשושקעט און פאַרשעמט זיך פאַר-שטעלט די מיילער מיט די פאַרטיכער. די קאָמסאָמאָלן האָבן בכיוון דרייסט און אַרויסרופנדיק זיך דערנענטערט צו זיי, און שטיפנדיק זיי אַרומגענומען.

באַנקין איז אויך איינמאָל געקומען און לאַנג געשטאַנען, גלייכגילטיק און מיט אומבאַוועגלעכע אויגן זייטיק געקוקט. דער-נאָך איז ער צוגעגאַנגען צו אונז און אַ טרייסל-געטון מיט דער באָרד, שמייכלענדיק.

— עהע... בכלל און אין סך-הכל גענומען... יאָ!... דאָס איז געזונט!... זיי האָבן באַוויזן, די קאָמסאָמאָלן, וואָס זיי קאָנען... כאָטש נעם און וואַרף אַליין אַראָפּ די הויזן... בכלל און אין סך-הכל גענומען... בראַוואָ, חברה!... פאַרמערט אייך!... ווערט שטאַרקער!...

און זיין קול האָט גוטמוטיק געברומט אין דער באָרד אַריין. אים האָט הנאה געטון. מיר האָבן זיך אַ וואָרף-געטון אויף אים און אים אָנגעהויבן צו וואַרפן אין דער הויך.

די פיזקולטור האָבן מיר איינגעפירט פון זעקס אין דער פרי ביזן פרישטיק, אין דרויסן, און פאַרוואונדערט די קאָמונאַרן: ווי אַזוי מיר ווערן נאַקעטערהייט נישט געפרוירן אין דעם האַרבסטיקן פייכטן וועטער, מאַכנדיק די גימנאַסטישע איבונגען אַ גאַנצע שעה.

אומבאַמערקט האָבן מיר אַריינגעצויגן אויף די אומפּאַרטיי-אישע יוגנט. פוסבאָל איז שוין געוואָרן אַ טעגלעכער שפּיל.

די אַרבעט אין דעם קאָמסאָמאָל האָט זיך אָנגעהויבן פירן אויף אַ נייעם שטייגער: מיר באַהאַנדלען שוין אויף אַן אייגענעם אופן אַלע געשעפטסלעכע און ווירטשאַפטלעכע פראַגן און טרעטן אַליין אַרויס אַלס איניציאַטאָרן אין די ענינים פון דער קאָמונע. אַצינד געפינען זיך שוין אין קאָמסאָמאָל אַן ערך פערציק מיטגלי־דער. מיר האָבן אָפּקאָמאַנדירט שילערס אין די וואַרשטאַטן. גרי־שאַניאַ האָט צונויפגעשטעלט אַ לער־גרופּע פון טראַקטאָריסטן. און דעם האַרבסט האָבן מיר אַוועקגעשיקט זיך לערנען אין די ראַבפאַקן פינף מאַן: דריי בחורים און צוויי מיידלעך.

א י פ ע ר ז ו כ ט

איינמאָל, שפּעט ביינאַכט, ווען די ווענט האָבן געאָטעמט מיט שלאָף און איך האָב מיך שוין געקליבן צו לייגן אין בעט אַריין, איז אַריינגעקומען צו מיר וויעטראָוו. איך האָב מיך אפילו דערשראָקן פאַר זיין אומגעריכטן, מאָדנעם וויזיט. וואָס פאַר אַן אומדערטרעגלעכער מענטש! צי דען וויל ער אַרויסווייזן זיין כוח אין אַ קאַמף מיט מיר, ווי מיט אַ פּרוי? ער איז געווען אָנגעטון נאַכלעסיק: עס איז געווען באַשיינפּערלעך, אַז ער איז אויפגע־שטאַנען פון בעט און האָט זיך געאיילט.

— וואָס דאַרפסטו, וויעטראָוו? גיי אַוועק, איך בעט דיך. איך לייג מיך שוין שלאָפן.

— וואַרט נאָר, שריי נישט. איך בין שוין אויך געשלאָפן, נאָר מען האָט מיך אַרויסגעשלעפּט פון בעט. די שובינס האָבן זיך צעשלאָגן. דוניאַכאַ איז געקומען צו לויפן אַ צעטראָגענע און פאָדערט, מען זאָל באַלד באַטראַכטן דעם ענין. הכלל, קום שנעלער.

— וואָס הייסט זיי האָבן זיך צעשלאָגן?

— דער טייוול ווייסט זיי. דאַכט זיך, דער חברהמאַן איז

באַפאַלן געוואָרן פון אייפערזוכט, — נו, און האָט איר דערלאַנגט איבער דער באַק.

אַ באַקאַנט געפיל פון אויפרעגונג האָט מיר אַ שלאָג־געטון דאָס בלוט פון האַרץ אין קאָפּ אַריין.

איך קאָן נישט פאַרטראָגן אפילו קיין אָנדייטונג וועגן געוואַלט איבער אַ פרוי. אין אַזעלכע פאַלן פיל איך, אַז מען באַליידיקט מיך אַליין און איך מוז מיך גלייך און אָנרחמנותדיק פאַרטיידיקן. און אָט דאָס קומט פאָר ביי אונז, אין דער קאָמונע! די פרוי ווייסט שוין דאָ איר ווערט און איז געוואוינט געוואָרן צו אַכטן אין זיך דעם מענטש. און טאַקע דאָ האָב איך מיך אויסגעלערנט צו הייבן מיין ווירדע און קעמפן פאַר מיין אומאָפּהענגיקייט.

— דאָס איז נידערטרעכטיק, וויעטראָוו. פאַר דעם דאַרף מען שטרענג באַשטראָפן. וואָס איז דאָס אַזוינס?

— נו, נו, דו — ווייסט מען דאָך שוין... באַלד צעהיצסטו דיך און ווערסט אין כעס... באַלד כאַפּסטו זיך צום געווער... וואָס איז דער חילוק?

— דאָס איז נישט קיין היצן זיך, וויעטראָוו. אַז כ'בין אין כעס — דאָס איז אמת. לייכט זיך באַציען צו דעם — איז אַ פאַרברעך. נישט בלויז די פויסט, נאָר דראָונג און סתּם גראָבקייט לגבי דער פרוי זענען נישט דערלאָזבאַר אין אונזער לעבנסשטייגער. די טשושקינאַ האָסטו איינגלאַדן? און באַנקינען?

איך האָב שנעל געגומען אויף מיר אַ וואַרים טוך און זיך געלאָזט גיין פאָרויס וויעטראָוון. אויפן וועג האָב איך אָפּגעטרעטן ביי דער טשושקינאַ, זי אויפגעוועקט און געהאָלפן איר זיך אָנטון. וויעטראָוו איז געגאַנגען נאָך באַנקינען.

דוניאַ איז אַריינגעקומען די ערשטע אין צימער פון ראַט, נאָך איר — דער מאַן, אַ געשטופּלטער פויער, מיט אַ קליין בערדל. אַלע האָבן זיך אויסגעזעצט אַרום טיש. דוניאַ, מיט רויטע פלעקן, ווי פון פיבער, אויף די באַקן, מיט אומהיימלעכע אויגן

פון אַ וועלפּין, איז געזעסן אויסגעשטרעקט מיט דער ברוסט פאָרויס. דער מאַן הינטער איר, אַן איינגעבויגענער, אַ פאַרשעמ־טער, מיט אַ שמייכל פון אַ גנבל, וואָס מען האָט אַ כאַפּ־געטון ביים קאָלנער. די טשושקינאַ האָט געגענעצט און אירע אויגן, פון פאַרשלאָפנקייט רויטע און מאַטע, האָבן אויסגעזען פאַרוויינט און רוגזהדיק.

וויעטראָוו, וועלכער האָט זיך באַמיט צו האַלטן שטרענג, האָט גוטמוטיק און חוזקדיק אַ קוק־געטון פון אונטערן שטערן אַפּער אין דוניאַס אויגן אַריין.

— אַלזאָ, אין וואָס האַנדלט זיך? אַרויס מיט לשון. האָסט פון בעט אַרויסגעשלעפּט — שטעל־זשע אַוועק דעם ענין ערנסט.

דאָ איז שוין אויפגערעגט געוואָרן און אָנגעהויבן בייז צו סאַפּען:

— וואָס פאַרדרייט זי אַ קאָפּ. וואָס האָט זי אָנגעמאַכט אַ טומל אינמיטן דער נאַכט. בחינם מענטשן באַאומרויקט. קיינעם איז אפילו נישט אינטערעסאַנט דידאָזיקע מחלוקה דיינע.

דוניאַ איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט און זיך אַ שפּאַר־גע־טון אויף אים מיט דער ברוסט און מיט דער גאָמבע.

— דאָס רעדסטו — אַזוי? האַ? איר הערט? נעמט דאָס גוט אין אַכט, חברים. דאָס איז מיין מחלוקה, יאָ?... אדרבה. זאָל מען וויסן, וואָס פאַר אַ מחלוקה מיינע דאָס איז. אין אונזער קאָלעקטיוו, חברים, איז צווישן מאַן און וויב נישטאָ קיין פּריוואַטע מחלוקה, אויב די זאַך דערגייט שוין צו דער פויסט. אָט וואָס. זאָג: דו האָסט מיר אַ קלאַפּ־געטון? יאָ? דו זאָג אַליין. זאָג אָפן.

נו, איך האָב דיר אַ קלאַפּ־געטון... נו, איז וואָס?... אַזאַ פּרי ווי דו ביסט, וואָלט יעדער אַ קלאַפּ־געטון...

— אַהאַ! נו, אָט האָט איר אייך, חברים. איר הערט? און פאַרוואָס? פאַרוואָס האָסטו מיר אַ קלאַפּ־געטון? היינט אין דער פּרי, חברים, ווען מע האָט זיך אומגעקערט פון דער אַרבעט, האָט

עפּעס איינער אַ בחורל זיך גענומען דרייען אַרום מיר... נו, האָט מען אַ שטיף־געטון... איך האָב דאָס מיר אפילו אין זינען אַריין נישט גענומען... צי טאָר מען שוין נישט קיין שטיף טון?... ביי אונז איז דאָך דאָס נישט פאַרבאָטן... נו, און ער האָט דאָס געזען, צי וואָס?... און דעם גאַנצן אָוונט הערט ער נישט אויף, ווי אַן אָקס, צוצושטיין צו מיר און ברומען. מילא, האָב איך אים אָנגעוויזן זיין אָרט. צי דאַרף איך מיך פאַרטיידיקן, צי נישט? און ער האָט אויף מיין מינדלעכער פאַרטיידיקונג — מיר דערלאַנגט מיטן גאַנצן כוח... און ווען ער וואָלט מיר געטראָפן אין אַן אויג אַריין? און אַ צייכן געמאַכט? און דאָס איז אין דער — קאָמונע!... האַ?... אַ מאַן שלאָגט דאָס ווייב... דאָס איז אַ דערלאָזבאַרע זאַך? איך קען אונזערע געזעצן, יאָ! איך — בין אַ פרוי פון פרייער בירגערשאַפט. דאָ איז נישט אין דאָרף. דאָ זאָלסטו נישט וואַגן קיין האַנט אויפצוהייבן. אדרבה, מאַכט אים קלאָר, וואָס פאַר אַ כאַראַקטער ער האָט.

זי האָט זיך צוריקגעזעצט אַן אויפגערעגטע און גענומען טיף און שווער אָטעמען.

באַנקין האָט אַ קוק־געטון אי אויף דוניען, אי אויפן מאַן, און גלייכגילטיק געשמייכלט.

— יאָ... בכלל און אין סך־הכל גענומען איז דאָס אַ שטיי־גערישער דראַמקרייז... אַ פאַמיליע־קאַנאַפליט*)... אַנאַליזיר ביזן פונקט...

די טשושקינאַ האָט געשוויגן און אויפמערקזאַם געפאָרשט מיט די אויגן ביידע שובינס.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דער ענין נויטיקט זיך נישט אין קיין שום אויספאָרשונג. אַלץ איז קלאָר. צו וואָס־זשע פאַרפירן טענות? מיך האָט אַרומגענומען אַ שוידער.

---

*) איבערגעדרייט פון וואָרט „קאָנפליקט" (ב. פ. א.).

— בחינם רעדן און אָפּשלעפּן איז דאָ נישטאָ וואָס, וויעט־ראָוו. שובינען דאַרף מען אויסשליסן.

דוניאַ האָט דערשראָקן אַ ציטער־געטון און אַ פאַרוואונדער־טע זיך איינגעגראָבן אין מיר מיט די אויגן.

שובין האָט פּאַמעלעך, גאָרנישט פאַרשטייענדיק, זיך אַ צי־געטון צו וויעטראָוון. דוניאַ האָט מיך אָנגעכאַפּט ביים אַרבל.

— וואַרט נאָר, וואַרט, דערציערין. וואָס האָסטו געזאָגט ?

— איך האָב, דאַכט זיך, געזאָגט דייטלעך : שובינען דאַרף מען אויסשליסן פון דער קאָמונע.

שובין האָט אַ מרוגע־געטון מיט די אויגן און זיך גענומען קראַצן אין קאָפּ.

— דאָס הייסט, ווי אַזוי — אויסשליסן ? פאַרוואָס ?

— פאַר אייפערזוכט... פאַר דער פויסט.

— אָט האָסטו דיר... אָבער צי איז זי מיין ווייב, צי נישט ?

— נו, דיין ווייב. וואָס־זשע איז דערפון געדרונגען ?

— נו, הייסט עס... זענען דאָך איבעריק די רייד...

שובין האָט געשטשירעט געלע ציין און אַ מאַך־געטון מיט דער האַנט.

— און וואָס פאַרשטייסטו, חבר, אונטערן וואָרט ווייב ? דאָס געזעץ קענסטו ? מיט וואָס שיידט זיך דיין ווייב אונטער, למשל, פון מיר אָדער פון דער טשושקינאַ ?

— גוט געזאָגט... דו — ביסט עפּעס אַנדערש, און אַ ווייב — איז עפּעס אַנדערש.

איך בין אויפגעקאָכט געוואָרן און אָנגעפאַלן אויף אים :

— וואָס פאַר אַ ווילדער באַגריף איז דאָס וועגן אַ ווייב ? אויב זי איז דיין ווייב — מעגסטו זי שוין שלאָגן, האַלטן אין דער מורא און כסדר נאָכשפּירן איר אויפפירונג ? דאָס — איז באַרבאַ־ריזם. איך פאָדער גלייך אויסצושליסן.

וויעטראָוו האָט מיט פּאַרווירונג אַ קוק־געטון אויף מיר, אויף דער טשושקינאַ און אויף באַנקינען און אַ שאָקל־געטון מיטן קאָפּ.

— אפשר, חברים, זאָלן מיר דעם באַשלוס אָפּלייגן ביז מאָרגן? וואָס איז דער חילוק? מיר וועלן מיט אַ ריינעם קאָפּ דעם ענין נאָכאַמאָל איבערשמועסן? עס איז זיך נישטאָ מיט דעם וואָס צו איילן. מיר וועלן רעגולירן.

איך האָב אַ קלאַפּ־געטון מיט דער האַנט אין טיש.

— בשום אופן נישט, וויעטראָוו. דו פּאַרווישסט די שפּורן. וואָס פּאַר אַ זינען האָט דאָס!

שובין איז אויפגעשטאַנען אַ צעמישטער און זיך אַ וואַקל־געטון.

— חברים, וואָס־זשע איז דאָס אַזוינס? פּאַרוואָס איז דאָס, חברים?... איר ווייסט דאָך נישט... נו, ביי מיין ערן־ערן וואָרט, דאָס האַרץ איז איבערגעגאַנגען...

אָבער איך האָב מיך שוין געהאַט אָנגעצונדן און גענומען אים כסדר מוסר זאָגן.

— וואָס הייסט עס: דאָס האַרץ איז איבערגעגאַנגען? דו, חבר, לעבסט דאָ מיט מענטשן אין אַנדערע באַציִונגען, ווי אין דאָרף, דו — ביסט אַ געזעלשאַפטלעכער מענטש, דו — ביסט דיסציפּלינירט. און דידאָזיקע האַנדלונג דיינע — איז פּאַרן לעבן פון דער קאָמונע אַ דורכפאַל. דו, טייערער, האָסט נישט דעם ווייב דיינעם אַ קלאַפּ־געטון, נאָר אַריינגעטראָגן צערודערונג אין דער קאָמונע. פּאַרשטאַנען?

דוניאַ איז בלייך געוואָרן, זיך פּאַרלוירן, אַ צעפּיר־געטון מיט די הענט און אַן עפן־געגעבן דאָס מויל, ווי אַ פיש. זי האָט וויינענדיק אַ שמייכל־געטון און אָנגעהויבן זיך קנייפּן.

— חברים, איך האָב דאָך נישט צוליב דעם... צי האָב איך דען דאָס געוואָלט?... ווען איך וואָלט געוואוסט, אַז דאָס וועט זיך אַזוי ענדיקן, וואָלט איך דאָך מיר גאָרנישט געמאַכט דער־פון... פּאַרוואָס־זשע קומט אים דאָס, חברים?... פון דער קאָמונע

אויסשליסן!... וואוהין־זשע וועט ער גיין?... נישט דאָס ערשטע יאָר לעבן מיר דאָך... איך האָב דאָך דאָס גוטן בלויז, כדי איר זאָלט אים אַ ביסל אָנמוסרן... נו, אַ ביסל די טשופרינע אָנרייסן... אָבער אַזוי — וואָס וועט דאָס זיין?

וויעטראָוו האָט אַ צעמישטער געקוקט אויף באַנקינען און אויף דער טשושקינאַ, ווי ער וואָלט געוואַרט זיי זאָלן אים אַרויס־העלפן.

דער טשושקינאַס פּנים איז ווידער געוואָרן אומעטיק און פאַרטראַכט.

— אַך, איר מענטשן, מענטשן!... — און זי האָט אַ זיפץ־געטון. — מען טאָר נישט אַזוי, האַליעטשקאַ, מיט איין מאָל. דו האָסט צו טון מיט אַ מענטש. מען דאַרף זיך איבערלייגן. וואָ־רים — אַזוי אַ קלאַפּ טון מיטן גאַנצן אימפּעט, וועסטו דעם מענטש פאַרלירן.

וויעטראָווס אויגן האָבן פריידיק אַ בלינצל־געטון, און ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט.

— דאָס אייגענע זאָג איך דאָך... וואָס איז דער חילוק? אָנדרייען די אויערן — דאָס יאָ. אָבער... נו, וואָס זאָגסטו, באַניקן?

איך האָב מיך באַגעגנט מיט באַנקינס בליק און גאָרנישט באַמערקט אין זיינע אויגן. ער האָט אָנגעהויבן שווער צו אָטעמען און גלייכגילטיק אַרויסגעזשאַמזשעט:

— אייגנטלעך... איז עס אַזוי... אָבער מיר, בכלל און אין סך־הכל גענומען, אַזוי צו זאָגן, בויען דאָך דעם סאָציאַליזם!... פאַר אונז איז די פאַרטיי טייערער פון אַלץ... דו, וויעטראָוו, וועסט נאָך פאַרטאָפּלען דעם קאַנאַפּליט... מען דאַרף נישט אַזוי, וויעטראָוו...

— וואַרט נאָר, באַנקין... אפשר וועלן מיר אַ רוף־טון ראָגאַטקינען? ער וועט אויפן פּראָלעטאַרישן אופן אַנטשלאָסן אַוועק־שטעלן די פראַגע.

— ווי קומט דאָ ראָגאַטקין ? דו שפּילסט זיך אין סאַבאָטאַזש, וויעטראָוו. איך פּראָטעסטיר.

אַלע האָבן מיט גיריקע אויגן זיך איינגעקוקט אין באַנקינען און געוואַרט, וואָס ער וועט ווייטער זאָגן.

ער האָט שווער זיך אָנגעלענט אויפן טיש, און די געלע האָר פון זיין באָרד האָבן זיך פייערדיק צעפינקלט. זיינע אויגן האָבן זיך פלוצלינג אָנגעצונדן מיט כעס, און זיין שטימע האָט אַ קלונג־געטון אַנטשלאָסן און באַפעלעריש :

— ס׳איז נישטאָ וואָס צו טראַכטן... שטותים ! אַזאַ קאַנאַ־פּליט דאַרף מען אויסרייסן מיטן וואָרצל. ראָגאַטקין וועט אויך אַזוי זאָגן. אויסשליסן ! איך בין מסכים מיט האַליאַן... זי זאָגט ריכטיק !

און דידאָזיקע רייד זיינע, האַרטע און שטאַרקע, האָבן פלוצ־לינג אַן אָטעם־געטון אויף מיר מיט פעסטקייט און פריידי־קער זיכערקייט. וויעטראָוו האָט פאַרלוירן געשמייכלט, און די טשושקינאַ האָט מיט טרויעריקער פאַרוואונדערונג געשאָקלט מיטן קאָפּ.

איך בין אויפגעשטאַנען און מיט שטרענגער פּריינטלעכקייט זיך געווענדט צו דוניאַן :

— דו, דוניאַ, האָסט גוט געהאַנדלט : האָסט מיט דיין אָני־קלאַגע זיך געווענדט צום ראַט. דאָס — וועט זיין אַ ביישפּיל פאַר אונזערע פרויען. אָבער באַלד האָסטו דיך דערשראָקן, און פאַר דער שרעק דאַרף מען דיר מאַכן אַ פאָרוואורף. שובין מוז אַליין פאַראַנטוואָרטלעך זיין פאַר זיין פאַרברעך קעגן דער קאָ־מונע. דאָס איז נישט בלויז אייערס אַ פּריוואַטער ענין. פריער האָסטו גערעדט ווי אַ באַוואוסטזיניקע פּראָלעטאַריערין, אָבער אַצינד דרייסטו שוין שקלאַפיש מיט דער צונג. וואָס פאַר אַ מאָדע איז דאָס ? זאָל שובין זיך אָפּגעבן אַ חשבון וועגן זיין האַנדלונג אויסער די גרענעצן פון דער קאָמונע. דערציִונג איז נישט קיין זאַך, וואָס מען באַקומט זי גרייטערהייט : זי ווערט דערוואָרבן דורך נסיונות. שטים־אָפּ, וויעטראָוו !

דוניאַ האָט מיט אַן אָנגעדראָלן פּנים פון וויינען זיך אַ שטעל-געטון אַקעגן מיר און געוואָלט חוצפּהדיק אויסשרייען עפּעס אַ באַליידיקונג אויף מיין חשבון, נאָר זי האָט זיך פאַר-האַקט. אירע הענט זענען אַראָפּגעפאַלן לענגאויס דעם קערפּער, ווי זי וואָלט מיטאַמאָל פאַרוועלקט געוואָרן.

— דאָס — איז נישט געזעצלעך, חברים. איך וועל זיין דאָ, און ער — ווער ווייסט וואו. איך וויל דאָס נישט. דו, דער-ציערין, — ביסט נאָך אַ מיידל, שטעק-זשע נישט אַריין די נאָז אין פאַמיליע-זאַכן. מיר לעבן דאָ היימיש, פון קינדוויייז אָן, פון דער צייט, ווען מיר זענען נאָך אין די העמדלעך אַרומגע-קראָכן, קענען זיך איינער דעם צווייטן. און דו ביסט געקומען צו פליען ווער ווייסט פונוואַנען און ווילסט דאָ דיינע קאַפּריזן אַרויסווייזן. פאַרמאַך דאָס מויל, זיי אַזוי גוט, און מיש דיך נישט, וואו מע דאַרף נישט.

וויעטראָוו האָט שטרענג אַ קלאַפּ-געטון מיטן בליישטיפט אין טיש.

— דאָס, דוניאַ, רעדסטו שוין נאַרישקייטן. האַליאַ איוואַ-נאָוונאַ — איז פּונקט אַזאַ מיטגליד אין דער קאָמונע׳ ווי דו, און איר זענען אויך אַזוי טייער אונזערע אַלגעמיינע אינטערעסן, ווי אונז אַלע. וואָס איז דער חילוק?

דוניאַ האָט אַ ציטער-געטון, ווי זי וואָלט ערשט איצט באַמערקט וויעטראָוון, און אירע אויגן זענען געוואָרן עזותדיקע.

— דו, אַנדריי סעמיאָניטש, קאָנסט אונז נישט משפּטן. מיש דיך בעסער נישט אַריין אין דעם ענין.

— אָט האָסטו דיר! — דער קאַלטער גלאַנץ פון זיינע אויגן איז געוועזן האַרט, בלויז זיינע נאָזלעכער האָבן זיך שמייכל-דיק אָנגעבלאָזן. — פונדעסטוועגן ביסטו פאָרט געקומען צו לויפן צו מיר און פאָרט מיך אַרויסגעשלעפּט פון בעט. וואָס איז דער חילוק?

— אָנווייזונגען, אַנדריי סעמיאָניטש, מעגסטו געבן, אָבער משפּטן — דאָס נישט. דו אַליין האָסט מיט דיין ווייב גענוג צו

טון... דיך אַליין דאַרף מען משפטן. פאַרוואָס משפטסטו נישט דיין ווייב ?... פריער שליס זי אויס, און דערנאָך וועסטו ערשט מיט לייכטע הענט זיך קאָנען נעמען צו מיין מאַן.

— נו, נו, הייץ דיך נישט... וואָס איז דער חילוק ? נישט איך אַליין מאַך דאָך דעם משפט און טראָג אַרויס דעם אורטייל... וואָס שייך מיין ווייב, וועט איר רייע אויך קומען — באַאומרויִק דיך נישט.

— איר רייע איז שוין לאַנג געווען... איצט איז די רייע אויף דיר...

וויעטראָוו איז אויפגעשטאַנען און שווער זיך איינגעגראָבן אין איר מיט די אויגן.

— וואָס ווילסטו, דוניאַ ?

די טשושקינאַ האָט אַרויסגעשטעלט די ברוסט און האָסטיק זיך גענומען קלאַפּן מיט די הענט איבער די אָרעמס און היפטן.

— אָבער דו, מאַמעלע, האָסט זיך דאָך גאָר פאַרגעסן. וואָס האָסטו עס גענומען רעדן פאַר פּייעו׳ און פאַר וואַסער ? האָסט פאַרקאָכט אַ קאַשע — דערפיר־זשע די זאַך ביזן סוף. וואָס, טאַנצן זענען מיר דאָ אַהערגעקומען, צי וואָס ? אויב דו האָסט בלויז גע־וואָלט, מיר זאָלן פאַר דיין מאַנעלע זיך אויסצייכענען און אַ ביסל מיט די צונגען קלאַפּן, — האָסטו דאָך אונז נישט געדאַרפט אינמיטן דער נאַכט פון די בעטן אַרויסשלעפּן...

וויעטראָוו האָט זיך אַוועקגעזעצט און זייער שטיל, כמעט לאַנגווייליק, אַ זאָג־געטון:

— אַלזאָ, חברים, גענוג. עס וועט זיין גענוג. איך מיין, מיר וועלן אָפּלייגן, האַ ?

איך האָב שאַרף און אַנטשלאָסן אָפּגעהאַקט:

— דאָס הייסט סתם קאַליע מאַכן רייד, וויעטראָוו. איך פּראָ־טעסטיר. טשושקינאַ, איך בעט דיך, זיי דו פעסטער. דו — ביסט די פרויען־אָרגאַניזאַטאָרין, און דערלאָזסט צו אַזאַ וואַקלהאַפטיקייט אין דיין האַנדלונג.

— אוי, מאַמעלע, דאָס זענען דאָך מענטשן... אייגענע... און דו שטייסט, ווי מיט אַ מעסער איבערן האַלז...

באַנקין האָט זייטיק געקוקט אויפן דיל.

— דאָ, וויעטראָוו, בכלל און אין סך־הכל געמומען... שפּיל דיך נישט... מען דאַרף פאַרענדיקן...

די טשושקינאַ האָט אַ זיפץ־געטון. זי האָט נישט אָפּגעווענדט פון דוניען מיטן מאַן איר קנאָכיק פּנים, און אירע אויגן זענען געווען פאַרצויגן מיט טרויער און האָבן אויסגעדריקט פּיינטשאַפט צו שובינען.

וויעטראָוו האָט זיך אונטערגעגעבן און געשטעלט די פראַגע צו אָפּשטימונג. עס איז באַשלאָסן געוואָרן שובינען אויסצושליסן. אין לעצטן מאָמענט איז די טשושקינאַ אינגאַנצן אויפגעטרייסלט געוואָרן, ווי זי וואָלט זיך דערמאָנט אָן עפּעס שווערס, וואָס איר איז אויסגעקומען איבערצולעבן אין די פאַרגאַנגענע יאָרן, און איז געבליבן אין איר האַרץ אויפן גאַנצן לעבן. זי האָט אויפגעהויבן הויך די האַנט. און די האַנט און דער קאָפּ אירער האָבן געציטערט.

— ניין, מאַמעלע, די פרוי איז געוואוינט געוואָרן צו שווייגן און אַלץ אונטערטעניק אַריבערטראָגן. דער פרוי איז שווער צו קעמפן מיט איר נאַטור, נאָר אויב עס איז שוין יאָ אויסגעקומען צו קעמפן... וועסטו דיר גאָרנישט העלפן...

וויעטראָוו האָט געדרייט מיטן קאָפּ, אָבער זיך אויך פאַראייניקט מיט אונז. די שובינס זענען אַוועקגעגאַנגען דערשלאָגענע און פאַרווירטע.

אינדערפרי זענען די שובינס געקומען אין ראַט און לאַנג געבעטן וויעטראָוון צו ענדערן דעם נעכטיקן באַשלוס. די נאַכט איז פאַר שובינען געווען אַ פּיינלעכע: ער האָט, משמעות, זיך גאָרנישט געלייגט שלאָפן. זיין פּנים האָט אויסגעזען קרענקלעך — אַזוי ווי צעקנייטשט, די אויגן — מאַט, פיבערהאַפט, און זיין גאַנצער קערפּער — ווי ער וואָלט געהאַט העכערע טעמפּעראַטור. דוניאַ, אויך אַ דערשלאָגענע, פאַרוויינטע, אונטערטעניקע, איז געשטאַנען לעבן אים און מיט געבעט מיר געקוקט אין די אויגן אַריין.

וויעטראָוו האָט זיך געפּילט אומרויִק, נאָר דערהאַלטן זיין געוויינטלעכע פאַרזיצערישעווירדע.

— איך קאָן אייך גאָרנישט העלפן, — האָט ער געזאָגט. — דער באַשלוס איז נישט מיינער. וואָס איז דער חילוק?

שובין האָט הייזעריק און עקשנותדיק געברומט:

— איך, אַנדריי סעמיאָניטש, וועל נישט אַוועקגיין פון דער קאָמונע — טו, וואָס דו ווילסט. איך האָב אין דער קאָמונע צוזאַמען מיט דיר געליטן. אָן דער קאָמונע — איז פאַר מיר גלייכער אַ קבר. איך וועל נישט אַוועקגיין, אַנדריי סעמיאָניטש. האַק מיר אָפּ די הענט פאַר מיין נאַרישקייט, נאָר פון דער קאָמונע וואַרף מיך נישט אַרויס.

ביי דוניען האָט געציטערט די גאָמבע און די אויגן זענען פאַרלאָפן געווען מיט טרערן.

— אָבער, אַנדריי סעמיאָניטש! האַליאַ איוואַנאָוונאַ!... צי קאָן מען דען אַזוי? ער האָט זיך דאָך די גאַנצע נאַכט אַזוי ווי צום טויט געגרייט. אַצינד וועט ער שוין אַלע פריינט און פיינט פאַרזאָגן... און מיין האַרץ איז אויך אויף שטיקער צעריסן. ווי אַ נאַר שטיי איך אַצינד פאַר אייך.

איך האָב מיך איבערגעקוקט מיט וויעטראָוון, און זיינע אַפּלען האָבן זיך אָנגעצונדן מיט פרייד.

— אַלזאָ, קינדער, אָט וואָס. דער באַשלוס בלייבט דערוויילע אין קראַפט, און שובין אַזוי ווי ער האָט געאַרבעט, זאָל ער ווייטער אַרבעטן. מיר וועלן אים אויספּרווון. מיר וועלן רעגולירן. אַ צוויי חדשים וועט ער לעבן אַזוי, און דערנאָך וועלן מיר זען. שלאָגן דאַרף מען אייך, פאַרשאָלטענע. וויפיל דאגות איר האָט אונדז פאַרשאַפט!

שובין האָט אַ מרוגע-געטון מיט די צעטראָגענע אויגן, זיך צעשמייכלט, זיך דערשראָקן פאַר זיין שמייכל און אַ בליק-געטון אויף דוניען. פּלוצלינג האָבן זיי זיך אַ וואָרף-געטון אויפן האַלז איינער דעם אַנדערן, און שובין האָט זיך פאַרכליניעט פון באַגייסטערונג. דוניאַ האָט געוויינט פון גליק. וויעטראָוו האָט גע-

קוקט דאָ אויף זיי, דאָ אויף מיר, און זיך געכאַפּט צום היטל, צו דער גאָמבע, זיך געריבן די באַקן און דעם שטערן. זיינע נאָזלעכער האָבן שמייכלענדיק געציטערט, נאָר די אויגן האָבן אויסגעדריקט פּיין. מיטאַמאָל האָט שובין אַ כאַפּ־געטון דוניען, ווי אַ קינד, און אויף די הענט זי אַרויסגעטראָגן אין קאָרידאָר. איך בין אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צו וויעטראָוון:

— נו, אַנדריי סעמיאָניטש ?... אָבער עס האָט זיך גוט פאַרענדיקט, האַ ?

ער האָט מיר נישט געענטפערט און איז שנעל פון צימער אַרויסגעלאָפן.

דאָס זעקסטע העפט

האַרבסט־פעדים

פון אינדערפרי אָן האָט דער הימל, אין קריסטאָלענער שטיל־קייט, זיך אויסגעשפרייט אַ בלויער, שפּיגלדיק־לויטערער, ווי אַן אָזערע אין די בערג. די לופט אין די ווייטן איז געווען דורכזיכ־טיק: די כוואַליענדיקע ליניעס פון די בערגלעך — דייטלעך, דין־געצייכנט, און די ווייטע שיפּועים פון די בערג — זייער נאָענט, ווי אין אַ בינאָקל. די זון אין הימל האָט מען נישט געפילט: זי איז צעגאַנגען אין דער לופט, און די לופט איז געווען הייס, טרוקן, פרילינגדיק, אָנגעזאַפּט מיט די פאַרשיכורנדיקע ריחות פון ערד, וועלקנדיקן גראָז און אויסגעדראָשן שטרוי. עס האָט אָן אויפהער זיך געגלוסט צו קוקן אויפן הימל, אין די פאַרלוירענע ווייטן. די לופט און דער הימל האָבן געפינקלט, ווי פערלמוטער: די שניי־ווייסע האַרבסט־פעדים, דינינקע און ציטערנדיקע, האָבן געלויכטן מיט רעגנבויגנדיקע קאָלירן און זיך אַרומגעטראָגן אין די בלויע הויכן — פון דער ערד אַזש ביז צום הימל. זייער זיי־דענע גלאַנציקייט און שנייאיקע פּוכיקייט זענען אַרומגעשוואומען אַזוי הויך אין די לופטיקע אָפּגרונטן, אַז דאָס האַרץ אין מיר איז אָפּגעשטאָרבן פון אַנטציקונג: איך האָב מיך געפילט באַפליגלט, מיין האַרץ האָט געיובלט מיט געלעכטער, ווי מיט בושעל־אויסגע־שרייען. אין תהום פון דערדאָזיקער זוניקער בלויקייט, צווישן די פעדים פון פערלמוטער, זענען אַרומגעפליגן קאַווקעס, און אויך זייערע פליגל האָבן געפינקלט מיט דער בלויקייט פון בליצן. די וועגן אויף די גרינע פעלדער זענען געוואָרן שוואַרץ, ווייך און

פעט. די משופּעדיקע זייטן פון די בערגלעך, פון די רעגנס אויפ־געקוואָלענע און באַדעקטע מיט אַ שיכט שוואַרצערד; די טאָלן, צע־וויגטע אין פלאַם פון די געלע און קאַרמין־רויטע קוסט־ביימלעך; די דערפּעלעך, ווייטע און נאָענטע, צעוואָרפענע איבער די ני־דעריקע פלאַכן. - אַלץ האָט זיך באַוועגט און געציטערט אין אומענדלעכער צעכוואַליעטקייט. פון ערגעץ־וואו, פון די שימערנדע ווייטן, זענען אָנגעשוואוּמען מעשענע קלאַנגען פון אַן אָרקעסטער. און מיך איז באַפאַלן אַ פריידיק לאַכן: דאָס האָבן דאָך אויף פאַר־שידענע קולות, צוזאַמען מיט דער זון, וואָס אָטעמט מיט היץ אויף אונזער מערידיאַן, זיך צעקרייעט די הענער פון די דערפער און פון דער קאָמונע. פון הינטער די וואוין־קאָרפּוסן האָבן, ווי ווייטע אַעראָפּלאַנען, געהודזשעט די טראַקטאָר־מאָטאָרן: דאָס האָט מען געזעגט געהילץ, סאָרטירט און איבערגעשיט זריעה־קערנער. די ערד האָט דומפּ געאָטעמט אין אירע טיפן, און די לופט איז פון דעם געוואָרן געדיכטער, טיפער און בלויער. איבערן וועג האָבן אין אַ לאַנגער רייע זיך וויגנדיק געררוקט גאָלדענע סנאָפּעס: דאָס האָבן אונזערע לייטער־וואָגנס געפירט שטרוי אין דער שכנותדי־קער פּאַפּיר־פאַבריק.

עס איז שפּעטער האַרבסט - אָבער אויף דער נשמה איז וואונדערבאַרער פרילינג.

מיר זענען געגאַנגען אין עסצימער אַריין – די טשושקינאַ, לושאַ, איך, נאַטאַשאַ און וויעטראָוו. מיר האָבן געשמועסט וועגן דער פרויען־פאַרזאַמלונג, וואָס האָט געדאַרפט פאָרקומען דעם טאָג אין אָוונט. מיר האָבן באַשלאָסן צוצוציִען אויף דער פאַרזאַמלונג אויך געוויסע פרויען פון די נאָענטע דערפער – אונזערע פריינ־דינס און אַמאָליקע חברטעס פון די קאָמוניסטקעס. מיר זענען שוין געוואוינט געוואָרן זיי צו זעען אין אונזער קלוב: זיי האָבן זיך צוגעבונדן צו אונז און פלעגן אָפט קומען צו גאַסט. וויעטראָוו האָט געשוויגן, עס איז קלאָר געוועז, אַז ער איז פון עפּעס באַ־טריבט: זיין פּנים האָט אויסגעזען אָפּגעמאַטערט, קנאָכיק, ער איז אינגאַנצן עפּעס אַזוי איינגעטרוקנט געוואָרן, ווי ער וואָלט גע־

ליטן פון אַ היץ־קרענק. ער האָט זיך נישט צוגעהערט צו אונז, ווי — סיי מיר, סיי די זון, סיי זיינע פליכטן וואָלטן אים צו לאַסט געווען: עס האָט אויסגעזען, אַז אים איז שרעקלעך אומעטיק, אַז ער איז פאַרמאַטערט און פילט זיך אינגאַנצן אויסגעשעפּט.

די טשושקינאַ איז געגאַנגען, ווי אַ פּירערין, מיט דער ברוסט פאָרויס און הויך פאַרריסענעם קאָפּ. זי האָט געשריגן אי־בערן גאַנצן הויף ווי אַן אשת־חיל און זיך געפּאַטשט מיט די הענט איבער די היפטן.

— איר, מיידלעך, וואָלט אַלץ געוואָלט דערגרייכן מיטאַ־מאָל! אַ פּאָכע מיט די פליגל און אַוועקגעפלויגן. מען מוז אָבער צו אַלעם צוגיין פּאַמעלעך, אויפן ווייבערישן אופן. דאָס ווייבע־רישע לעבן איז מיר גוט באַקאַנט: אונזער איינע האָט ליב, מען זאָל מיט איר אַ ביסל מיטקרעכצן, מיטוויינען, זי צוטוליען. זי האָט דאָך קיינמאָל אין איר לעבן קיין גוט וואָרט נישט געהערט. פון וואָס ווייסט זי מער, ווי פון מאַנס פויסט און פון דער פינס־טערער אַרבעט? איר איז נייטיק זיך צו באַקלאָגן פאַר עמעצן. זאָל זיין פאַר אַ סלופּ, אַבי באַקלאָגן זיך. איר זאָלט דעם פּאָפּ מיט דער האַנט נישט אַוועקמאַכן: דער פּאָפּ איז פאַר דער דאָר־פישער פרוי — אַ טרייסט און אַ שטיצע, אַ פרייד פאַר אַלע דער־שלאָגענע. דאָ, מיידלעך, טאָר מען נישט אַזוי כאַפּ־לאַפּ, דאַ מוז מען אויף אַ זייער סובטעלן אופן אין דער ווייבערישער נשמה זיך אַריינקריגן, אַז זי זאָל גאָרנישט פילן, ווי אַזוי דאָס איז געשען... מען דאַרף זי צוטוליען, פאַר איר אַ ווייבערישן יום־טוב איינאָר־דענען, זי זאָל זיך פילן ווי אין צערקווע ביי אונז, — פון אַלע עגמת־נפש זיך טרייסטן, מיט אַ גוט וואָרט דאָס האַרץ דערפרייען, און דאָ, ביי אונז, פאַר זיך אַ רויִק ווינקעלע געפינען.

נאַטאַשאַ האָט הויך און שטרענג זיך צעשריגן אויף איר:

— וואָס האָסטו, טשושקינאַ, זיך צעזונגען, ווי אַ קלאָג־מו־טער? אָט האָב איך מיט האַליען איינגעאָרדנט אַ קינדער־קיך, און

די ווייבער האָבן עס שוין צעטראָגן איבערן גאַנצן דאָרף. נישט יאָכצן דאַרף מען וועגן דער פרוי אויפן פּאָפּישן שטייגער, נאָר שלאָגן דאַרף מען זי נאָך שטאַרקער, ווי מיט מענערישע פויסטן...

— דו ביסט אַ נאַר, נאַטאַלקאַ... וואָס זוייסטו וועגן גורל פון דער פרוי? דו לעבסט אין אַ גן-עדן, — וואָס-זשע נישט מיט דיינע גראָבע רייד מיין גורל צו באַליידיקן... וואָס נישט!

— נו, טשושקינאַ, זיפצן און אָכצן וועלן מיר נישט. מיר וועלן געווינען דידאַזיקע פרויען מיט דער קינדער-קיך, מיט די קינדער-קאַראַהאָדן, מיט דער פרויען-פרייהייט. מיר האָבן שוין אויך אין דאָרף אונזערע פּאַרטרעטערינס... בלויז דאָ האָבן מיר נאָך איין צרה... דו, וויעטראָוו, מעגסט טאַנצן, ווי דער רוח אויף אַ פּאַטעלניע, — איך האָב מיך שוין דערקליבן צו דיר: היינט אויף דער פרויען-פאַרזאַמלונג וועל איך דיך שוין ווי עס געהער צו זיין אַרומצופּן... פאַר דיין ווייב איז מער נישט קיין אָרט אין דער קאָמונע...

ווי ער וואָלט גאָרנישט געהערט מיינע רייד, האָט וויעטראָוו פּלוצלינג זיך פאַרהאַלטן און געגומען איינהערן — אין זיך אַליין אָדער אין הודזשעריי פון דעם טראַקטאָר-מאָטאָר. דערנאָך אומ-געריכט זיך אויסגעדרייט שוין ביי דער סאַמע טיר פון עסצימער. אין בלייז צווישן קאָרפּוס האָט זיך רויט געצייכנט מיט זיינע פרישע ציגל-שיכטן דער הויכער בנין פון דער עלעקטראָסטאַנציע. ער האָט, מסתמא, נישט אויסגעהאַלטן און זיך געלאָזט גיין אַהין. אויך מיר זענען פאַרוואונדערטע שטיין געקליבן און זיך איבערגע-קוקט; הייסט עס, אַז דער מענטש פילט זיך שוין זייער שלעכט, אויב ער דערלויבט זיך אויף אַזעלכע משוגנהדיקייטן אין זיין האַנדלונג. ער איז געגאַנגען ציזאַמען מיט אונז אין קאָלעקטיוון עסצימער אַריין, כדי צו באַקוקן די נייע איינריכטונגען — דאָרט האָבן געוואַרט אויף אונז די באַלמעלאָכעס. אין פאָרצימער זענען איינגעפּירט געוואָרן וואַש-בעקנס, קראַן-אייזנס צום רייניקן די שיך פון דער בלאָטע, עס זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן הענגערס,

נייע טישן, אַ ראַדיאָ. מען האָט געדאַרפט קאָנטראָלירן עטלעכע אויסבעסערונגען אין קיך. לושאַ האָט זיך זייער באַאומרויִקט וועגן די שיינע באַצירונגען אין עסצימער — קינסטלעכע (איר אייגענע אַרבעט) בלומען אויף די טישן און ווענט, לעבעדיקע געוויקסן, בילדלעך, און פאָרהענגלעך אויף די פענסטער. נאַטאַשאַ האָט געשמייכלט כיטרע, מיט רוגזה, בייז־להכעיסדיק.

— ניין, איך וועל שוין וויעטראָוון נישט שוינען. אים דאַרף מען אַזוי אַ טרייסל טון, אַז ער זאָל דערפילן... דאָס איז אַ שטיקל אַרבעט...

די טשושקינאַ האָט אים שטרענג און ברוגזדיק נאָכגעקוקט.

— אוי, מיידלעך, ביי אים איז שוין טאַקע דערגאַנגען ביזן לעצטן... און מיר — זענען אויך גאָלד! וואָס האָבן מיר געוואַרט און אָפּגעקומען מיט אויגן־גלאָצעניש? מען האָט שוין לאַנג געדאַרפט זיך צו אים אַ נעם־טון.

איך האָב שאָדנפריידיק אויפגעהויבן אַ פינגער.

— טשושקינאַ, דו שווייג בעסער. געדענקסט, ווער עס איז אַרויסגעטרעטן קעגן דעם אויף דער פרויען־פאַרזאַמלונג? ווער האָט מיך באַשולדיקט אין היציקייט? ווער האָט פאַרשטראָכן מיין מעלדונג?

זי האָט אין פאַרלעגנהייט גענומען מרוגען מיט די אויגן און פאָכען מיט די הענט, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט פאַרשטעלן מיט זיי פאַר מיינע פאָרוואורפן.

דאָס איבעררייסן

נישט לאַנג צוריק האָט וויעטראָוו זיך איבערגעצויגן פון ווייב אין צווייטן קאָרפוס אַריין, אין אַ קליין פינסטער קעמערל, וואָס איז ענלעך צו אַ קאַסטן. אַריינגיין אַהיים פלעגט ער בלויז צו די קינדער, מיטן ווייב רעדט ער נישט און האַלט זיך מיט איר

ווי אַ פרעמדער. דאָס האָט שטאַרק אויפגערודערט די גאַנצע קאָמונע. עטלעכע טעג כסדר האָט מען געהאַלטן אין איין רעדן וועגן וויעטראָווס שריט און זיך געריכט אויף עפּעס אומאָנגענעמע געשעענישן. אפילו אין לייען־זאַל, אין געשאָרך פון די צייטונגען און זשורנאַלן, האָבן מענטשן אויך גערעדט וועגן די וויעטראָווס און זיך געשפּאַרט וועגן דעם, ווי אַזוי די זאַך וועט זיך פאַרענדיקן: אַלע זענען געווען איינשטימיק, אַז אַניסיאַ מאַטוויעוונאַ פאַרברענגט אירע לעצטע טעג אין דער קאָמונע. דער האַס צו איר האָט זיך שוין אָפן אַרויסגעריסן, און דאָס יונגוואַרג האָט כסדר געפירט וויכּוחים און געפאָדערט שטורמיש, מען זאָל זי גלייך אַרויסטרייבן פון דער קאָמונע. מען האָט געשמועסט צווישן זיך אָפן, אָן זשענירונג, ווען עפּעס געהיימע שפּיצלעך אירע, וועגן אירע אָפּטע אויספלוגן אין דאָרף אַריין, וואו זי פאַרברענגט צו עטלעכע טעג ביי איר פאָטער, וועלכער איז נאָך דער מלחמה און דער הונגער־צייט שטאַרק אויסגעוואַקסן. עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן אַ געוויסע קרובהשע פאַרבינדונג צווישן איר פאָטערס פאַמיליע מיט די בוראַקאָווס, און אַז זיי האָבן עפּעס בשותּפותדיקע געהיימע אינטערעסן. מסתּמא איז דאָך אַניסיאַ מאַטוויעוונעס גיין אַהין נישט בחינם: זי — איז אַ געווער אין זייערע הענט אין קאַמף מיט דער קאָמונע — זי שפּיאָנירט, פירט אַ שעדלעכע אַרבעט און וואַרפט זיך בכּיוון נישט אונטער די געזעצן פון דער קאָמונע: זי גייט נישט אויף קיין אַרבעט, גיט נישט אָפּ די קינדער אין דער קינדער־היים, מיידט אויס דעמאָנסטראַטיוו די פאַרזאַמלונגען און ווייזט זיך נישט אין קאָלעקטיוון עסצימער. דאָס איז נישט אירס קיין פערזענלעכער קאַפּריז, נאָר אַזאַ אויסגעאַרבעטער סיסטעם. מען האָט זיך דערמאַנט אָן דער פאַראַיאָריקער מגפה צווישן די חזירים, אָן דער שׂרפה, וואָס איז נישט לאַנג פאָרגעקומען אין מלבּושים־שייער, אָן געוויסע מאָדנע קראַנקייטן צווישן די קאָמונאַרן. וויפיל אמת עס איז אין דעם געווען — איז שווער צו זאָגן: קיין באַווייזן זענען נישט געווען, נאָר די גערעדערייען האָבן אויפגערעגט און געהעצט.

איך האָב מיך צוגעהערט צו די אַלע שמועסן און מיר אַליין איז געוואָרן אומהיימלעך: נישט ווילנדיק האָט זיך געגלוסט צו גלייבן אין דידאָזיקע קלאַנגען, ווייל איך האָב געזען, אַז די פרויען און מענער — באַזונדערס די פרויען — צווייפלען נישט אין דער וואָרהאַפטיקייט פון דידאָזיקע פאַקטן. עס האָבן אויך געגלייבט די טשושקינאַ און לושאַ. בלויז נאַטאַשאַ האָט רעטזעלהאַפט געשמייכלט און געזאָגט פאַרנעפלט:

— שוין צו שטאַרק ווילן אַלע, אַז די וויעטריכאַ זאָל זיין אַ פאַרברעכערין. זי איז נאַריש און פחדנותדיק, ווי אַ מויז: זי בייסט טאַקע, נאָר אָן אַ זין.

און איך האָב מיך נישט געקאָנט משער זיין, — צי נאַטאַשאַ גלייבט טאַקע אין דידאָזיקע גערעדערייען אָדער זי האַלט זיי פאַר רכילות.

אין ראַט איז באַשלאָסן געוואָרן צוצונעמען ביי דער וויעטראָוואַ איר פּאָרציע, און צייטווייליק אַרויסצוגעבן עסן פון דער קיך בלויז פאַר די קינדער. נאָר זי איז אין דער קיך אַריין נישט געקומען און וויעטראָווו האָט אַליין אַהיימגעטראָגן דאָס עסן פאַר די קינדער. אין דער היים האָט אַניסיאַ מאַטוויעוונאַ איבערגעקערט די כלים מיטן עסן און אונטער די קולות פונם עלטערן יינגל מיט אַ ווילדן כעס זיי אַרויסגעקאָפּעט אין קאָרידאָר אַריין.

— דו ביסט שוין, דאַכט זיך, אינגאַנצן משוגע געוואָרן. וואָס ווילסטו מיט דעם אויספירן? וואָס איז דער חילוק?

— זאָלן זיי, די ממזירים, פון הונגער אויספגרן. דו האָסט אָנגעהויבן, און איך וועל פאַרענדיקן.

— הונגערן — קאָנסטו אַליין! איבער די קינדער האָסטו נישט צו זאָגן: זיי זענען דאָס אייגנטום פון דער קאָמונע. מיר וועלן זיך שוין אַן עצה געבן, זיי צו באַפרייען פון דיין אפּוטרופּסות.

— אַך, דו!... איר האָט אַ גאַנץ יאָר נישט געקאָנט, וועט

איר אַצינד אוודאי נישט קאָנען. מיט די אייגענע הענט וועל איך זיי דערשטיקן, אַליין פגרן, און פון די הענט נישט אַרויסלאָזן. דאָס גאַנצע דאָרף וועל איך אויפבוונטעווען. דו האָסט אַ תל גע־מאַכט פון מיין לעבן, דו האָסט צעשטערט אונזער פאַמיליע־נעסט. ווי אויף אַ פאַרברעכער קוקט אויף דיר דאָס גאַנצע דאָרף. אַלע האַסן דיך.

וויעטראָוו האָט זיך באַמיט מיט אַלע כוחות צו האַלטן רויק.

— וואָס איז דער חילוק ? דיינע יעלות זענען אומזיסט. שוין מאָרגן וועלן מיר דיך אַרויסוואַרפן, ווי אַ הונט. דיך אָפּפאַרטיקן איינס־צוויי.

— מיך ?... מיך ?... אין בלוט וועל איך אָפּגיין, און אויף להכעיס נישט אַוועקגיין. דיר דאָס לעבן פאַרביטערן. אייער באַנדע קיין רו נישט געבן !

און זי האָט זיך צעיאָמערט אין בייזער פאַרצווייפלונג.

— וואו איז מיין יוגנט ? וואו זענען מיינע חלומות וועגן אַ גליקלעכן פאַמיליע־לעבן ? אַלץ האָבן זיי אויפגעפרעסן, אַלץ צע־טרעטן, די טייוולאָנים, די וויסטע שלעפּערס ! גאָרנישט איז גע־בליבן. צי וועגן אַזאַ לעבן האָב איך געחלומט... צי אויף דעם האָבן מיינע טאַטע־מאַמע פאַר מיר געליטן ? צי דאָס האָב איך דער־וואַרט פון דיין פאַרשאָלטענער קאָמונע ? פאַר דעם לייד איך אַצינד אַ שטראָף אויף מיין גאַנץ לעבן.

און זי האָט זיך צעשריגן, ווי אַ דיבוק.

— ניין !... איך וועל מיך דערוואַרטן ! בשום־אופן נישט אַוועקגיין... נאָך דערלעבן... ווי שעפּסן וועט מען אייך אַלע אויס־קוילן. און אַ שטיין אויף אַ שטיין נישט איבערלאָזן... אפילו דאָס אָרט דאָ וועט פאַרשאָלטן זיין...

— נו, בירגערין, מיט דעם וועסטו אונז נישט אָפּשרעקן. מיר זענען אויך נישט קיין נאַראָנים. אַזעלכע, ווי דו, ליקווידירן מיר שנעל. די תפיסה איז נישט ווייט.

— דראָע נישט! עס איז נישטאָ אויף דער וועלט קיין ער־גערע תּפיסה פון אייערער. דראָע נישט!

— מען קאָן אין תּפיסה איינזעצן. וואָס איז דער חילוק? מען קאָן אויך פאַרשיקן. און צוליב היימלעכקייט — אויך דעם טאַטן דיינעם מיט בוראַקאָוון. דאָרט וועט אייך זיין באַקוועמער. איך האָב מיך געגוג געלאָזט ביי דער נאָז אַרומפירן. איך האָב גע־ליטן פון דיר נישט איין יאָר. גענוג! און אפשר וועסטו חרטה קריגן?

ער האָט זיך מער נישט צוגעהערט צו אירע געשרייען און איז אַוועקגעגאַנגען.

די לעצטע צייט האָבן אָנגעהויבן פּאָרקומען אויסטערלישע זאַכן. איינמאָל אינדערפרי האָבן מיך אויפגעוועקט טומלדיקע קולות הינטערן פענסטער. מענטשן זענען געלאָפן איבערן טראָטואַר, און זייערע געשרייען האָבן אומקלאָר און דערשראָקן זיך אָנגעשלאָגן אין די שויבן פון מיין פענסטער. אין קאָרידאָר האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּן פון טירן און טופּען פון שטיוול איבערן דיל.

הויך האָט אָפּגעקלונגען דער עכאָ פון די קולות, נאָר די ווערטער זענען זיך צעשוואומען און פאַרטרונקען געוואָרן אין זייער אייגענעם אָפּקלאַנג און אין גערויש פון די טריט. עמעצער האָט געלאַכט, עמעצער האָט שטאַמלדיק זיך געזידלט. איך בין אַראָפּ פון בעט אַ פאַרצאַפּלטע און איבער עפּעס מיט אַ פאַר־שטאָרבן האַרץ באַשלאָסן, אַז אין דער קאָמונע האָט אויסגעבראָכן אַ שרפה (מיר האָט זיך אפילו געדאַכט, אַז איך שפּיר דייטלעך דעם ריח פון טשאַד) און אַז אונטערגעצונדן האָט די וויעטראָוואַ. איך האָב ווי ס'איז געכאַפּט אויף זיך אַ קליידל מיטן פאַלטן און אַרויסגעלאָפן פון קאָרידאָר. מענטשן זענען געלאָפן אין הינטערשטן הויף אַריין, צום סאַד, אָבער איך האָב נישט באַמערקט נישט קיין רויך און נישט געפילט קיין ריח פון אַ טשאַד. דער הימל איז געווען לויטער, בלוי און זייער הויך. אין דער ווייטקייט האָט

זיך אַלץ געזען קלאָר און דייטלעך. די בערגלעך זענען געווען איינגעהילט אין טיפן גרינס פון דער ווינטער־תבואה, און כאָטש איך האָב נישט געזען קיין וואָלקנס, האָבן איבער די בערג, ווי פלעקן פון אַש־קאָליר, זיך געטראָגן דיזיקע שאָטנס. הינטער די קאָרפּוסן — דאָרט, וואו עס זענען אין רייען געשטאַנען אויסגע־שטעלט די בינשטאָקן און עס האָט ווי אַ טויבנשלאַק געסטאַרטשעט אין דער הייך דאָס מעטעאָראָלאָגישע ביידל, — זענען פאַרזאַמלט געווען גרופּעס קאָמונאַרן, וואָס האָבן הויך גערעדט צווישן זיך. פראָכאָר איז, אַ צעשויבערטער און בייזער, געלאָפן מיט אַ טשאַטע קינדער אין דער ווייטנס און געפאָכעט מיט די הענט. די בינשטאָקן האָבן אין אומאָרדנונג זיך געוואַלגערט אויף דער ערד, ווי צע־בראָכענע קעסטלעך, און די בינען האָבן אין גסיסה באַדעקט זייע־רע ווענטלעך, ווי אַ צרעת. וויעטראָוו האָט צוזאַמען מיט אַנדע־רע קאָמונאַרן זאָרגפעלטיק און שווייגנדיק צוריקגעשטעלט די בינ־שטאָקן אויף זייער אָרט. זיין פּנים איז געווען שטרענג און רויק. די מענטשן האָבן געוואָרפן כמורנע בליקן אויף דער וואַנט פון קאָרפּוס, האָבן שווער געזיפצט, און זייערע פּנימער זענען געווען מרה־שחורהדיק.

דוניאַ האָט געשריגן הויך און אויפגערעגט:

— דאָס איז דער וויעטריכאַס אַרבעט... דאָס האָט זי, דאָס פאַרשיווע שטיק, אָפּגעטון... נו, נו, זייט נאָך געדולדיק... לאָזט איך נאָך קריכן אויף די קעפּ... איך וואָלט זי ביי די קודלעס אָנ־געכאַפּט און אַרויסגעשלעפּט אויפן פרייען פעלד...

פלוצלינג האָב איך דערזען, אַז דער באַראָמעטער פעלט אויפן סלופּ. איך בין צוגעלאָפן צום ביידל, אַרויפגעקראָכן אויפן לייטערל, כדי צו זען, צי אַלץ אין קעסטל הינטער דער פאַר־צוימונג איז אין אָרדענונג. און דאָ האָב איך פון דער הייך באַ־מערקט, אַז דער באַראָמעטער וואַלגערט זיך אַ צעבראָכענער אויף יענער זייט פּלויט פון סאָד: עס איז געווען קענטיק, אַז מען האָט אים אין נקמהדיקער פאַרצווייפלונג פאַרביסן געטרעטן מיט די פיס.

פון לייטערל האָב איך געוואָרפן אַ בליק אויפן פענסטער פון קאָרפוס און אין שוואַרצן קוואַדראַט פון דער שויב זיך באַגעגנט מיט דער גרינער, בייניקער מאַסקע פון דער וויעטראָוואַס פנים. זי האָט געקוקט בלויז אויף מיר, און איך בין שנעל אַראָפּגעלאָפן אויף דער ערד. און אין יענעם אויגנבליק, ווען איך האָב מיך צונויפגעטראָפן מיט אירע פאַרבלאָזטע אויגן, האָב איך איבלדיק, מיט קאַלטער שרעק דערפילט, אַז אָט דידאָזיקע גאַנצע חורבה האָט זי דאָס אָנגעמאַכט. און ווען איך האָב נישט ווילנדיק ווידער געוואָרפן אַ בליק אויפן פענסטער, האָב איך דערזען, ווי די וויעטראָוואַ שאָקלט איבער עפּעס צו מיר מיטן קאָפּ און שטשירעט די ציין.

יענעם גאַנצן טאָג זענען די קאָמונאַרן געווען באַזונדערס שוויַיגנדיק און האָבן וועגן דער געשעעניש גאָרנישט גערעדט.

אין אַ טאָג אַרום איז ווידער פּאָרגעקומען אַ געשעעניש, און אָט די געשעעניש איז שוין אויסגעגאַנגען צו מיין קאָפּ. אין אָוונט האָב איך מיך אומגעקערט אַהיים נאָך אַ פאַרצויגענער זיצונג אין ראַט. דער קאָפּ האָט מיר וויי־געטון און עס האָט זיך מיר זייער געוואָלט שלאָפן. אויף די שטיגן האָב איך מיך פּלוצלינג צונויפגעטראָפן מיט עפּעס אַן אומגעלומפּערטער פיגור. די פיגור האָט מיר מיט אַ שטאַרקן כוח אַ שטויס־געטון אין דער ברוסט, און איך האָב מיך ווי אַ קנויל אַראָפּגעקאָליערט פון אַלע שטיגן. איך האָב ווייטיקלעך מיר אַ קלאַפּ־געטון אין אַ פוס און ביז בלוט זיך צעקלאַפּט די באַק. ווען איך בין צו מיר געקומען און זיך אויפגעהויבן, איז קיינער אַרום מיר נישט געווען, נאָר ערגעץ ווייט האָט אַ סקריפּע־געטון און זיך פאַרהאַקט אַ טיר. מיט אַן אומרויִק פאָרגעפיל האָב איך מיך געלאָזט לויפן אין מיין צימער אַריין. דעם לאָמפּ אויפן טיש האָב איך נישט געפונען, נאָר גלייך דערפילט, אַז אויפן טיש און אומעטום איז אַן אומאָרדנונג. איך האָב אַרויפגעטרעטן אויף עפּעס שאַרבנדיקס, און עס האָט גלייך געפּלאַצט און זיך צעשיט אונטערן שוך. די שוועבעלעך פלעג איך שטענדיק טראָגן אין קעשענע, כדי איך זאָל זיי נישט

דאַרפֿן זוכן צווישן די זאַכן, ווען איך וועל מיך אומקערן אַהיים. אַזוי ווי איך בין אָבער געווען זייער אויפגערעגט און צעטראָגן, האָב איך לאַנג נישט געקאָנט אָנצונדן קיין פייער. און ווען דאָס שוועבעלע האָט שוין ענדלעך אויפגעפלאַקערט, האָב איך מיין צימער נישט דערקענט: אַלץ איז געווען אויסגעמישט אין איין קופע. אַלץ איז געווען אַראָפּגעוואָרפן אויף דער ערד, צעטרעטן, צעריסן. דער לאָמפּ איז געלעגן ביי דער שוועל, און אַ פּע- טער שוואַרצער פלעק פון דעם אויסגעגאָסענעם נאַפט איז זיך צעפלאָסן אין אַ האַלב-ראָד מיט פראַנזן. דאָס בעטגעוואַנט האָט זיך געוואַלגערט אונטערן טיש, און פון קישן, ווי פון אַן אויפ- געטרענטן בויך, זענען אַרויסגעקראָכן די פעדערן און דער פוך, ווי שמוציק אינגעוויד. מיך האָט איבער עפּעס באַהערשט אַ שווער געפיל פון איינזאַמקייט אין דערדאָזיקער פאַגראָמירטער נעסט מיינער. איך בין אַרויסגעלאָפן אין קאָרידאָר אַריין און מיט שרעק אָנגעקלאַפּט אין לושעס צימער. זי האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל נאָך מיט האַלב-צוגעמאַכטע אויגן, אַ פאַרשלאָפענע, און נאַריש-שמייכלענדיק געקוקט אויף מיר אַ שוויגנדיקע און צעשראָקענע.

– לושאַ, טייבעלע!... ביי מיר – איז אַ חורבה... מען האָט זיך אַריינגעריסן, פאַגראָמירט, און אַלץ איבערגעדרייט מיטן קאָפּ אַראָפּ...

זי האָט אויסגעסטאַרטשעט אירע ליבע אויגן, און זיי זענען פלוצלינג געוואָרן פול מיט שרעק.

– שוועסטערל!... וואָס איז דאָס אַזוינס?... ווער האָט עס דיר געטון?... ביסט דאָך אינגאַנצן פאַרבלוטיקט... טאַטעלעך מיי- נע!... האַרצינקע מיינע!...

און פון דעמדאָזיקן אויסגעשריי אירן האָב איך גלייך דער- פילט אַ שאַרפע ווייטיק אין דער באַק.

לושאַ האָט גענומען איר לאָמפּ, און מיר זענען ווידער אַריינגעגאַנגען אין מיין צימער. זי האָט אַוועקגעשטעלט דעם

לאָמפּ אויפן טיש און זיך געגעבן אַ זעץ אַוועק אויף אַ טאַ־בורעטקע.

— דאָס — איז זי... דאָס האָט זי געטון, שוועסטערל... די וויעטריכאַ...

לושאַ האָט אויך געקוקט אויף מיר מיט שרעק.

אויף היינט איז באַשטימט געוואָרן צונויפצורופן אַן אויסער־געוויינטלעכע פאַרזאַמלונג פון דער קאָמונע, אויף וועלכער עס זאָל באַשלאָסן ווערן דער גורל פון דער וויעטראָוואַ. נאָר פּלוצ־לינג איז ביי זיי קראַנק געוואָרן אַ קינד. וויעטראָוו האָט גלייך געשיקט נאָכן דאָקטאָר, אָבער אַניסיאַ מאַטוויעוונאַ האָט איבער־געלאָזט דאָס קינד ביי דעם זעקס־יעריקן ייִנגל און איז באַלד אינ־דערפרי אַוועקגעגאַנגען אין דאָרף אַריין.

אַ קאָמישע טראַגעדיע

דאָס אַלץ האָב איך מיך דערמאַנט, נאָכקוקנדיק וויעטראָוון, ווען ער איז אַוועקגעגאַנגען. ער איז געווען אי שטאַרק, אי הילפס־לאָז. מיר איז געווען אַ רחמנות אויף אים, און אי אַ געפיל פון שטאָלץ האָט אין האַרץ געציטערט פאַר זיין שטאַרקייט, אי עס איז שווער געווען צו באַקעמפן דעם ווידערווילן צו אים פאַר זיין הילפסלאָזיקייט.

פון הינטערן ראָג פון קאָרפּוס, קווער אַקעגן אים, איז געגאַנגען, פלאָטערנדיק זיך צווישן די פאָלעס פון זיין מאַנטל, אַ דאַרינקע פּאָפּל אין אַ צעקנייטשטן, שוואַרצן קאַפּעלוש, מיט צע־שויבערטע, ווייבערישע האָר־פּאַסמעס און אַ גרוילעך בערדל. ער איז געגאַנגען צוזאַמען מיט אַניסיאַ מאַטוויעוונאַ אויך אַזוי ווייבעריש, ווי זי, מיט וואַקלדיקע, דראָבנע טריטעלעך, ווי ער וואָלט געטרעטן בלויז אויף די פינגער. ער האָט געהאַלטן צוגע־דריקט צו דער ברוסט עפּעס אַ פּעקעלע און עס פאַרשטעלט מיטן

ברייטן אַרבל. אַניסיאַ מאַטוויעוונאַ איז געגאַנגען לעבן אים, אַ חוצפּהדיקע און דרייסטע, אַרויסשטופּנדיק דעם בויך פאָרויס, און אירע אויגן אין האַרטן, קנאָכיקן פּנים האָבן געברענט מיט האַס און איינזאַמקייט.

וויעטראָוו איז פּלוצלינג שטיין געבליבן, ווי ער וואָלט געקריגן אַ פּאַטש אין פּנים, און אינסטינקטיוו אָנגעהויבן צו מאַכן מיט די הענט. ביי מיר האָט זיך דער קאָפּ פאַרדרייט און דאָס האַרץ האָט אָנגעהויבן האַסטיק צו קלאַפּן.

— וואָס איז דאָס ווידער פאַר אַן אָנשיקעניש!... עס וואַגן נאָך דאָ אַהער זיך אַריינצורייסן פאַרשידענע נישטן!...

אָבער די טשושקינאַ האָט מיך אָנגעכאַפּט ביים אַרבל און אַ צי-געטון צו זיך. איך האָב מיך אומגעקוקט און נישט ווילנדיק אונטערגעגעבן. איר פּנים איז איינגעפאַלן און פאַרשפּיצט גע-וואָרן, ווי ביי אַ קראַנקער. זי איז אינגאַנצן אַזוי ווי איינגע-שרומפּן געוואָרן, און שטרענג און מיט טיפער טרויעריקייט, ווי אַ מאַמע, גענומען קוקן אויף דידאַזיקע מענטשן. לושאַ, מיט גע-עפנטע ליפּן און שטאַרקער נייגיריקייט אין די אויגן, איז אינ-גאַנצן אַזוי ווי פאַרשטאַרבן געוואָרן. נאַטאַשאַ האָט געשמייכלט רויק, ווי זי וואָלט שוין לאַנג געוואַרט געוועזן צו אַזעלכע סיורפּריזן. נאָר איך בין אַ צעטראָגענע אַרומגעלאָפן צווישן מיינע חברטעס און זיי געהאַלטן אין איין שטויסן אין די פּלייצעס.

— טשושקינאַ, וואָס איז דאָס אַזוינס? וואָס שטייסטו? נאַ-טאַשאַ, איך קאָן נישט...

— קאָן-זשע יאָ... עס טרעפן זיך אַזעלכע זאַכן... שטער כאָטש נישט: לאָז אַ ביסל זיך ווייזן...

די טשושקינאַ האָט מיך ווידער אָנגעכאַפּט ביים אַרבל און צוגעטשעפּעט צו זיך, נישט אָפּווענדנדיק די שטרענגע אויגן פון פּאָפּל, ווי זי וואָלט מיך געוואָלט אָפּהיטן פון עפּעס אַן אומגליק.

— וואַרט נאָר, האַליאַ... טו נישט קיין נאַרישקייטן, טייערע...

און פלוצלינג האָט זי זיך אויסגעגלייכט, מעכטיק אַרויס־געשטעלט די ברוסט פאָרויס, זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן מיטן בליק פון אַ שוויגער און מיט אַ פינגער זיך אויסגע־ווישט די ווינקלען פון מויל, ווי זי וואָלט זיך געגרייט אויף איר אייגענעם שטייגער אַליין זיך אָפּצורעכענען מיטן פּאָפּל און אַניסיאַ מאַטוויעוונען.

נאָר וויעטראָוו איז לייכט און פריילעך צוגעגאַנגען צו זיי און זיי פאַרצוימט דעם וועג. ער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויפן ווייב און שטיין געבליבן פּנים אל פּנים מיטן פּאָפּל.

— וואָס דאַרפט איר דאָ, בירגער ?

וויעטראָווס קול איז געווען זאַכלעך און חוזקדיק. זיין שטערן האָט זיך שווער אָנגערוקט איבער די אויגן און דער קנייטש אין דער באַק האָט זיך איינגעשניטן ווי אַ שוואַרצע ליניע.

אַניסיאַ מאַטוויעוונאַס פּנים איז בלוי געוואָרן, ווי דאָס פּנים פון אַ מת. זי האָט זיך געפילט פאַרניכטעט דורך וויעט־ראָוון, וועלכער האָט זיך נישט גערעכנט מיט איר ; זי האָט נישט געקאָנט גובר זיין איר שרעק פאַר אים, נאָר איינציייטיק האָט דידאָזיקע שרעק אויפגעוועקט אין איר אַ געפיל פון ווידערשטאַנד : איך האָב מיך געריכט, אַז זי וועט אַ ליאַדע רגע זיך איינקלאַ־מערן אין אים מיט קראַמפּהאַפטע פינגער און אָפּשיילן זיינע מלבושים, שפייען אים אין פּנים אַריין און בייסן, ווי אַ הונט.

— וואָס ווילסטו, האַ ? גיי דיר דיין וועג, איך בעט דיך. גיי, ווי גאָט איז דיר ליב, און ברענג מיך נישט צו קיין נסיון. דאָס איז נישט דיין זאַך, און קיינער טשעפּעט דיך נישט... נו ?... גיי צו דיינע פריצהטעס — זיי וואַרטן דאָך אויף דיר. גיי, זאָג איך דיר, אַנדריי !

אָבער זי האָט דאָס געזאָגט מיט אָנשטרענגונג, אָן געשריי, ווי זי וואָלט איינגענומען וויעטראָוון, געבעטן אים, ער זאָל זי נישט באַאומרויִקן.

וויעטראָוו האָט זיך אויסגעדרייט צו איר מיטן רוקן און שאַרף געמומען קוקן דעם פּאָפּל אויף דער באָרד.

— יאָ... אַניסיאַ מאַטוויעוונאַ... אָפּצוריכטן אַ תּפילה... און דעם קינד די קאָמוניע צו געבן... זי זאָגט, עס איז זייער קראַנק...

— נו, וואָס־זשע דאַרף מען אייך דאָ?

דאָס פּאָפּל האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר ער האָט זיך פאַרקרעקט פון צעמישטקייט.

— איך מיין, אַז מען דאַרף זיין אַ חוצפּהניק אָדער משוגענער, כדי צו וואַגן צו באַטרעטן דידאָזיקע ערד. כ'האָב אייך שוין איין מאָל משלח געווען פון דאַנען — דעמאָלט האָט עס קיינער נישט באַמערקט. איך האָב אייך שוין אויך מתרה געווען, אַז דאָ איז פאַר אייך קיין אָרט נישט. איז דאָס נאָך אַלץ ווייניק פאַר אייך?

דאָס פּאָפּל האָט נעבעכדיק אַ שמייכל־געטון, דער אַרבל פון זיין מאַנטל איבערן פּעקעלע האָט געציטערט, נאָר ער האָט מיט אַלע כּוחות זיך באַמיט צו דערהאַלטן די ווירדע פון אַ גייסטלעכן. ער האָט געוואָרפן באַליידיקטע בליקן אויף אַניסיאַ מאַטוויעוונאַ, אָבער וויעטראָווס בליק האָט ער נישט אויסגעהאַלטן.

— פאַר מיר, אַנדריי סעמיאָניטש, — איז אַן אָרט אומעטום, וואו מען דאַרף דורכפירן אַ הייליקע דינסט. ווי אַ גייסטלעכער, קאָן איך מיך נישט אָפּזאָגן פון מיינע פליכטן. צו מיר איז מען געקומען מיט אַ דרינגלעכע בקשה, און איך האָב מיך אפילו נישט פאַרטראַכט... וואָס פאַר אַ גייסטלעכער וואָלט איך געווען, ווען איך וואָלט מורא געהאַט פאַר וועלכע ס'איז שטערונגען? און מענטשן נויטיקן זיך אומעטום אין גייסטיקער טרייסט און תּפילות.

וויעטראָוו האָט אים אויסגעהערט געדולדיק און קאַלט: זיין פּנים איז פאַרשטיינערט געוואָרן, ווי אַ מאַסקע, נאָר דער קנייטש אויף זיין באַק און די ליפּן האָבן געציטערט.

— אַלזאָ, זעליקער דינער פון קולט...

אַניסיאַ מאַטוויעוונאַ האָט פלוצלינג אומאָפהענגיק און שטאָלץ אָפגעשטופט מיטן אָרעם וויעטראָוון און מיט כבוד אַ נעמגעטון דאָס פאָפל אונטער דער האַנט.

— קום, פאָטערל, איך בעט דיך !... דאָס האָט צו קיינעם קיין שייכות נישט — דאָס איז מיין זאַך. אויב איך וויל מתפלל זיין און פאַר מיין נשמה אַ טרייסט געפינען, וועט קיינער נישט וואַגן מיר אין דעם צו שטערן.

דאָס פאָפל האָט שוין געוואָלט אויסמיידן וויעטראָוון צוזאַמען מיט אַניסיאַ מאַטוויעוונאַ, נאָר אַנדריי סעמיאָניטש האָט אים ווידער פאַרשטעלט דעם וועג.

— אַלזאָ, זעליקער דינער פון קולט. דרייט אויס די האָלאָבלעס צוריק, און מער זאָל דאָ אייער זכר נישט בלייבן. דידאָזיקע פרוי — איז נישט גערעכט : איר האַנדלונג ברענגט גרויס שאָדן דעם קאָלעקטיוו. די קאָמונע — איז פיינטלעך צו דער צערקווע, אַלערליי קולטן און געטער ראָטן מיר אויס אָנרחמנותדיק.

אַניסיאַ מאַטוויעוונאַ האָט געשלעפט דאָס פאָטערל פאָרויס. וויעטראָוו האָט נישט געלאָזט, און אים אָפגעשטויסן צוריק מיט זיין קאַלטן בליק. דאָס פאָפל, אַ בלייכער און פאַרלוירענער, האָט אי זיך געשראָקן, אי געוואָלט ווייזן, אַז ער קאָן נישט אָפטרעטן פאַרן באַפעל פון זיין געוויסן. אַניסיאַ מאַטוויעוונאַ האָט פלוצלינג פאַרלוירן די קאָנטראָל איבער זיך : זי האָט מיט אַן אויסדריק פון פיין און צאָרן אין די אויגן גענומען פאָכען מיט די הענט פאַר וויעטראָווס פנים :

— דו זאָלסט נישט וואַגן מיך צו לערנען, אַנדריי !... איך וועל בעסער שטאַרבן, איידער זיך אונטערגעבן !... דו האָסט מיך פאַרפייניקט... איך האָב שוין קיין כוח נישט, פאָטערל, קום !... קום, ליב פאָטערל !... איך וועל פגרן, ווי אַ הונט, אָן ווידוי און אָן גאָטס וואָרט... איך וועל פון זינען אַראָפּ, פאָטערל... העלף מיר, אין נאָמען פון כריסטוסן...

וויעטראָוו האָט זיך האַסטיק אַ דריי אויס געגעבן צו איר און פעסט זי אָנגעכאַפּט ביי די הענט. ער האָט זיך איינגעגראָבן אין איר מיט די אויגן, און איך האָב לויטן נאַקן, לויט זיין רוקן באַמערקט, אַז ער מוז אויסזען שרעקלעך. זי האָט זיך געוואָרפן אין זיינע הענט, ווי אין קאָנוואולסיע, און שיער נישט געפאַלן פון פאַר־מאַטערטקייט און נערוון־דערשיטערונג. דאָס פּאָפּל האָט זיך דערנענטערט צו איר און איר ליבלעך אַ גלעט־געטון איבערן קאָפּ.

— מען דאַרף נישט אַזוי פאַרצווייפלען, אַניסיאַ מאַטוויעוו־נאַ... מען טאָר נישט אַריינפאַלן אין אַזאַ כעס און איינהילן אין מרה־שחורה די נשמה... נישט מיט צאָרן געפינט מען רו פאַר דער נשמה, נאָר מיט אַלזייטיקער מחילה און ליבע... איך בין תמיד גרייט צו פאַרלייכטערן דיין צער...

וויעטראָוו האָט אויסגעדרייט צו אים דאָס פּנים און דאָס פּאָפּל האָט זיך דערשראָקן — איז אָפּגעטרעטן אויף אַ טריט צו־ריק און ווידער נעבעכדיק אַ שמייכל־געטון.

— גיי אַוועק פון דאַנען, פּאָפּ, אָבער שוין!... דו הערסט? טראָג דיך אָפּ צום טייוול, אויב די פעל איז דיר טייער...

די טשושקינאַ האָט זיך אָפּגעריסן, ווי פון אַ קייט: זי האָט אַ מאַך־געטון צו אונז מיט דער האַנט, און אַרויסשטעלנדיק די ברוסט, מיט אַ שטרענג פּנים זיך אַ לאָז־געטון צו וויעטראָוון, וועלכער איז געשטאַנען לעבן ווייב, צונויפדריקנדיק ווי מיט צוואַנ־גען אירע הענט. זי האָט זיך געקורטשעט פון ווייטיק און אַ האַלב־טויטע מאַנאָטאָן געקרעכצט:

— לאָז אָפּ!... לאָז אָפּ מיינע הענט!... אוי, ווי עס טוט וויי!... לאָז אָפּ, פאַרשאָלטענער, נידערטרעכטיקער מענטש דו!

די טשושקינאַ איז האַסטיק, אַ טרויעריק אויפגערעגטע, צוגעגאַנגען צו זיי און געוואָלט אָפּרייסן וויעטראָווס הענט פון די הענט פון זיין ווייב, נאָר זיי זענען געווען פאַרשטאַרט און אַזוי ווי איינגעוואַקסן אין איר לייב.

— וואָס מיינסטו מיט דיר, מאַמעלע, וואָס דו בונטעוועסט דאָ, האַ? וואָסער זינען האָט דאָס, האַ?...

און זי האָט זיך גענומען קלאַפּן אין דער ברוסט און אַרויפ־געלייגט די הענט אויף די היפטן. אַניסיאַ מאַטוויעוונאַ האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף איר: זי איז געווען אַזוי ווי פאַרחלשט.

— וואָס מיינסטו, אַז דו ביסט דאָ אַליין, טייבעלע? אייגע־נע געזעצן ווילסטו דאָ איינפירן אין דער קאָמונע? לאָז זי אָפּ, וויעטראָוו... אַצינד איז שוין נישט דיין זאַך זי איינצושטילן... אַצינד איז געקומען די צייט דורכצופירן אַ משפּט איבער איר... לאָז אָפּ, וויעטראָוו, זאָג איך דיר... דו הערטט?

אָבער אויך וויעטראָוו האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, ווי ער וואָלט פאַרשטיינערט געווען. ער האָט אַזוי קראַמפּהאַפּט און שטאַרק צונויפגעדריקט זיין ווייבס הענט, אַז אירע האַנט־געלענקען זענען בלוי אָנגעדראָלן געוואָרן און די אָדערן זענען גרייט גע־ווען צו פּלאַצן פון בלוט־דריק. זי האָט פאַרלוירן די כּוחות און איז אַ פאַל־געטון אויף די קני מיט אַ פאַרצווייפלט זיפצן.

איך אַליין — האָב געציטערט, נישט וויסנדיק פאַרוואָס. מיר איז בלויז קלאָר געווען, אַז אָט דער פאַרשאָלטענער קנופּ ווערט ענדלעך אויפגעבונדן. איך האָב מיט פאַרגעניגן אָנגעכאַפּט וויעטראָווס האַנט און אָנגעהויבן אַוועקרייסן זיינע פינגער. זיי האָבן געקנאַקט אין די געלענקען, אָבער ער האָט נישט געפילט קיין ווייטיק.

לושאַ האָט אויפגעהויבן אַניסיאַ מאַטוויעוונען אונטער די אָרעמס, און איר פּנים האָט נישט אויסגעדריקט נישט קיין פיינט־שאַפט, נישט קיין האַס צו איר.

— נו? שטיי אויף, שטיי אויף, אַניסעַנקאַ טייערע... קום מיט מיר. משולחת דו אונזערס, נשמה פאַרבלאָנדזשעטע!...

נאַטאַשאַ איז געשטאַנען אויפן זעלבן אָרט, וואָס פריער, און געשמייכלט רעטזעלהאַפט און גלייכגילטיק. אין דער טיר פון דער קיך איז געשטאַנען אַ גרופּע ווייבער, ענג צונויפגעדריקט אין אַ

קופּע, און געקוקט אויף אונז, ווי פאַרכישופטע, מיט פאַרגלי־ווערטע שמייכלען אויף די פּנימער. זיי זענען שוין געווען אַזוי דיסציפּלינירט, אַז זיי האָבן נישט אַריבערגעטרעטן די שוועל פון עסצימער. אויפן שול־גאַניק איז געשטאַנען פּראָכאָר מיט אַ טשאַ־טע קינדער. ער האָט מיט מאַטע, נאָר קלוגע אויגן פון אַ פילאָ־זאָף געקוקט אויף אונז פון אויבן אַראָפּ, ווי ער וואָלט דורכגע־פירט אַ פּראַקטישע לעקציע. ווען ער האָט זייטיק אָנגעוויזן מיט דער האַנט אין דער ווייטנס, האָב איך נישט ווילנדיק מיך אומ־געקוקט, און דערזען, ווי דאָס פּאָפּל, פלאָנטערנדיק זיך צווישן די פּאָלעס פון זיין מאַנטל, איז געגאַנגען צווישן די בנינים איבערן וועג און כסדר זיך אומגעקוקט, ווי ער וואָלט זיך גערוכט, אַז מע וועט אים צוריקרופן. די קינדער האָבן געפּאַטשט מיט די הענט און געשריגן, קייכנדיק פון געלעכטער.

די טשושקינאַ האָט פאַראָרדנט שטרענג און באַפעלעריש:

— גיי, וויעטראָוו, צו דיין אַרבעט. דאָ, ליבער, האָסטו נישט וואָס צו טון. מיר וועלן שוין אָן דיר מאַכן אָרדענונג... פירט זי אָפּ, מיידלעך, אַהיים. און מען דאַרף אַכטונג געבן אויף איר, אַז נישט וועט זי נאָך אָנמאַכן עפּעס אַ צרה...

אַניסיאַ מאַטוויעוונאַ איז שוין געווען מאַכטלאָז און אונ־טערטעניק: זי האָט פאַרלוירן דעם מוט און איז פאַרגליווערט געוואָרן.

עס האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט געדרימלט.

וויעטראָוו איז עפּעס אומבאַמערקט געקומען צו זיך און זייער רויִק, ווי ער וואָלט אַרויסגעגעבן באַפעלן וועגן דער ווירט־שאַפט, געזאָגט צו דער טשושקינאַ (בלויז די הייזעריקייט האָט פאַראַטן זיין אויפרעגונג):

— אויף דער היינטיקער פאַרזאַמלונג, טשושקינאַ, וועל איך אַליין אַרויסטרעטן.

— נו, גיי דיר, גיי... בריה דיך נישט... דו, טאַטעלע, וועסט אויך דיין חלק באַקומען... גיי, גיי !...

— איך וועל בלויז מעלדן...

— אַך, דו, אָרגאַניזאַטאָר!... וואָס האָסטו געמאַכט פון דיר... טפש וואָס דו ביסט!...

אַניסיאַ מאַטוויעוונע האָט אַהיימגעפירט לושאַ אַליין: איך האָב מיך נישט אַנטשלאָסן צוצוגיין צו דערדאָזיקער פרוי — כ׳בין מודה, איך האָב מורא געהאַט. אירע אויגן, מאַטע, מיט אַ באַהאַלטן פייערל פון צאָרן, האָבן אויסגעזען שרעקלעך: דידאָזיקע אויגן האָבן נישט מוחל געווען. אַזעלכע אויגן — האָבן נאָר פאַריביסענע שונאים, פאַנאַטיקער און פאַרברעכער.

אַ שטאָלצע פערזענלעכקייט

עס איז געקומען צו פאָרן מיכאַל מיכאַליטש, ער האָט באַטראַכט וויעטראָווס קינד. ער איז אַרויסגעקומען פון קאָרפּוס אַ בייזער, געקלאַפּט מיטן שטעקן איבער דער ערד און געשריגן אויף וויעטראָוון און אויף דער טשושקינאַ.

— איך בין נישט אייער משרת: פאַר שלעפּן זיך אַהער יעדן טאָג — דאַנק איך אייך. איר ווילט איבערפירן דאָס קינד אין שפּיטאָל אַריין — איז ביטע זייער. איר ווילט נישט — קאָנט איר אייך לאָזן אַלע קינדער אויסשטאַרבן. איר מיינט, בירגער, אַז דאָס איז עפּעס אַ שפּאַס? שקאַרלאַטין — איז אַזאַ חיה, אַז זי וועט יעדן אכזריותדיק דעם האַלז איינבייסן. זי וועט אויך קיין דערוואַקסענע נישט שוינען. איר רופט דאָס אָן קאָמונע, און האָט אפילו נישט קיין איזאָלאַציע-צימער. איר שלעפּט זיך אַרום איבער די דערפער... צו וועלכע שוואַרצע יאָר? די עפּידעמיע בושעוועט דאָרט, און איר האָט אפילו קיין קלער נישט געטון וועגן אימפּונג, וועגן דיזענפעקציע... נו? וואו איז אייער קולטור, וועגן וועלכער איר טרומייטערט איבערן גאַנצן קרייז? איר וועט אַזוי גוט זיין גלייך פאָרן מיט מיר... נעמט מיט דאָס קינד, ברענגט

אַראָפּ פון דאָרט אַ פעלדשער, זאָל ער גלייך צוטרעטן צום אימפן...

וויעטראָוו איז שוין ווידער געווען, ווי זיין שטייגער איז, קאַלט, זאַכלעך און רויִק. ער האָט, ווי אַן אומבאַקאַנטער, אַ בליק־געטון אויף מיר מיטן קאַלטן אָפּגלאַנץ פון זיינע אויגן, און האַרט אויסגעהאַקט זיינע ווערטער, ווי מיט אַ האַק:

— דאָס איזאָלאַציע־צימער וועט היינט זיין פאַרטיק. די אַפּטייק איז פאַרזען מיט אַלעם נויטיקן. איך בעט צוצושיקן אַ קראַנקן־שוועסטער. אגב, עס איז פאַר אייך און פאַרן פעלדשער באַשטימט געוואָרן אַ פּראָדוקטן־פּאָרציע. איר קאָנט זי באַקומען.

דער דאָקטאָר איז רויט געוואָרן און האָט אַ פאָכע געטון מיטן שטעקן.

— וואָס? איז לויט אייער מיינונג, קום איך דאָ אַהער צו אייך צוליב דער פּאָרציע? איר ווילט מיך איבערקויפן מיט דער פּאָרציע? איר מיינט, אַז איך בין איינער פון יענע מנוולים, וואָס מען רופט זיי כאַבאַרניקעס? צום טייוול! מער וועט איר דאָ מיין פנים נישט זען. מיך באַליידיקט מען דאָ.

וויעטראָוו האָט מיט דער זעלבער האַרטקייט און רויִקייט, נאָר מיט אַ שטרענגן אויסגעשריי אים איבערגעריסן:

— וואָס איז דער חילוק, דאָקטאָר? איר רופט בעסער צו אָרדענונג אייער שטעקן: דאָ זענען נישטאָ קיין הינט. קיין שוחד גיבן מיר נישט קיינעם. די פּאָרציע פאַר די מעדאַרבעטער*) און פאַרן אַגראָנאָם, ווי פאַרן דינסט־פּערסאָנאַל, איז באַשטימט געוואָרן דורכן ראַט פון דער קאָמונע.

— און איך וויל מיך נישט דערנידעריקן — צו נעמען ביי אייך נדבות. איך — בין נישט קיין בעטלער. איך — בין אַ דאָקטאָר. איך בין מחויב מקריב צו זיין פאַר אייך מיין לעבן, מיין

*) מעדיציניש אַרבעטער (ב. פ. א.).

פרייהייט, מיין פערזענלעכע רו... פארשטאנען ? איך בין מחויב ! איך מוז, ווי אַן אייזל, טראָגן דידאָזיקע מאַסע מיין גאַנץ לעבן, טאָג־איין, טאָג־אויס... איך בין מחויב... יאָ, איך בין מחויב... מקריב צו זיין פאר אייך... מיין לעבן...

ער האָט זיך געוואקלט, ווי אַ שיכּורער, קאַפּריזעוועט, חוזק געמאַכט אי פון זיך, אי פון וויעטראָוון. נאָר וויעטראָוו איז גע־ווען רויִק און האָט קאָנצענטרירט געטראַכט וועגן עפּעס אייגנס. בלויז זיינע מוסקולן אויף די באַקן זענען געווען אָנגעשטרענגט: די ציין ביי אים זענען, משמעות, געווען אַזוי צונויפגעדריקט, אַז זיי האָבן אַזש געקריצט.

די טשושקינאַ, מיט איר געוויינטלעכער שטאָלצער חוצפּה, אַרויסשטעלנדיק די ברוסט פאָרויס און אַרויפליינגנדיק די הענט אויף די היפטן, איז קריגעריש אַרויסגעטרעטן קעגן מיכאַל מיכאַליטשן.

— וואָס נעמסטו דיך אַזוי איבער, פּאָטערל ? וואָס פּאָכעסטו אַזוי מיטן שטעקן, ליבינקער ? דיר גיט מען דאָ אָפּ כּבוד, ווי אַ מענטש, און דו כוליגאַנעוועסט ?... וועסט דאָך באַלד עמעצן מיט דיין דרענגעל די נאָז אָפּהאַקן... פון מיינעטוועגן — קאָנסטו פּגרן, און דיין זאַך מוזסטו טון, אויב דו ביסט אויף דעם באַשטימט געוואָרן... ביי אונז, פּאָטערל, שעצט מען אַ מענטש נישט לויטן יחוס, נאָר לויט זיין אַרבעט... וואָס האָסטו דאָ אַזאַ מויל גע־עפנט ?...

מיכאַל מיכאַליטש האָט געוואָרפן אַ צאָרניקן בליק אויף איר, איז שטיין געבליבן אַ פאַרוואונדעטער און געמאַכט אַ קאָמי־שע מינע. ער האָט אַ שטויס געטון וויעטראָוון אין דער פּלייצע און שוין אינגאַנצן פרידלעך געפרעגט:

— און וואָס איז דאָס ביי אייך — אַ ווייבערישער גע־נעראַל ?

— איך בין דיר נישט, פּאָטערל, קיין סטראַשידלע, אַז דו זאָלסט פון מיר חוזק מאַכן. איך — בין אַ פרייע בירגערין. פאַר

מיין אַכטונג צו דיר, ווייל איך, אַז דו זאָלסט דיך צו מיר אויך באַציען מיט אַכטונג. און אויף דיין בילדונג, אויב זי ברענגט נישט קיין נוצן, — שפּיי איך...

איך בין צוגעגאַנגען צום דאָקטאָר און, נישט באַגריסנדיק זיך, אים גענומען אונטער דער האַנט.

— מיכאַל מיכאַליטש, כ׳לעבן, ס׳איז מיר אַ בושה פאַר אייך. איר דערנידעריקט זיך אַליין.

ער איז פּלוצלינג געוואָרן בעסער, ווייכער און פאַרלוירן אָנגעהויבן צו טרעטן מיט די פיס אויף איין אָרט.

— נו, נו, פרייע בירגער... לאָמיר זיך נישט קריגן... אַלץ איז גוט, אַלץ איז גוט... פונדעסטוועגן, דער טייוול זאָל עס נע־מען... פילט מען זיך דאָ צווישן אייך ווי אַ מענטש... זייט נישט בייז אויף אַן אַלטן... יעדערער – האָט זיך זיינע שוואַכקייטן... נאָך היינט וועל איך אייך אַהערשיקן אַ פעלדשער מיט אַ שוועס־טער. מאָרגן שיקט נאָך מיר די פערד... כ׳וועל אויפזיכט האָבן... פאַראָרדענען... מען דאַרף נאָר דערוויילי אַוועקשטעלן אַ מענטש... עס איז געפערלעך... זייער געפערלעך... נו, פריינט מיינע, איך ווינטש אייך אַלדאָס גוטס, אַלדאָס גוטס...

— אַזוי איז טאַקע בעסער, פאָטערל. איין מענטש פילט דעם צווייטן. אויף דעם האָט מען אונז געגעבן אויגן – אַז מע זאָל דעם מענטש זען...

דאָס קאָלעקטיווע עסצימער

דאָס מיטאָג אין עסצימער איז פלומרשט דורכגעגאַנגען ווי געוויינטלעך. עס זענען נישט פאָרגעקומען, נישט קיין אויפרעגונ־גען, נישט קיין שושקערייען, נישט קיין וויכּוחים צווישן דעם עולם מענטשן, וואָס איז געזעסן געדיכט צונויפגעדריקט אַרום די טיש־לעך. מען האָט גערעדט צומיינסט וועגן די נייע איינפירונגען און

דעם סדר פון די מיטאָגן. איך האָב געגעסן מיטאָג אין דער ערשטער גרופּע און בין געזעסן ביי אַ טישל מיט לושען און גרישאַניען. באַנקין — ביי אַ שכנותדיק טישל מיט ראָגאַטקינען. בלויז דאָ אַליין האָט ראָגאַטקין אַרויסגענומען דאָס ליולקעלע פון צווישן די ליפּן און עס אַריינגעלייגט אין קעשענע. עס איז אָבער קענטיק געווען, אַז זר קאָן זיך נישט באַגיין אָן דעם, אַז עס פעלט אים עפּעס. ער האָט שווייגנדיק און איילִיק געזופּט דעם באָרשט, אַ כאַפּ-געטון מיטן גאָפּל אַ שטיקל געפּרעגלט פלייש פון פּולמיסעק, זיך פאַרטראַכט איינגעהערט אין עפּעס, נאָכדענקנדיק וועגן דעם, און פון איבעררייצונג געשאָקלט מיטן קאָפּ, אַזוי, אַז זיין פאַרפּעצטער לאָק אויפן שטערן האָט זיך אים נאָכגעוויגט. אונזער טישל איז געווען דאָס עקסטע אין דער מיטלסטער רייע און געשטאַנען אַרויסגערוקט אין דורכגאַנג ביי דער וואַנט פון קיך. דורך דער ברייטער עפענונג אין דער וואַנט האָבן מיר געזען, ווי די דיזשורירנדיקע ווייבער פאָרען זיך טיף אַרום דער קיך און די טישן, אין די קניילן פּאַרע, צווישן די שטויסן טעלערס, ענלעכע צו אָנגעלייגטע שיכטן בלינצעס. עס זענען געלאָפן פאַרביי אונז מיידלעך אין גרויע פאַרטיכער מיט טעלערס באָרשט, מיט געבראָטנס, מיט מילך, מיט קאַווע, מיט קאַקאַאָ. אין דער באַוועגלעכער מאַסע פון האָריקע קעפּ, צעשיטע אין רייען איבערן גאַנצן זאַל, האָט זיך געהערט אַ פּאָרסקען, אַ פּליעסקען, אַ צמאָקען, אַ קלינגעריי פון מעסערס און גאָפּלען — אַ גאַנצער אָרקעסטער פון עסן. די הייסע און זאַפטיקע ריחות פון באָרשט, זופּ, געפּרעגלט פלייש, צוגעברוינטן אַראָמאַט פון קאַווע, האָבן זיך פעט אויסגעמישט מיט דעם פּעכיקן ריח פון דעם פרישן האָלץ: היינט איז אַריינגעשטעלט געווען ניי מעבל אין עסצימער: לאַנגע שניי-ווייסע טישן און גאָלדיקע רייען שטולן. די ווענט און די טישן זענען באַצירט געווען מיט קינסטלעכע בלומען-בוקעטן. צום ערשטן מאָל זענען די מענטשן געזעסן ווי ביי זיך אין דער היים: די איבער-מלבושים זענען געהאָנגען אויף הענגערס אין פאָרצימער. אַלץ האָט געאָטעמט מיט באַקוועמלעכקייט און יום-

טובדיקייט. לושאַ, אַן אויפגערעגטע און גליקלעכע, האָט פאַרן מי־טאָג געהאַלטן אַ קליינע רעדע, און בשעתן רעדן, אי זיך גערויטלט, אי בלאַס געוואָרן.

— חברים, מיר קאָנען זיך שוין אפילו זייער רימען: מיר זענען געוואָרן דערצויגענע מענטשן. עס איז שוין צייט פאַר אונז אָפצוהיטן ריינקייט. מיר האָבן פריער נישט געגעסן אויף קיין באַזונדערע טעלערס, און אַצינד עסן מיר יאָ: מיר האָבן שוין אַ ווי־דערווילן צו דער אַלגעמיינער שיסל. און אַצינד, חברים, איז פאַר־פליכטנד פאַר אונז צו וואַשן זיך די הענט פאַרן עסן און נאָכן עסן. מיר גייען דאָך גלייך פון דער אַרבעט אין עסצימער אַריין. טייל זענען נאָך היינט אויך לויט דער אַלטער געוואוינהייט גע־קומען גלייך מיט די שמוציקע הענט אין עסצימער אַריין. דאָס איז אפילו זייער נישט גוט, חברים. טייל חברים־קאָמונאַרן זענען בייז געוואָרן, ווען מע האָט זיי צוריקגעשיקט, און האָבן אָנגע־זידלט די דיזשורירנדיקע מיידלעך אין פאָרצימער, — נו, צו דעם, חברים, מוזן מיר באַוואוסטזיניק אַ סוף מאַכן. מיר האָבן מיט שטרענגע מיטלען דערגרייכט די ריינקייט פון אונזער לשון — מיר ווייסן שוין נישט פון קיין נבול־פה אין אונזער רעדן... דידאָזיקע מיאוסקייט האָבן מיר אויסגעראָטן... נו, און וואַשן די הענט מיט זייף, אויסטון דאָס אויבער־מלבוש, אָפּרייבן די בלאָטע פון די שטיוול, נישט שפייען אויפן דיל, — דאָס, חברים, הייסט אויך — אויסראָטן מיאוסקייט... אַלזאָ, חברים, פון היינט אָן זאָל אַלץ זיין שטרענג — אין אָרדענונג און דיסציפּלינירט. איך האָב גע־ענדיקט, חברים.

עמעצער האָט גענומען שרייען, אויפגערעגט אָפּאָנירן, נאָר זיינע קולות זענען דערטרינקען געוואָרן אין דעם גערויש פון די אַפּלאָדיסמענטן און איינשטימיקע אויסגעשרייען פון דער יוגנט.

ערגעץ אינמיטן פון די מיטאָג־עסערס האָט געברומט אַן אַלטיטשקע טענאָרל און באַפּעפּערט זיינע רייד מיט אַ חוזק־געלעכטערל:

— אַלע טאָג — נייע איינפאַלן... נייע אויפטוען... אַלץ —

מאָדערן... בלימעלעך, טעלערלעך... מען וועט שוין באַלד איינ־פירן סערוועטקעלעך... אַ ביסל רויט־ווײַן פאַר אייער דורכלויכט, דעם האַלז דורכצושווענקען!... אייער גענעדיקייט זאָל גוט אויס־זען!... און אַלץ — לויטן פאַרשריפט, צו דער שעה, צו דער רגע... ווי אין אַ שפּיטאָל... אָדער אפשר ווי אין אַ תּפיסה... אַ וואָך איבער די מענטשן...

קיינער האָט אים נישט געענטפערט, מען האָט בלויז גע־שמייכלט אין די וואָנסעס אַריין, און איך האָב מיך נישט געקאָנט משער זיין, צי מען איז מסכּים מיט אים אָדער מען האָלט ני־דעריקער פון אייגענעם כּבוד צו ענטפערן אויף זיינע רייד. בלויז פון צווייטן טיש האָט עמעצער הויך איבערן גאַנצן עסצימער אויסגעשריגן:

— אַך, מען דערקענט באַלד אַ מענטש: מסתּמא, אַן אַרעס־טאַנט געווען... קען גוט דעם תּפיסה־רעגולאַמין...

און אַ צווייט קול האָט פריינטלעך געעצהט:

— העי דו, לוקיאַנישע, וואָלסט, כ׳לעבן, קלוגער מוח, אין חזיר־שטאַל אַריינגעגאַנגען: דאָרטן אָנערקענען די חזירים אויך נישט קיין טעלערלעך און גאָפּעלעך... דאָרט איז שוין נישט קיין בשותּפותדיקע שיסל, נאָר אַ ברייטע קאָריטע... עס דיר נישט בחינם דאָס האַרץ אָפּ...

מען האָט אַרויסגעשאָסן מיט געלעכטער. און דאָס ברומענ־דיקע קולכל איז הנאהדיק אונטערגעשפּרונגען:

— אָבער דאָרט, וואָסיאַ, איז דאָך אויך דער אייגענער טייוול: די קאָריטע איז אַ חזירישע, און די שעהן — מענטשלע־כע. וועסט דאָרט אויך נישט נעמען קיין שטיקל ברויט, ווען דער בויך וועט דיר ליידיק ווערן... אויך דאָרט איז אַלץ אויף שעהן און מינוטן... אויך אַ וואָך...

אַ יונג, זיך נאָך ברעכנדיק קול, האָט אים פונדעסטוועגן צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט:

— וואָס־זשע, ליבער מענטש, זעט דיר דאָס לעבן פון די

חזירים בײַ אונז אויך אויס צו פּריצהש ? עס געפעלט דיר נישט ? און וואָס האָסטו געפרעסן, ווען דו ביסט געזעסן אָן הויזן אין דײַן חזיר־שטאַל ? נישט קײן קינד, נישט קײן רינד, נישט קײן אָרט, וואו דעם קאָפּ אַנידערצולייגן. דאָ ביסטו פאַרהונגערט גע־וואָרן, און דאָרט, אין דײַן הײזקע, וואו דער ווינט האָט אין אַלע לעכער געפײַפט, האָסטו דיך געפּאַשעט ? דאָס איז אויך אַ פרײ !

— אָבער... ייִנגל דו... איך זאָג דאָך דאָס בלויז צוליב דעם, וואָס מיר זענען נישט צוגעוואוינט פון קליינוויז אָן צו די שעהן און מינוטן... דאָ, ליבינקער, ווערסטו דאָך אפילו קײן ברעקעלע אין קעשענע נישט אַרײַננעמען — מען ווערט דאָך דיך באַלד האַלטן פאַר אַ גנב... דאָ איז די מינוט — דער וועכטער, און דאָס גלעקל — די קײטלעך...

און דאָס ערשטע קול האָט ווידער אַנטציקט אויסגעשריגן :

— נו, האָב איך אײַך נישט געזאָגט ? ער איז זיכער גע־זעסן אין תּפיסה. האַ ? ער האַלט דאָך אין אײן רעדן מיטן תּפיסה־לשון. אַ רײַך לעבן.

דער יונגער בחור האָט שוין גוטמוטיק געשפּאַסט :

— אָט דאָס הייסט אַ מענטש, וואָס האָט ליב דעם פרעס ! עס איז אים אַ שאָד, וואָס ער האָט נאָר אײן קישקע. מיט דעם, וואָס עס קריכט שוין נישט אין בויך אַרײַן, וואָלט ער זיך גע־וואָלט די קעשענעס אָנפּאַקן.

אַ מרה־שחורהדיקער באַס האָט מוסרדיק אויסגעשײַגעצט דעם יונגן בחור :

— דו, ראָצער אײנער, קוק דיך פריער אום, אײדער דו רעדסט. זעסט נישט, אַז דער אָרימער, נעבעך, האָט הונגער גע־ליטן : אַז דאָס פּנים זײַנס איז געל, ווי אַ סאַמאָוואַר. ער איז דאָך אַזוי פאַרפײַניקט, אַז די נשמה האַלט זיך קוים אין אים !

ראָגאַטקין האָט גלײַכגילטיק אַ שאָקל־געטון זײַנע שטאָל־

האַרטע אויגן אין יענע ווינקלען אַריין, פֿון וואַנען עס האָט זיך געהערט דאָס רעדן, און פֿון געוואוינהייט אַרויסגענומען דאָס ליולקעלע פֿון קעשענע. ער האָט עס אַריינגעשטעקט אין ווינקל מויל און באַלד ווידער עס צוריק אַריינגעלייגט אין קעשענע.

— וואָס פֿאַר אַ פּרי איז עס דאָרט? ווער איז ער דאָס דער לוקיאַניטש? לויט מיין שטאַנדפּונקט, דאַרף מען אים שטעלן אונטער שטרענגער אָבסערוואַציע אָדער תּיכּף איזאָלירן. דורכטרייבן, אַזאַ אויסוואורף!

באַנקין, פֿאַרנומען מיטן עסן, האָט נישט געענטפֿערט. דערנאָך האָט ער, ווי אַ טויבער, אין גלייכגילטיקער פֿאַרוואונדערונג אַ קוק־געטון אויף ראָגאַטקינען.

— אַ וועכטער... און אַנדערע קליינע אַרבעטן... בכלל און אין סך־הכּל גענומען — אַ שלעפּער...

— אַן אויסוואורף. קלאָר ווי דער טאָג. לויט מיין שטאַנדפּונקט, אַ געפֿערלעכער טיפּ. מען דאַרף אומבאַדינגט אויף אים אַכטונג געבן, האָב עס אין זינען.

— איך האַלט אים שוין סיי־ווי אויפֿן אויג. דערווייל אָבער — גאָרנישט: אַן אַלטיטשקער. אַ שלעפּער... בכלל, אַ צוטשעפּעניש...

לושאַ האָט זיך גערויטלט פֿון גליק, און אירע פּוכיקע ליפּן און צאַרטע גאָמבע האָבן מיידליש געאָטעמט מיט זאַפֿטיקער פרישקייט. זי האָט באַטראַכט די געדיכטע רייען מענטשן, און מיט אַ שמייכל אָפּגעענטפֿערט אויף זייערע בליקן.

עס זענען דאָ געווען אַ סך פֿרויען מיט דאָרפֿישע, אַלטפֿרענקישע פּנימער, אָפּגעבליאַקעוועטע, אויסגעהאָרעוועטע, צעקנייטשטע פֿון אַ סך דורכגעלעבטע דאָרפֿישע דאגות און צרות. דאָס — זענען געווען די חתונה־געהאַטע. די מיידלעך, שטייפֿע און קערנדיקע, האָבן נישט געקאָנט איינזיצן אויף קיין אָרט, און געהאַלטן אין איין פּלוידערן און פּלאַפּלען. די מענער האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פֿון פֿאַבריק־אַרבעטער, די בחורים —

פון אַרבעטנדיקער יוגנט. בלויז די אַלטע לייט (זיי זענען געווען זייער ווייניק) האָבן נאָך דערהאַלטן זייער אַלטפּרענקישן, היימישן אָנבליק: די בערד זענען ביי זיי אַראָפּגעפאַלן איבער דער ברוסט אין גרויע פלאַקסענע פאַסמעס, און די האָר, מיט אַ שרינט אינמיטן, זענען געווען גלאַטיק און באַשיידן פאַרקעמט אין ביידע זייטן אַריין איבער די שלייפן און אויערן. עטלעכע זקנות מיט שלייערס און שוואַרצע טיכלעך אויף די קעפּ, פאַרנומענע אונטער דער גאָמבע מיט אַ שפּילקע, האָבן זיך אויך געהאַלטן אַלטפּרענקיש: געזעסן, ווי צו גאַסט, אָנשטענדיק, מיט אַ פרומער מינע אויפן פּנים און צונויפגעצויגענע, געקנייטשטע ליפּן.

לושאַ האָט איינגעפּירט נאָך אַ נייעס — מענו-קאַרטעס. די-דאָזיקע קוואַדראַטאָווע שטיקלעך פּאַפּיר זענען געווען אויסגעשטעלט אין רעמלעך אויפן טיש. די רעמלעך זענען אויך געמאַכט געוואָרן אין אונזערע וואַרשטאַטן צוזאַמען מיטן מעבל. צו מיטאָג האָב איך אָפּגעציילט אויף דעם מענו ביז אַ האַלב טוץ מאכלים צום אויסקלויבן, אַלס דריט מאכל, — אויך לויט אייגענעם אויסוואַל, — קאַווע מיט מילך, קאַקאַאָ, בלויזע מילך, פרוכטן-גאַלערעטע, קאָמפּאָט. די דיזשורירנדיקע מיידלעך און פרויען האָבן געשמייכלט צו לושען, ווי פריינדינס, וואָס זענען קעגנזייטיק באַקאַנט מיט זייערע פאַרטרויליכע ענינים.

גרישאַניאַ האָט כּסדר געקוקט אויף לושען מיט אַ פלאַטערנדיק פייערל אין די אויגן. ווען זי האָט באַגעגנט דעמדאָזיקן בליק, האָט זי זיך געראָטלט און ברוגזדיק אָנגעבלאָזן די ליפּן. און דידאָזיקע ברוגזדיקע ליפּן זענען פעיק געווען אויפצורייצן אפילו באַנקינען.

— לוקעריאַ ניקאָלאַיעוונאַ, דערלויבט מיר אייך צו זאָגן אָפן: איך זע דאָס ערשטע מאָל אין אייער פּערזאָן אַ פרוי מיט אַזאַ אומגעוויינטלעכן סדר פון אַרבעט. איר האָט זיך נאָר-וואָס אָפּגעריסן פון דעם דאָרפישן לעבנסשטייגער, און פאַרנעמט זיך

שוין אַקטיוו מיט אויספֿלעכטן אַ נעסט פֿון קולטור. מען דאַרף אײַך אומאַבדינגט אַרויסהענגען אויפֿן רויטן ברעט.

איך האָב מיך שוין צוגעוואוינט צו זײַן מליצהדיקער שפּראַך. אין אָנהייב פֿלעג איך מיך נישט קאָנען אײַנהאַלטן פֿון לאַכן, ווען איך האָב געהערט, ווי אַזוי ער פֿלעגט אויף אַ קאָמישן אופֿן זיך באַנוצן מיט פֿרעמד־ווערטער. ער אָבער פֿלעגט אויפֿנעמען מײַן לאַכן מיט הויך פֿאַרצויגענע ברעמען פֿון פֿאַרוואונדערונג. ער האָט מיך נישט פֿאַרשטאַנען און איז זיכער געווען, אַז ער איז באַשאָנקען מיט דער קונסט פֿון קאָנען שיין רעדן. אַצינד האָב איך געפֿילט אין דידאָזיקע רייד זײַנע אַ רירנדע אַנטציקונג: לושעס יעדע באַוועגונג, יעדעס וואָרט אירס האָט אים פֿאַרשיכּורט ביז זעלבסטפֿאַרגעסונג. אירע האָר, אירע אויגן, איר קול, איר גאַנג, אירע דאגות וועגן דער קיך און דעם עסצימער — אַלץ האָט אים אָנגעצונדן מיט באַגײַסטערונג. און אמת טאַקע: אַלץ אין לושען איז געווען זאַפּטיק, פֿאַררונדיקט, קערנדיק, האַרציק. דאָ האָט זי אויסגעזען באַגײַסטערט, אויפֿגערודערט, פֿײַערלעך. אַלע האָבן געפֿילט איר אָנוועזנהייט. זי האָט געלויכטן און געבליט, ווי אַן עפּלבוים. גרישאַניאַ האָט זיך שוין נישט זשענירט פֿאַר קיינעם: ער האָט געלעבט מיטן געדאַנק וועגן איר, האָט זיך געריסן צו איר אָן אָפּהאַלט. פֿאַר אים איז געווען דאָס גרעסטע פֿאַרגעניגן צו זאָגן איר עפּעס אַן אומגעוויינטלעך וואָרט, אין וועלכן ער זאָל קאָנען אַרײַנלייגן זײַן גאַנצע נשמה. מיט יעדן טאָג איז זײַן שפּראַך געוואָרן אַלץ קאָמפּליצירטער, רײַכער, פֿײַנער. און דידאָזיקע שפּראַך זײַנע האָט מיר שוין נישט אויסגעזען קאָמיש: זי האָט געאָטעמט מיט טיפֿער צערטלעכקייט און סובטעלער ווייכקייט. דעם טאָג האָב איך צום ערשטן מאָל אַנטדעקט אין זײַנע אויגן אַזאַ שטאַרקע ליבע צו לושען, וואָס פֿאַרלאַנגט דעם גאַנצן מענטש. איך האָב אָבער אַנטדעקט נאָך עפּעס: איך האָב אין לושעס אויגן דערזען אַ נײַעם גלאַנץ. זי האָט געפֿילט זײַן ליבע, און דידאָזיקע ליבע האָט זי אויפֿגערודערט און געשראָקן. אירע אויגן זענען געווען פֿול מיט צעטומלטקייט, מיט אַ מין פּאַנישער שרעק, מיט

פאַרוואונדערונג; זיין נאָענטקייט האָט זי פאַרשיכורט, זיינע אויגן האָבן זי פאַרבלענדט, און זיינע רייד האָבן אָפּגעקלונגען אין איר, ווי מוזיק. און ווען ער האָט גערעדט און געקוקט אויף איר, האָט זי אָן אַ סיבה געלאַכט — מיט שטילע, אָפּגעהאַקטע טרעלן.

— אָט וואָס, לוקעריאַ ניקאָלאַיעווונאַ, ווען איך באַטראַכט אייער קינסטלעריש געשטאַלט, בראַוויר איך אינגאַנצן...

און ער האָט מיט אַ ציטער אין די פינגער און אין קול זיך גיריק אַ ווענד-געטון צו מיר:

— האַליאַ איוואַנאָווונאַ, טייערסטע חברטע, זאָגט אַליין: צי באַשטעטיקן נישט דאָס אַלע פאַקטאָרן אויפן שענסטן אופן? צי איז זי נישט ווערט, אַז מען זאָל צוליב איר בראַווירן?...

איך האָב אַ קוק-געטון אין אירע אויגן, זיי האָבן זיך אַ צאַפּל-געטון און געפלאַטערט מיט גליק און פאַרצווייפלונג. זי האָט אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף מיינער, און אירע פינגער האָבן מיר איבערגעגעבן דאָס הייסע ציטערן פון איר האַרץ.

— שוועסטערל מיינע!... האַליושאַ!...

באַנקין האָט געגעסן גיריק, אָבער גלייכגילטיק. ווען ער האָט אויסגעזופּט דעם לעפל און אָפּגעלעקט מיט דער צונג די וואָנסעס, — האָט ער זאַט אָפּגעגרעבצט.

— יאָ... דאָס איז געווען אַ מיטאָג... בכלל און אין סך-הכל גענומען — אַ רייך עסן... אַ היפּשע באַשפּייזונג...

ער איז געווען צופרידן און גוט אויפגעלייגט. אין אַזעלכע מינוטן פלעגט זיך ביי אים די צונג אויפבינדן אויף פאַר אַנדערע רייד. ער האָט אָבער גערעדט אומגעלומפּערט און נישט גלאַטיק. און דאָסדאָזיקע רעדן זיינס איז ענלעך געווען צו אַן אויספאָרשונג.

— איז אָט וואָס... בכלל און אין סך-הכל גענומען... פאַרוואָס גיסטו, גריגאָרי, נישט איין קיין מעלדונג וועגן אַריינטרעטן אין דער פּאַרטיי?

— איך, חבר באַנקין, וועל אַריינטרעטן אין דער פּאַרטיי אין איין צייט מיט לוקעריאַ ניקאָלאַיעוונען.

— טאַקע, לושאַ... — איך האָב שטרענג אַ קוק־געטון אויף איר: — דאָס האָט קיין זינען נישט, וואָס דו ביסט נאָך ביז אַצינד נישט אין דער פּאַרטיי. וועסט אַזוי גוט זיין און מאָרגן אויס־פילן אַן אַנקעטע־בויגן.

— שוועסטערל, אפילו שוין... פריער איז מיר געווען אַ ביסל שווער, אָבער אַצינד — אפילו מיטן גרעסטן פאַרגעניגן.

— לוקעריאַ ניקאָלאַיעווגאַ !... — גרישאַניאַ האָט זיך אָנגעצונדן און איז זאַגאַר אויפגעשטאַנען פון דעם טאַבורעט, — היינט אין אָוונט אויף דער פאַרזאַמלונג וועל איך אויפן הויכן קול ראַפּאָרטירן מיין טריומפאַלן שריט וועגן אַריינטרעטן אין די רייען פון ו ו ע ק אַ פּ ע ב ע. איך רוף אייך נאָכצופאָלגן מיין ביישפּיל. יאָ ? לוקעריאַ ניקאָלאַיעווגאַ ?

זי איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעמדאָזיקן פּלוצלינגדיקן ענטוזיאַזם זיינעם. האָט זי אים דען געקאָנט ענטפערן מיט אַן אָפּזאָג.

— האַליעטשקאַ, וואָס־זשע מיינסטו, האַ ? איך וועל נעמען און דאָס טאַקע היינט טון...

איך האָב איר אונטערגעגעבן מוט. טאַקע היינט. די פאַרזאַמלונג וועט זיין אַן אויסערגעוויינטלעכע, מען דאַרף זיין גרייט אויף אַלץ. עס וואָלט גוט געווען צו ווירקן אויף נאָך עטלעכע מענטשן, זיי זאָלן מעלדן וועגן זייער אַריינטריט אין דער פאַרטיי. מסתמא וועט לושאַ באַוועגן אַ סך פרויען צו פאַרלאָזן זייער וואָכעדיקע רויִקייט, און זיי וועלן זיך אָנצינדן מיט אַ ניי פייער. איך אַליין בין אויפגערעגט געוואָרן פון דערדאָזיקער דערוואַרטונג, און האָב גראָב אַ קלאַפּ־געטון באַנקינען איבער דער פּלייצע.

— נו, און דו, באַנקין, האָסט רעזערוון, וועלכע וואָלטן היינט געקאָנט אַרויסטרעטן מיט אַן איינשטימיקער מעלדונג ?

ער האָט אַ קוק־געטון אויף מיר ווי מיט נישט־זעענדיקע אויגן.

— מען דאַרף, בכלל און אין סך־הכל גענומען, שטעלן די פראַגע וועגן דער נאַביליזאַציע*) פון אַקטיוו... אָט האָט ראַגאַט־קין געשאַפן אין די וואַרשטאַטן אַ גרופּע פון שלאָגלער... און אַלע יונגעליים טרעטן קאָלעקטיוו אַריין אין די רייען... און וואו זענט איר? פאַרוואָס האַלטן דיינע מיידלעך נאָר אין איין אַרומטאַנצן?... איר אַלע, בכלל — קאָנט נאָר די נעז פאַררייסן...

אַ מאָדנער מענטש דערדאָזיקער באַנקין. איך האָב אָפּט גע־האַט מיט אים צו טון וועגן דער פּאַרטלייניע און צוגעוואוינט גע־וואָרן צו אים. ער איז געווען אַ שטרענגער חברהמאַן און האָט אַ סך געפאָדערט פון די פּאַרטיי־מיטגלידער. ער האָט געקאָנט יעדן גוט איינשפּאַנען און שטענדיק געוואוסט ווי אַזוי צו פאָדערן אַ חשבון פון דער אַרבעט. פאַר אים האָט מען נישט קיין מורא געהאַט, נאָר מען האָט אים געשעצט. פון אים פלעגט מען חוזק מאַכן אין די אויגן, אָבער ער איז געווען טויב, בלינד און גלייכ־גילטיק צו דעם. אַ מענטש אָבער איז ער געווען אַן עמפּינדלעכער און סובטעלער. אויב אַ פּאַרטיי־חבר איז קראַנק געוואָרן, האָט ער אים באַפרייט פון דער אַרבעט. אויב ער האָט געזען, אַז אַ חבר איז איבערגעלאָדנט מיט אַרבעט, האָט ער אַליין אַראָפּגענומען פון אים אַ געוויסע טייל פליכטן. איינמאָל האָט ער מיר אפילו אַ גלעט־געטון איבערן קאָפּ און גלייכגילטיק געזאָגט:

— דו... זאָג נאָר... מיידל... אַרבעט אַ ביסל לייכטער... זיי נישט אַזוי גיריק...

— וואָס, חבר באַנקין, וועגן מיין איבערלאָדונג? באַאומ־רויִק דיך נישט. אויב איך נעם אויף מיר אַליין, — הייסט עס, אַז איך וויל... און וועל אויספירן...

— נו, נו... דו פאַרשטייסט נישט די כוחות... אַ פּאַרטיי־

---

*) איבערגעדרייט פון וואָרט „מאָביליזאַציע" (ב. פ. א.).

מיטגליד — קאָן אויך נישט אַרבעטן פאַר צען... ביי אים דאַרפן אויך כוח און מוח אָפּגעהיטן ווערן, זיי זאָלן תּמיד פריש פאַר־בלייבן...

מיר האָט זיך פאַרגלוסט אים אַריינצוזאָגן.

— אָבער, חבר באַנקין, דו אַליין ביסט אויך צו גיריק. צי געהערט דען צו דיינע פליכטן פון סעקרעטאַריאַט אויפצוקלויבן יעדע נישטיקייט, וואָס טרעפט זיך דיר אונטער די פיס? וואָסער ציל האָט דאָס?

ער האָט זיך אָפּגערוקט פון מיר און גענומען שטאַמלען:

— דאָס איז... בכלל און אין סך־הכל גענומען — פּאַטש־קעריי... — און פּלוצלינג האָט ער אַ זעץ־געטון מיט דער האַנט איבערן טיש — איך וועל מיך אָפּרעכענען! ידיעהלעך קלויבסטו צונויף?... פאַרטאָפּלטט דעם קאַנאַפליט צווישן די פאַרטיי־מיטגלי־דער... אין רכילות האָסטו דיך אַריינגעלאָזט?... ביסטו, הייסט עס, אויך אַ פּאַטשקערין!... גוט־גוט!... איך וועל מעלדן!... בריה דיך נישט...

די ווייסלען פון זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעפולט מיט בלוט.

צו לושען און צו מיר זענען כסדר צוגעקומען פרויען און מיידלעך און אונז איינגערוימט, ווי דאָס וואָלט געווען אַ סוד:

— היינט, האַליאַ איוואַנאָוונאַ... אוי, דאָס האַרץ צאַפּלט אַזש... זי וועט דאָך אַרויכפליען אויף יענער זייט טויער... וואו־הין וועט זי גיין?

און עס האָט זיך געפילט פון זיי אַ ריח פון שטרוי אַ[illegible] דרויסנדיקער לופט.

לושאַ האָט צו מיין פאַרוואונדערונג בייז צונויפגעצויגן די ברעמען, אָבער נישט פאַרלאָשן דעם גלאַנץ אין אירע אויגן, און בלויז דאָס קול אירס איז גרעבער געוואָרן און האָט זיך איבער־געריסן.

— זי — איז שעדלעך. מען האָט זיך שוין צו לאַנג צערע־מאָניעט מיט איר. דאָס — איז קראַפּיווע.

מיטאַמאָל איז איבער די אַלע קעפּ און ברוסטן דורכגעלאָפן אַ ווינטל, וואָס האָט אַ ווייע־געטון פון דער טיר. עס איז אַריינ־געקומען וויעטראָוו. ער איז, אַ פאַרשלאָסענער און שווייגנדיקער, אויסמיידנדיק אַלע, צוגעגאַנגען צו דער ברייטער עפענונג אין דער וואַנט פון דער קיך און שטיל עפּעס געזאָגט דעם מיידל אין ווייסן טיכל. זי האָט נישט געקאָנט אָפּרייסן פון אים אירע נייגי־ריק־דערשראָקענע אויגן און איז רויט געוואָרן ביז טרערן. מען האָט געפילט, אַז דער גאַנצער עולם מענטשן קוקט אויף אים מיט אויפרעגונג, פאָרפילנדיק עפּעס. ער איז פלוצלינג מיט אַ לייכטן טריט צוגעגאַנגען צו אונז און אַ שמייכל־געטון צו מיר פון דער ווייטנס מיט זיין אַמאָליקן שוימענדיקן שמייכל.

דאָס עסצימער איז פאַרגליווערט געוואָרן אין שטילשווייגן. באַנקינס באָרד האָט אין צופרידנקייט אַ ציטער־געטון, נאָר ער איז, ווי שטענדיק, געבליבן גלייכגילטיק.

אינעווייניק אין וויעטראָוון האָט אַלץ אַזוי ווי פיבערדיק געציטערט.

— לושאַ, זיי נישט פּרוכטלאָז... וואָס איז דער חילוק?... אַך, ווען עס זאָלן אין ווינטער די בלומען זיך צעבליִען!... גע־דענקסט דאָס ליד?... איבעריקנס, פאַר דיר איז דער ווינטער אויך נישט קיין שטערונג... פאַל נישט אַראָפּ ביי זיך, באַנקין! אַלץ איז גוט, וואָס עס ענדיקט זיך שלעכט. פון אַ שלעכטן סוף קומט שטענדיק אַרויס אַ גוטער אָנהייב. מירביידע ווייסן דאָס גוט.

ער האָט זיך אָנגעבויגן צו מיר און אונזערע אויגן האָבן זיך צונויפגעטראָפן. מיר איז געוואָרן ענג פון זיין נאָענטקייט און איך בין אינסטינקטיוו אויפגעשטאַנען פון דער שטול.

— האַליאַ איוואַנאָוונאַ! האַליאַ! וואָס איז דער חילוק?... מיר ביידע וועלן היינט כאַפּן אַ טענצל אין קעגנוואַרט פון דער גאַנצער פיינער פאַרזאַמלונג.

ראָגאַטקין איז דורכגעגאַנגען פאַר אים מיטן אויסגע-לאָשענעם ליולקעלע אין ווינקל פון מויל און, אַ פאַרטיפטער אין זיך, זייטיק אַ בליק-געטון אויף אים מיט זיינע גלייכגילטיקע אויגן, אָבער עס איז קלאָר געווען, אַז ער קוקט זיך גוט צו צו אים.

דאָס זיבעטע העפט

דער קלוב

די האַרבסטיקע אָוונטן ביי אונז — האַרבע, אומהיימלעכע — אָטעמען מיט דער קילקייט פון די פעלדער און זיסלעכן ריח פון די גראָזן. די טונקלקייט קומט אָנצושווימען, ווי אַ שוואַרצער נעפל, פון די טאָלן, פון די זומפן, פון דעם ווילדן אָנוואוקס פון די ראָר־שטעקעלעך, און פילט אָן געדיכט די פלאַכע שטחים. די פינסטערניש ווערט אומדורכדרינגלעך געדיכט און ממשותדיק, ווי וואַסער, און איך גיי איבער דעם נישט געזעענעם גרונט פון דער שוואַרצער אָזערע און צעשאַר די נאַכט מיט די הענט. איך — בין אומוואָגיק און ענלעך צו אַ פיש, וואָס שווימט אין דערדאָזיקער געדיכטער סטיכיע און זעט נישט, נישט קיין ריכטונג, נישט קיין געפאַר. ווען איך פלעג גיין אין קלוב אַריין דורך דעם שוואַרצן תהום, פלעג איך מיך ריכטן בלויז לויטן געפיל פון געוואוינהייט. איך האָב געזען די שיטערע, פינקלענדיקע פייערלעך און זיך משער זיין: דאָס פייערל איז פון די פערדשטאַלן, דאָס — פון ראַדיאָ־מאַסט, דאָס — פון דער מאַשינען־באַזע. און אָט זענען צוויי פייערלעך צוזאַמען, דאָס איזביים אַריינגאַנג פון קלוב. פון פאָרנט און הינטן פלעג איך הערן דאָס נישט דייטלעכע איבערשרייען זיך פון קולות.

דעם אָוונט איז דער הימל געווען נעבטער און קלאָרער, ווי די ערד: ער איז אינגאַנצן באַשפּריצט געווען מיט שטערן, ער האָט פון דער קינדהייט אָן באַגלייט מיין לעבן מיט די היימישע קאָנסטעלאַציעס: אָט איז דער אָ ר י אָ ן, די ק אַ ס י אָ פּ ע אַ,

דער שאַרפער ווינקל פון אָ ק ס און דערלעבן דער צ וו י ל י נ ג. דאָרט זענען די שטערן־געווירבלען, די שניי־זאַוויערוכעס און דאָס יונגע אייז אין דער מאַסע פון פערלמוטער. דער האַרבסטיקער הימל איז רייך אין שטערן: ער צעבליט זיך, ווי אַ סאָד אין פרילינג.

אין ליכטיקן נעפל, ביים אַריינגאַנג פון קלוב, זעען זיך קאַראַהאָדן פון מענער און פרויען. אַ סך שטופּן זיך אין דער טיר: דער איינגאַנג איז פאַרפּאַקט, און די מענטשן שוויצן פון אָנשטרענגונג זיך אַריינצוקריגן אינעווייניק. און פון דער פינסטערניש קומען אָן נייע קאַראַהאָדן, וואָס ווערן באַלויכטן פון דער ליכטיקייט. מיך באַמערקן שוין אינגאַנצן נישט דידאָזיקע מענטשן: איך — בין בלויז איין קליין טיילעכל פון דערדאָזיקער מאַסע און שייד מיך שוין נישט אונטער פון זיי, נישט מיט די מלבושים, נישט מיטן אויסזען, נישט מיטן כוח, נישט מיט די פעיקייטן. איך — בין אַן אַרבעטערין, וואָס פילט אויס טעגלעך איינע פון די פילצאָליקע פאָרמען פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פאַר מיר. און ווען איך האָב צוזאַמען מיט אַנדערע זיך דורכגעשטופּט דורך דעם געדיכטן עולם מענטשן, האָט מען מיך אויך אַזוי געדריקט, געשטויסן, אַריינגעקוועטשט אין זאַל, ווי אַלע אַנדערע פרויען, און איך האָב פּונקט אַזוי ווי זיי געשריגן פון ווייטיק, זיך פאַרטיידיקט מיט די אַקסלען און זייטן פון די קערפּערס, וואָס האָבן זיך געשטופּט און אָנגעהאָנגען אויף מיר. צווישן די קערפּערס זענען געווען אי שטייפע פון יונגקייט, אי שלאַבעריקע פון מוטערשאַפט, אי מוסקולעז־האַרטע פון רייפער מענלעכקייט, אי קנאָכיק־שווערע פון לאַנגיאָריקער אַרבעט. בערד האָבן מיר געקיצלט די באַקן, און אַ הייס אָטעמען האָט טשאַדיק און שטיקנדיק געשלאָגן אין פּנים אַריין. מיר, יונגוואַרג, זענען געווען פלינק און עלאַסטיש: מיט אַ קוויטשעריי און לאַכן פון די מיידלעך, מיט הילכיקע אויסגעשרייען פון די יונגעלייט, האָבן מיר אויפן קריגערישן שטייגער זיך דורכגעשטופּט פאָרויס.

דער רחבותדיקער פאַרוויילונגס־זאַל מיטן לופטיק הויכן

סופיט, אין דער מוטנער באַלייכטונג פון די נאַפט-לאָמפּן אויף די ווענט, מיטן גלאַנציקן דיל, — איז געווען פול מיט גערויש פון דעם גרויסן עולם מענטשן, ענג אויסגעזעצטע אין רייען. דער גאַנצער זאַל האָט געזאָטן מיט באַוועגונג, מיט קאַמף אַרום דעם פאַרנעמען ערטער, מיט טומל, מיט אומגעדולד, מיט אויפגערודערטער נייגיריקייט און דראַנג צוצוקומען נענטער צו דער סצענע, וואו עס האָבן אויך זיך געפאַקט מענטשן — די פאָרשטייערשאַפט פון די אָנפירנדיקע אָרגאַנען. די לופט, אַ שטיקנדיקע, אַ פייכטע, אַ שווערע, ווי אין אַ וואַגאָן, איז געווען אָנגעזאַפּט מיט אומרו, דערוואַרטונג, פאָרגעפיל, שטורמישע אויסגעשרייען, געלעכטער, טופעריי פון פיס, וויכוחים, סקריפעריי פון די בענק. די ווענט האָבן געציטערט פון גערעדעריי און טומל, די לופט האָט גערוישט, ווי אין גרויסע ווענטילאַטאָרן, זיך אָנגעשלאָגן אָן די ווענט, און דאָס פייער אין די לאָמפּן האָט אונטערגעטאַנצט, געציטערט און געקאָפּטשעט מיט טשאַד פון נאַפט. דאָס יונגוואַרג האָט געלאַכט, געשטיפט, זיך געשטויסן, געטומלט, זיך דורכגעשריגן מיט די גרופּעס פון די שכנותדיקע בענק. ערגעץ אינמיטן זאַל האָט מען שטיל, מיט נישט זיכערער דרייסטקייט אָנגעהויבן זינגען אַ ליד. אויף זיי האָט מען גענומען צישען, שרייען, מאַכן מיט די הענט. דערדאָזיקער פּראָטעסט האָט אַרויסגערופן אַ שטורעם פון שאַרפע אויסגעשרייען, און דאָס ליד האָט חוצפּהדיק אין אַ כאָר זיך אַ טראָג-געטון איבערן זאַל, מיטרייסנדיק אויך אַנדערע גרופּעס יונגוואַרג. און כאָטש איך האָב נישט געזען די זינגענדיקע, האָב איך דאָך געפילט, אַז די פּנימער פון דערדאָזיקער קאָמוניסטישער יוגנט לאַכן שטאָלץ און מוטיק. אַזוי דרייסט האָבן זיך אויפגעפירט אונזערע קאָמסאָמאָלן מיט טישקען און פּאַוולען בראש. איך האָב מיך אַ לאָז-געטון צו זיי. זיי האָבן מיך אַריינגענומען אינמיטן, און מיר האָבן זיך צעהילכט מיט לידער איבער דידאָזיקע ענג אין רייען צונויפגעדריקטע מענטשן.

די פרויען האָבן אויפגערעגט זיך גערויטלט, זייערע אויגן האָבן געגלאַנצט פון אומרויִקער דערוואַרטונג. זיי האָבן כסדר

זיך געבויגן מיט די קעפ איינע צו דער אַנדערער און מסתמא נישט אויפגעהערט צו רעדן פון אַניסיאַ מאַטוויעוונאַ מיט וויעטראָוון. די מענער האָבן אויך געפירט שמועסן, זיך שטופנדיק מיט די אַקסלען איינער צום אַנדערן, — וועגן וואָס? אַך, איך האָב גאָר־נישט געדאַרפט הערן זייערע גערעדרייען: דערדאָזיקער אָוונט איז דאָך געווען פאַר זיי בלויז אַן אויסברוך פון יענע לעבנס־געשעענישן זייערע, פון יענע פרטים פון זייער עקזיסטענץ, אין וועלכע עס האָבן זיך צונויפגעמישט און געקומען צום אויסדרוק די געוואוינהייטן פון זייער פאַרגאַנגען לעבן און די נייע טעג. דאָ זענען געווען פרויען, וואָס האָבן באַדויערט און מיטגעפילט וויעטראָווס ווייב, און אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געפרייט פון איר אומגליק. איך האָב אויף אַ רגע צופעליק דערזען די זשיזשיקאָוואַ: אירע אויגן האָבן זיך געטונקלט מיט בייזן טריומף. און איך האָב מיך דערמאָנט, ווי די זשיזשיקאָוואַ האָט ערשט מיט אַ יאָר צוריק געבּרענגט איר מיידעלע אין קינדער־גאָרטן אַריין און עס מיר אַ שליידער־געטאָן צו די פיס. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן איר דעמאָלטיק פנים: עס האָט מיך געפרעסן מיט נקמה, און אויף אירע דינע ליפּן האָט זיך באַוויזן אַ גלאַנציקע, געלע שוים.

— אָט האָט איר זי... נעמט זי אייך!... איר האָט זי פון האַרץ אָפּגעריסן... דערשטיקט זיך מיט איר!... סיי־ווי לעב איך דאָ, ווי אַ פאַרשאָלטענע, נעמט־זשע אויך דאָס קינד צו... מיר וועלן אַלצאיינס אומקומען...

און שפּעטער, ווען דאָס מיידעלע האָט זיך געריסן פון דער היים, געוויינט און געבענקט נאָך די אַנדערע קינדער, נאָך די שפּילערייען, נאָך מיר, נאָך נאַטאַשען, פלעגט זי עס שלאָגן און קומען אַ בייזע און פאַרזאָרגטע.

— מען האָט מיר אָפּגעטון כישוף דעם קינד... עס וויל שוין אויף דער מאַמען זיך נישט אומקוקן... אפשר וועסטו זי שוין אינ־גאַנצן צונעמען?...

און ערשט נישט לאַנג צוריק איז זי איינמאָל אין אָוונט גע־

קומען צו מיר נאָך איר מיידעלע, אַ גערירטע, אַ שולדיקע, און פלוצלינג זיך שטאַרק צעוויינט.

— וואָס איז דיר, זשיזשיקאָווא? עס איז דיר געשען אַן אומגליק עפּעס? זאָג, טייבעלע, — אפשר וועלן מיר דיר מיט געמיינזאַמע כוחות העלפן. דו ביסט נישט איינזאַם.

זי האָט געשלונגען די טרערן און וויינענדיק גערעדט:

— ליבינקע מיינע!... דאָס לעבן מיינס — איז ערגער געווען, ווי פון איינער, וואָס איז אויף קאַטאָרגע... איך האָב די ליכטיקע שיין נישט געזען... אויף יעדן אַ בייז האַרץ געטראָגן... האָב נישט פאַראיבל אויף מיר... איך האָב פון דיר קיין שלעכט וואָרט נישט געהערט... צו די פיס דאַרף איך דיר פאַלן... צוליב מיין קינד בין איך אַליין אויך אַ מענטש געוואָרן...

און דעמאָלט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אָט די אויגן, וואָס זענען אַצינד פול מיט נקמה, דריקן אויס איר אומרחמנותדיקן האַס צו דער פאַרגאַנגענהייט, איר קללה צו זיך אַליין — צו דעם אַמאָליקן, דערשלאָגענעם, פאַרקריפּלטן לעבן.

...און דאָס ליד האָט שוין געהאַט מיטגעריסן די גאַנצע יוגנט. עס האָט פאַרטרונקען דעם זאַל און זיך געטראָגן זיגעריש, שטורמיש, פאַרטויבנדיק:

אויפגעשטעלט דאָס סאַמאָוואַרל,
אַז עס פליען פונקען,
זעץ איך מיך צום טישעלע —
טיי צו טרינקען.
אייל איך מיך און פּאָרע מיך,
ביז כ'נעם אַלץ צעבראַבן —
איי בין איך אַ קעכין!...

אַלע קעפּ זענען שוין געווענדט געווען צו דער טריומפירנדיקער יוגנט, און אַלע פּנימער האָבן זיך שוין צעבליט אונטער דעם הוראַגאַן פון נייע כאָר־געזאַנגען. די יוגנט האָט באַהערשט דעם גאַנצן זאַל: זי האָט באַשאַפן איר אייגענעם ריטם, זי האָט

מעכטיק באַזיגט די אַלע מענטשן, וואָס זענען געזעסן צונויפגע־דריקט אויף די בענק איינער צום אַנדערן. זי אַליין האָט דאָ געבאַלעבאַטעוועט, זי האָט אָן אייגענעם וויסן איינגעאָרדנט אַ דעמאָנסטראַציע קעגן די דאָרפישע פּאָראורטיילן, זי האָט פּאָרויס באַשלאָסן דורך סאָלידער באַגייסטערונג דעם אויסגאַנג פון היינ־טיקן אָוונט. און די מוזיק, דרייסטע ווערטער האָבן אַזוי ווי בפּיוון אויסגעלאַכט די שטרענגע וואַכזאַמקייט פון די איבעריקע.

אוי, האָב איך אַ טופּע געגעבן,
און נאָכאַמאָל אַ טופּע געגעבן!
אַ שאָק אוגערקעס אויפגעפרעסן,
און דאָך נישט געפּלאַצט – געבליבן לעבן...

דער משפּט איבער דער וויעטראָוואַ

לעבן טישל, וואָס איז באַדעקט געווען מיט אַ רויט געוואַנט, איז אויסגעוואַקסן די טשושקינאַ און גענומען קלינגען מיטן גלעקל. דאָס ליד האָט געענטפערט אויף דעם קלינגען מיט נייע, נאָך היל־כיקערע טענער: דאָס ליד האָט נישט געפאָלגט דאָס גלעקל. עס איז נייטיק געווען אויפצוהייבן די האַנט מיטן גלעקל (די טשוש־קינאָס קול האָט מען נישט געהערט), אַ פּאָכע צו געבן דערמיט. אַז דאָס ליד זאָל איבערגיין אין געלעכטער און פאַרטרינקען ווערן אין דעם גערויש פון די קולות איבערן זאַל.

– חברים, באַלד וועט ביי אונז פאָרקומען די פאַרהאַנדלונג וועגן זייער נישט קיין אָנגענעמען ענין... אַן ענין, וואָס איז איין אַלע באַקאַנט...

עמעצער האָט פון דעם גערויש פון די קולות אַ געשריי־גע־טון מיט פאַרכליניעטער פרייל
עכקייט:

– גאָרנישט קיין אומאָנגענעמער!... פאַרדריי נישט קיין מוח, טשושקינאַ... אַ גאָר פיינער ענין...

די טשושקינאַ האָט לאַכנדיק אַ שטשירע-געטון די ציין אויף דעם אויסגעשריי, נאָר איר פּנים איז באַלד ווידער געוואָרן שטרענג און ערנסט.

— דו, זיי דאָרט אַזוי גוט און פאַרמאַך דאָס מויל!... פאַר וועמען — גאָר פיין, און פאַר וועמען נישט אָנגענעם...

און ווידער האָט דאָס פריערדיקע קול, שוין באַרויִקט אויסגעשריגן:

— נו, אויב אַזוי, נעם איך אָן די באַמערקונג...

— איז אָט וואָס, ליבע חברים... דער ענין איז אייך באַקאַנט. משפּט איר אַליין, — לויט אייער אייגענעם ווילן. ווען דאָס וואָלט געווען אַן ענין, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן אַ מאַן מיט אַ ווייב אין דאָרף, וואָלטן מיר בלויז נאָר אַ ביסל רכילות געטריבן... וואָרים, ווי זאָגט מען עס: פרעמדע לייד — שטערן נישט אונזער פרייד... אויב אַ פרוי האָט אַ מאַן — מוז זי גיין אין זיין שפּאַן... אונזער ענין אָבער איז גאָר אַן אַנדערער: מיר — זענען אַ קאָלעקטיוו, איין משפּחה: מיר זענען אַ סך, אָבער אַלע צוזאַמען — איינס. מיין ענין — איז אַן ענין, וואָס איז נוגע אַלע: מיר האָבן נישט קיין פּריוואַטע ענינים. מיר אַלע קאָכן זיך אין איין קעסל, ווי אַ קאַשע, און קיין שום ווייץ-קערנדל קאָן נישט אויפן אייגענעם שטייגער, וועגן אייגענעם גורל אין דעם קעסל דעצידירן. אין אונזער ברידערלעך לעבן מוזן אַלע גיין אין איין טאַקט, און אַלע הערצער, אַלע נשמות מוזן קלאַפּן אין איין ריטם. וואָרים האָט ווער עמעצן אַ פוס אָפּגעטרעטן — וועלן אַלע זיך שטרויכלען, און אויב עמעצן וועט זיך פאַרגלוסטן צו גיין אין דער קווער — איז איינס פון די צוויי: אָדער עס וועט פון דעם אַרויסקומען אַ געפּלאָנטער, אַ געשטופּעריי, אַ צעמישעניש, אַ געשלעג און צעשטערונג פון לעבן, אָדער, חברים מיינע, אַזאַ מענטש וועט נישט אויסמיידן דעם סוף — מען וועט אים צעריייבן, אַרויסוואַרפן אין מיסקאַסטן.

— צו דער זאַך, טשושקינאַ!... מיר וויסן דאָס שוין אַליין... צעגיס דיך נישט... רעד קלאָרע דיבורים!...

— נו, און צו דעם ענין, חברים, טרעט צו אויפמערקזאַם. מען מוז אים ליקווידירן, ער האָט אונז שוין אַ סך צרות פאַרשאַפט...

— אָבער שלעפּ שוין נישט דו, טשושקינאַ!... רעד שוין קלאָר... וואָס גלעטסטו אונז, ווי קי פאַרן מעלקן?...

— נו, איך וועל שוין נישט, כ׳וועל נישט... מען מוז דאָך צוליב אָרדענונג... מען דאַרף דאָך אַ פּרעזידיום אויסקלויבן...

עס איז אַרויסגעטרעטן באַנקין און גלייכגילטיק געמאָלדן אין נאָמען פון ביוראָ פונם קעמערל אַ צעטל פון זיבן מענטשן. אין דעם צעטל האָבן אויך פיגורירט איך און קיריקאָוו. מען האָט מסכים געווען אָן אָפּשטימונג. איך בין אַרויף אויף דער סצענע, ווען אַלע זענען שוין געזעסןביים טיש. איך האָב מיך אַוועקגעזעצט לעבן פּראָכאָרן. ער האָט מאַט אַ קוק־געטון אויף מיר, האָפנונגסלאָז זיך פאַרקרימט און מיר אַ קנופּ־געטון אין פוס.

— פּראָכאָר, אָן שטותים: איר באַטייליקט זיך אין אַ טריבונאַל...

— פיטישער אָראַקול! דאָס — איז נישט קיין טריבונאַל, נאָר אַ ליטורגיע. קודש קדשים... דאָס ברענגען אַ קרבן... די טשושקינאַ — איז פּשוט אַ רודף־שלומניצע... די קינבאַקן קנאַקן מיר שוין פון דעם פאָרגעשמאַק צוליבן שפּיל פון די ברויזנדיקע ליידנשאַפטן... באַנקין וואָלט דאָס אָנגערופן מיט קאַלטער אָביעקטיוויקייט אַלס „ליקווידאַציע פון דעם טאָפּלטן קאַנאַפּליט”... וואָס פאַר אַ זאַפטיקע שפּראַך, האַ? פעדאָלאָגין?

— איר האָט זייער אַ שטאַרקן חסרון אין כאַראַקטער, פּראָכאָר: איר פאַרלירט אַ סך ענערגיע אויף פוסטער מוילמלאכה.

— דאָס איז די אייגנשאַפט פון אַלע פילאָזאָפן, פעדאָלאָגין. איר זענט נאַאיוו און אומוויסנד, ווי אַ קינד.

די גאַנצע סצענע איז פּלוצלינג אָפּן געוואָרן. עס זענען אַראָפּגעפּאַלן די זילבער-גרויע לייוונטן פון סופיט, וואָס זענען אויסהאָנגען געווען אין עטלעכע רייען אין דער פאָרם פון קו-ליסן. צווישן זיי האָבן זיך דערזען צעטומלטע פרויען און מייד-לעך, וואָס זענען געשטאַנען ווי אויף דער וואַך. אַ ביסל אָפּגע-רוקט פון טיש, איז אויף אַ שטול געזעסן אַניסיאַ מאַטוויעוונאַ מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט. זי האָט שטאַר געקוקט, ווי מיט בלינדע אויגן, אין דער ליידיקייט אַריין. איר פּנים איז געווען טעמפּ, ווי ביי אַזעלכער, וואָס איז פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. אין משך פון דעם טאָג איז זי נאָך דאַרער געוואָרן, און איך ווייס נישט פאַרוואָס מיין האַרץ האָט זיך צונויפגעדריקט פון רחמנות אויף איר. וואָס האָט זי איבערגעלעבט אין דער מינוט?

צווישן איר און טיש האָט זיך באַוויזן וויעטראָוו. ער איז געווען בלייך, אָבער רויִק. זיינע אויגן און די האַרטע קנייטשן אין די באַקן האָבן אויסגעדריקט ליידן. אַן אויגנבליק האָט ער שווייגנדיק געקוקט אין זאַל אַריין — אויף דער הייסער מחנה קעפּ און גיריק אָנגעצונדענע אויגן. ער האָט זיך אַ רייב-געטון די הענט, ווי פון קעלט, אַ צוויי מאָל אָפּגעזיפצט און פאַר-זונקען אין עפּעס אַ שווערן געדאַנק. דער זאַל איז אַזוי ווי פאַר-שטאָרבן געבליבן. אַלע האָבן געוואַרט אויף וויעטראָוווס קול, ווי אויף דעם זעץ פון אַ האַק. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אָט-אָט וועט עמעצער פון די פרויען אַרויסקרעכצן.

— איך טרעט אַרויס פאַר אייך, חברים-קאָמונאַרן, נישט דערפאַר, כדי צו באַשולדיקן אין פאַרברעכנס קעגן דער קאָמונע די בירגערין וויעטראָוואַ, נאָר כדי איר זאָלט אויפן שטרענגסטן אופן, אָן ריקזיכט, צוזאַמען מיט איר משפּטן אויך מיך — דעם מענטש, וועלכן איר האָט ביז אַצינד געדולדעט אַלס אייער פאַר-זיצער. וואָס איז דער חילוק? דערפאַר טאַקע דאַרפט איר זיך באַציִען נאָך שטרענגער צו מיר, ווייל איך האָב מיט מיין אויפ-פירונג געבּרענגט שאָדן נישט מיר אַליין, נאָר דער גאַנצער קאָ-מונע, אייך אַלע. ריכטיק האָט געזאָגט די טשושקינאַ: אין אונזער

ברידערלעכער משפחה זענען נישט פאַראַן קיין פּריוואַטע ענינים. יעדער ענין — איז אַ טייל פון דעם אַלגעמיינעם ענין פון דער קאָמונע. די שוואַכקייט פון אַ יחיד — ווירקט שעדלעך אויפן גאַנצן קאָלעקטיוו. די שלעכטע טאַט פון איינעם דעזאָרגאַניזירט אַלע. דער פאַרברעך פון איינעם צעשטערט די איינהייט פון אַלע. די שעדלעכקייט פון איינעם קאָן, ווי אַ באַציל, דערהרגע-נען אַלע.

און ווידער האָט פון דער געדיכטער מחנה קעפּ און אויגן עמעצער אַרויסגעשריגן מיט אַן אומגעדולדיק יונג קול:

— גענוג שוין מיט דער פאָררעדע וועגן דעם, אַנדריושאַ! טרעט צו צום תּוך.

די טשושקינאַ האָט שטרענג אַ קלינג-געטון מיטן גלעקל.

וויעטראָוו האָט געמאַכט אַ טריט פאָרויס, איז מיטאַמאָל שטיין געבליבן פעסט, און זיין קול האָט גענומען קלינגען כּמעט דראָענדיק.

— שוין אַ לאַנגע צייט איז דידאָזיקע פרוי, די בירגערין וויעטראָוואַ, אַ שונא פון דער קאָמונע. זי האָט אין אָנהייב פּשוט סאַבאָטירט, און דערנאָך אָפן אָנגעהויבן צו פירן אַ שעדלעכע אַרבעט. זי איז אָבער געווען מיין ווייב, און איך האָב עקשנות-דיק געקעמפט מיט איר: געוואָלט זי מיט אַלע מיטלען איבער-ברעכן. איך האָב נישט פאַרלוירן די האָפנונג. איך האָב געטראַכט: וואָס איז דער חילוק? איך וועל אַלץ איבערלעבן, אָבער זי אי-בערמאַכן. אָט דאָס דאָרפישע עקשנותדיקע געפיל פאַר אייגנטום האָט זיך צעבונטעוועט אין איר נישט מיטאַמאָל. דאָס האָט זיך אָנ-געהויבן מיט צוויי יאָר צוריק, ווען סיי דאָס דאָרף און סיי מיר האָבן זיך פעסטער אָנגעהויבן אַוועקשטעלן אויף די פיס. עס האָט זי אַ צי-געטון צוריק. דער כּוח פון דאָרף האָט זיך אָפּגערופן אין איר, ווי אַ שלוקעכץ. דערצו נאָך — די פאַרבינדונג מיט די עלטערן. ווי אַ מיטגליד פון דער קאָמונע, איז זי מחויב צו גיין אויף אַרבעט, וואָס ווערט פאַר איר באַשטימט, אָבער זי פאַרמאַכט

זיך אין איר צימער. אָנשטאָט אַ דאָקטאָר — רופט זי אָן אָפּשפּרע־כערין, דעם פּאָפּ. אָנשטאָט אויף די לעקציעס פאַר ליקווידירן דעם אַנאַלפאַבעטיזם און אין קלוב אַריין — גייט זי בעסער אין דער צערקווע אַריין. זי האָט דאָ נישט קיין חברים און פריינט. זי שטעקט נאָך אינגאַנצן אין פאַרגאַנגענעם לעבן, און אירע פריינט — זענען אונזערע שונאים. זיי האָבן זי אויסגענוצט פאַר זייערע אינטערעסן. וואָס איז דער חילוק? די היינטיקע געשעע־ניש איז אייך אַלע באַקאַנט. און אַזוי ווי, חברים, איך האָב נישט אין דער געהעריקער צייט אָנגענומען קיין אַנטשלאָסענע מיטלען קעגן דערדאָזיקער פרוי, האָב איך מיט דעם געבערענגט שאָדן דער קאָמונע. מיין פרווון זי איבערצומאַכן האָט געליטן אַ דורכפאַל. איך דערקלער, אַז זי איז פאַר מיר נישט מער — נישט קיין ווייב, נישט קיין חבר, נאָר אַ שונא אויף טויט און לעבן. איך רייס מיט איר איבער אויף אייביק. איך דערקלער, אַז איבערלאָזן זי אויף ווייטער אין דער קאָמונע איז אוממעגלעך. אַ ספּעציעלע קאָמיסיע וועט אויספאָרשן אַלע פאַקטן וועגן איר שעדלעכקייט און אָפּגעבן אַ באַריכט וועגן זיי.

ער האָט אפילו נישט קיין קוק־געטון אויפן ווייב און זיך אַוועקגעזעצט אין עק טיש מיט דער ווירדע פון אַ מענטש, וועל־כער וואַרפט זיך אונטער שטאָלץ און זיכער דעם משפט פון אַ שטרענגן ריכטער — פון אָט דער גאַנצער מאַסע מענטשן, און דידאָזיקע מאַסע קאָן טוען מיט אים, וואָס איר וועט וואויל־געפעלן.

אַניסיאַ מאַטוויעוונאַ איז כסדר געזעסן, ווי אַ טויטע. עס איז אַ ספק, צי זי האָט באַוואוסטזיניק אויפגענומען, וואָס עס קומט פאָר אַרום איר, צי זי האָט געהערט, וואָס וויעטראָוו האָט גערעדט.

די טשושקינאַ איז אויפגעשטאַנען און אַ קלינג־געטון מיטן גלעקל. דאָס איז אפילו נישט נויטיק געווען: דער זאַל האָט געשוויגן, און אַלעמענס אויגן זענען געווענדט געווען צו וויעט־ראָוון און זיין ווייב.

— חברים, אצינד זאָל יעדער מיט אויפמערקזאַמקייט און שטרענגן ישוב־הדעת רעדן וואָס ער וויל. קיין זידלעריי און סתם חוזק טרייבן וועלן מיר נישט דערלאָזן. דער ענין, חברים, איז אַ שווערער און ערנסטער. מיר האָבן צו טון מיט אַ מענטש, מיינע ליבע, — דאָס איז נישט קיין שפּאַס.

זי האָט נישט גערעדט, נאָר געזונגען, מיט וויטיק אין קול, האַרציק באַטאָנענדיק די ווערטער.

דער זאַל האָט געשוויגן און אינערלעך געברויזט, פּאַרזונקען אין טיפער פּאַרטראַכטקייט. דאָסדאָזיקע שווייגן איז געווען פּיינלעך און שטרענג.

באַקעמפנדיק זיין אומדרייסטקייט, לייכט זיך שטרויכלענדיק, האָט אין שמאָלן דורכגאַנג זיך דערנענטערט קאַרפּוכאַ, דער שטאַלמייסטער. ער האָט געטראָגן זיין היפּשן קערפּער מיט שווערע טריט, צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ און אַרויסשטעלנדיק די גרויסע ציין פון אונטער די גרויע וואָנסעס אַפער, און זיין גאַנצע פיגור האָט געהאַט אין זיך עפּעס פערדישס, אפילו די אויגן האָט ער אַרויסגעשטאַרטשעט און געקוקט מיט זיי איןביידע זייטן, ווי אַ פערד. ער איז צוגעקומען צו דער ראַמפּע, עטלעכע מאָל אַ טרעט־געגעבן מיט די פיס אויף איין אָרט, זיך אַ רודער־געטון, גענומען שנייצן די נאָז — פריער מיט איין נאָז־לאָך, דערנאָך מיטן צווייטן און זיך גלייך געמאַכט דאָס היטל אויפן קאָפּ.

גלאַשאַ, וועלכע איז געזעסן אויף דער פאָדערשטער באַנק, שטייף אַרומגענומען מיט אַ פּאַסעק, האָט אויסגעשטאַרטשעט אויף אים בולטע אויגן און זיך צעלאַכט מיט אַ מעכטיקן אַלט.

— אַך, נבלה בהמהשע... מיט די נאָזלעכער שיסט ער... וואָס טוט זיך מיט דיר — אין דער קי־שטאַל ביסטו, צי וואָס ?...

קאַרפּוכאַ האָט זיך ווידער אַ רודער־געטון, דאָס היטל גלייך געמאַכט, און שעמעוודיק, אָבער זייער ערנסט, איר געמאַכט אַ באַמערקונג :

— איך — בין אַ מענטש נישט פון בהמהשער, נאָר פערדישער קוואַליפיקאַציע. דאָרט ווערט געפירט אויף אַן אַנדערן אופן.

און דערדאָזיקער שטרענגער ענטפער זיינער האָט אַרויסגערופן אַ הילכיק געלעכטער אין זאַל. לויט זיינע ציטערדיקע אַקסלען און היטל איז קענטיק געווען, אַז קאַרפּוכאַ אַליין לאַכט אויך.

די טשושקינאַ האָט שמייכלענדיק באַוויזן אירע ציין און מיט שטרענגער ליבלעכקייט אַ מוסר-געטון קאַרפּוכען:

— דו, פּאַטעול, ביסט צוגעקומען אַהער נישט געבן דערקלערונגען וועגן בהמות, נאָר העלפן זיך פונאַנדערקלויבן אין אַ מענטשלעכער לעבנס-פראַגע. די ציין שטשירען איז דאָ איבעריק. רעד! וואָס ווילסטו פרעגן?

קאַרפּוכאַ האָט זיך אויסגעדרייט צום טיש, און זיינע אייגעלעך צווישן די פאַרזשמורעטע כיטרינקע וויעס האָבן זיך צעפינקלט.

— די זאַך איז דאָך אייגנטלעך אַזוי! דער גורל פון מענטש — איז דאָך פאַרפּלאָנטערט. ווי נאָר דער מענטש, ווי זאָגט מען עס, ווערט געבוירן, איז דאָך באַלד גרייט אַ נעץ פאַר אים, אַ שטייגער ווי אַ געשפאַן, איין רגע — כ׳בעט אייך! — און דו האָסט שוין די צוים אויף דיר... נו, און דו, ווי זאָגט מען עס, גיי פּלאָנטער דיך אַרויס פון איר איבערן גאַנצן לעבן... לאָמיר נעמען אַ שטייגער אונזערע פערד...

— אָבער וואָס האָסטו דיך אַריינגעלאָזט דאָרטן אין פערדישע ענינים? ביסט אַרויסגעטרעטן, דריי-זשע דיך אַרויס.

אויף דעם צווישנרוף האָט קאַרפּוכאַ, ווי אַ מענטש, וואָס פילט זיך באַליידיקט אין זיינע געפילן, פאַרדראָסיק אַ קוק-געטון פון אונטער די ברעמען אַפער.

— איר אַלע, ווי זאָגט מען עס, האָט נאָר ליב צו דרייען. מיט אַ מענטש טאָר מען אָבער נישט דרייען — ער וועט נאָך

פאַרדרייט ווערן, און עס וועלן ווערן פון אים בלויז קנופּן און שלייפן. אָט ווי די זאַך זעט אויס! לאָמיר נעמען אַ שטייגער אונ־זער „מייקען”. איך האָב נאָך אַזאַ אונטערפּירערין אין דער וועלט נישט געזען. אַ פאַררעטערישע קליאַטשע. אויף אַ פערד קען איך מיך — זע דורך און דורך דעם כאַראַקטער דערפון. און דאָך, ווי זאָגט מען עס, מיט „מייקען” קאָן איך מיר נישט קיין עצה געבן. איך קאָן זי מיט גאָרנישט נעמען.

אַ פריילעך קול אין די פעדערשטע רייען:

— אַזוי? טאַקע מיט גאָרנישט?

— מיט גאָרנישט!... „מייקען”... מיט קיין שום זאַך נישט, גאָט מיינער!...

אַן אויסברוך פון געלעכטער.

די טשושקינאַ האָט זיך אָנגעבויגן איבערן טיש צו קאַרפּו־כען און ברוגזדיק אַ קלאַפּ־געטון מיט דער האַנט. ער האָט זיך פאַרוואונדערט אומגעקוקט, פריינטלעך אַ שמייכל געטון מיט זיי־נע אויסגעשטשירעטע פערדישע ציין און אפילו אַ פאָכע־געטון צו איר מיטן היטל.

— אָבער דו דרייסט דאָך מיט דער צונג, קאַרפּוכאַ. איך האָב שוין הונדערט מאָל געהערט פון דיר וועגן דיין „מייקען”. טשעפּע דיך אָפּ מיט איר, מיט דיין „מייקען”: לויט דיין מיינונג איז דאָך גאָר אויף דער גאַנצער וועלט נישטאָ קיין שענער פערד פון דיין „מייקען”.

— טאַקע אַזוי!... ווען מע זאָל דורכגיין די גאַנצע געגנט, גיב איך מיין האַנט אָפּצוהאַקן, אויב מען וועט געפינען נאָך אַזאַ שיינהייט, ווי זאָגט מען עס, אפילו אין אַמעריקע... וואָס איז דאָ צו רעדן!...

אין זאַל האָט מען געשמייכלט און זיך גענומען אומגעדול־דיק שטופּן צו דער סצענע.

— אייגנטלעך, קאַרפּוכאַ, נאָכוואָס ביסטו דאָ צוגעקומען? רעדן וועגן „מייקען”, אָדער געבן אַ קריטיק אויף די וויעטראָווס?

— וואָס טענהסטו מיט אים?... גיב אים דעם וועג, טשוש־קינאַ... ער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין ווייבערישע ענינים... מיט דער קליאַטשע...

קאַרפּוכאַ האָט כיטרינקע פאַרזשמורעט די אויגן און זיין קולכל איז געוואָרן ווייך, צאַרט, חניפהדיק.

— איך, ווי זאָגט מען עס, האַלט... וועגן דעמדאָזיקן ענין... אַ פרוי — איז בכלל אַ פאַרפירערין...

גלאַשאַ איז מיטאַמאָל אויפגעשפּרונגען פון איר אָרט און אַ הויב־געטון די האַנט צו דער טשושקינאַ. אירע אויגן האָבן אַ בלישטש־געטון, ווי ביי אַ קאַץ, און זי האָט הויך זיך צעשריגן איבערן זאַל:

— טשושקינאַ!... דאָס איז שוין אומדערהערט... ווי אַזוי דערלויבסטו, ער זאָל די פרויען צונויפמישן מיט דער פערד־שטאַל... אַזעלכע אומווירדיקייטן וועלן מיר שוין אַליין אַ כאָמוט אָנטון... אייזל־קאָפּ!...

אַ שטורעם פון פרויען־געשרייען האָט זיך אַ טראָג־געטון אי־בערן זאַל. אויף פאַרשידענע ערטער האָבן גרופּעסווייז אָנגעהויבן אויפצושפּרינגען מיידלעך און פרויען. זייערע אויגן האָבן גע־בלישטשעט אפילו פון די ווייטסטע ווינקלען.

— דאָס איז עס דאָך טאַקע! — האָט קאַרפּוכאַ התפעלות־דיק גענומען דרייען מיטן קאָפּ: — וואָס־זשע דען רעד איך? אָט, ווי זאָגט מען עס. אַנדריי סעמיאָניטש... דאָס איז אַזאַ מענטש, וואָס וועט זיין אייגן לעבן נישט שוינען...

די טשושקינא איז אויפגעשטאַנען און אַ קלינג־געטון מיטן גלעקל. אירע ברעמען האָבן געציטערט.

— הער, פּאַטערל... דו מאַכסט אונז קאַליע די גאַנצע פאַר־האַנדלונג... וואַרט נאָך צו, ברודער. איך האָב דיר נישט איבער־געהאַקט... אָבער אַצינד וועל איך דיר זאָגן: דו פרעג דיך... פרעג דיך, ליבער מענטש, וואָס עס איז דיר נישט קלאָר...

קאַרפּוכאַ האָט, ווי אַ פּאַרמאַטערטער, זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, און זיין פּנים האָט אויסגעדריקט אומרו.

— איז אָט, ווי זאָגט מען עס... דערלויבט מיר אַצינד דאָס וויכטיקסטע אַרויסצוזאָגן... איך האָב אַנדריי סעמיאָניטשס האַרץ נישט געוואָלט באַאומרויִקן... אָבער איך האָב דעם שטאַנדפּונקט אָפּגעהיטן... צוויי מאָל האָב איך געפּאַקט מאַטוויעוונען באַ־נאַכט... און יעדעס מאָל האָט מיין שאַרף אויג עפּעס אַנדערש גע־זען... כאַפּסט אַ בליק אויף איר, און זי זיצט זיך איינגעקוליעט און נעמט אויסדערציילן: די פּערד, זאָגט זי, זענען פּאַר מיין מאַן טייערער, ווי דאָס ווייב און זיין היימישע נעסט... ער וועט סיי־ווי, זאָגט זי, נישט אויסהאַלטן... די פּויערן וועלן אייך פאַרברע־נען, אויסשעכטן, און דערנאָך, זאָגט זי, האָט מיר אַ שכנה גע־לייענט דאָס איינאונדרייסיקסטע קאַפּיטל תּהילים: „אין דיר, גאָט, איז מיין שטיצע, לאָז מיך נישט פאַרשעמט זיין אויף אייביק”...

עפּעס אַן אַלטיטשקע, וואָס איז געזעסן אין דער צווייטער רייע, מיט אַ שוואַרץ טיכל אויפן קאָפּ, אַ פאַרשפּיליעטס אונטער דער גאָמבע, האָט אָנגרייפעריש און ברוגזדיק אַרויסגעסקריפּעט:

— צוואָס איז דאָס טענהן בחינם: צו איר ענין פּאַסט זיך נישט דאָס איינאונדרייסיקסטע קאַפּיטל תּהילים, נאָר דאָס הונ־דערט און צווייטע, וועגן די הילפסלאָזע: „אָ גאָט, הער צו מיין נעבעט”...

דער זאַל האָט פלוצלינג אויסגעבראָכן מיט פאַרניכטנדיקן זונט — מען האָט געטופּעט מיט די פיס, געפּאַטשט מיט די הענט. און מיר אַלע אַרום טיש זענען אַזוי ווי אונטערגע־וואָרפן געוואָרן אין דער לופט. אין דער בהלה פון קוויטשערייַ און געברום האָב איך אויפגעכאַפּט בלויז אָפּגעהאַקטע צאָרניקע ווערטער: — „טרייב זי!” „אַ קרענק!” „אַרויס פון דער קאָמונע!”

קאַרפּוכאַ, אינגאַנצן אַ געפּלעפטער און פאַרלוירענער, האָט

זיך זייטיק צוריק אַריינגעשאַרט אין דעם געדיכטן געדראַנג פון די אויפגערייצטע מענטשן.

די טשושקינאַ, אַן אויפגערעגטע, מיט טרויעריק־שטרענגע אויגן, האָט כסדר געקלונגען מיטן גלעקל און געפאָכעט מיט דער האַנט.

פראָכאָר האָט אַזש אויפגעציטערט פון התפעלות. זיין פנים איז יינגער געוואָרן און האָט עזותדיק געלאַכט.

— דאָס איז דאָך בבל, פעדאָלאָגין!... נישט שלום און פרידלעכקייט שאַפן אַ ניי לעבן, נאָר שטורמישער אויפשטאַנד... ווי פיין דאָס איז! האַ? דאָס הונדערט און צווייטע קאַפיטל תהילים וועגן די מוטלאָזע און — די חוצפה פון קאָמוניסטישער איבערקערעניש... האַ? אין מוח קיצלט אַזש...

ווען אַלע האָבן זיך ענדלעך באַרויקט און איבער די קעפ האָט זיך בלויז ווידער געוויגט דאָס כוואַליענדיקע אָטעמען פון די מענטשן, האָט זיך די טשושקינאַ אויסגעדרייט צו אַניסיאַ מאַטוויעוונאַ (זי האָט נישט געהאַט געביטן איר פּאָזע) און זי געפרעגט:

— בירגערין וויעטראָוואַ, דאָ פרעגט מען דיך: פאַרוואָס דו פלעגסט אָן אַ באַדערפעניש און נישט אין דער געהעריקער צייט גיין אין דער פערדשטאַל אַריין?

אַניסיאַ מאַטוויעוונאַ האָט נישט געהערט. אַ טויבע און טויטע, איז זי געזעסן, ווי פריער, פאַרגליווערט און שטום.

— בירגערין וויעטראָוואַ?

די וויעטראָוואַ, אַזוי ווי אויפגעוואַכט — האָט אַ ציטער־געטון און זיך אַרומגעקוקט איבערן זאַל. זי האָט נישט פאַרשטאַנען דער טשושקינאַס פראַגע, און איר פנים איז טונקל געוואָרן פון שרעק.

— נו, נעמט און צערייסט מיך!... נו!... איר האָט די מאַכט, פאַרפייניקט־זשע מיך!...

הויך איבער די קעפ האָט זיך באַוויזן אַ פרויען־האַנט,

דערנאָך האָט די האַנט אויסגעטיילט פון דער מאַסע קערפּערס די מעלקערין דוניאַ שובינאַ. איר קול האָט זינגענדיק וויבּרירט און געקלונגען, ווי אַ שטרענגע באַשולדיקונג.

— איך וואָלט געוואָלט עפּעס פרעגן דעם חבר וויעטראָוו אַליין. אויב עס איז נישטאָ קיין ליבע, קאָן מען זי דאָך פון האַרץ נישט אַרויסקוועטשן: אָנשטאָט ליבע וועט זיך באַווייזן אייטער, ווי פון אַ מכה. וואָס־זשע האָט וויעטראָוו פאַרלאַנגט פון זיין ווייב? ליבע, אפשר?

וויעטראָוו האָט זיך צעשמייכלט און אַ מאַך־געטון מיט דער האַנט.

— אַזוי? און אין דער קאָמונע — איז אַ געוואַלט און אַ טאַראַראַם. איבערמאַכן זי, זאָגט ער, האָט ער געוואָלט. און דיך אַליין, אַנדריי סעמיאָניטש, האָסטו שוין איבערגעמאַכט? דו, חבר, האָסט נאָר וועגן זיך אַליין געטראַכט. אַלע אַנדערע — זענען דיך נישט אָנגעגאַנגען. און ווי לאַנג האָט די קאָמונע געליטן? ווער האָט באַשיצט דאָס אייגענע ווייב? דיך האָט מען געשוינט, נישט געוואָלט אין דער נשמה אַריינקריכן. און דו ביסט כאָטש אַ מבין געווען אויף דעם? ניין, חבר וויעטראָוו, דו האָסט עס אפילו נישט געפילט, דו האָסט בלויז פאַר דער אייגענער הויט געזאָרגט. און אַנדערע געמשפט!... פאַר אַ פוסטער נאַרישקייט שיער נישט מיין מאַן אַרויסגעטריבן. ביי מיין שובינען זענען נאָך ביז אַצינד די רעכט צוגענומען. ווי אַזוי זעט דאָס אויס?...

דוניאַ האָט אַ קוק־געטון אויף דער פאַרזאַמלונג מיט טריומפירנדיקן גלאַנץ אין די אויגן און באַלד זיך צוריק פאַרלוירן אין דער מחנה קעפּ... דידאָזיקע קעפּ האָבן זיך פּלוצלינג צעכוואַליעט, גענומען וויגן זיך, און אויפגערעגטע פּנימער האָבן זיך געווענדט אין איר זייט אַריין. געשריי, צערודערונג, געטומל.

וויעטראָוו איז געזעסן אַ שטרענגער, אַ פאַרשלאָסענער אין זיך: דוניאַס רייד האָבן אים אַזוי ווי נישט אָנגערירט.

די טשושקינאַ אין אויפגעשטאַנען און לאַנג געקלונגען מיטן גלעקל. עס איז געוואָרן רויִק.

פון צווישן די רייען האָט שטילינקע, אַ פאַרטראַכטע אין זיך, אַ ווירדיקע, זיך אַרויסגערוקט די זשיזשיקאָוואַ. זי האָט מיט אַ לייכטן גאַנג זיך דערנענטערט צו דער סצענע, שטיין געבליבן קעגנאיבער אַניסיאַ מאַטוויעעוונען און גענומען קוקן אויף איר שאַרף, מיט שטרענגער מיטלייד.

— נו, געוועזענע פריינדין מיינע, אַניסיאַ מאַטוויעעוונאַ! דו האָסט נישט געוואָלט, פאַרייניקט מיט דיין מאַן אַנדריי סעמיאָניטשן, גיין אין אונזער וועג — האָסטו דעריבער אַ תּל געמאַכט פון דיין ווייבערישן גורל. איטלעכער מענטש, מיין טייערע — איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע מעשים, קליגער פון אַלע קאָן מען נישט זיין. אָט וואָס, ליבע אַניסיאַ מאַטוויעעוונאַ. האָסט נישט אָפּגעשאַצט דיין אַנדריי סעמיאָניטשן. און וואָס פאַר אַ מענטש איז דאָס, האַ!... וואָס פאַר אַ גוטער מאַן איז דאָס, האַ! אַזאַ מאַן — הלוואַי אויף אַלע ווייבער געזאָגט געוואָרן...

אין זאַל האָט מען גענומען שמייכלען, טיפער אָטעמען, זיך באַוועגן. ערגעץ־וואו האָבן זיך דערהערט אַפּלאָדיסמענטן.

עמעצער פון צווישן די רייען פון יונגוואַרג האָט אויסגעשריגן:

— דאָס איז גראָד נישט אַזוי!... וויעטראָוו, אַלס מאַן — איז קיין גראָשן נישט ווערט געווען. זיין אַרבעט אַלס מאַן דאַרף אָנערקענט ווערן פאַר נישט באַפרידיקנדיק.

עס האָט אויסגעשאָסן אַ געלעכטער, וואָס איז באַלד איבערגעריסן געוואָרן.

און די זשיזשיקאָוואַ איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַזאַ זיכערע אין זיך, מיטן פּנים געווענדט צו דער וויעטראָוואַ, און זי באַשולדיקט שטרענג און מוסרדיק.

— אַך, דו, אַניסיאַ!... בלינדע שאָף דו, קרעציקע. יאָ־יאָ. אויך איך בין געווען נאַריש, אויך איך בין געווען אַ שעפּס אַ קרעציקער, אָבער דו, טייערע, ביסט אַ באַ־וואוסט־זיניקער אייזלקאָפּ... איך האָב פריער צוזאַמען מיט דיר פאַרן בילד פון דער

אַלערהייליקסטער טרערן פאַרגאָסן. אַצינד אָבער, ווי נאָר איך האָב די ליכטיקע וועלט פאַר מיר דערזען... און דאָס אַלץ צוליב דעם קינד מיינעם... איז מיר געוואָרן אַזאַ חרפה פאַר זיך אַליין, אַזאַ ווייטיק, אַז דאָס האַרץ האָט זיך מיט טרערן און בלוט באַגאָסן און אָט... (זי האָט געלאַסן און פייערלעך זיך אויסגעדרייט צום עולם, ווי זי וואָלט דורכגעפירט אַ הייליקע צערעמאָניע)... און אָט נייג איך מיך אַצינד פאַר אונזער גאַנצער פאַרזאַמלונג און פליעסקע מיך פאַר איר, ווי אַ פישעלע: ליבע חברים מיינע! זייט מיר מוחל פאַר מיין פריערדיקער נאַרישקייט, פאַר מיין ווייבערישער, פאַר דער שעפסענער דומהייט און פאַרשאָלטענער בלינדקייט... איך וועל שוין פון היינט אָן זיין אַן איבערגעגעבענע, ערלעכע קאָמוניסטין ביז מיין לעצטן אָטעם-צוג... און איך וויל, ברידער מיינע, זיך פאַרשרייבן אין דער פאַרטיי...

זי האָט זיך האַסטיק אַ בייג-געטון און נידעריק גענייגט מיטן גאַנצן קערפּער פאַר דער פאַרזאַמלונג. מיר האָט זיך אפילו געדאַכט, אַז אין דידאָזיקע פייערלעכע ווערטער און זשעסטן אירע איז געווען עפּעס טעאַטראַלישס, צוגעטראַכטס, ווי עס געשעט געוויינטלעך ביי דאָרפישע צערעמאָניעס, אָבער זי האָט דאָס אַלץ אויסגעפירט און איינצייטיק גערעדט מיט אַזוי פיל געשיקטקייט, לייכטקייט און האַרציקייט, אַז איר יעדעס וואָרט און באַוועגונג האָבן פאַרכאַפּט דעם אָטעם.

דאָס איז געווען אַ מאָמענט, וועלכער האָט געענדערט דעם גאַנצן סדר פון דער זיצונג. איבערן זאַל האָט זיך אַ טראָג-געטון אַ שטורעם פון אויסגעשרייען און אַפּלאָדיסמענטן. מענטשן זענען אויפגעשטאַנען פון די ערטער און זיך גענומען פּאַקן אין די דורכגענג. מיידלעך און פרויען זענען מיט באַגייסטערטע פּנימער צוגעלאָפן צו דער זשיזשיקאָוואַ, זי אַרומגערינגלט און גענומען פירן מיט זיך. אַלע האָבן פאַרגעסן סיי וויעטראָוון, סיי אַניסיאַ מאַטוויעוונען, סיי די טשושקינאַ, וועלכע איז געשטאַנען אָנגעבויגן איבערן טיש מיטן גלעקל און, באַוועגנדיק מיט די ליפּן, געקלונגען אומאויפהערלעך, מיט אָפּגעהאַקטע טרעלן.

אַן איינגעהילטע אין אַ וואַרים טוך, איז אַרויסגעטרעטן אַ פרוי, כאָטש זי איז נישט אַרויסגערופן געוואָרן דורך דער טשוש-קינאַ. איך האָב זי שוין געקענט לאַנג, בלויז פון זעען. איר פנים איז תמיד געווען אַ פּאַרוויינטס. דאָס איז געווען איינע פון יענע פרויען, וועלכע זעען זיך נישט אָן אין דער מאַסע: דו באַגעגנסט זיי יעדן טאָג ביי דער אַרבעט, אין עסצימער, אין קלוב, אויף די לעקציעס פאַר ליקווידירן דעם אַנאַלפאַבעטיזם, אָבער באַלד פאַרגעסטו זיי. און דערפאַר, ווייל זי פלעגט קיינמאָל אין ערגעץ זיך נישט אַרויסרוקן, נאָר אַ שווייגנדיקע, אַן אונטערטעני-קע זיך אויסמישן אין לעבן פון דער קאָמונע, האָט אויך אַצינד קיינער נישט געלייגט קיין אַכט אויף איר. איך אָבער בין געווען פאַרוואונדערט פון איר דרייסטקייט, און די טשושקינאַ האָט אפילו זיך אָנגעשפּאַרט מיט די הענט אָן טיש און זיך אַריבערגעבויגן צו איר אין פאַרוואונדערטער דערוואַרטונג. זי האָט זאָגאַר זיך פאַר-שאַרצט דאָס טיכל פון דער באַק הינטערן אויער אַרונטער.

נישט וואַרטנדיק ביז דער זאַל וועט זיך באַרויקן, האָט די פרוי אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַ צערייצטע גענומען שרייען צום סופיט מיט אַ כליפּענדיק קול:

— איך בין נישט מסכים! נישט מסכים און נישט מסכים!... דאָס איז מיין וואָרט!

די טשושקינאַ האָט מיט ברוגזדיקער ליבלעכקייט, מיטן קול פון אַ באַס איר איבערגעשלאָגן, צוקלינגענדיק מיטן גלעקל:

— מאַרטינאָוונאַ, דו זאָג, מוטערל, מיט וואָס דו ביסט נישט מסכים?

— איך בין מיט גאָרנישט מסכים...

און פּלוצלינג האָבן אַלע באַמערקט די מאַרטינאָוונען, מיט-אַמאָל שטיל געבליבן און נייגיריק זיך אָנגעהויבן צוהערן צו איר.

— צי איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז מען זאָל אַ מענטש אַזוי באַוואָלהן? די מאַטוויעוונאַ איז נישט ערגער פון אַנדערע ווייבער, נאָר אַלע האָבן זי פאַרשריגן, צוגעדריקט, אַוועקגע-

וואָרפן !... אויך דער מאַן האָט זי אַוועקגעוואָרפן, און אַלע האָבן אויף איר מיט די פינגער געטייטלט. ווי אַ פאַרשאָלטענע האָט זי געלעבט. מיר, ווייבער, ווערן אַלע באַליידיקט. צי קאָן מען דען אַזוי ? מע האָט צערייצט אַ מענטש, און דערנאָך אים אַרויס־געשטעלט — אַלע זאָלן זיך פון אים אַ שפּילעכל מאַכן... איך בין נישט מסכים... מען דאַרף זי איינעמען און טרייסטן.

און זי איז אַוועקגעגאַנגען און פאַרטרונקען געוואָרן אין דעם כמורעדיקן שווייגן פון זאַל, אַליין אַן אָנגעכמורעטע און באַליידיקטע.

פון איר אָרט איז אויפגעשפּרונגען גלאַשאַ און זיך גענו־מען דערנענטערן מיט אַ האַסטיקן גאַנג צו דער סצענע. זי איז מיט איר פּנים און זשעסטן ענלעך געווען צו אַ יינגל.

— גיב מיר אַ וואָרט, טשושקינאַ, — האָט זי קלינגענדיק און אַנטשלאָסן אויסגעשריגן. — אָט וואָס, חברים. מיר רעדן בלויז שטותים. די טשושקינאַ האָט אויך דערלאָזט צו נאַרישע גע־שרייען און פּוסטע גערעדערייען, כדי איר גוט האַרץ אַ ביסל צו באַרויִקן. פּוסטע דיבורים. מיר דאַרפן אָט וואָס באַשליסן. אַניסיאַ — איז נישט פאַר דער קאָמונע : זי האָט איר דאָרפישע נאַטור נישט געביטן. אַלע אונזערע ענינים זענען איר דערווידער געווען. אָט וועל איך שטעלן עטלעכע פראַגן דער וויעטראָוואַ : חברטע וויעט־ראָוואַ, דו האָסט דיך נישט אונטערגעוואָרפן אונזער אָרדענונג און אַלץ אונז געטון להכעיס. פאַרוואָס ?

אַ שווייגן. די וויעטראָוואַ איז געזעסן, ווי פריער, אַ פאַר־גליווערטע און טויבע.

— גוט ! לאָמיר גיין ווייטער. חברטע וויעטראָוואַ !...

עמעצער האָט זיך נישט געקאָנט באַהערשן און אויסגעשריגן מיט צאָרן :

— וואָס פאַר אַ חברטע איז זי... אַ פעל, נישט קיין חברטע.

— וואַרט צו, שריי נישט. איך שטעל אַ פראַגע. חברטע, צי דאָרט, בירגערין וויעטראָוואַ, וואָס פאַר אַ רעכט האָסטו געהאַט צו קומען אין שפּייזקאַמער און אין קיך אַריין, צו נעמען אומגע־

פרעגט פּראָדוקטן און זיי אַוועקגעבן דעם פּאָפּ און אַ פּויערטע פון דאָרף ? ווייניק ווער ווייסט וועגן דעם, אָבער איך ווייס.

ווידער — אַ שווייגן און אָנגעשטרענגטע אומרויִקייט.

— און אַצינד — נאָך עפּעס בעסערס. זי גייט אין דאָרף אַריין און האָט דאָרט פאַרבינדונגען. איך האָב אויסגעפאָרשט, און אַלץ אין בײַ מיר פאַרשריבן: איך האָב אײַך געוואָלט מײַנע פאַרצייכנונגען איבערגעבן, נאָר איך האָב זיי נאָך נישט פאַרענדיקט. אָבער אַזוי איז עס. איך האָב זי שוין לאַנג אויפן אויג. וויעטראָוו און איר אַלע האָבן פאַרזען. אָט איז בײַ אונז פאַרבערענט געוואָרן דער הילצערנער מלבושים-שייער. ווי אַזוי איז דאָס געשען, וואָס די וויעטראָוואַ איז עפּעס גראָד די נאַכט אַוועקגעגאַנגען מיטן קינד אין דאָרף אַריין און געװעכטיקט בײַם פאָטער ? מעגלעך, אַז דאָס האָט נישט קיין שייכות צו איר, אָבער די זאַך איז עפּעס משונהדיק... דו שווייגסט, וויעטראָוואַ ? גוט. לאָמיר, חברים, באַשליסן אַזוי: אַרויסטרייבן און צו די קינדער נישט צולאָזן.

און ווי נאָר אַניסיאַ מאַטוויעוונאַ האָט דערהערט גלאַשעס אויסגעשריי וועגן די קינדער, האָט זי אַ ציטער-געטון, אויפגעוואַכט און גענומען קוקן איבער דער פאַרזאַמלונג מיט אויסגעסטאַרטשעטע אויגן. דערנאָך איז זי אויפגעשטאַנען, זיך אַ כאַפּגעטון בײַ דער ברוסט און אַרויסגעזיפצט. עטלעכע פרויען זענען צוגעלאָפן צו איר פון הינטער די קוליסן אַפער, נאָר זי האָט זיך הייזעריק צעשריגן און זיי אָפּגעשטופּט פון זיך.

— איך וועל זיי נישט אַוועקגעבן !... מײַנע זענען זיי !... קיינמאָל אין לעבן !... דערהרגעט מיך, שעכט מיך !... איך וועל זיי נישט אַוועקגעבן !... איך וועל זיי בעסער אַליין דערשטיקן... אויף שטיקער צעהאַקן, און נישט אַוועקגעבן... דאָס לעבן האָבן זיי מיר צוגענומען... דעם מאַן... די פאַמיליע... איך האָב שוין גאָרנישט... רויבער-באַנדע !... רוצחים !...

דעמאָלט האָט די גאַנצע מאַסע קעפּ פּלוצלינג אויסגעבראָכן אין אַ פאַרטויבנדיק גערויש פון אַ סטאַדע, וואָס האָט זיך גענו-

מען שפּאַרן צו דער סצענע, פאַרשטאָפּנדיק אַלע דורכגענג. די פנימער זענען געווען צעקרומט, די ציין אויסגעשטשירעט פון צאָרן און בונט. אַלע האָבן געברומט און געפּאַכעט מיט די הענט. די ראַמפּע האָט געקרעכצט אונטער דעם דריק פון די מענטשן, און עס האָט זיך געדאַכט: אַז אָט־אָט וועלן זיי אַרויף אויף דער סצענע, אַ כאַפּ־טון די וויעטראָוואַ, אַריינוואַרפן זי אינמיטן פון דער אויפגעבּרויזטער מחנה און צעררייסן אויף שטיקער.

די וויעטראָוואַ האָט געציטערט, שווער געאָטעמט און גע־קוקט אויף דעם פּאַנישן געדראַנג מיט שרעק און פאַרצווייפלונג. דערנאָך איז זי אָפּגעשוואַכט געוואָרן, זיך אַ וואַקל־געטון, זוכנדיק מיט די הענט אַן אָנשפּאַר, ווי אַ בלינדע. פּלוצלינג האָט אין איר אַזוי ווי אַ לעצטער פאָדעם זיך אָפּגעריסן, און זי איז מיט אַ שרעקלעכן אויסגעשריי אַ פאַל־געטון צו דער ערד.

— מען דאַרף נישט, איך וויל נישט, איך וויל נישט !... איך האָב שוין מער קיין כוח נישט !... איך בין אַ פאַרפאַלענע... איך וועל נישט אַוועקגעבן מיינע קינדער, נישט אַוועקגעבן !... בעסער דערהרגעט מיך... נישטאָ ווער עס זאָל זיך פאַר מיר אָנ־נעמען... איינע אַליין בין איך... האָט רחמנות אויף מיר... ליבע מענטשן !...

מען האָט אויפגעהויבן די וויעטראָוואַ און זי אַוועקגעזעצט אויף דער שטול. זי איז שוין געווען דערשלאָגן, איז געזעסן אַ נעבעכדיקע, אַ צעשויבערטע, מיט בלאָנדזשענדיקע אויגן, און האָט בלויז געוויינט שטיל און אונטערטעניק.

עס איז געשען עפּעס אַזוי, אַז מען האָט אָן גערויש, מיט טרויעריקער זאַכלעכקייט, איינשטימיק באַשלאָסן: אויסצושליסן די וויעטראָוואַ פון דער קאָמונע, צוטיילן איר אַ שטיקל ערד אין דער פּעריפעריע, און די קינדער צונעמען. מען האָט זי אַוועקגעפירט אונטער די הענט: זי האָט זיך שוין נישט געקאָנט האַלטן אויף די פיס. איך האָב געזען, ווי טייל ווייבער האָבן זיך אַרויסגעהויבן פון די כוואַליעס קעפּ, כסדר געקוקט אויף דער וויעטראָוואַ און, שווייגנדיק, געוויינט.

וויעטראָוו, שוין אַ רויִקער און זאַכלעכער, האָט געבעטן אַ וואָרט.

— חברים, אייער באַשלוס — איז אַ ריכטיקער: ער האָט גאָר אַנדערש נישט געקאָנט זיין. וואָס איז דער חילוק ? איך האָב בלויז געמיינט, אַז איר וועט פאַר מיר באַשטימען אַ נידעריקערן אַמט פון אַרבעט. פונדעסטוועגן האָט איר גוט געהאַנדלט, נישט טוענדיק אַזוי : די קאָמונע טרעט אַצינד אַריין אין אַ שווערער פּאַזע — די עלעקטריפיקאַציע, קאָלעקטיוויזאַציע פון דאָרף, גרויסע פּלענער פאַר דער נאָענטער צוקונפט. איינס בעט איך אייך : ווי נאָר דאָס אַלץ וועט זיין פאַרווירקלעכט, נעמט מיך אַראָפּ פון מיין אַמט, ווי אַ מענטש, וואָס האָט נישט באַרעכטיקט אייער צוטרוי.

דער זאַל האָט גענומען רוישן און פּאָכען מיט די הענט, דערנאָך ווידער אויסגעבראָכן מיט געשרייען. ערגעץ אין די פּאָדערשטע רייען האָט זיך צעלאַכט אַ פריינטלעך קול :

— אַנדריושאַ, זעץ דיך !... רעד נישט קיין שטותים !... האָסט דיך שוין אַזוי אויך גענוג צו־נאַר געמאַכט...

לושאַ איז אויפגעשטאַנען און, אינגאַנצן אַ לויכטנדיקע, אַ באַגייסטערטע, אַ פאַרויטלטע, אויסגעשריגן איבערן גאַנצן זאַל :

— טייערע חברים ! מיטן גאַנצן האַרץ בין איך אייך מודיע וועגן מיין פרייד : מיר לעבן שוין מיט אַ ניי לעבן, אויף נייער ערד, און זענען שוין געוואָרן אַנדערע מענטשן. אין דעם גרויסן מאָמענט פאַר אונז אַלע, איר טייערינקע מיינע, גיי איך אַרויף אויף מיין נייעם וועג : איך טרעט אַריין אין אונזער ברידערלעכער פּאַרטיי.

און זי האָט מיט אַ פייערלעכן זשעסט אַוועקגעלייגט אַ פּערטל פּאַפּיר פאַר באַנקינען.

ווידער אויסגעשרייען פון אַנטציקונג, ווידער אַ געדראַנג פון הענט און קעפּ.

דער אָוונט איז געוועזן אַ יום־טוב אין אונזער קאָמונע. עס איז נאָך קיינמאָל נישט געוועזן אַזאַ באַגייסטערונג און אויפטרייס־

לונג. נאָך וויטעראָווס אַ קורצן רעפעראַט, איז אַרויסגעטרעטן נאַטאַשאַ, אויסגעהאַלטן, רויִק, ווירדיק: זי האָט, ווי תּמיד, מיט איר אַנטשלאָסן, קאָנצענטרירט און יוגנטלעך־קלינגענדיק קול גע־רעדט זיכער און שלאָגפאַרטיק.

— חברטעס־פרויען, מיינע רייד — זענען געווענדט צו אייך: מיר האָבן פאַרטריבן די מכשפה אויפן בעזים. אָבער צי איז דאָס שוין אַלץ? ניין — דאָס איז נאָך נישט אַלץ. אַצינד איז קעגן אונז אין דאָרף דער איינציקער פיינטלעכער כּוח — די ווייבערישע דומהייט. דעריבער זענען מיר מחויב באַלד נאָכן פאַריאָגן דידאָ־זיקע מכשפה צונויפצושטעלן אונזערע בריגאַדעס פון פרויען און מיידלעך, און ווי אַ טשאַטע זיי אַ לאָז טון אויפן ווייבערישן דאָרף, כּדי נישט צו לאָזן די ווייבער צו זיך קומען און די שוואַרצמאַהניצעס און פּאָפּן זיך פונאַנדערוואַקסן. אַלס דער ערשטער אין דער בריגאַדע פאַרשרייב איך מיך, און אַלס דער צווייטער, בעט איך צו פאַרשרייבן די זשיזשיקאָוואַ: זי ווערט באַ־ווייזן נסים.

איך האָב מיך געריכט, אַז די זשיזשיקאָוואַ וועט אויפשטיין און מיט שרעק זיך אָפּזאָגן פון נאַטאַשעס פאָרשלאַג, אָבער זי איז אפילו אַרויסגעגאַנגען פון צווישן די רייען, זיך דערנענטערט צו דער ראַמפּע און אַ טייטל־געטון מיטן פינגער אויפן טיש.

— איך וועל מיין נשמה נישט אומברענגען. איך דאַנק אייך, וואָס איר האָט אָן מיר נישט פאַרגעסן.

דערנאָך האָט זי זיך אויסגעדרייט צו דער אַלגעמיינער פאַר־זאַמלונג און מיט איר זינגענדיק קול אַ זאָג־געטון, פאַרנייגנ־דיק זיך:

— ווייבעלעך, ליבע! פאַרשרייבט אייך! מאַכט דעם העל־דישן שריט לטובת די אומגליקלעכע דאָרפישע פרויען.

און זי האָט זיך מיט ווירדע אומגעקערט אויף איר אָרט.

זי איז נאָך נישט געהאַט אַוועקגעגאַנגען פון דער ראַמפּע, ווי לושאַ איז שוין געקומען צו פליען, ווי אַ טייבעלע.

— שוועסטערלעך ! מיר וועלן גיין !... מיר וועלן אַלע גיין... מיט לידער, מיט מוזיק, ווי אַ דעקאָרירטער צוג וועלן מיר פאָרן. ווי אַ קאַרנאַוואַל וועלן מיר אויף זיי אַ שטראָם טון... מיידעלעך, ליבע, פאַרשרייבט אייך !...

נאָך זיי איז שוין דער וואַל מיט גערויש דורכגעריסן געוואָרן. די ערשטע האָבן זיך אַ לאָז־געטון די קאָמסאָמאָלקעס.

דאָס אַכטע העפט

דאָס קליינוואַרג

עס האָט זיך צעבליט פאַר מיר דער צווייטער ווינטער אויף אונזער „נייער ערד”. דערדאָזיקער לייכטסטער פון אַלע פוכן, דער הימלישער שניי־פוך, שוימט זיך אין די ליכטיקע ווייטן איבער די בערגלעך און טאָלן, — גייט איבער אין די האָריזאָנטן אין לויטערער בלויקייט און פאַרלירט זיך אין דער גרויקייט פון הימל. אַרום אונז ציען זיך אין טיפער שטילקייט און אומענדלעכער רחבות די צעכוואַליעטע אָקעאַנען פון טויטער שנייאיקייט און טראָגן זיך אַוועק אין די לאַזוריקע ווייטן. אין די היילן צווישן די בערג הענגט אַ געדיכטע פאַרנעפּלטקייט.

דער גאַנצער הויף אונזערער ליגט איינגעהילט אין ווייכן שניי־וואָלקן. דער געדיכטער, ווייסער נעפּל האָט זיך אָפּגעזעצט אין פראָסט־פליטערלעך אויך אויף די דעכער פון די בנינים, און זייערע ווענט, וואָס האָבן פריער, אויפן פאָן פון דער שוואַרצער בלויקייט, זיך אָפּגעשלאָגן העל — זענען אַצינד טונקל־גרוי, זשאַווערדיק־געל אָפּגעשמיסן פון די האַרבסטיקע רעגנס.

די לופט איז שווער, פוכיק פאַרטויבט, און די נאָענטע קולות פון די מענטשן, דאָס קלאַפּן פון די מאָטאָרן און מאַשינען הינטער די קאָרפּוסן זעט אויס, ווי עס וואָלט פאַרגעקומען ווייט און איינגעזויגן געוואָרן אין דער שטילקייט. אין שניי צייכענען זיך שטעגעלעך, און די טריט, וואָס זענען נישט לאַנג געמאַכטע געוואָרן, אָטעמען מיט פרישקייט און ציטער פון בלישטשענדיקע פריר־שטערנדלעך.

מיר זענען אין אָרגאַניזירטע רייען אַרויסגעגאַנגען מיט
קליינוואַרג פון קינדער־גאָרטן באַגעגענען דעם ערשטן שניי. זי
זענען געגאַנגען פּאָרנווייז: פּאָרויס — די קלענסטע, און פון
הינטן — די אָקטאָבער־גרופּע. זיי האָבן זיך צעצויגן אין אַ לאַנ
גער שנור און געפּישטשעט, ווי פייגעלעך. פּאָרויס בין איך גע
גאַנגען, און פון הינטן — נאַטאַשאַ. דער שניי האָט זיך אָפּגע
שפּיגלט אין די קינדערישע אייגעלעך, און זייערע בעקעלעך האָבן
געזונט און פריידיק זיך געררויטלט. דער שניי האָט אָנגענעם גע
סקריפּעט אונטער די פיס; עס האָט אויסגעזען, אַז ער פּיש
טשעט אויך, ווי די קינדער.

דאָס איז געווען אַ ווינטערדיקער פרימאָרגן, אָן זון, מיט
אַן אָנגעברוגזטן הימל. פאַר אונז אָבער איז דאָס געווען אַ פרי
מאָרגן פון אונזערס אַ נייעם קינדער־טאָג. די קינדער זענען שוין
געוואוינט געוואָרן צו אָרדענונג: זיי צעשטערן נישט די רייע,
שטופּן זיך נישט. דער שניי איז געווען לייכט, ווי פּוך, און די
קינדערישע פיסלעך האָבן זיך געגראַבן אין אים, געוואָרפן אים אין
דער לופט. צום ערשטן מאָל איז צעשטערט געוואָרן די דיסצי
פּלין דורך אַ יינגל מיט אַ בלייך. קרענקלעך פּנים, אַ שרעקלעך
קאַפּריזער. דאָס איז געווען וויעטראָווס זינדל. ער האָט אַ קלאַפּ
געגעבן אַ מיידעלע אין דער זייט אַריין און מיט דער פויסט זי
אָוועקגעשליידערט פון זיך. דאָס מיידעלע האָט אַ קוויטש־געטון,
גענומען שרייען איבערן גאַנצן הויף, ווי אַ קניילעכל אַ פלי־גע
טון און זיך איינגעגראָבן אין שניי. די קינדער זענען צוגעלאָפן
צו איר און זי שנעל אויפגעהויבן, און איך האָב מיט געדירטקייט
ויי גענומען קוקן אין די פּנימלעך אַריין: זייערע אייגעלעך האָבן
געקוקט אויף איר מיט מיטלייד, שמייכלענדיק זי געטרייסט.

— וויין נישט, קאַטיק. ער — איז אַ פאַרך... ער איז
נאָך נישט קיין אונזעריקער... ער ווייסט נאָך נישט, ווי אַזוי
זיך צו חברן... פאַרוואָס האָסטו זי אַ שטופּ־געטון? האַ?
פוליגאַן!...

זיי האָבן אַרומגערינגלט דאָס יינגל מיט בייזער פאַרוואו

דערונג און טונקל־געוואָרענע אייגעלעך. ביי טייל האָבן אפילו געציטערט די ליפּן פון גערירטקייט. און דאָס יינגל האָט זיי באַטראַכט מיט אַ פרעמדן בליק פון אונטערן שטערן אַפּער און געשאַרט מיט די שיך אין שניי. מיט אים פלעגט דאָס אָפט טרעפן: פּלוצלינג פלעגט ער אָן אַ פאַרוואָס אָנהייבן ווילד ווערן, עקשנותדיק, פאַרצווייפלט, כּרעך – ווי אַ חיהלע זיך וואַרפן אויף איטלעכן, קנייפן, שפּייען אין פּנים אַריין. האַסטיק אַרויפטרעטן אויפן פוס. די נאָז ווערט ביי אים פאַרשפּיצט, ווי ביי אַ פוקס, די ציין שטשירען זיך, די אויגן לאַכן גיפטיק – קוויקן זיך מיט דער ווייטיק און באַליידיקונג פון די קינדער. ווען איך מיט נאַטאַשען הייבן אים אָן צו צערטלען, באַרויקן, פרעגן פאַרוואָס ער טוט דאָס, – שווייגט ער האָפנונגסלאָז, פאַרביסן. קוקט זיך נישט אום אויף אונז און באַמיט זיך ווידער אַ שפּיי צו טון, אַ קלאַפּ צו טון, אַ קנופּ צו טון, צו פאַרשאַפן ווייטיק. די קינדער מיידן אים אויס, פרעמד און פיינטלעך. ער בלייבט איינזאַם מיט מיר אָדער מיט נאַטאַשען. איך נעם אים אָן ביי די אַקסלען און צי אים צו צו מיר. די מוסקולן ציטערן ביי אים פון אינערלעכער אויפרעגונג, ער אָטעמט שווער, און זיינע אויגן זענען פול – מיט צאָרן, נקמה און ליידן. איך רעד מיט אים, גלעט זיינע הענט, פון די אַקסלען ביז די עלנבויגנס, דעם רוקן – פון האַלז ביזן גאַרטל. ער באַרויקט זיך, ווערט שוואַך, די באַקן באַדעקן זיך מיט אַ רויטקייט, און די אויגן ווערן פול מיט טרערן. איך דריק אים צו צו זיך, און איינגעגראָבן מיטן פּנים אין מיין ברוסט, הייבט ער אָן צו וויינען, זיך פאַרכליניען מיט טרערן. מיר טוט דאָס וויי, און עס גלוסט זיך מיטוויינען מיט אים. נאָך אַזאַ פאַרנעמען זיך מיט אים, פיל איך מיך תמיד אויסגעשעפּט. באַלד אָבער רוף איך פריילעך צונויף די קינדער, און מיר הייבן זיך אָן צו שפּילן. מיר רעדן שוין דעמאָלט מיט די אויגן און פאַרשטענדיקן זיך אויפן וואונק, אַז זיי זאָלן זיך פאַרהאַלטן מיט אים, ווי גוטע פריינט, פאַרגעסן זיין שלעכטע אויפירונג. און סיי איך, סיי זיי – שמייכלען צו אים, ווייזן אים אַרויס אויפמערקזאַמקייט. ער ווערט ביסלעכ־

ווייז אויפגעלעבט, לאַכט און ווערט מיטגעריסן פון שפּילן זיך. דידאָזיקע נערוועזע אָנפאַלן ווערן ביי אים אַלץ זעלטענער און שוואַכער.

מיר האָבן נישט איינמאָל געפירט שמועסן מיטן קליינוואַרג וועגן זייער לעבן אין דער פאַמיליע, וועגן דעם, ווי דערוואַקסענע פאַרשטייען נישט קיין קינדער, ווי אַזוי מען דאַרף זיך אויפפירן אין דער היים, און ווי גוט מען קאָן איינאָרדענען אויפן אייגענעם אופן אונזער קינדערישע קאָמונע. אויף איינעם פון אַזעלכע שמועסן האָבן מיר אָנגעשריבן אויף אונזער שטייגער, מיט קינדעריש לשון, אַ פּעטיציע צום ראַט פון דער קאָמונע מיט אַ פאָדערונג, אַז דער קינדער-גאָרטן און די קינדער-היים זאָלן זיין טעטיק אַ גאַנצן מעת-לעת.

„שטערט אונז נישט צו בויען אונזער קינדערישע קאָמונע”, — אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט אונזער פּעטיציע. אין ראַט האָט מען באַהאַנדלט די פּעטיציע ערנסט, און באַשלאָסן גלייך אַקעגנצוקומען די קינדער.

איך דערמאַן מיך, ווי אַזוי די קינדער האָבן אויסגעזען מיט אַ יאָר צוריק: זיי זענען געווען קאַפּריז, נאַריש, כאַראַקטערלאָז, פאַרקריפּלט. די ערשטע חדשים בין איך פאַרמאַטערט געוואָרן אין קאַמף מיט זייער אַנאַרכיסטישער צעלאָזנקייט: זייערע קריגערייען, געשלעגן, דאָס געוויין פון די מיידלעך האָבן מיך אַריינגעבראַכט אין פאַרצווייפלונג, און בלויז דער אומגלויבלעכער קאַמף מיט זיך אַליין, די זעלבסטדיסציפּלין און דאָס באַוואוסטזיין, אַז דערציען קינדער — הייסט דערציען זיך אַליין, וואָס ווערט דערגרייכט דורך כסדרדיקער שעפערישער שפּילעוודיקייט, האָבן מיך געהאַלטן אויף דער געהעריקער הויך. עס איז נייטיק געווען לעבנסלוסטיקע דערפינדערישקייט, מען האָט געדאַרפט, אָן איבעררחזרונג, יעדן טאָג אויפסניי געבוירן ווערן, מען האָט געמוזט דערקענען יעדן, בייטן אים צו געפינען די אייגענע אָפּבילדונג אין זיך, כדי אָנצוצינדן זיי אַלע מיט ענטוזיאַזם.

דידאָזיקע פרימאָרגנדיקע עקסקורסיע — איז נישט קיין

שפּאַציר אָן אַ ציל. פאַר אונז האָט דער שניי אַ גרויסע באַדיי־
טונג: דאָס זענען אונזערע נייע איינדריקן וועגן דער וועלט,
דאָס — איז אונזער וואונדערלעכער וועג צו דער נאַטור. מיר באַ־
טראַכטן די שניי־שטערנדלעך און וואונדערן זיך אויף זייער געאָ־
מעטרישער שיינקייט. זיי שמייכלען צו אונז, דערציילן אונז טשע־
קאַווע מעשהלעך וועגן וועלטאַל און אַנטדעקן אונז די סודות פון
דער ערד. און ווען אָט די לייכטע שטערנדלעך פאַרוואַנדלען זיך
אויף די פינגערלעך אין טראָפּנס — באַווייזט זיך אויף די קינ־
דערישע פּנימלעך אַ שמייכל פון באַדויערן און אַנטציקונג. אין
זייערע אייגעלעך לויכטן אויף אַזעלכע שניי־שטערנדלעך, ווען זיי
שפּילן זיך אין שניי, און די טראָפּנדלעך וואַסער אויף זייערע
הענטלעך פאַרלעשן די רעגנבויגנדיקע שטערנדלעך אין זייערע
אויגן. מיר ווערן געוואויר, אַז דער שניי איז אַ וואַרים פוטער־
מלבוש פאַר דער ערד אין די פראָסטיקע ווינטערס, אַז פאַר אונ־
זערע פעלדער איז וויכטיק דאָסדאָזיקע מלבוש זאָל זיין וואָס ריי־
כער און שענער, פונקט ווי עס איז נייטיק, אַז זומער, אין די
הייסע טעג, זאָלן דידאָזיקע שטערנדלעך זיך פאַרוואַנדלען אין
בשפעדיקן שטורמישן רעגן פאַר די פעלדער.

נאַטאַשאַ איז אונטער מיין אָנפירונג געוואָרן אַ טאַלענטיר־
טע דערציערין. די קינדער האָבן זי נישט ווינציקער ליב, ווי
מיך. זי — איז תמיד רויִק, אויפמערקזאַם און פאַרשטייט יעדעס
קינד לויט אַ מרוגע מיט אַן אויג, לויט אַ מינדסטער באַוועגונג.
זי קאָן שטענדיק זיין אינטערעסאַנט, ניי פאַר די קינדער, און זיי
זענען נישט אין איר קיין דערוואַקסענע פרוי, די מוטער פון וואָ־
לאָדקען, וואָס באַגראָבעט זיך דאָרט אויף זיין בעטל אין דער קינ־
דער־היים. זי אַרבעט צוזאַמען מיט זיי אין די שעהן פון באַ־
שעפטיקונג מיט עכטער, ריין־קינדערישער הנאה, און זייערע
ערנסטע פאַרטראַכטע פּנימלעך — זענען דעמאָלט די אָפּשפּיגלונג
פון איר קינדעריש־נייגיריק פּנים. זי פירט אָן מיט די שפּילע־
רייען, מיט דער ריטמישער גימנאַסטיק בעסער פאַר מיר און
ווערט אַליין פאַרוואַנדלט אין אַ קינד, פאַרגעסנדיק אָן זיך. זי

לייענט זייער אַ סך און שטעלט אָפּט אַזעלכע פראַגן וועגן דער־ציִונג, אַז איך, אַ קוואַליפיצירטע פּעדאַגאָגין, הער מיך צו צו איר מיט פאַרוואונדערונג.

...אויפן וועג האָבן מיר אָפּגעטרעטן אין עסצימער, כדי זיך צוצוקוקן צו דער אַרבעט פון די פרויען אין קיך, וואו עס גע־פינט זיך אונזער קינדערישע קולינאַר־אָפּטיילונג. מיר גייען אַריין פאָרנוויז אין עסצימער און באַטראַכטן די ענדערונגען, וואָס זע־נען דאָרט פאָרגעקומען: אונז נעמט אויף האַרציק און זינגענדיק לושאַ. אין זאַל פון עסצימער — הערשט אַ בלויע, הייטערע ליכטי־קייט. די לופט האָט אין זיך עפּעס פון מעטאַל. לושעס אויגן זע־נען ברייט געעפנט, און איך זע אַזויווי צום ערשטן מאָל, אַז זיי זענען — אומגעוויינטלעך בלויע, הייסע, זינגענדיקע. זיי קוועלן צו מיר, יאָכצן אין פריידיקער זעלבסטפאַרגעסונג, לאַכן און שטיפן. דידאָזיקע אויגן אירע — זענען אינגאַנצן אַנדערע, ווי פריער: זיי שריַיען און שטראָמען מיט פרייד. איך האָב שוין נישט איין טאָג באַמערקט אין זיי דידאָזיקע נייע אויסברוכן פון אַנטציקונג, אָבער אַצינד באַאומרויִקן זיי מיך. זי האָט בלויז אויף אַ רגע זיך באַגעגנט מיט מיין בליק, און איר פּנים איז באַגאָסן געוואָרן מיט אַ רויטקייט. כדי צו פאַרבאָרגן איר פאַרלעגנהייט און פרייד, האָט זי אַ גליקלעכע זיך אַ וואָרף־געטון אַקעגן די קינדער און מיט פאַרוואונדערונג אָנגעהויבן צו פאָכען מיט די הענט.

— אַך, קאַרפּוזיקלעך איר מיינע טייערע!... איר זענט גע־קומען!... ווי שיין איר זענט אַלע!

און פלוצלינג האָט אומגעריכט, מיט שטרענגן פאָרוואורף־עמעצער פון קליינוואַרג געגומען פראָטעסטירן:

— מיר — זענען נישט קיין קאַרפּוזיקלעך.

— אוי, נישט קיין קאַרפּוזיקלעך? נו, איז אפשר פרעשעלעך!

און פון אַלע זייטן האָבן זיך שוין דערהערט באַליידיקטע שטימען:

— מיר זענען גאָרנישט קיין קאַרפּוזיקלעך... און אויך נישט קיין פּרעשעלעך... מיר — זענען קאָמונאַרן.

און אַ דין קולכל פון אַ מיידעלע האָט מיט פעסטקייט און זיכערקייט אויסגערופן:

— מיר זענען קינדער פון דער קאָמונע.

— אוי, האַרצינקע מיינע! און אפשר מעג איך אייך רופן קאָמונאַרטשיקלעך?

די קינדער האָבן זיך דורכגעקוקט צווישן זיך, דערנאָך מיט אונז, און אָנגעהויבן אומרויִק זיך צו שושקען. ענדלעך האָט דאָס פריערדיקע יינגל געענטפערט אויטאָריטאַטיוו, ווי ער וואָלט געמאָלדן די רעזאָלוציע פון זייער באַראַטונג.

— קאָמונאַרטשיקלעך — טאָר מען נישט. מיר — זענען קאָמונאַרן... קינדער פון דער קאָמונע...

נאַטאַשאַ האָט געשמייכלט צופרידן און שטאָלץ.

— איך שטיק אונטער די קינדערס מעלדונג, לושאַ, נעם עס אין אַכט.

און איך האָב מיך ווידער באַגעגנט מיט לושעס אויגן, — אין זייער בלענדנדיקער פריידיקייט האָבן געציטערט טרערן. זי האָט געפּלאַטערט צו מיר און מיך אויסגעמיטן, און איך האָב נישט אויפגעהערט זיך צו וואונדערן: וואָס מיט איר איז פאָרגעקומען? צי האָט זי אַזוי אויפגעהייטערט דער ערשטער שניי?

ווען מיר זענען אַרויסגעקומען פון עסצימער, האָט לושאַ נישט אויסגעהאַלטן און זיך אַ טוליע־געטון צו מיין אָרעם.

— שוועסטערל מיינס!

איר אָטעם איז פאַרכאַפּט געווען פון געריירטקייט.

— נו, וואָס, לושאַ? וואָס קומט פאַר מיט דיר? דו ביסט היינט אומגעווייִנטלעך.

— אַך, מען דאַרף נישט, מען דאַרף נישט... ווען דו וואָלסט בלויז געוואוסט... ווען דו וואָלסט געקאָנט פאַרשטיין...

און זי איז אַ צערודערטע אַנטלאָפן פון מיר אין קיך אַריין.

מיר זענען געגאַנגען לענגאויס אונזערע שייערס, וואָס זענען אַזוי לאַנג, ווי די וואוינונגס־קאָרפוסן. דער ברייטער הויף אינ־מיטן פון דידאָזיקע שייערס איז דורך קאָמונאַרן גערייניקט גע־וואָרן פון שניי. מענער און פרויען מיט לאָפּעטעס, בעזימס און שניי־שאַרערס האָבן געאַרבעט אייליק און הייטער. איין מיידל האָט אונז דערזען און גענומען בלישטשען מיט די ציין. זי האָט אַ געשריי־געטון צו די אַרבעטער און אַרבעטערינס, אָנווייזנדיק מיטן בעזים אין אונזער זייט אַריין, דערנאָך גענומען שפּרייזן אַקעגן אונז און סאַלוטירט מיטן בעזים אויפן מיליטערישן שטיי־גער. אַלע האָבן איבערגעריסן די אַרבעט און זיך אויסגעדרייט צו אונז. עטלעכע יונגעלייט און מענער האָבן אַראָפּגענומען די היט־לען און באַגריסנדיק אָנגעהויבן צו פּאָכען מיט זיי. שמייכלענדיק, שטשירענדיק די ציין, האָבן אַלע — מענער און פרויען — זיך געלאָזט גיין אַקעגן אונז. די קינדער האָבן בשעת דער עקס־קורסיע אומבאַמערקט זיך אויסגעלערנט שרייען אין אַ טריומפירנ־דיקן כאָר:

— אַ לויב דער אַרבעט!

דאָס מיידל (דאָס איז געווען אַ קאָמסאָמאָלקע פון יוגנט־הויז) האָט אַ פּאָכע־געטון מיט דער האַנט און אויסגעשריגן, און אין דער שנייאיקער לופט האָט איר קול אַ ציטער־געטון, ווי אַ פּלייט:

— אַ לויב דעם ווינטער! אַ לויב די קינדער!

מיר זענען צוגעקומען נענטער, און עס האָבן אונז אויפגע־נומען די מאַמעס און די טאַטעס. די מאַמעס זענען גלייך צוגע־לאָפן צו זייערע קינדערלעך, זיך אַראָפּגעזעצט און גענומען קושן זייערע בעקלעך. און די טאַטעס האָבן איינגעהאַלטן געשמייכלט און געמורמלט:

— אַך, וואָס פאַרא חברהלייט!... העלדן!...

עס איז צוגעגאַנגען אויך די זשיזשיקאָוואַ צו איר מיידעלע, אַ דאַרינקע, מיט פאַררויטלטע אייגעלעך, און פרעגנדיק גענומען קוקן אויף איר מיט אַ שווייגנדיקן שמייכל. און אויף מיר האָט זי אַ קוק־געטון פאַרשולדיקט און ליבלעך. דאָס איז שוין נישט געווען די אַמאָליקע זשיזשיקאָוואַ : די אַמאָליקע האַסנדיקע זשיזשיקאָוואַ איז געשטאָרבן און וועט שוין מער קיין תחית־המתים נישט אויפשטיין.

דער עמבריאָן פון דער עלעקטראָענערגיע

אין די שפּייכלערס זענען מיר נישט אַריינגעגאַנגען. דאָרט האָבן געאַרבעט שלאָגלער־בריגאַדעסביים רייניקן די תבואה — דאָרט איז געשטאַנען אַ שטויב און גערודער, אַ גערויש פון די מאַשינען און סאָרטירערינס. דידאָזיקע קאָרפּוסן — געפינען זיך אויפן וועג צום בנין פון דער עלעקטראָסטאַנציע, וואוהין מיר האָבן געהאַט באַשלאָסן צו מאַכן אונזער עקסקורסיע. די לעצטע טעג איז אָנגעקומען די ערשטע פּאַרטיע מאָנטירערן. פון דער באַנסטאַציע (זי געפינט זיך צען קילאָמעטער ווייט פון אונז), פון הינטער די געהאָרבעטע בערגלעך אַפּער, האָבן עטלעכע וואָגנס, אונטער גרישאַניעס אָנפירונג, איבער דער בלאָטע געברענגט צו שלעפּן אויף אונזערע פערשעראָנען די שווערע טיילן פון אַ „דיזעל”. אויף זייער פעסטע ליגאַרעס זענען געשטאַנען גרויסע, גרויע קאַסטנס, און אויף צוויי וואָגנס זענען געלעגן אין דער פלאַך די צוויי העלפטן פון טראַנסמיסיע־ראָד, אַרומגעקראַטעוועט מיט פעסטע ברעטער. מען האָט דאָס אַלץ אַראָפּגעלאָדנט ביים געמויערטן קאָרפּוס פון דער עלעקטראָסטאַנציע אין שטורעם־אָרדענונג, און די פּאַרטיע קאָמונאַרן האָט געאַרבעט אין הייטערער איינשטימיקייט. זיי האָבן מיט איבערמעסיקער פּאָרזיכטיקייט און אויפמערקזאַמקייט געקוקט אויף דידאָזיקע קאַסטנס, ליבלעך, כמעט צערטלעך, אַראָפּגעלאָזט זיי פון די ליגאַרעס איבער דיקע, גלאַטע

בעלקעס און איבערגעקערט פון איין זייט אויף דער צווייטער אין די אָפענע טירן אַריין פון קאָרפּוס. אַרום טראַנסמיסיע־ראָד האָט מען זיך געפּאָרעט לאַנג, ביז טיף אין דער נאַכט אַריין, און פאַרענדיקט די אַרבעט מיט געזאַנג. פונם לוין פאַר די איבער־שעהן האָבן זיך אַלע אָפּגעזאָגט, און שוין ביינאַכט, ביי די טירן פון קאָרפּוס, אויף שנעל זיך דורכגעשמועסט און מיט באַגייסטערטע אויסגעשרייען באַשלאָסן צו אַרבעטן אַ שעה לענגער און רעדוצירן דעם לוין אויף 20 פּראָצענט. דעם גאַנצן טאָג האָט אין דער קאָ־מונע זיך געפּילט אַן אויפהייטערונג און יום־טובדיקייט, און סיי אין עסצימער, בשעת דעם באַגעגענען זיך, סיי אין קלוב און אין לייען־זאַל, האָט מען געהאַלטן אין איין שמועסן נאָר וועגן די אָנ־געקומענע מאַשינען.

איבער די פרישע שניי־שפּורן, אין דער פוכיקער שניי־דעק, זענען מיר אַוועק מיט די קינדער צו דער עלעקטראָסטאַציע.

הינטער איר האָט זיך געריוטלט דער געמויערטער קאָרפּוס פון די מעכאַנישע וואַרשטאַטן, און אויף דער צווייטער זייט, ני־דעריקער, אויך אַזעלכע בנינים פון דער מאַשינען־באַזע און שטאַלן פאַר די בהמות. נאָך נידעריקער, אַ ביסל ווייטער, — האָט זיך געזען די פאַרוויכערטע, מיט שטויב־באַדעקטע, דאַמף־מיל און פוטער־ווירטשאַפט מיטן הויכן, שוואַרצן קוימען, פון וועלכן עס האָט זיך קנוילנדיק געטראָגן אַ ברודיקער רויך און זייער הויך און רויק זיך אויפגעהויבן צום שנייאיקן הימל. הינטער מיינע פּליי־צעס האָט איך פּלוצלינג דערהערט אַ קולכל, וואָס האָט אויסגע־שריגן מיט אומגעדולדיקער פאַרוואונדערונג:

— האַליאַ, זע נאָר!... פאַרוואָס טראָגט זיך אַזאַ בלויער שניי?... זע נאָר!... ווי בלוי, ווי בלוי!...

די קינדער האָבן זיך אַ רודער־געטון און אָנגעהויבן פריי־דיק שרייען איינס צום אַנדערן מיט אַנטציקונג:

— ווי בלוי! ווי בלוי!... ער טראָגט זיך אַזוי בלוי...

— וואָס — בלוי? וואו?

איך האָב גענומען קוקן אַרום מיר איבער די שנייאיקע פעלדער, שנייאיקע בערגלעך און אויך גערירט געוואָרן. עס איז פאָרגעקומען עפּעס אומגעוויינטלעכס: דער שניי האָט זיך ווירקלעך געדרייט און געטראָגן אויף אונז פון אַלע זייטן — אי נאָענט, אי וויַיט — אין בלויע כוואַליעס. און די קינדער האָבן געשריגן אין פריידיקער באַגייסטערונג:

— דאָס שיט זיך דער הימל? אמת, האַליאַ?

— ווי בלוי, ווי בלוי!...

און איך בין ווידער איבערראַשט געוואָרן פון דער שאַרפער, פּאָעטישער באַאָבאַכטונגס-קראַפט פון דעמדאָזיקן קליינוואַרג. איך בין דאָך אויך געגאַנגען מיט זיי, און דאָך האָב איך נישט באַמערקט די ווירבלענדיקע בלויקייט. איך האָב איבערגעלעבט אַ סך ווינטערס, אַ סך מאָל זיך אַנטציקט מיטן שניי-פאַל, און דאָך קיין איין מאָל נישט באַמערקט דעמדאָזיקן אומענדלעכן לאַזוריקן שניי-געווירבל איבער דער ערד. מסתמא, וועל איך אויך שפּעטער באַוואונדערן אַ סך מערקווירדיקע אַנטדעקונגען פון די קינדער, און מיינע אויפקלערונגען וועלן באַלויכטן ווערן פון די פונקען, וואָס טראָגן זיך אומאויפהערלעך דורך אין זייערע קעפּעלעך.

פון די מעכאַנישע וואַרשטאַטן האָט ווי אַ ריטמיש זיפצן זיך געהערט דאָס שלאָגן פון די שווערע האַמערס. עס האָבן געפייפט און געגרילצט די פיילן, עס האָט געכריפּעט און געקנאַקט דער טראַקטאָר-מאָטאָר ערגעץ-וואו אין דידאָזיקע בנינים, — מסתמא, אין די זעלבע וואַרשטאַטן. ווי סירענעס האָבן געזונגען די זעגן אין די טאָקערייען.

מיר זענען אַריינגעגאַנגען אין דער ליידיקער אָפּטיילונג פון דער עלעקטראָסטאַציע און שטיין געבליבן צוריקגעהאַלטן אין אַ קופּע ביי דער טיר, זיך צוגעוואוינענדיק צו דער טיפער האַלבטונקלקייט פון דעם בנין.

די קינדערלעך האָבן מיך אַרומגעקלעבט אין אַן ענגן קאַ-

ראַהאָד און געקוקט אין די זייטן, זיך צופאַסנדיק צום נייעם, נאָך נישט געזעענעם אָרט. דידאָזיקע דעראָבערער פון דער וועלט האָבן זיך נאָך געגוויטיקט אין אַ פירער איבער די געדיכטעענישן פון די אומאויסגעפאָרשטע געגנטן און נאָך נישט איבערגעלעבטע איינדריקן. זייערע אויספלוגן אין לעבן אַריין זענען נאָך דערווייל פאָרגעקומען אונטער דער שוץ פון אַזאַ אַלמעכטיקן זשעני, ווי איך, אָדער נאַטאַשאַ. אָבער נאַטאַשאַ איז נישט געווען מיט אונז. זי איז פאַרשוואונדן אין דרויסן, און דאָס איז געווען אומגעוויינטלעך.

איך האָב אַרויסגעקוקט דורך דער טיר. איבער דער שנייאיקער ווייסקייט זענען שטיל געגאַנגען האַנט־ביי־האַנט, צערטלענדיק זיך מיט די בליקן, נאַטאַשאַ און פראָכאָר. אַך, די ליבע נויטיקט זיך שטענדיק אין דער שיינקייט פון געהיימניש! אָבער האָט דען נישט אין זיך דידאָזיקע געהיימניש עפעס פון דער פחדנות פון אַ גנב? לויט מיר, דאַרף די ליבע אין קאָלעקטיוו אָטעמען מיט אַן אַנדערער שיינקייט — מיט דער שטאָלצער אויפריכטיקייט פון קלאַסישער נאַקעטקייט און אוממיטלבאַרן אויפברויז פון בלוט. אגב, אפשר זענען זיי גערעכט: דידאָזיקע באַהאַלטנקייט פאַרהיט זיי פון די ברודיקע ווייבערישע רכילות און עקלהאַפטע, פאָרנאָגראַפישע אויגן.

דער בנין איז געווען נישט קיין גרויסער, שוין אַ האַלב געטונקעוועטער. דער דיל — אַ צעמענטענער. אינמיטן, אַרום אַ גרויסער פירעקעכדיקער עפענונג, האָבן זיך געפאָרעט אַרבעטער אין ברעזענטענע פאַרטיכער. אין קעגנאיבערדיקן ווינקל האָבן עטלעכע מאַן געריטשט מיט לאָפעטעס און געמישט בעטאָן. עס האָט געשמעקט מיט פייכטן צעמענט און קאַלך. לענגאויס דער רעכטער וואַנט האָבן זיך געזען אָנגעוואָרפן אין קופעס די אויסטערלישע מעטאַלענע טיילן פון די מאַשינען. די העלפטן פון ריזיקן טראַנסמיסיע־ראָד זענען געלעגן אויפן דיל, אויף בעלקעס, גרייט זיך צונויפצוואַקסן. עס האָבן געפינקלט ווי גאָלד די בראָנזענע דראָט־קנוילן. אַ מאַסע דראָבנע טיילן, קופעס פאָרצעלייענע

איזאָלאַטאָרן זענען געלעגן אָנגעשיט, ווי צוקער, אין קאַסטנס און צעוואָרפן איבער די לאַנגע טישן און פשוט איבערן דיל. אַרבע־טער, קלינגענדיק מיט אייזן, האָבן זיך געפּאָרעט צווישן די אָנ־געוואָרפענע דראָבנע מכשירים און צעבראָכענע, נאָך פון וועג פאַרשטויבטע, טיילן פון דעם גרויסן קאָמפּליצירטן מעכאַניזם: צו־נויפגעפּלאָנטערטע, ווי געדיכט צונויפגעוואַקסענע, רערן, פּרוזשינעס, מעשענע קאָרבעס, רעדער, טריבעס, בלישטשענדיקע גווינטן, צי־לינדערס, געשאָדנטע פילקאַנטיקע מעטאַל־שטיקער.

אומגעריכט איז צו אונז צוגעקומען וויעטראָוו.

— דאָס איז שוין נישט געווען דער פריערדיקער וויעטראָוו — דער אין זיך פאַרשלאָסענער, מיט די קאַלטע אויגן, פון פאַר־טראַכטקייט געהאָרבעטער: דאָס איז געווען אַ נייער מענטש — אַן אימפּעטפולער, פריידיק־אויפגעהייטערטער. פון זיינע אויגן האָט ממש אַרויסגעשריגן אַ חוצפּהדיקע דרייסטקייט. דאָס איז געווען אַ לעבנסדורשטיקער, פריש־באַנייטער מענטש. און ווען איך האָב מיך באַגעגנט מיט זיינע צעהעלטע אויגן, בין איך רויט געוואָרן, נאָר באַלד ברוגזדיק פאַרצויגן די ברעמען. דערזעענדיק אים, האָבן די קינדערלעך באַלד גענומען פּאַטשן מיט די הענטלעך:

— אַ לויב דער אַרבעט!

ער האָט זיי גאָרנישט געענטפערט און זיך אַוועקגעדרייט: נאָך וואָס, הייסט עס, האָט מען דאָ אַהערגעבראַכט דאָס קליינ־וואַרג!

— אַנדריי סעמיאָניטש, דו ביסט נישט עמפּינדלעך אין באַ־צוג צו מענטשן.

— נאַדיר ווייטער! וואָס איז דער חילוק?

— דו האָסט נישט קיין געפיל פאַר קינדער. וועגן דיר קאָן מען אורטיילן לויט דיין באַציִונג צו קינדער. פאַר בהמות ביסטו אַ סך עמפּינדלעכער. איך געדענק דיין אַנטציקונג ביי די חזירים. אָט האָבן דיך די קינדערלעך באַגריסט מיטן אויסרוף: „אַ לויב דער אַרבעט!" און דו האָסט אפילו

נישט באַוויליקט זיי צו ענטפערן. דו באַליידיקסט קאָמונאַרן.

— אוי!

— יאָ-יאָ, דידאָזיקע קינדער פון דער קאָמונע קאָנען אויך פאָדערן אַכטונג צו זיך. זיי זענען אויך אַזוי פאַראינטערעסירט אין דערווירטשאַפט, פונקט ווי דו.

ער האָט זיך פאַרלוירן און אַ מרוגע-געטון מיט די אויגן, ווי ער וואָלט נאָר-וואָס באַמערקט די קינדער, און נישט געוואוסט, וואָס צו טוען מיט זיי און וואָס צו רעדן. און פלוצלינג האָט ער אַ רוף אויס געגעבן איבערן גאַנצן קאָרפּוס:

— עס זאָלן לעבן די יונגע קאָמונאַרן!

אָבער דערדאָזיקער אויסרוף איז אַרויסגעקומען ביי אים פאַלש.

די אַרבעטער האָבן געשטשירעט די ציין און געקוקט אויף אונז מיט נייגיריקייט. זייערע אויגן האָבן געלויכטן מיט וואַרימער צערטלעכקייט. איך האָב מיך געלאָזט גיין צום אַרויסגאַנג, מיט-רופנדיק מיט זיך די קינדער.

— קינדערלעך, נאָך מיר. פאַרגעסט נישט, עס רוקט שוין אָן אויך אונזער צייט פון אַרבעט.

— וואַרט-צו נאָר, וואַרט נאָר! קינדער! האַליאַ איוואַנאָוונאַ!

וויעטראָוו איז מיט יוגנטלעכער פלינקייט פאַרלאָפן פאָרויס און אויפגעהויבן די הענט.

— נו? קינדערלעך! וואָס איז דער חילוק? איך גיב מיך אונטער. איך בין שולדיק.

און ער האָט אַ פאַרלוירענער געלאַכט.

די קינדער האָבן זיך שנעל פאַרזאַמלט אַרום מיר און ברוגז-דיק געשוויגן.

— עס וועט גאָרנישט העלפן, וויעטראָוו. טעותים האָבן תמיד פאָלגן. דער קאָנפליקט דאַרף געפינען זיין אויסגאַנג אויף אַן אַנ-דערן אופן. דו זעסט דאָך, אַז די קינדער זענען פאַרזאָרגט: אין

זיי איז באַליידיקט געוואָרן די מענטשלעכע ווירדע. דו האָסט פאַרשפּעטיקט מיט דיין באַגריסונג.

— אָבער דו נעמסט שוין די זאַך טאַקע ערנסט. דו אַליין שפּילסט פאַר זיי אַ קאָמעדיע. וואָס איז דער חילוק?

— אַנדריי סעמיאָניטש, דו באַליידיקסט מיך. איך דריק אויס בלויז דאָס, וואָס די קינדער פילן. איך שפּאַס נישט.

— דאָ האָט ערגעץ מיין ייִנגל זיך אויסגעמישט אין דער קאָמפּאַניע.

— גיי אַוועק, אַנדריי סעמיאָניטש. דאָ זענען פאַר דיר אַלע גלייך, און צעשטערן אונזער אָרדענונג טאָר מען נישט.

ער האָט זיך געפילט אינגאַנצן געפּלעפט און מאַכטלאָז זיך איינגעקורטשעט, אַריינציענדיק דעם קאָפּ אין קאָלנער פון פּאַלטן. אויף אַן אויגנבליק האָבן זיינע אַפּלען ווידער באַקומען זייער קאַלטן גלאַנץ — דאָס איז געווען אַן אויסדרוק פון שטאָלצן צוריקציען זיך און באַליידיקונג. אָבער באַלד האָבן אין זיי ווידער אויפגעפלאַקערט פונקען פון חוצפּהדיקער דרייסטקייט און יוגנטלעכן חוזק. איך האָב זייער גוט געזען, אַז ער אַנטציקט זיך מיט מיר.

דאָס לאָדענען

איך האָב געהאַט זייער אַ סך אַרבעט, און נישט געפונען פאַר זיך קיין פרייע מינוט ביז אין די האַלבע נעכט. איך האָב אויסגעפירט איינצייטיק עטלעכע אַרבעטן. אינדערפרי האָב איך פאַרברענגט אַ שעה-אַנדערהאַלבן אין דער קינדער-היים און אין קינדער-גאָרטן. איך האָב צונויפגערופן די דערציערינס און צוזאַמען מיט נאַטאַשען פינקטלעך אָנגעצייכנט דעם פּלאַן פון אַרבעט אויפן גאַנצן טאָג: זיי אַרויסגעגעבן אינסטרוקציעס, אָנגעוויזן אויף די חסרונות פון דער אַרבעט אין משך פון פאַרגאַנגענעם טאָג און

אין אַ ברייטער מאָס באַקרעפטיקט מיינע אָנווייזונגען מיט ידיעות פון פיזיאָלאָגיע און סאָציאַלער פעדאַגאָגיק. אגב, צוויי מאָל אין דער וואָך האָב איך מיט פראָכאָרן זיי געלייענט פּאָפּולערע לעקציעס וועגן נאַטורוויסנשאַפט, היגיענע און סאַניטאַריע. איך אַליין האָב צונויפגערופן די מאַמעס — די קאָמוניסטישע און דאָרפישע — און גערעדט מיט זיי שמועסן, ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט די קינדער, ווי אַזוי זיי צו זייגן און האָדעווען. איך האָב אָרגאַניזירט אַ שטענדיקע קאָנסולטאַציע וועגן די פראַגן פון מוטער און קינד און די מעטאָדן פון קינדער-דערציִונג ביזן שול-עלטער. נאַטאַשאַ האָט אויף דעם געביט זיך אויסגעצייכנט: זי האָט געפירט די קאָנסולטאַציע מיט אַ זיכערער האַנט און געוואוסט, ווי אַזוי צוצוגיין צו איטלעכער פרוי, ווי אַזוי צוצוטרעפן איר כאַראַקטער. די דאָרפישע פרויען זענען צו איר געגאַנגען גערנער, ווי צו מיר: זיי האָבן זי געקענט שוין פון לאַנג און איר אָנפאַרטרויט זייערע סודות און עגמת-נפשן. זיי האָבן געפלוידערט מיט איר וועגן זייערע דאָרפישע נייעסן, היימישע קליי‍ניקייטן, און נאַטאַשאַ האָט געקאָנט בשעת דידאָזיקע אינטימע שמועסן זיי געבן אַ סך ווערטפולע עצות. אין אונזער קינדער-היים און קינדער-גאָרטן זענען אויך צוגעקומען דאָרפישע קינדער, און די מאַמעס האָבן זיך באַלד דערפילט ביי אונז, ווי ביי זיך אין דער היים. די-דאָזיקע דאָרפישע פרויען האָבן אונז זייער אַ סך צוגעהאָלפן אין אונזער אַרבעט אין דאָרף.

פון די קינדער-אינסטיטוציעס בין איך געלאָפן אין קאַנצעלאַריע אַריין, וואו איך האָב צוזאַמען מיט וויעטראָוון אויסגעפירט די לויפנדע שרייבטלעכע אַרבעט. דער סעקרעטאַריאַט און בוכהאַלטעריע פון דער קאָמונע זענען געלעגן בלויז אויף מיר, און נאָך גוליאַקעס אַוועקפאָרן האָב איך שוין אין אַ חודש אַרום זיך אויסגעצייכנט אָריענטירט אין אַלעם. איך בין געוועזן נישט בלויז סעקרעטאַר, נאָר אויך אַ מיטגליד פון דער קאָמונע. אין די שעהן, וואָס איך האָב פאַרבראַכט צוזאַמען מיט וויעטראָוון, האָבן מיר באַהאַנדלט פאַרשידענע ענינים: וועגן די געשלאָסענע קאָנטראַקטן,

קאָנטראָל־ציפערן, קרעדיט־סומעס, אַמאָרטיזאַציע פון הלוואות, פאַרברייטערונג פון די אַקער־פעלדער, פויערישע באַשטעלונגען אין די וואַרשטאַטן. ביים אויסאַרבעטן דעם בודזשעט פלעג איך דיס־קוטירן מיט אים ביז פאַרמאַטערטקייט וועגן די פּאָזיציעס פאַר די קינדער־אינסטיטוציעס, קולטור־אַרבעט און דער שול. פּראָכאָר פלעגט אין אַזעלכע טעג קומען צו אונז, ווי תמיד, מיט אַ סאַטי־רישער מינע אויפן פּנים און אָפּשפּעטן פון וויעטראָוון. און ער, וויעטראָוו, האָט עפּעס אַזוי ווי מורא געהאַט פאַר פּראָכאָרן, פונקט ווי קיריקאָוו וואָלט געוואוסט וועגן אים געוויסע סודות און אים געהאַלטן אין דער האַנט. נאָר דאָס איז, משמעות, געווען דערפאַר, וואָס וויעטראָוו איז געוואוינט געוואָרן צו זעען אין פּראָכאָרן אַ געבילדעטן מענטש און שעצן זיין וויסן: פּראָכאָר האָט דאָך אין דער געשיכטע פון דער קאָמונע געשפּילט אַ גרויסע ראָלע. אַצינד, ווען ער איז שוין אויך געווען אַ מיטגליד אין דער קאָמונע, האָט זיך וויעטראָוו באַצויגן צו אים כמעט צערטלעך. און פּראָכאָר האָט זיך געברוגזט און געמאַכט אָנשטעלן:

— איך באַדויער זייער, פּעדאַלאָגין, וואָס איך בין איינ־מאָל אַריין אין התלהבות, פאַראַטן אין זיך דעם חכם, — און אַריינגעטרעטן אין דער קאָמונע. פריער האָט דערדאָזיקער מענטש זיך באַצויגן צו מיר מיט דייטלעכער חשיבות, וואָרים חשיבות איז מעגלעך נאָר אויף אַ געוויסער דיסטאַנץ פונם געשעצטן אָביעקט. און דיסטאַנץ איז אידעאַליזירונג. אַצינד אָבער — בין איך אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין דער סטעמפּע און צעריבן געוואָרן מיט אַלע אַנדערע אין איין מאַסע. ער קאָן מיך ליב האָבן און מיר אויסדריקן אַלערליי הייסע געפילן, אָבער... אָבער, פּעדאַלאָגין, באַמערקט דאָס!... אָבער זיך באַציען צו מיר מיט חשיבות, וויל ער נישט. איך האָב פאַרלוירן אין זיינע אויגן דעם גאַנצן צויבער.

— נו, פּראָכאָר... אויף וואָס פאַר אַ טייוול דאַרפט איר האָבן די חשיבות און דעם צויבער?

— אָ, פעדאָלאָגין, דאָס מאַכט איר דאָך נאָר, לויט אייער צביעותדיקער געוואוינהייט, אַזאַ אָנשטעל: איר ווילט דאָן אויך, פונקט ווי איך, שטיין אַ ביסל העכער פון אַלע אַנדערע מענטשן. אוי, ווי גערשריגן, איך בין שוין נישט פשוט קיין שול-אַרבעטער, נאָר איין אומפּערזענלעך טיילעכל פון אַ מאַסע.

וויעטראָוו האָט איינמאָל, מיט אַ שמייכל פון שפּאַס, אים אַ געשריי-געטון גלייך אין פּנים אַריין:

— וואָס איז דער חילוק, פּראָכאָר? אַצינד קאָן איך דיר שוין כסדר שרייען גלייך אין פּנים אַריין: דו, פּראָכאָר, ביסט אַ טפּש מיט דיין גאַנצער חכמה. די גאַנצע חכמה באַשטייט אין דעם, מען זאָל פילן די מאַסע און פאַר זיך אַליין אויפהערן עקזיסטירן.

און פּראָכאָר האָט טריומפירנדיק אַ טייטל-געטון אויף אים מיטן פינגער, ווי ער וואָלט דעמאַסקירט אין וויעטראָוון זיינע פאַרברעכערישע כוונות.

— איר זעט, פעדאָלאָגין, איר זעט? אַצינד דאַרפט איר שוין וויסן, וואָס פאַר אַ רוצח דאָס איז. צי קאָן מען נישט קומען אין דער העכסטער אויפרעגונג פון אָנקוקן בלויז דעמדאָזיקן פּע-נאָמענאַלן שאַרלאַטאַן. ער האָט פאַרניכטעט מיין גאַנץ פריערדיק לעבן פון אַ פילאָזאָף.

דידאָזיקע וויציקע שמועסן אונזערע האָבן אונז פאַרבונדן מיט שטאַרקן בענדער פון פריינטשאַפט.

אונזער אַרבעט אין דאָרף האָט לכתחילה נישט ווי געהעריק זיך איינגעגעבן. די ווייבער האָבן זיך באַצויגן צו אונז ברוגזדיק, אומצוטרוילעך. מיר האָבן אָרגאַניזירט דריי שטורעם-בריגאַדעס: צוויי פון בלויז פרויען, און איינע — אַ געמישטע. אין דער גע-מישטער — וואָס איז באַשטאַנען פון מענער און פרויען — האָב איך אויך מיטגעאַרבעט. דידאָזיקע בריגאַדע האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו פּראָפּאַגאַנדירן צווישן דער גאַנצער באַפעל-קערונג די אידעע פון קאָלעקטיוויזאַציע, בשעת די פרויען-

בריגאַדעס האָבן געדאַרפט זיך פאַרנעמען בלויז מיט די דאָרפישע פרויען.

ערגעץ אין די פינסטערע ווינקעלעך פון דאָרף האָבן דראָענדיק געאָטעמט געהיימע שאָטנס.

איינמאָל אין אַן אָוונט, ווען מיר האָבן געפירט אַ שמועס מיט דיסקוסיעס אין שכנותדיקן דאָרף, אין דער שול, און מיר איז דושנע געווען פון דעם גרויסן עולם מענטשן, פון דער שווערער לופט, פון דער מאַכאָרקע, האָט מיך אַוועקגערופן אין אַ ווינקל אַ מיידל, מיט האָר פון שטרוי-קאָליר און צעשראָקענע אויגן. דאָס — איז די טאָכטער פון דער היימלאָזער זקנה, דער אָרטיקער אָפּשפּרעכערין, — מאַטריאָשאַ. ביי איר ציטערן עפּעס שטענדיק די הענט, און זי האָט אַ טבע כסדר צו ציען און ברעכן אירע פינגער ביז זיי קנאַקן אין די געלענקען. אומרויִק זיך אַרומקוקנדיק, האָט זי גענומען שעפּטשען, פאַרהיקענדיק זיך (זי האָט אַזאַ טבע):

— אָבער, האַליאַ איוואַנאָוונאַ, איך בעט דיך... עס זאָל קיינעם נישט איינפאַלן, אַז איך... די מענטשן זענען ביי אונז געוואָרן די לעצטע צייט ווילד, אומגעצוימט...

— באַאומרויִק דיך נישט וועגן דעם, מאַטריאָשאַ, דו — ביסט אַ קאָמסאָמאָלקע און דאַרפסט זיין מיט מיר שטענדיק אויפריכטיק.

זי האָט איבערגעשראָקן זיך אַרומגעקוקט און מיך אַרויסגעפירט אין פאָדערהויז אַריין.

— דו, האַליאַ איוואַנאָוונאַ, זאָלסט מיך נישט אויסגעבן. מיין מאַמע — איז אַ מיאוס שטיק, כאָטש זי קאָן אָן מיר נישט לעבן. עס איז אַ רחמנות אויף איר, אַזיסטן וואָלט איך זי אַוועקגעוואָרפן און צו אייך אין דער קאָמונע אַוועקגעגאַנגען...

עס האָט זיך דערהערט אַ כראָמקען און קנאַקן פון אירע פינגער אין דער פינסטערניש.

— יאָ, האַליאַ... אפילו צו רעדן איז פאַר מיר אַן

אימה... היינט איז געווען ביי מיין מאַמען אַניסיאַ מאַטוויעוונאַ... ווי נאָר איר דערזע זי — הייב איך אַזש אָן צו ציטערן אינגאַנצן... די מאַמע האָט איר געטראָפן... איך האָב מורא, האַליאַ... אוי, ווי איך האָב מורא!... עס איז שווער אַצינד פאַר אַ מיידל אין דאָרף צו לעבן... זי, דידאָזיקע מאַטוויעוונאַ, איז אַן אמתער טייוול געוואָרן... פאַרן טויט אַרבעט זי... זי לויפט, אַזוי ווי אַ משוגענער הונט... אי דער קאָפּ איז ביי איר אַראָפּגעלאָזט, אי זי האַלט דאָס שפּייעכץ אין איין שלינגען... אי זי זעט אויס ווי אַ מת אינגאַנצן... דאָס ווערט זיך גוט נישט ענדיקן... אַ פּחד באַפאַלט מיך... אוי, גיט אַכטונג דאָרט... און דו, האַליעטשקאַ, זאָלסט דיך אויך היטן. דו ביסט דאָך אַ מיידל... עס זאָל נאָר עפּעס נישט געשען... אַצינד איז באַזונדערס שרעקלעך... אין דאָרף בונטעוועט מען זיך שטילערהייט... בוראַקאָוו לויפט עפּעס אַרום אין אַלע ווינקעלעך... זוכט, נישטערט, באַפעלט... פאַרייניקט די פויערן... שיקט זיינע ווייבער צו אונזערע אַריבער... און מאַטוויעוונאַ לויפט אַרום ווי אַ חיה צווישן זיי... אפשר וואָלסטו, האַליאַ, אַ געוויסע צייט זיך דאָ נישט אַהערגעוויזן... ווער ווייסט, וואָס עס קאָן אַלץ געשען...

נאָך דערדאָזיקער גרויסער, זיך פאַרהיקענדיקער רעדע, האָט זי, אַ פאַרמאַטערטע און צעשראָקענע, זיך אָנגעשפּאַרט אָן מיין אַקסל, דערנאָך זיך צוגעדריקט צו מיר, ווי זי וואָלט געוואַרט, איך זאָל זי באַשיצן.

— איך, האַליעטשקאַ, בין היינט אַזאַ שרעקנדיקע געוואָרן: אי פאַר דער פינסטערניש האָב איך מורא, אי פאַר אַ מענטש, וואָס גייט מיר נאָך פון הינטן האָב איך מורא, אי אפילו פאַר דער ליידיקייט האָב איך מורא... אוי, זאָל גאָט היטן, וואָס דאָס איז אַזוינס!...

איך האָב זי אַרומגענומען און צוגעדריקט צו זיך; אירע הענט האָבן אַזוי קאָנוואולסיוו געציטערט, ווי איר בלוט וואָלט זיך אַריבערגאָסן אין מיר.

— באַאומרויק דיך נישט, מאַטריאָשאַ, דאָס בלייבט אַ סוד צווישן אונז. און פון דער מאַמען גיי אַוועק: די מאַמע — איז דיר אַ פרעמדע. זי איז דיך גרייט אפילו צו פאַרקויפן... זי — האָט זיך איר פאַך און דו ביסט פאַר איר — נישט קיין העלפערין, נאָר אַ שטערונג. אויס גיריקייט וועט זי דיך אַריינשטופן דעם ערשטן־בעסטן מאַנספאַרשוין אין די אָרעמס — דעם, וועלכער וועט מער געבן...

— אוי, ניין !... ווי איז דאָס מעגלעך ?... זי שטרעקט דאָך דאָס לעבן פאַר מיר... וואָס איז זי אָן מיר ? צוּוואָס בלייבט איר דעמאָלט צו לעבן אויף דער וועלט ? אוי, ניין !

— געדענק־זשע, מאַטריאָשאַ... ווייס, אַז דו קאָנסט צו יע־דער צייט געפינען שוץ ביי מיר. די קאָמונע וועט פאַר דיר זיין בעסער, ווי אַ מאַמע.

די זעלבע נאַכט, ווען מיר האָבן אין אַן ענגער גרופע זיך אומגעקערט אַהיים איבער דעם מיט שניי־באַדעקטן זומפּ, האָבן פון צווישן די ראָר־שטעקנס גענומען פליען שטיינער אויף אונז. די נאַכט איז געווען אָן אַ לבנה, אַ נעפּלדיקע, און די שטיינער זענען געפאַלן אין שניי אַריין, נישט דערפליענדיק צו אונז. מיר האָבן זיך ענגער צונויפגעטוליעט, און אין ערשטן אויגנבליק צע־טומלט געוואָרן. אָבער די מענער האָבן באַלד מיט אַ געשריי און געפייפעריי זיך אַ לאָז־געטון לויפן צו די ראָר־שטעקנס. וויעטראָוו האָט אויסגעשאָסן פון רעוואָלווער אין דער לופט. עטלעכע צע־שוואומענע שאָטנס זענען אַרויסגעלאָפן פון די ראָר־שטעקנס און שנעל עוקר געווען אין דער ריכטונג פון דאָרף.

וויעטראָוו האָט מיך גענומען אונטער דער האַנט, און מיר האָבן גענומען שפּרייזן פּאָרויס פאַר אַלע.

— אַלזאָ, האַליאַ, עס הייבט זיך ווידער אָן. אין דאָרף — איז אַ גאַנצע צעמישונג. מיר האָבן אויפגערודערט דידאָזיקע קו־פּעס מיסט. דאָס דאָרף האָט זיך געשפּאָלטן. אַצינד הייבט זיך אָן צווישן די פויערן אַ קאַמף אויף לעבן און טויט. וואָס איז דער

חילוק? אויסגעצייכנט! כאַפּט זיי דער טייוול!... איך פיל מיך, ווי מאָביליזירט... דאָס בלוט קאָכט, און דאָס האַרץ קלאַפּט, ווי אַ פּויק.

איך האָב אים איבערגעגעבן מיין שמועס מיט מאַטריאָשען, און וויטראָוו האָט מיך פאַרוואונדערט: ער איז נישט געוואָרן אומרויִק, האָט נישט קיין ציטער־געטון, נישט פאַרלוירן זיך פון שלעכטן פאָרגעפיל. פאַרקערט: ער איז פּלוצלינג אַזוי ווי אויס־געוואַקסן, געשטאַרקט געוואָרן, זיך אויסגעגלייכט — זיין געהאָר־בעטקייט איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן. אין דעם גרינעם האַלב־טונקל פון דער שנייאיקער נאַכט איז ער ענלעך געווען צו אַ יונגן חברהמאַן, וועלכער קאָן בשום־אופן נישט באַהערשן דעם ברויזיקן פלאַטער פון זיין בלוט. געשפּריינצט האָט ער עלאַסטיש און שטאַרק, אַלעמאָל אומגעדולדיק פאַרלאָפן פאָרויס און הילכיק לאַכנדיק אויס־געשריגן:

— וואָס? וואָס?

און פּלוצלינג האָט ער מיך אַ כאַפּ אַרום געגעבן און האַר־טיק גענומען דרייען ביז קאָפּ־שווינדל. וואָס איז געשען מיט אים? ער האָט געבראָזיט פון אַנטציקונג, און די פרייד האָט צעטומלט זיין קאָפּ. ער האָט געלאַכט, געשריגן און זיך פאַרכליניעט, אי פון דער פראָסט, אי פון געזונטקייט, אי פון אומפאַרשטענדלעכער פאַר מיר צעבונטעוועטקייט.

— עס איז גוט, דער טייוול זאָל עס נעמען!... אויסגע־צייכנט! וואָס איז דער חילוק, האַליוכאַ!... מיר עפענען אַ מלחמה־פראָנט... עס איז גוט!... (ער האָט אפילו גענומען ברומען פאַר תענוג). דו פאַרשטייסט? האַ? דו פילסט? איך בין דאָך — פריי־אַצינד... פ־ר־יי, ווי נאָך קיינמאָל אין לעבן נישט!... אַזוי האָב איך מיך געפילט נאָר אין דער פאַרטיזאַנער־קריג און אין דער אַרמיי... האַליוכאַ! מיר קעמפן, דער טייוול זאָל עס נעמען!... וואָס איז דער חילוק? מיר רעגולירן!

און סיי די באַגייסטערטע אויסגעשרייען זיינע, סיי זיין

קרעפטיקייט, וואָס האָט מיך אויפגערודערט, סיי דאָס שטאַרקע פּרעסטל אין דער טונקעלער נאַכט, וואָס האָט האַרט געסקריפּעט אונטער די פּיס, — אַלץ האָט אויף מיר געווירקט אַזוי, אַז איך אַליין האָב מיך גענומען ראַנגלען מיט אים, שליידערן אים און דרייען אַרום זיך.

— וויעטראָוו, ביזן לעצטן טראָפּן בלוט... קאַמף, וויעטראָוו!

און אין דעם אויסברוך, וואָס האָט מיך פאַרכאַפּט, ווי אַ ווירבל-ווינט, האָב איך פאַרריסן די הענט אין דער הויך און אויסגעשריגן מיט דער פולער ברוסט:

— דאָס לעבן, וויעטראָוו, איז קאַמף: מער, צום טייוול, דאַרף מען נישט!

און עס איז נישט געווען אין דעם נישט קיין שפּילן זיך, נישט קיין פּאָזע: דאָס איז געווען אַן אויסגעשריי פון דער נשמה. אין דעם מאָמענט וואָלט איך מיט פרייד געגאַנגען אויפן טויט און אויף יעדן העלדנטאַט. איך האָב שוין נישט געפילט נישט קיין מורא, נישט קיין אומרויִקייט. מיט מיר איז געווען וויעטראָוו, איך האָב געהערט בלויז זיין אָטעמען, זיין פרייד און קרעפּ-טיקייט.

הינטער אונז האָבן איינגעשטילט זיך געהערט די קולות פון די חברים, עס האָט געגרילצט און געסקריפּעט דער שניי אונטער זייערע פּיס און אַלעמאָל פאַרקלונגען געוואָרן פון געלעכטער. דאָרט האָט מען געפּרווווט זינגען אַ ליד. די שטימען — די מענע-רישע, ווי פּרויאישע — האָבן האַרמאָניש און דרייסט זיך אויפ-געהויבן, פריידיק אַ ציטער-געטון, זיך אָנגענומען מיט כוח, דורכ-געפלאָכטן, ווי אַ ראַקעט אין דער הויך זיך אַ טראָג-געטון, און פלוצלינג זיך איבערגעריסן אין אַ קאַסקאַדע פון פריידיקן, האַר-ציקן לאַכן. און עס איז געווען אין דעם אַלעם עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אַרויסגערופן אי אַ פאַרדראָס, אי אַ ווייטיק און בענקשאַפט אין האַרץ, אי אַזוינס, וואָס האָט געמאַכט פריידיק און פריילעך, און מיר ביידע האָבן אויך געלאַכט.

פלוצלינג האָט מיך וויעטראָוו ווידער גענומען אונטער דער האַנט און אַ זיפץ געטון.

— עך, האַליאַ!... וואָס איז דער חילוק?... דער עיקר איז — מיר זאָלן וואָס שנעלער לאָזן די עלעקטראָסטאַנציע. דאָס — איז אַצינד נויטיק, ווי אין לעבן אַריין. ווי נאָר עס וועט אויפפלאַקערן מיט ליכטיקייט אונזער קאָמונע... דער טייוול זאָל עס נעמען!... דעמאָלט וועלן מיר בלינד מאַכן די פינסטערע כוחות... דאָס איז אַצינד — אונזער וויכטיקסטע פאַרניכטונגס-באַטעריע...

— אָבער ווען וועט דאָס שוין זיין, אַנדריי סעמיאָניטש? איר פאָרעט זיך שוין צו לאַנג אַרום דעם.

— האַליוכאַ! מיר וועלן אויפבויען! אומבאַדינגט! איך האָב מיך אַ ביסל געהיצט, נישט פאַרגעזן די שוועריקייטן... איך האָב געמיינט — מיר וועלן לאָזן די עלעקטראָסטאַנציע אויף ניי-יאָר, און אַצינד מוז די זאַך אָפּגעלייגט ווערן ביז פרילינג. אויב גוליאַקאַ וועט נישט באַווייזן אַרויסצוקריגן און איבערשיקן דאָס איבעריקע, וועל איך אַליין פאָרן. קיין מאָסקווע וועל איך פאָרן.

פון דער נאַכט אָן איז כסדר געשיקט געוואָרן אַ באַוואָפנטע מאַכט אויף דער גרענעץ פון דער קאָמונע.

לוּשעס פּאָעמע

די לבנה-נעכט אין יאַנואַר זענען געווען אומגעווינטלעך דורכזיכטיק — האָבן געלויכטן רויִק און קלאָר מיט זייער גרינעם שניי. זיי האָבן געסקריפּעט, ווי צוקער, און געשאַרכט מיט שטערן. דער שניי האָט געברענט פון אינעווייניק און אַרויסגעזעצט מיט רעגנבויגנדיקע פונקען. דידאָזיקע קלומפּן פונקען האָבן זיך צעטראָגן אין דער לופט און זענען אַוועקגעפלויגן צו דער לבנה. אויף די שויבן פון מיין פענסטער האָבן געפינקלט ווי פּערלמוטער וואונדערבאַרע געוויקסן פון זעלטענע פאָרמען: אי פעדערדיקע

בלעטער פון אויסטערלישער צייכענונג, אי צווייגהאַפטיקע שטרויכן, אי שיפן פון פיש, וואָס האָבן זיך אומבאַמערקט פאַרוואַנדלט אין בינטלעך בליעכץ. איך האָב זייער ליב דידאָזיקע צויבער-מעשהלעך און לידער פון ווינטער.

איך בין נאָר-וואָס געהאַט אַריינגעקומען אין מיין צימער און נישט אָנגעצונדן קיין ליכט. איך בין געשטאַנען ביים פענסטער און אַ פאַרכּישופטע געקוקט אויף דער פערלמוטערנער וועלט פון מיינע שויבן. עס איז געווען נאָך דריי זיצונגען, וועלכע איך האָב דעם טאָג געהאַט מיט די אָרגאַניזאַטאָרן פון קאָלווירט אין שכנישן דאָרף, מיט די דאָרפישע שטורעם-בריגאַדעס און מיט דער קולטקאָמיסיע. איך האָב געפילט אין גאַנצן קערפער אַ פאַרשמאַכטקייט פון אָנגענעמער מידקייט.

— האַליעטשקאַ! אויף אַ מינוט, שוועסטערל...

לושאַ האָט שטיל, ווי אַ קאַץ, אַריינגעשלייכט אין מיין צימער און ווייך אַרומגעכאַפּט מיין האַלז. אין גרינעם שימערן פון לבנה-ליכט האָט זי מיר אויסגעזען מאָדנע לייכט און פאָספאָר-ציטערדיק, ווי אַ געשפּענסט.

פון איר פּנים האָט געשלאָגן אַ היץ, די הענט אָבער זענען געווען קאַלט און אומרויִק. אינגאַנצן איז זי געווען אַזאַ ווייכע, גראַציעזע, און אירע ברוסטן און דער בויך האָבן מיך אַזוי ווי אַריינגעזויגן אין זיך. איר האַרץ האָט שטורעמדיק געקלאַפּט: עס האָט זיך צוגעדריקט צו מיר, און איך האָב געפילט דאָס קלאַפּן.

— וואָס איז געשען, לושאַ? פאַרוואָס ביסטו אַזוי אויפגערעגט?

זי האָט טיף אָפּגעזיפצט, אַ ציטער-געטון און אַוועקגעשפּרונגען פון מיר אויך אַזוי לייכט און פאָספאָריש, ווי אַ געשפּענסט. אַוועקגעשפּרונגען און זיך צעלאַכט מיט אַ גליקלעך טרילערן.

— אוי, האַליעטשקאַ, קום אַרויס אויפן שניי... איך קאָן נישט... קום אַרויס, שוועסטערל...

מיר האָבן גענומען סקריפּען מיט די טריט איבערן שניי און זענען פאַרטרונקען געוואָרן אין דער ווירבלדיקער צעפינקלטקייט. אַרום דער לבנה האָט אין אַ ברייטן קרייז זיך געטונקלט דער לויטערער הימל מיט אַ נעפּלהאַפטן רעגנבויגן אויפן האָריזאָנט. הויך איבער דער שניי-צעלויכטענער באַרגיקייט האָט געשוועבט אין זיין שיינקייט דער דריי-שטערנדיקער אָ ר י אָ ן. דער פראָסט האָט געקלונגען און געשטאָכן, ווי מיט נאָדלען, און פון דעם האָט זיך געגלוסט צו לאַכן. עס איז געווען זייער שטיל, און עס האָט זיך געפילט אומעטום דאָס פאַלן פון פראָסט-טוי. די גאַנצע ערד איז געלעגן פּרעכטיק אָנגעפּעלצט אין שניי, און אונזערע קאָרפּוסן האָבן פרירנדיק זיך געטוליעט צו דער ערד. און אומעטום, פון דער גרינער ווייסקייט פון דער ערד ביז צום הימל, האָט גע-שוועבט און געציטערט די מאַיעסטישע מוזיק פון דעם לבנה-און שטערן-ליכט. אין דידאָזיקע נעכט פיל איך מיך אַנדערש, ווי ביי-טאָג: איך הער אין מיר אומאויפנעמבאַרע פלאַטערנישן און רע-גונגען, וועלכע לעשן זיך אויס ביי טאָג און פאַרשווינדן, ווי שטערן.

לושאַ האָט ווידער אַ זיפץ געטון און ווידער זיך וואַרים צוגעדריקט צו מיין אָרעם.

— אַך, ווי שרעקלעך שיין עס איז!.. פאַרוואָס איז אַזוי שיין!... איך קאָן נישט זאָגן... אַ גאַנצע נאַכט וואָלט איך מיך אַזוי געקוויקט... אויפגעהויבן זיך און אַוועקגעפלויגן ערגעץ-וואו...

יאָ, איך האָב געפילט לושען: איך האָב געוואוסט, מיט וואָס איר האַרץ איז פול אין די מינוטן, איך האָב אָן ווערטער פאַרשטאַנען די גאַנצע טיפקייט פון אירע זיפצן.

זי האָט איבערגעלעבט אַ גרויס גליק.

— דו ווייסט וואָס, לושאַ? איך האָב מיך געריכט אויף דעם...

— האַליעטשקאַ, שוועסטערל, ווען דו וואָלסט געוואוסט!...

אַך, ווען דו וואָלסט נאָר געקאָנט אַריין אין מיין נשמה!... מיר איז שרעקלעך, האַליעטשקאַ... איך ווייס נישט, וואָס עס וועט זיין... ווי אַזוי איך וועל מיך צונויפטרעפן מיט פיעטרושען? וואָס וועט זיין מיט אים, דעם אָרימענקן?... איך קאָן גאָרנישט טראַכטן אַצינד וועגן דעם, האַליעטשקאַ... איך בין דאָך אינ־גאַנצן — אַן אַנדערע... איך עקזיסטיר דאָך שוין נישט... די פריערדיקע עקזיסטירט שוין נישט... עס האָט געבליט מיין אַמאָ־ליק לעבן און אָפּגעבליט... און איך בין אַזוי ווי אויפסניי גע־בוירן געוואָרן אַ מיידל, ווידער געווען אַ כלה...

— לושאַ, דו האָסט טאַקע ליב גרישאַניען?

— אים? איך? יאָ, שוועסטערל מיינס! ווי אַזוי קאָן איך אים נישט ליב האָבן?

— אָבער דו האָסט דאָך גוליאַקען אויך ליב?

זי האָט זיך קלינגענדיק צעלאַכט, ווי אַ גלעקעלע, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די פונקען אויפן שניי האָבן אויך גענומען לאַכן, אַזוי ווי זי. זי האָט געלאַכט און אַלץ איבערגעחזרט, ווי אַ יונגינקע מיידעלע — מיט געהיימער, וואונדערלעכער שפּילעווי־דיקייט אין קול:

— ניין, ניין... צי קאָן מען דען?... ניין, ניין, ניין!... יענץ, שוועסטערל, — איז עפּעס אַנדערש...

פּלוצלינג איז מיך באַפאַלן אַ שרעק — איך האָב צונויפגע־דריקט איר האַנט און אומרויִק זי אַ פרעג־געטון:

— לושאַ, דו — ביסט מעוברת?

זי איז אַרויפגעפאַלן אויף מיין אַקסל, גליקלעך זיך צעלאַכט, און באַלד אומגעריכט זיך פונאַנדערגעוויינט:

— האַליעטשקאַ!... דאָס איז ביי מיר — צום ערשטן מאָל. אַך, ווי איך באַדויער דיך, שוועסטערל!... דו לעבסט ווי אַן איינזאַם בלימעלע, און ווייסט גאָר פון קיין אמתער פרייד נישט... האָב ליב, האַליעטשקאַ. דאָס — איז גוט, דאָס — איז נויטיק, דאָס — איז אַזאַ גרויס גליק... האָב ליב: זיי אַ מאַמע...

און נישט קיין פּרוכטלאָזע בלום... אין פּרוכטלאָזיקייט איז נישטאָ קיין פרייד און קיין ליבע... האָב ליב מיט דעם געפיל פון אַ מאַמע... איך, האַליעטשקאַ, האָב דאָך ערשט אַצינד דערפילט און בין געוואויר געוואָרן... נישט איך האָב אים ליב, נאָר דאָס קינדעלע אין מיר האָט ליב... געבוירן ווערן וויל עס... צום לעבן רייסט עס זיך, בענקט... שרייט אין מיר... און איך בין שוין גאָרנישט די אייגענע...

— אָבער אפשר פרייסטו דיך גאָר אומזיסט, לושאַ: אפשר ביסטו נאָך גאָרנישט מעוברת...

זי האָט זיך ווידער צעלאַכט מיט אַ קלינגענדיק טרילערן, אָנגעכאַפּט מיין האַנט און זי צוגעלייגט צו איר וואַרימען בויך:

— דאָ — געפינט עס זיך שוין... האַליעטשקאַ!... שוין — אַנדערהאַלבן חדשים... איך אַליין ווייס דאָס, און דער דאָקטאָר האָט אויך געזאָגט...

— ניין, לושאַ, עס איז נאָך צו פרי צו רעדן וועגן דעם. דער דאָקטאָר קאָן זיך טועה זיין.

— וואָס גייט מיך אָן דער דאָקטאָר, איך אַליין ווייס... אין מיר איז עס שוין! אַ לעבעדיקס! מיינס!... אַך, האָב ליב, האַליעטשקאַ, האָב ליב! דו האָסט דאָך אים ליב... אַנדריי סעמיאָניטשן?

— איך? לושאַ, וואָס פאַלט דיר איין?

איך בין שטיין געבליבן איבערראַשט פון איר זיכערקייט אין מיין ליבע צו וויעטראָוון, און נישט געוואוסט, וואָס צו זאָגן. איך? האָב ליב וויעטראָוון? איך האָב מיך איינגעהערט אין זיך, אין דער אינערלעכקייט פון מיין וועזן און גאָרנישט געהערט. ניין, איך האָב נישט ליב וויעטראָוון, און דער געדאַנק וועגן אים, ווי וועגן אַ מאַן, איז מיר עקלהאַפט.

— ניין, לושאַ, דו האָסט אַ טעות. מיר האָבן זיך נישט ליב — נישט איך אים, נישט ער מיך...

— אַך, וואַרט נאָר צו, טייערע!... דו ווייסט נאָך נישט... דאָס רעדט אַזוי אין דיר דיין מיידלשע בלינדקייט... דו ביסט נאָך אין מיידלישן העמדל... ווי אַ קינדעלע... פאַר ליבע איז נויטיק פרייהייט... זון... און אַנדריי סעמיאָניטש פאַרגעטערט דיך אַזוי!... האַליעטשקאַ!...

— דאָס — איז זיין זאַך, און איך קען מיך אויך און בין פאַר־אַנטוואָרטלעך פאַר מיין געפיל. ער איז מיר נישט נייטיק. יאָ! איך האָב אים ליב, שעץ אים און באַצי מיך צו אים מיט טיפער אַכטונג. ער — איז אַ גוטער חבר און פריינט.

זי האָט מיט באַדויערונג און געלעכטער אַ קוק־געטון אויף מיר און שטיפעריש פאַרזשמורעט די אויגן. וואָס פאַר אַן עגאָאיסטישע זאַך פונדעסטוועגן עס איז די ליבע! זי איז גאַווהדיק און זעלבסטצופרידן. עס איז דאָ אין איר עפּעס אַזוינס, וואָס באַליידיקט, ווען זי צעבאַלעוועט זיך און טריומ־פירט.

מיר איז געוואָרן טרויעריק. איך האָב מקנא געווען לושעס גליק. איך בין אַלט פיר און צוואָנציק יאָר — דאָס איז דער זעניט אין דער עלטער פון אַ מיידל. פאַרוואָס־זשע בין איך ביז אַצינד טויב פאַר די רופן פון דער ליבע? צי בין איך נישט פעיק איבערצולעבן דידאָזיקע שטורמישע פרייד פון בלוט? אָדער אפשר האָט זיך נאָך נישט באַוויזן דער געהעריקער פאָטער פון מיין צוקונפטיק קינד, אויב עס האָט זיך נאָך נישט צעקליינגען דער צופלוס פון מיין בלוט, וואָס טראָגט זיך אָן אָפּהאַלט אַקעגן דעם, וואָס באַווייזט מיט איין מאָל, ביים ערשטן אויג־נבליק, אויפצוטרייסלען און אָנפולן דאָס גאַנצע וועזן מיט שטור־מישן אויסגעשריי.

לושאַ האָט פּלוצלינג טיף אָפּגעזיפצט און אַוועקגעשפּרונגען פון מיר.

— אַך, וואָס איז דאָס מיט מיר, שוועסטערל? האַ? ווי אַזוי האָב איך געקאָנט פאַרגעסן?... ער איז דאָך דאָרט — ביי מיר,

וואַרט... באַאומרויִקט זיך, קאָן זיך קיין אָרט נישט געפינען... איך קאָן נישט...

— גיי, גיי, ליבע לושאַ, אומבאַדינגט...

און זי האָט איילִיק, מיט אַ פריידיקן אויסגעשריי זיך גע־לאָזט לויפן מיט טופּענדיקע טריט צו די וואוינונגס־קאָרפּוסן. גליקלעכע לושאַ! ווי אַזוי וועט זי איבערטראָגן די באַגעגעניש מיט גוליאַקען? און ווי אַזוי וועט ער איבערלעבן זיין אומגליק? ער דאַרף זיך אומקערן אין פרילינג. איר בויך וועט אים דעמאָלט חוצפּהדיק אויסלאַכן.

מ ײ ז

איך האָב מיך לאַנג אַרומגעדרייט איבער די געפרוירענע שטעגעלעך צווישן די קאָרפּוסן און נאָך די קאָרפּוסן פון דער קאָמונע, און אין דערדאָזיקער לבנהדיקער אומענדלעכקייט, אין דעם שנייאיקן שימערן פון דער נאַכט האָט מיין אומגעוואוינטע איינזאַמקייט מיך באַאומרויִקט מיט אומקלאָרע פאָרגעפילן. אין מיין נשמה, אין אירע טיפענישן, וואָס האָבן געשימערט, ווי דידאָזיקע אויסגעשטערנטע, שנייאיקע ווייטן, בין איך אויך גע־ווען איינזאַם, און מיר איז געווען אומהיימלעך פון דערדאָזיקער טויטער ליכטיקייט, אומהיימלעך זיך איינצוהערן אין דעם געהיימ־נישפולן עכאָ פון מיין נשמה. גיין, איך האָב נישט ליב קיין איינזאַמקייט, איך האָב מורא פאַר איינזאַמקייט: אין איר איז דאָ עפּעס שרעקלעכס, עפּעס אַן איבערבלייבעניש פון דעם לעבן פון אונזערע אורזיידעס.

אויפן וועג אַהיים האָב איך מיך באַגעגנט מיט איינעם פון דער וואַך — מיט לוקיאַניטשן, אַ דאַרינקען, שיטער־בער־דיקן אַלטיטשקן, מיט אַ ביקס אויף דער פּלייצע. ער האָט פאַר־

קנייטשט זיין פּנים אין אַ שמייכעלע, און אין זיינע אויגן האָבן געלויכטן פונקעלעך.

— אָט היט איך... ווי אַ זעלנער היט אַרעסטאַנטן... אָבער נאָכוואָס ? דאָס לעבן וועסטו נישט דערהיטן. דאָס לעבן, טייבעלע, — איז וואַסער... עס וועט דורך די פינגער דורכרינען. און דער מענטש — איז אַן אָפּנאַרער : וואָס שטרענגער דו וועסט אים היטן, אַלץ כיטרער און גנבישער וועט ער ווערן. וויפיל נייעסן, טייבעלע, דו זאָלסט נישט אויסקלערן, וועט אַלץ בלייבן ביים אַלטן. די מענטשן לעבן אומרויִק און גאָדערן אַלץ : פרייהייט ! פרייהייט ! אין אייביקער תּפיסה האַלטן די מענטשן זיך אייביק אין איין היטן. אָט לאָמיר, טייבעלע, נעמען אַלס משל דידאָזיקע קאָמונע. פרייהייט, פרייהייט ! נאַ־זשע דיר .... (ער האָט זיך גיפטיק צעשמייכלט אין בערדל אַריין)... נאַדיר — אַ נייע טורמע... און נאָך וואָס פאַר אַ טורמע ! מיט קייטן !

— נאָכוואָס־זשע ביסטו דאָ אַהערגעקומען, לוקיאַניטש ? וואָלסט דיר געלעבט אין דאָרף — דאָרט איז דאָך די טורמע אַ ביסל באַקוועמער.

ער האָט מיך שאַרף דורכגעשטאָכן מיט די פונקעלעך פון זיינע אויגן און גענומען קלאַפּן מיט אַ פינגער איבער מיין אָרעם.

— איך, טייבעלע, — בין אַ שלעפער, אַ פרעסער. דאָס דאָרף האָב איך נישט ליב. אונטער שטייניקן באָדן רינט קיין וואַסער נישט. און דער מענטש איז זאַט, ווען מע היט אים. מיין לעבן איז שטענדיק געווען אַ הונגעריקס, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. איך האָב גאַנץ רוסלאַנד דורכגענישטערט. סיביר קען איך, אין די טייגעס געווען. קאַווקאַז קען איך, איך האָב מיט די בערגלייט געלעבט. אין יאַקוטער געגנט געווען — אין די גאָלדגרובן געאַרבעט. מען האָט זיך נאָך מיר, ווי נאָך אַ חיה געיאָגט, און איך האָב מיך אויך נאָך מענטשן געיאָגט.

פרייהייט, דאָס איז אַ זאַך אַ היימלאָזע, אַ האַרבע: נישט יעדער קאָן זי אויסהאַלטן. פאַרשידנס שוין פאָרגעקומען. וואָס איז אַזוינס פרייהייט? בלאָנדזשען אָן אַ סוף און אָן אַן עק. דער מענטש וויל זיין אין אַ טורמע — צווישן אַ מחנה, צווישן אַ סטאַדע, עס זאָל אים נישט שרעקלעך זיין, מען זאָל אים היטן. און האַלט אַלץ אין איין טראַכטן, ווי אַזוי באַקוועמער פאַר זיך די טורמע איינצואָרדענען... נעמט — די עלעקטרי. וואָס איז זי אַזוינס? אָט דריי איך מיך אַרום מיט דער ביקס — מאַך פון מיר אַ גייענדיקע פאַרצוימונג, און די עלעקטרי — איז אַן אומפאַרלעשבאַרע וואַך, אַ פילפאַכיק אויג, וואָס דרימלט נישט. אָבער דער מענטש — איז אַ גנב.

— נו, לוקיאַניטש, מיט אַזעלכע געדאַנקען קאָן מען נישט לעבן אין דער קאָמונע. דו האָסט דיך טועה געווען, אַריינטרעטנדיק אין דער קאָמונע.

— פאַרוואָס? איך, טייבעלע, האָב דאָס גאַנצע לעבן מיינס פאַרברענגט אין פאַרשידענע קאָמונעס. איך — בין אַן אַרטעלמענטש. אי אין די תפיסות געזעסן, אי אויף קאַטאָרגע געווען, אי מיט די פישער־באַנדעס אויפן קאַספי געווען... וואו בין איך נישט געווען? און אַ מענטש געבליבן: אומעטום באַאומרויִקט זיך דער מענטש — זוכט די פרייהייט. און דאָ — איז אויך דאָס אייגענע. און די פרייהייט פאַר דעם מענטש — איז גנבה און אָפּנאַרעריי. דער מענטש בענקט — זעלבסטנאַרעריי און גנבה וויל ער... פאַלשקייט פון געדאַנק.

פון הינטערן קאָרפּוס, זיך אומקוקנדיק אין אַלע זייטן, איז אַפּערגעלאָפן אַ פרוי און אייליק זיך געלאָזט גיין צו אונז. דערנאָך איז זי שטיין געבליבן, און שטיל, בגנבה אַ רוףגעטון:

— טאַטעניו, קום!...

לוקיאַניטש האָט אַ מרוגע־געטון צו מיר מיט די פונקע־

לעך פון זיינע אויגן און זיך פאַרקרימט מיט אַ ציטרינקע שמייכעלע.

— נו, נו, אוליאַשאַ, קום דאָ אַהער... קום אַהער, מיידל... האָב קיין מורא נישט... זעסט, טייבעלע, ווי דער מענטש גנבעט זיך, האַ?... אי ליבע — איז גנבה, אי שנאה — איז גנבה . . . איטלעכן גלוסט זיך נאָר פריי צו זיין, טייבעלע...

די פרוי איז צוגעקומען צו אונז, אַפּערגענומען אַ פּעקעלע פון אונטער דער פּאָלע און עס אַוועקגעגעבן לוקיאַניטשן. דאָס איז געווען זיין טאָכטער, אַ מיידל, גיכער ענלעך צו אַ פרוי אויף דער צייט — אַ פליישיקע, מיט אַ ווייכן בוזעם און ברייטן הינטן. זי האָט אָנגעשטעלט אויף מיר איר גראָבבאַקיק פּנים און אָן אַ סיבה הויך זיך צעהירזשעט. עס האָט זיך דערפילט אַ ריח פון געקאָכט פלייש און ברויט. דידאַזיקע פרוי האָט געאַרבעט אַלס שטענדיקע געפּעס־וועשערין אין קיך.

דאָס עסן האָט זי, משמעות, געגנבעט און עס געברענגט דעם פאָטער, און ביידע האָבן נישט געזען קיין פאַרברעך אין דעם. איך האָב דערפילט אַן איבלקייט און ווייטיק, ווי איך אַליין וואָלט מיך באַטייליקט אין דער גנבה. מיך האָט אַרומגעכאַפּט אַ שוידער פון עקל און צאָרן.

— וואָס־זשע, זיידע, איז דאָס, לויט דיין מיינונג, — אויך קאַמף פאַר פרייהייט? דאָס איז דאָך געמיינהייט!

זיינע פונקעלעך האָבן אַ בלישטש־געטון ציטרינקע און פיינטלעך.

— אומרויִק איז דער מענטש... לעבן וויל דער מענטש... אָט נעם דיך... ווער ביסטו פאַר איינע? נאָכוואָס דרייסטו דיך דאָ אַרום אָן אַ ציל? וואָס פאַר אַ געדאַנקען קאָן האָבן אַן איינזאַמער מענטש? איך וואָלט דיך געדאַרפט נעמען און אַוועק־

פירן צו דער מאַכט... אָט, נאָט אייך... געפּאַקט אויפן אָרט פון פאַרברעך...

איך האָב מיך אויסגעדרייט און איילֿיק אַוועקגעלאָפן איבערן שטעגעלע צו די קאָרפּוסן. מיך האָט נאָכגעיאָגט אוליאַשעס הירזשענדיקע געלעכטער.

אין אַ וואָך אַרום האָט, בשעת לוקיאַניטשעס וואָך, אויסגעבראָכן אַ שרפה אינמיטן דער נאַכט: עס איז פאַרברענט געוואָרן אַ גרויסער סטויג שטרוי צווישן די בנינים פון דער עלעקטראָסטאַציע און דער מיל. וויעטראָוו איז נישט געשלאָפן און האָט די נאַכט אַליין מיט אַ ביקס קאָנטראָלירט די וועכטער. די שרפה האָט ער דערזען דער ערשטער. ער האָט אָנגעהויבן שיסן מיט דער ביקס, און די וועכטער האָבן אים געענטפערט פון פאַרשידענע זייטן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויפן אָפּשניט, וואו די שרפה איז פאָרגעקומען, איז קיין וועכטער נישט געווען. בשעת דערדאָזיקער איבערשיסונג, האָבן צופעליק אָדער בכיוון צוויי קוילן אַ פייף-געטון פאַרביי וויעטראָוון, און איינע פון זיי האָט אויסגעריסן אַ שטיק וואַטע פון אַרבל פון זיין פאַלטן. עס איז אַרויס די גאַנצע קאָמונע, און מע האָט די שרפה באַלד פאַרלאָשן מיט שניי. דידאָזיקע פייערדיקע, רויך-געהילטע פליגל, וואָס האָבן זיך אַ טראָג-געטון צום הימל אין דער הויך, האָבן אָפּגעטונקט אין רויטן פלאַם די קאָרפּוסן, און דער שניי האָט געזאָטן ווי צעשמעלצטער מעטאַל. דאָס פייער האָט געקנאַקט, ווי אַ ווייט דונערן. אַן אומקלאָרע שרעק און געהיימע געשפּענסטער האָבן ווי אַ ווירבל-ווינט זיך אַריינגעריסן איז אונזער לעבן. נאָך ביז היינט וועקן מיך אין די נעכט קאָשמאַרן, און מיר דאַכט זיך, אַז אין דרויסן און אין מיין צימער קריכן אַרום צוויטיקע שאָטנס.

וועגן מיין באַגעגעניש מיט לוקיאַניטשן האָב איך דערציילט וויעטראָוון די זעלבע נאַכט. וויעטראָוו האָט אַ קוק-

געטון אויף מיר שאַרף, מיט צעטומלטקייט, און גאָרנישט געזאָגט. לוקיאַניטש איז באַזייטיקט געוואָרן פון זיין וואַך־דיזשור באַלד נאָך דער שרפה, און ער מיט אוליאַשען זענען געשטעלט געוואָרן אונטער אַ שטרענגער אָבסערוואַציע.

דאָס נײַנטע העפט

דאָס פיבערן פון דער ערד

עס אָטעמט מיט פעטן ריח פון פרילינג. די פעלדער זענען שוין שוואַרץ, טויאיק, סאַמעט-ווייך, און דאָס גרינס פון דער ווינטער-תבואה ליגט איינגעפרעסט פון די מאַסן שניי, וואָס זענען געלעגן דערויף אין משך פון ווינטער. איבער די שיפּועים פון די בערגלעך שימערט די זון. דער שניי בלייבט זיך נאָך אומעטום, ווי צעגאָסענע סמעטענע, און קוקט אַרויס פון די גריבער און טאָלן קאַלט און בלוילעך. נאָר דידאָזיקע רעשטלעך שניי זענען אָבער לייכט און גרוילעך, ווי וואָלקן, און די שוואַרצע ערד זעט אויס פונווייטנס באַנעצט מיט בלוט, ווי צוזאַמען מיטן שניי וואָלט פון איר אַראָפּגעקראָכן די פּאַראַיאָריקע הויט, און עס איז גענוג אַרײַנצושטעקן אַ לאָפּעטע אין דער ווייכקייט, אַז עס זאָל אַ שפּריץ-טון אַ געדיכטער פאָנטאַן פון פּורפּור. עס האָט זיך געהערט דאָס קרייען פון ווייטע און נאָענטע הענער, און מיט ווייבערישער ליידנשאַפט האָבן געקוואָקעט די הינער. צוזאַמען מיט זיי האָט געזונגען די ערד אין אירע גרענעצלאָזע ווייטן. עס זענען דורכגעשוואומען וואַרימע, טויאיקע טעג. אַ ים פון זון האָט פאַרגאָסן די ערד, און אַ דאַמף, ווי אין אַ באָד, האָט אין ראָזער רויכיקייט פאַרנעפּלט די האָריזאָנטן: די הימלען זענען אַראָפּגעהאָנגען געדיכטע און שווערע, און די שיפּועים פון די בערגלעך זענען באַדעקט געווען מיט טויאיקן שווייס אין די קילע פרימאָרגנס.

אונזער הויף איז שוין אינגאַנצן טרוקן. ער זעט אויס גע־שטופּלט פון די טריט, און די ערד איז אויך דאָ פעט, ווי אָנגע־זאַפּט מיט בלוט. פראָכאָר מיט די שילער אַרבעטן ביים אויסגלייכן דעם פּלאַץ, און די קינדער, באַוואָפנטע מיט גראָב־אייזנס און לאָ־פּעטעס, פריידיקע און הייטערע, פּלאַנעווען צו פאַרוואַנדלען דעם גאַנצן הויף אין אַ סקווער און בלומען־גאָרטן. און איך פריי מיך, וואָס מיין שטרעבונג צו זען דאָסדאָזיקע נאַקעטע אָרט געהילט אין פלאַמענדיקן בעז־בליעכץ, אין העלן גרינס פון קלאָמבן און שוימענדיקער ווייסקייט פון בלומען ווערט ענדלעך פאַרווירקלעכט אין לעבן. די טעג וועט פראָכאָר פאָרן אין ראַיאָן־ראַטווירט און ברענגען עטלעכע פורן בעז־ביימלעך, יונגע בעראָזעס און ליפּעס. אין סאָד זענען שוין גרייט די וואָרעם־קאַסטנס צום איבערפלאַנצן, און מיין האַרץ בליצט אויף צוזאַמען מיטן גלאַנץ פון די שויבן אין זייערע ראַמען.

אין דער קאָמונע ברויזט די אַרבעט. עס איז דער אָנהייב פון פרילינגדיקן אַקערן און זייען. פון דער מאַשינען־באַזע טראָגט זיך אַ גערויש און געפּילדער פון מעטאַל, אַ ברומען פון די טראַק־טאָרס. די מאַשינען ווערן אייליק קאָנטראָלירט און פאַראָכטן. עס זענען מאָביליזירט אַלע אַרבעטער פון די מעכאַנישע וואַרשטאַטן. מיט אַלעם פירט אָן ראַגאַטקין: אַ שווייגנדיקער, ערנסט־פאַר־דאגהטער, אָבער גלייכגעוויכטיקער, תמיד מיטן לולקעלע אין ווינקל מויל, פילט מען אים אומעטום. צוזאַמען מיט וויעטראָוון און באַנקינען — פאָרן זיי אָפּט אַרום איבערן ראַיאָן, פירן דורך די פאַרזיי־קאַמפּאַניע און אַרבעטן ביים אָרגאַניזירן די קאָלווירטן.

גרישאַניאַ האָט, אַ באַגייסטערטער, אַרומגעשמייעט צווישן די מאַשינען, ווי אַ קעמפער, ווי אַ העלד, אפילו אין עסצימער זיך נישט געוויזן בשעת די מיטאָג־הפסקות. און די מאַשינען, אָפּ־געבלאַקעווטע פון ווינטער־שלאָף, נאָך פאַרשטאַרטע, שטייען רייען־וויַיז, ווי האַרמאַטן־באַטארייעס, גרייט זיך אַ לאָז צו טון אויף די פעלדער, אין די ראָז־פאַרנעפּלטע ווייטן איבער די בערגלעך. דאָרט דאַרף מען פאַראַקערן און פאַרזייען ביז טויזנט העקטאַר לאַנד

אויף זומער־תּבֿואה, פאַרשידענע גראָז־געוויקסן, ערד־פּירות און פאַר דער סעלעקציע־אַרבעט. חוץדעם ווערט אַ טייל פון די מאַשינען אין אַ באַזונדערער אָפּטיילונג אַריבערגעוואָרפן אויף די פעלדער פונעם קאָלווירט.

גוליאַקאָ דאַרף די טעג קומען צו פאָרן, כּדי פּערזענלעך אָנצופירן מיט דער פעלד־אַרבעט, אָבער פון אים זענען נישטאָ קיין שום ידיעות. איבעריקנס, מיט דריי וואָכן צוריק האָט ער איבערגעשיקט די לעצטע עלעקטראָ־מכשירים. נאָר זיין בריוו איז געווען בקיצור, טרוקן, ווי אַ ראַפּאָרט: עס איז קענטיק געווען, אַז דער מענטש איז פאַרקלעמט פון עפּעס אַ פּיין, און אים איז שווער געווען צו שרייבן. און פריער זענען זיינע בריוו געווען באַריכותדיקע, הייסע, דורכגעדרונגען מיט אַ געפיל פון אומגעדולדיקן וואַרטן אויפן פרילינג, ווען ער וועט ווידער אַ פלי טון אין דער קאָמונע.

ווען מיר האָבן געלייענט דעמדאָזיקן לעצטן בריוו זיינעם, האָבן מיר געשוויגן, און אונזערע אויגן האָבן זיך אומרויִק איבערגע־קוקט. געבליבן אַליין מיט מיר, האָט וויעטראָוו אין פאַרלעגנהייט גע־שמייכלט און געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— נו, האַליאַ, עס וועט זיין אַ מיאוסע מעשה. אויף גוליאַ־קען וועט מען מוזן אַכטונג געבן. ער זאָל עפּעס נישט אָפּטון אַ שלעכטע זאַך... דאָס איז אַ גרויסער קלאַפּ פאַר דעם בחור. אָט וואָס פאַר אַ שרעקלעך עסק עס איז די ליבע! אַ פאַרפּלאָנטערט עסק, האַליאַ. מיר אַליין האָט זיך פריער געדאַכט, אַז אָט דער מענטש־לעכער ענין איז ווי יעדע אַנדערע באַדערפעניש. עס האָט דיך אַ ברי געטון די תּאווה, און — דו ביסט גרייט אַ ליבע צו פירן! אָבער דער טייוול זאָל עס נעמען, עס איז אמת... וואָס איז דער חילוק? גוליאַקאָ איז גערעכט: דאָס, טייערע חברטע, — איז אַ פּראָבלעם... איך פלעג חוזק מאַכן פון דעמדאָזיקן באַליבטן וואָרט זיינעם, אָבער אַצינד ווייס איך שוין... איך ווייס, האַליאַ!... דאָס איז אַ פאַרשאָלטענער שפּילטער, וועלכן עס איז שווער אַרויסצו־

שלעפן... און וועסטו אים שוין אפילו יאָ אַרויסשלעפן, וועט סיי־ווי זיין אַ בלוט־פאַרגיפטונג...

— פאַרוואָס, אַנדריי סעמיאָניטש, רעדסטו וועגן דעם אַזוי טראַגיש? און פאַרוואָס זאָגסטו דאָס אַלץ דווקא מיר, פונקט ווי איך וואָלט געווען אין עפּעס שולדיק?

— וועמען דען זאָל איך זאָגן? האַ? — ער איז אין כעס געוואָרן און גענומען שרייען אויפן גאַנצן קול: — וואָס איז דער חילוק! וועמען דען זשע זאָל איך זאָגן, אויב נישט דיר?

און ער איז מיט אייליקע טריט אַרויסגעגאַנגען פון קאַנצעלאַריע. אויף מיר האָט דאָס געווירקט אי קאָמיש, אי פיינלעך: איך ווייס נישט, פאַרוואָס — קאָמיש און פאַרוואָס — פיינלעך. עס איז געווען אויך נאָך עפּעס: נאַרישע אורזאַכלאָזע פרייד, יובלדיקער געשריי פון קערפּער און — פאַרדרוס, אומרויִקייט, פּראָטעסט און רחמנות.

איינמאָל אינדערפרי, ווען די זון האָט פאַרגאָסן דעם גאַנצן הימל, און דער הימל איז געווען לייכט און דורכזיכטיק אין זיין בלויקייט, און ווייסע באַלאָנאַרטיקע וואָלקנס האָבן זיך געקנוילט איבער די פעלדער — זענען אונזערע מאַשינען געשטאַנען אין מאַרשאָרדענונג. עס האָט שאַרף געשמעקט מיט ערד, פייכטער און צעפּכייטער. עס האָט זיך געדאַכט, אַז זי אָטעמט, ווי אַ מעוברתע פרוי, מיד און הכנעהדיק, און הערט זיך איינגאַנצן איין אין די טיפענישן פון איר אינגעווייד. און אין דער ראָזער פאַרנעפּלטקייט איבער די בערגלעך און וייטן איז געהאָנגען אַ שווייגנדיקע, גליקזעליקע אָפּוואַרטונג. ערגעץ־וואו, זייער נאָענט און זייער ווייט, האָבן אין די לאַזור־כוואַליעס געשפּילט די לערכעס אויף זייערע פייפלעך. עס האָט זיך געגלוסט אָטעמען אָן אויפהער און פליען ווי אַ פויגל.

די טראַקטאָרס זענען געשטאַנען איבער דער שיפּוע פון פלאַץ, פאַר דער מאַשינען־באַזע — צען שווערע, אומגעלומפּערטע פאַרזעענישן — מיט גרויסע קעפּ, קורצע גופים, מעכטיקע רעדער, ענלעכע צו פּעטע, ריזיקע פעלד־גרילן. זיי זענען גע־

שטאַנען אַלע אין אומאָרדענונג, לעבעדיקע, הייסע פון דער פרילינגדיקער פאַרשיכּורטקייט פון די פעלדער. די קאָמונאַרן־טראַקטאָריסטן מיט גרישאַניען בראש זענען געזעסן פאַר די רעדלעך פון די רודערס און זיך געטרייסלט צוזאַמען מיט די טראַקטאָרס. גלאַשאַ, מיט אַ רויט טיכל פאַרבונדן דעם קאָפּ, האָט געפּאַכט צו מיר מיט דער האַנט און געשטשירעט די ציין איבער דער גאַנצער ברייט פון מויל.

— האַליאַ, זיץ אויף מיט מיר! וועלן מיר צוזאַמען פאָרן שרעקן די שדים...

און די מענטשן און טראַקטאָרס זענען געווען איינס. דאָס איז געווען אַ גוטמוטיקע חיה, אַ הייטערע, אַ ליידנשאַפטלעכע, אַ מעכטיקע אין איר דראַנג נאָך אַרבעט. די פּנימער פון די טראַקטאָריסטן האָבן געקוקט אויף אונז און אויף די מאַשינען שטרענג און פייערלעך. און ווען עס איז צוגעקומען וויעטראָוו אָדער עמעצער פון די קאָמונאַרן, האָבן די בחורים, אויפגערודערטע, זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן פון שמייכלען. אין אַ לאַנגן עק, ווי אַ קייט פון קאַמען, ווי אַ קופּע שפּינען, זיך פאַרטשעפּענדיק מיט די פלוספעדערן, ציין און שפּיר־הערנער, האָבן זיך נאָכגערוקט נאָך די טראַקטאָרס די אַקעראייזנס, בראָנעס און מאַשינען צום זייען. אַ גאַנצן טאָבון גלאַנציקע פערשעראָנען האָט מען איינגעשפּאַנט אין די לייטער־וואָגנס, אָנגעלאָדנטע מיט זריעה־קערנער. אומעטום האָט געווימלט מיט פאַרשמייטע קאָמונאַרן און קאָלווירטניקעס — יוגנט. אַלס די ערשטע פאַרטיע איז היינט אַרויסגעפאָרן די קאָמסאָמאָלן־בריגאַדע. קיינער פון די איינוואוינער פון דער קאָמונע האָט נישט באַגלייט דעמדאָזיקן פרילינגדיקן צוג: אַלע זענען געווען ביי דער אַרבעט. בלויז איך אַליין האָב מיך באַטייליגט אין דעם אייזערנעם אויספלוג. איך מיט וויעטראָוון האָבן אויך באַשלאָסן צו פאָרן אין פעלד אַריין. ווען אַלץ איז שוין געווען גרייט, עס האָט אַריינגעטרעטן אַ שטילקייט, און די טראַקטאָריסטן און פורמאַנעס האָבן געוואַרט אויף אַ סיגנאַל, האָט וויעטראָוו אַ פאָך געטון מיט דער האַנט און אויסגעשריגן מיט אַ הייזעריקלעך קול:

— חברים! די ערשטע קאָלאָנע — מאַרש! די צווייטע קאָ־לאָנע אויף די קאָלווירטן — מאַרש!

און עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער קאָמאַנדע־וועט מיט אַרטילעריע.

דעם טאָג איז ראָגאַטקין נישט געווען. ער איז געווען אין קאָמאַנדירונג — אויף דער פּאַרזיי־קאָמפּאַניע אין ראַיאָן.

די טראַקטאָרס האָבן גענומען רוישן, פּילדערן, זיך באַוועגן אין צוויי ריכטונגען און ביסלעכוויז פונאַנדערשפּרייטן אין פאַרשידענע זייטן. גלאַשאַ האָט שוין די ציין נישט געשטשירעט, און איר פּנים האָט אויסגעדריקט דאָ שרעק, דאָ שטאָלצע פריי־דיקייט. די עקן פון די מאַשינען האָבן וויגנדיק זיך נאָכגערוקט נאָך די טראַקטאָרס. די פאַרשעראָגנען האָבן זיי איבערגעיאָגט און שנעל געפאָרן איבער די וועגן פאַרביי די קאָרפּוסן פון דער קאָמונע.

אונטן, אין טאָל, איז די גאַנצע געבערגלטע ווייטקייט געלעגן פאַרגאָסן מיט וואַסער און געגלאַנצט, ווי אַ שפּיגל, אין וועלכן עס האָבן זיך דייטלעך אָפּגעשלאָגן די הייזקעס פון דאָרף, די שיפּועים פון די בערגלעך און ווייסע וואָלקנס, ווי שניי־קופּעס. אונזער טייכל האָט נישט געוואוסט פון קיין אייז־גאַנג: דאָס אייז איז צעגאַנגען אונטער דער זון שנעל און אומ־באַמערקבאַר. נאָך אין פאַרגאַנגענעם יאָר איז באַשלאָסן געוואָרן אויסצוטרוקענען דידאָזיקע בלאָטעס, נאָר מיר קאָנען בשום אופן נישט קריגן קיין עקסקאַוואַטאָרן.

וויעטראָוו האָט זיך דענערווירט און פרעמד געהאַלטן פון מיר פונדערווייטנס.

— נו, זיי נישט בייז, אַנדריי סעמיאָניטש. דו האַלטסט דיך אַזוי ווי איך וואָלט געווען דיין — שונא. וואָס איז דער חילוק, פּריינט? דו זעסט דאָך, ווי גרויס דיין איינפלוס איז: איך רעד שוין אפילו מיט דייבע ווערטער.

— איך קאָן נישט פאַרשטיין, פאַרוואָס גוליאַקאַ קומט נישט. און ער שרייבט שוין נישט אַזוי לאַנג. עס וועט קומען אַזאַ טאָג,

יוען ער וועט פלוצלינג אַ זאָג־טון: „זייט געזונט, פריינט! אין דער קאָמונע איז מער פאַר מיר קיין לעבן נישט". דאָס קאָן געשען. וואָס איז דער חילוק?

— וואָס דו קראַקעסט דאָרט, וויעטראָוו? גוליאַקאָ האָט אונז ביז אַצינד אין קיין שום זאַך נישט פאַרראַטן. זיין זאָרגן פאַר דער עלעקטראָסטאַציע האָט דאָך נישט אויפגעהערט ביז אין די לעצטע טעג. און נישט דיין איניציאַטיוו, נאָר זיינע איז עס: ער האָט געשיקט די בויער־מאַשין פאַר דער ברונעם און די רערן פאַר דער וואַסערלייטונג.

— אָבער איך האָב אים געשריבן אַ מאַסע בריוו, און ער וואָלט כאָטש אַ שפּיי געטון אַלס ענטפער.

וויעטראָוו אַליין האָט רוגזהדיק אויסגעשפּיגן און אַ קוק געטון אויף מיר מיט פאַראַכטונג.

— אַ שוטה! צוליב אַ פרוי — וואָס ער מאַכט פון זיך, דער אויסוואורף! צוליב אַ פרוי! וואָס איז דער חילוק?

— דו ביסט אַ חזיר, וויעטראָוו.

איך בין שטיין געבליבן, אַ באַליידיקטע, און דערנאָך שנעל אָנגעהויבן אַוועקצוגיין פון אים.

ער איז אַזוי ווי פאַרשטאַרט געוואָרן און אויך שטיין געבליבן. און פלוצלינג זיך געלאָזט לויפן נאָך מיר.

— נו, וואָס האָסטו דיך אָנגעצונדן? האַליאַ! וואָס האָב איך אַזוינס געזאָגט? וואָס איז דער חילוק?

און ער האָט מיך אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט. איך האָב מיך אויסגעריסן און ווידער שטיין געבליבן. וואָס! ער, דערדאָזיקער מענטש, וואָגט צו באַליידיקן די פרוי, — מיך צו באַליידיקן!... ער קעמפט פאַר דער באַפרייאונג פון מענטש און קוקט אויף דער פרוי, ווי אויף אַ חיה. מיין גאַנצער שטאָלץ האָט זיך צעבונטעוועט אין מיר און איך האָב אין דער מינוט נישט געפילט גאָרנישט, אַחוץ פאַראַכטונג צו אים. מיר האָט זיך געגלוסט אים אַ קלאַפּ טון, דערנידעריקן, שרייען, רופן פרויען און אים פאַר זיי צו שאַנד מאַכן.

— איך שעץ דיך נישט, וויעטראָוו, און וויל נישט רעדן מיט דיר!

— אָבער וואָרט נאָר! איך האָב מיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ נאַרישקייט... צוואָס־זשע מאַכן אַ סקאַנדאַל פון דעם? וואָס איז דער חילוק?

— וואָס איז דער חילוק, וויעטראָוו? דו האָלסט דיך נאָך פאַר אַ האַר איבער דער פרוי. דו האָלסט זי נאָך נישט פאַר קיין מענטש. אַצינד איז מיר שוין פאַרשטענדלעך דיין שענדלעכע גע־שיכטע מיטן ווייב. דו האָסט נישט געטראַכט פאַר איר דערציאונג, נאָר וועגן דרעסירן זי. דו האָסט אין איר נישט באַמערקט דעם מענטש. דיינע חיות האַלטסטו פאַר ווערטפולער און העכער פון דער פרוי. גענוג!

ער איז געשטאַנען פאַר מיר און זיך געקוויקט מיט מיין כעס. זיינע אויגן זענען געוואָרן ריין און דורכזיכטיק, און אין דידאָזיקע אויגן האָט פלוצלינג אויפגעפלאַמט אַ יוגנטלעכע באַגייס־טערונג. און מיטאַמאָל האָט ער זיך געגעבן אַ דריי אויס צו מיר מיט אַן אַקסל און שאַרף זיך פאַרזשמורעט. לויט זיין געהויקערטן רוקן און אונטערגעהויבענעם אַקסל איז קענטיק געווען, אַז עס איז אים שווער, אַז איך האָב אים באַליידיקט.

— וויעטראָוו!

ער האָט אָנגעשטרענגט זיך אויסגעדרייט, אָבער נישט גע־זאָגט קיין איין וואָרט און נאָך שנעלער גענומען גיין.

פאַר מיטאָג איז ער געקומען צו מיר אין קינדער־גאָרטן, און דער ערשטער, נאָך אויף דער שוועל, ברייט און פריילעך אויסגעשריגן:

— קינדער! אַ לויב דער אַרבעט!

די קינדערלעך, אונטער נאַטאַשעס אָנפירונג, האָבן געמאַכט ריטמישע גימנאַסטיק און געזונגען אין אַ כאָר. זיי האָבן גלייך איבערגעריסן דאָס זינגען, נאָר נישט צעשטערט די רייען און מיט קלינגענדיקע געמישטע קולעכלעך הילכיק אָפּגעענטפערט:

— אַ לויב דער אַרבעט!

נאַטאַשע האָט מיט אַ שלאַנגען־שמייכעלע אַ קוק געטון אויף מיר און אויף אים. איך האָב אים אויפגענומען קאַלט און פיינט־לעך. מיר איז געווען אָנגענעם, וואָס ער איז געקומען, נאָר עס האָט זיך געגלוסט אים פייניקן אַ ביסל, אָנלערנען.

— איז אָט וואָס... איך וועל נישט שטערן. נאָר איך וויל, קינדערלעך, אַז איר זאָלט מיך אויף אייער פאָלגנדער פאַרזאַמ־לונג אַרויספאָדערן. מיר וועלן צוזאַמען באַהאַנדלען אייערע נויטן. איר הערט? איר זאָלט מיך אומבאַדינגט איינלאַדן.

און די קינדערלעך האָבן ערנסט און איבערגעגעבן גענו־מען שרייען:

— גוט... קום... דו קום שטענדיק, פעטער אַנדריושאַ...

— דאָס איז פיין. אוודאי. ווי נאָר עפּעס, בין איך גלייך ביי אייך... וואָס איז דער חילוק?

ער איז לאַנג געזעסן ביי דער שוועל און אָן איבעררייס געקוקט אויף דער גימנאַסטיק פון די קינדער. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט אפילו פאַרגעסן, נאָכוואָס ער איז געקומען — ער איז אינגאַנצן פאַרשלונגען געווען פון די פלינקע באַפליגלטע באַווע־גונגען פון די קינדער און זייער געזאַנג, ווי פון פייגעלעך.

— דאָס איז פיין! אינטערעסאַנט און ווי עס געהער צו זיין. אונזערע דאָרפישע קינדער האָבן קיינמאָל נישט געקאָנט אפילו חלומען וועגן אַזאַ זאַך. דאָס איז, ברודער, נישט קיין לעבן מיט חזירים. אָט דאָס, פאַרשטיי איך, הייסט קינדער. אַ שיינקייט צו קוקן!

און אַ שולדיקער און אומדרייסטער, האָט ער זיך געווענדט צו מיר:

— נו, האַליאַ, מיר וועלן פאָרן אויף די פעלדער. אין קאָל־ווירט. מען פירט מיטאָג די אַרבעטער. עס פאַרט אויך פראַכאַר.

נאַטאַשע האָט אויפגעציטערט און זיך אַ ריס געטון צו וויטראָוון, נאָר גלייך פאַרבאָרגן איר דראַנג דורך אַן אויסגעשריי:

— נו, קינדערלעך, אַצינד וועלן מיר זיך שפּילן!...

איך בין שווייגנדיק אַרויסגעגאַנגען פון צימער די ערשטע.

וויעטראָוו איז מיר נאָכגעגאַנגען, נאָך אַלץ אַזאַ שולדיקער און שטילער.

אויפן הויף איז אָנגעגאַנגען די אַרבעט פון דער שילער־בריגאַדע אונטער דער אָנפירונג פון פראָכאָרן. אומעטום האָבן געשטאַרט די גאָלדיקע שטילעכלעך פון די לאָפּעטקעס. די קינדער האָבן אַרומגעגראָבן די ערטער פאַר די קומענדיקע קלאָמבן, ביימער און שטעגעלעך. זיי האָבן געאַרבעט מיט אַנטציקונג.

— פעדאָלאָגין! — פראָכאָר האָט געחוזקט מיט זיין געוויינטלעכן, איינגעהאַלטענעם שמייכעלע. — דאָס איז — אַ קומענדיקע אַרקאַדיע. דאָ וועט אין די זומערדיקע פּאָעטישע אָוונטן צוויטשערן די ליבע. שרייט: זאָל באַגריסט זיין דאָס לעבן!

און פלוצלינג איז זיין טאָן מיט איינמאָל געוואָרן אינטים און זאַכלעך:

— נו, קינדערלעך, איר אַרבעט דאָ דערווייל, אויף וויפיל די כוחות וועלן קלעקן. אויב די כוחות אייערע וועלן זיך אויסלאָזן אָדער אָנהייבן קאַפּריזעווען, קאָנט איר ;באַסטירן. איך פאָר אַצינד אַוועק פון אייך אין פעלד אַריין. ווען איך וועל צוריקקומען, וועט איר מיר אָפּגעבן אַ חשבון. אויב איר וועט אייער אויפגאַבע פאַרנאַכלעסיקן — וועל איך פון אייך די הויט אָפּשינדן.

די קינדערלעך האָבן געלאַכט און געפּאָכט צו אים מיט די הענט און מיט די לאָפּעטעס.

— אָט דאָס הייסט אַ פאָלק! ריטער אָן שרעק און אָן פאָרוואורף. אייערע סמאַרקלעך, פעדאָלאָגין, — זענען נאָך לאַרוועס, און איר ווערט ביי זיי מיט יעדן טאָג נאַרישער. דאָס לאָזט זיך זייער מערקן. אין משך פון דעם יאָר האָט איר אָנגעהויבן שאַרן מיט די פיסלעך און פלאַפּלען אָן ציין, ווי אַ זייגלינג. עך, וואו איז אַהינגעקומען אייער אַמאָליקע פּיטישע וואָרזאָגעריי?

— און וואו איז אייער שטאָלץ, פראָכאָר? וואו איז אייער מאַיעסטעטישקייט?

— אָ! מיך האָט דערהרגעט דער פראָפּאָס, אָט דער פּיפּיקער מענטשנפרעסער. וואָרים עס איז נישטאָ קיין מער שרעקלע־

כער שונא פון דער אומאָפּהענגיקער אינדיווידואַליטעט, ווי דער מאַסן-מענטש. ער האָט מיך פאַרניכטעט נישט מיטן כּוח פון ווער-טער, נישט מיט דער חכמה פון מוח (האָט די אייגנשאַפט פאַרמאָגט ער נישט), נאָר מיט דער ניוועלירנדיקער קראַפט פון זיינע מאָסמיט-לען. איר הערט וואָס פאַר אַן אומהיימלעך וואָרט דאָס איז — מאָס-מיטלען? אַ קלאָזעט איז אויפגעשטעלט געוואָרן — אַ פּאַוויליאָן! דער אַרטעזישער ברונען שפּרודלט שוין, כאָטש ער איז נאָך אפילו נישט געבוירן געוואָרן. דאָס — איז אַ קלייניקייט? איבעריקנס... און דאָס איז דאָס וויכטיקסטע... אויך די פויערן זענען שוין באַ-זיגט: מיט אַ געפּיל פון קנאה און שולדיקייט, ווי נאַיווע כיטראַ-קעס, וואָס האָבן געליטן אַ דורכפאַל אין זייער פאַרדאַרבענער, קליין-בורזשואַזער איבערגעשפּיצטקייט, דרייען זיי שוין אַצינד מיטן עק, ווי דער הויף-הונט: „אָ, די קאָמונע האָט זיך דאָס אַרויפ-געאַרבעט! אָ, די קאָמונאַרן זענען דאָס כוואַטן!... אָ, דער כּוח איז טאַקע אין קרייז!... מען דאַרף זיך פאַרקאָלווירטן און — שאַ!...

וויעטראָוו האָט מיט ביטולדיקן שטאָלץ געזאָגט, כּסדר שמייכלענדיק פראָכאָרן אין די אויגן אַריין:

— אַלע דערפער אַרום דער קאָמונע האָבן זיך שוין פאַר-וואַנדלט אין קאָלווירטן. צו אונז קומען פויערן פון פאַר הונדערט וויאָרסט. פאַרוואָס שווייגסטו, פראָכאָר, וועגן דיינע אַרויסמאַרשן און נצחונות. וואָס איז דער חילוק?

— איך — בין אַ באַשיידענער שול-אַרבעטער. ווי קום איך צו רעדן וועגן העראָישקייט?...

— אַ שאַרלאַטאַן ביסטו און אַ פּראָוואָקאַטאָר. האַלט זיך אין דער זייט: איך — בין נישט איך, און — דאָס מיינט מען נישט מיך! און אַליין איז ער דער ערשטער אָנפירער.

איך האָב אַ קוק געטון אויף פראָכאָרן: ער האָט מיט גע-מאַכטן זעלבסטביטול אַראָפּגעלאָזט די אויגן, נאָר זיינע ליפּן האָבן קליגעריש געציטערט. איך האָב ערשט אַצינד פאַרשטאַנען זיין אָפּט פאַרשווינדן ווערן פון דער קאָמונע אין די אָוונטן: ער איז גע-

גאַנגען אין די שכנישע דערפער אַריין צו די לערערס. ער האָט עקשנותדיק פאַרבונדן די דאָרפישע יוגנט מיט דער קאָמונע און מאָביליזירט אַלע קולטור־כוחות פאַר דער אַרבעט פון איבערבויען די פויערישע מוחות.

— פראָכאָר, פאַרוואָס קומט איר קיינמאָל נישט אַ קוק טון אויף אייער וואָלאָדקען?

ער איז ווײַט געוואָרן, און אַ פאַרלוירענער און פאַרוואונ־דערטער זיך אָפּגערוקט פון מיר.

— אָ, וועלט פון דער מאַסע! נישטאָ קיין סודות, וואָס זאָלן נישט באַקאַנט זיין דעם אינערלעכן וועזן פון דער מאַסע.

— וואָס פאַר אַ פּחדן איר זענט, פראָכאָר, און וואָס פאַר אַ הילפלאָזער מענטש! ווי נישטיק און נאַריש עס איז אייער גאַנ־צע חכמה!

— אָבער אמת, פעדאָלאָגין, דער בחור איז פראַכטפול?

— אַ מערקווירדיקע פיגור. נאָר דאָס איז דערפאַר, וואָס ער איז נישט ענלעך צו אייך, פראָכאָר.

וויעטראָוו האָט געשוויגן און כיטרע אונטערגעשמייכלט.

— וואָס, אויך דו, תּליון, האָסט שוין מיט גיריקער פרעסע־רישקייט פאַרכאַפּט דעמדאָזיקן סוד?

— וואָס איז דער חילוק? וועגן דעם פּיפּסן שוין די פייגל אויפן דאַך. ביסט דעמאַסקירט, ברודערקע.

— ניין! — פראָכאָר האָט פאַרלוירן געשמייכלט: — ניין, די מאַיעסטעט פון דער איינזאַמקייט איז פאַרלוירן. אָ, וואָס פאַר אַ האַניבאַלישע וועלט דאָס איז!

דער זיג איבער די פעלדער

די באַוועגלעכע קיכן זענען שוין אַוועקגעפאָרן אויף די פעלדער. מיר זענען אויפגעזעסן אויף אַ ברייטן טאַראַנטאַס, דער פערשעראָן האָט אַ צי געטון פאָרויס, און דער ווינט האָט אונז גענומען פּאַטשן אין פּנים אַריין. מיר זענען געפאָרן אַקעגן די

פאַרנעפּלטע בערגלעך, זיך אויפגעהויבן באַרג־אַרויף און אַראָפּגעלאָזט אין וואַסער־פאַרגאָסענע טאָלן. די ערד האָט געאָטעמט מיט אומרו. עס האָט געשמעקט מיט פאַריאָריקן גראָז און יערנדיקער ווינטער־תבואה. דער וועג האָט געגלאַנצט מיט איינגעפּאָרענע קאָליעס, און די זון האָט זיך געגאָסן טייכנווייז איבער די פאַריעריקע פאַשע־פעלדער.

פון באַרג האָט זיך פונאַנדערגעעפנט אַ ברייטער, געפּאַליעטער טאָל, אַ טונקל־ברוינער און רויכיק־פאַרנעפּלטער, מיט אָפּגעבליאַקעוועטע בייטן ווינטער־תבואה און דערפלעך, ווי אָנגעהויפנטע קופּעס. אין זייער לאַנגע געבראָכענע פּירעקן האָבן געדיכט זיך געשוואַרצט פרישע, נאָך וואַרימע, ערשט־אויפגעאַקערטע ערד־פאַסן. לענגאויס דידאָזיקע פאַסן האָבן ווי בלויע שטריימלווערים שנעל זיך גערוקט די מאַשינען. איבער די וועגן, איבער די פעלדער זענען אין זיגזאַגישע פאַרביקע רייען געלאָפן פויערן און פויערטעס. זיי האָבן זיך געשטרויכלט אָן די שטיקער ערד און פונאַנדערגעשפּרייט איבערן אַקער־באָדן. מיר האָבן איבערגעיאָגט לויפנדיקע קינדער, פויערטעס און פויערן. זיי האָבן געלאַכט צו אונז, געפאָכט מיט די הענט און געשריגן, אָבער וואָס זיי האָבן געשריגן — האָב איך נישט געקאָנט דערהערן. דידאָזיקע מענטשן־מחנות דאָרט אונטן און לאַנגע רייען פון פאָלק, וואָס האָבן געצויגן אי איבערן וועג צוזאַמען מיט אונז, אי פון דאָרף, דעם צעשאָטענעם אין טאָל, זענען ענלעך געווען צו אַ פּראָצעסיע, נאָר דאָס איז שוין געווען אַן אַנדערער פייערלעכער צוג פון פויערן־פאָלק. די פרומע תפילות וועלן פון דעם טאָג אָן אָפּשטאַרבן: דאָס דאָרף וועט באַשאַפן נייע פאָלקס־פאַרזאַמלונגען — פרילינגדיקע און זומערדיקע יום־טובים, געווידמעט דער מאַשין, דעם גערעטעניש, דער ביימער־פלאַנצונג אין די אייגענע סאָציאַליסטישע אָלימפּיאַדעס.

די טראַקטאָרס זענען מעכטיק און ריטמיש געגאַנגען איינער נאָכן צווייטן און נאָכגעשלעפּט נאָך זיך די מאַשינען. די ערד פון די אַקער־מעסערס איז געפאַלן אין דער זייט אין געדיכטע שוואַרצע כוואַליעס. אַ ברייטער, שטורמישער טייך האָט געזאָטן הינטער

זיי מיט טיפער צעוואָרפענער טונקלקייט. אין די אויערן האָט גע־פייפט דער ווינט, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס זינגען די מחנות אונטן און עס שרייען די בחורים, מיידלעך און קינדער, וואָס לויפן איבערן וועג.

אין רעיון האָט זיך געטראָגן אַ גערויש פון פראָפּעלערס. דאָס האָבן געברומט די טראַקטאָרס, נאָר איך האָב געקוקט אין דער בלויער הויכקייט און אין דער לאַזור־טיפקייט געזוכט אַעראָ־פּלאַנען. ערגעץ־וואו איבער פוסטע, טונקעלע, פּאַריאָריקע פעלדער האָבן אָנגעשטרענגט זיך געקאַראַבקעט פּערדלעך, און עס זענען זיי נאָכגעגאַנגען זיך שטרויכלענדיקע מענטשן. דאָס האָבן פּריוואַט־פויערן געאַקערט זייערע שטיקלעך ערד. וויעטראָוו האָט שווייגנ־דיק אָנגעוויזן אויף זיי מיט דער האַנט און געלאַכט אַקעגן דעם ווינט. און פּראָכאָר האָט חכמהדיק מיר איינגערוימט אין אויער:

— דאָס — איז די געשיכטע, וואָס גרימאַסעוועט. די קאַפּ־ריזע שלעפּערין.

מיר זענען אַריינגעפאָרן אין סאַמע געדיכטעניש פון עולם און זיך אָפּגעשטעלט לעבן די באַוועגלעכע קיכן. זיי האָבן גע־רויכט, און די פרויען האָבן זיך געפּאָרעט אַרום די כלים. באַלד וועט זיין מיטאָג. מיר זענען גלייך אַרומגערינגלט געוואָרן פון דער מענטשן־מאַסע. אַ מענגע פּנימער, בערד, טיכלעך. טייל האָבן אונז אַקעגנגעלאַכט גאַסטפריינטלעך. אַנדערע האָבן געקוקט ערנסט פונדערווייטנס. די קינדערלעך זענען טשאַטעסווייז אַרומגעלאָפן אין דער זייט, לעבן די טראַקטאָרס. אויף אַ רגע האָב איך דערזען די טשושקינאַ, וועלכע איז געזעסן אין אַ קרענצל פויערטעס און מיטן געוויינטלעכן אויסדרוק פון פרומען טרויער אויף איר פּנים, פייערלעך איינגעטענהט מיט זיי, ווי מיט אייגענע. דערנאָך האָט זיך באַוויזן די טשישיקאָוואַ. סטאַדעסווייז זענען אַרומגעלאָפן מיידלעך — סיי אונזערע, סיי די דאָרפישע.

— צווישן די מענטשן דאָ, פּראָכאָר, גייט אויך אָן אַן אַר־בעט פון טראַקטאָרס.

— פּיטישע וואָרזאָגעריי! די פּאָעזיע פון דער סאָכע, אור־

אַלטער קאָסע און ערלעכער פאַרצייטישער מי — איז שטאַרקער פון אונזערע טראַקטאָרס. דער היימישער הונגעריקער גאָט פון פויער — איז גרויזאַם און לאַנגדויערנד — ער איז נישט מוחל און זוכט נקמה. דאָס איז ערשט דער אָנהייב פון קאַמף, וועלכער וועט אונז קאָסטן אַ סך קרבנות.

— אָ, זאָגט נאָר נישט קיין נביאות, פּראָכאָר.

— איך האָב נישט ליב קיין צו שטאַרקע אָפּטימיסטן, פּעדאָלאָגין: זיי זענען געפערלעך, ווי שונאים.

די פויערטעס, פויערן און מיידלעך האָבן באַגייסטערט געקוקט אויף דער אַרבעט פון די מאַשינען און זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן: זייערע פנימער און אויגן זענען אין זעלבסטפאַרגעסנקייט געווענדט געווען צו די טראַקטאָרס, צום שטורמישן געשפּריי פון דער ערד. עס זענען דאָ אויך געווען עטלעכע זקנים און אַלטיטשקע. איינע פון זיי, אַ געריינצלטע, אָנצייניקע, מיט אַ שפּיציקער גאָמבע, איז געזעסן אויף דער ערד, און אויסשטרעקנדיק די פיס אין לאַפּטשעס פאַר זיך, האָט זי געקייעט ברויט און געמרוגעט אויף די לאַפּטשעס. פּלוצלינג האָט זי דערזען מיך, אַ מרוגע געטאָן מיט די ברעמען איבער די טרערנדיקע אויגן און גענומען קלאַפּן מיטן צעקרומטן פינגער איבערן פאַריעריקן גראָז אויפן פעלד.

— און דאָס אַלץ — זענען די נישטגוטע... די נישטגוטע, מוטערל... זי האָט זיך אָפּגעטון פון אונז, פאַר די זינד אונזערע, די אַלעררייַנסטע, אַלערהייליקסטע גאָטס מאַמע. נו, און קריסטוס ליידט... ליידט... אוי, ווי ער ליידט... און דערנאָך וועט ער אַ דונער טון... צעברעכן די הערנער דעם נישטגוטן... אין דרייען אים צונויפּדרייען... און גאָט וועט קומען די וועלט צו משפּטן...

זי האָט זיך געקוקט אויף די פיס, געקייעט דאָס ווייכע ברויט מיטן אָנצייניקן מויל און זיך געצלמט.

— אָך, אַמאָליקע צייטן, אין מיינע יאָרן, ווי מיר האָבן פאַר אַן עבירה מורא געהאַט!... פאַר גאָט מורא געהאַט!... אַמאָליקע צייטן!... דעם באַטיושקאַ פאַר אַ וויאָרסט מיט אימה אַקעגנגעגאַנגען...

און אַצינד — גיהנום־פערד... זעסט ווי דאָס לייב פון דער מאַמע־ערד זיי צעשניידן... מיט אַגעטראַסקעריי, מיט פייער, מיט לעסטערונג...

צו מיר זענען צוגעקומען מיידלעך און הייס זיך אָנגעהאָנגען אויף מיין אַקסל. זיי האָבן געקוקט אויף דער אַלטער און געלאַכט. צוואָס האָט זיך געבערענגט דאָ אַהערצושלעפּן די חורבה ? די מיידלעך האָבן געלאַכט — געטריבן שפּאַס מיט דער אַלטער. מענטשלעכע געבראָכנקייט איז נישט בלויז טרויעריק : זי איז אויך קאָמיש, ווי אַ לצישע קאַריקאַטור פון לעבן.

— באָבעשי, עס איז דיר שוין צייט צו שטאַרבן, און דו האָסט דורכגעפּאַטשט דאָ אַהער גאַנצע וויאָרסטן. נאָכוואָס ביסטו געקומען ?

זי האָט אַ קוק געטון אויף מיר, ווי די באָבע העקסע, און אויסגעשטשירעט אָנצייניקע גרויע יאַסלעס : אַן אייטערדיקער גאַווער איז אַראָפּגערונען איבער איר פאַרשפּיצטער גאָמבע.

— ווער ביסטו פאַר איינע ? וואָס ווילסטו דאָ אויף דערדאָזיקער ערד ? זי, דידאָזיקע ערד, איז מיט מיין בלוט און מיינע טרערן אָנגעזאַפּט. וויפיל מאָל האָב איך דאָ געבוירן אויף דעם אָרט !... און דו, שלעפּערין, מיט די דינע פּיסלעך דיינע, טוסט נאָר די ערד מיינע פאַראומרייניקן.

און זי האָט ווידער אָנגעהויבן קייען און זיך קוקן אויף די פיס. די מיידלעך, בחורים און פויערטעס האָבן געלאַכט פון איר.

די קאָלווירטניקעס, אין אַ היפּשן עולם, זענען נאָכגעגאַנגען וויעטראָוון איבערן פעלד, באַלעבאַטיש־זיכערע און שטאָלץ־אויפגעהייטערטע. זיי האָבן באַהאַנדלט מיט אים די פראַגע וועגן דערווערבן פאַר זיך מאַשינען און געבעטן, אַז די קאָמונע זאָל ערוב זיין פאַר זיי. וויעטראָוו האָט געשריגן בייז און מונטער :

— איר וועט אָן מאַשינען נישט בלייבן. זיי וועלן זיין. וואָס איז דער חילוק ! דערווייל זענען אונזערע מאַשינען צו אייער דיספּאָזיציע. קומט אויף אַ געמיינזאַמער זיצונג פון ראַט.

זיי זענען געגאַנגען איבערן פעלד ביי דער זייט פון די

טראַקטאָרס און נישט געקאָנט אָפּרייסן דעם באַגייסטערטן בליק פון די אַקערראייזנס, וואָס האָבן כּסדר געוואָרפן מיט שוואַרצע ערד־שטיקער איבער די הייסע רוקנס פון דעם צעכוואַליעטן באָדן.

אויף איינעם פון די ברומענדיקע טראַקטאָרס איז געזעסן גלאַשאַ און זיגעריש אָנגעפּירט מיטן רודער. איר זענען איבערן פעלד נאָכגעלאָפן מיידלעך און קוויטשענדיק נאָכגעשריגן. איין לאָם מיידעלע איז אָפּגעשטאַנען פון דער חברותה, און קאָמיש זיך אַראָפּזעצנדיק אויף אַ זייט, האָט זי, דרייסט און עקשנותדיק, נאָכגעלאָמט איינע אַליין.

די פויערטעס האָבן געגודערט ווי הינער, און די פויערן האָבן שטרענג און פאַרדאגהט געפּלוידערט.

— אוי, זעט נאָר, זעט נאָר, באַבעס... די ערד... ווי זי ווערט אויפגעריסן און צעפּאַלט, ווערט אויפגעריסן און צעפּאַלט!

— און וואָס וועט אַצינד זיין מיט אונזערע קליאַטשעס? זיי וועלן, מסתמא, אויספּגרן?

— אויך די ווייבער אין דער קאָמונע האָבן שוין נישט וואָס צו טון... זיי פּאַשען זיך בלויז... אַלץ טוען פאַר זיי די מאַשינען... אפילו די קינדערלעך האָט מען ביי זיי צוגענומען... זע, וואָס פאַר אַ פּיסקעס זיי האָבן שוין... ווי די קאָבילעס, וואָס שטייען אויף פּאַשע... הירזשן בלויז און האַלטן אין איין אונטערטאַנצן...

— נו, גענוג שוין, גענוג שוין דיר, שכנטע!... צוואָס די טענות, די בחינמדיקע!... די קינדער־היים אונזערע איז דאָך ממש אַ ברכה... איך קאָן דאָך איצט ערשט אַ ביסל אָפּאָטעמען...

— שווייג דו, מצורעטע! איך זאָל מיין קינד אין דער קינדער־היים אַוועקגעבן?... זאָל איך פאַרשאַלטן ווערן, אויב איך וועל צו מיין קינד אַ קוקאַווקע זיין!... זאָל מיך אַ דונער דער־שלאָגן! קעצלעך זענען זיי, צי וואָס?

די פויערטעס האָבן אָנגעהויבן זיך צו ווערטלען. די זקנים האָבן געקוקט אויף די פעלדער אָנגעשטרענגט, אומגינסטיק און געדרייט מיט די קעפּ.

— נו, ווער וועט אַצינד וויסן וועמעס אַ שטיקל ערד איז:

ער פּאַטשט און שניידט איבער אַלע נענט... קיין סטעזשקעלע, קיין דורכגאַנג נישט איבערגעלאָזט... אַלץ — אויף הורא !...

— און דו שושקע דיך נישט דאָ, וואַסיל קאַרפּיטש. דו גיב בעסער אַ טרייסל מיטן בערדל אויף צוריק — אָט וואָס... עס וועט כּריוקענדיק אָנקומען אַזאַ פאַרזעעניש צו דיר אויפן הייפל, אַלע פלויטן און פאַרקנס, קעמערלעך און שטיבלעך — איבערדרייען מיט די פיס אַרויף... האָסטו שוין פאַרשטאַנען !...

— עך מענטשן, עך אַ וועלט ! אויף אַ פאַרזאַמלונג טאָר מען דאָס מויל נישט עפענען : מען וועט עס דיר פאַרשטאָפּן. גוט דערלעבט. פאַר דעם עלטערן מענטש איז אַצינד — אויס... צייט צו שטאַרבן... זאָל זיין אַזוי... אָדער אפשר גאָר אַ שפּיי טון : סיי ווי וועט פון אַלעם אַ תּל ווערן... איז דעריבער — ווי איך האָב געלעבט, אַזוי וועל איך ווייטער לעבן... קיינעם אויף דער שוועל נישט אַרויפלאָזן...

— דער סוף וועט אָבער זיין דער זעלבער : די ראַטנמאַכט וועט קיין רו נישט געבן... אָט וואָס !..

אַ פויער מיט בענדלעך אויפן קאָלנער, אין אַ העלם פון אַ רויטאַרמייער, אַ פריש געראַזירטער, האָט דורכדרינגלעך גענומען שרייען אויף די זקנים.

— איר, בערדיקע, האָט פון אונז די אָדערן געטרענט... אויס מיט אייך, קולאַקעס... וויפיל איר זאָלט מיט אייערע גרויע בערדלעך נישט טרייסלען, איז מער נישטאָ קיין אָרט פאַר אייך אויף אונזער וועלט... גייט צו בוראַקאָוון... פאַרוואָס געפינט ער זיך נישט דאָ, בוראַקאָוו ? מיר וואָלטן אים אַריינגעשיט ווי עס געהערט צו זיין. אָט זענען זיי ! — זעט, וואָסער מאַכט עס גייט מיט אונז ! זיי פילדערן, רוישן, שניידן, ווי פולעמיאָטן... קעגן וועמען ווילט איר אַרויסטרעטן ? איר מענטשן ! איין באַשיצונג האָט איר — די בערד אייערע און די לאַפּטשעס, כּי, כּי ! קיין קופערנעם דרייער זענט איר מער נישט ווערט... אויס מיט אייך ! וואָס ביי אייך איז — קריסטוס פירט, איז ביי אונז — דער קאָל-ווירט. און ער האָט זיך צעלאַכט מיט אַ קוויטשנדיק שאָדנפריידיק

געלעכטער, פאַרכלינענדיק זיך מיטן גאַוועד. די זקנים האָבן מרה־שחורהדיק און פאָרזיכטיק זייטיק געקוקט אויף אים.

איך בין אַוועקגעלאָפן צו דער טשושקינאַ און זי אָנגעכאַפּט ביי אַן אַקסל.

— טשושקינאַ! מען מוז שוין צונויפרופן אַ מיטינג. וואָס זיצסטו?

— איך, האַליאַ, פיר דאָ אַ שמועס מיט די פּויערטעס... גו־טע זענען אונזערע פּויערטעס... ליבלעכע... צי ווייס איך דען נישט?... דאָס לעבן זייערס איז אַזאַ פינצטערס... ווי אין אַ מויזן־לאָך... עך, מוטערל, נאָך ביז אויפן היינטיקן טאָג מוז איך טרערן פאַרגיסן, ווען איך דערמאָן מיך אָן מיין אַמאָליק לעבן... איז — זיצן מיר אַזוי, טרויעריקע, און דערציילן זיך...

און כ׳לעבן: אויף אירע וויעס האָבן נאָך געציטערט וואַ־רימע טראָפּנס. אויך די פּויערטעס האָבן הנאה געהאַט פון אַ ביסל טרערן. און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז נאָר די טשושקינאַ קאָן צו־טרעפן צום האַרץ דידאָזיקע פרויען און אומבאַמערקט זיי מיט זיך מיטפירן. ניין, איך בין נישט פעיִק אויף טרערן, ווען מיין האַרץ איז פול מיט יובל און שטורמישער פרייד פון פרילינג. איך קאָן לעבן בלויז מיטן לעבן פון דער יוגנט.

סוף פון צווייטן בוך

יעדער איינער, וואָס אינטערעסירט זיך מיטן יידישן שאַפן, דאַרף לייענען און אַבאָנירן

„ליטערארישע בלעטער“

אילוסטרירטע וואָכנשריפט פאַר ליטעראַטור, טעאַטער און קונסט דערשיינט דאָס עלפטע יאָר – רעדאַקציע – נחמן מייזיל.

פון 1־טן אָקטאָבער – ביליקער

צוליב די כסדרדיקע ווענדונגען פון אונזערע לעזער, וואָס זענען נישט אימשטאַנד צו אַבאָנירן די „ליט. בלעטער“ מחמת דעם הויכן פרייז, האָבן מיר איצט דעם פרייז באַדייטנד פאַרביליקט.

ביי דעם נייעם ביליקן פרייז אָבער קאָנען די „ליט. בלעטער“ עקזיסטירן, ווען די צאָל אַבאָנענטן וועט פאַרגרעסערט ווערן.

אַבאָנירט אַליין און זעט, אַז אויך אייערע פריינט זאָלן אַבאָנירן.

יעדער נייער אַבאָנענט באַפעסטיקט די עקזיסטענץ פון דער עלטסטער און ערנסטער ליטעראַטור־צייטשריפט, וואָס האָט קאָנצענטרירט אַרום זיך די וויכטיקסטע שאַפערישע כוחות פון גאָר דער יידישער וועלט.

אַבאָנאַמענטס־פרייז אין פוילן:	אַ האַלב יאָר	אַ פערטל יאָר
אָן פרעמיע	7.– גילדן	3.50 גילדן
מיט פרעמיע	15.– „	7.50 „
אין אויסלאַנד:		
אָן פרעמיע	12.– „	6.– „
מיט פרעמיע	24.– „	12.– „

אַדרעס: „Lit. Bleter“, Warszawa, Grzybowska 24.

פאַר געלט (אין פוילן): פ. ק. אָ. 6.39 N, Majzel

צו אַלע אונזערע לייענער

די „יידישע אוניווערסאַל-ביבליאָטעק” זאַמלט מאַטעריאַל פאַר אַ דריי-חדשימדיקער שריפט, וואָס וועט זיין געווידמעט די אינטערעסן פון די אַקטועלסטע ליטעראַטור-פּראָבלעמען און ליטעראַטור-קריטיק. אין דערדאָזיקער שריפט וועלן קומען אַרטיקלען פון די אָנגעזעענסטע אייראָפּעישע און יידישע שרייבער וועגן אַלע דערשיינונגען אין דער וועלט פון ליטעראַריש-קינסטלערישן שאַפן.

גלויבנדיק אויפריכטיק, אַז דער לעבעדיקער קאָנטאַקט צווישן שרייבער, איבערזעצער און לייענער קאָן זיין אַ וויכטיקער צושטייער פאַר אונזער אויסגאַבע דערמיט, וואָס מיר וועלן צום ערשטן מאָל פּרווון אויפשטעלן אַ ליטעראַטור-קריטיק פון לעזער, ווענדן מיר זיך צו אַלע אונזערע לייענער מיט דער בקשה:

שרייבט וועגן אייערע איינדרוקן פון די איבערגעלייענטע ביכער.

זאָגט אייך אַרויס וועגן דער ראָל פון ליטעראַטור אין לעבן בכלל און אין יידישן לעבן בפרט.

אין וועלכע וועגן דאַרף גיין די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור.

שרייבט געפּאַסט און קלאָר.

אייערע נאָטיצן וועלן קומען אין אונזער אָבטיילונג

„מיר די לייענער!“

מיר דריקן אויס אַ וואַרימען דאַנק אַלע אונזערע פריינט פאַר די הונדערטער בריוו פון אָנערקענונג און גוטע ווינטשן, וואָס זענען אונז צוגעשיקט געוואָרן.

אַלע ספיקות בנוגע דער עקזיסטענץ פון אונזער אויסגאַבע זענען נישט באַרעכטיקט.

די יידישע אוניווערסאַל-ביבליאָטעק וועט דערשיינען רעגולער!

פּיאָדאָר גלאַדקאָוו

נייע ערד

יידיש: שלמה שיינבערג

"יידישע אוניווערסאַל-ביבליאָטעק"

וואַרשע 1934

Druk. „GRAFIA", Warszawa, Nowolipki 7 tel. 11.87-32.

דאָס דריטע בוך

אונטער די רעדער פון די טראַקטאָרס.

דאָס פאָלק — די פויערן, די פויערטעס, די קינדער — האָבן, ווי אויף אַ יאַריד זיך פאַרביק פונאַנדערגעשפּרייט איבערן פעלד: טייל — אין קופּקעלעך, אַנדערע — שורותווייז — זעגען אַריבערגעלאָפן פון איין אָרט אויפן צווייטן, זיך פונאַנדערגעשפּרייט אין פאַרשידענע זייטן, געשריגן, געפּאָכט מיט די הענט. דאָס גאַנצע פעלד האָט זיך געוויגט אומרויִק, רוישיק און געפלאַטערט אין קאַראַהאָד פון יום⸗טובדיקער ליידיקגייערײַ. נאָר דער עולם האָט מיט אומגעזעטיקטער נייגעריקייט געקוקט בלויז אויף די הודזשענדיקע טראַקטאָרס, אויף די אַקערס מיט די פּילצאָליקע גראָב⸗מעסערס, אויף דעם שטאָרעמדיקן שוואַרצן טייך, דעם הייסן און געדיכטן אין זיין שוימענדיקער צעכוואַליעטקייט. דידאָזיקע כוואַליעס האָבן בשפעדיק געזאָטן איבער די אַקערס, אויפהייבנדיק אַ שטויב, פונאַנדערגעשפּריצט זיך און געבליבן ליגן פאַרגליווערטע אין ברייטע רוקנאַרטיקע שטרייפן.

ווען מיר זענען אָנגעקומען, האָט דאָס פעלד שוין אויסגעזען אויף אַ ווייטן שטח, ווי אַ טונקעלער סאַמעט, און סיי אַלע גרענעץ⸗שטעגעלעך פון אַמאָל, סיי די פאַריאָריקע שמיטה⸗פעלדער, סיי די געלע פאַסן פון פוילנדיקן גראָז — אָט די אַלע אָרימע „חלקים” און „קלינעס” זענען געפרעסן געוואָרן דורך די אייזערנע, ברומענדיקע פאַרזעענישן און דערטרונקען געוואָרן אין דער קוועלענדיקער צעכוואַליעטקייט פון דער ערד. פאָרויס האָט אַ געדיכטע מחנה פויערטעס פון דאָרף, וואָס איז געזעסן צונויפגעזעמלט אויפן ווייטן באַרג מיט זיינע פּיאָליעטע קופּקעלעך און ווייסן גלאָקנטורעמל, ענלעכן צו אַ פלאַש, פול געמאַכט די לופט מיט אַ געוואָי פון איבלדיקע אויסגעשרייען. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די פויערטעס קריגן זיך און פאַלן אָן איינע אויף דער אַנדערער,

גרייט צו שלאָגן זיך. עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז צווישן זיי
שמייעט אַרום, אַ פאַרטשאַדעטע, די קנאָכיקע לאַנג-הענטיקע אַניסיאַ
מאַטוויעוונאַ. די פויערן האָבן מיט נייגעריקער פאַראַכטונג זיי אַרומ-
רינגלט, געשטשירעט די ציין, געפּאָכט מיט די הענט, ווי זיי אונ-
טערגעהעצט צום שלאָגן זיך. אַ ביסל אין אַ זייט איז געשטאַנען אין
תפילהדיקער פאַרטראַכטקייט אַ קליינע זקנה מיט אַ זייער גרויסן
קאָפּ. אייגנטלעך, איז איר קאָפּ, מיט דעם פּיצל נעזעלע און פאַר-
שפּיצטן גאָמבעלע, אויך געווען קליין, נאָר די שאַל אַרום די האָר
אין דער פאָרם פון אַ טשאַלמע האָט אים געמאַכט גרויס און
שווער. זי איז געשטאַנען מיטן רוקן צו די פויערטעס, מיטן פנים
צו די טראַקטאָרס, די הענט פאַרלייגט אויפן בויך, אונטער די
ברוסטן, און ווי אַ טרעפערין געקוקט אויף דעם אימפּעטפולן,
שטורמיש-ברומענדיקן גאַנג פון דער מאַשין, אויף דעם געפּלעסקע-
ריי פון די כוואַליעס שוואַרץ-ערד פון אונטער די אַקערס אָפּער.
די פויערטעס האָבן נישט געלייגט קיין אַכט אויף איר און מיט
קוויטשערייען זיך געשטופּט הינטער איר רוקן. אָבער עס איז קענ-
טיק געווען, אַז זיי לאָזן נישט אַראָפּ קיין אויג פון איר און פאָרשן
נאָך איר יעדע באַוועגונג. און ווידער האָב איך דערזען אין
ווייער מחנה אַניסיאַ מאַטוויעוונען, וועלכע האָט אַרומגעשמייעט
צווישן זיי און רויק און שטרענג זיי איבערצייגט אין עפּעס.

עמעצער האָט מיך אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און אַ שלעפּ
געטון צוריק. לויטן נערוועזן ציטער פון דער האַנט און האַסטיקן
אָטעם האָב איך גלייך דערקענט מאַטריאָשען.

— האַליעטשקאַ, ליבינקע!... אַן אומגליק וועט זיין... קוקט...
דאָס — איז די מאַמע מיינע... די עקלהאַפטע... און זעט וואָס
אַניסיאַ טוט!...

פּלוצלינג האָט די זקנה, מיט געזעצטקייט, מיט זיכערקייט,
מיט אַן אומדערוואַרט-שווערן, עקשנותדיקן טריט, גענומען גיין
פאָרויס, נישט אַראָפּנעמענדיק די הענט פון בויך, און נאָך איר
האָבן ווי אויף באַפעל זיך גענומען נאָכשיטן אין אַ גאַנצער
מחנה די פויערטעס. טייל פון זיי זענען אומגעדולדיק פאַרלאָפן

פאָרויס, אַנדערע האָבן ווי פריער זיך פונאַנדערגעשפּרייט אין די ווייטן, דערנאָך ווידער זיך צונויפגענומען אין אַ קופּע. די גאַנצע מחנה איז געגאַנגען איבער דעם פריש־צעאַקערטן פעלד, אויפהייבנדיק אַ שטויב הינטער זיך. און מערקווירדיק, ווי איך בין נישט פאַרכאַפּט געווען אָט פון דעם בילד, ווי איך בין נישט אויפגערעגט געווען אין דער מינוט פון דערוואַרטונג, האָב איך דאָך די גאַנצע צייט געשפּירט דעם האַרבן, פעטן, פאַרשיכּורנדיקן ריח פון דער פרישער ערד, דאָס פייכטע פערמענטירן פון דעם וואַרים־אויפגעאַקערטן באָדן.

וויעטראָוון און פּראָכאָרן האָב איך פאַרלוירן פון בליק: זיי זענען פאַרשוואונדן געוואָרן ערגעץ צווישן דער מחנה פויערן. איך האָב אַ שטופּ געטון מאַטריאָשען פאָרויס און זיך געלאָזט לויפן צו דער טשושקינאַ. אָבער די פויערטעס, וואָס זענען ביז אַצינד געוועסן אויף דער ערד און זיך געגראָבן, ווי הינער, זענען שוין צערודערטע אויפגעשפּרונגען פון די ערשטע און גיריק גענומען קוקן אויף דער לאַנגער שורה פרויען, וואָס האָט זיך נאָכגעצויגן נאָך דער זקנה און אַניסיאַ מאַטוויעוונען.

— אויף וואָס־זשע האָבן זיי זיך דאָס פאַרנומען, די פאַרשאָלטענע, האַ?... אָט דאָס הייסט שרעק, האַ?... וואוהין לויפן זיי דאָס?... און די אַלטיטשקע, די אַלטיטשקע!... צו די טראַקטאָרס, דאַכט זיך... דאָס וועט זיך מיאוס פאַרענדיקן... זיי וועלן די בחורים פון די מאַשינען אַראָפּשלעפּן...

די טשושקינאַ איז געשטאַנען, אַרויסגעשטעלט די ברייטע ברוסט פאָרויס, און מיט אַ מרה־שחורהדיק איקאָנע־פּנים געקוקט אויף די ווייטע פויערטעס, וואָס זענען שוין געלאָפן איבערן פעלד, איבעריאָגנדיק איינע די אַנדערע. זיי האָבן אויפגעהויבן אַ געשריי קעגן די טראַקטאָרס, זיך געשטרויכלט אָן די שטיקער ערד און אָנגעשטויסן איינע אָן דער אַנדערער. עטלעכע פויערטעס זענען געפאַלן און זיך גענומען גראַבלען אויף אַלע פיר אין דער שוואַרצער ערד, די הינטערשטע זענען מיט אימפּעט אָנגעלאָפן אויף זיי און אויך זיך איבערגעקערט אין דער צעאַקערטער ערד אַריין.

זרגעץ-דאָרט האָט דער עולם אויסגעשאָסן מיט געלעכטער און ײיפערײ. די זקנה האָט מען שוין נישט געזען — זי איז פאַרשוואונדן געוואָרן אין געווימל פון ווייבערישער צעטומלטקייט.

די טשושקינאַ האָט בייז זיך געקלאַפּט איבער די היפטן און עפּעס ברוגזדיק געברומט. די פרויען און מיידלעך, אויפגערודערטע, צעטומלטע פון נייגעריקייט, זענען געשטאַנען געפּלעפּטע, אין דערוואַרטונג פון אַ סקאַנדאַל. עטלעכע האָבן זיך געלאָזט לויפן איבערן פעלד צו די טראַקטאָרס אַקעגן דער באַנדע פויערטעס. עמעצער פון די פויערן האָט הינטער מיר רויִק, מיט פולער גלייכגילטיקייט, דורכגעזיגן זיינע ווערטער דורך דער לולקע, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דידאָזיקע ווערטער זענען אָנגעזאַפּט מיט ניקאָטין און שטינקען מיט מאַכאָרקע.

— דאָס איז דיר, ברודערקע... חבֿ-ברים... אַזוי!... מיט דעם ווייבערישן מין זאָלסטו נישט שפּאַסן... זיי, די ווייבער (דאָ איז דער פויער זיי פאַרפאָרן אין דער מאַמען אַריין)... מעגן זיי זיך זיין נישט מער ווי ווייבער... אָבער ערגער פון חיות זענען זיי... אָט געדענק איך אין קאַפקאַז... אַ ווייבערישן זעלבסטמשפּט... איז פון דעמאָלט אָן האָב איך מורא פאַר אַ ווייב... איך בין מיך מודה... אַן אמתער פּחדן געוואָרן... די קישקעס האָבן זיי געטרענט... פאַר מיינע אויגן... דעם בויך אויפגעשפּאָלטן און טרענען... טרענען פון אינעווייניק אַרויס, ווי שמאַטעס, און — טריק-טריק-טריק... גלייך — אין זאַמד אַריין... און דערנאָך, די טבעות... מיט די ציין...

און ער האָט פאַרענדיקט, בייז אויסשרייענדיק:

— מיט די אייגענע ציין זייערע אָפּגעביסן, די נידערטרעכטיקע!...

עמעצער האָט גוטמוטיק שפּאַסנדיק אים אָפּגעענטפערט:

— דערפאַר טאַקע ביסטו ביז היינט פאַרבליבן — אָן אַ פרוי... דאָס הייסט, מיט אַנדערע ווערטער זיך אויסצודריקן — אָן אַ ווייבערישן פונדאַמענט...

— איך וועל זי בעסער מיט אַ ביקס דערשיסן — איידער...

חתונה האָבן... איך בין מיך מודה, איך בין אַ פּחדן... איך האָב פּורא נישט משוגע צו ווערן...

— קוק, קוק... כאַ־כאַ־כאַ... — ערגעץ לעבן מיר האָט געהירזשעט אַ בחורל און זיך פאַרכליניעט פון באַגייסטערונג. — קוק, קוק... כּכאַ־ככאַ !... זיי מאַכן קאָזשעלקעס... קוק, די פּיס, ווי זיי פאַררייסן, כאַ־כאַ־כאַ !... סיי די פלעגמאַטישע, פאַררויכערטע ווערטער פון דעם פויער, סיי די אויסגעשרייען פון די פרויען און פון דעם בחורל זענען דורך מיר כמעט נישט אויפגענומען געוואָרן (איך האָב מיך דערמאַנט אָן זיי ערשט דערנאָך, אַ סך שפּעטער). מיין האַרץ האָט געפלאַטערט. איך בין באַהערשט געווען פון אַ אינסטינקטיוון דראַנג זיך אַ וואָרף צו טון אַהין, צו די דיזאָזיקע פויערטעס, צו פאַרצוימען זיי דעם וועג, אויסצושפּרייטן די הענט פאַר זיי און אויסשרייען עפּעס אַזעלכע פלאַמענדיקע ווערטער, וואָס זאָלן זיי דערשיטערן, פאַרטויבן, אַז זיי, די דאָזיקע טשאַטע נאַרישע פרויען, זאָלן אין שרעק אָפּטרעטן צוריק, זיך פונאַנדערלויפן...

— טשושקינאַ, וואָס־זשע שטייסטו ?... זשיזשיקאָוואַ !... מיידלעך !...

אין מיינע אויערן האָט געפּייפט דער ווינט און די בערגלעך האָבן זיך געוויגט אין זוניקער צעפלאַקערטקייט. און די אַלטע פויערטעס פאָרויס, פאַר די טראַקטאָרס, מיט די אויפגעהויבענע הענט, אין ווימלענדיקער צעטראָגנקייט, האָבן מיר אויסגעזען, ווי מכשפות, וואָס קומען אָן מיט אַ שלעכטער בשורה.

„ווילדע... עקלהאַפטע !... — האָב איך מיך געשטיקט מיט די אייגענע ווערטער און געשלאָגן די לופט מיט די פויסטן. — זיי וועלן נאָך וואַגן צו כוליגאַנעווען... וואו איז דאָס, צום טייוול, וויעטראָוו אַהינגעקומען !

די טראַקטאָרס האָבן זיך אָפּגעשטעלט, ברומענדיק אומצופרידן און ווי מיט פאַרוואונדערונג.

די פויערטעס זענען אַלץ ווילדער געוואָרן, האָבן געפאָכט מיט די הענט, געמאַכט מיאוסע הוועיות, זיך געוואָרפן אויף דער ערד און, פאַררייסנדיק די פנימער, צעקרימטע פון צאָרן און משו־

גענער באַגייסטערונג, אויפגעהערט צו שרייען מיט הייזעריקע, באַנומענע קולות:

— אונזער ערד! אונזער! טראָגט אייך אָפּ צוריק אין אייער קאָמונע אַריין... קיין טריט וועלן מיר נישט לאָזן — שטעלן... מיר וועלן שטאַרבן, און נישט לאָזן... שטאַרבן...

די טראַקטאָריסטן זענען פאַרלוירענע געזעסן בײַ די רודערס און פאַרשעמט און הילפלאָז געקוקט אַרום זיך. גלאַשאַ איז אַראָפּגעשפּרונגען פון איר זיך־אָרט און מיט אַ שוואַרץ פּנים פון שטויב, ווייסע ציין און זייער לויטערע רויט־אַרומגערעמטע אויגן, האָט זי מיט ברייטע טריט זיך געלאָזט גיין פאָרויס.

זי האָט מיך אפילו אַזוי ווי נישט באַמערקט און אַרויס אויפן קול קעגן די פרויען:

— וואָס איז דאָס ווידער פאַר אַ היישעריק? זע נאָר, ווי זיי האָבן זיך צעבריקעוועט, די שלעפּערינס!... שוין זאָל אייער שפּור דאָ נישט בלייבן!

זי האָט זיך אַרומגעקוקט איבער די פרויען, וואָס זענען געלעגן אויף דער ערד, און טײַטלענדיק אויף זיי מיט אַ ברודיקן פינגער, האָט זי זיך צעשריגן הויך, פויעריש־מעסיק:

— דאָס הייסט אַ געמעל! איר וואָלט זיך נאָך נאַקעט אויס געטון... בעסער מיט די נאַקעטע הינטנס די פאַרצוימונג געמאַכט... קיין שום טראַקטאָר וואָלט אײַערע נאַקעטע האַרמאַטן נישט בײַגעקומען... העי, אַניסיאַ! ווייז נאָר דו אַ בײַשפּיל... מיאוסעניש, אויך דאָס מאָל האָט מען נישט געקאָנט אָן דיר אויסקומען!...

איך בין אַרײַנגעגאַנגען אינמיטן צווישן זיי און זיי אָנגעהויבן איבערצייגן — זיך אויפצוהייבן און מאַכן אַ וועג פאַר די טראַקטאָרס. זיי, די פויערטעס, הייסט עס, ווייסן דאָך גאָרנישט, אַז זיי לאָזן זיך פירן פון זייערע שונאים. אָט איז דאָך דאָ — אַניסיאַ וויעטראָוואַ, די אַרויסגעטריבענע פון דער קאָמונע; אָט איז די אַלטיטשקע, וואָס האָט זיך פאַרקויפט צו די אויסוואורפן. איך האָב נישט געקאַרגט קיין האַרטע ווערטער פאַר דער אָפּשאַצונג פון זייער אויפפירונג. אָבער איך האָב מיט שרעק געפילט, אַז מײַנע ווער-

טער — קלינגען פאַר זיי פוסט און קאָמיש. איינע פון די ייִנגע פרויען, וואָס איז געלעגן ביי מיינע פיס, האָט שאַרף אַ קוק גע־טון אויף מיר מיט טונקעלע אויגן און אַ שפּיי געטון מיר אויפן קלייד.

— גיי פון דאַנען, דו מיטן קורצן קליידעלע! האָסט דיך נישט דאָ וואָס אַרומצושלעפּן, פּיסקאַטע דו. פּרווו נאָר נאָך עפּעס אַ רעד טון, וועלן מיר דיר די קודלעס אויסרייסן... האָסט נאָך ווייניק אַליין די פּיסלעך אויפגעדעקט — מיר וועלן דיך אינגאַנצן נאַקעט אויסטון...

טייל פויערטעס האָבן זיך צעלאַכט, און טייל האָבן ברוגזי־דיק געשוויגן. די אַלטיטשקע האָט צוגעדריקט די טשאַלמע צו דער ערד, אַרויסגעשטופּט דעם הינטן, און כסדר טרייסלענדיק מיטן קאָפּ — נישט אַראָפּגענומען איר שלויען בליק פון די רעדער...

אַניסיאַ מאַטוויעוונאַ איז געזעסן די לעצטע און חציפּישי־נקמהדיק געקוקט אויף מיר. זי האָט מיט אַ קול פון אַ באַס זיך צעזונגען איבער די פויערטעס:

— איר ווייסט כאָטש, ווייבער, ווער די פּעל איז? דאָס איז דאָך — די הור פון דער קאָמונע. זי האָט דאָך ביי מיר אויך דעם מאַן צוגענומען... דאָס איז אַזאַ נידערטרעכטיק שטיק, אַז אַ טויט וואָלט פאַר איר ווייניק געווען... אָט ווען מען וואָלט געדאַרפט אויף שטיקער צערייסן... אָט ביי ווען מען וואָלט געדאַרפט דאָס ווינדיקע אָרט מיט דזשעגעכץ אויסשמירן און עס אונטערצינדן...

די פויערטעס האָבן ווידער אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער. טייל האָבן אפילו זיך געוואַלגערט אויף דער ערד פון גרויס הנאה. איינע, אַ געזונטע, פּעטלייביקע מויד האָט מיט זייער ערנסטע, וייער שטרענגע אויגן אַ קוק געטון אויף מיר און אויף גלאַשען, און צעשפּרייטנדיק די נאָזלעכער, אַ פּאַרהייב געטון דאָס קלייד ביזן בויך און באַרימעריש זיך אַ פּאַטש געגעבן איבערן מעכטיקן, שטייף־אָנגעצויגענעם הינטן.

— זע, גלאַשקאַ, מיין שיינקייט. עס וועלן זי נישט בייקומען אייערע טראַקטאָרס. איך וועל די גאַנצע קאָמונע אייערע אויסהאַלטן.

ווי האָבן זיך צונויפגעטריבן אַ חברה מיידן... אַז אַן איבל גייט ויך אָן אויף זיי אַ קוק צו טון. וואָס האָט מען פון דער שטאָטישער טענצלדיקייט אייערער ?...

די פויערטעס האָבן געקוויטשעט און זיך געקורטשעט פון געלעכטער, די בחורים־טראַקטאָריסטן האָבן האַלב־פאַרלוירן און אָנגעברוגזט ויך דורכגעקוקט. גלאַשאַ האָט פון עקל זיך צעפאַרסקעט און אַ שפיי געטון.

— קאָבילע נאַרישע !... מיט וואָס זי האָט זיך דאָ באַוויזן ! דעם פעטן אוצר דיינעם וועט אפילו קיינער בחינם נישט נעמען...

איינער פון די בחורים, אַ פאַרטראַכטער און ברוגזער, איז צוגעגאַנגען צו דער מויד און מיטן גאַנצן כוח איר אַ פלאַסק געגעבן איבערן ווייסן לייב. זי האָט אַ קוויטש געטון און גלייך אַראָפּגעלאָזט דאָס קלייד.

איך האָב נישט געוואוסט וואָס צו טון : אין קאָפּ איז געווען אַ פּלאָנטער, אין דער נשמה — אַ כאַאָס. מיר האָט זיך פון פאַרצווייפלונג געגלוסט שרייען און וויינען. איך האָב מיך געפילט נישטיק, נאַריש, הילפלאָז, ווי אַ פייגעלע. גלאַשאַ האָט ווידער אַ שפיי געטון, אַוועקגעגאַנגען אין אַ זייט און זיך אַרויפגעזעצט אויפן טראַקטאָר.

עס זענען צוגעקומען פויערן און געקוקט מיט ווידערווילן און שפּאָטישער נייגעריקייט אויף דער מחנה פויערטעס. עס איז געקומען צוצושלייכן אויך אַן אַלטיטשקע אין לאַפּטשעס. זי האָט פאַרטון זיך געצלמט, געפרעפלט עפעס אַן אַלטן שפרוך, און אָנגעקלאַפּט מיטן שטעקעלע אויף דער ערד לעבן די פויערטעס, ווי אויסגעפרווט, צי זי איז נאָך האַרט, דידאָזיקע ערד, וועלכע זי האָט געקענט איר גאַנץ לעבן, אָדער די „שדים" האָבן איר פנים געענדערט. זי האָט זיך אויסגעקליבן אַן אָרט לעבן דער זקנה אין דער טשאַלמע און זיך אַוועקגעזעצט לעבן איר, אַ באַרויִקטע און האָפנונגספולע. די טשושקינאַ איז געשטאַנען, אַ שווייגנדיקע און גלייכגילטיקע, נאָר לויט איר פנים איז קענטיק געווען, אַז זי ליידט אויך און איז אויך אַזוי פאַרשטיינערט געוואָרן פון הילפּ-

לאָזיקייט. וויטעראָוו איז נישט געווען. וואוהין איז ער ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן ?

— טשושקינאַ, וואָס־זשע טוט מען ? עס איז דאָך אַ חרפּה. מיר זענען דורכגעפאַלן.

— עס שאַדט נישט, שאַדט נישט, ליבינקע... זאָלן זיי ליגן אַ ביסל... האָב געדולט... זיי וועלן ליגן אַ ביסל, און אויפשטיין... זאָלן זיי זיך באַרויִקן... מיר וועלן זיי באַלד מיט מיטאָג מכבד זיין...

די זשיזשיקאָוואַ האָט, צו מיין פאַרוואונדערונג, זיך אויך אריינגעקליבן אין דער קופּע פויערטעס און אויך זיך אַוועקגעזעצט אין זייער חברותה. זי האָט זיך אָנגעבויגן צו עפּעס אַ באַיאָרטער פויערטע און אָנגעהויבן זיך מיט איר פאַרזאָרגט צו שושקען.

איך האָב מיך אויסגעדרייט צו די טראַקטאָרס און דערזען, ווי גלאַשאַ קלאַפּט פאַרביסן מיט דער פויסט איבערן בויך פון איר מאַשין. די טראַקטאָרס האָבן געכראַפּעט אומרויִק, אומגעדולדיק, און אין דער לופט האָט זיך געטראָגן אַ געקלאַפּעריי פון פויקן.

עס איז געווען עפּעס צו זען. די טראַקטאָרס אַליין האָבן זיך געריסן צו דער אַרבעט. מיין האַרץ האָט גענומען פריידיק קלאַפּן. איך בין צוגעלאָפן צו גלאַשען און געגעבן אַ צייכן די טראַקטאָריסטן. זיי אַלע האָבן אַזוי ווי געוואוסט אין וואָס עס האַנדלט זיך, — אַרויפגעשפּרונגען אויף די זיץ־ערטער און זיך אַ נעם געטון צו די רודערס.

— גלאַשאַ, פאַרנעם דיך זייטיק... אין אַ גלייך ווינקל... מען טאָר דאָך נישט מער דולדן דידאָזיקע אומגעלומפּערטקייט...

— ניין ! צו אַלדי טייוואָנים ! ניין ! איך וועל פאָרן גלייך... דו גלייבסט נישט ? קיין איינע פון די אידיאָטקעס וועט נישט בלייבן ליגן אונטער די רעדער... אָט וועסטו זען...

זי האָט אַ דריק־געטון אויף דער הויב־שטאַנג, דער טראַקטאָר האָט זיך אַ ריס־געטון און מיט אַ געהודזשעריי גענומען גיין פאָרויס, אויסמיידנדיק די פעדערשטע מאַשין. נאָך גלאַשען האָבן זיך גענומען רוקן אויף די אַנדערע טראַקטאָרס, זיך איינשניידנדיק מיט די ברייטע, באַנאָגטע רייפן פון די רעדער אין דער בלויע-

כער, פון רעגנס און ווינטן, פאַרהאַרטעוועטער ערד, אין דער יונגער גרינקייט פונעם פריש־שפּראָצנדיקן גראָז. פאַר מיינע אויגן האָט אַ שימער־געטון אַ בערדיקער פויער, וואָס איז געלאָפן אַקעגן אונז איבערן פעלד פון האָריזאָנט, וואו עס האָט, מיט אַ געזונקענעם קאָפּ, געדרימלט אַ פערד, געשפּאַנט צו אַן אַקער. אויפן פאָן פון זילבערדיק־בלייכן הימל האָט דאָסדאָזיקע פערד זיך שוואַרץ געצייכנט, ווי אַ פלאַכער סילועט, און אויסגעזען, ווי אויסגעשניטן פון פאַפּיר.

פלוצלינג האָבן די ווייבער מיט יעלות און היסטערישע אויסגעשרייען זיך פונאַנדערגעשפּרייט, ווי הינער, און אין אַ טשאַטע זיך אַ לאָז געטון קעגן די טראַקטאָרס. גלאַשאַ האָט עקשנותדיק און בייז געקוקט אויף דערדאָזיקער מחנה צעטומלטע ווייבער און געאַרבעט מיט די הייב־שטאַנגען. איר טראַקטאָר האָט מיט אימפּעטפולע שטויסן זיך געריסן פאָרויס. די מאַשין האָט זיך באַוועגט אַנטשלאָסן און דראָענדיק. איך האָב מיך געלאָזט נאָכלויפן נאָך גלאַשעס טראַקטאָר. דער גאַנצער אַרומיקער עולם האָט געשריגן און אין שרעק נאָכגעלאָפן די פויערטעס.

— ער וועט צעקוועטשן, צעקוועטשן! שטעלט אָפּ!... פאַרהאַלט די ווייבער מיט די פויסטן, ברידערלעך... וואָס איז דאָס, אין דער אמתן, פאַר אַ שפּילעריי...

— שלאָג די קאָמונאַרן!...

— לייגט אייך, ווייבער!... מיידן!...

— מיר וועלן נישט לאָזן!...

— אונזער ערד!...

— דאָס האַרץ אין מיין ברוסט האָט געשריגן און געפלאַטערט. גלאַשאַ איז עקשנותדיק און דרייסט געפאָרן פאָרויס. די פויערטעס האָבן זיך געוואָרפן אויף דער ערד און גלייך אין אימה פאַר דעם ברומענדיקן פאַרזעעניש אויפגעשפּרונגען און, בלייכע, צעטומעלטע אַוועקגעלאָפן אין דער זייט. גלאַשאַ האָט עזותדיק געשטשירעט די ציין. דער פאָדערשטער טראַקטאָר, וואָס איז הינטערשטעליק געבליבן, האָט אויך זיך צעברומט און גענומען רוקן

פּאַרויס אויף דער מחנה, וואָס איז זיך פונאַנדערגעלאָפן. פלוצלינג האָבן די פויערטעס ווידער זיך אַ לאָז געטון צו די טראַקטאָרס, און, ווי אין אַן אָנפאַל פון משוגעת, געזומען מאַכן שרעקלעכע יעלות. זיי האָבן געשטופּט פאַר זיך די אַלטיטשקע, און איר גרויסער קאָפּ האָט זיך געטרייסלט, און דאָס פּנים איז געווען בלוי, טויט, ווי ביי אַ פאַרמשפּטן.

— אָט איז זי... זאָל זי פאַר אַלע אָפּקומען... פאַר איר גאַנצער עדה... זי האָט זיך שוין מתוודא געווען און די הייליקע קאָמוניע אָנגענומען... גאָט וועט נישט צולאָזן דעם טייוול... זי — איז אַ ריינע...

דאָס האַרץ האָט זיך מיר אין דער ברוסט אָפּגעשטעלט. אויב גלאַשאַ וועט נישט פאַרהאַלטן די מאַשין, וועט די אַלטיטשקע צעקוועטשט ווערן. איך האָב אינסטינקטיוו אָנגעכאַפּט גלאַשען ביי דער האַנט, נאָר זי האָט אַ קוק-געטון אויף מיר מיט אַזאַ קראַפט און פאַראַכטונג, אַז איך בין אָפּגעשפּרונגען פון איר. די פויערטעס האָבן אַ שטויס-געטון די אַלטיטשקע צו דער ערד, און זי איז ליגן געבליבן מיט פונאַנדערגעוואָרפענע הענט און פיס. די גרויסע טשאַלמע איז איר אַראָפּגעפאַלן פון קאָפּ, און די גרויסע האָר-פּאַסמעס האָבן זיך פונאַנדערגעשיט. דער עולם האָט גענומען מאַכן אימהדיקע קולות. דער טראַקטאָר איז מיטן זעלבן אימפּעט געגאַנגען דראָענדיק אויף דער אַלטיטשקער. און ווען דער שטח צווישן זיי איז געווען שוין נישט מער ווי אַ צוויי, דריי מעטער, האָט זיך דערהערט אַ דורכדרינגלעכער קוויטש און אַ היסטערישער אַרויסלאַכן פון אַ פרוי.

עמעצער פון די פויערן האָט זיך הייזעריק צעשריגן:

— ביי די פיס שלעפּ זי אַוועק, די מיאוסע נבלה... קוקסט, ווי דאָס האָט זיך צעלייגט אויף די אַלטע יאָרן...

אין דער לופט האָט גענומען זשוזשען און פייפן אַ בייטש. אַ דורכדרינגלעך צישען און טענוגפול אונטערברומען:

— אַאַ-ט — אַ-זוי-וי ! אַאַ-ט ! אַאַ-ט !...

דער פויער, וועלכער האָט נישט לאַנג גערייכערט, ליגנדיק

אויף דער ערד, און דערציילט וועגן זעלבסט-משפּט פון די פרויען, האָט געפּאַכט אויף לינקס און רעכטס מיט אַ בייטש און געשמירט מיט איר איבער די ווייבער.

פלוצלינג האָט צו דער אַלטיטשקער זיך אַ וואָרף-געטון מאַטריאָשאַ, זי אָנגעכאַפּט ביי אַ האַנט און גענומען שלעפּן אין אַ זייט אַריין. איך בין איבערראַשט געוועז פון איר האַרט, צאָרניק קול:

— ווי שעמסטו דיך נישט, אַלטע!... דו ביסט מיר מער קיין מאַמע נישט... קיין מאַמע נישט!... אַ מיאוס שטיק ביסטו, אַ פאַרשאָלטנס!...

דאָ האָט די אַלטע זיך אַ שטעל-געטון אויף אַלע פיר און זייער פלינק, מיט אַ פּנים פאַרשטיינערט פון שרעק, גענומען אַנטלויפן פון טראַקטאָר צווישן עולם אַריין.

עס האָט אַ זעץ-געטון מיט געלעכטער און אויסגעשרייען. די טראַקטאָרס האָבן איך זיך צעהודזשעט און גענומען רוקן פאָרויס.

און מאַטריאָשאַ האָט נאָך אַלץ, אַ צעדולטע פון צאָרן, גע-שריגן, זיך שטיקנדיק מיט די ווערטער:

— זי איז נישט קיין מאַמע... קיין מאַמע! איך קאָן נישט מער... איך קאָן נישט... איך האָב די כּוחות פאַרלוירן...

זי האָט ספּאַזמאַטיש געיאָמערט ביי עמעצן אויף די הענט.

עס האָט זיך צעטראָגן אַ געשמאַקער ריח פון באָרשטש און געבראָטן פלייש.

די טשושקינאַ האָט גענומען אויסרופן מיט אַ הויך קול:

— פויערטעס ליבע! פויערן!... מיר האָבן דעם כּבוד איינ-צולאַדן אויף מיטאָג צו אונז... געסט טייערע, מיר האָבן דעם כּבוד איינצולאַדן!... דערלעבן האָבן געאָטעמט מיט היץ די קיכן. עס האָט געקלונגען דאָס געפעס. עס האָט געריצט דער אַראָמאַט פון פרישן ברויט.

עטלעכע פויערן האָבן זיך פאַרזאַמלט אַרום וויעטראָוון,

מיט איבערצייגונג אים געשטאָלפּערט מיט די פינגער אין דער ברוסט אַריין און אָנגעוויזן אין דער ווייטקייט אויף די פעלדער.

— דו, סעמיאָניטש, מאַך דאָס איינס און צוויי... צוואָס אָפּ-שלעפּן ?... אַ שאָד די צייט אויף טענות...

— אָבער ווי אַזוי, בירגער, איך פאַרשטיי דאָך נישט...

— וואָס איז דאָ פאַראַן צו פאַרשטיין, סעמיאָניטש ? נעם אונטערן טראַקטאָר אַלע גרענעץ-סטעזשקעס, רייב מיט איין אַלגע-מיינעם בעזים...

— אָבער איר זענט דאָך עפּעס גאָר קאָמיש, חברהלייט מיי-נע ! איר זענט דאָך קליינבאַזיצער... נו, ווי אַזוי וועט עס עפּעס אויסזען אָן גרענעץ-סטעזשקעס ?... דער טראַקטאָר וועט דאָך אין יענעמס סטעזשקע נישט אַריינקריכן... וואָס איז דער חילוק ?

— אַך, דו חכם איינער ! וועגן וואָס-זשע רעדט מען דאָ? די סטעזשקעס, די סטעזשקעס טאַקע רייס אַראָפּ...

— און ווי אַזוי וועט איר דערנאָך ?...

- דערנאָך ? דערנאָך וועט מען זיך שוין אַן עצה געבן... דערנאָך... וועט מען שוין זען... מיר וועלן זיך טיילן... אַזאַ קונץ איז דאָס ?...

— אַלזאָ, גוט, בירגער... איז דאָך דאָס דער אָנהייב פון אַ קאָלווירט...

— פו, גאָט דו ליבער, ער טענהט נאָך...

וויעטראָוו איז אַרויפגעשפּרונגען אויף איינעם פון די קיך-וואָגנס, אַראָפּגענומען דאָס היטל און פריילעך אַ פאָך-געטון דערי-מיט אין דער לופט.

— חברים !... לאָמיר זיך אינטים דורכשמועסן...

די אַלטיטשקע, מיט אַ נאַקעטן קאָפּ, זיך שטרויכלענדיק, איז אַנטלאָפן אין פעלד אַריין. עמעצער האָט זי באַגלייט מיט אַ שניידיקן פייף. זי איז געפאַלן, געקראָכן אויף אַלע פיר און ווי-דער זיך אויפגעהויבן. די פויערטעס האָבן געפּלוידערט צווישן זיך און זיך פונאַנדערגעגאַנגען אין אַלע זייטן.

װיטראָװס אויסברוך

איינמאָל אין אַן אָװנט, פאַרן נאַכטעסן, איז װיעטראָװ אַריינ־געקומען צו מיר אין צימער. איך בין געזעסן ביים טיש און עפּעס אַריינגעשריבן אין איינעם פון מיינע העפטן. ער האָט זיך פון הינטן דערנענטערט צו מיר און מיטאַמאָל זייער צערטלעך, זייער צוריק־געהאַלטן אַרויפגעלייגט די הענט אויף מיינע אַקסלען. איך האָב נישט באַװיזן זיך אומצוקוקן, װי זיינע הענט האָבן אויגנבליקלעך זיך אַראָפּגעגליטשט פון מיינע אַקסלען און באַדעקט מיין בוזים. דידאָזיקע באַרירונג פון זיינע הענט האָט מיך דורכגענומען, װי אַן עלעקטרישער שטראָם. איך בין אינסטינקטיװ, אַן אויפגערעגטע, אויפגעשפּרונגען און זיך אויסגעדרייט צו אים, גרייט אויף קאַמף. מיינע ברעמען האָבן זיך בייז צונויפגערוקט, און איך האָב געקוקט אויף אים נישט מיט פאַרדרוס, נאָר מיט פאַרװאונדערונג און פאַר־לוירנקייט.

— װאָס איז דאָס, װיעטראָװ ?

ער האָט געשמייכלט, מיר געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין מיט פריינטלעכער װאַרימקייט, און קיין איין קנייטש אויף זיין פּנים האָט נישט אויסגעדריקט קיין פאַרלעגנהייט.

— װאָס איז דען ? איך בין געקומען נאָך דיר. װאָס־זשע װאונדערסטו דיך ? פון װען אָן ביסטו דאָס אַזוי נערװעז געװאָרן ? מיר פירן באַלד דורך אַ פּרוּװ איבערן דיזעל מיט דער דינאַמאָ. איך האָב געמיינט, אַז דיך אינטערעסירט דאָס אויך אַזוי װי מיך.

און איך האָב נישט געװאוסט, װאָס מיך האָט מער אויפגע־רעגט — צי דאָס צורירן זיך אָן צערעמאָניעס פון זיינע הענט צו מיין ברוסט, אָדער די פרייד, מיט װעלכער איך האָב די אַלע לעצ־

טע טעג געלעבט. די פרייד איז געווען אַזוי שטורמיש און מיט־רייסנדיק, אַז מיין פּאַריבל און פּראָטעסט זענען אויגנבליקלעך פאַר־שוואונדן. איך האָב מיך אים אַ וואָרף־געטון אַקעגן און זיין האַלז אַרומגעפלאָכטן. דאָס איז געווען נישט אויפן אָרט. אָבער איך בין שוין נישט פעיִק געווען צו קאָנטראָלירן מיינע מעשים. אַרומנעמענ־דיק אים, בין איך אונטערגעשפּרונגען אויף די שפּיץ־פינגער, ווי אַ קליין מיידעלע, און אים געלאָכט גלייך אין פּנים אַריין.

— וויעטראָוו, אַנדריי סעמיאָניטש! טייערער מיינער! קום שוין! די רגע... אָבער איך פגר פון אומגעדולד...

ער האָט מיך אויך אַרומגענומען, נאָר איך האָב שוין נישט געפילט, נישט קיין כעס, נישט קיין שרעק, נישט קיין גרייטקייט צו קאַמף. איך האָב אים שוין געפילט, ווי אַ זייער נאָענטן, זייער היימישן מענטש. מיר האָט זיך אפילו שטאַרק געגלוסט אים אַ קוש צו טון און גלעטן איבערן פּנים. ער האָט מיך אָנגענומען ביים קאָפּ און אויפגעהויבן איבערן דיל ביז צו זיין פּנים.

— נו, קוויק דיך מיט מאָסקווע.

איך בין פאַרטייבט געוואָרן, מיר האָט ווי געטון, מיינע פיס האָבן זיך אָפּגעריסן פון דיל, נאָר מיר איז געווען אומגע־ווייניטלעך אָנגענעם זיין שפּאַס און יונגטלעכע שטיפערישקייט.

— נו, טו דיך אָן, קום. דאָרט איז שוין אַלץ גרייט — מען וואַרט בלויז אויף אונז.

— פּאַרוואָס־זשע, אַנדריי, האָסטו מיר וועגן דעם נישט גע־זאָגט בייטאָג?

— אָ! דאָס איז מיר מער פון אַלץ צום האַרץ... אָט דאָס ווערטל טאַקע — אַנדריי... אַנדריי אָן אַ ווײדעלע... ווי לאַנג איך וואַרט שוין אויף דעם!... מיר — זענען קוויט. וואָס איז דער חילוק? אָבער פאַרוואָס־זשע האָסטו אויפגעהערט זיך צו בייזערן אויף מיר? וואָס האָסטו דיך פריער אָנגעבלאָזן, ווי אַ קאַץ? נו, בייזער דיך נאָך אַ ביסל.

— אָך, הער אויף, איך בעט דיך, — איך האָב נישט קיין קאָפּ צו דעם. אָבער איך בעט דיך, אַנדריי, דאָס נישט צו טון מער, וואָרים אַנדערש - וועל איך אויף אמת מיט דיר ברוגז ווערן.

ער האָט שעלמיש אַ פינקל-געטון מיט די אויגן און פּלוצלינג אַוועקגעגאַנגען פון מיר צו דער הינטערשטער וואַנט, זיך אָנגעלענט אָן ביישטידל פון דער טיר און אַ זיפץ-געטון. איך בין דורכגעגאַנגען פאַר אים צום מלבושים-הענגער און אים דערזען אַזעלכן, ווי אַמאָל, אַ געהויקערטן, מיט אַ קאַלטן אָפּגלאַנץ אין די אַפּלען.

— וואָס איז דיר, אַנדריי?

— די זאַך, זעסטו, האַליאַ, איז אַזוי. איך — געהער נישט צו די, וואָס מען רופט פרויען-פאַנגערס אָדער האַרצפרעסערס. דו ווייסט דאָס אַליין: איך בין — אַ מענטש פון אַרבעט, אַ מענטש פון מי און נאָך אַנדערע אַזעלכע צילן. מעגלעך, אַז איך ביןֹ אפילו אַ מענטש אַ טרוקענער, אַ הילצערנער, גאָרנישט אָנצִיען־דער פאַר פרויען.

— רעד נישט, אַנדריי... איך זע, דו ווילסט דיך מיר אין ליבע דערקלערן. דאָס איז בחינם, ליבינקער.

— כאַפּ מיר נישט אַרויס די רייד פון מויל. — ער האָט אומגעוויינטלעך זיך דענערווירט. — ווי קומען דאָ ליבע-דערקלערונגען? וואָס איז? וואָס איז דער חילוק? איך — בין נישט קיין קאַוואַלער, דו — ביסט נישט קיין פריילין. וואָס פאַר אַ שטות? נישט אין דעם גייט עס, האַליאַ. איך האָב מיך שוין צוגעפּגעלעבט מיט דיר, האַלט דיך פאַר אַ נאָענטן פריינט... און אונזער בשותּפותדיקע זאַך איז אונז ביידע גלייך טייער. ווען דו וואָלסט נישט געלעבט צוזאַמען מיט מיר, מיט אונז אַלע, מיט אונזערע אינטערעסן און דאגות, ווען דיר וואָלט נישט אייגן און טייער געווען אונזער קאָמונע, אונזער משפּחה, וואָלסטו שוין לאַנג געהאַט אַנטלאָפן פון דאַנען — דעזערטירט אויפן שענדלעכסטן אופן. אָבער דיר איז

אין משך פון די אַנדערהאַלבן יאָר אפילו נישט איינגעפאַלן אין שטאָט אַריין צו פאָרן.

— איז וואָס־זשע ווילסטו זאָגן? איך הער דיך שוין אויף צו פאַרשטיין.

— גאָר פשוט, האַליאַ. איך רעד אָפנהאַרציק, ווי צו אַ פריינט. נישט קיין ליבע־פילאָזאָפיעס וויל איך דאָ אַנטוויקלען. איך נייטיק מיך אין אַ שטענדיקן האַרציקן חבר... אין דיר נייטיק איך מיך. אָט וואָס איך וויל.

— אַנדריי, צי האָב איך דען אַמאָל צעשטערט מיט עפּעס אונזער פריינטשאַפט? מיר האָבן דאָך ביז אַצינד געלעבט אויסגע־צייכנט. און איך וועל קיינמאָל, ווי צום נאָענטסטן חבר, נישט פאַראַטן מיין ליבשאַפט צו דיר.

— אָבער וואַרט נאָר צו דו, האַליוכאַ, ערן וואָרט? וואָס האָב איך דען געזאָגט? צי מאַך איך דיר דען עפּעס פאָרוואורפן פאַר דעם? נישט אין דעם גייט עס דאָך. דאָ — איז עפּעס אַנדערש. דו — ביסט דאָך אַ פרוי. פאַרשטייסט?... און אָט איך... וואָס איז דער חילוק? נו, מיט איין וואָרט, ווי דו ווילסט... רוף עס אָן ליבע, צערטלעכקייט... טייוול, שד... דאָס אינטערעסירט מיך ווייניק...

ער האָט ווידער אַ זיפץ־געטון, און דערדאָזיקער זיפץ האָט אויפגעטרייסלט זיין קערפּער. זיינע אויגן, וואָס האָבן אומגעוויינטלעך געגלאַנצט, האָבן אויסגעדריקט אי שרעק, אי בענקשאַפט. נאָר אין זיי האָט זיך געצאַפּלט נאָך עפּעס, אַזוינס, וואָס בלויז איך אַליין האָב געקאָנט זען: דאָס איז געווען — מענלעכע ליידנשאַפט, פאַר־באָרגענע, געצוימטע דורך שטאַרקער ווילנס־קראַפט. אָבער מיך האָט נישט געצויגן צו אים. זיין אויפרעגונג און מענלעכער רייץ האָבן מיך גלייכגילטיק געלאָזט. איך האָב אינגאַנצן געשוויגן אויף זיין ליבע.

— אָט וואָס, אַנדריי... איך בין גרייט דיך צו צערטלען, צו

זאָגן דיר פאַרשידענע ליבעס-ווערטער, אַרבעטן מיט דיר צוזאַ־מען ביז די לעצטע כּוחות. אָבער, טייערער מיינער, איך פיל נישט צו דיר קיין ווייבערישע ליידנשאַפט. דער טייוול ווייסט דיך! דו פאַרמאָגסט נישט, אפנים, דעם כּוח פון מענלעכן צויבער — די קראַפט צו פאַרשיכּורן, דאָס בלוט אָנצוצינדן. ניין, ליבער, דו הער אויף מיט דעם. איך קאָן דאָך מיך נישט פאַרגוואַלטיקן. וואַרט־צו, אפשר וועט נאָך עפּעס אַרויסקומען: אפשר וועט דיר דאָך געלונגען צו אַנטדעקן אין מיר עפּעס אַ פאַרבאָרגן אָדערל, און עס וועט פלוצלינג ווי אַ פאָנטאַן זיך צעשפּראָדלען.

איך האָב געשפּאַסט מיט אים, באַרויִקט אים מיט דער צערט־לעכקייט פון אַ שוועסטער, און ער האָט אַלץ מער זיך געהויקערט, אַראָפּגעפאַלן ביי זיך. זיינע אויגן זענען אינגאַנצן פאַרלאָשן געוואָרן. פלוצלינג האָט ער אַ ציטער־געטון, זיך אויסגעגלייכט, טיף אָפּגע־ויפצט מיטן ברייטן ברוסטקאַסטן און פעסט זיך אַ שטעל־געטון אויף די פיס.

— קום. עס איז שוין צייט.

און זיין קול איז געווען שטרענג און זאַכלעך. ער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף מיר און אין קאָרידאָר אַריין אַרויסגעגאַנגען.

דער ערשטער אויפבליק

אינעווייניק אין דער עלעקטראָסטאַציע איז געווען ציכטיק, ריין, פייערלעך און רחבותדיק. פיר ביליקע נאַפט-לאָמפּן, מיט בלע-כענע באַניעס און בייכיקע גלעזלעך האָבן געוואָרפן אַ טונקעלע ציטערדיקע שיין פון זייערע אָראַנזש-פלעמלעך אויף די בלייכע פריש-געקאַלכטע ווענט. די לופט אין חלל צווישן מאָנומענטאַל-אויפגעטורעמטן מאָטאָר און די ווענט, צווישן די ווענט און סופית האָט טריב, בין-השמשותדיק געשימערט מיט בראָנזיקן שטויב און בלוילעך-געשלענגלטע רויך-שטראָמעלעך. עס האָט זיך געוואָרפן אין אויג דער ראָזער מירמלשטיינערנער פולט אויף דער וואַנט, ווי אַ גרויסער מעמאָריאַל-טאָוול מיט קיילעכיקע ציפערבלאַטן, איינגע-קריצטע אין זיין שפיגל-גלאַנץ. לעבן קאָמפּליצירט-קאָנסטרויִרטן דיזעל, אין מעטאַל-געפלאָנטער פון זיינע שטרענגע זילבער-בלישטשענדיקע דעטאַלן זענען געשטאַנען און עס האָבן פאַרכישופ-טע אַרומגעבלאָנזשעט מענטשן, אויך בראָנזיקע און מאָנומענטאַלע אין האַלב-טונקל. דאָ האָט זיך געפונען דער גאַנצער אַקטיוו פון דער קאָמונע: אין דער גרופּע, צו וועלכער איך בין צוגעגאַנגען, זענען געשטאַנען אין באַגייסטערטן שוויגןביידע טשושקינס און לושאַ מיט גרישאַניען. לושעס בויך איז געווען שטייף און הויך אויפגעקוואָלן. טייל פון די אָנוועזנדע, באַזונדערס די פרויען, האָבן געוואָרפן אויף איר אומרויִקע און שעלמיש-נייגיריקע בליקן. געהיימנישפול שמייכלענדיק, האָבן ז״י זיך דורכגעשושקעט און זי דורכגענומען מיט די אויגן.

— ווי שיין דאָס איז? שוועסטערל! נו, עס איז דאָך פשוט אוממעגלעך זיך אָפּצורייסן...

לושאַ האָט ווייך און האַרציק אָנגענומען מיין האַנט און זי

צוגעפּגעדריקט מיט הייסע פינגער, און עס איז נישט געווען צו וויסן, צי זי רעדט וועגן זיך, אָדער וועגן דיזעל.

נישט ווייט פון אונז, נאָכן מאָטאָר, דורכן שטייף-געשפּאַנטן פלאַטערדיקן שוואונג-פּאַס פאַרבונדן מיטן אייזערנעם הויך-געטורעמטן טראַנסמיסיע-ראָד, האָט קיילעכיק זיך געצייכנט דער פעטער, בלוילעכער קערפּער פון דינאַמאָ מיט די דיקע אָדערן פון זיינע עלעקטריע-דראָטן. דער דיזעל האָט שוין געלעבט, גרייט אויפצוואַכן, אַ זיפץ צו טון, עפענען די אויגן, נעמען באַוועגן מיט די מעטאַלענע שפּיר-הערנער און מעכטיק אַ פאָך-טון מיטן שווערן פליגל פון זיין טראַנסמיסיע-ראָד. די אַרבעטער האָבן, אויפגערעגטע, מיט אומרויִקע אויגן, נאָר פלינקע און זיכערע, זיך געפאָרעט אַרום אים: געשמירט אים, אַרומגעטאַפּט, אויסגעגלעט, געקלונגען מיט שליסלען אין זילבער-גלאַנציקן געפלאָנטער פון זיין מעכאַניזם, זיך אויפגעהויבן איבער אַ שיין, לייכט, אייזערן לייטערל אין דער הייך, עפּעס קאָנטראָלירט, פאַרפעסטיקט, זיך דורכגעוואָרפן מיט ווערטער פון זייער מאַשין-טערמינאָלאָגיע, אומפאַרשטענדלעכע, ענלעכע צום שטרענגן מעטאַל פון דער מאַשין; און דערפאַר, וואָס די ווערטער זענען מיר געווען אומפאַרשטענדלעך און דער זין זייערער — פאַרבאָרגן אין די קאָמפּליצירטע קאָמבינאַציעס פון זייערע בלישטשענדיקע דעטאַלן, האָבן זיי מיר אויסגעזען וויכטיק און פייערלעך. וויעטראָוו איז אויך צוגעגאַנגען צו די אַרבעטער און זיך באַטייליקט אין זייער חברותא, זיך דורכשמועסנדיק מיט די זעלבע פילבאַדייטנדיקע ווערטער. גרישאַניאַ איז געשטאַנען אַן אויפגערעגטער, נישט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן פון דער מאַשין: אים האָט זיך אויך געגלוסט איינגאַנצן זיך אַריינטון אין מעטאַל-געפלאָנטער פון דיזעל, נאָר ער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון לושען. ווען איך בין צו זיי צוגעקומען, האָט ער אַ קוק-געטון אויף מיר מיט פריידיקן אויסגעשריי אין די אויגן און שנעל אַוועקגעלאָפן צו די אַרבעטער. אומעטום זענען פון סופיט אויף לאַנגע שנורן אַראָפּגעהאָנגען לעמפּעלעך אונטער ווייסע שירעמלעך, און אויף די ווענט האָבן שלאַנגיש אויסגע-

בויגן זייערע העלזער קאַנדעליאַברעס מיט צוקער־מאַטע אַפּאַזשור־לעך, ווי פּריש־פונאַנדערגעעפנטע ליליעס. ערגעץ דאָרט טיף אין בויך פון מאָטאָר האָט הודזשענדיק געברומט דאָס ברענען פון פייער. זיינע בלויע צונגען האָבן כסדר אויפגעפלאַקערט און פאַרשוואונדן געוואָרן אין פאַרשידענע זייטן, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דער דיזעל ציטערט כסדר פון די פייער־פלאַמען און שטשירעט ציין... דעמדאָזיקן גלאַנץ פון ציין און אויגן פון דער מאַשין האָב איך געפילט ביז האַלוצינאַציע

לושאַ האָט מיר געשעפּטשעט אין דער באַק אַריין, און איר האַנט האָט געציטערט.

— עס איז מיר שרעקלעך, האַליעטשקאַ. דאָס האַרץ ציטערט אין מיר... איך כאַפּ מיך אין די נעכט אויף, און אַן אַנגסט באַפאַלט מיך. פּיעטיאַ האָט שוין אויפגעהערט צו שרייבן. פריער האָב איך יעדן צווייטן טאָג אַ בריוו דערהאַלטן, און אַצינד — איז ער ווי אָפּגעשטאָרבן... איך האָב מורא... עמעצער האָט אים שוין, מסתמא, אַלץ אַרויסגעשריבן.

— און דו אַליין, לושאַ, האָסט אים דען וועגן זיך נישט געשריבן?

— אַך, האַליעטשקאַ... איך האָב געמיינט: אָט וועט ער קומען, נו, און... אַלץ אַליין געוואויר ווערן, זעען...

— נו, און אויף די בריוו האָסטו אים געענטפערט?

— אוודאי!... האָב איך דען געקאָנט נישט ענטפערן? אויף יעדן בריוו געענטפערט.

— און דו, לושאַ, האָסט אים געענטפערט אַזוי, ווי עס וואָלט גאָרנישט געהאַט פאָרגעקומען?

— צוואָס האָב איך אים געזאָלט באַאומרויִקן? איך וואָלט דאָך אים דאָרט דערהרגעט... אים איז דאָך דאָרט רו נייטיק געווען. אים איז דאָרט אפילו זייער שווער אויף דידאָזיקע קורסן.

— וואָס־זשע איז דאָ געווען מער : פּחדנות אָדער מיטלייד ? מיך פאַרדריסט שטאַרק אויף דיר, לושאַ.

און איך האָב אַרויסגעריסן די האַנט פון אירע פינגער. זי איז מיר פּלוצלינג געוואָרן דערווידער, איך האָב דערזען אין איר בלויז אַ זינלעכע, נעבעכדיקע זי. איך האָב מיך אפילו אָפּגערוקט פון איר און זיך אויסגעדרייט צו דער טשושקינאַ. און די טשושקינאַ האָט מיט דער שטרענגקייט פון אַן איקאָנע אַ קוק געטון אויף מיר און לייכט מיך אָפּגעשטויסן פון זיך. די פרויען האָבן געקוקט אויף אונז מיט גיריקע אויגן און זיך דורכגעשושקעט, ווי פאַרשווערערינס. נאַטאַשאַ איז געשטאַנען אָפּגעזונדערט, זעלבסטשטענדיק און געקוקט בלויז אויף דער מאַשין. דאָס געוויינטלעכע שלאַנגען־שמייכעלע איז נישט געווען אויף איר פּנים : אירע אויגן האָבן אויסגעדריקט בלויז פאַרוואונדערונג און עפּעס אַ שטרענגן גערדאַנק. פּראָכאָר איז אויך אַריבערגעגאַנגען צו די אַרבעטער אויף דער צווייטער זייט פון דיזעל. איך בין געשטאַנען לעבן שוואַרצן, גלאַנציקן, געשפּענסטיק־לייכטן און, אין זיין פלאַטערדיקן פאַרמעסט, אומדערטרעגלעך־שווערן טראַנסמיסיע־ראָד. פאַרגליווערט אין אומבאַוועגלעכן שוואונג־געיעג, זענען זיינע ראָד־פינגער, אין קרייז־לויף אַריינגעוואַקסענע, ענלעך געווען צו די פליגל־ווענט פון אַ גיגאַנטישער פלעדער־מויז. אָט־אָט וועט דערדאָזיקער פליגל אַ ציטער־טון, זיך צעפּאָכען אין דער לופט מיטן מעכטיקן פאַרמעסט פון זיינע מוסקולן, און איבערן גאַנצן חלל פון בנין וועט אַ געוויטער זיך דורכטראָגן. אָט דאָס וואַרטן אויפן פונאַנדערפליען זיך פון טראַנסמיסיע־ראָד האָט מיך אַ שטויס־געטון צום דאָזיקן פאַרזעעניש. באַלד אָבער האָב איך מיך געמוזט אָפּרוקן צוריק : איך האָב דערפילט אַ קאַלטן ברי פון גלאַט מעטאַל, איך האָב מיך אָנגעשטויסן אָן דער צינקענער ראַם פון זיין שוץ־פאַראַפּעט.

פון הינטן האָט מיך צוגעדריקט די טשושקינאַ און אַ זיפץ־געטון מוטערלעך־געטריי און אַזוי ווי מיט קלוגער פאַרזאָרגטקייט...

— דו, האַליאַ, צעטומל זי נישט, לושען... זי האָט שיין אָנגעמאַכט, דער פּלאַטערקאָפּ... אין מיר אַליין ווערט אויך דאָס האַרץ אַנטפאַלן... גוליאַקאַ זאָל נישט עפּעס שלעכטס אָפּטון. מען דאַרף, ליבינקע, אויף ביידע אַכטונג געבן... וואָס איז זי שולדיק? מען מוז דאָך זי אויך פאַרשטיין... עך, די ווייבער, די ווייבער!... דאָ וואָלט מען געדאַרפט אויפן ווייבערישן שטייגער זי אָפּהיטן, און אונזערע מאַכליערקעס ווייסן נאָר אין די קאָרידאָרן מיט פּלאָטקע אויף די ווענט צו שמירן. מען דאַרף זיי אַוועקטרייבן מיט די בריגאַדעס אין די דערפער אַריין: דאָרט וועלן זיי שנעל אָפּטרייסלען פון זיך דידאָזיקע אומווירדיקייט. אַך, מוטערל, איך האָב מורא: דאָסדאָזיקע אומגליק זאָל נישט אַמאָל קיין צעריסנקייט צווישן אונז אַריינברענגען...

— זעסטו, טשושקינאַ, לושאַ אַליין האָט די זאַך נאָך קאָמפּליצירטער געמאַכט. זי האָט אים ביי דער נאָז אַרומגעפירט. ער האָט איבערגעריסן די קאָרעספּאָנדענץ. אַצינד איז זי — אין פּאַנישער שרעק אַריינגעפאַלן.

אַלע האָבן אַ ציטער־געטון און זיך אָפּגערוקט הינטערוויילעכטס, אין דער שטילקייט אַריין.

איך האָב אויף די שפּיץ־פינגער מיך אומגעקערט צוריק אויף מיין אַלט אָרט, לעבן טראַנסמיסיע־ראָד. מיר האָט זיך גענומען דאַכטן, אַז דאָס פינקלען פון מעטאַל איז געוואָרן העלער, דער פעטער גלאַנץ פון די שוואַרצע און גרינע צילינדערס, רעדער און טראַנסמיסיע־ראָד איז געוואָרן לעבעדיק־וואַרים און אין גאַנצן אָרגאַניזם פון דערדאָזיקער גרויסער מאַשין האָבן גענומען ציטערן לעבנס־אימפּולסן. צום ערשט האָב איך דערפילט דעם ריח פון דעם אָטעם פון דערדאָזיקער מעכאַנישער באַשעפעניש — דעם ריח פון מעטאַל און בוימל.

— אַלזאָ, חברה, געלאָזט זאָל ווערן!

וויעטראָווס קול האָט געציטערט און זיך פאַרהאַקט. עפּעס

שווערס האָט געאָטעמט און זיך געפליעסקעט אין אינגעווייד פון דער מאַשין, שטורעמדיק האָט געהודזשעט די פייער־בראַנד. עס האָבן זיך אָפּגעריסן שווערע זיפּצן און אַ טרייסל־געטון מיטן בנין. עס האָבן זיך אַ באַוועג־געטון די הייב־שטאַנגען, עס האָבן געגנו־מען טאַנצן, אינדערהייך אונטערשפּרונגען עפּעס העמערלעך, ווי קינדער־שפּילעכלעך, בויגנס, טעלערס אַזעלכע. אויף מיר האָבן אַ שטראָם געטון וואַרימע כוואַליעס לופט, און פון דידאָזיקע כוואַליעס האָבן די מענטשן פאָרזיכטיק זיך אָפּגערוקט צו דער וואַנט. דאָס טראַנסמיסיע־ראָד איז שוין געפלויגן מיט שרעקלעכן אימפּעט לייכט־פליגלדיק, ווי עס וואָלט גאָר קיין וואָג נישט גע־האַט, און איך, אַ פאַרכישופטע פון דעמדאָזיקן פליען, האָב דער־פילט מיין קערפּער — אַזוי קליין, אַזוי נישטיק, אַזוי דורכזיכטיק, אַז איך בין אינגאַנצן בטול געוואָרן ביי זיך. די פרויען האָבן פאַרגעסן זייערע רכילות און שטיין געבליבן פאַרגליווערטע מיט נאַרישע פּנימער און שרעק אין די אויגן. פּראָכאָר איז געשטאַנען אינדערהייך, אויף דער פּלאַטפאָרמע, און ענלעך געווען צו אַ קאַ־פּיטאַן פון אַ שיף. דער דיל האָט געציטערט און געהודזשעט, גע־זיפצט און זיך געוויגט, און עס איז געווען מאָדנע פון דעם און אומגעוויינטלעך־פריידיק, ווי אויף אַ הוידעלקע. און אַלע האָבן געשוויגן, געשטאַנען אומבאַוועגלעך און פאַרגליווערט. די לופט האָט זיך געכוואַליעט אומעטום געדיכט און שטראָמענדיק.

ביים פולט האָט אַן אַרבעטער פּלוצלינג עפּעס איבערגע־רוקט מיט דער האַנט — עס האָבן אַ שפּריץ־געטון גרינע פונקען, און דער גאַנצער זאַל איז אויגנבליקלעך פאַרפּלייצט געוואָרן פון בלענדנדיקן זון־גלאַנץ.

די פרויען האָבן אויסגעשריגן פון פאַרחידושטקייט און אַנט־ציקונג, עמעצער פון די מענער האָט אַרויסגעלאַכט און איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז איך טראָג מיך אין אַ בלענדנדיקן חלל.

— שוועסטערל, וואָס איז דאָס אַזוינס ? איך ווייס נישט,

וואָס עס טוט זיך מיט מיר... מיין גאַנצע נשמה האָט זיך צע־פלאַקערט...

לושאַ האָט געציטערט, און ווי אַ קינד, זיך אָנגעהאַלטן אָן מיר, אַ הילפסלאָזע און דערשיטערטע פון דעם וואונדער.

הויכע שפּאַנונג

און אָט אין דעם זעלבן דערשיטערנדיקן מאָמענט האָב איך דערזען גוליאַקען. ער האָט זיך דערנענטערט צו אונז מיט פעס־טע, ברייטע טריט, אין אַ לאַנגן וואַרימען ראָק און גרויער קעפּי אויפן קאָפּ. זיינע אויגן האָבן געאָטעמט מיט הייטערקייט און אַ מין קריסטאָלענער קאַלטער דורכזיכטיקייט. איך האָב מיך פאַר־לוירן, און מיין האַרץ האָט זיך שמערצלעך צונויפגעדריקט.

לושאַ האָט אין ערשטן אויגנבליק, ווי פאַרחלשט, אַרויס־געקרעכצט, דערנאָך באַלד רויק, אפילו אַזוי ווי טרוקן אַרויס־געשעפּטשעט:

— ער! פּיעטקאַ!... פאַרוואָס עפּעס אַזוי פּלוצלינג? ווי אַזוי וועל איך אים אויפנעמען?

קיינער האָט שוין נישט געקוקט אויף דער מאַשין: אַלעמענס אויגן זענען געווענדט געווען אויף גוליאַקען. די פרויען האָבן, ווי שעפּסן, זיך צונויפגעטוליעט אין אַ קופּע און מיט שרעק און פאַרווירטער נייגיריקייט אים געפרעסן מיט די אויגן. איך האָב געוואוסט אויף וואָס זיי וואַרטן: אָט וועט באַלד גוליאַקאַ צוגיין צו לושען און... מיין האַרץ האָט געפלאַטערט, וויי־געטון, מיט בלוט זיך פאַרכליניעט. איך בין זיכער געווען, אַז פאַר מיינע אויגן וועט פאָרקומען עפּעס שרעקלעכס און אַז איך דאַרף אין דער גע־שעעניש אָפּשפּילן אַן אַקטיווע ראָל.

אויך וויעטראָוו האָט דערזען גוליאַקען, און אַ פּאַטש טוענ־דיק מיט די הענט און אויסשרייענדיק, זיך געלאָזט לויפן אַקעגן אים. ער איז, ווי אויף פליגל, אַראָפּ פון לייטערל און זיך אַ וואָרף געטון אויף זיין האַלז.

— פּיאָטר ! פריינט ! וואָס איז דער חילוק ? דער טייוול זאָל דיך נעמען, שד איינער ! אָט סאַראַ דו ביסט ! ענדלעך ביסטו דאָ... קוק, קוק, בולוואַן !... זע !... האָב הנאה !... אַ טעמפל ! אַ פּאַנ־צער־צוג ! נישט אַזוי ?...

גוליאַקאַ האָט געלאַכט, מיט פעסטע אָרעמס אים אַרומגע־נומען און הויך געקושט.

— נו, אַנדריושאַ, איך באַגריס דיך... נישטאָ וואָס צו רעדן ! אָט דאָס הייסט — אַרבעט !...

און ער האָט אים ווידער אַרומגענומען און ווידער הויך געקושט.

— נו, נו, וויז... פיר... נאַרישער קאָפּ, וואָס דו ביסט ! דאָ ברענט דאָך אויך מיינס אַ טראָפּן בלוט...

— גוליאַקאַ, אוודאי ! וואָס איז דער חילוק ? אָן דיר וואָלטן מיר נאָך ביז היינט אין דעם פּוסטן שפּייכלער די ציין געשטשי־רעט... דו האָסט דאָך... נו ?... וואָס איז דער חילוק ? לאָמיר רע־גולירן !

גוליאַקאַ האָט אַראָפּגענומען די קעפּי, זיך צעלאַכט און, אַן אויפגערעגטער, אַ געשריי געטון, ווי אַן אייגענער ברודער, ווע־מען עס איז שווער די פרייד פון דער זעאונג איבערצו־טראָגן.

— חברים, זייט באַגריסט, טייערע !... אָט בין איך ווידער אינדערהיים... עך, טייוולאָנים, וואָס איר זענט !...

צו אים האָבן זיך אַ לאָז־געטון אַלע, אַרומגענומען אים, גע־דריקט די הענט, געקושט, געקלאַפּט איבער דער פּלייצע, איבערן רוקן און אַריינגעשריגן אין פּנים אומפאַרשטענדלעכע ווערטער.

די פרויען זענען ווידער געשטאַנען פון דער ווייטנס און געקוקט אויף אים מיט צעטומלטע אויגן.

ער האָט פּלוצלינג דערזען מיך און לושען, און ווי עפּעס וואָלט זיך אָפּגעריסן אין אים. ער איז שטיין געבליבן אַ פּאַר־גליווערטער, אָבער גלייך זיך באַהערשט. די אויגנבליקלעכע בלייכ־קייט, דער אויסדרוק פון שמערץ אויפן פּנים און דער קאַלטער צאָרן אין זיינע אויגן זענען פאַרשוואונדן, ווי ער וואָלט דאָס אַלץ אַראָפּגעשלונגען. איך האָב גאַנץ גוט געזען, ווי ער האָט צו־נויפגעדריקט די ציין, אַריינגעצויגן לופט מיט די נאָזלעכער און זי אין דער ברוסט דערשטיקט. און אינגאַנצן אַ רויִקער, אפילו אַ ביסל נישט דרייסטער, האָט ער, מיט אַ שמייכל פון פאַרלעגנהייט, אויסגעשטרעקט די האַנט צו לושען.

— נו, לושע, וואָס מאַכסטו?

— וואָס מאַכסטו, פּיעטיאַ?

— איך האָב דיר גאָרנישט געשריבן די לעצטע צייט — פאַרנומען געווען. נו, ווי גייט עס דיר? לעבסט נאָך אַלץ אַזוי באַזונדער?

— נו, ווי דען זאָל איך לעבן? איך בין דאָך אַ מענטש פאַר זיך, פּיעטיאַ.

איך האָב מיך גאָרנישט גערעכנט אויף אַזאַ דרייסטקייט פון לושען. זי איז געשטאַנען גלייך און נישט אַראָפּגענומען די ליבע אויגן פון אים, בלויז אירע פינגער האָבן געציטערט, און זי איז אינגאַנצן אָנגעלענט געווען אויף מיין אַקסל, ווי זי וואָלט מורא געהאַט נישט אומצופאַלן. און דידאָזיקע אויגן אירע האָבן גע־ווירקט אויף גוליאַקען מיט אומבאַזיגבאַרער קראַפט. זיינע ברעמען האָבן גענומען ציטערן און די אונטערשטע ליפּ האָט זיך אַ טרייסל־געטון.

אין די אויגן האָט ווידער אויף אַן אויגנבליק זיך באַוויזן אַן אויסגעשריי פון אומדערטרעגלעכן ווייטיק.

— וואַס-זשע, לושאַ... בלייבן מיר פריינט, ווי געוועזן? לאָמיר-זשע, אין נאָמען פון אונזער אַלטער נאָענטקייט, זיך צעקושן, האַ?

— פאַרוואָס נישט, טייערינקער? פאַרוואָס זיך נישט אַרומנעמען?

ער איז צוגעפאַלן צו איר פיינלעך, און איך האָב דערהערט אַ קרעכצן אָדער כליפּען אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט זי געקושט.

די ווייבער האָבן פאַרגליווערט געקוקט אויף זייער באַגעגעניש און אידיאָטיש געשמייכלט.

איך האָב אָפּגעשטופּט גוליאַקען פון לושען און בכיוון הויך און בייז גענומען שרייען אויף אים:

— וואָס איז דאָס פאַר אַן אומגעלומפּערטקייט, פּיאָטר? מיט אַלע באַגריסטו דיך, דריקסט די הענט, און אויף מיר — קוקסטו אפילו נישט. אַ שיינער גוטער פריינט ביסטו דאָס — נישטאָ וואָס צו רעדן...

ער האָט בלינד אַ קוק-געטון אויף מיר, אַ מבולבלער פון לושעס קוש, און גאָרנישט פאַרשטאַנען.

דערנאָך, מיט אַ שטאַרקער אָנשטרענגונג פון ווילן זיך באַהערשט, האָט ער הויך זיך צעלאַכט:

— טייערע!... האַליאַ איוואַנאָווגאַ!... חברטע האַרציקע!... זיי מוחל דעם טפש... אַרום — בלויז אייגענע... משפחהדיקע... וואָלסט יעדן, דאַכט זיך, צום האַרץ צוגעדריקט... קום-זשע שוין!... נו, דאָס וועל איך מיר קיינמאָל נישט מוחל זיין... באַשטראָף — מיט וואָס דו ווילסט!...

ער האָט מיט ברייטע אָרעמס מיך אַרומגענומען, מיר האָבן זיך צעקושט, און איך האָב אים אין אויער איינגערוימט:

— מיר מוזן זיך גלייך דורכשמועסן, פּיאָטר.

— איך ווייס. איך האָב אויך בדעה געהאַט.

טשושקין האָט אים ביים אַקסל אַ טרייסל-געטון און מיטן ווינציקן אויג דורכגענומען.

— אַ כוואַט, אַ יונג אַ כוואַט ביסטו! דאָס הייסט אויסגעהאַלטנקייט!... איז נישט פאַרלוירן געגאַנגען בחינם מיין פאַרטיזאַנישע לערע, אַ כוואַט!

און מיר ביידע — סיי איך, סיי לושע — האָבן פאַרשטאַנען, פאַרוואָס טשושקין האָט אַזוי אויסגעשריגן. און די טשושקינאַ אַליין איז געשטאַנען קעגן אים, הויך אויפגעהויבן דעם קאָפּ, שטאָלץ אַרויסגעשטעלט די ברוסט, און זיך געקלאַפּט מיט די הענט איבער די היפטן.

— אָט דאָס הייסט אַ חברהמאַן!... ווי ער איז אויסגעוואַקסן!... מיט כוחות זיך אָנגענומען!... אַזוי פעסט געוואָרן!... גוט אַזוי, ליבינקער, גוט אַזוי...

וויעטראָוו האָט אים אַ נעם-געטון אונטער דער האַנט און אַרויפגעפירט אין דער הייך איבערן לייטערל. דאָס טראַנסמיסיעראָד איז געפלויגן לייכט, געררושלאָז, אימפּעטפול, און הייסע כוואַליעס לופט האָבן זיך געטראָגן דערפון און אָפּגעשטויסן צוריק. די מאַשין האָט געאָטעמט, געקלונגען, געטרייסלט דעם דיל, און דידאָזיקע מעכטיקע באַוועגונג האָט אַרויסגערופן אַן אינערלעך ציטערן, די טריט זענען געוואָרן וואַקלהאַפּט און האָבן אַליין איבערן דיל זיך געגליטשט.

לושאַ איז געשטאַנען אַ צעטומלטע, אַ שטראַלנדיקע, און אירע אויגן האָבן פיבערהאַפּט געלויכטן.

... ווען מיר האָבן אין שנייאיקער חשכות זיך אומגעקערט אַהיים, האָבן די ווייבער מיך אַרומגערינגלט און מיט פאַרשטיקטע שטימען, זיך איבערשלאָגנדיק איינע די אַנדערע, נישט אויפגעהערט צוצושטיין צו מיר:

— וואָס-זשע איז דאָס אַזוינס, האַליאַ איוואַנאָווגאַ? ווי אַזוי איז דאָס עפּעס, מיידלעך?... שוין זייער מאָדנע אַרויסגעקומען... אפילו קיין סקאַנדאַל נישט געווען? פאַרוואָס-זשע איז דאָס אַזוי, מיידלעך, הא?

איך בין בייז געוואָרן און זיך צעשריגן אויף זיי :

— אָט אַזוי טאַקע, ווי איר זעט, איז דאָס אַרויסגעקומען... און מען דאַרף נישט מיט די צינגער קלאַפּן... אַלע געמיינהייטן און שמוציקע זאַכן קומען נאָר אַרויס פון רכילות און שושקערייען... וואָס דאַרפט איר ? וואָס ווילט איר ? געשלעגן ? פאַרברעכנס ? באַליידיקונגען ? וואָס פאַר אַ קנעכטישע טבע איר האָט, ווייבער, טייערע !

זיי זענען פאַרשטומט געוואָרן און זיך אָנגעבלאָזן.

טייל זענען היינטערשטעליק געבליבן און, באַליידיקטע, גע־נומען מורמלען עפּעס וועגן נאַרישע זאַכן.

דאָס נײַנטע העפט

גוליאַקאַ רופט אַרויס באַוואונדערונג

אָוונטברויט האָבן מיר געגעסן אַלע צוזאַמען – אין איין חברותא גוליאַקאַ האָט זיך געהאַלטן מיט לושען האַרציק, פריינטלעך, און דאָס נאַכטעסן איז אַריבער אין הייטערע געשפּרעכן. איך האָב עטלעכע מאָל מיט פאַרוואונדערונג באַמערקט, ווי ער מיט לושען האָבן זיך באַגעגנט מיט די בליקן און געשמייכלט. נאָר דאָס זענען געווען באַזונדערע שמייכלען, וואָס האָבן זיך נישט צונויפגעגאָסן אין איין פריידיקן שמייכל. אין פיאָטרס אויגן האָט געשריגן און זיך געפּייניקט אַ מענטש, וואָס געפינט נישט קיין אָרט פון בענקשאַפט פאַר זיך. זיין שמייכל איז געווען אַזאַ טריבער, פיבערהאַפטער, ווי זיינע ליפּן וואָלטן פאַרטרוקנט געוואָרן און ביז בלוט געפּלאַצט. אָבער דאָס קול איז פאַרבליבן ווייך, האַרציק, רויִק.

ביים צווייטן טיש, דערלעבן, זענען געזעסן: וויעטראָוו, די טשושקינס און באַנקין.

זיי האָבן געוואָרפן זייטיקע בליקן אויף אונז, און זייערע אויגן האָבן אויסגעדריקט באַגייסטערונג פאַר גוליאַקען און פרייִדיקע צופרידנהייט.

און די רייען פון קאָמונאַרן און קאָמונאַרינס ביי די טישן האָבן געגעסן שווייגנדיק, כסדר אָנגעשטרענגט געקוקט אין אונזער זייט אַריין און בשום אופן נישט געקאָנט גובר זיין די הילפלאָזע פאַרוואונדערונג אין זיך: פאַרוואָס גוליאַקאַ זיצט אַזוי רויִק און פריינטלעך צוזאַמען מיט לושען? וואו איז אַהינגעקומען זיין אייגנליבע און די באַליידיקטע ערע פון אַ מאַן, ביי וועלכן מען האָט דאָס ווייב צוגענומען? אַלע זענען זיי געוואוינט געווען גאָר

אַנדערש: אַזעלכע געשעענישן זענען אין זייער לעבן דערליידיקט געוואָרן אויף גאָר אַן אַנדערן אופן — אויב דאָס ווייב האָט פאַראַטן, דאַרף מען זי צעממיתן, און דעם קעגנער פאַרניכטן. לעבן אונטער איין דאַך איז אין אַזעלכע באַדינגונגען אוממעגלעך. אייפערזוכט — דאָס איז אַזאַ עלעמענטאַר געפיל, וואָס מען קאָן עס בשום אופן נישט גובר זיין. ווי זאָלסט נישט קעמפן דערמיט, וועט עס דיך דערהרגענען — אויפן גאַנצן לעבן צעקאַליעטשען, פון מענטש אַ תל מאַכן. דידאָזיקע מענטשן האָבן אַצינד געזען גאָר עפעס אַנ־דערש, אַזוינס, וואָס זיי האָבן נאָך קיינמאָל נישט בייגעלעבט: דערדאָזיקער מענטש האָט נישט בלויז נישט אויסגעדריקט זיין אייפערזוכט, נאָר אפילו אַזוי ווי מיט לושען געפייערט איר נייע ליבע. און איך האָב געזען אין די אויגן, אויף די פנימער־פון די פרויען אַנטוישונג, עמפערונג, פאַרלעגנהייט און עפעס אַזוי ווי שולדיקייט.

איך בין געזעסן לעבן גוליאַקען און געפילט זיין נערוועז ציטערן. דער אינערלעכער קאַמף האָט אים אויסגעשעפט, און ער האָט זיך געפייניקט און נישט געוואוסט, ווי אַזוי זיך אין דעם קאַמף צו פאַרלייכטערן.

— פאַרוואָס־זשע האָסטו מיר, לושאַ, גאָרנישט געשריבן וועגן זיך?... דו געדענקסט דאָך אונזער אָפּמאַך?

לושאַ איז פּלוצלינג אַראָפּגעפאַלן ביי זיך, בלייך געוואָרן, און אירע ליפּן האָבן גענומען ציטערן.

— איך האָב קיין מוט נישט געהאַט, פּיעטיאַ... איך האָב, טייערינקער, בשום אופן נישט געקאָנט דיר קיין עגמת־נפש פאַר־שאַפן... דו האָסט דאָרט נישט געטאָרט ליידן... דו וועסט קומען, האָב איך געטראַכט, וועט אַלץ קלאָר ווערן...

— עך, דו, פרוי!... לושאָק, לושאָק!... צי קאָנסטו נישט אונזערע ווייבער... אונזער לעבן?... ווי נאָר עס געשעט עפעס, הייבן זיי באַלד אָן דיך געטריי צו באַדינען... עס נעמען זיך שיטן מסירות, אַנאָנימען, פּראָוואָקאַציעס...

— איך ווייס דאָס... אָבער איך אַליין האָב נישט געקאָנט

אַזוי האַרט זיין... איך, פיעטיאַ, האָב מיך גאָרנישט צו דיר געענדערט... איך — בין די אייגענע, וואָס פריער... נאָר וואָס האָב איך געקאָנט טון, טייערינקער ?... צי בין איך דען שולדיק ?... סיי־ווי וואָלט צווישן אונז קיין לעבן נישט געווען... נישט היינט, איז מאָרגן...

גוליאַקאָ האָט זיך צעלאַכט, ווי ער וואָלט זי געוואָלט אויפהייטערן, און איר האַנט אָנגעכאַפּט.

— אויסטערליש מיידל דו, לושאָק !... צי ווייס איך דען נישט ? נו, עס איז געשען... וואָס־זשע קאָן מען טון ? ווערסט גאָרנישט העלפן צו דעם. דאָס ליגט נישט אין אונזער ווילן. איך האָב דאָך דיר אַליין געזאָגט פאַרן אַוועקפאָרן. איך האָב אַליין געוואוסט... איך האָב מיך שוין לאַנג געריכט אויף דעם... איך בין אין דעם מער שולדיק, ווי דו... וואָס־זשע האָסטו געמיינט : איך וועל מיך באַנוצן מיט געוואַלט קעגן דיר, צי וואָס ?

און פלוצלינג האָט ער הייטער און ליבלעך אַ פרעגגעטון :

— נו, ווי פילסטו דיך מיט גרישאַניען ? איר לעבט גוט צווישן זיך ? ער איז, דאַכט זיך, אַ גאַנץ האַרציקער בחור.

לושעס ליפּן האָבן געציטערט, און אירע אויגן זענען געווען הייס און פאַרטרערט.

— פיעטיאַ, טייערער !... ליבינקער מיינער !... ווי שטאַרק אַ שאָד דו ביסט מיר !... וואָס־זשע זאָל איך טון ?... מיט וואָס זאָל איך דיך טרייסטן ?...

— און וואָס האָסטו מיך צו טרייסטן, לושאָק ? איך — בין אַ לעבעדיקער מענטש. כוחות אין מיר האָב איך גענוג... מיר וועלן אַרבעטן צוזאַמען.

וויעטראָוו האָט אים פלוצלינג אַ פאַטש געטון איבערן אַקסל און זיך צעלאַכט.

— און איך, ברודער פיעטראָ, בין אַצינד אַ מענטש, אַ פרייער... אַ קיילעכיקער, ווי אַ באַלעם. האָסט געהערט ? אָן אמת פאַרגעניגן.

— איך ווייס, איך ווייס, פּריינט. מיר האָט דיין ווייב גע־שריבן וועגן דעם.

— וואָס, זי האָט זיך געקלאָגט?

— ווי דאַרט — געקלאָגט! אַ קריגס־אולטימאַטום געשיקט: אויב מען וועט איר די קינדער נישט אָפּגעבן, וועט פאַר אונז און פאַר דער קאָמונע קיין לעבן נישט זיין. דאָס דאַרף זאָל זיין אויף איר זייט, און די פאַרניכטונגס־מלחמה איז אומפאַרמיידלעך. חוצדעם דאַרף מען נישט פאַרגעסן, אַז זי האָט אין דער קאָמונע גופא פאַרבינדעטע.

— לויט מיין מיינונג, בלויז איינע אַזעלכע, — האָב איך גע־זאָגט, — און אויך דידאָזיקע איז נאָך אַ ספקדיקע.

גוליאַקאַ האָט אַ קוק־געטון אויף מיר אַזוי, ווי ער וואָלט מיך ערשט דערזען לעבן זיך. ער האָט זיך דערפרייט פון מיין קול און זיך צוגערוקט, ווי ער וואָלט געפינען אַ שוץ אין מיר. ער האָט שוין געלעבט אין אונזער ענגן קרייז, אָבער זיך געפילט איינזאַם.

— איך האָב מורא, האַליאַ איוואַנאָוונאַ, אַז דאָס איז נישט אַזוי. עס געפינען זיך דאָ אויך נאָך אַנדערע שונאים אונזערע, וואָס גרייטן אונז מסתמא צו עפּעס אַ מיאוס שטיקל אַרבעט.

און איך האָב מיך פלוצלינג דערמאָנט אָן מיין ביינאַכטי־קער באַגעגעניש מיט לוקיאַניטשן און זיין טאָכטער. אין דער ברייטער עפענונג פון דער וואַנט האָב איך גראָד אין דעם מאָמענט באַמערקט אין קיך די לוקיאַניטשן. זי האָט עפּעס מיט באַזונדערער נייגעריקייט זיך איינגעקוקט אין אונז, פאַרגעסן אָן איר אַרבעט און צעבראָכן אַ טעלער. לושאַ איז אויפגעשפּרונגען פון טאַבורעט און אַריינגעלאָפן אין קיך צום בופעט. דאָס מיידל האָט זיך באַ־געגנט מיט איר מיטן בליק און פאַרקרימט דאָס מויל אין אַ גע־מאַכטן שמייכל פון באַדויערונג, אָבער אירע אויגן האָבן געפינקלט מיט חוזק און שנאה.

פּאַראַט

און ביינאַכט זענען פאָרגעקומען געשעענישן, וואָס האָבן אונז אַלע אויפגערודערט און דורכגעדרונגען מיט אומרו.

ווי געוויינטלעך, בין איך אַוועקגעגאַנגען אין דער קינדער־אָפּטיילונג, כדי צו באַהאַנדלען עטלעכע פראַגן מיט נאַטאַשען און די דערציערינס. נאַטאַשע איז, ווי אַ חיהלע, אַרומגעלאָפן אַרום אַקסיוטען, וואָס איז ביים טיש געזעסן, אַ בלייכע, אַ שטומע, ווי אַן אָפּגעבריטע מיט קראָפּעווע. אירע אויגן האָבן טעמפּ, מיט עקשנותדיקן חוזק, געקוקט פאַרביי נאַטאַשען אין איין פונקט און, פאַרפישופּטע, נאָכגעפאָרשט עפּעס אַזעלכע געשפּענסטער, וואָס־בלויז זי אַליין האָט מסתמא געזען. נאַטאַשעס פּנים איז געווען איינגעפאַלן, טרוקן, און דראָענדיק־שאַרף. זי האָט געריסן די שפּיצן פון דער פאַטשיילע, וואָס זי האָט געטראָגן אויף אירע אַקסלען, גרייט זיך אַ וואָרף צו טון אויף אַקסיוטען און אין אירע האָר זיך איינצוטשעפּען.

— נו, ענדלעך... ביסטו שוין געקומען... מיר זוכן דיך אַרום, ווי צעדולטע...

— עס איז דען עפּעס געשען, נאַטאַשע ?

— אויב עס איז נישט געשען, האָט געקאָנט געשען. דו זעסט די פּרי ? דו ווייסט, וואָס זי האָט געטון ? זי האָט צוגעגנבעט וויעטראָווס קינד.

— וואָס הייסט זי האָט צוגעגנבעט ? וואָס פּלוידערסטו, נאַטאַשע ?

— אדרבא, פרעג זי.

אַקסיוטאַ איז געזעסן מיט אַ פאַרגליווערטן, עקשנותדיקן שמייכל אויפן פּנים און נישט געלייגט קיין אַכט אויף אונז. זי האָט בלויז איין בליק געוואָרפן איבער נאַטאַשעס פיגור, דערנאָך זיך פאַרהאַלטן אויף מיין פּנים און אַ זיפץ־געטון. נאַטאַשע האָט זיך פּלוצלינג באַרויקט און גלייכגילטיק געוואָרן.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט קעגנאיבער אַקסיוּטען און שווייגנדיק מיר אָנגעוויזן אויף אַ טאַבורעט.

— די צייט איז אַ שאָד. לאָמיר זי אויסטרעגן. איז אָט וואָס, טייבעלע...

— איך פאַרשטיי פונדעסטוועגן גאָרנישט, נאַטאַשע. דו זאָג מיר, אין וואָס עס האַנדלט זיך?

זי איז אויפגעשפרונגען פון טאַבורעט, זיך אַ וואָרף־געטון צו דער טיר און שטיל אַריינגערעדט אין ליידיקן האַלב־טונקל פון קאָרידאָר:

— מיידלעך, קומט נאָר אַהער, ווער עס איז פריי פון אייך.

און זי איז ווידער צוגעלאָפן צום טיש און זיך אַוועקגעזעצט אויפן טאַבורעט. דורך דער טיר זענען אַריינגעקומען צוויי ניאַניעס־קאָמסאָמאָלקעס אין איזאָליאַציע־פאַרטיכער, געשווירענע, מיט דרייסטע, דאָרפישע פנימער, און די פרוי מיכאַילאָוונאַ, אונזער עלטסטע מיטאַרבעטערין, וואָס איז גיכער ענלעך צו אַ סאַניטאַרין פון אַ שפּיטאָל.

— אָט אין וואָס עס האַנדלט זיך, האַליאַ. דידאָזיקע אַקסיוּטאַ טאַקע האָט, אויס גרויס פריינטשאַפט צו דער וויעטראָוואַ, לויט אַ פאַרשטענדיקונג מיט איר... דו פאַרשטייסט?... באַשלאָסן אַרויסצוגנבענען איר קינד און עס איר היינט אָפּגעבן. די וויעטריכע האָט זי אָפּגעוואַרט ביי דער פוטער־ווירטשאַפט. מיט דעמדאָזיקן קינד טאַקע האָבן זי געכאַפּט אָט די מיידלעך.

איך האָב מיך געוואונדערט אויף מיין רויִקייט. דאָסדאָזיקע נייעס האָט מיך נישט אויפגערעגט. מיר איז אפילו געווען אַזוי ווי לייכט אויף דער נשמה. ווי איך וואָלט מיך שוין לאַנג גרייכט אויף דעם און נישט געזען אין דעם קיין שום אומגעווינטלעכס. מיט אַ זייער קאַלטן, זייער גלייכגילטיקן טאָן, קוקנדיק איר גלייך אין די אויגן אַריין, האָב איך געפרעגט אַקסיוּטען:

— אָט וואָס, טייבעלע. איך ווייס שוין לאַנג וועגן דיין פאַרבינדונג מיט דער וויעטראָוואַ. זאָג מיר וואָס פאַראַ ציל האָסטו געהאַט, שרייבנדיק דעם בריוו צוזאַמען מיט דער וויעטראָוואַ צום

חבר גוליאַקען ? פאַרוואָס האָסטו אין דעם בריוו געגאָסן אַזוי פיל שמוץ אויף לושען ? וואָס האָסטו געוואָלט מיט דעם דערגרייכן ?

אַקסיוטאַ האָט אַ פאַרסקע-געטון, אָבער נישט אָפּגעריסן די אויגן פון אירע געשפּענסטער.

— דאָס איז מיין זאַך. איך האָב מיך ביי אייך נישט אָנגעפרעגט.

— און אפשר רעדט דיך די וויעטראָוואַ אָן צו נאָך עפּעס אַ געמיינהייט ?

— צי זי רעדט מיך יאָ אָן, צי נישט — דאָס איז נישט אייער זאַך. וואָס זענט איר צוגעשטאַנען צו מיר ? איך האָב דאָך אייך שוין אַלץ געזאָגט.

— ווי אַזוי-זשע האָסטו געוואָגט צו גנבענען דאָס קינד ?

— עס איז דען אייערס, צי וואָס ? אויב אַ מאַמע וויל אָפּ-נעמען איר קינד, וועט איר איר פאַרווערן ? איר קינד איז דאָס. און וואָס זענט איר דעם קינדס ? יעדע מאַמע האָט רחמנות אויף איר קינד.

די מיידלעך און די מיכאַילאָוונאַ האָבן גענומען שרייען מיט איינגעפאַלענע פּנימער פון כעס :

— מיר ווילן מער נישט אַרבעטען מיט איר... גענוג !... נעמט זי צו. מיר וועלן פאָדערן, אַז איר געביין זאָל זיך דאָ מער נישט געפינען... זי איז אַ גנבטע ! זי קאָן דערשחטן...

איך האָב אויסגעשטרעקט די האַנט צו זיי, כדי זיי צו באַרויִקן.

נאַטאַשע האָט זיך אָנגעבויגן צו אַקסיוטען און אַ קלאַפּ-געטון מיט דער האַנט איבערן טיש.

— נו, טייבעלע, איך וועל דיך שוין אַצינד פּענטען. איך וועל דיך אָפּטעמען נישט לאָזן. איך האָב דיך כסדר געשוינט, אָבער אַצינד, וועלן ביי דיר די ביינער קנאַקן. איך וועל שוין פון דיר אַ לייט מאַכן.

דאָס איז פאַרגעקומען אומדערוואַרט, מיט פאַרבלענדנדי-קער שנעלקייט. אַקסיוטאַ האָט אַ פאַך-געטון מיט דער האַנט און

אַ קלאַפּ־געגעבן נאַטאַשען אין פּנים אַריין. זי האָט דערבײַ נישט געברומט, נישט אַריינגעפאַלן אין ווילדקייט, נאָר אויך דאָס געטון שווייגנדיק, מיט אַ תּענוג־שמייכל און נקמה־בלינדקייט אין די אויגן. נאַטאַשע האָט זי אָנגעכאַפּט בײַ די הענט און זיי צוגעדריקט צו איר בויך. עטלעכע רגעס האָבן ביידע זיך געקוקט שאַרף און גיפטיק אין די אויגן אַריין, פאַרגליווערטע פון דערשיטערונג. דערנאָך האָט פּלוצלינג נאַטאַליע אַ גלעט־געטון אַקסיוטען איבערן קאָפּ און געזאָגט רויִק, מוטערלעך־צערטלעך:

— נו, אַקסיוטאַ... עס איז שוין איבערגעגאַנגען. אַצינד — ביסטו שוין אַן אַנדערע. עס האָט עפּעס איבערגעבערענט אין דער נשמה, און — עס איז ווידער גוט.

נאַטאַשע האָט אונז אַ וואונק־געטון, און מיר זענען אַרויסגעגאַנגען פון צימער. שוין אין קאָרידאָר האָבן מיר דערהערס אַקסיוטעס שלוכצענדיק אַרויסוויינען. די מיידלעך און די מיכאַילאָווינאַ האָבן געקוקט אויף מיר מיט פאַרבליפטע אויגן.

דער קריזיס

די נאַקעטע ווענט פון מיין צימער האָבן מיך געשטיקט. עס איז מיר געווען ענג, און אויף דער נשמה — נאָגנדיק־שווער, ענלעך צום פאָרגעפיל פון אַן אומגליק. אַזאַ איבלדיקע פיינלעכקייט פילט מען נאָר דעמאָלט, ווען מען געפינט זיך נישט קיין אָרט, ווען די אַרבעט ווערט מיאוס און לעסטיק, און עס דאַכט זיך, אַז עס וועט געשען עפּעס אַן אומגליק. מעגלעך, אַז דאָס איז אַ פּועל־יוצא פון איבערגעמאַטעטערקייט, מעגלעך, — אַן אָפּשוואַכונג צוליב אינערלעך־פאַרבאָרגענע מיידלישע רעגונגען. איך פלעג תּמיד אַנטלויפן פון צימער, ווי נאָר איך פלעג מיט באַזונדערן ווייטיק דערפילן בלויז זיך אַליין, מיין אייגענע בענקשאַפט.

עס איז געווען אַרום האַלבע נאַכט. דער קאָרידאָר איז געשלאָפן, די ווענט האָבן געאָטעמט מיט רעטענישפולע געשאַרכן,

און אין זיי האָבן געציטערט שוואַכע סטרונעס. די ווענט האָבן זיך באַוועגט און גערעדט פון שלאָף. איך בין אַרויסגעגאַנגען אין הויף אַריין. דאָס ליכט אין די פענסטער פון הויז-קאָלעקטיוו איז שוין געווען פאַרלאָשן, בלויז דאָס שטיקל ערד אונטער מיין פענסטער האָט געלויכטן, ווי אַ קופּע טליענדיקע קוילן. די לופט איז געווען ווייך, טויב, פּוכיק. עס האָט געשמעקט מיט שיכּרות פון פרילינגדיקער ערד. איך בין אַראָפּ פון גאַניק אין דער פינסטערניש אַריין און זיך געלאָזט גיין צום הינטערשטן הויז אין סאָד. אַזאַ שפּאַציר צווישן דיביימלעך, אַ האַסטיקער און נישט לאַנג דויערנדער, פלעגט מיך תּמיד באַרויִקן. נאָך דער מעטעראָלאָגישער סטאַנציע אין סאָד, ביי דער פאַרצוימונג, איז געלעגן אַ גרויסע קופּע שטרוי. איך האָב נישט געוואוסט צוואָס זי ליגט דאָרט, נאָר ביי טאָג פלעגן אין איר אַרומבאַלעווען די שול-קינדער, און דאָס-דאָזיקע גילדערנע אינזעלע איז תּמיד געווען פריש און פונאַנדערגעוואָרפן. דאָס שטרוי האָט געאָטעמט מיט .זיסלעכן אַראָמאַט פון געפרייעטקייט.

און פלוצלינג האָב איך דערהערט פאַרשטיקטע קרעכצן. פון וואַנען עס קומען דידאָזיקע קרעכצן, האָב איך נישט געקאָנט באַשטימען. אַ מענטש האָט, משמעות, אומדערטרעגלעך געליטן: מען האָט געפילט, אַז ער קורטשעט זיך פון פּיין, קריצט מיט די ציין און קריכט אַרום אַ פאַרוויילטער איבער דער ערד, ווי אַ שטערבלעך-פאַרווונדעטער. אייגנטלעך, זענען דאָס געווען נישט קיין קרעכצן, נאָר אַ רעווען פון אַ מאַן, וואָס קאָן נישט וויינען, וואָס קאָן נישט אויסגיסן זיין צער אין טרערן. דער מענטש האָט נישט געהערט מיינע טריט, — ער האָט גאָרנישט געהערט, חוץ זיין ווייטיק, וואָס האָט צעריסן זיין אינגעווייד.

אין גרויען חשכות האָב איך אויפן שטרוי דערזען אַ שוואַרצן צעשוואומענעם סילועט. איך ווייס נישט פאַרוואָס איך האָב גלייך באַשלאָסן, אַז דאָס איז גוליאַקאַ. אפשר בין איך דערפאַר טאַקע אַרויסגעגאַנגען, דערפאַר טאַקע אָן מיין וויסן געגאַנגען אַהער, כּדי צו טרעפן גוליאַקען דווקא דאָ, אין דער קופּע שטרוי, אין

אָנפאַל פון שווערער פאַרצווייפלונג. אפשר איז אויך מיין אומעט געווען אַן אָפּקלאַנג פון דעם אומעט פון דעמדאָזיקן מענטש. די גאַנצע צייט — סיי אין דער עלעקטראָסטאַציע, סיי אין עסצימער — האָט ער זיך גע־האַלטן אויסגעצייכנט, און איך בין איבערראַשט געווען פון זיין ווילנס־קראַפט און קלוגער אויסגעהאַלטנקייט פון זיין האַלטונג. איך האָב מיך געבויגן פאַר אים: די חיה פון אייפערזוכט איז געצוימט גע־ווען אין אים — זי האָט זיך באַהאַלטן און פאַרשטימט געוואָרן, און פאַר מיר איז געשטאַנען אַ מענטש פון גרויסער אינערלעכער שיינקייט. אין אים איז נישט געווען קיין געמאַכטקייט, קיין שלויע איבערגעשפּיצטקייט און אויסגערעכנטע נקמה־דורשטיקייט. דאָס איז געווען אַן אמתער קאָמונאַר, וועלכער האָט דערצויגן אין זיך דורך קאַמף און לאַנגן קאָלעקטיוון לעבן אַ נייעם כאַראַקטער, אַ נייעם געדאַנקען־גאַנג. און אָט אַצינד, ווען ער צאַפּלט זיך דאָ אין טויט־אַנגסט פון אַ מענטש, ביי וועלכן מען האָט צוגענומען זיין פּערזענ־לעך גליק, זיין אינטימע פרייד, — מעג ער איבערלעבן דעמדאָ־זיקן אַנגסט בלויז אַליין, אַז ס'זאָל קיינער נישט וויסן וועגן דעם, אַז זיין פּערזענלעכע קאַטאַסטראָפע זאָל נישט צעשטערן אונזער פעסטן לעבנס־סדר. ליבער גוליאַקאַ! איך פאַרשטיי, פאַרוואָס דו האָסט קיין איין מאָל פאַרן מויל נישט געבראַכט דיין באַליבט וואָרט „פּראָבלעם״: דאָסדאָזיקע פּראָבלעם דיינס איז געלייזט געוואָרן אַזוי פּשוט און אַזוי גרויזאַם.

איך בין צוגעגאַנגען צו אים און זיך אָפּגעשטעלט האַרט ביי ויינע פיס. ער איז געלעגן אויסגעצויגן, מיטן פּנים אַראָפּ, און זיי־נע הענט, וואָס זענען געווען איינגעגראָבן אין שטרוי, האָבן עס געריסן פאַרצווייפלט, ווי ער וואָלט צעריסן עמעצנס אַ קערפּער און זיך נישט געקאָנט אָנזעטיקן מיטן תענוג פון אייגענעם און פרעמדנס ווייטיק. געקרעכצט האָט ער מאָנאָטאָן, מיט פעסט פאַר־האַקטע ציין, שטיקנדיק זיך און שלאָגנדיק מיטן קאָפּ אָן שטרוי.

איך האָב מיך אַראָפּגעלאָזט לעבן אים אויפן ווייכן, צעשוי־בערטן שטרוי און אַרויפגעלייגט מיין האַנט אויף זיין קאָפּ. ער איז געווען אָן דער קעפּי: זי איז אַראָפּגעריסן געווען פון זיין קאָפּ

און האָט זיך געוואַלגערט ביי זיינע פיס. איך האָב נישט געקאָנט רעדן מיט אים: איך האָב אים געקאָנט געבן צו וויסן וועגן זיך בלויז דורך אַ שטומער באַרירונג פון מיין האַנט — זי האָט אויסגעדריקט מער, ווי אַ געוויינטלעך טרייסט־וואָרט. דידאָזיקע האַנט מיינע האָט אים געקאָנט בלויז געבן אַ צייכן, אַז ער איז נישט אַליין, אַז אין דער פריינטשאַפט מיינער וועט ער געפינען אַ שטיצע. עטלעכע רגעס איז ער געלעגן, נישט ענטפערנדיק אויף דער וואַרימקייט פון מיין האַנט. דערנאָך איז ער פלוצלינג פאַרגליווערט געוואָרן אין אומבאַוועגלעכקייט. אויך איך האָב געשוויגן. מיר איז געווען אַ ווייטיק צו פילן זיין צער, און דאָס האַרץ אין מיר איז צעריסן געוואָרן פון רחמנות אויף אים. אָבער זאָגן אים, האָב איך פונדעסטוועגן גאָרנישט געקאָנט.

ביז ער האָט ענדלעך מיט אַ זייער רויִק, אַנטשלאָסן און ליבלעך קול אַרויסגערעדט אין שטרוי אַריין:

— האַליאַ, לאָז מיך אָפּ... איך וויל זיין אַליין.

— הער, פּיאָטר, אין אַזאַ צושטאַנד קאָן איך דיך נישט איבערלאָזן. אַ קליין ייִנגעלע ביסטו, צי וואָס?

— ניין, האַליאַ, לאָז מיך אָפּ. איך בעט דיך.

— בשום אופן וועל איך דיך נישט אָפּלאָזן. בעט גאָרנישט! פאַרקערט, איך פאָדער, אַז דו זאָלסט שוין גיין מיט מיר. קלויב אויס איינס פון די צוויי: אָדער קום שפּאַצירן, אָדער — צו מיר אין צימער אַריין. וואָס איז דאָס פאַראַ נייעס — זיך צו וואַלגערן אין שטרוי! זייער נאַריש, פּיאָטר. וואָס פּייניקסטו דיך? וואָס ווערסטו דערגרייכן דערמיט? שוין שטיי אויף. איך באַפעל דיר, אויב דו קאָסט דיך אַליין נישט באַהערשן.

ער האָט זיך אויפגעהויבן אויף די הענט, נאָר באַלד ווידער הילפלאָז אַראָפּגעפאַלן. זיינע אַקסלען האָבן גענומען פיבערהאַפט ציטערן, און ער האָט איינגעגראָבן זיינע פינגער אין די האָר פון קאָפּ. ער האָט געוויינט הכנעהדיק, שווייגנדיק, אויסגעמאַטערט פון לאַנגן קאַמף. און איך האָב אויך געוויינט מיט אים שווייגנדיק און

וויין קאָפּ געגלעט. דאָס — איז גוט: זאָל ער וויינען אַ ביסל — די טרערן וועלן זיין נשמה אָפּוואַשן.

פלוצלינג האָט ער זיך אויפגעזעצט אויפן שטרוי, מיין האַנט אָנגעכאַפּט און זי צוגעדריקט צו דער ברוסט.

— איך ווייס נישט, האַליאַ... איך ווייס נישט, ווי אַזוי איך 'ועל קאָנען איבערטראָגן דעמדאָזיקן איבעררייס אין מיין לעבן... ביי מיר וועלן נישט קלעקן קיין כוחות... און מיר דאַכט זיך, אַז איך וועל נישט אויסהאַלטן... איך וועל אָפּטוען, דער טייוול ווייסט וואָס... ווי אַזוי וועל איך לעבן?... זעקס יאָר — ווי איין נשמה... דער נאָענטסטער מענטש — נישט צום אָפּרייסן... זי איז אַריינגעוואַקסן אין מיר... און אָט... זי איז שוין נישטאָ... און מיט וואָס האָט זי גענומען אָט דער אַנדערער?... מיט וואָס?... וואָס בין איך — ערגער פון אים, צי וואָס?... און אַזוי שנעל... אַזוי לייכט!... אָ, די נאַטור אייערע, ווייבער!...

— ווען איך זאָל דיך נישט פאַרשטיין, פיאָטר, אין דיין פאַרצווייפלונג, וואָלט איך אויפגעקאָכט געוואָרן פון דיינע ווערטער. אין אומגליק זענען מענטשן תמיד נישט גערעכט, קליינלעך און פּרעטענציעז. דאָס ליידן מאַכט די מענטשן פאַר עגאָיסטן. איך פאַרזיכער דיך, אַז לושאַ פּייניקט זיך נישט ווינציקער, ווי דו. נאָר זי — איז אַ פרוי, און נישט סתם אַ פרוי, וואָס דער תוך פון איר לעבן איז זינלעכקייט, — ניין, פיאָטר. דו פאַרשטיי: לושאַ האָט צו לאַנג איבערגעלעבט די טראַגעדיע פון מוטערלעכקייט. דידאָזיקע טראַגעדיע האָסטו אויך איבערגעלעבט — איך ווייס, נאָר נישט אַזוי, ווי זי. פאַרשטיי, פיאָטר: לושאַ איז נישט שולדיק. דו ווייסט דאָס גאַנץ גוט. אין לושען האָט געזיגט די מוטער. זי האָט נישט אויסגעהאַלטן, פיאָטר, און דו מוזט זי רעכטפאַרטיקן. מעגלעך, אַז איר איז הונדערט מאָל שווערער געווען אַוועקצוגיין פון דיר, ווי דיר איבערצולעבן דיין דראַמע. און ווען זאָלסט אפילו פּגרן, פיאָטר, ביסטו מחויב מיטן וואָרצל אַרויסצורייסן אי די אייפערזוכט, אי די באַליידיקונג, אי די שנאה. דו — ביסט אַ קאָמונאַר: און אויך אין דיינע געפילן — נישט בלויז אין

די געדאַנקען — מוזסטו בלייבן אַ קאָמונאַר ביזן סוף. לושאַ איז געגאַנגען נאָכן אינערלעכן רוף פון איר מוטערלעכקייט, און אין איר פאַרבינדונג מיט גרישאַניען איז נישטאָ קיין שום שענדלעכס און פאַרברעכערישס.

— אָ-אָ... האַליאַ!... איך בין פאַרלוירן...

ער האָט אַרויפגעלייגט דעם קאָפּ אויף מיין אַקסל און גענומען קריצן מיט די ציין.

— איך האָב מיך שוין לאַנג געטרעכט אויף דעם. איך האָב געוואוסט, האַליאַ, אַז דאָס מוז אומפאַרמיידלעך געשען.

ער איז ווידער אַ פאַל-געטון אויפן שטרוי און ווידער גענומען קרעכצן און זיך קורטשען.

— פּיאָטר, שטיי אויף, זאָג איך דיר! ווי שעמסטו דיך נישט? איך האָב מיך היינט אַנטציקט מיט דיר. דו האָסט דאָך דיך געהאַלטן, ווי עס פּאַסט פאַר אַן אמתן מענטש — פאַר אַן אונזעריקן, אַ נייעם, אַ וואונדערבאַרן... דו האָסט דאָך מיט דיין האַלטונג דורכגעפירט אַ גאַנצע איבערקערעניש אין באַוואוסטזיין פון די קאָמונאַרן. און עס ליגט נאָך אַצינד אויך אויף דיר אַ גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט: קיין איין נערוועזן זשעסט, קיין בליק, קיין האַנדלונג... אַנדערש — איז אַלץ פאַרלוירן. דו הערסט, פּיאָטר?

— יאָ, איך הער... איך ווייס... אָבער איך?... איך לייד דאָך? וואָס וועט מיט מיר זיין?... וועגן מיר טראַכט ווער?...

— אַך, פּיאָטר, ליבער פריינט מיינער! דו — ביסט בלינד. דו האָסט אין דיין פערזענלעכער דערשיטערונג פאַרלוירן דאָס געפיל פון פאַרבינדונג מיט מענטשן. וועגן דיר טראַכטן אַלע — אַלע, ביזן לעצטן מענטש. און לושאַ, וויעטראָוו — זיי זענען גרייט פאַר דיר אויף די גרעסטע קרבנות. נו, און איך — בין דיר פרעמד? ווי איז דיר נישט איבער די טבע צו קלאָגן זיך! שטיי-אויף! שטיי-אויף! קום, וואָרים אַנדערש וועל איך דיך אָנהייבן זידלען.

ער איז שווייגנדיק אויפגעשטאַנען, אויפגעהויבן די קעפּי, זי אַרויפגעזעצט אויפן שפּיץ-קאָפּ און געהאָרכזאַם זיך געלאָזט גיין

צוזאַמען מיט מיר. איך האָב אים אָנגענומען אונטער די האַנט און זיך צוגעדריקט צו אים מיט מיין ברוסט. דאָס איז אַרויסגעקומען גוט, פון טיפן האַרץ. ער האָט זיך פלוצלינג אָפּגעשטעלט, זיך איינגעהערט אין מיר און אין זיך. דערנאָך האָט ער טיף אָפּגעזיפצט, און דערדאָזיקער זיפץ האָט אים מיטאַמאָל ווייך געמאַכט, וואַרים געמאַכט, ווי ער וואָלט אין אַן אומגעזעענער הייסער וואַנע זיך אונטערגעטיקט. דידאָזיקע כוואַליע האָט אויך מיך צוגעדעקט, און מיין האַרץ איז פאַרשטאָרבן געוואָרן פון צערטלעכקייט צו אים. ער האָט מיך אַרומגענומען, צוגעדריקט צו זיך און געהאַלטן אַזוי לאַנג און שווייגנדיק. און איך בין אַזוי ווי אַריינגעוואַקסן אין אים, און דידאָזיקע צערטלעכקייט זיינע איז אויך געווען אַזוי פשוט און נאַטירלעך, ווי זיין זיפץ.

איך האָב נישט באַוויזן אָנצוצינדן דעם לאָמפּ אין מיין צימער, נישט באַוויזן רעכט אַ קוק צו טון אויף גוליאַקען, ווי אין דער טיר האָט זיך באַוויזן לושאַ. זי איז צוגעפאַלן מיטן אַקסל צוםביישטידל און אָנגעשטרענגט גענומען קוקן אויף פיאָטערן מיט תהום-טיפע אויגן, אין וועלכע עס האָט זיך געזען פאַרווירטקייט, חרטה און אַ נייע, נאָך ביז אַצינד נישט געזעענע צאַרטקייט. איר האָט זיך געוואָלט אומקערן די פאַרגאַנגענהייט און לעבן מיט דער קעגנוואַרט. פון דערדאָזיקער קעגנוואַרט אירער, וועלכע האָט אַרומגעכאַפּט איר גאַנץ וועזן, וואָלט זי זיך נישט געקאָנט אָפּזאָגן אפילו אונטער דער דראָונג פון טויט. אויך אַזוי אומבאַוועגלעך, ווי אַ פאַרשטיינערטער, האָט געקוקט אויף איר גוליאַקאַ. בלויז מיין אויסרוף האָט זי אַרויסגעבראַנגט פון פאַרגליווערטקייט.

— לושאַ, קום אַריין. מען מוז צו דעם אַלעם אַ סוף מאַכן.

זי האָט זיך דערשראָקן — מיין קול האָט זי אַזוי ווי אַ שטויס-געטון אין דער טיר מיט אַ שטאַרקער קראַפט. זי האָט מיטן גאַנצן אימפּעט זיך אַ וואָרף-געטון גוליאַקען אויפן האַלז און ספּאַזמאַטיש זיך צעשלוכצט.

— פיעטיאַ, טייערינקער מיינער! איך האָב דאָך שוין קיין פוח נישט... ווי דאָס האַרץ צעגייט אין מיר, אויס רחמנות צו

דיר! און דו אויף מיר האָב אויך רחמנות, פּיעטיאַ... זיי מיר מוחל!

ער האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויפן אָנלען פון דער שטול, אַן אויסגעשעפּטער און פאַרמאַטערטער. זיין פּנים איז צעקרימט געווען פון איבערגעלעבטן אָנפאַל פון פאַרצווייפלונג, אָבער ער האָט געשמייכלט און, ווי אַ קינד, זי געגלעט.

— נו, וואָס־זשע ווילסטו, לושאַ? דו האָסט געהאַנדלט אַזוי, ווי דיין געפיל האָט דיר דיקטירט. דו האָסט דערגרייכט דאָס, וואָס דו האָסט געוואָלט, און געוואוסט, אויף וואָס דו גייסט. גאָרנישט: מיר וועלן זיין די זעלבע, וואָס פריער. און ווייטער — וועלן מיר זען. וואָס־זשע פאַרפּייניקסטו דיך?

— ווי אַזוי זאָל איך מיך נישט פאַרפּייניקן, פּיעטיאַ? און וואָס וועט זיין מיט דיר?... בעסער וואָלסטו מיך געשלאָגן, מיר דאָס פּנים פאַרשענדט — וואָלט מיר לייכטער געווען.

— נאַדיר ווייטער! — גוליאַקאַ האָט זיך צעלאַכט און אָנגעהויבן צאַרט גלעטן אירע האָר: — אַ חיה בין איך, צי וואָס? מיר זענען דאָך נאָענטע מענטשן, און אפילו, דאַכט זיך, נישט קיין שלעכטע... צוואָס־זשע די אַלע נאַרישקייטן? אויסטערליש מיידל, דו! ווי שטאַרק עס זיצט נאָך און דיר די פרוי... אַזאַ נשמה, אַ קנעכטישע!...

זי האָט געוויינט, זיך פאַרכליניעט מיט די טרערן און נישט געקאָנט זיך אָפּרייסן פון אים.

און ער האָט געגלעט אירע האָר און אַרומגענומען זי נישט דרייסט, אין פאַרלעגנהייט, ווי אַ פרעמדער.

— נו, אָט איז אַלץ קלאָר געוואָרן... עך, דו!... אַלע פּראָבלעמען ווערן געלייזט נישט פּשוט, נאָר דורך בלוט און פּיין. אונזער פּראָבלעם האָבן מיר אויך דורכגעליטן און געשטעלט אַ פּונקט דערויף. האַ? לעב־זשע דיר גליקלעך, לושאָק. אונזער פּראָבלעם — איז פאַרענדיקט.

און ער האָט זיך ווידער צעלאַכט, און זיין לאַכן האָט געקלונגען טרויעריק.

און פלוצלינג האט ער מיט אומגעריכטער, גוטמוטיקער ברוי־טאלקייט זי א שטעל־געטון אויף די פיס און מיט פארוואונדערונג די הענט צענומען.

— און ווי ברייט צעוואקסן דו האסט דיך!... אבער א בויך!... דער גרישאניא איז שוין איינמאל א באלמעלאכע!...

און אויף זיין פנים האט זיך באוויזן א קרומער שמייכל.

— פיעטיא!... מען דארף נישט!... אך, נאכוואס טוסטו דאס, פיעטיא?...

איך בין צוגעגאנגען צו זיי און ארויסגעלייגט די הענט אויף זייערע אקסלען. דידאזיקע וואונדערבארע מינוט וועל איך קיינמאל נישט פארגעסן. דאס איז געווען א שטילקייט, וואס טרעפט זעלטן אין לעבן, א שטילקייט, אין וועלכער דער מענטש פילט זיך א נייער, אויפסניי געבוירענער, און אין זיין נשמה עפענען זיך פו־נאנדער אזעלכע טיפקייטן, פאר וועלכע ער בלייבט שטיין, ווי פאר אן אויסטערליש, נאך קיינמאל נישט געזען ליכט. אין אזעלכע רגעס געפינט זיך דער מענטש פלוצלינג אין א נייער קרייצונג מיט דער וועלט, און ער גייט דערנאך ארויס צו די מענטשן אן אנדערער — א געענדערטער און קלוג געווארענער.

פיאטר איז אוועקגעגאנגען פון מיר ערשט פארטאג.

אויפן פלאץ, פאר אונזער קארפוס, האבן זיך שוין פארזאמלט די בחורים און מיידלעך אין זייערע ספארט־קאסטיומען, גרייט דורכצופירן די נייע לעקציע איבונגען פון פיזקולטור. זייערע פנימער זענען נאך געווען א ביסל צעקנייטשט און אנגעבלאזן פון שלאף, אבער די אויגן און באוועגונגען האבן אויסגע־דריקט פרישקייט און מונטערקייט. טישקא האט שוין געהירזשעט, ווי א זשרעבאק. פיאטר איז, א פארוואונדערטער און געפלעווטער, שטיין געבליבן אויפן גאניק און וועגן עפעס זיך מישב געווען דערנאך איז ער שנעל אראפגעלאפן פון די טרעפלעך און צוגעלאפן צו זיי. די חברהלייט האבן זיך שוין אויסגעשטעלט אין רייען. זיי האבן אים באגריסט מיט אויסגעשרייען, שפרינגערייען און באווע־

גונגען פון די הענט. מײַן האַרץ האָט געפּלאַטערט אין מיר, װי אַ טויב. איך האָב נאָכגעפּאָרשט פּיאָטרס יעדן זשעסט, זײַן שמײכלען, זײַנע ברעמען, װאָס האָבן באַפליגלט זײַן פּנים. ער איז שױן געװען אויף אַ פײַנלעכן און אײַנציײטיק פרײדיקן אופן פאַרבונדן מיט מיר, און מײַן האַרץ האָט געשטראָמט מיט נאָך קײנמאָל ביז אַצינד נישט געאַנטער צערטלעכקײט צו אים. איך האָב שנעל אַרױפגעצױגן דעם קאָסטיום אויף זיך, אַ באַפליגלטע זיך געלאָזט לױפן איבערן קאָרידאָר און, װי אַ פויגל, אַרױסגעפלױגן אויפן פּלאַץ. פּיאָטר האָט, אַן איבערראַשטער, מיך אויפגענומען, אָפּגעטרעטן צוריק, דערנאָך װידער זיך אַרױסגערוקט. איך האָב אויפגעכאַפּט זײַן הײסן בליק אויף מײַנע ברוסטן, אויף די נאַקעטע פיס, און דאָס בלוט האָט מיר אַ שטראָם־געטון אין פּנים אַרײַן. מיר איז געװען אי אַ בושה, אי דאָס האַרץ איז שיער נישט צעשפּרונגען געװאָרן פון פרײד. מײַן קערפּער האָט געיובלט און געזונגען: ער האָט פון דער װײַטנס געפילט פּיאָטרס קערפּער, פעסט איבערצײַגט געװען אין זײַן געזונטער מײדלישער שײנקײט.

איך האָב מיך אַװעקגעשטעלט לעבן פּיאָטערן און דרײסט אַ געשרײ־געטון צו אים:

— פּיאָטר, גײ, שטעל דיך אין דער רײע. פאַר דיר איז נוצלעך אויפצורודערן דײַן בלוט.

— גוט! און דו װעסט קאָמאַנדעװען, יאָ?

— יאָ, איך װעל קאָמאַנדעװען, פּיאָטר.

— נײן, איך װעל בעסער שטײן לעבן דיר, האַליאַ, און זען, װי אַזױ דאָס װערט געמאַכט בײַ אײך. יאָ, פײַן!... אמתע כװאַטן!

איך האָב געװאוסט, אַז ער קאָן שױן אַצינד נישט אָפּרײסן זײַן פּנים פון מיר.

אין די געזונטע, יונגע קערפּערס פון די בחורים און מײדלעך האָבן שטורמיש געפּאָדערט די געװײנטלעכע, ריטמישע באַװעגונגען:

— שנעלער, האַליאַ!... עס איז צײַט אָנצוהײבן...

דאָס עלטסטע העפט

דער אָטעם פון פרילינג

אונזער סאָד איז אָפּגעטונקט אין בליעכץ. עס זעט אויס, ווי א געדיכטער, פוכיקער שניי-פאַל וואָלט באַדעקט די אַלע אומצייליקע צווייגן-מחנות, און מיין האַרץ האָט זיך אויך צעפלאַקערט מיט בלומען. דידאָזיקע געדיכטע בלומען-וואָלקנס — לעבן: זיי ווירבלען, טאַנצן, אָטעמען און ווימלען, ווי א זאַוויערוכע פון פלאַטערלעך, ציטערן און וויגן זיך, ווי פייער-פלאַמען. די שיפּועים פון די בערגלעך נאָכן סאָד זענען שוין באַדעקט מיט טונקעלן גרינס פון ווינטער-תּבואה, זייער סאַמעטענע געכוואַליעטקייט — איז קערנדיק, יונג, ווייך: אויך זיי אָטעמען און זענען איינגעהילט אין גאָלדיקער פאַרנעפּלטקייט. און די פּראַכטפולע גרינע פעלדער, וואָס פליסן אַוועק צו די האָריזאָנטן, און די שניי-וואָלקנס פון די צעבליטעביימער, וואָס לויפן רייענווייז אַוועק צו די בערגלעך, — זענען קיל און שאָטנדיק. פון זיי טראָגן זיך כוואַליעס פון פאַרשיכורנדיקע ריחות. דער הימל בליט אויך: געדיכטע, קנוילאַרטיקע וואָלקנס שטייגן-אויף פון הינטער די בערגלעך צום זעניט און צעגייען אין זיין לאַזור-טיפקייט.

אויך אונזער הויף איז איינגעהילט אין נעפּל און שפּריצט מיט יונגע ביימלעך און בעז-בליעכץ. רירנד, קינדיש-מעסיק, הייבן אָן זיך פונאַנדערצוויקלען די קנאָספּן. דער גאַנצער הויף איז איינגעטיילט פלאַן-מעסיק. צווישן די ביימלעך לויפן זיגזאַגישע שטעגעלעך, באַשיטע מיט זאַמד. קיילעכיקע און פאַרשידנפאָרמיקגעשניטענע קלאָמבן שווארצן זיך, ווי אָנגעשיטע ערד-בערגלעך. עס פינקלען גאָלדיק די בענק אויף דער זון.

די לופט איז אָנגעזאָפּט מיט זון, און די טיפע שטילקייט —

איז פאַרטראַכט און מאַכט אומרויִק. בייטאָג איז די קאָמונע אָן מענטשן: אַלע — זענען אויף דער פעלד־אַרבעט. בלויז פון דער קאָלעקטיווער קיך הערט זיך דאָס קלינגען פון געשיר, דאָס זינגען פון די פרויען, און דאָס קלײנוואַרג רוישט אין דער שול און אין קינדער־גאָרטן. עס וויינען די קינדער אין דער קינדער־היים, און פון די מעכאַנישע וואַרשטאַטן טראָגט זיך דאָס כסדרדיקע האַקן פון די האַמערס, דאָס טויבע גרילצן פון אייזן און יעמערלעכע פייפן פון די זעגן.

וויעטראָוו איז נישטאָ — ער איז אין קאָלווירט. גוליאַקאַ איז נישטאָ — ער איז אויף די פעלדער.

אינדערפרי, ווען די קינדער זענען פאַרנומען געווען מיטן פרישטיק, און איך בין געשטאַנען אויפן גאַניק און געקוקט אויפן סאָד, איז צו מיר צוגעקומען אַקסיוטאַ און נישט דרייסט אַרויסגע־לייגט איר האַנט אויף מיין אַקסל. אויף איר פנים האָט געציטערט אַ פאַרטרערטער שמייכל און איר קול איז געווען צאַרט און וואַרים.

— האַליאַ, איך לעב שוין גוט מיט נאַטאַשען... דו, האַליאַ, מעגסט דיך שוין פאַרלאָזן אויף מיר... נו, איך בין אַ נאַר געווען... פרעך געווען... אַניסיאַ האָט מיר שוין גענוג דאָס האַרץ אָפּגעגעסן... און אַצינד בין איך — ווי פון אַ קרענק אויפגעשטאַנען. און ווי גוט עס איז, ווי לייכט עס איז!... ווי אַלץ האָט זיך פונאַנדער־געבליט!... אַ סך פּירות וועלן זיין...

אַקסיוטאַ האָט אויך פריילינגדיק געבליט, און אין מיין נשמה האָט זיך געוועקט אַ געפיל פון צערטלעכקייט צו איר.

— אַקסיוטאַ! דו טו דיך אָן אַלע טאָג יום־טובדיק. דו ביסט אַזאַ יונגע, אַ פריילינגדיקע.

זי איז רויט געוואָרן, האָט אַ קוק געטון אויפן הימל, אויפן זאָד און איז אַוועקגעגאַנגען פון מיר מיט לייכטע, מיידלישע טריט.

צום גאַניק איז צוגעקומען באַנקין אין אַ באַרכאַנטענער בלוזע, אין אַ גרויען, אַלטן הוט. ער האָט אויך אַ שמייכל געטון בלויז מיט דער באָרד און מיך אַ רוף־געטון מיט דער האַנט.

— האָבן מיר שוין, פרילינג, באַנקין! אויב דער זומער וועט זיין אַ גוטער — וואָס פאַר אַ שפּע וועט דאָס אַ שטראָם-טון אויף דער קאָמונע!

— יאָ... קאָלעקטיווע אַרבעט, בכלל און אין סך-הכל גענו-מען... דאָס איז, ווי מען זאָגט, דער כפל-כפלים פון סאָציאַליסטי-שער בויאונג... די נאַטור אַרבעט אונטער אונזער אָנפירונג... אָרי-גאַניזירט... אָט וועט מען אין האַרבסט, אין סך-הכל גענומען, דאַרפן איינפירן די פולע קאָלעקטיוויזאַציע...

און זיינע ווערטער זענען געווען קאָמיש אין זייער וואָגי-קייט און רירנד אין זיין הילפלאָזיקייט אויסצודריקן דעם אומרויִקן צושטאַנד פון זיין געמיט.

איך בין אים נאָכגעגאַנגען אין קאָרפּוס אַריין, וואו ער האָט געלעבט אין איינזאַמקייט. נאָכוואָס האָט ער מיך מיטגערופן? ער פלעגט קיינעם צו זיך נישט איינלאַדן, און אַצינד האָט ער מיך פלוצלינג אויף אַ געהיימנישפולן און געשעפטלעכן אופן מיטגע-שלעפּט מיט זיך.

ער האָט געעפנט די טיר, און מיר זענען שווייגנדיק אַריינ-געגאַנגען אין זיין צימער. עס האָט זיך דערפילט אַ ריח פון פאַר-דומפּנקייט און פוסטקייט. עס איז געשטאַנען איין בעט, איבערגע-דעקט מיט אַ בייענער קאָלדרע, און אַ טישל מיט פּאַפּירן און ביכלעך. אַ שטרענגקייט און אַסקעטישקייט האָט אַרויסגעקוקט פון יעדן שטילן ווינקעלע אין דעם לערן צימער. ער איז צוגעגאַנגען צו אַ קליינער ברוינער טיר אין דער וואַנט, ליבקס, און זי אַ שטויס געטון מיטן פוס. אפנים, אַז דאָס פינסטערע חדרל האָט אַמאָל גע-דינט אַלס שפּייזקאַמער. עס האָט זיך דערפילט אַ ריח פון מייז און שטויב. און באַנקין אַליין, כסדר אַ גלייכגילטיקער, האָט מיר אויסגעזען ווי אַן אונטערערדישער מענטש.

— אָט דאָ... זע... איז אַ באַזע... דאָרט האַלט מען אין איין איינטענהן... און די אומבאַלעבאַטישקייט איז גרויס... ברייטע מאַסשטאַבן, בכלל, און אין סך-הכל גענומען, און — מען דאַרף זען, וואָס עס טוט זיך אונטער די פיס... ווייס, אויף וואָס דו

שטייסט... איר האָט אַלע — פאַרשידענע פּלענער... און אין סך־הכל גענומען — זענט איר אויסבּרענגער... אַ טשוואָק, אַ שטיקל בּלעך, אַ שעכטעלע — האָט אַ ווערט... נישט אַלץ, וואָס אין דאָרף, איז שלעכט. מיין טאַטע איז געווען... אַ שטרענגער... אַ שערבּעלע, אַ נעדעלע פּלעגט ער אויפהייבּן... אָט, זע... יעדער אַרט אָפּפאַל — האָט אַ ווערט... מעטאַל... פּאַפּיר... און דאָס אַלץ — וועט גיין אין דער פאַבּריק אַריין... אויף איבּערצואַרבּעטן... די מלוכה נייטיקט זיך אין רויששטאָף... מען מוז אויף אַלץ קוקן מיט אָפענע אויגן... ווי אַ בּאַלעבּאָס... מיר — זענען נישט... קיין שקלאַפן... בּאַלעבּאַטים פון לאַנד זענען מיר... בּאַרעכן נאָר, בּכלל און אין סך־הכל גענומען, וויפיל אוצרות... מען מוז זיך אַלץ... אויסלערנען... אָפּפאַל — דאָס איז גאָלד...

איך האָב דאָס ערשטע מאָל געהערט פון אים אַזאַ לאַנגע רעדע. נאָר ער האָט גערעדט אָן טעמפּעראַמענט און לאַנגווייליק. ער פּלעגט זעלטן אָפּגעבּן בּאַריכטן — פאַר אים פּלעגן צומיינסט אַרויסטרעטן וויעטראָוו אָדער גוליאַקאַ. אָבּער אין דער פאַרטיי־אַרבּעט איז ער פּינקטלעך און שטרענג.

אין השכּות פון צימערל האָב איך דערזען אָנגעהויפנטע קוּפּעס פון פאַרשידענע קלייניקייטן. דאָס צימערל איז געווען אינגאַנצן אָנגעפּאַקט מיט אַלטוואַרג: דאָ איז געווען אַלץ — אַי אייזן־בּרוכוואַרג, אַי קופּעס פאַרזשאַווערטע טשוועקעס, אַי פאַרפּלאָנטערטע עלעקטריע־דראָט, אַי פּאַפּירענע שעכטלעך, אַי שטויסן בּרעטעלעך, אַי שטריקלעך און רעמעטלעך, אַי בּלעכענע, צעבּויגענע נאַניעלעך — נישט איבּערצוציילן דעם פאַרשידענעם אַרט אָפּפאַל. אפנים, דערדאָזיקער אָפּפאַל איז געזאַמלט געוואָרן נישט איין יאָר — איינגעלייגט געוואָרן זאָרגפעלטיק, מיט ליבּשאַפט, מיט דער תאווה פון אַ קמצן.

— חבר בּאַנקין, נאָכוואָס טויגן דיר די אַלע שמאָכטעס? זאָג וועסטו דאָס אַלץ אַהינטון? דאָס איז דאָך אַלץ קמצנות.

זיינע אויגן האָבּן זיך צעבּלישטשעט מיט אַ גרין פייער, און די בּאָרד האָט בּייז אַ ציטער־געטון.

— דאָרט שלייפט מען זיך די צונגען... פראָכאָר האָט אָנגע־דרייט... וויעטראָוו האָט געמורמלט... דאָס — איז אַ פֿאַרמעגן... נישט מיינס — דער געזעלשאַפֿטס... דאַרף מען נישט פֿאַרטאַכליע־ווען, נאָר זאַמלען. וואָס האָט איליטש געזאָגט? יעדע קלייניקייט קומט צונוץ אין באַלעבאַטישקייט...

און ער האָט צום ערשטן מאָל אַ שמייכל־געטון, ווי אַ מענטש, וואָס האָט דערפֿילט אַ גרויסע, פֿאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט. דאָס איז געווען אַ קעמפֿער, וואָס האָט דורכגעפֿירט אַ גרויסע העלדנ־טאַט. און מיר איז געוואָרן אַ בושה פֿאַר מיין אָנגענומענער באַ־ציִונג צו אים און לייכטזיניקער פֿאַרוואונדערונג. איך האָב אים פֿעסט געדריקט די האַנט און אַרויסגעגאַנגען פֿון זיין צימער. אָבער דאָס געפֿיל פֿון אומאָנגענעמלעכקייט האָב איך דאָך נישט געקאָנט באַזיגן אין מיר.

און ווען איך בין אַרויסגעקומען, האָב איך אַזוי ווי אַ שוועב־געטון אינדערהייך, צו די געדיכטע, הויכע וואָלקנס, און זיך גע־נומען טראָגן איבער די בערגלעך און איבער די קלאָמבן פֿון סאָד.

אויפֿן טראָטואַר האָב איך מיך באַגעגנט מיט לושען. זי איז געגאַנגען מיט אַ מידן טריט און פֿאַרריסענעם קאָפּ, אַ שווערע, אַ מאַסיווע, און איר בויך האָט זיך שטייף אַרויסגעשטופּט פֿאָרויס, פֿאַרהייבנדיק דאָס קלייד. אירע אויגן האָבן אויסגעדריקט אי ליידן, אי גליקזעליקייט. דאָס פּנים אירס איז געווען נישט שיין, פֿול מיט געלע פֿלעקן, נאָר די ליפּן זענען נאָך אַלץ געווען פּוכיק־זאַפֿטיקע און האָבן געררייצט צום קושן. די האָר האָבן געלויכטן ווי שווערע גאָלד־רינגען. זי האָט געקוקט אויף מיר פֿון אויבן אַראָפּ, אַ פֿאַר־מאַטערטע, מיט שטאָלצער אונטערטעניקייט, און אַזוי ווי כּסדר זיך איינגעהערט אין זיך. געוויינטלעך פֿלעגן פֿריער אירע הענט זיך פֿריי באַוועגן ביים גיין, אַצינד אָבער איז איר לינקע האַנט געלעגן אויפֿן בויך, ווי זי וואָלט אים פֿאַרטיידיקט, און די רעכטע — האָט זיך פֿאַרוואָרפֿן אַהינטער. די ברוסטן, וואָס זענען פֿריער גע־ווען הויך, זענען אַצינד געווען שלאַבעריק און אַראָפּגעפֿאַלן. זי האָט אינגאַנצן אויסגעזען, ווי זי וואָלט זיך אַראָפּגעזעצט. דאָס

קלייד פון פאָרנט איז געווען אומפאַרשעמט פאַרהויבן ביז די קני. זי איז שוין נישט געווען מער יענע שלאַנקע, הייסע לושאַ: דאָס איז געווען אַ נייע, נאָך ביז אַצינד נישט געזעענע, מיט זיך פאַרנומענע פרוי, וואָס האָט דורך פאַרבאָרגענער חכמה קלאָר געמאַכט פאַר זיך אַ שווערע געהיימניש, וועלכע איז פאַר מיר נאָך אומפאַרשטענדלעך. צווישן אונז האָט פון אַ געוויסע צייט אָן זיך געשאַפן אַ פוסטקייט, וואָס האָט אונז אָפּגעריסן און שטאַרק דערווייטערט איינע פון דער אַנדערער.

מיר זענען געשטאַנען פנים קעגן פנים און געשמייכלט, און אין אונזער שמייכלען איז אויך געווען פרעמדקייט און פאַרלעגנהייט. אונז ביידע האָט זיך געגלוסט זיך פונאַנדערגיין, צו באַפרייען זיך, נאָר עפּעס אַ קראַפט, אַ נישט אָפּהענגיקע פון אונז, האָט געליימט אונזערע באַוועגונגען. דערנאָך האָבן מיר ביידע, אַזוי ווי אומבאַוואוסטזיניק, זיך געלאָזט גיין אין סאָד אַריין. מיר זענען געגאַנגען צוזאַמען, האַנט ביי האַנט, נאָר יעדערע — פאַר זיך. מיר האָבן אי זיך געקוועלט, אי נישט געקאָנט אָפּרייסן איינע פון דער אַנדערער. מיר זענען גענאַנגען און האָבן געשוויגן. אַזוי וענען מיר פּאַמעלעך, יעדעי פאַר זיך, אַרייַנגעקומען אין אַן אַלעע פון פרעכטיק צעבליטע בלומען-גירלאַנדעס. די אין בלומען אָפּגעטונקטע צווייגן האָבן אונז אַקעגנגעשטראָמט — שווערע פוכיקע, פלאַטערדיק-לייכטע, ווי געדיכטע רייען פון ציטערדיקע פליגל. און די נישט דורכדרינגלעכע מחנות ביימער, אין זייער בלומיקער שוימיקייט, האָבן געברענט מיט אַ ווייס בלענדנדיק פייער. די באַפליגלטקייט און לייכטקייט האָט אַרומגעפלאַטערט אומעטום, אין אַלע טיפענישן פון סאָד, און איך האָב מיך געפילט ווי דורכגעדרונגען פון דערדאָזיקער ליכטיקער וואָלקנדיקייט. די בלומען-הויפנס אין געפלאָנטער פון די צווייגן האָבן געקלונגען מיט פאַרבאָרגענע סטרונעס און געזונגען מיט זייערע פייערדיקע טיפענישן. עס האָט זיך געגלוסט זיך אָפּצושטעלן און איינצוהערן אין דעם קוים געאַנטן קלאַנג פון די סטרונעס. דאָס האָבן אונזערע בינען

זיך געראַיעט אין די בלומען און אַליין באַדעקט געווען מיט אַ גאָלדיקן שטויב, ווי לעבעדיקע בלומען.

לושאַ איז שטיין געבליבן און פאַרזונקען איר פּנים אין דער שנייאיקער שוימיקייט. זי איז פאַרשטאַרבן געוואָרן, זיך איינהערני־דיק אין די בלומען. און איך בין געשטאַנען און האָב געשוויגן, זיך אויפלייזנדיק אין די כוואַליעס פון דער נעפּלדיקער ליכטיקייט און סטרונען־געקלאַנג פון די בינען.

— האַליעטשקאַ! — לושעס קול איז געווען שטיל, טרויעריק און האַרציק.

איך בין צוגעגאַנגען צו איר, און זי האָט שווייגנדיק אָנגע־נומען מיין האַנט און זיך איינגעהערט אין איר. און איך האָב מיין איינגעהערט אין איר האַנט.

— האַליעטשקאַ, פאַרוואָס איז מיר אַזוי שרעקלעך?... איך וואַרט אויף עפּעס... אַזוי ווי אויפן טויט... אָדער ווי אין אַ חלום, שוועסטערל, — איז מיר... אי פריידיק, אי מוראדיק... פאַר מיין גליק שרעק איך מיך... איך וועל נישט אויסהאַלטן... איך וועל שטאַרבן...

און זיך אַוועקגעדרייט פון מיר — איז זי אינגאַנצן פאַרזונ־קען אין די בלומען.

איך בין אַוועקגעגאַנגען פון איר אומבאַמערקט, אויף די שפּיץ פינגער, כדי נישט צו שטערן די וואָלקנדיקע שטילקייט פון סאָד און לושעס מוטערלעכער געהיימניש. און עס האָט זיך געפילט, אַז צווישן איר און דערדאָזיקער בלומיקייט איז דאָ עפּעס בשותּ־פותדיקס: און דער סאָד און לושאַ האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איין האַרמאָנישן אַקאָרד.

אַן אָוונט, פון וועלכן עס הייבט זיך אָן אַ נייער טאָג

די ידיעה וועגן לאָזן אונזער עלעקטראָסטאַציע איז זיך צע־גאַנגען איבער די וויסטסטע ווינקעלעך פון ראַיאָן. מיטן זון־אונטערגאַנג, האָבן הינטער די קאָרפּוסן, איבער די בערגלעך

און פעלדער, אין א לאַגער זיך צונויפגעזאַמלט די פויערן, וואָ ענען זיך צונויפגעפאָרן פון נאָענטע און ווייטע דערפער. אין דער ארנאַכטיקער בלויקייט פון די פעלדער, האָבן איבער די טונקע ע וועגן זיך געצויגן בונטע רייען פון פוסגייער און קלינגענדיקע וועגן, אָנגעפאַקטע מיט פויערן און פויערטעס. זיי זענען זיך צו ויפגעפאָרן, ווי אויף אַ יאַריד ענג זיך צונויפגעזעמלט אין רעדי עך, אין פערד-טאַבונען, באַקרוינטע מיט דוגעס איבער די קעפ, אין זיך שפּילנדיקע קינדער-טשאַטעס. די קאָמונע איז געווען אַרומ נערינגל, פונקט ווי דידאָזיקע אָנגעקומענע מחנות וואָלטן זיך גע רייט אויף אַן איבערפאַל. און איבער די וועגן פון די בערגלען און טאָלן, פון די געכוואַליעטע, ווייטע, גרין-זיידענע פאַשע-פעל ער, האָבן זיך נאָך אומגעקערט, מיד שפּאַנענדיק, שורותווייז און איינציקווייז דאָרפישע פערד. פון דעם פאַרזאַמלטן עולם זענען עגאַנגען גרופּעס פויערן צו אונזערע קאָרפּוסן. אַרום דער עלעקטראָ סטאַציע איז שוין געשטאַנען אַ געדיכטער יאַריד-טומל. פויערן ויערטעס און יונגוואַרג האָבן גרופּעסווייז זיך אַרומגעדרייט צוויש די קאָרפּוסן און איבערן הויף, באַטראַכט די שטאַלן, די וואַר שטאַטן, דעם קלוב, אין פלווידערנדיקע רעדלעך געשטאַנען צוויש די העכסטע ראַדיאָ-מאַסטן און פאַרריסן די קעפּ צו זייערע שפּיצן, וואו עס האָבן ווי ריזיקע זייפן-בלאָזן געפינקלט שטאַרקע יופּיטערס.

אין נעפּלהאַפטן בין-השמשות האָבן איבערן זומפּ פון טאָל יך געבומען קרייזלען בלויע רויכן, די בערגלעך, ווי זיי וואָלטן יך אַראָפּגעזעצט, זענען געוואָרן נידעריקער און ווייכער. די ערד האָט זיך באַוועגט און אַזוי ווי געפלאָסן צו אונז פון די האָריזאָנטן. דער הימל איז געווען אַ הייסער און פיאָלעטער. אין דעמדאָזיקן ווייכן, רויכיקן, בין-השמשות האָבן די מענטשן-מחנות אויסגעזען נישט קלאָר, נעפּלהאַפט. ווען זיי זענען אָנגעקומען פון פאַרשידע נע זייטן אין גרופּעס און איינציקווייז, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ויי וואַקסן אַרויס פון דער ערד, גייען-אויף פון די לאָנקעס און וועגן. זייערע שאָטנס האָבן געשימערט אין דער ווייטנס, זיך צו-

נויפגעגאָסן מיט די ווענן, און ערשט אין דער נאָענט, ייען עס האָט זיך דערהערט זייער קול און דאָס טופּען פון זייערע פיס. האָבן זיי אָנגענומען דאָס געשטאַלט פון לעבעדיקע מענטשן. עס האָט געשמעקט פון זיי מיט ערד און כאַטע.

וויעטראָוו איז נישט געווען: ער איז נאָך אינדערפרי צו־זאַמען מיט ראַגאַטקינען אַוועקגעפאָרן אין ראַיאָן אריין נאָך די פּאַרשטייער פון ראַט און פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. ער האָט פּאַראָרדנט נישט צו וואַרטן אויף זיך מיטן עפענען די עלעקטראָסטאַציע, נאָר צו לאָזן די עלעקטראָ־ענערגיע פּינקטלעך אַכט אַ זייגער. גוליאַקאַ האָט אַלץ באַזאָרגט אַליין. ער איז אַרומגעגאַנגען פון קאָרפּוס צו קאָרפּוס, אַ פאַרדאגהטער און אויפגערעגטער, אָבער שטאַרקער און זיכערער אין זיך. זיין איבערגעלעבטע פּאַרווירונג האָט זיך אַזוי ווי נישט אָנגעזען אויף אים, בלויז אין די אויגן איז נאָך נישט פאַרלאָשן געווען יענץ שוואַרצע פייערל, און זיין באַרעדעוו־דיקייט איז פאַרשוואונדן געוואָרן. ער האָט גערעדט נאָר אויס נויטווענדיקייט: אָפּגעהאַקטע ווערטער, קורץ, אַנטשלאָסן, נערוועז, די גאַנצע צייט צונויפגעדריקט די קין־באַקן, און מיר האָט זיך גע־דאַכט, אַז זיינע ציין קנאַקן און ברעכן זיך. די קאָמונאַרן האָבן קוים באַוויזן אָפּצועסן אָוונטברויט ווי זיי זענען אַלע אַוועק צו דער עלעקטראָסטאַציע. דאָס יונגוואַרג איז געגאַנגען טשאַטעסווייז מיט הייטערן געטומל און געלעכטער. די פויערן־קאָלווירטניקעס האָבן זיך באַגעגנט מיט די קאָמונאַרן, פריילעך שמועסנדיק איינער מיטן אַנדערן, זיך פּאַטשנדיק דערלאַנגט די הענט און לאַנג גע־טרייסלט מיט זיי, באַגייסטערט זיך פאַרכלינעט אין פריידיקער באַגעגעניש.

... מיט פּיאָטערן טרעף איך מיך יעדן טאָג, און ווער תמיד אומרויִק פון דידאָזיקע באַגעגענישן. ווען איך פיל אים לעבן מיר, ווערט מיין קערפּער דורכגעדרונגען מיט נאָך ביז אַצינד נישט געאַנטער גליקזעליקייט. ער גיסט זיך אינגאַנצן איבער אין מיר, און איך ווער אַן אַנדערע, נישט צום דערקענען. און ווען איך קוק אויף זיינע הענט, אויף זיינע מוסקוליעזע פּלייצעס, דערמאָן איך

מיך אָן זיין אַרומנעמען ביים אָוועקפאָרן, און דאָס האַרץ שטעלט זיך אָפּ אין מיר פאַר תענוג. און נישט ער, נאָר איך זוך די באַגעגענישן מיט אים. איך גיי יעדן אָוונט אַריין אין זיין צימערל, דעם בחורישמעסיק-ליידיקן, מיט די שטויסן ביכער אויפן טיש, און זיץ מיט אים אין דער פינסטער גאַנצע שעהן. איך האָב אַ פיינלעכן פאַרלאַנג, ער זאָל מיך נאָכאַמאָל אַזוי שטאַרק, אַזש ביז צום אויסגיין, אַרומנעמען ווי פריער, און ער — איז צוריקגעהאַלטן און צערטלעך מיט מיר, ווי אַ קינד.

און אַט בין איך אַליין אין איינעם פון דידאָזיקע טעג, שווייגנדיק, צוגעגאַנגען צו אים, אין דער פינסטער אַרומגענומען זיין קאָפּ און אים צוגעדריקט צו מיין ברוסט. מיין נישט אַנטשלאָסנקייט און שעמעוודיקייט זענען פאַרשלונגען געוואָרן דורך אַ טיפן זיפץ. פּיאָטר האָט זיך לכתחילה דערשראָקן, נאָר באַלד מיט אַ שרעקלעכער קראַפט מיך אַ כאַפּ-געטון, אַ וואָרף-געטון אינדערהייך, ווי אַ לייכט קינד, און אַוועקגעטראָגן אין דער הייסער פינסטערניש אַריין...

... אויפן ברייטן פּלאַץ פאַרן בנין פון דער עלעקטראָסטאַנציע איז פון אַ לענגערע צייט אָן געשטאַנען אַ צונויפגעקלאַפּטע טריבונע פון ברעטער. דאָ זענען עטלעכע מאָל אין יאָר איינגעאָרדנט געוואָרן פייערלעכע מיטינגען אין די טעג פון די רעוואָלוציאָנערע יום-טובים. אויף היינט איז אויך באַשלאָסן געווען צו פּראָקלאַמירן דאָס עפענען פון דער עלעקטראָסטאַנציע דורך אַ גרויסן מיטינג פון די קאָמונאַרן און פויערן. אינמיטן טומל און געדראַנג פון עולם האָט אויף דער טריבונע זיך באַוויזן באַנקין און אַ פּאָכע-געטון מיטן היטל. ער האָט מיט אַ שטיל, פלעגמאַטיש קול נעזאָגט עפּעס, זיך ווענדנדיק אין אַלע זייטן, און ווען דער עולם האָט זיך אַ ביסל באַרויִקט, האָט זיין מאַט קול זיך גענומען טראָגן איבערן המון:

— חברים, די אַרבעט אונזערע, בכלל און אין סך-הכל גענומען, איז פאַרענדיקט — אַלץ איז גרייט. מיר לאָזן באַלד דעם עלעקטרישן שטראָם. דאָ — געפינען זיך דעלעגאַציעס... קאָל-

ווירטניקעס און דאָרפישע... דאָס — איז אונזער אַלעמענס בשות־פותדיקע זאַך... יאָ! מיר בויען מיט פאַרטאָפּלטע כוחות אַ ניי לעבן אויף דער ערד... דעם סאָציאַליזם בויען מיר... אונזער באָל־שעוויסטישע פּאַרטיי און די סאָוויעטן־מאַכט... דאָ האַנדלט זיך, אין סך־הכל גענומען, אין דער גאַנצער וועלט... מיר ענדערן דאָס דאָרף ביזן וואָרצל... טעכניק!... די שטאָט און דאָס דאָרף — זע־נען איינס... מיר מוזן מיט פאַרטאָפּלטע כוחות... אויפן אַלגעמיינעם פראָנט...

דער המון האָט אָפּגעזיפּצט, זיך אַ וויג געטון, און גענומען אַפּלאָדירן. דאָס איז שוין געווען נישט דער זעלבער המון, וואָס אַמאָל. די פויערן זענען שוין פריי געווען פון דער מורא און אומ־צוטרוי, וואָס האָבן זיי פריער באַוואויגן זיך אָפּצושליסן און טראָגן אין געהיים אַ שנאה צו אונז. פריער פלעגן זיי קומען צו אונז אומגערן, זיך שרעקנדיק: מען זאָל זיי אַמאָל נישט צונעמען זייער איינגעזעסענע נעסט מיט דעם פּיצל אָרימע ערד, אויף וועלכן זיי האָבן מיט קאַטאָרזשנער מי זיך געמאַטערט לויט דער טראַדיציע פון זייערע זיידעס. אַצינד זענען זיי שוין געקומען צו אונז יעדן טאָג, און דער פלאַץ פאַר דער מיל איז פאַרצוימט געווען פון פערד, די לופט האָט געאָטעמט מיט פערדישן שווייס און אָפּפאַל, און אין דער קאַנצעלאַריע פון ראַט און אין פאַרשידענע ערטער פון אַרבעט האָבן זיך געוואָרפן אין אויג דאָרפישע קאַפּטנס און שובעס. מענטשן פלעגן גרופּעסוויז קומען נאָך אינפאָרמאַציעס, נאָך הילף, נאָך מאַשינען, נאָך אָנפירער פאַר זייער קאָלווירטישער באַלעבאַ־טישקייט. אונזערע פרויען־בריגאַדעס האָבן אָרגאַניזירט אין די דערפער קינדער־היימען און שול־פונקטן, און אונזערע מיידלעך און פרויען פון די קינדער־אינסטיטוציעס האָבן דאָרט געאַרבעט ווי אינסטרוקטאָרינס. נאָר אין דידאָזיקע נייע קאָלווירטן איז נאָך בסדר געווען אומרויִק. דאָס לעבן האָט זיך נאָך נישט געהאַט איינ־געשטעלט, די קאָלווירטן האָבן אַזוי ווי געליטן פון קראַנקהייט, און יעדער איינער האָט געפיבערט. און בלויז אונזער אומדערמידלע־כע זאָרג און הילף, וואַכזאַמע באַציִונג צו זייערע פאַרשידענע

אויפרעגונגען און ספקות, טיפּע קענטעניש פון זייער לעבן — האָבן ביסלעכווייז באַפעסטיקט די נייע פאָרמען פון זייער באַלעבאַטישן סדר. די אָנפירער פון די קאָלווירטן, די יוגנט און אַלע אַקטיווע כּוחות, זענען שוין געווען טריי איבערגעגעבן דער אידעע פון קאָלעקטיוויזאַציע און פאַרבונדן מיט אונז אין פעסטער פריינטשאַפט. אָבער דער פיינדלעכער כּוח האָט אומאויפהערלעך, אין געהיים פאַרסמט די לופט פון די קאָלווירטן, און די מענטשן האָבן צוליב פאַרשידענע נישטיקייטן זיך געבונטעוועט. דער קליינבאַזיצער האָט געזייעט אומרו: דער שונא איז אַרומגעקראָכן אין דערדאָזיקער ראַטלאָזער מאַסע און זי צעפרעסן, ווי לייז. דעמדאָזיקן שונא האָבן מיר געקענט, עס האָבן אים געקענט אויך די קאָלווירטניקעס. אין דידאָזיקע טעג איז אויף אַ רייע פאַרזאַמלונגען געשטעלט געוואָרן די פראַגע וועגן דערוויטערן בוראַקאָוון און די איבעריקע קולאַקעס פון קאָלעקטיוויזאַציע-ראַיאָן און קאָנפיסקירן זייער פאַרמעגן. דאָס איז געווען אַ פיינלעכע און געפערלעכע אַרבעט. אין דער קאָמונע זענען דערהאַלטן געוואָרן עטלעכע אַנאָנימען מיט נקמה-דראָונגען. אין דידאָזיקע בריוו איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז צווישן אונזערע קאָמונאַרן געפינען זיך מענטשן, וואָס האָסן די קאָמונע, און וועלן גיין אויף אַלץ, כּדי צו פאַרניכטן זי מיט פייער, מיט מאָרד, מיט שעדיקונג.

ווען מיר זענען אַרומגעפאָרן איבער די דערפער צוליב פּראָפּאַגאַנדע, האָבן די פרויען און פויערטעס — באַזונדערס די פויערטעס — נישט געגלייבט, אַז מיר וועלן לעבן אָן נאַפט, אָן פאַרקאָפּטשעטע גלעזלעך, אַז אונזערע לעמפּלעך וועלן אויגנבליקלעך, צו יעדער צייט, סיי בייטאָג, סיי באַנאַכט זיך אַליין אָנצינדן, אַז אין די וואַרשטאַטן, אין די שייערס און אין אַלע ערטער ביי די מאַשינען, וואו מען האָט זיך פריער באַהאָלפן מיט פערד אָדער מענטשן-קראַפט, וועט אַצינד אָנגעווענדט ווערן עלעקטריע. זייער אַ סך זענען נאָך קיינמאָל נישט געהאַט אַרויסגעפאָרן פון זייער דאָרף, נישט געהאַט קיין שום פאָרשטעלונג וועגן עלעקטראָ-ענערגיע. און וועגן אַעראָפּלאַנען האָבן זיי דערציילט בלויז קאָמישע

מעשהלעך. איבער אונזער הימל זענען קיין אַעראָפּלאַנען קיינמאָל נישט געפלויגן און נישט געזונגען זייערע שטורעם-לידער. און אַט אַצינד זענען די אַלע מחנותווייז זיך צונויפגעפאָרן פון דער גאַנצער געגנט, כדי צו זעען דאָס וואונדער. מיר האָבן געוואוסט, אַז די געשעעניש איז אַן אויסנעמלעכע: אַז די פייערן וועלן פאַרבלענדן די מענטשן מיט זייער פלוצלינגדיקער שטראָמיקייט און גלאַנץ, אַז מיר, קאָמונאַרן, וועלן אין זייער באַוואוסטזיין אויך זיך צעפינקלען אין פייערן, אונזער קראַפט וועט זיין פאַר זיי אַן אומבאַזיגבאַרע, אַן ענלעכע צו אַ דונער פון הימל. איך האָב געוואוסט, אַז אַ סך זענען אַהערגעקומען מיט אומצוטרוי און זייען דעמדאָזיקן אומצוטרוי צווישן אַנדערע: אַ סך מענטשן האָבן מיט אַ פאַרטייעטן, שלויען חוזק-שמייכעלע אונז נאָכגעפאָרשט ווי שאַרלאַטאַנעס.

און ווען עס וואָלט זיך פלוצלינג געמאַכט עפעס אַ שטערונג, די עלעקטריע וואָלט זיך דעם אָוונט נישט אָנגעצינדן, וואָלטן די אַלע מהנות זיך אויסגעלאַכט און מיטאַמאָל זיך פאַרוואַנדלט אין אונזערע פאַרביסענע שונאים. די גאַנצע אַרבעט אונזערע אין די דערפער וואָלט איבערגעריסן געוואָרן, און מיר וואָלטן זיך שוין נישט געקאָנט ווייזן אויף די אויגן פאַר דידאָזיקע פויערן און פויערטעס: זיי וואָלטן אונז פאַרוואָרפן מיט שטיינער און מיר וואָלטן געמוזט בלייבן זיצן אין אונזער קאָמונע, ווי אין אַ באַלאַגערט פעסטונג.

איך האָב מיך דורכגעשטופּט דורכן עולם יונגוואַרג, וואָס איז באַשטאַנען פון אונזעריקע און דאָרפישע. די דעלעגאַטן פון די קאָלווירטן און פשוטע פויערן און פויערטעס זענען אַריינגעגאַנגען אין בנין פון דער עלעקטראָסטאַציע מיט פאָרזיכטיקייט און שרעקיק אויסגעשטרעקט די העלזער. און ווען זיי זענען אַרויסגעקומען פון דאָרט, האָבן זייערע פנימער אין בלויען בין-השמשות אויסגעדריקט צעטומלטקייט, פאַרוואונדערונג און געפלעפטע פאַרלעגנהייט. אין עולם האָט מען זיי גלייך אַרומגערינגלט, צוגעדריקט, פאַרטויבט מיט נייגעריקע פראַגן, און זיי האָבן, באַלעבטע, מיט

גלאַנציקע אויגן, איילִיק, ווי זיי וואָלטן זיך געבריט מיט די ווער-
טער, גערעדט, זשעסטיקולירט, ווי זיי וואָלטן דערציילט מעשיות,
פון וועלכע דער אָטעם ווערט פאַרכאַפּט. און די פּנימער פון דעמ-
דאָזיקן צונויפגעשטופּטן המון זענען פאַרגליווערט געוואָרן אין ניי-
געריקייט און אומגעווייניטלעכער אָנשטרענגונג פון געדאַנק.

מאַטריאָשאַ האָט זיך געדרייט אַרום מיר, נישט אָפּגעטרעטן
אויף קיין רגע און געאָטעמט האַסטיק און אָפּגעהאַקט, ווי זי וואָלט
זיך כסדר געבריט, זי האָט זיך געבראָכן די הענט און גערעדט
מיט אַ ציטערדיק קול :

— איך וועל היינט נעכטיקן ביי דיר, האַליאַ... און דערנאָך...
צו דער מאַמען וועל איך מיך שוין נישט אומקערן... איך האָב סיי-
ווי די לעצטע צייט בלויז ביי פרעמדע מענטשן זיך אויפגעהאַלטן...

די יוגנט האָט זיך געהאַלטן צוזאַמען, אין חברותא, פריי-
לעך און טומלדיק. מען האָט געטריבן שפּאַס, געלאַכט, געזונגען
לידער. דער עולם האָט זיך אומרויִק באַוועגט. געפירט געשפּרעכן,
ווי אויף אַ דאָרפישער פאַרזאַמלונג.

אויף אַ פּשוטן אופן, אפילו אַזוי ווי אומבאַמערקט, האָבן
מיט דורכדרינגלעכער אומגעריכטקייט זיך אָנגעצונדן די פייערן, —
אויפגעפלאַמט ווי אַ בליץ, אַלעמען פאַרבלענדט און פאַרגליווערט
געבליבן אין שטראַלנדיקער ליכטיקייט. פון פאַרשידענע זייטן האָבן
זיך דערהערט אויסגעשרייען פון פרויען. דער המון האָט אַ ציטער-
געטון און פאַרשטימט געוואָרן — זיך איינגעשרומפּן אין פאַרגלי-
ווערונג. אַ וואַלד פון היטלען, טיכלעך, אַקסלען און פּנימער האָבן
זיך אָנגעצונדן מיטן העלן ליכט פון ביר-רויזן אויף דער זון. דער-
נאָך האָבן די מענטשן אין פּאַנישער שרעק זיך גענומען רוקן צו-
ריק, און באַלד ווידער אַ שטראָם-געטון פאָרויס. דער וואַלד פון קעפּ
און אַקסלען האָט זיך אַ וויג געטון, גענומען באַוועגן, אויפגיין
מיט גערויש, ווי אַ ווינט וואָלט זיך אָנגעטראָגן אויף אים. ערגעץ
אינדערהייך האָט טויב געזעצט אַ ריזיקע פּויק.

די לופט איז געוואָרן תהום-טיף און נעפּלדיק-רויט. און אין
ווערדאָזיקער טיפער פינסטערניש האָבן מיט דורכדרינגלעך-שאַרפע,

אומדערטרעגלעך-העלע שטראַלן-שפּיזן גענומען לייכטן זייער הויך צווי ריזיקע שטערן — דאָס האָבן געברענט די יופּיטערס אויף די שפּיצן פון די ראַדיאָ-מאַסטן. פון דער זייט פון הויף, צווישן די קאָרפּוסן, זענען געלאָפן מיידעלעך, פרויען, יונגעלייט און געשריגן, שטיקנדיק זיך פון פרייד:

— זיי ברענען!... זיי ברענען!... אין אַלע צימערן... אַלע לעמפּלעך! אויך אין די קאָרידאָרן!...

און זיי האָבן געלאַכט, און געפּאָכעט מיט די הענט, און געשריגן אָן ווערטער, בלויז מיט די העלזער, זיך פאַרכלינעט, נישט וויסנדיק ווי אַזוי אויסצודריקן זייער פרייד.

איך האָב אויך אינגאַנצן אויפגעפלאַמט צוזאַמען מיט דעמדאָזיקן וואונדערבאַרן ליכט. איך האָב דורכגעלעבט דאָ אַנדערהאַלבן יאָר, — געלעבט אין חושך פון די בלינדע נעכט, איבערפולטע מיט אומהיימלעכע שאָטנס, אומקלאָרע פאָרגעפילן. איך האָב מיך דאָ אויסגעלערנט מורא האָבן פאַר די אין נאַכט-געהילטע שטחים, אומדערגרינטלעכער שטילקייט און געהיימנישפולע געשאָרכן. מעגלעך, אַז די תהום-טיפע שטילקייט און די מאָדנע געשאָרכן אין דער פינסטערניש — דאָס איז אַ באַזונדער פאַרבאָרגן לעבן, וואָס קאָן פאָרקומען בלויז אין טיפע שעהן פון גרויסן פינסטערן שווייגן, — נאָר איך פלעג פלאַטערן, האָרכנדיק זי, אַ פאַרזונקענע אין איר, און פלעג לויפן צום ליכט פון פייערל אין מיין צימער, אַ פאַרפאָלגטע פון שרעק. די פינסטערניש פון די נעכט האָט געאָטעמט פאַר מיר מיטן אַנגסט פון איינזאַמקייט. דאָס ליכט פון פייער האָט מיך צונויפגעבונדן מיט די מענטשן און מיט דער וועלט מיט ממשותדיקע, פשוטע, הייסע פעדים. דאָס עלעקטרישע ליכט פון שטאָט איז שוין געווען פאַר מיר זייער ווייט, נישט רעאַל, ווי אַ דערינערונג, ווי די געשפּענסטיקע זעאונגען פון אַ בייזן חלום. און אָט אַצינד האָב איך מיט דער זעלבער אויפרעגונג, ווי דידאָזיקע מענטשן, געוואַרט אויף דעם אויגנבליקלעכן אויפפלאַמען פון די בלענדנדיקע קאָנסטעלאַציעס אין דעם אָוונטיקן, אַש-קאָליריקן ביןהשמשות, — געוואַרט מיט אַ פאַרשטאָרבן האַרץ. מיר האָט זיך

געדאַכט, אַז צוזאַמען מיט דערדאָזיקער גרויסער געשעעניש מוז פּאַר־קומען עפּעס אומגעווייטלעכס און וויכטיקס, וואָס וועט באַווירקן די מענטשן אויפן גאַנצן לעבן. איך האָב דערזען ברייט־געעפנטע, פאַרוואונדערטע אויגן און שטומען אויסגעשריי אויף די פּנימער, און דידאָזיקע אויגן זענען פאַרבלענדט געווען, ווי די אויגן פון נאַכט־פייגל. איך האָב מיך געריכט, אַז אָט־אָט וועט דידאָזיקע גאַנצע מחנה זיך אַ וואָרף־טון צו די פייערדיק־לויכטנדע פענס־טער פון דער עלעקטראָסטאַציע, וואו עס גלאַנצט אין זוניקער טיפעניש דער שטורמיש־באַפליגלטער דיזעל מיט זיין מעטאַל, — זיך אַ וואָרף־טון מיט איר גאַנצער מאַסע, מיט געשרייען, יללות און ווילדע קולות, ווי אין אַ שרפה. מיט געקלאַנג וועלן צע־שפּרינגען ווערן די שויבן פון די פענסטער, און די מענטשן וועלן אין געווירבל פון הייסן שטויב טרעטן, שטיקן איינע די אַנדערע, ווי אין דער צייט פון אַ מאַסן־פּאַניק. נאָר די מענטשן האָבן, פאַרכישופטע און פאַרבלענדטע, געשוויגן, — אָן איבעררייס, אין פאַרגליווערונג געקוקט אויף די פייערן, אויף די פלאַמענדיקע פענסטער און געשמייכלט — געשמייכלט פּשוט, ווי קינדער, אין הילפלאָזער באַגייסטערונג. זיי האָבן זיך דורכגעשמועסט שטיל, כּמעט פליסטערנדיק.

— זע נאָר, זע סאַראַ מאַשין!... עס ברענט, ציטערט נישט. אַ קונץ דאָס איז!

— און דו זעץ אַרויס די אויגענעס: קוק ווי עס פייערט... ווי עס פאַרנעמט זיך! אַ לאָקאָמאָטיוו!...

— דאָס פייער — איז ביי איר אַ קאַלטס. פייער פון אַ מאַ־שין, פאַלש פייער. קיין שרפה מאַכן קאָן עס נישט.

עמעצער האָט זיך פאַרכליניעט אין באַגייסטערטן לאַכן:

— אָט אַזוי זענען מיר דאָך אויך עפּעס!... מיר פויערן!... וואָס שטייסטו — וואָס לויבסטו נישט? טיפּש! מען האָט די שטאָט גע־בּרענגט אין דאָרף אַריין צו שלעפּן... ווי געפעלט עס דיר?

— וואָס מיר — שטאָט? אין שטאָט — האָבן זיי דאָס געגווג.

נאָר פון דעם פייער ווערן זיי בלינד: פון דער נאָענט זעען זיי, אָבער פון דער ווייטנס — נישט. טראָגן זיי דערפאַר ברילן:

— מען וועט דאָ אויך הייסן אָנטון — וועסט זעען. מען וועט אַזאַ באַשלוס אָננעמען. עס איז דאָך מיט די ווייבער אויך אַזוי געווען: געהייסן אָפּשערן אַלע, וואָס פאַרזאַמלען זיך אינאיינעם, און ביי די מענער — די וואָנסעס מיט די בערד.

עמעצער האָט זיך באַליידיקט און אַריין אין צאָרן.

— ווען איז דאָס געווען? באַווייז! נו? ׳מען וואָלט דיך אַליין, נאַרישער שעפּס, געדאַרפט אָפּשערן, זאָלסט נישט שטינקען...

די פרויען זענען געווען אויפגערעגט און דערשראָקן. דאָס יונגוואַרג האָט זיך פייערלעך פאַרזאַמלט אין ׳רעדלעך, געלאַכט, אַריבערגעלאָפן פון איין אָרט אויפן אַנדערן, געשטשירעט די ציין. די מיידלעך און בחורים האָבן געטריבן שפּאַס צווישן זיך און גע־פלירטעוועט.

איבערן וועג פון פעלד זענען אָנגעקומען מענטשן — זיי זע־נען אויך געלאָפן, ווי אויף אַ שרפה, מיט אַרויסגעסטאַרטשעטע אויגן. געאָטעמט שווער און סאַפּענדיק. אין פיאָלעטן בין־השמשות זענען פאַרשטיקט געבליבן ווייטע אויסגעשרייען, עס האָט טויב אָפּגעקלונגען אָן דער ערד אַ טופּעריי פון אַ סך פיס. קינדערלעך האָבן זיך אַפּערגעגליטשט פון אונטער די לויפנדיקע, און איבער־יאָגנדיק איינע די אַנדערע, אַוועק צו די פייערן. און דידאָזיקע מענטשן, וואָס זענען אָנגעקומען פון דער פיאָלעטער פינסטערניש, האָבן געווימלט ווי טונקעלע שאָטנס, געטריבן פון ווינט. זיי זע־נען אויפגעקומען פון די פעלדער, אַרויסגעוואַקסן פון דער ערד, אויפגעוועקטע פון דער ליכטיקייט, און זייערע פּנימער האָבן נאָך פון דער ווייטנס געשימערט ווי פייערדיקער בראָנז. דאָרט, אין דער רויִקער, נאַכטיקער ליידיקייט, זענען דידאָזיקע מחנות טריב צעשוואומען געוואָרן אין דעם שוואַרצן חושך פון די פּאַשע־פעלדער. זיי האָבן אָנגענומען געשטאַלט און געשפּרייזט ווי לעבעדיקע פּי־גורן ערשט אין שטח פון פלייצנדיקן ליכט. אויפגעשטאַנענע אין דער טיפעניש פון פעלדער, זענען זיי געלאָפן אַהער, צו דערדאָזיקער

העלער אילומינאַציע פון די פייערן, איבערראַשטע, אויפגערודערטע, אָפּגעבריטע פון דער שטראַלנדיקער ליכטיקייט. די קאָמוניסטן האָבן געקוקט אויף דעמדאָזיקן אָנפלוס פון די מענטשן, אַליין אויפגערודערט געוואָרן, און זיי אויפגענומען שווייגנדיק, מיט פאַרוואונדערונג, ווי זיי וואָלטן אַליין איבערראַשט געווען פון דעם אומגעווייניטלעכן צושטראָם פון די מאַסן, וואָס זענען אָנגעקומען פון די פעלדער און פון דער פינסטערניש אַרויס.

און די פייערן האָבן אומדערטערגלעך שאַרף געשניטן די בלויע פינסטערניש מיט זייערע בלענדנדיקע שטראַלן. זיי זענען זיך אומעטום צעפלויגן אין אַ געדיכטן רויך, אַרומגעטראָגן זיך אין דער לופט אי הויך איבער די דעכער פון די בנינים, אי נידעריק איבער דער ערד צווישן די קאָרפּוסן. די גאַנצע קאָמונע האָט געפלאַקערט אין פייער, און די שטערן אין הימל זענען צעגאַנגען, אויסגעטרוקנט געוואָרן אין גלאַנץ פון אונזערע פאַרגליווערטע בליצן. דידאָזיקע נאַכטיקע פעלדער, די אין טאָל אויסגעלאָשענע דערפלעך האָבן זיך שוין אָנגעהויבן אויסטשוכען, ווי שלעפעריקע, דערשראָקענע הינער. זיי פּאַטשן אין שרעק מיט די פליגל און פליען מיט אַ געקוואָקעריי אין אונזער פייערדיקן סאָד אַריין, פאַרבלענדטע פון דער ליכטיקייט, און מיטגעריסענע פון איר, ווי פון אַ שטורעם־ווינט. דער גאַנצער פּלאַץ האָט שוין געשווימלט מיט מענטשן, עס איז געווען ענג, טומלדיק און שווער צו אָטעמען. דאָס האָט דערמאַנט אָן דער פּסחדיקער יום־טובדיקייט פון די אַמאָליקע יאָרן — אָן דער נאַכט פון שבת־הגדול. נאָר דאָס איז געווען אַן אומגעווייניטלעכע יום־טובדיטייק. די מחנות, איבערראַשטע פון דעם גרויסן רעטעניש, האָבן געשוויגן, און דאָסדאָזיקע שווייגן איז געווען טיף, פון אינעווייניק אַרויס, ווי דאָס אָטעמען. איך קען נישט אויסדריקן, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין מיין נשמה. איבערן האַרץ זענען דורכגעגאַנגען כוואַליעס פון הייסער, שמערצלעכער באַגייסטערונג. מיר האָט זיך געגלוסט שרייען, וואַרפן זיך אויפן האַלז די אַלע מענטשן. דידאָזיקע כוואַליעס האָבן זיך געפליעסקעט אין דער ברוסט און פאַרשנורעוועט דעם האַלז. מינוטנווייז האָבן דידאָזיקע מחנות אין פייער זיך אויך אָנגעהויבן

פליעסקען אין מיינע אויגן, ווירבלדיק דרייען זיך, און מיר האָט זיך שטאַרק געוואָלט אויסשרייען צו זיי עפּעס אַ וואָרט, וואָס זאָל זיי דערשיטערן. לעבן מיר זענען געשטאַנען טישקאַ, נאַטאַשאַ און לושאַ. די טשושקינאַ איז, ווי אין אַ תּפילה, געווען אָנגעבויגן פאָרויס צו די פייערן. די זשיזשיקאָוואַ האָט זיך געהאַלטן אומבאַוועגלעך און פייערלעך שטרענג, ווי ביי אַ רעליגיעזער צערעמאָניע.

איך האָב פּלוצלינג דערזען, אַז נאַטאַשאַ וויינט, און לושאַ האָט זיך איינגעגראָבן מיטן קאָפּ אין איר אַקסל, און איר מעוברתער קערפּער טרייסלט זיך שלוכצנדיק. די טשושקינאַ איז מיט פּאַמעלעכע טריט, ווי אַ מאַמע, צוגעגאַנגען צו זיי און שווייגנדיק אַזוי ווי פאַרגליווערט געוואָרן אין שטומען מיטגעפיל. איבער איר פּנים זענען געגאַנגען טרערן און אַראָפּגעפאַלן פון דער גאָמבע. די זשיזשיקאָוואַ האָט זיך אפילו נישט אויסגעדרייט צו זיי — זי איז כּסדר געשטאַנען אַזוי, אַ שטרענגע און פייערלעכע. טישקאַ האָט זיך אַ רודער-געטון, אַזוי ווי עפּעס אַראָפּגעשלונגען, צעשטרייט געטראַכט אַ ווײַלע, און פּלוצלינג, פאָכענדיק מיט די הענט, זיך אַ וואָרף געטון אין דער מחנה אַריין. צו מיר האָט זיך דערטראָגן בלויז זיין אָפּגעריסן קול:

— דאָס איז דאָך... דער טייוול זאָל עס נעמען!... איך ווייס גאָרנישט... וואָס זיי האָבן זיך צעיאָכמעט!...

די מענער האָבן געקוואַקעט און אונטערגעהוסט, אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און אַוועקגעגאַנגען:

— דאָס ווייבער-פאָלק!... אומעטום זענען זיי די אייגענע...

און סיי דידאָזיקע מענטשן, סיי דער אומגעוויינטלעכער בין-השמשות, סיי די פייערן, וועלכע זענען קיינמאָל נישט געווען, האָבן מיר אויסגעזען ווי עפּעס נישט רעאַלס, לעגענדאַריש, ווי עפּעס אַן אומוואָרשיינלעכע זעאונג, וואָס חזרט זיך קיינמאָל נישט איבער. און דאָס שטראָמענדיקע ליכט, און די מענטשן, וואָס זענען איבעררײַשטע, געקומען צו לויפן צו אונז, און די בלויע טיפקייט פון הימל, האָבן מיך פאַרפּלייצט, איינגעשלונגען, אויפגעלייזט אין זיך.

— וואָס איז דאָס אַזוינס ?... וואָס קומט עס פאַר אין מיין לעבן ?... פאַרוואָס בין איך אַזוי נישטיק און דאָך אַזוי גליקלעך ?...

און אַ ספּאַזמאַטיש שלוכצן האָט מיר פאַרשנורעוועט דעם האַלז.

און נאַטאַשע מיט לושען, און די טשושקינאַ מיט דער זשי־זשיקאָווען האָבן מיר אויך אויסגעזען אומגעוויינטלעך. יאָ, דאָס זענען שוין געווען נישט יענע פרויען, וועלכע איך פלעג זעען יעדן טאָג, מיט פאַרזאָרגטע פּנימער, פאַרנומענע ביי זייער אַרבעט. דאָס זענען געווען פרויען, וועלכע איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געהאַט געזען אין מיין לעבן. די אַלע אויפגעפלאַקערטע לעמפּ־לעך, — אי איבער די ציגל־ווענט פון די בנינים, אי אויף די סלופּעס איבער די שוימיק־קאָכנדיקע קעפּ פון המון, אי אויף די אַנטענעס, — האָבן ווי די ליכטיקסטע שטערן געברענט נישט סתּם אַזוי, נישט דערפאַר, וואָס עמעצער האָט דאָרט פאַראייניקט דעם קאָנטאַקט אין דער בלישטשענדיקער טיפעניש פון דער עלעקטראָ־סטאַציע. פאַר מיר זענען געשטאַנען מענטשן, וואָס די וועלט האָט אויפגעפלאַמט אין זייערע נשמות מיט נאָך ביז אַצינד נישט גע־ועענע פייערן, און אויף אייביק פאַרברענט די נעכט פון זייער לעבן. זיי האָבן זיך געריכט אויף דידאָזיקע פייערן, געלעבט מיט דער האָפענונג אויף דערדאָזיקער געשעעניש, נאָר פאַר זיי, פּשוטע מענטשן פון דער ערד, איז דידאָזיקע באַלייכטונג געווען אַ זאַך, וואָס האָט איבערגעשטיגן זייערע כּוחות.

עס האָט אַ פליי־געטון אויף מיר אַ ברייטע כוואַליע און פיך אַ טראָג־געטון אינדערהייך, צו דידאָזיקע פייערן אונזערע, דערנאָך מיך אַ וואָרף־געטון אין דער מחנה אַריין און ווידער — צוריק. מיין אָטעם איז פאַרכאַפּט געווען אי פון גליק, אי פון טרערן. דידאָזיקע מחנות האָבן געוואָרט אויף מיר, זיי האָבן מיך געוואָלט זעען און הערן מיינע אויסגעשרייען. איך געדענק, ווי איך בין געלאָפן פאָרויס, צו דער עלעקטראָסטאַציע, פונאַנדער־שטופנדיק די מענטשן, אַרויפטרעטנדיק אויף זייערע פיס, און

נישט געהערס, וועגן וואָס דידאָזיקע מענטשן האָבן געשריגן — צי זיי האָבן זיך געבייזערט אויף מיר, געזידלט מיך, אָדער מיר צוגעגעבן מוט. אין מיינע אויערן איז בלויז געשטאַנען אַ טומל און גערויש, און איך בין פאַרבלענדט געווען פון דעם שפּרודלענדיקן ליכט. איך האָב מיך געטראָגן אומבאַוואוסטזיניק, ווי אַ מבולבל: מיר איז נייטיק געווען שוין, אומפאַרזוימט, זיך אויפצוהייבן איבער דידאָזיקע מאַסן און מיט דער פולער ברוסט אויסצושרייען עפּעס אַ פלאַמענדיקן רוף. איך האָב נישט געוואוסט, וואָס פאַר אַ ווערטער איך וועל זיי אַ וואָרף־טון, און איך האָב געפילט, אַז איך לויף אָן אַן אָטעם, מיט פאַרצווייפלונג, מיט אַ פייער אין דער נשמה. איך מוז אַרויפלויפן אויף דער טריבונע — שוין — אין דעם אויגנבליק, אַנדערש וועט זיין שפּעט, און איך וועל פאַרלירן אין לעבן עפּעס אַ גרויסע זאַך, וואָס חזרט זיך קיינמאָל נישט איבער, און זיך אַליין אויף אייביק פאַרלירן.

מיט צעשויבערטע האָר, מיט אַ שמערצלעך געפיל פון אומגעוויינטלעכער פרייד און דערשיטערונג, בין איך, ווי מיט פליגל, אַרויף אויף דער טריבונע און פון אימפּעט זיך אַ קלאַפּ־געטון אין פּאַרענטש. איך געדענק בלויז אָפּגעריסענע ווערטער, וועלכע איך האָב אַ וואָרף־געטון אין דער מחנה פון בערדיקע פויערן און פויערטעס אין טיכלעך. מעגלעך, אַז איך האָב גערעדט גאָרנישט דאָס, וואָס איז מיר געבליבן אין זכרון, נאָר עפּעס אַנדערש. מעגלעך, אַז דאָס איז בלויז אַ שוואַכע אָפּשפּיגלונג פון דעס, וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין די מינוטן. איך האָב מיך אַ וואָרף־געטון אַקעגן דידאָזיקע מענטשן, אויפגעכאַפּט געוואָרן פון זייערע כוואַליעס, און געברומט פון באַגייסטערונג, און דידאָזיקע מאַסן מענטשן האָבן זיך אויך געשווענקט אָן מיר, פייערדיקע, קאָכנדיקע, אומגעוויינטלעכע, — אַזעלכע, וואָס געפינען זיך נישט אין געוויינטלעכן אַרבעטס־לעבן.

ווי אין חלום האָב איך דערפילט דאָס הודזשען פון פייערדיקע הוראַגאַנען און אויסגעשרייען פון אַ ריזיקער מחנה. מען האָט מיך געדריקט פון אַלע זייטן, געאָטעמט מיר אין פנים אַריין,

עמעצער האָט מיך אונטערגעהאַלטן אונטער דער האַנט. לויט דעם ריח פון די האָר, האָב איך דערקענט מאַטריאָשען. געקומען צו זיך בין איך לעבן דער וואַנט פון דער עלעקטראָסטאַציע, אין אַ רעדל זויערטעס, וועלכע איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געהאַט געזען.

אויף דער טריבונע האָבן זיך געשטופּט מענער און פרויען. עמעצער פון זיי האָט געשריגן מיט אַ הייזעריק קול:

— איז אַט, חברים און פריינט... זענען מיר מחויב צו גיין... נאָר צו ברידערלעכקייט... קאַפּוט מיט אַלעם אַנדערן!... פאַר די בוראַקאָווס איז ביי אונז מער קיין אָרט נישטאָ... זעט אונזער דאָרף, ווי היינטערשטעליק עס איז געבליבן... לאָמיר גיין צוזאַמען!... נישטאָ מער קיין כּוח... קיין אַנדערער אויסוועג... צום טייוול דאָס אַלטע לעבן!... איבערמאַכן זיך דאַרף מען... איבערבויען זיך!... ביי אונזער סאָציאַליזם איז דאָס אַלטע לעבן אונזערס — אַ קבר... עס איז שווער?... אָבער דער מלוכה אונזערער איז אויך שווער... וואָרים... חברים... וואו איז דער פּריץ, וואָס זאָל אונז אַרויס־העלפן? די פּריצים האָבן אונז שוין די ביינער צעגריזשעט... זיי וואָלטן אונז אַזוי געהאָלפן, אַז מיר וואָלטן זיך געמעגט אונטערגאַרטלען... הונדערט מאָל וואָלטן זיי פון אונז די הויט געשינדן... פריער איז געווען „מאַמאָנע", און אַצינד איז — די קאָמונע... ווייסט איינס, אַז דער גאַנצער כּוח און די גאַנצע מאַכט — געפינט זיך אַצינד אין די הענט פון אַרבעטער־קלאַס... דאָס הייסט, אין די הענט פון אייך און אונז... עס איז נישטאָ קיין שווערערע זאַך, ווי זיך צו שטיצן אויף די אייגענע כּוחות... די אייגענע אַרבעט איז אַ שווערע, דערפאַר אָבער איז דאָס בלוט הייס...

אַ פרוי האָט עפּעס אויסגעשריגן, און איר אויסשרייען איז אויך געווען פייערלעך.

פּלוצלינג איז פאָרגעקומען עפּעס אַן איבעררייס. די מחנה האָט זיך אַ וויג־געטון. אויף דער טריבונע זענען די מענטשן שטיל־געבליבן. דערנאָך האָט אַלץ זיך גענומען רוקן צוריק, אָפּ־טרעטן.

— וויעטראָוו, וויעטראָוו?... אַנדריי סעמיאָניטש!... הייבט

אים, קינדערלעך !... הייבט אים !... דער חבר ראָגאַטקין !... זיי זענען געקומען !... נעמט זיי !... הייבט זיי !...

און אינמיטן פון די אויסגעשרייען און טופּעריי פון דער מחנה האָב איך דערזען ווי וויעטראָוו און ראָגאַטקין זענען ווי ועק געפלויגן אינדערהייך איבער די קעפּ פון אויפגערעגטן עולם. אויף אַ ווײַלע האָב איך דערזען זייערע פּנימער — פאַרזאָרגטע און דערשראָקענע.

דערנאָך האָט מען אויף די הענט זיי אַוועקגעטראָגן צו דער טריבונע. דער עולם האָט זיך געלאָזט לויפן נאָך זיי. אומעטום האָבן זיך דערהערט אויסגעשרייען פון די פויערן און פויערטעס.

ווען מען האָט וויעטראָוון אַרויפגעטראָגן אויף דער טריבונע, האָב איך מיך דורכגעשטופּט צו אים דורכן געדיכטן עולם, דורך די הייסע רוקנס און פּלייצעס. אויף דער פּלאַטפאָרם זענען גע־שטאַנען אונזערע ראַיאָן־אַרבעטער. זייערע פּנימער זענען געווען ערנסט און שטרענג.

וויעטראָוו האָט מיך דערזען און אויסגעשטרעקט די האַנט, כדי מיך אַרומצונעמען, נאָר איך האָב מיך אָפּגערוקט פון אים.

— נו, וואָס איז דאָס, האַליאַ ?... אָבער וואָס איז דער חילוק ?...דאָרט האָט מיך דאָס ווייב אָפּגעוואַרט... כאַפּט עס דער טייוול !... אַ שיין ווייב... איבעריקנס, איך זאָג ליגנט... וואָס איז דער חילוק ?... דערשיסן זי האָט זיך מיר געגלוסט, אזוי איז זי מיר אין דער לעבער אַריין...

איך האָב מיך נאָך קילער אָפּגערוקט פון אים, אַן אומפּריינט־לעכע און פרעמדע. איך האָב מורא געהאַט, אַז ער זאָל ווידער נישט פּרוּוון מיך אַרומנעמען, ער האָט מיט באַליידיקטער פאַרוואונ־דערונג אויפגענומען מיין בליק, און דער קנייטש אויף זיין באַק איז געוואָרן אַלץ פאַרשטיינערטער און גרויזאַמער.

— אַנדריי סעמיאָניטש !... — קעגן מיין ווילן האָט אין מיינע ווערטער זיך געהערט אַ טאָן פון געלעכטער. — אַנדריי סעמיאָניטש ! וואַרף אַוועק די אַלע שפּילערייען און צערטלעכקייטן. ערנסט, עס וועט פון דעם אַלעם גאָרנישט אַרויסקומען. אָט האַלסטו אַלץ

אין איין אָרגאַניזירן און רעגולירן. אָבער דער מענטש איז — אַן אייגנאַרטיקע זאַך, — זיין אינערלעך וועזן אָרגאַניזירן און ראַציאָנאַליזירן וועט זיך דיר בשום אופן נישט איינגעבן. דאָס איז נישט אַזוי איינפאַך, וויעטראָוו. דו ביסט טאַקע אַ וואוילער חברהמאַן און וואונדערבאַרער ווירטשאַפטלער, אָבער די מענטשלעכע געפילן גיבן זיך נישט אונטער דיין אָרגאַניזאַטאָרישן טאַלאַנט. די פסיכיק אַנטוויקלט זיך אויסער אַלע מעטאָדן פון דיין ראַציאָנאַליזאַציע. אויף דעם געביט — פּאַלסטו כסדר דורך. גוליאַקאַ איז אין דער הינזיכט — קליגער פון דיר. פּיאָטר — איז אַ פּולבלוטיקער חברה־מאַן... האַ? נו, גיי, וויעטראָוו, — עפן דעם מיטינג.

אַ מאַכטלאָזער און רעוואָלטירנדיקער, האָט ער נישט אָפּגעריסן פון מיר זיינע אויגן, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער וועט נישט אויסהאַלטן און אַרויסקרעכצן.

אויף דער טריבונע האָט גערעדט ראָגאַטקין, איבערצייגנדיק און שטאַרק אַקצענטירנדיק די ווערטער; און דידאָזיקע ווערטער זענען געווען זייער וואָגיקע און שלאָגפערטיקע. איך האָב געזען, ווי ער האָט נאָך יעדן וואָרט זייגעם אַ שטויס־געטון די לופט מיטן ליולקעלע, ווי ער וואָלט ענערגיש געקלאַפּט טשוועקעס מיט אַ האַמער.

סוף

צו אונזערע לייענער!

מיטן פערטן באַנד פון דער „יידישער אוניווערסאַל-ביבליאָטעק" קומט דאָס באַרימטע ווערק פון גרויסן רוסישן דיכטער **באָריס פּילניאַק**

„די וואָלגע פאַלט אריין אין קאַספּישן ים"

יידיש: שלמה שיינבערג

באָריס אַנדרעעוויטש פּילניאַק (זיין אמתער פאַמיליען-נאָמען וואָגאַו) איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1894. זיין פאָטער איז געווען אַ וועטערינאַר-דאָקטאָר, ער האָט געשטאַמט פון די דייטשע קאָלאָניסטן ביי דער וואָלגע. זיין מוטער האָט געשטאַמט פון אַ סוחרישער פאַמיליע. אין יאָר 1913 האָט פּילניאַק געענדיקט די רעאַל-שולע אין ניזשני-נאָווגאָראָד און אין 1920—דעם מאָסקווער קאָמערץ-אינסטיטוט.

אין פּילניאַקס שאַפן זעען זיך קענטיקע שפּורן פון דער אַלטער אַדעליקער ליטעראַטור. דער ווייכער, לירישער טאָן, דאָס באַאַרבעטן דעם ליבע-סיוזשעט, דער זאָרגפעלטיק-באַשריבענער פּייזאַזש, די שטרעבונג איבערצוגעבן די דינסטע ניואַנסן פון די שטימונגען, די דורכזיכטיקייט און געטאָקטקייט פון דער שפּראַך.

די נייע רעוואָלוציאָנערע ווירקלעכקייט האָט מיטגעהאָלפן, אַז פּילניאַקס טעמאַטיק זאָל ווערן אויסגעברייטערט: ער באַהאַנדלט און שטעלט אַוועק פראַגן פון געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער, שילדערנדיק די רעוואָלוציע.

„די וואָלגע פאַלט אריין אין קאַספּישן ים" וויקלט פונאַנדער אַ גראַנדיעז בילד פון דער רוסישער ווירקלעכקייט און פאַרכאַפּט דעם אינטערעס פון לייענער—סיי מיטן רייכן אינהאַלט, סיי מיט דער מייסטערשאַפט פון דער וואָרט-קונסט.

בלוט אויף די ווענן

I.

ביי טאָג האָבן זיי געגראָבן שוץ־גראָבנס נאָך דער סטאַנציע, אין פעלד, און ביינאַכט — זיך אַלע פאַרזאַמלט אויפן פּלאַץ, פאַרן רעוווקאָם. די זעלנער זענען געקומען מיט זייערע ביקסן און רוקנזעק און זיך געהאַלטן שטרענג און וויכטיק־באַשעפטיקט. אַזוי האָבן זיי, מסתמא, אויך זיך געהאַלטן אין דער מלחמה און דידאָזיקע געוואוינהייט מיטגעבראַכט אַהיים. די ציווילע האָט מען אַרויסגעגעבן די ביקסן אין רעוווקאָם, און זיי האָבן לאַנג נישט געוואוסט וואָס מיט זיי צו טון: געקלונגען מיט די שלעסער, אויפגעהויבן צום אַקסל און זיך געצילט אין הימל אַריין. די זעלנער האָבן געשריגן אויף זיי און געשאָלטן אין דער מאַמען אַריין.

און עס איז גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז דאָרט, נאָך דער סטאַנציע, נאָך די ווייטע בערגלעך און כוואַליענדיקע טאָלן, נישט מיט די אויסגעטרעטענע וועגן, נאָר איבערן גרינעם האָבער און פרישן־אויפגייענדיקער ווינטער־תבואה, רוקן זיך, ווי אַ געדיכטער היישעריק, אַלץ נענטער די ווייסע מחנות פון אָפיצירן, פריצים און קאָזאַקן. און עס איז גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז דידאָזיקע נאַכטיקע שטילקייט מיט אירע שטערן, וואָס גייען־אויף, ווי אַ ליכטיקער שטויב איבער דער צערקווע מיט די טאָפּאָל־ביימער, מיט אירע גלי־ווערים, וואָס טראָגן זיך אַרום ווי אָנגעצונדענע ליכטלעך איבער דער ערד, איז אָנגעזאַפּט מיט אומהיימלעכקייט און פחד פאַר דער שרעקלעכער גרויזאַמקייט פון די קאָזאַקן. אַלץ איז געווען אַזוי פשוט און געוויינטלעך: עס דרימלט די צערקווע קעגנאיבער, אינמיטן פּלאַץ, די טאָפּאָל־ביימער אויפן בולוואַר רייניקן זייערע בלעטער, ווי פייגל, דאָס געעפנטע פענסטער פון רעוווקאָם — איז העל־באַלויכטן, קריסטאָל־ריין קלינגען די רעדער פון אַ פאַרשפּעטיקטן וואָגן, מונטער קוקעט אַ קוקאַווקע אויפן וואָקזאַל...

ווייט דאָרטן נאָכן פּלאַץ שרייען מעלאָדיש זיך איבער די פּאַטראָלן אין די שמאָלע געסלעך:

— ווער גייט?...

דאָס אַלץ זענען געווען אייגענע חברהלייט: סיי די זעלנער, סיי די פּויערן, סיי די דאָרפס-בחורים. טיטקאַ האָט זיי אַלע גע-קענט פון זיין קינדהייט אָן: זיי אַלע האָבן אויך, ווי ער, טיטקאַ, יעדן טאָג געטון זייער פּויערישע אַרבעט, און יעדער פון זיי איז נישט אָפּטיילבאַר געווען פון זיין נעסט, ווי אַ לעבעדיקע אומ-רויִקע טייל אירע. און בייטאָג, ווען זיי אַלע האָבן געגראָבן די שוץ-גראָבנס אין פעלד, האָבן זיי דאָס געטון אויך אַזוי טריי און זאָרגעוודיק, ווי זייער געוויינטלעכע אַרבעט אין באַלעבאַטישקייט, און גערעדט נישט וועגן די ווייסע, נישט וועגן קאַמף, נאָר וועגן זייערע אייגענע ענינים, וועגן קליינינקייטן, וועגן פּשוטן און פּאַר-שטענדלעכן — וועגן זייער ערד, וועגן זייער באַלעבאַטישקייט, וועגן זייערע נויטן. אָט ווי זיי וואָלטן זיך דאָ אויך אַצינד געהאַט פאַרזאַמלט צוליב אַ בשותּפותדיקער דאָרפישער אַרבעט.

דער העלער פּאַס ליכטיקייט פון געעפנטן פענסטער איז גע-פאַלן גלייך אויפן טאָפּאָל-בוים אין גערטל. פון איין זייט איז דער בוים געווען באַלויכטן, און פון דער צווייטער זייט — שוואַרץ. איבערן וועג האָט זיך געצייכנט זיין שאָטנדיקער צווייגן-געפלאָנ-טער און זיך אויסגעמישט מיט דער פינסטערניש פון פּלאַץ. אין דעם ליליאַ אַש-קאָלירקן שטויב פון וועג איז געשטאַנען אַ מאַשין-געווער מיטן אָנבליק פון אַ יאַשטשערקע. זיצנדיק טשיפּקע אין אַ רעדל, אָנגעשפּאַרט אויף די ביקסן, האָבן די זעלנער געמיטלעך געשמועסט צווישן זיך.

אין צימער האָט געברענט אַ הענגל-לאָמפּ מיט אַ ווייסן אַבאַזשור. עס האָט, ווי תּמיד, געזויגן זיין אויסגערייכערט שטיקל פּאַפּיראָס — דער ברודער ניקיפאָר גמירא, דער רעווקאָם-פּאָרזיצער, שווער אָטעמענדיק מיט זיין ברייטער ברוסט, און געשריגן אויף די זאַלדאַטן ביים טיש.

דער זעלנער שעפּטוכאָוו האָט געדרייט מיט זיין חזיריש

מאָרדעלע, ווייבעריש געפּלוידערט און אונטערגעוואוּנקען מיט איין אייגל אין גמירעס זייט אַריין :

— די הויט וועלן מיר שינדן, קעצישער זון !... היט אייך, פאַרשאָלטענע !...

טיטקאַ איז אַוועקגעגאַנגען פון פענסטער און אין ווינקל, ביים גאַניק, זיך אָנגעשטויסן אָן אַ צונויפגעדרייטן מענטש מיט אַ ביקס. ער האָט זיך אָנגעבויגן און דערקענט דעם לערער. ביי דעם לערער טאַקע האָט ער זיך דעם לעצטן ווינטער אין די אָוונטן געלערנט.

— וואָס טוט איר דאָ ?... אַ שעפּס אָן דער סטאַדע ?

— פאַרוואָס — אַ שעפּס ?... סתם אַזוי... אָט זיץ איך מיר און קלער... אפשר איז דאָס שוין די לעצטע נאַכט מיינע... און איך קאָן נישט קלערן...

— וועגן וואָס, חבר, דו זאָלסט נישט קלערן, און דיין זאַך טוען מוזסטו...

— לאָז מיך אָפּ, טיט...

טיטקאַ איז אַוועקגעגאַנגען פון אים און אַ לאַך־געטון.

אים איז גאָרנישט איינגעפאַלן צו טראַכטן. וועגן וואָס איז דאָ צו טראַכטן ? אַלץ איז דאָך אַזוי קלאָר און איינפאַך ! אַלע זע־נען דאָ צוזאַמען, בלויז אייגענע, און עס איז אַזוי גוט און רויק אויף דער נשמה. ער איז אַוועקגעגאַנגען צו די חברהלייט. זיי האָבן געשטיפּט מיט די ביקסן. ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין זייער קופּע. גענומען ברייט שאַרן מיט די הענט, ברומענדיק פון דאָרשטיקן פאַרלאַנג נאָך באַוועגונג.

פון וואָקזאַל, פון דעם פאַנצער־צוג, זענען אָנגעקומען צוויי רייטערס : אַ מאַטראָס און אַ יינגל מיט אַ ביקס אויף די פּלייצעס. דער עולם האָט זיך אַ לאָז־געטון צו זיי און זיי אַרומגערינגלט. דער מאַטראָס האָט דורכגענומען אַלע מיט זיין שאַרפן בליק, זיך אויסגעצויגן, סאַלוטירט און זיך צעלאַכט.

— מלחמה־האַלטערס !... אין אייער מאַמען אַריין !... וועט

איר אונטערהינקען – וועלן מיר פון געפּאַנצערטן צוג איבער די קעפּ קנאַלן... פאַרמירן זיך – שנעלער !... לאָזט דורך !...

און ער איז אַ האַרטער, ווי אַ געגאָסענער פון אייזן, אַריינ־געגאַנגען אין רעווקאָם.

אַן אומהיימלעכקייט האָט געברענגט מיט זיך דערדאָזיקער מענטש. מען האָט דערפילט – עס האָט אָנגערוקט אַ וויכטיקע שעה. אויסגעשטעלט איבערן וועג, האָט מען אָנגעהויבן זיך פאַרמירן אין רייען.

טיטקאַ איז צוגעגאַנגען צו די פערד. זיי האָבן געדרייט מיט די מאָרדעס, געבלאָזן מיט די נאָזלעכער, געכראַפּעט. זייער פעל האָט געשימערט אין דער ליכטיקייט און געגלאַנצט ווי פּערלמוּ־טער. טיטקאַ האָט מיט ליבשאַפט און געצירטקייט געקוקט אויף די חיות, געגלעט און געפּאַטשט זיי איבער די רוקנס, צווישן די פיס, איבער די העלזער, זיך קוויקנדיק מיט דער קערנדיקער וואַרעמ־קייט פון זייערע מוסקולן. ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיין ברוין בייכיק אַרבעטס־פערדל. עס קייעט אַצינד אָבריק אונטער דער שאָ־פּע. עס האָט געצומען ברויזן מיט פרייער וואוילערישקייט אין דער נשמה. זיין גורל איז שוין באַשטימט: די גרענעץ, וועלכע ער האָט אַריבערגעטרעטן, וועט ער שוין נישט צוריק אַריבערגיין.

דאָס יינגל האָט אים עזותדיק אַ שמיר־געטון מיט דער נאַ־הייקע. ער האָט, ווי אַ דערוואַקסענער, געצומען ברומען שטרענג און בריהשדיק :

– נו ?... וואָס איז אַזוינס – רעוואָלוציע ? ענטפער !...

– גיי צום טייוול !... נאָך ביי דער ערד, און שטופּט זיך שוין...

– אָבער ענטפער, וואָס איז אַזוינס – רעוואָלוציע... אין אויפשטאַנד ביסטו געווען ? אין אַ קאַמף מיט אָפיצירן געווען ? יויסע – געשאָסן ? נו ?

– נו ? צעלייגער מיינער ! איך בין ערגער פון דיר ?

– מסתמא... דו ביסט נאָך אַ גרינער, און איך בין אין דער רעוואָלוציע שוין אַ יאָר. פון דער היים אַנטלאָפן... די שול אַוועק־געוואָרפן... מיין טאַטן האָט מען אין כאַרקאָוו דערשאָסן... אַ באַך

אַרבעטער געווען... און איך האָב מיר געזאָגט: איך וועל זיי ווי מייז אויסראָטן... ביזן סוף!... און אָט מיט דער ביקס האָב איך אַליין שוין דערשאָסן צוויי אָפיצירן מיט אַ פּאָפּ. און איך וועל זיי נאָך שלאָגן... שלאָגן זיי!... שלאָגן ביזן לעצטן!...

ער האָט זיך אָנגעבויגן אויפן זאָטל, זיין פּנים איז איינגע-פאַלן, האָט באַקומען אַ ווילדן אויסדרוק. די אויגן האָבן אָנגענו-מען די פאָרם פון שוואַרצע לעכלעך.

סאַראַ בייזער!...

— צי איז דיר גאָרנישט שרעקלעך... ווען דאָס געדויערט אַזוי כּסדר?...

דאָס יינגל האָט אַ קוק-געטון אויף אים זייטיק, פויגליש.

— נאָכוואָס פרעגסטו?... טפש!... ענטפער, וואָס איז אַזוינס — רעוואָלוציע!

II.

מען איז אַרויסגעטרעטן אין אָפּטיילונגען איינע נאָך דער צווייטער. שעפּטוכאָוו האָט אָנגעפירט מיט דער אָפּטיילונג, אין וועלכער עס האָבן זיך געפינען טיטקאָ און דער לערער. זיי האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען, אַקסל ביי אַקסל. דער לערער איז געגאַנ-גען נישט צום טאַקט, כּסדר זיך געדריקט צו אים און פיבערדיק געציטערט. און טיטקען האָט זיך געדאַכט, אַז זיי גייען נישט אויף קיין שלאַכט, נאָר אין פעלד אַריין, אויף ביינאַכט. די זעלנער האָבן שטיל געשמועסט צווישן זיך און דערמאַנט דעם דייטשישן פראָנט

זיי זענען געגאַנגען אין דער פינסטערניש און אומהיימלע-כער שטילקייט. אין ערגעץ איבערן דאָרף האָט זיך נישט געזען קיין ליכט, און נישט געהערט דאָס שושקען אין די טיפענישן פון די הייפלעך, ווי עס פלעגט געוויינטלעך געשען אין די פרילינגס-נעכט, וואָס האָבן געשמעקט מיט גראָז, שטויב און זיסלעכער אויס-דעמפונג פון טייך. ערשט גאָרנישט לאַנג האָבן לעבן די ווינט-מילן

יעדן אָוונט די מיידלעך געזונגען אַזוי טרויעריק, און דעמאָלט האָט ויך געדאַכט, אַז די שטערן הערן זיי אויס און צעשטראַלן זיך אין טרערן. און ווען זיי זענען שטיל געבליבן — האָט זיך געגלוסט צו קוקן אין הימל אַריין און טראַכטן וועגן לאַנג-פאַרגאַנגענעם, — וועגן דעם, וואָס מען האָט געחלומט אין דער קינדהייט און אין וואָס מען גלייבט נאָך אַצינד אויך. נאָר אָפּגעשטאָרבן זענען די קלאַנגען פון באַלעבאַטישער זאָרגלאָזיקייט און זאַטער צופרידנקייט. עס איז אָנגעקומען אַ גרויסע, אַ סטיכישע צייט, וואָס האָט אַלץ פאַרכאַפּט און מיטגעריסן מיט זיך.

די זעלנער האָבן אויפגערודערט די שטילקייט און פינסטערניש, זיך אַרויסגעזאָגט וועגן דערדאָזיקער שלעכט-פאַרזאָגנדיקער טויטקייט אַזוי:

— אָט ווי זיי האָבן אָפּגעצויגן, די פאַרשאָלטענע... ווי זיי וואָלטן אויסגעשטאָרבן... שאַרפן דאָרט ערגעץ די קינזשאַלן... דעם ווײדל פאַרבויגן — און ווי אַ קאַץ דורכן פענסטער...

— דעם ווײדל פאַרבויגן, און די קעפּ איבערגעלאָזט... זיי מאַכן שוין איינמאָל פּיס, די גענעראַלן !... באַווייזן זיך אפילו נישט אומצוקוקן...

— און דו וואָס האָסט געמיינט ? מיר — פון איין זייט... אונזערע פאַנצער-צוגן — פון דער צווייטער...

— זיי, די טייוולאָנים, זענען פאַר אונז קיין אייגענע נישט... מיר אַליין וועלן אומקומען, אויב מיר וועלן זיי די קעפּ נישט אַראָפּהאַקן...

עס האָט זיך געגלוסט צו לאַכן, נאָר מען האָט זיך איינגעהאַלטן — און דאָך געלאַכט.

זיי זענען געגאַנגען איבערן וועג, קוקנדיק מיט שאַרפע אויגן אין אַלע זייטן : יעדע כאַטע אין אַ הייפל, אין אַ סאָד, אַרומגעגאַרטלט מיט אַקאַציע-ביימלעך, האָט זיך אָנגערוקט אויף זיי ווי אַ קבר, אין יעדער איינער פון דידאָזיקע כאַטעס איז געלעגן פאַרבאָרגן אַ שרעקלעכע חיהשע געהיימניש : אָט וועט פּלוצלינג דאָרט עפּעס אַ קרעכץ-טון, אונטער די אַקאַציעס אָדער אין די אומגע-

זעענע פענסטער, און עס וועט זיך אָנהייבן דאָס בלוטיקע געראַנגלעניש.

שעפּטוכאָוו איז אַרויסגעלאָפן פאָרויס פאַר זיין אָפּטיילונג, ווי תמיד, גענומען פויקן מיט זיינע ווערטער איבער די רייען, און טיטקען האָט זיך געדאַכט, אַז ער דרייט מיט זיין חזיריש מאָרדע־לע, ווינקט־אונטער מיט אַן אייגל און שטשירעט ציין:

- די הויט וועט מען שינדן, פאַרשאָלטענע!... לערער, דרייסטער, קעצישער זון!... דאָס מויל – פאָרויס, דעם קאָפּ – אַהינטער!... טיט, גיי דרעשן – דער בויך טוט מיר וויי... טיט־גיי אין דער מלחמה אַריין – כ׳וועל די פיס נישט דערשלעפּן... כאַ־כאַ!...

און דידאָזיקע פלוידעריי זיינע האָט געמאַכט, אַז טיטס פּנים זאָל זיך קרימען פון געלעכטער. דער אומרו און טונקעלע אומ־היימלעכקייט זענען, ווי מייז, פאַרפאַלן געוואָרן אין דער פינסטער־ניש, און דער הימל איז ווידער געוואָרן פּשוט און נאָענט, ווי אין דער קינדהייט, און האָט געקלונגען מיט זיינע שטערן.

דער לערער האָט זיך געטוליעט צו טיטקען, זיך געקורטשעט. אין זיין ברוסט האָט זיך עפּעס געצאַפּלט:

– דו האָסט נישט קיין מורא, טיט?

און ער האָט נידעריק אָנגעבויגן דעם קאָפּ.

– איך ווייס נישט... אַז איך גיי – האָב איך דאָך נישט קיין מורא. ווען איך שטיי – האָב איך מורא, ווען איך גיי – האָב אין נישט קיין מורא.

– און איך האָב מורא... כאָטש איך גיי, האָב איך דאָך מורא... און אינדערהיים – איז נאָך שרעקלעכער...

טיטקאַ האָט זיך אַוועקגעדרייט, זיך אָפּגערוקט אָן אַ זייט פון לערער. עס איז געווען שווער און אומהיימלעך לעבן אים.

„פאַרוואָס־זשע איז ער געגאַנגען – האָט מיט פאַרוואונדע־רונג געטראַכט טיטקאַ. – ער גייט און גייט נישט... ער וועט נישט אויסהאַלטן"...

דער לערער האָט זיך אָנגעהויבן אונטערגעבן מוט און זיך האַלטן גלייך, אָבער דאָס איז אים נישט געלונגען: ער איז באַלד

צוריק אַראָפּגעפאַלן בײַ זיך, און אין האַרץ האָט זיך ווידער צע־קוואַקעט די זשאַבע.

— עס גלוסט זיך דאָך נישט שטאַרבן, טיט, דער טײַוול זאָל עס נעמען... עס גלוסט זיך לעבן און אַלץ זען און זיך מיטבאַטײַליקן... דאָס איז אַ קעסל־גרוב, טיט!... עס האָט אַ פּלײַץ־געטון דער שטראָם, פאַרכאַפּט אונז אַלע און אַ שלײַדער־געטון אין סאַמע תהום אַרײַן... דאָס איז אומפאַרמײַדלעך, טיט, דאָס איז אַ געזעץ... אָבער ס'איז שווער און שרעקלעך צו אָנערקענען די אײגענע נישטיקײַט, די אײגענע אומבאַהאָלפנקײַט לגבי דעם גורל... עס פלאַקערט דער קאַמף... אומעטום... דאָס איז אַ הוראַגאַן!... נײַן, דאָס איז אפילו נישט קײן קאַמף, נאָר עפּעס אַנדערש — דאָס, וואָס איז העכער פון אונז. און אַלע מענטשן זענען ווי שטויב, וואָס אַ ווינט האָט אויפגעהויבן... און דער שטויב טראַכט: דאָס האָב איך געשאַפן דעמדאָזיקן שטורעם!... און וואַרפט זיך אַרײַן אינם מיט זײַן פלאַמענדיקן דראַנג נאָך קאַמף... ריכטיקער — מיט זײַן גרײטקײַט צו ברענגען קרבנות... דו פאַרשטײסט מיך, טיט?...

— איך ווײס נישט... צי איך פאַרשטײ דאָס יאָ, צי נישט... איך ווײס אײנס: אונזער אמת — איז אונזער לעבן. פאַרוואָרפן אַ שטריק אויפן האַלז פון דײַן אמת — וואַרף דיך אין קאַמף און שלאָג מיט וואָס דו קאָנסט. אַזוי דאַרף מען!... דער אמת — איז ווי דער אַקער: ער דרײט איבער אַלץ צוזאַמען מיט די וואָרצלען. אַקערזשע, און פרעג קײן קשיות נישט...

— דו — ביסט מײַן שילער, טיט... אָבער די פאַרשאָלטענע פראַגן פאַרענטפערסטו פּשוטער און עפּעס אַזוי ווי אײגנאַרטיק קליגער און דעצידירטער... און איך געדענק דאָך דיך ווי אַ שטילן און פרידלעכן בחור... וואָס וועט אפילו קײן וואָרעם אויף דער וואַנט נישט פאַרטשעפּען...

— אַ וואָרעם איז עפּעס אַנדערש... אָבער דער קאָזאַק — איז אונזער שונא... ער וויל די פרײַהײַט באַגראָבן... דאָס האָט דער ברודער ניקיפאָר בעזאָגט. דער ברודער ניקיפאָר האָט אַ זון געליטן אין דער מלחמה... און לײַדט נאָך אַצינד אויך... איר גע

דענקט וואָס ניקיפאָר האָט מיטן מיליטער־עלטסטן גוזיא אין וואַגאָן געטון?... מיט די זעלנער?... אַרויסגעוואָרפן אים אינמיטן גאַנג פון צוג... און אַליין — אים נאָכגעשפּרונגען... געמיינט — דאָס וועט נאָך ווייניק זיין פאַר אים...

— קעגן וואָס דערציילסטו דאָס?

— סתם אַזוי...

— נאָר ווען עס וואָלט דיר אַזוי אויסגעקומען... לאָמיר זאָגן, אין איצטיקן פאַל... עמעצער פון זיי, פון די ווייסע?...

— נו, איז וואָס? וואָלט איך אויך נישט אַנדערש... ווי דען זשע?...

דער לערער איז שטיל געבליבן, זיך איינגעקורטשעט און ווידער אָנגעהויבן ציטערן, ווי אים וואָלט זייער קאַלט געווען.

איידער זיי זענען צוגעקומען צו דער ווינט־מיל אין עק דאָרף, האָבן זיי באַגעגנט צוויי רייטער־פּאַטראָלן. לעבן דער ווינט־מיל האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט און אַרויסגעשיקט אויסשפּירער צום נאָענטסטן פּאָסטן. די ווינט־מיל איז געשטאַנען ווי אַ לעבעדיקער, אין דער פינסטער־דראָענדיקער, ריז. זי איז געשטאַנעןביים וועג און דראָענדיק אויפגעהויבן אינדערהייך אירע אויסגעשפּרייטע הענט. און וואָס טוט זיך דאָרט אינעווייניק אין איר?

גאָר אומגעריכט איז צוגעקומען צו טיטקען אַ מי... האָט זי דערקענט נישט לויטן אָנבליק, נאָר לויט דער באַוועגונג, לויטן נערוועזן ציטער פון אירע הענט. ער האָט זיך אַ ביסל דערשראָקן פון איר אומגעריכטן, שווייגנדיקן זיך צושאַרן צו אים.

זי האָט שטיל געלאַכט און ווידער זיך צוגערירט צו אים.

— דאָס — בין איך, — דוניאַ... וואָס, זעלנער, האָסטו דיך דערשראָקן?... איך האָב דיך געזוכט... און דערקענט... כאָטש איך זע נישט, דאָך דערקענט...

— וואָס טוסטו דאָ? מע מעג דען?... גיי אַהיים!...

— אָט האָסטו דיר!... איך גיי דאָך — אַלס שוועסטער ביסט בלינד? אָט האָסטו דאָך באַנדאַזשן... זעסט?

זי האָט אויפגעהויבן אַ פּעקעלע צו זיין פּנים און ווידער זיך צעלאַכט.

— איך בין דאָך אַ שוועסטער... מיר זענען דאָ — נאָך פינף מיידלעך. יענע — געפינען זיך דאָרט, פון הינטן, און איך בין צו־געלאָפן צו דיר.

— נאָכוואָס דאַרפסטו מיך?

— גלאַט אַזוי, איך האָב דיך געפינען, און שוין...

און זי האָט ווידער שטיל און פאַרטרוילעך זיך צעלאַכט.

טיטקאַ האָט אַ קוק־געטון אויף איר און אַצינד דייטלעך דער־זען דאָס קליינע, דאַרינקע מיידל, אָנגעטון אין אַ קורץ קליידל, אין אַ טיכל אויפן קאָפּ, וואָס איז געווען אַרומגעשוירן אין אַ פּאָלקע.

— מע וועט דיך דערהרגענען, שדל קליינס! וואָלסט בע־סער אַהיימגעגאַנגען!...

— נאַדיר ווייטער אַ שיינע זאַך!... מיך וועט מען דערהרגע־נען, און אים וועט מען שוינען. איך — בין אַ שוועסטער... און איר אַלע וועט ליידן... דו וועסט דיך געפינען אונטער די קוילן, און איך — וואָס... ווער דאַרף מיך? מע וועט עמעצן פאַרוואונדן, וועל איך באַנדאַזשירן. די מאַמע מיינע האָט געוויינט, זיד די האָר פון קאָפּ געריסן, און איך בין דאָך געגאַנגען...

און זי האָט זיך ווידער שטיל צעלאַכט און שטיפנדיק אים אַ קלאַפּ־געטון מיטן פּעקעלע איבערן פּנים.

— אַ נאַריש מיידל ביסטו!...

און ביז צו די גראָבנס זענען זיי שוין געגאַנגען צוזאַמען, און געגאַנגען נישט אַזוי ווי צו אַ שלאַכט, נאָר ווי אויף נאַכט־פּאַשע אין פעלד אַריין.

III.

דאָס גריבל איז געווען אַ קליינס, די גרייס פון אַ טאָפּ. טיטקאַ האָט עס אויסגעגראָבן טיפער און ברייטער, און דאָס בערגל

ערד פאַר זיך געמאַכט העכער. דער לערער האָט זיך איינגעאָרדנט אין שכנות און זייער לאַנג זיך געפּאָרעט מיטן לאָפּעטקעלע. און דערנאָך, ווען ער האָט זיך באַרויִקט, איז ער שווייגנדיק געבליבן זיצן אין זיין גריבל, אָבער אינעווייניק אין אים האָט עפּעס גע־קאָכט און געזאָטן. ווען מען האָט זיי פונאַנדערגעטיילט איבער די גראָבנס, האָט ער זיך אַ וואָרף־געטון צו טיטקען, אים אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און געזאָגט, זיך פאַרהיקענדיק:

— איך האָב מורא, טיט... כ׳האָב מורא, כ׳וועל נישט אויס־האַלטן די אומגעבונג פון דער שלאַכט...

ביי אים האָט עפּעס זיך אָפּגעריסן אין האַלז און געגומען שלוקעכצן, און טיטקאַ האָט נישט געוואוסט, צי דאָס וויינט ער אַזוי אָדער הוסט אונטער.

— אויב עס וועט עפּעס געשען מיט מיר... אַזעלכעס... טיט... זאָלסטו מיר העלפן... ווי פילסטו דיך?...

טיטקאַ האָט נישט געענטפערט דעם לערער — עס האָט זיך נישט געגלוסט, און ער האָט אויך גאָרנישט געקאָנט זאָגן. האָט מען דען געקאָנט איבערגעבן דאָס, וואָס ער האָט איבערגעלעבט?

די נשמה איז פאַרכאַפּט געווען פון ווייטיק, נייגיריקייט, דערוואַרטונג, אומקלאָרן פחד פאַר דער געהיימניש, וואָס איז פאַר־באָרגן געווען אין דער פינסטערניש.

דאָס פרישע גריבל האָט געשמעקט מיט פרילינגדיקער פייכ־טער ערד און האָניק־זאַפט פון יונגן האָבער. עס האָט געאָטעמט מיט פאַרשיכורנדיקן ריח פון פריש־אויסגעגראָבענע ריבן, און נאָענט און ווייט, זיך אויפהייבנדיק צו די שטערן, האָט אין כאָר געקלונגען דאָס געזאַנג פון די פעלד־גרילן. עס איז געווען אַזוי גוט און היימלעך. אָבער פון דער פינסטערניש אַרויס האָט געדראָט עפּעס גרויזאַמס און בראשיתדיקס. פון נישט ווייט דאָרט, פון אונ־טער די בערגלעך און טאָלן, אומגעזעענע און נישט צום אָפּהאַלטן, רוקט זיך אַהער אַ ווילדע מחנה מיט ביקסן, פולעמיאָטן און האַר־מאַטן. און נישט מיט די אויסגעטרעטענע וועגן גייט זי, נאָר אי־בער די פעלדער און לאָנקעס, פאַרבאָרגן אין דער פינסטערניש.

קאָזאַקן און פּריצים ! פּונוואַנען און ווען וועלן זיי אַרויסקומען, כּדי אָנצופאַלן אויף זיי מיט צאָרן און וועלפישער אכזריות ? אומ־זיניקע, — זיי ווייסן נישט, אַז קענגן זיי שטייט דער אמת אַליין !... דער אמת און דער טויט שטייען לעבן טיטקען, און אין זיין נשמה וואַקסט כוואַליעסוויז די באַגייסטערונג.

איבערן פּראָנט, אין ביידע זייטן פון טיטקען, זענען די מענטשן געלעגן שטיל, און עס האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן גע־שלאָפן. בלויז דעמאָלט, ווען עס האָט עמעצער אַ הוסט־געטון אָדער זיך דורכגעשמועסט, האָט טיטקאַ געפילט, אַז זיי קוקן אויך, אַזוי ווי ער, מיט שאַרפע אויגן אין דער פינסטערניש אַריין און וואַרטן אויך אַזוי פיינפול און אָנגעשטרענגט.

עס איז דורכגעגאַנגען עטלעכע מאָל שעפּטוכאָוו און אַ ברום־געטון, ווי זיין שטייגער איז געווען :

— דו ביסט עס, טיט ?... קעצישער זון !... דו ליגסט ?... דאָס מויל — פאַרויס, די אויגן — אויפן שטערן !...

ווי פריער, אויפן וועג, האָט אויך אַצינד דוניאַ, ווי אַ ...יך צוגעשאַרט און אַוועקגעזעצט לעבן אים.

— עס וועט זיך שוין, טיטאַק, מסתמא באַלד אָנהייבן... אין וויל אַ ביסל זיין מיט דיר... מיר — איז דאָך גאָרנישט... אַזוי ווי איך בין, אַזוי וועל איך בלייבן... אָבער דו — ביסט אויפן טויט אויסגעשטעלט...

— די קויל מאַכט דאָך קיין חילוק נישט צווישן מיר אָדער דיר... נאַרעלע !...

— נאַדיר ווייטער אַ שיינס !... דו — ביסט מיט אַ ביקס, אין שלאַכט... און איך וועל, ווי אַ קעצל, אַרומקריכן און די וואונדן אָפּלעקן... ווי איך בין, אַזוי וועל איך בלייבן...

טיטקאַ האָט זיך אומגעקוקט אויף איר און אַ שמייכל־געטון, „זי פאַרשטייט נישט... דאָס נאַרעלע”...

— דו, טיטאַק, גיסט אַוועק דיין לעבן... פאַר דער פריי־הייט, פאַר די אַרבעטנדיקע... פאַר אונזער סאָוויעטישער מאַכט... און איך — וואָס... וואָס קאָן איך טון ? דו זאָגסט — די קויל

מאַכט נישט קיין חילוק... אויב מיין טויט איז נייטיק, וועל איך אפילו קיין צאַפּל נישט טון... אָבער דאָס וועט דאָך נישט זיין — אַ פּחדנטע בין איך: איך וועל בלויז אַרומקריכן און די וואונדן באַנדאַזשירן !...

און אין איר שטיל קול, אין איר גאַנץ דאַר פיגורל האָט טיטקאַ דערפילט אַזאַ אָפּזאָגן זיך פון אייגענעם איך, אַזאַ בענקשאַפט זיך מקריב צו זיין, אַז זיינע אויגן זענען פול געוואָרן מיט טרערן אויס רחמנות, און ער האָט זיך דערפילט זייער שולדיק קעגן איר. ער האָט פאַרשטאַנען נישט מיטן קאָפּ, נאָר מיט זיין גאַנץ אינערלעך וועזן, אַז זי איז געקומען צו אים, כדי אים אָוועקצוגעבן אַלץ, וואָס ער האָט פאַרלאַנגט פון איר און וואָס זי קאָן געבן. און זי האָט אים אַרומגערינגלט מיט אַזוי פיל היימישקייט און נאָענטקייט, אַז אין זיין ברוסט האָט אַ שטראָם-געטון אַ כוואַליע פון באַגייס־טערונג און פאַרוואונדערונג פאַר איר. אָט איז זי אויך געקומען — ווייסט אויך נישט פון קיין מורא, איר נשמה האָט זיך אויך דער־קענט אויפן אמת.

ער האָט זי אַרומגענומען מיט איין האַנט און צוגעדריקט צו זיך.

— מען וועט דיך דערהרגענען, דוניאַ... דו וועסט אומקו־מען... גיי אַהיים !...

זי האָט גענומען זיין קאָפּ, דוניאַ, צוגעדריקט אים צו איר פלאַכער ברוסט און, ווי אַ קליין יינגל, אים איינגערעדט:

— דו האָב נישט קיין מורא, טיטאָק... עס איז נישט שרעק־לעך... און אויב עס וועט דיר זיין שרעקלעך, זאָלסטו שרייען אַביסל...

ער איז אַרויס פון גריבל און זיך אַנידערגעלייגט לעבן איר. און זי האָט אים געגלעט און געשעפּטשעט:

— דו האָב נישט קיין מורא... אויב דו ווילסט, טיטאָק, שעם דיך נישט... עס וועט מיר גאָרנישט אָפּקומען... איך בין דאָ אינ־גאַנצן מיט דיר, טיטאָק... דו ווילסט, ליבינקער... דאָס וועט מאַכן, אַז דיר זאָל נישט זיין שרעקלעך...

און זי האָט אים פריידיק אַרומגענומען.

— דו שעם דיך נישט, טיטאָק...

ער האָט פאַרברענגט מיט איר ביז יענעם מאָמענט, ווען איבער דער גאַנצער ליניע איז ווי אַ כוואַליע דורכגעלאָפן דער אַליאַרם, און ערגעץ דאָרט נישט ווייט האָט זיך דערהערט דאָס קאָמאַנדעווען פון שעפּטוכאָוון:

— צוגרייטן זיך, חברה!... כ׳וועל די הויט שינדן, פאַרשאָלטענע!...

דוניאַ איז אַוועקגעגאַנגען פון אים אויך אַזוי שטיל, ווי זי איז געקומען, אָבער ער האָט נאָך אַלץ ווייטער איבערגעלעבט דאָס ועלבע געפיל פון באַגייסטערונג, פאַרוואונדערונג און פריידיקייט, וואָס זי האָט אין אים אַרויסגערופן, און קיין שום אומהיימלעכקייט, קיין שום פחד איז שוין אין זיין נשמה נישט געווען.

אויף מזרח, הינטער די צוויי בערגלעך, האָט ביים הימלראַנד געגלאַנצט דער טייך. ערגעץ ווייט האָבן געקלונגען גלאָקן. צי האָבן נישט אַמאָל די וואָלקנס זיך אָנגעצונדן פון דעמדאָזיקן קלינגען? אָט זענען זיי, די סטרונעס פון די טעלעגראַפן-דראָטן איבער די סלופּעס... וואו איז זייער סוף און דער לעצטער קרעכץ פון גלאָקן-ליד?...

פון הינטן, אויפן וואָקזאַל, האָבן געהיים געפינקלט עטלעכע פייערלעך, אויך אַזעלכע קליינע, ווי די שטערן אויפן ווייטן האָריזאָנט. קוים הערבאַר, איבערשלאָגנדיק איינע די אַנדערע, האָבן איבערן דאָרף זיך אָנגערופן די הענער. דידאָזיקע שוטים האָבן פון גאָרנישט געוואָלט וויסן און אומאויפהערלעך, נאַריש און עקשנותדיק דערפילט זייער הענערישע פליכט.

IV.

זייער ווייט האָט עפּעס אַ זעץ-געטון און פיבערנדיק זיך דורכגעטראָגן איבער דער ערד. דערנאָך נאָך און נאָך. עפּעס האָט גענומען קנאַלן נענטער, און טיטקאַ האָט דערהערט, ווי איבער

אים און אַרום אים האָבן מיט אַ געזומזעריי זיך צעזונגען מוקן. דער לערער איז געלעגן אומבאַוועגלעך, ווי אַ מת, בלויז זיין ביקס האָט זיך געטרייסלט און געשפרונגען מיט דער לופּע אַראָפּ און אַרויף. עס האָט זיך דערהערט שעפּטוכאָווס הייזעריקע קאָמענדע, און איבער דער גאַנצער ליניע האָט זיך אָנגעהויבן אַ שיסעריי. עס האָבן געקלונגען די שלעסער, ווי מען וואָלט צונויפגעוואָרפן אייזן אויף אַ קופּע. ווידער האָט זיך דערהערט שעפּטוכאָווס קאָמענדע, און — ווידער האָט זיך איבערגעחזרט דאָס געקנאַלעריי און קליני־גענדיקע זומזען פון די מוקן אינדערהייך און אין די זייטן.

דער לערער האָט אַ רוף־געטון טיטקען און אַרויסגעזאָגט מיט פאַרוואונדערונג:

— עס איז גאָרנישט אַזוי שרעקלעך, טיט...

טיטקאַ האָט נישט געענטפערט.

„ניין, ער וועט נישט אויסהאַלטן"...

עס האָט זיך געגלוסט אַרויסצושפּרונגען פון דער אַרומגראָ־בונג און זיך לאָזן לויפן פאָרויס. שרייען מיט אַלע כּוחות, פאַר־ביסן, ביז הייזעריקייט, און לויפן אַהין, פונוואַנען עס זענען גע־פלויגן די מוקן און וואו עס האָבן זיך באַהאַלטן און געקראָכן אַהער די אומגעזעענע פיינט.

ווידער — אַ טראַסק, און נישט ווייט פון טיטקען, אין דער זייט, האָט אויפגעריסן עפּעס מיט אַ גרויסן, פייערדיקן און פאַר־טויבנדיקן כּוח. עמעצער האָט אַרויסגעקרעכצט און טויב גענומען ברומען, ווי צוגעדריקט פון אַ וואָגן. עס האָט נידעריק ביי דער ערד זיך דורכגעשאַרט דוניעס פיגורל און פאַרשוואונדן. פון דער צווייטער זייט האָט עמעצער אויסגעשריגן רויִק און זאַכלעך:

— פאַרטיק!... שוועסטער, קריך אַהער, — ביי מיר איז פאַרטיק...

ווידער האָט, ווי אַ קאַץ, זיך דורכגעשאַרט דוניאַ און אַ זאָג־געטון:

— דו האָב נישט קיין מורא, טיטאָק!... זע, ווי איך טו דאָס... פונקט ווי אַ קוואָקעלע...

און זי האָט זיך צעלאַכט, ווי דאָס וואָלט געווען פאַר איר אַ קינדער־שפּיל.

נאָך מיטאָג־צייט האָט טיטקאַ דערזען אין שימער פון זו־ניקן האָריזאָנט, איבער די געהאָרבעטע בערגלעך, לויפנדיקע, איינזאַמע, גרויע קניילעכלעך, ענלעכע צו איבערגעשראָקענע שעפסן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס זענען זיי, די „קאַדעטן". פון די פעדערשטע גראָבנס זענען געלאָפן אויף אַלע פיר די חברים, זיך אָפגעשטעלט און געשאָסן. ער האָט געזען, ווי צוויי מענטשן זע־נען אַ פאַל־געטון אין גרינעם האָבער אַריין און מער נישט אויפ־געשטאַנען. שעפּטוכאָוו האָט עפּעס הייזעריק אויסגעשריגן, און פון דער ליניע האָבן אָנגעהויבן אַרויסצושפּרינגען איינציקוויז און צווייוויז זעלנער און אַריבערצולויפן צוריק. טיטקאַ איז אַרויסגע־לאָפן פון זיין אַרומגראָבונג און נישט געאיילט זיך גענומען רוקן פאָרויס, אָן אַ סדר און אָפט שיסנדיק אין דער זייט פון די בערגי־לעך. און פון דאָרטן האָבן אַלץ אָן אויפהער זיך באַוויזן איינזאַמע פיגורלעך, זיך אָפגעשטעלט און געשאָסן.

דער לערער איז נאָך אַלץ געלעגן אין זיין גריבל און, אַ פאַרכליניעטער, נישט אויפגעהערט צו שיסן צו די בערגלעך.

— אַז דער טייוול זאָל אייך נעמען!... — האָט טיטקאַ אַרויסגעברומט. - די מאַמע אייערע... מנוולים!.. חיות שמוציקע!..

ער האָט אַרויפגעלייגט די ביקס אויף דער קני און מיט עקשנות גענומען צילן אין אַ מענטשל אויפן בערגל. און ווען ער האָט אויסגעשאָסן, האָט דאָס מענטשל זיך אַ וואַקל־געטון אָן אַ זייט, ווי אַ זעקל זיך צונויפגעדרייט און געבליבן ליגן אומבאַ־וועגלעך אויפן אָרט.

— אהאַ!...

אין טיטקעס ברוסט האָט זיך צעשפּילט אַ פריידיקייט. ער האָט זיך פאַרגעסן, געבליבן אויפן אָרט און ווידער מיט דער ביקס אָנגעשפּאַרט אויף דער קני אָנגעהויבן צילן, און נישט גע־הערט נישט דאָס קנאַלעריי, נישט דאָס קלינגענדיקע זומזען פון די מוקן.

— אהא !... נאָך !... שלאָג !...

און ער האָט געברומט בלויז זידל־ווערטער און כסדר גע־שאָלטן אין דער מאַמען אריין.

עפּעס האָט אים אַ שטויס־געטון. ער איז אומגעפאַלן.

איבער אים איז דורכגעלאָפן אַ זעלנער אָן אַ היטל און אַ פּאַל־געטון צו דער ערד. ער האָט גענומען טיף קרעכצן, זיך קורטשען, כראַפּענדיק און הוסטנדיק.

איבערן גאַנצן שטח פון גרינעם פעלד זענען אַריבערגעלאָפן מענטשן, נידעריקער אָנגעבויגן צו דער ערד. פּאָרויס איז, חוץ טיטקען און דעם כראַפּענדיקן זעלנער, קיינער נישט געווען. ער האָט אַ כאַפּ־געטון די ביקס און גענומען שנעל קריכן צוריק, אַהין וואו אַלע זענען געקראָכן. דער זעלנער האָט זיך אונטערגעהויבן אויף די הענט און מיט אַ פאַרבלוטיקט מויל, מיט אַרויסגעשטאַרטשעטע אויגן, גענומען כריפּען הייזעריקע ווערטער, אַרויסברענגענדיק אַ שוים אויף דער באָרד:

— חבר... ליבינקער... זיי וועלן פאַרפּייניקן... פאַרלאָז נישט, ברידערל !...

און ער האָט געפּרוווט צו קריכן, נאָר ווידער אַ פּאַל־גע־טון און זיך איינגעגראָבן מיטן קאָפּ אין גרינעם האָבער.

טיטקאָ איז אָפּגעלאָפן עטלעכע טריט. עס האָט זיך שטאַרק געגלוסט צו שיסן... צילן זיך און שיסן... שלאָגן — שלאָגן אָן אויפ־הער. מען טאָר נישט אָפּטרעטן ! גלייכער צו שטאַרבן, איידער צוריקצולויפן... נאָכוואָס־זשע איז דאָס אַלץ נייטיק געווען ?...

— אָבער וואָס־זשע איז דאָס אַזוינס ?... — האָט ער גענומען קריצן מיט די ציין, צונויפדריקנדיק די קין־באַקן. — נאָכוואָס־זשע איז דאָס ?...

ער האָט געשאָסן אויף די לויפנדיקע פיגורלעך, פלייסיק אויסקלויבנדיק זיי איינציקווייז און געשאָסן, צושפּיליענדיק זיי צו דער ערד.

— נאַדיר !... כ'וועל צעבייסן, הינטישע זין...

ער איז געלאָפן... געפאַלן און געלאָפן...

די חברים זענען געלעגן אין די גראָבנס און געקוקט אויף אים מיט מבולבלע, טויט־דראָענדיקע אויגן. ער איז אַרויסגעפאַלן אויף אַן אומבאַקאַנטן זעלנער און אָנגעהויבן זיך אַרומגראָבן. דער זעלנער האָט צאָרניק געברומט און געשטויסן אים מיט דער קאָלבע אין דער זייט אַריין. טיטקאָ האָט נישט געפילט קיין ווייטיק, אויפגענומען די קלעפ ווי אין שלאָף — טעמפּ און ווייט — און באַלד פאַרגעסן אָן זיי.

ער האָט אַרויפגעלייגט די ביקס אויפן בערגעלע ערד און געבליבן ליגן אומבאַוועגלעך. פּלוצלינג האָט ער אַ קוק־געטון אין דער זייט: נישט ווייט פון זיך, אין איין ליניע מיט די גראָבנס, האָט ער דערזען דוניען. זי איז געלעגן אויף אַ זייט, מיט די הענט אונטער זיך, באַהאַלטן אין זיי די גאָמבע. איר קליידל איז פאַרשאַרצט געווען ביז איבער די קני, און די דאַרע פיס האָבן רויק זיך געבלייכט, צוגעדריקט איינער צום אַנדערן.

טיטקאָ האָט לאַנג געקוקט אויף איר מיט פאַרוואונדערונג און זיך געקרימט.

ער איז אַרויסגעקראָכן פון זיין גריבל און זיך צוגערוקט צו דוניען, נישט אויפהערנדיק צו קוקן אויף איר. אַ זעלנער האָט אַ ברום־געטון און אים אָנגעכאַפּט ביי אַ פוס.

— ליג!...

און ער האָט זיך גערוקט פאָרויס, נישט באַמערקנדיק, ווי די האַנט האָט אים מיט אַלע כוחות געשלעפּט צוריק, — זיך גערוקט, בלייבנדיק אויפן זעלבן אָרט און נישט אַראָפּנעמענדיק די אויגן פון דוניען. איר קאָפּ האָט פּלוצלינג אַ ציטער־געטון און טיטקאָ האָט דערזען, ווי ער איז שטיקערווייז זיך צעפלויגן אין פאַרשידענע זייטן. בלוט־טראָפּנס האָבן אים אַ שפּריץ־געטון גלייך אין פּנים אַריין.

ער איז צו זיך געקומען, ווען ער איז שוין געווען צוריק אין זיין גריבל, און דער זעלנער האָט צאָרניק געברומט:

— איר שטינקט נאָר דאָ אָן, פאַרקריפּלטע נשמות!... מען האָט אייך דאָ אָנגעפּלאָדיעט אויף אונזער האַלז, סמאַרקאַטשעס!...

דאָס גאַנצע פעלד ביזן ווייטן האָריזאָנט האָט כסדר געווירבלט פון אויפגעריסענע שטיקער ערד און גראָז, וואָס האָבן אין דער פאָרם פון ריזיקע שוואַרצע סנאָפּעס זיך אַלע מאָל אַ טראָג-געטון צום הימל. עס איז שוין נישט געווען קיין לופט: עס איז געשטאַנען בלויז איין פייפנדיק און כריפּענדיק צישעריי אָן אויפהער.

טימקאַ האָט געשאָסן ווי אין חלום, אָפּט פאַרגעסן אַריינצוזעצן קוילן און געקלאַפּט מיטן ליידיקן שלאָס. ער האָט זיי אומבאַוואוסטזיניק געשלעפּט פון טאַש, געשטופּט אין דער ביקס אַריין און ווידער געשאָסן, און נאָך יעדן שאָס אונטערגעקוויטשעט ווי אַ הונט.

ווען ער האָט ווידער דערזען דוניען, מיטן בלוטנדיקן בינטל פלייש און קנאָכן אַנשטאָט דעם קאָפּ, איז ער גלייך געקומען צו זיך, און הוסטנדיק און שטיקנדיק זיך, אַריינגעפאַלן אין אַ שלוכצענדיקן געיאָמער. דערנאָך האָט ער זיך באַרויִקט און אָנגעהויבן צילן אין דער ווייטקייט, אַלעמאָל אַרויסהייבנדיק דעם קאָפּ פון זיין גריבל.

און אין אָנפאַל פון אַזאַ באַגייסטערונג, וועלכע ער האָט נאָך קיינמאָל ביז אַצינד נישט איבערגעלעבט, איז ער אויפגעשפּרונגען און גענומען לויפן מיט דער ביקס.

— אָט בין איך!... מנוולים!... נאַט אייך! נעמט! פרעסט אייך איין, נידערטרעכטיקע ברואים!..

V.

ער איז געלאָפן לענגאויס דעם וואַל ביי דער באַן. דאָ איז געווען נישט געפערלעך: די קוילן האָבן געזשומעט ווי בינען איבערן קאָפּ און פון צייט-צו-צייט זיך קלינגענדיק אָנגעקלאַפּט אָן די רעלסן. אָנגעבויגן צו דער ערד, ווי פאַרצוימענדיק אים דעם וועג, איז געגאַנגען אַקעגן אים שעפּטוכאָוו. ער איז געגאַנגען נישט געאיילט, מיט ברייטע טריט, האַלטנדיק די ביקס אויפן רימען

און געצויגן מיט דער נאָז ווי אַ קליין יינגל. געשטשירעט די ציין און געשריגן:

— שטיי, הונטישער זון!... האָסט דעם וועג פאַרלוירן... זע — ווי דער רוקן איז ביי דיר!...

און ער האָט איבער עפּעס אָפּגעהאַקט, פויגלישמעסיק, געלאַכט.

דערנאָך האָט ער שטיל, אַזוי ווי קינדעריש, אַ כליפּע-געטון און אַנידערגעפאַלן. טיטקאַ האָט זיך אומגעקוקט און דערזען, אַז שעפּטוכאָוו ליגט אויפן גראָז מיטן בויך אַראָפּ, די הענט אויסגע-צויגן לענגאויס דעם קערפּער. אין טיטקעס זכרון האָט זיך שטאַרק אָפּגעדריקט דאָס בילד, ווי אַזוי שעפּטוכאָווס ריפּן האָבן זיך הויך אַ שפּאַר-געטון פון אונטערן גימנאַסטישן העמדל אַפער, געכריפּעט, ווי עס וואָלט אים געאיבלט צום ברעכן, זיך אָנגעשטרענגט און פון זיין מויל האָט בלעזלענדיק זיך געפּלייצט אַ בלוטיקע כליופּקע.

טיטקאַ איז אַרויף אויף אַ קופּע מיסט, אַן אָפּגעשווענקטע פון רעגן, זיך פאַרפלאָנטערט און האַסטיק אַ פאַל-געטון אין אַ ראָוו אַריין.

איבערן גאַנצן שטח פון געבערגלטן פעלד האָבן קראַכנדיק געזונגען די מאַשין-געווערן און קנאַלנדיק דורכגעריסן די לופט די ביקסן מיט זייערע קוילן. דידאָזיקע כסדרדיקע שאָסן האָבן פול גע-מאַכט די לופט מיט פּחד-אָנטראָגנדיקע פייגל, זיך איינגעגראָבן אין דער ערד, געעגבערט זי אין אָנגעזעטיקט מיט אייזערנע שלאַנגען.

שאַרף האָט זיך איינגעשניטן אין טיטקעס זכרון דער בלויער הימל, אַזאַ פּשוטער און היימישער, מיט צוויי וואָלקנדלעך, איינס הינטערן אַנדערן — אַ גרעסערס און אַ קלענערס; די זוניקע לופט, די הייסע און קרעם-לויכטנדיקע; דער ריח פון פרילינגדיקער פייכ-טער ערד און פוילנדיקן גראָז; די פליגן, ווי גרינע פונקען, וואָס האָבן זיך געדרייט אַרום אים מיט זייער מעטאַל-קלאַנג, ווי פון סטרונעס.

ער האָט געקוקט אין דערדאָזיקער הייסער לופט אַריין, וואָס האָט קריסטאַל-לויטער זיך אָוועקגעכוואַליעט צום האָריזאָנט, און,

ווי פון היץ, מיט פלייס און איבערצייגונג, אַרויסגערעדט אַלץ דאָס איינע זעלבע וואָרט:

— ערד... ערד... ערד...

און ווידער געלאָפן, — געלאָפן און געזען, ווי איבער די שוואַרצע און גרינע שטרייפן פון פעלד זענען ווי האָזן געשפרונגען די חברים.

דאָס דאָרף איז געווען נישט ווייט, אָבער נישט אָנזעעוודיק צוליב דעם וואַלד, און בלויז די צווי פליגל פון דער ווינט-מיל האָבן אויסגעשפרייטערהייט, דורכזיכטיק און שאַרף, זיך אַריינגעשניטן אין הימל אַריין פון הינטערן וואַלד אַפער. אַצינד האָט ער נישט ווייט פון דאָרף, לעבן וואַלד, דערזען אַ גרויסע עפענונג. פון דער עפענונג האָט זיך אַוועקגעצויגן אין פעלד אַריין אַ שוואַרצער וועג מיט פאַרהאַרטעוועטע קופּקעלעך מיסט אין ביידע זייטן. אינדערווייטנס, וואו דער וואַלד האָט זיך אַריינגעשניטן אין דער גרויער געבערגלטקייט און זיך פאַרלוירן אין דער סטעפּ, צווישן די אָפּגעזונדערטע דאָרפישע קאַזאַרמעס, האָט זיך געריכערט אַ פּאַנצער-צוג. צו אים זענען צוגעלאָפן מענטשן מיט ביקסן און זיך גענומען פאָרען אַרום זיינע שווער-געלאָדנטע וואַגאָנעס, געפּאַנצערטע אין אייזן.

אַקעגנאיבער טיטקען, מיט דער ביקס אין דער האַנט, איז געלאָפן דער לערער. ער האָט שווער געאָטעמט, געכריפּעט, און זיינע אויגן, ווי ביי אַ משוגענעם, זענען געווען ברייט געעפנט, שיכּור, אָנגעפילט מיט בלוט. ער האָט, מסתמא, גאָרנישט געזען פאַר זיך, און געלאָפן דערפאַר, ווייל מען האָט געדאַרפט לויפן. ער איז געלאָפן גלייך צום וואַלד און נישט געזען דעם דורכגאַנג, וואָס איז געשטאַנען אָפן פאַר אים.

„אַ שטויב... אַ שטויב"...

טיטקאַ איז אַרויסגעלאָפן אינמיטן וועג. דאָ איז נישט געווען קיין לעבעדיק נפש. רעכטס, נאָכן דאָרף, האָט ווי אַ כוואַליענדיקע באַנד זיך וויגנדיק שנעל גערוקט אַ שוואַרצע מחנה רייטער. וואָס נענטער זי איז צוגעקומען, אַלץ לענגער און דינער

איז זי געוואָרן, אַרומנעמענדיק דאָס דאָרף מיט אַ שוואַרצן האַלבּ־קרייז, וואָס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט באַשטאַנען פון מוראַשקעס.

אינמיטן דער טויטער לערקייט פון דאָרף האָט טיטקאַ פּלוצ־לינג דערפילט אַן איבלדיקע ווייטיק אין בויך. באַלד האָט אים אַ שרעקלעכער פּחד מבולבל געמאַכט. עס וואָלט גוט געווען זיך אַריינצוכאַפּן דאָ ערגעץ אין אַ ווינקל און באַהאַלטן זיך — באַ־האַלטן זיך און ליגן אומבאַמערקט, ווי אַ קיינעם נישט נויטיק שטיקל שמאַטע. שטרויכלענדיק זיך, איז ער קוים צוגעלאָפן צו דער פאַר־צוימונג פון אַ כאַטע. אין דער טיף פון הויף האָבן פאַרשטיקטע פון שרעק זיך געריסן קולות פון פרויען און קינדער. עס האָט גע־וויינט אַ זייג־קינד, און דאָס געוויין האָט אָפּגעקלונגען טיף און איינזאַם.

דאָס טירל איז געווען פאַרמאַכט, און טיטקאַ האָט זיך אַ וואָרף־געטון דערויף און גענומען קלאַפּן מיט די פויסטן. ער האָט גענומען שאַרן מיט די הענט איבער די שטאַכעטן. זיך אַרויפגעכאַפּט אויף דער פאַרצוימונג און געבליבן הענגען אויפן בויך. מיט אַ דרענגל אין דער האַנט, ריטשענדיק ווי אַ הונט, האָט אַן אָנגע־בויגענער גענומען לויפן צו אים אַ באַוואַקסענער קאָזאַק מיט אַ שמייכל פון אַ רוצח. פון דעם קאָזאַקס חיהשן ריטשען האָט טיטקאַ אויפגעכאַפּט בלויז צוויי ווערטער. זיי האָבן געקלונגען אָפּגעריסן און כריפּענדיק:

— אַנו, פּרוּוו נאָר!... פּרוּוו נאָר!...

טיטקאַ איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דער פאַרצוימונג, און אין זעלבן אויגנבליק האָט דאָס דרענגל אַ זעץ־געטון אָן די שפּיצן פון די שטאַכעטן און דרייענדיק־זיך אַריבערגעפלויגן איבער זיין קאָפּ. ער האָט זיך ווידער געלאָזט לויפן, האַלטנדיק זיך נאָענט פון די פאַרקנדלעך, נישט פּרוּוונדיק אַריינצולויפן אין די הויפן. ער איז געווען אַליין, אַרומגערינגלט פון די שונאים. זיי זענען נאָך נישט געהאַט געקומען, אָבער שוין געווען אומעטום.

די שיסעריי איז פאַרגעקומען איבער די זייטן־געסלעך. איינצל־

נע שאָסן, אייליקע, צוועקלאָזע. אפשר שיסט מען פון באַהעלטעניש אַרויס. און אפשר טוען עס די, וואָס לויפן...

פאָרויס, אויף דער צווייטער זייט געסל, האָט געהינקט מיט אַ קינד אויף דער האַנט אַ קליינער פליכיקער מענטש און גע־שריגן: „אָ־אָ־אָ!"...

נאָך אים איז אויף אַ פערד אַרויסגעשפרונגען אַן אַזיאַט אין אַ גרויסער האָריקער פּאַפּאַכע, מיט אַ ווייסן באַנדאַזש אין דער קווער. די שווערד, אַרויסגענומען פון דער שייד, איז שוואַרץ געווען פון בלוט. ער האָט דעריאָגט דעם פליכיקן מענטש און מיטן גאַנצן כוח אים אַ קלאַפּ־געטון איבערן קאָפּ. דאָס קינד האָט, ווי אַ זעקל, זיך אַראָפּ־געקאָלערט אויף דער ערד. דער מענטש איז אָפּגעלאָפן אַ צוויי־דריי טריט, שווער זיך אַ זעץ־געטון אַראָפּ און צונויפגעדרייט אין צווייען. דער אַזיאַט האָט נאָך אַלץ געהאַלטן די אין בלוט איינגע־ריכטע שווערד אין דער האַנט, זיך געדרייט מיטן פּאַרמאַטערטן, ווילד געוואָרענעם פערד אויף איין אָרט, ווי אַ רויב־פויגל געוואָרפן שאַרפע בליקן אין אַלע זייטן, און עפּעס געזוכט איבער דער פוס־טער אומהיימלעכער דאָרף־גאַס.

טיטקאַ האָט זיך אַריינגעדריקט אין ווינקל גערטנדל פון אַ קליינער כאַטע, זיך אַראָפּגעזעצט, צוגעקלעפּט דאָס פּנים צו די שטאַכעטן, און נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון רייטער.

דאָס פערד האָט זיך גענומען דרייען ווי אַ דריידל אויף איין אָרט, זיך געשטעלט אויף די הינטערשטע פיס און געמאַכט אַ ווילדן שפרונג אין יענער זייט אַריין, וואו טיטקאַ איז געלעגן. שטשירענ־דיק די ציין, האָט דער טשערקעס אַ ריס־געטון דאָס פערד ביי די לייצן, זיך אָפּגעשטעלט, ווידער מיט פּאַרציקנדיקער שיכּרות זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, אויסגעדרייט דאָס פערד און באַלד צו־ריק אַוועקגאַלאָפּירט און פאַרשוואונדן געוואָרן אין יענעם געסל אַריין, פון וואַנען ער איז אָנגעקומען. מיט אַ געפיל פון חלשות, איז טיטקאַ אַרויסגעקראָכן פון זיין באַהעלטעניש און, איינגעבויגן אין דרייען, ווידער אָנגעהויבן לויפן לענגויס דער דאָרף־גאַס, נאָענט זיך האַלטנדיק ביי די פּלעטלעך. ער איז צוגעלאָפן צו אַ געסל

און פון ווינקל אַפּער אַ קוק־געטון אין יענער זייט אַריין, וואוהין דער טשערקעס איז פאַרשוואונדן. אינדערווייטנס האָט טונקל־פלאַמיק געלויכטן דער שטויב, און אין זיינע וואָלקנס האָבן באַלכסון פון דער דאָרף־גאַס און איינער קעגנאיבער דעם אַנדערן זיך ווילד אַרומגעטראָגן אַ פינף מאַן טשערקעסן, אויך אין האָריקע הוטן, מיט גאָלע שווערדן אין די הענט.

ווייט, אין עק דאָרף, האָבן די ווילדע טשערקעסן זיך געיאָגט נאָך מענטשן. בלענדנדיק האָבן געפלאַמט זייערע שווערדן אין דער זון.

אויף דער לאָנקע־גאַס האָט אויסגעבראָכן אַ שרפה. עס האָט געברענט אויף דריי ערטער אין איין קוואַרטל. פון דאָרט האָט זיך דערטראָגן אַן איינציקער בהלה־קוויטש פון אַ פרוי, זיך איבערגעחזרט אַ צוויי, דריי מאָל און פאַרשוויגן געוואָרן. פון זעלבן אָרט האָבן אויך זיך דערהערט עטלעכע אָפּגעזונדערטע שאָסן, און ווידער איז אַלץ שטיל געבליבן, און אין דאָרף איז געווען אומבאַוועגלעך און טויט, ווי ביינאַכט. עס האָבן געוואָיעט און היסטעריש געבילט די הינט. עס האָט אָפּגעקלונגען אַ שיטערע איבערשיסונג אין דער לופט.

טיטקאַ איז אַריין אין געסל, אַריבערגעלאָפן אין דער צווייטער זייט און אַריינגעשפרונגען אין אַ ליידיקן הויף, אַ פאַרוואַקסענעם מיט דינע אַקאַציע־ביימלעך. ער איז אַריבערגעפאַלן איבער אַ חזיר און זיך איינגעגראָבן מיטן קאָפּ אין דער בויד פון אַ הונט.

VI.

די ערשטע צייט האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז דאָ געזיכערט. אין דער בויד איז געווען פינסטער און שטיל, און דורך די ברעטער האָבן די קלאַנגען זיך דערטראָגן קורץ און אָפּגעהאַקט. קנאַלנדיק האָבן געזיפצט די איינזאַמע שאָסן און דומפּ האָט אָפּגעקלונגען דאָס טופּען פון די גאַלאָפּירנדיקע פערד.

דאָס העמדל און די הויזן זענען דורכגעזאַפּט געוואָרן מיט שטינקענדיקער פייכטקייט, און עס איז זייער נישט באַקוועם געווען צו ליגן. די פיס האָבן אַרויסגעשטאַרט אינדרויסן, און ווען ער האָט דאָס באַמערקט, איז אים ווידער שרעקלעך געוואָרן ביז חלשות. ער האָט געוואָלט זיך איינקאָרטשען אין אַ קנייל־עכל, כדי אַריינ־צונעמען די פיס אין דעם לאָך, נאָר דאָס קעסטל איז געווען אַ קליינס, און אינגאַנצן זיך אַריינקלויבן דערין, האָט ער נישט גע־קאָנט: די פיס זענען אַזוי טאַקע געבליבן אינדרויסן.

נישט ווייט האָט אַ סקריפּע־געטון אַ טיר. ער האָט גענומען קוקן דורך אַ שפּאַלט צווישן די ברעטער און דערזען, ווי פון דער כאַטע איז אַרויסגעגאַנגען אַ יונגער קאָזאַק, און האַלטנדיק אַ ביקס איןביידע הענט, שטיל אָנגעהויבן זיך אונטערצוגנבנען צו דער בויד.

דאָס איז געווען יעכים — יענער זעלבער יעכים, מיט וועלכן ער איז אַמאָל געזעסן אין שול אויף איין באַנק און דערנאָך געווען גוטע פריינט און געגאַנגען צוזאַמען צו מיידלעך. מיט שרעק און האָפענונג האָט טיטקאַ, ווי אַ פרוזשינע, זיך אַרויסגעדריקט פון דער בויד, אויפגעשפרונגען און זיך געשטעלט אויף די פיס:

— ברודער !... יעכים !...

דער קאָזאַק האָט אַ ווײַלע זיך פאַרלוירן, דערנאָך באַלד אַ שטשירע־געטון די ציין און פאַרוואָרפן די ביקס צום אַקסל.

— שטיי !... האַלט דיך, נשמה טייוולאָנישע !...

נישט־וויסנדיק וואוהין און גאָרנישט טראַכטנדיק, האָט טיטקאַ מיט אַרויסגעסטאַרטשעטע אויגן זיך אַ לאָז־געטון לויפן איבערן ליידיקן פּלאַץ, וואָס איז געדיכט פאַרוואַקסן געווען מיט פאַריאָריק גראָז, ווילדע קרייטעכצער און דינע אַקאַציע־קוסטעס. נישט בלויז מיטן געהער, — מיטן גאַנצן קערפּער האָט טיטקאַ געפילט, אַז מען לויפט אים נאָך און מען קלאַפּט מיט אַ שלאָס פון אַ ביקס. עס האָט אַ פּייף־געטון פאַר זיין אויער, ווי אַ רוט וואָלט די לופט דורכגעשניטן. ער האָט אָנגעטראָפן אויף אַ נידעריק פּאַרקנדל, און מיט איין שפרונג שוין אין דער צווייטער זייט געווען. ער איז געלאָפן איבער אַ קאַרטאָפל־גאָרטן, געזונקען מיט די פיס אין ווייכן באָדן און זיך געפּלאָנטערט

אין די שטענגלעך פון גרינס. ער איז צוגעקומען צו די כאַטעס אויף דער דאָרף־גאַס. נאָך דער גאַס האָט זיך ווידער געעפנט אַ ליידי־קער פּלאַץ, פאַרצוימט דורך אַ האַלב־חרובן פּאַרקן פון לייסטן, און ווייטער — אַ קופּע כאַטעס ביים טייך, אַ געדיכט־פאַרוואַקסענעם מיט גרינעם קאַמיש, און ווייסע כאַטעס אויף דער צווייטער זייט, אויפן בערגל.

פאָרויס, נישט ווייט פון זיך, האָט ער דערזען אַ מיידל. זי האָט נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון אים און געשמייכלט, און מיטן שמייכל ענלעך געווען צו דוניען. ער האָט זיך אומגעקוקט און דערזען, אַז יעכים מיט דער ביקס אין די הענט לויפט צו אים מיט אַזאַ פּנים, ווי עס איז געווען דאָס פּנים פון קאָזאַק מיטן דרענגל. טיטקאַ האָט זיך אָפּגעשטעלט. דאָס מיידל איז אַ דער־שראָקענע אַוועקגעלאָפן צום טירל פון דער כאַטע.

און אַלץ — סיי יעכים, סיי די גאַס, סיי דער הימל — האָט אָנגעהויבן אויסזען געוויינטלעך, נישט שרעקלעך, ווי תּמיד. אָט איז אַלץ. ער איז געגאַנגען אין שוצגראָבן אַריין, עס איז אויך גע־גאַנגען שעפּטוכאָוו, און דער לערער, און דוניאַ איז געגאַנגען — זי איז געשטאָרבן, האָט אויפגעפלאַקערט און זיך אויסגעלאָשן ווי אַ ליכטל. ער איז געגאַנגען גוט... אַזוי דאַרף מען! אויפן טויט געגאַנגען, און זיין אמת געקענט.

איז צוגעלאָפן יעכים, און ער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט און אָנגעשטרענגט געקוקט אויף אים. האָט יעכים מיט אַ ריטש און אויסגעשטשירעטע ציין זיך פאַרמאָסטן מיט דער קאָלבע. טיט האָט זיך אָפּגערוקט און זייטיק מיטן גאַנצן כּוח אים דער־לאַנגט אַ זעץ איבער די הענט. די ביקס איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד און, קלינגענדיק, זיך אַוועקגעקייקלט אין אַ זייט אַריין. יעכימקע האָט אַ שפּרונג־געטון, ווי אַ קאַץ, און כליפּענדיק און וואָיענדיק, ווי אַ שלאַנג זיך צונויפגעדרייט, און מיט די ציין זיך איינגעביסן טיטקען אין דער ברוסט. טיטקאַ האָט אים אַ כאַפּ־גע־טון ביים האַלז, פון דער ברוסט אָפּגעריסן, און די ווייטיק פון גע־ביסענעם לייב האָט אים נאָך מער אויסגעניכטערט. יעכים האָט

מיט אַ פאַרשטיקטן אָטעם געגומען זיך קורטשען, קוקן אויף אים מיט אַרויסגעזעצטע אויגן פון שרעק. זיין פּנים איז געוואָרן עקל־האַפט און ער האָט, קוואַקענדיק, מיטן גאַנצן קערפּער צו דער ערד זיך אַראָפּגעלאָזט.

פון הינטערן ווינקל אַפּער איז מיט נישט ריטמישע און איילִיקע טריט אַרויסגעגאַנגען אַן אָפּטיילונג מיט ווייסע לאַמפּאַסן אויף די היטלען. צוזאַמען מיט זיי האָט זיך געטראָגן אַ שטויב, וואָס האָט אַלע איינגעהילט, ווי אַ רויך. די פּנימער זענען געווען שוואַרץ, עס האָבן געלויכטן בלויז די ווייסלען פון די אויגן, זיך געשטשירעט די ציין, און פון דעם האָט אַלץ אויסגעזען אכזריות־דיק־שרעקלעך.

זיי זענען גלייך צוגעלאָפן מיט די ביקסן:

— ווער איז דאָס?

יעכימקאַ איז פריידיק אויפגעשפּרונגען. געגומען פּאַטשן מיטן מויל, לאַכנדיק און וויינענדיק צוזאַמען:

— אָט דער... טיטקאַ!... געוואָלט מיך דערהרגענען... אָט... דער... צוגענומען... קוקט, די ביקס ביי מיר צוגענומען... אַ באַל־שעוויק, זעט! אָט דער!...

— און דו — ווער ביסט פאַר איינער?

— אַ קאָזאַק... אייער וואויל... יעכים טאָפּטשי...

— און דער?

— אַ שטאָטישער, אייער וואויל... פון די שוצגראָבנס... אין דער בויד פון אונזער הונט — באַהאַלטן זיך געוואָלט... פריער אין דער שלאַכט געווען... און דערנאָך — דאָס... קוקט... מיך דערהרגע־נען געוואָלט... אָט דער!...

יעכימקע האָט גערעדט מיט אַ פאַרהאַקטן אָטעם, און זיין פּנים איז צעקרימט געווען פון טריומף און פייערלעכקייט.

— דאָס האָב איך אים, אייער וואויל!...

טיטקען האָבן אַ כאַפּ־געטון עטלעכע הענט, אַ שטויס־געטון אין דער מחנה אַריין, אַוועקגעטריבן לענגאויס דער גאַס. ער האָט דערזען, אַז צוזאַמען מיט אים גייען נאָך אַ מאַן צוואָנציק, פויערן.

זיי האָבן אים נישט באַמערקט, צונויפגעטוליעט געווען, ווי שעפסן אין אַ קופּע, געגאַנגען מרה־שחורהדיק, דערשראָקן, בלייך, ווי נאָך אַ נאַכט פון שיכּרות. אַ דריי מאָל האָט מען אין משך פון וועג אים דערלאַנגט מיט דער קאָלבע און נאָכגעשריגן פון הינטן:

— נו, שטעל אַ פוס, כּל־זמן דו לעבסט נאָך!... מלחמה־פּי־רער! טייוול קרעציקער!...

די גאַסן זענען געווען פּוסט, ווי פריער, און אומעטום איז געווען שטיל. דאָס שיסעריי האָט שוין געהאַט אויפגעהערט, און פאַרויס זענען איינציקווייז און צוויייווייז געריטן רייטער. אויפן וועג האָט מען געזען ליגן טויטע. דאָס זענען געווען אייגענע, דאָרפישע און שטאָטישע. זיי זענען מסתּמא געלאָפן איבערן וועג און דערהרגעט געוואָרן בשעת דער שיסעריי. זיי זענען געלעגן מיט די פּנימער אַראָפּ. עס האָבן זיך געוואַלגערט בייכיקע פּעקלעך אין אַלע זייטן.

VII.

זיי זענען אָנגעקומען אויפן פּלאַץ לעבן דער צערקווע און זיך אויסגעלייגט אין אַ לאַנגער קעגנאיבער דער שול. פון אַלע גאַסן זענען גרופּעסווייז זיך צונויפגעקומען קאָזאַקן, זעלנער און ריי־טער. די געפאַנגענע האָט מען אַוועקגעפירט אין אַ זייט אַריין אויף אַ פריי אָרט, אין עק פון בולוואַר. מען האָט זיי געהייסן זיך זעצן און אויסטון. הכנעהדיק, מיט פּחד אין די אויגן, האָבן זיי מיט ציטערדיקע הענט אויסגעטון די שטיוול. עס איז צוגעקומען אַ בערדיקער טשערקעס און אָנגעהויבן אַוועקוואַרפן די שטיוול אין אַ זייט אַריין, אויף אַ קופּע. דערנאָך האָט מען באַפוילן אויסצוטון די הויזן, קורטקעס און לייבלעך. אויך דאָס האָבן זיי געטון מיט דער זעלבער נאָכגיביקייט און הכנעה, מיטן זעלבן אומפאַרלאָשע־נעם פּחד אין די אויגן. דער זעלבער טשערקעס האָט צונויפגענו־מען דאָס אַלץ מיט די אָרעמס און אַוועקגעטראָגן אויף דער זעל־בער קופּע, וואו עס איז געלעגן דאָס שוכוואַרג.

טיטקאַ איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך און געקוקט אויף די קינדער, וואָס האָבן זיך געשפּילט אין שול־הויף. ער האָט נישט אויסגעטון די שיך און נישט אַראָפּגעוואָרפן די מלבושים פון זיך, — נישט געפאָלגט. איז צוגעגאַנגען דער טשערקעס, אים אַ שטויס־געטון מיט דער קאָלבע:

— פּיר־אויס דעם באַפעל!... טו אויס די פּיר־שיך, בלויזן־הויזן!... באַלשאַוויק־מאַנישאַוויק!...

טיטקאַ האָט אַ קוק־געטון אויף אים מיט פאַרוואונדערונג, זיך אַוועקגעדרייט און אַריינגערוקט די הענט אין די קעשענעס. דער טשערקעס איז אַריין אין צאָרן און אים דערלאַנגט מיט דער קאָלבע איבערן רוקן. טיטקאַ איז אַ פאַל־געטון, זיך גענומען וואַקלען, אָבער נישט אומגעפאַלן.

— טו־אויס, הונט־באַלשאַוויק!...

טיטקאַ האָט ווידער אַ קוק־געטון אויף אים מיט פאַרוואונדערונג. פאַרשטאַנען. געזאָגט שטיל און מיט זיכערקייט:

— איך וועל נישט אויסטון... טו דו אויס, אויב איך וועל נישט קאָפּען.

דער טשערקעס איז געוואָרן גרוי, אַ שטשירע געטון די ציין און ווידער זיך פאַרמאָסטן אויף אים מיט דער קאָלבע, נאָר זיין צונויפגעטראָפן מיט טיטקעס בליק, האָט ער זיך אָפּגעהאַלטן. נישט אַראָפּנעמענדיק פון אים די אויגן, האָט ער אַראָפּגעלאָזט די ביקס. ער האָט זיך געלאָזן אויסגעדרייט און אַוועקגעגאַנגען, ברומענדיק אויף זיין שטייגער.

עס איז אָנגעקומען אַ פאַרטיע אָפיצירן מיט נייע געפאַנגענע. ווידער זענען אַלע געווען אייגענע — שטאָטישע. צווישן זיי האָט טיטקע דערזען אַ ייִנגל — יענעם, וועלכן ער האָט געטראָפן בייב רעווקאָם, און די זקנה פּיערעדייכע — די זעלבע, וואָס האָט מיט אַ צייט צוריק מיט אַ שטעקן דערלאַנגט דעם גענעראַל איבערן קאָפּ און אים אַ שפּיי געטון אין פּנים אַריין. דער גענעראַל איז גענומען געוואָרן אין שכנישן דאָרף אין געפאַנגענשאַפט. זי האָט

שעמעוודיק געשמייכלט, אַרומגעבלאָנזשעט צווישן עולם און גע־בורטשעט אַלץ דאָס אייגענע:

— די מענטשן זענען דאָך גוטע!... וואָס־זשע וועלן זיי בײַ מיר?... איך בין דאָך — אַלט און בלינד... מיי־נע צוויי זין — אין דער מלחמה אומגעקומען... אויפן דייטשישן פראָנט אומגעקומען... און איך בין דאָך — אַלט און בלינד... וואָס־זשע וועלן זיי בײַ מיר?...

און זי האָט זיך בשום אופן נישט געקאָנט באַרויִקן. אָבער אויף איר האָט קיינער קיין אַכט נישט געלייגט.

אויפן שול־הויף האָבן זיך געשפּילט צוויי יינגלעך. איינער — פון אַ יאָר זעקס, מיט לאַנגע בלאָנדע לאָקן, אין אַ שוואַרץ קאָסטיומל, און דער צווייטער — אַ גרויאיקער, אַ שמוציקער, מסתּמא — דעם וועכטערס זון. זיי האָבן געשפּילט אין באַלעם. געלאַכט מיט אַ זאַפטיק און הילכיק געלעכטער, געשטופּט איינער דעם אַנדערן און זיך געקריגט.

און די פּיערעדייִכע האָט אַלץ אַרומגעבלאָנזשעט צווישן די נעפּאַנגענע, וואָס זענען געזעסן אין די אונטערוועש, און געמירמלט אַלץ דאָס אייגענע, ווי אַ מבולבלע:

— זאָגט־זשע מיר, גוטע מענטשן!... וואָרים איך בין דאָך אַלט און בלינד...

איר האָט מען נישט געענטפערט, ווי פריער: אפנים זי נישט געזען און נישט געהערט.

עס האָט זיך דערהערט ערגעץ אין דער זייט אַ קאָמענדע. איר האָט נענטער אָפּגעענטפערט אַ צווייטע — דער עכאָ. די אָפיצירן און קאָזאַקן, וואָס האָבן זיך אָפּגערוט אין שאָטן פון די טאָפּאָל־ביימער, זענען אויפגעשפּרונגען, שנעל זיך אויסגעשטעלט אין צוויי רייען, און האַלטנדיק די ביקסן בײַ די פיס, אויסגע־דרייט די קעפּ צו דער גאַס. צום בולוואַר איז צוגעריטן אַ גרויער גענעראַל אין אַ ווייסער פּאַפּאַכע, ווייסער טשערקעסקע, אויף אַ ווייס פערד.

— סמירנאַ!...

דער גענעראַל איז צוגעריטן צו די רייען און מיט אַ שטיל און נאַכלעסיק קול עפּעס אַ בורטשע-געטון.

— דראַ-זשלאַ-וואַש-פּרי-סטוואָ !...

דער גענעראַל איז פאַרבײַגעריטן די רייען, און טיטקאַ האָט דערהערט, ווי ער האָט שטרענג און קאַלט געזאָגט :

— אַ דאַנק אײַך, חברה, פאַר דער אויסגעצייכנטער אַרבעט !

— ראַד-סטראַט-וואַש-פּרי-סטוואָ !...

דער גענעראַל האָט צוגערופן אַן אָפיציר און ווידער עפּעס שטיל אַ בורטשע-געטון. דער אָפיציר איז איילִיק אַוועקגעלאָפן צו דער פאַרצוימונג פון בולוואַר און אויסגעשריגן :

— העי דאָרט, איר, אַזיאַטן !... ברענגט זיי צו פירן דאָ אַהער !... שנעלער !...

די טשערקעסן האָבן אַרויפגעוואָרפן די ביקסן אויף די אַקסל און גענומען באַוועגן מיט די הענט.

— אַרריאַ !...

זיי זענען אויפגעשטאַנען, ווי אַ סטאַדע שעפּסן, און גענומען גיין צוזאַמען מיט די וואַך-זעלנער צום גענעראַל. ביים אַרויפקו-מען אויפן בולוואַר, האָט דער גענעראַל אַ פאָך-געטון מיט דער נאַהייקע און זיי אָפּגעשטעלט. ער איז אַריינגעריטן אין סאַמע מיטן פון דער גרופּע. די געפאַנגענע האָט מען אויסגעשטעלט אין אַ האַלב-קרייז. פון ערגעץ זענען פּלוצלינג צוגעקומען אַ חברה דאָר-פישע און זיך אויסגעשטעלט אויך אין אַזאַ האַלב-קרייז הינטער די די וואַך-זעלנער.

— פאַרוואָס איז גענומען געוואָרן דער קליינער ? אַנו, שדל רו, ווער ביסטו פאַר איינער ?

— אַן אייגענער... נישט קיין ווייכער און טייגענער...

— ווי ?

— אַזוי... איז ער געגאַנגען, זיך באַנאַרישט, און געוואָרן געפאַנגען... נישט אַלע זענען אָבער נאַראַנים — עס זענען דאָ אויך קלוגע...

— וואַ-אָס ?... אַ ציציק !...

צווישן עולם האָט מען אָנגעהויבן שמייכלען.

— פונוואַנען ביסטו, קליינער ?

— פאַרנומען געוואָרן הינטערן דאָרף מיט געווער אין דער האַנט.

— פאַרוואָס — מיט געווער ? פונוואַנען קומט צו דיר געווער ?

דאָס ייִנגל האָט געקוקט דעם גענעראַל גלייך אין די אויגן אַריין, זיך אומגעקוקט אויף זיינע חברים און געשמייכלט. ער האָט דערזען טיטקען, זיך דערפרייט און אַ שאָקל-געטון מיטן קאָפּ, ווי איינער זאָגט : „דו האָב גאָר קיין מורא נישט !..."

— פונוואַנען קומט צו דיר געווער ? וואָס האָסטו געטון הינטערן דאָרף ?

— פּערציק דערשאָסן...

— וואָס הייסט — פּערציק ?

— אַזוי טאַקע, נו... פּערציק ווייסע... אַראָפּגעשאָסן די עפּאָליעטן ביי די קאַדעטן...

דאָס ייִנגל האָט כסדר געקוקט אויפן גענעראַל שאַרף און עזותדיק.

— פּאַרוטשניק !... — דער גענעראַל האָט אַ פּאָך-געטון מיט דער נאַהייקע.

— צו באַפעל !...

דער פּאַרוטשניק האָט אָנגענומען דאָס ייִנגל ביים אַרבל און געוואָלט אים אַרויספירן פון צווישן עולם. דאָס ייִנגל איז בייז געוואָרן, אַרויסגעריסן דעם אַרבל פון אָפיצירס האַנט, אַריינגעלייגט די הענט אין די קעשענעס און אַ בלינצל-געטון מיט די חיהשע אייגלעך. אויפן בלייכן פּנים האָבן געציטערט די אָנגעכמורעטע ברעמען. די מוסקולן אויף די באַקן זענען אָנגעשטרענגט געוואָרן און זיך דורכגעפלאָכטן מיט שטריקעלעך.

— נו, גיי, גיי !...

— טשעפּע נישט !... שלעפּ נישט !...

— אַך דו, קריפּל איינער !... פּאַרזעעניש !...

— און דו שלעפּ נישט... מנוולים! נאָך צו ווייניק האָב איך אייך אויסגעשאָסן...

דער אָפיציר האָט מיט פאַרוואונדערונג אַ קוק־געטון אויפן יינגל.

— סאַראַ פליג דאָס איז, אַן איינגעגעסענע!...

ער האָט אים שמייכלענדיק אָנגענומען ביים אויער. דאָס יינגל האָט זיך אַ וואָרף־געטון, ווי אַ שלענגל.

— וואַג נישט אָנצורירן, ווייסער מנוול!...

דער אָפיציר האָט זיך אָנגעכמורעט, רויט געוואָרן. און עס איז נישט געווען צו וויסן, צי ער פילט זיך באַליידיקט, אָדער סתם פאַרלוירן. זיי האָבן ביידע שאַרף זיך אַ קוק־געטון אין די אויגן אַריין, און מיטן גאַנצן וועזן, אין איין אויגנבליק דערפילט, אַז ביידע זענען זיי פאַרמשפטע, אַז ביידע פליען זיי אין אַ תהום אַריין, אַז ביידע זענען זיי — נישטיקע שטויבעלעך אויף די סטיכישע כוואַליעס פון אַ גרויסן הוראַגאַן. דער אָפיציר האָט זיך אַוועקגעדרייט, שווייגנדיק און אָנגעכמורעט אים אַוועקגעפירט צו דער אַלטער און אַוועקגעשטעלט לעבן אַ טשערקעס מיט אַ ביקס.

טיטקאַ האָט געפילט, ווי עמעצער האָט אים אָנגענומען ביים אַרבל, און גראַטשענדיק מיט די נעגל איבער דער האַנט, אַוועקגעפירט אויפן בולוואַר. לעבן אים איז געגאַנגען אַ ריזיק באַשעפעניש, אַזוי שווער ווי אַ ברילע ערד, און פאַרשפרייט אַרום זיך אַ ריח פון איבערגעברענטן ספּירט און ביטערער מאַכאָרקע. אים איז געוואָרן איבלדיק, נישט צום אויסהאַלטן.

— לאָז־אָפּ! טשוואַל!... איך וועל אַליין גיין...

דער קאָזאַק האָט גענומען סאַפּען און זיך פאַרכליניעט מיטן שפּייעכץ.

— כ׳וועל דערהרגענען, הינטישער זון!

מיט ברייטע טריט האָט טיטקאַ געשפּאַנט פאָרויס, זיך נישט אומקוקנדיק. זיין בלוט האָט געזונגען און זיך געכוואַליעט אין אויפגעברויזטן האַרץ. עס האָט אים געהויבן אַן אומבאַזיגבאַרער ריטמישער צופלוס פון כוחות און באַגייסטערונג. אים האָט זיך גע־

דאַכט, אַז ער הוידעט זיך אויף אַ גרויסער הוידעלקע און זעט, ווי עס וויגן זיך און שווימען די טאָפּאָל־ביימער און וואָלקנס אין טיפן לאַזור. דאָרטן ווייט, אויף דער צווייטער זייט, נאָכן טייך, אָדער טיף אין זיין נשמה, — האָט אַ גרויסער המון געזונגען אַ גראַנדיעז ליד, און דאָסדאָזיקע ליד איז געווען — געשפּענסטיק־ווייטער כוואַליענדיקער גלאָקן־געקלאַנג...

האָט זיך געהוידעט טיטקאַ אויף דער אומגעזעענער הוי־דעלקע, און צוזאַמען מיט אים האָט זיך אַלץ מיטגעהוידעט אין וויניקן נעפּל, און צום טאַקט פון דאָזיקן הוידען זיך האָט גע־שטראָמט און געפלאָסן פון דער אומענדלעכקייט דאָס גלאָקן־געקלאַנג.

דאָס יינגל האָט אים געצופּט ביי דער האַנט, פיבערדיק גע־ציטערט און מיט די ציין געקלאַפּט.

— איך וועל זיי נישט דערלויבן צו שלעפּן מיך! איך בין נישט קיין סמאַרקל זייערס, זיי זאָלן מיך שלעפּן... אַ סך האָב איך פון זייערע לייט אויסגעשאָסן... ווילסט שיסן — שיס, אָבער שלעפּן — וועל איך מיך נישט לאָזן!

ער האָט אַ סמאָרע־געטון מיט דער נאָז און נישט אַראָפּגע־נומען די אויסטערליש־פאַרכישופטע אויגן פון די פאַרזאַמלטע.

— דו הייסט טיט, יאָ?... און איך — באָריס... מיר וועלן זיין צוזאַמען... ווען מען וועט אונז שיסן, וועלן מיר זיך האַלטן צוזאַמען. גוט?...

— מיך דאַרשט... — האָט טיטקאַ געזאָגט און אַלץ זיך איינ־געהערט אין זינגענדיקן צופלוס פון די כוואַליעס.

VIII.

דער גענעראַל איז אַוועקגעריטן, און די מחנה געפאַנגענע האָט מען נאָך אים איבער דער דאָרף־גאַס צום טייך אַוועקגעפירט.

עס זענען צוגעקומען פיר קאָזאַקן מיט נאַהייקעס, יונגע, פריילעכע חברהלייט. זיי האָבן געשטשירעט די ציין, ווי עזות־

ניקעס, און געטריבן שפּאַס אַרום דער פּיערעדייכע. איינער פון זיי האָט זי אונטער דער האַנט געגומען, און נאָכמאַכנדיק אַ קאַ־וואַלער, זי צו אַ באַנק אונטער אַ טאָפּאָל־בוים אַוועקגעשלעפּט. די איבעריקע דריי זענען נאָכגעגאַנגען און זיך געקייקלט פון געלעכ־טער. די פּיערעדייכע האָט געבורטשעט, אַ האַלב דולע:

— איך בין דאָך בלינד און טויב... יונגעלייט!... צי בין דען אַ יונג מיידל?... איר זענט דאָך אַזעלכע שיינע און פריילע־כע... פריילעכע און שיינע...

די קאָזאַקן האָבן זיך געקורטשעט פון געלעכטער.

די פּיערעדייכע האָט מען אַרויפגעזעצט אויף דער באַנק. און דער קאָזאַק, וואָס האָט זי געפירט, האָט אַ געשריי־געטון מיט אַ הייזעריק און בייז קול:

— לייג דיך!...

די פּיערעדייכע האָט ווידער אָנגעהויבן וויינענדיק עפּעס צו בורטשען. דער קאָזאַק האָט אַ פּאָך־געטון מיט דער נאַהייקע. די פּיערעדייכע האָט גענומען יאָמערן, אָבער שטום געבליבן. דער קאָזאַק האָט זי אַ שטויס־געטון. זי איז געפאַלן אויף דער באַנק און געבליבן ליגן אַן אומבאַוועגלעכע. די צוויי אַנדערע האָבן איר פאַרשאַרצט דאָס קלייד איבערן רוקן, און טיטקאַ האָט דערזען אַ פּאָר שלאַבעריקע פיס מיט זאָקנבענדלעך אונטער די קני און מאָ־גערע אַלטע היפטן.

— דערלאַנג איר, דער אַלטער מנוולניצע!...

איין קאָזאַק האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף אירע שוואַרצע, באָרוויסע פיס, דער צווייטער האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט די הענט אויף איר קאָפּ און דער דריטער האָט מיט אַ צעקרימט פּנים טעמפּ גענומען האַקן מיט דער נאַהייקע איבער איר מאָגערן הינטן. זי האָט דומפּ און העשענדיק געכראַפּעט, געשפּיגן און איר קערפּער האָט פיבערדיק געציטערט. באַלד איז זי שטיל געבליבן. אָבער דער קאָזאַק האָט זי נאָך אַלץ געשמיסן, און ביי יעדן שמיץ האָט פון זיין אויסגעשטשירעט מויל זיך געהערט אַזוי ווי אַ פאַרכליניעט זיפצן:

— כ־כעק ! כ־כעק !...

און די פּנימער בײַ אַלע זענען צעקרימט געוועזן פון אַ שיכּורן תּענוג־שמייכל.

דער קאָזאַק, װאָס איז געזעסן אויף די פּיס, איז אַראָפּ פון דער באַנק און אַ מאַך־געטון מיט דער האַנט.

— שטייט, חברה !...

די קאָזאַקן האָבן אָנגעהויבן דרייען פּאַפּיראָסלעך. איינער האָט אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע אַ שטריקל, זיך אַרויפגעשטעלט אויף דער באַנק און אָנגעהויבן איילִיק און פלינק צו פאַרפעסטיקן עס אויף אַ צווייג פון בוים.

— אַנו, חברה !... מען דאַרף לויטן פאָרשריפט...

איינער פון די קאָזאַקן האָט פאַרשאַרצט דער אַלטער דאָס קלייד איבערן בויך, געמאַכט אַ זאַק דערפון, אַריינבאַהאַלטן דער פּיערעדייכעס הענט אין אים און פון פאָרנט אין אַ קנופּ פאַרבונדן. צוויי האָבן זי אונטערגעהויבן, און דער ערשטער האָט איר פאַר־וואָרפן דאָס שטריקל איבערן קאָפּ.

— געמאַכט אַ הוידעלקע !...

און זיי זענען אַוועקגעגאַנגען !...

— נאַרישע סאָראָקעס !... זיי האָבן אָנגעקראַקעט !... די אַלטע — אויפגעהאַנגען !... שלעפּערס !... טפּשים מנוולדיקע !...

דאָס האָט דער קליינער אַזוי אויפן קול זיי אויסגעלאַכט.

די קאָזאַקן האָבן זיך אומגעקוקט. אין פאַרלעגנהייט עטלעכע טריט געמאַכט, גענומען שעלטן אין דער מאַמען אַריין. איינער פון זיי האָט אַ דראָע־געטון מיט דער נאַהייקע :

— אָט וועט מען באַלד דיר אויך דאָס העלזל מיט אַ קאָרק פאַרשטאָפּן...

— סאָראָקעס ווייסגוואַרדייאישע !... תּלינים ווייבערישע !...

פון דער זייט פון טייך האָבן זיך דערהערט שאָסן. און באַלד דערנאָך אַן אָפּגעריסן ברומען, ווי פון אַ מחנה. און עס איז נישט געווען צו וויסן, צי דאָס האָט דער עכאָ אָפּגעקלונגען איבערן טייך, אָבער דאָס האָבן אַזוי חיהש־פאַרצווייפלט געברומט די שטאַרבנדי־

קע. און ווידער האָבן אין קנאַלדיקן זאַלפּ פייקלדיק זיך צעטראָגן שאָסן, און ווידער — דאָס תיהש-פאַרצווייפלטע ברומען...

די צוויי טשערקעסן, וואָס האָבן געהיטן טיטקען מיט באָריסן, האָבן מיט די קאָלבעס זיי צוגעטריבן צום פאַרקן פון דער צערקווע. דאָס יינגל איז געגאַנגען גלייך, ווי אַ דערוואַקסענער, ער האָט זיך בלויז געקורטשעט — עס איז אים קאַלט געווען. אָפּט געשפּיגן, געהוסט, און דאָסדאָזיקע הוסטן האָט ווי אַ זיפץ אָפּגעקלונגען.

— זיי מיינען, איך האָב מורא... אַ סך פון אייך האָב איך דערשאָסן, מנוולים... שפּייען אויף אייך גלוסט זיך מיר!... האָב נישט קיין מורא, טיט... מיט מיר קום... די האַנט דערלאַנג...

טיטקאַ האָט געהערט, ווי אין חלום, און נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס יינגל רעדט. ער האָט געפילט איינס — ער גייט ערגעץ, און נישט ער גייט, נאָר ער שווימט, וויגט זיך אויף כוואַליעס. גייט און שווימט שוין זייער לאַנג אין אַ געדיכטן פייערדיקן נעפּל. די צייט האָט אים אויסגעזען, ווי אַ פלאַמענדיק-געלער, גלייך-פליסנדיקער שטראָם, וואָס ווערט פאַרפאַלן ערגעץ אין געווירבל פון אַ הייסן וואַסערפאַל. און פון אָט דעם געווירבל טויכןאויף און צאַפּלען זיך, ווי געשפּענסטער, ווינקלדיקע און בערגלדיקע פלעקן, ענלעכע צו הייזער, וואָלקנס, פעלדער און וועגן. און אינמיטן פון דעמדאָזיקן געווירבל פליען אַרום און דרייען זיך, ווי גאָלדענע בינען, ראָיען פון פונקען, וואָס קאָנען נישט פאַרלאָשן ווערן. זיי דרינגען אים דורך און קלינגען, ווי סטרונעס, קלינגען מיטן געקלאַנג פון ווייטע אַליאַרמירנדיקע גלאָקן.

און ווידער האָט זיך אים געדאַכט: ער הוידעט זיך אויף אַ הימלישער הוידעלקע, און צוזאַמען מיט אים הוידעט-זיך-מיט די גאַנצע וועלט. און דאָס קלינגען פון די רעגנבויגנדיקע פונקען, ווי פון סטרונעס, האָט אים דערמאַנט אָן שטילן לאַכן פון דוניען. זי האָט זיך געוויגט אַצינד און מיטגעפלויגן מיט אים, אַ לעבעדיקע, נישט ענלעך צו דער פריערדיקער, — אַ לייכטע, אַ לופטיקע און היימישע — אַזעלכע, ווי דעמאָלט, ווען זי איז אין שיין פון די שטערן

אין גראָבן אַריין צו אים געקומען. זי האָט זיך געשווענקט אָן אים און געדרייט אין נעפּלדיקן, צעקלונגענעם פלאַם פון זוניקן געווירבל.

מען האָט זיי אָוועקגעשטעלט ביים פּאַרקן. די טשערקעסן האָבן זיך עטלעכע טריט פון זיי אָפּגערוקט, און ביידע, איינער נאָכן אַנדערן, אַ קאָמאַנדעווע געטון:

— לייג דיך!... אַררריאַ!...

טיטקאַ האָט דאָס אַלץ געהערט אומקלאָר און נישט פאַרשטאַנען, אָבער דאָס ייִנגל לעבן אים האָט זיך גענומען וואַרפן, ווי אַ געבונדענער, און אויסגעשריגן אין ווילדן צאָרן:

— איך וועל מיך נישט לייגן!... אָט אַזוי!... מיר — ביידע צוזאַמען!... אָט אַזוי!...

די טשערקעסן האָבן אויפגעהויבן די ביקסן צו די אַקסלען, און צוויי פאַרטויבנדיקע קנאַלן האָבן פאַרטראָגן דאָס געשריי פון דעם ייִנגל.

אין תהום

דעם גאַנצן וועג פון וואָקזאַל אַהיים איז פּאָמאַ געפאָרן נישט דייבערישמעסיק, ווי ער פלעגט פאָרן אין דער אָנוועזנהייט פון — מיט די פיס אין וואָגן, — נאָר ווי אַ פויער, אַ פעסט-געוון, ער איז געפאָרן, ווי עס וואָלט גאָרנישט געהאַט פאָרגעקומען: פליייסיק אונטערגעטריבן די קאָבילקע, וואָס האָט זיך געהוידעט אין די האָלאָביעס, אויפמערקזאַם געקוקט אין די זייטן — אויף די גרויע פעלדער, שוואַרצע, פריש-אויפגעאַקערטע ערד-פאַסן און פאַרטיפט אין זיך געסמאָרעט מיט דער נאָז.

פון ווינט, וואָס האָט געבלאָזן אין פנים אַריין, איז זיין באָרד זיך צעפלויגן אין פאַרשידענע זייטן, און צעטיילט אויף צוויי העלפטן, אַרויסגעוויזן די געל-אויסגעקראָכענע גאָמבע. זיינע גרויע, צויטיקע ברעמען האָבן אים ענלעך געמאַכט צו אַן אַלטן הויפהונט, וואָס ווערט שוין פון גאָרנישט פאַרחידושט און האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו בילן. פון צייט-צו-צייט האָבן דידאָזיקע גרויע ברעמען זיינע אַ ציטער-געטון, געקראָכן אויפן שטערן אַרויף, געקנייטשט אים אין אַ דין-געפאַלבטער האַרמאָניקע, און דעמאָלט האָט אויף זיין פנים געציטערט אַ נעבעכדיקער וויינענדיקער שמייכל.

דער טאָג איז געווען אַ ליכטיקער, אַ פאַרנער, עס האָט נעשמעקט מיט שטויב און פריש-געשניטענער תבואה. דער הימל — אַ היימישער, אַ שטילער, אַ נאָענטער און אַזאַ טונקל-בלויער, אַז עס האָט זיך געגלוסט לאַנג צו קוקן און גאָרנישט אָפרייסן דעם בליק פון אים. אַרום האָבן זיך געשפרייט די פעלדער, בלויע און אומעטיקע, ציטערדיקע און קריסטאָל-צעכוואַליעטע אין די ווייטן, און אין דער נאָענט — טריב-גאָלדיקע, הייסע, נעפלדיק-גרינע, בלוילעך-געבערגלטע, אומרויק-נאַקעטע. די בערגלעך און טאָלן און בלאָנזשענדיקע ליכט-פלעקן; דער פאָרויס און צוריק זיך שלענגלענדיקער אַש-קאָליריקער וועג; די געדיכטע, אויפן סאַמע האָרי-

זאָנט בלוילעך־פאַרשלייערטע, וואַלד־קופּקעלעך, די האַלב־דורכזיכטיקע דרעמלענדיקע פליגל־שפּיצן פון די ווינט־מילן — אַלץ האָט אויסגעזען פּונקט אַזוי, ווי מיט זעכציק יאָר צוריק, אין יענער צייט, וועלכע פּאָמאַ געדענקט אַצינד, ווי אַ חלום, ווי עפּעס אַזוינס, וואָס איז קיינמאָל נישט געווען. און קוקנדיק אַצינד אויף אָט די היימישע פעלדער זיינע מיט טונקל־טריבע אויגן, האָט זיך אים געדאַכט, אַז זיין זקנהשע נשמה זאַפּט־איין אין זיך עפּעס אַ גרויסע בענקשאַפט, ענלעך צו געוויין, וואָס לאָזט זיך נישט טרייסטן, עפּעס אַזוינס, וואָס ער האָט אייביק געטראָגן אין זיך, נאָר קיינמאָל נישט געהאַט קיין נאָמען דערפאַר. און האָרכנדיק דאָס שרייען פון די וואַכטלען, וואָס האָט אויף אַ מינוט נישט אויפגעהערט, האָט ער געפילט, אַז פריער, אין דער קינדהייט און אין דער יוגנט, האָט דאָסדאָזיקע שרייען אַזוי נישט געקלונגען. עס האָט דעמאָלט נישט געהאַט אין זיך אַזוי פיל אומעט, אַזאַ וויי און טיפע פאַרלוירנקייט. און אויך אָן נאָך עפּעס שרעקלעך נאָענטס און פיינלעך־שמערצלעכס האָט עס דערמאַנט, וואָס ער האָט נישט געקאָנט אויסדריקן מיט קיין ווערטער, — די נשמה אָבער האָט זיך געוואָלט באַפרייען דערפון.

פונדערווייטנס, פון רויטן סטעפּ־גראָז אַרויס, האָט כסדר געקוקט אויף אים דאָס גרויע פריצישע הויז מיט די ברייטע פענצטער. אויפן באַרג, איבער דער געלער באַנד פון שמאָלן שטעגעלע, האָט אומדערטרעגלעך שאַרף געלויכטן אַ פענסטערל און ווי אַ בלענדנדיקער פּונקט זיך געשניטן אין אויג אַריין. נאָכן הויז, ביזן סאַמע האָריזאָנט, אויף אַ וויאָרסט צוועלף, האָבן זיך גערויכערט די נאַקעטע דאַנילאָוו־פעלדער, מיט זייערע איינזאַמע כוטאָרס אויף די ראַנדן. רעכטס, צווישן שוואַרצע און געלע פעלדער’ אין אַ קליינעם טאָל, האָבן אומהיימלעך און פאַרבענקט זיך געטוליעט אין אַ קופּע די הייזקעס פון סמאָרקאַלאָוו־כוטאָר, וואו עס האָט אויך געוואוינט זיין איידעם מיקאָלאַי. מיט אים האָט ער געלעבט נישט בשלום, זינט ער איז אַוועק פון דער געמיינדע. און אַצינד, ווען פּאָמאַ האָט געקוקט אויף אָט די פּוסטע פעלדער און

לאָנקעס, האָבן אים אַלע מחלוקתן מיטן איידעם אויסגעזען נאַריש, אומנייטיק און דערווידער. ער האָט זיך דערמאַנט אָן מאַשאַרקען, דער טאָכטער זיינער, — עס האָבן איר וויי־געטון די אויגן, ווי זי וואָלט תּמיד געוויינט. און אין זיין נשמה האָט ווידער אויפגעוואַכט אַ שווערע, נאָמענלאָזע פּיינלעכקייט, וואָס האָט צונויפגעדריקט זיין האַרץ.

— מען וואָלט געדאַרפט צו זיי צופאָרן, צו די טפשים... דער חמור־קאָפּ! ער האָט איר שוין באַלד דאָס לעבן צוגענומען...

עס זענען אַרויסגעשוואומען פון די זומפּן די שייערס, מיט קיילעכיקע שאַרפשפּיציקע היי־סטויגן, שטרויענע דעכער פון די הייזער און איינזאַמען אַלטן גלאָקנטורעם מיט שוואַרצע לעכער אינדערהייך.

און ווען פאָמאַ האָט דערזען דעם גלאָקנטורעם, האָט ער מיטאַמאָל וויטיקלעך דערפילט, אַז זיין גאַנצער איצטיקער אומעט, דאָס איז נאָר — אַ פּועל־יוצא פון די רעיונות וועגן זון. יאָ, דאָס איז עס טאַקע, וואָס ער האָט געוואָלט זיך קלאָר מאַכן, ביים נאָמען אָנרופן — דער צער וועגן זון, וועגן סטעפאַנען.

— יאָ, ברודער, מען איז מיטן פולן אָוועקגעפאָרן און מיטן ליידיקן צוריקגעקומען...

ער האָט זיך אַ וואָרף־געטון, סטעפאַן, צו זיינע פיס אויפן וואָקזאַל און גענומען יאָמערן. און ווען ער האָט זיך צוריק אויפגעהויבן, די נאָז געשנייצט און מיטן אַרבל פון שינעל זי געווישט, האָט ער מיט ציטערדיקע ליפּן אַזוי אַרויסגעמירמלט:

— זיי מיר מוחל, טאַטע, ווי גאָט איז דיר ליב... זיי מיר מוחל, אויפן טויט גיי איך...

— גאָט וועט דיר מוחל זיין... גאָט וועט דיר העלפן... יאָ... שרייב אַמאָל...

— אָליענען, טאַטע, לאָז נישט צוריקגיין צו די איריקע... זי איז ביי אונז אין דער היים נייטיק...

ער האָט געסמאָרעט מיט דער נאָז, זיך געווישט מיט די גראָבע שוואַרצע פון אַרבעט פאַרקריפּלטע פינגער, און אַלץ

פחדנותדיק און פאַרלוירן געקוקט אין אַלע זייטן. אין גרויען זאַק-שינעל, מיט די ברייטע, לאַנגע אַרבל און אַלטן פרעמדן היטל מיטן צלם אויפן קאָפּ, איז ער ענלעך געווען צו אַן אַרעסטאַנט. אַ קליינינקער, אַ קרענקלעכער, אַ ווייס-ברעמיקער. מיט אַ קליין פּאַריסן נעזל, שיטערן פּוך אויף די באַקן און טאָפּעלער אייבער-שטער ליפּ, האָט ער אויסגעזען זייער דערשראָקן, דערשלאָגן און פון פחד פאַרלוירן. און ווען סטעפּאַנקאַ האָט זיך אַריינגעזעצט אין וואַגאָן, איז פּלוצלינג אַלץ ווי פאַרפאַלן געוואָרן אין אַ תהום אַריין און פאָמאַ האָט זיך מער גאָרנישט געקאָנט דערמאָנען.

רעכטס פון אים האָבן זיך געטראָגן וואָלקנס. זיי זענען גע-ווען בייכיקע, זאַטע, האָבן בולט זיך געצייכנט אויפן הימל און געקנוילט אין ריזיק-גרויסע, בלענדנדיק-ווייסע און געדיכטע קלומפּן.

אויפן גרענעץ-שטעג, וואָס צעטיילט די שונאַקישע און וואָ-ראָפּוגאָווער פעלדער, שטייט אַן אַלטער געשטרייפּטער סלופּ. פאָמאַ האָט ביי דעם סלופּ אַראָפּגענומען דעם הוט פון קאָפּ און זיך אי-בערגעצלמט. היינט אינדערפרי האָט דאָ סטעפּאַנקאַ לאַנג תפילה-געטון, געוויינט, זיך געווישט מיטן אַרבל פון שינעל און אָנגע-קלאַפּט מיטן ווייס-האָריקן קאָפּ די ערד. און ער איז אויך דאָ, ווי אויפן וואָקזאַל, צוגעקומען צו אים, צו זיינע פיס, אַ פאַל-גע-טון און, ווי אַ קינד, זיך צעוויינט.

אַהיים איז פאָמאַ געפאָרן נישט מיטן וועג, נאָר זיך פאַר-נומען צו די שייערס, כדי צו פאָרן איבער זיין אייגן שטיקל ערד. מען האָט געדאַרפט נעמען אַ ביסל פאַשע פאַר דער קאָבילקע. פון יענעם אָרט לעבן שייער, וואָס איז פאַרלייגט געווען מיט קופּעס צעפּוילט שטרוי, מיט מיסט, און פאַרוואַקסן געווען מיט ווילדע גראָזן און קראָפּיווע, האָט זיך געטראָגן אַ ריח פון וואָרימער פערמענטירונג. די נידעריקע, בלויע בערגלעך פון די קאָפּצעס זענען געווען טונקל און טויט, ווי גרויסע קברים. און פאָמעס האַרץ איז ווידער פאַרגאָסן געוואָרן פון אומדערטרעגלעכן אומעט.

און באַלד האָט ער זיך דערמאַנט, ווי אַזוי סטעפּאַנקאַ האָט,

אַ באָרוועסער, אין האַלב-פֿאַפּירענעם העמד, מיט די דאַרע קניען, וואָס האָבן זיך אַרויסגעזען פֿון די צעריסענע הויזן, זיך אַרומגעדרייט, קרעכצטיק, אָקסישמעסיק, איבערן שייער און אַלץ אַליין אָפּגעטון אין זיין בלינדער פֿויערישער ליבשאַפֿט צו אַרבעט. אינגאַנצן אַ שוואַרצער פֿון אָפּגעבערענטקייט און שטויב, אַ קנאָכיקער פֿון אַרבעט, פֿאַרטרונקען אין שטרוי, האָט ער גיריק זיך געבאָברעט דערין, איינגעלייגט עס, מיט די פֿיס געטרעטן, און זיין קודלאַטע קאָפּ איז אינגאַנצן פֿאַרשיט געווען מיט פּלעווע, די טאָפּעלע אייבערשטע ליפּ האָט זיך אויסגעצויגן, די אויגן האָבן זיך געטונקלט און דאָס פּנים איז רויט געוואָרן פֿון אָנשטרענגונג. אַ גוטער אַרבעטער געווען! כאָטש אַ קליינגעוואוקסיקער, אַ שלאַבעריקער לויטן אויסזען, אָבער אַזאַ אַרבעטער האָט מען געדאַרפֿט זוכן. איי — ער איז נישט אַזוי באַרעדעוודיק געווען, איי — מען האָט אים געהאַלטן נישט פֿאַר אַזאַ גרויסן חכם, — אָבער זאָל ווער זאָגן עפּעס שלעכטס וועגן זיין באַלעבאַטעווען. וואָס מענטשן רעדן דאָרטן! ער ווייסט וואָס פֿאַר אַ ווערט דאָס האָט.

אָננעמענדיק מיטן היי-גאָפּל דעם אָבריק, האָט ער פֿאָרזיכטיק אים אָפּגעטרייסלט איבער דער קופּע, כּדי אויף דער ערד נישט צו פֿאַרשיטן, און, געוואוינט צו קוקן אויף די פּראָדוקטן פֿון זיין ערד, ווי אויף אַ מתּנה פֿון גאָט, האָט ער נישט געאיילט אַריבערגעטראָגן דעם אָבריק צום וואָגן און פֿאָרזיכטיק אים פֿון הינטן אַרויפֿגעלייגט. אָבער דאָס אַלץ איז געטון געוואָרן אויטאָמאַטיש: זיין נשמה האָט זיך נישט באַטייליקט אין דער אַרבעט.

II.

נישט אָליענאַ און נישט מאַרינאַ זענען נישט געווען אויפֿן הויף. פֿאָמאַ האָט אויסגעשפּאַנט דאָס פֿערד, געגעבן עס דעם אָבריק און אַליין אַוועקגעגאַנגען אויפֿן גאַניק אַרויף און זיך אויף דער שלאָפֿבאַנק געלייגט. ווי נאָר אָבער ער האָט פֿאַרמאַכט די

אויגן, האָט דער אומעט נאָך ווייטיקלעכער צונויפגעדריקט זיין האַרץ. אין די אויערן איז געשטאַנען אַ כסדרדיק גערויש: אי דאָס פּייפן פון לאָקאָמאָטיוו, אי דאָס גרילצן פון צוג, אי דאָס האַקן פון וואָגן, אי דאָס מרה-שחורהדיקע קול פון סטעפּאַנקען... אַלץ האָט זיך געדרייט אין איין נעפּלהאַפטער קנויל אָן אַן אָנהייב און ענדע און געפּרעסט די נשמה.

ער האָט זיך אויפגעזעצט אויף דער שלאָפבאַנק, גענומען אַראָפּציִען די שטיוול, נישט וויסנדיק וואָס צו טון. טיף אין הויף, אונטערן אָפּדאַך פון דער שאָפּע, האָבן אָן אויפהער זיך איבער-געשריגן צוויי הינער. איינע האָט זיך געאיילט, באַאומרויִקט און כסדר איבערגעחזרט: „וורוּוּהין-וורוּוּהין!" — און די צווייטע האָט רויִק, שוואַר-זקניש און הייזעריקלעך איר אָפּגעענטפערט: „דרראָ-אָהער!..."

— דאָס זאָרגט זיך אַזוי די געפלעקטע... דאָס קוואָקע-לע... — האָט פּאָמאַ אויפן קול אַ טראַכט-געטון און אַלץ זיך גע-פּייניקט, נישט וויסנדיק, וואָס מיט זיך צו טון.

די קאַבילקע האָט זיך קוים אָנגעזען אין דער טונקלקייט פון דער שאָפּע. באַהאַלטן דעם קאָפּ אין דער קאָריטע, האָט זי גע-שמאַק און פלייסיק געריבן מיט די ציין איר אָבריק, און אומגערן קוקנדיק אין דער טונקלהייט אַריין, האָט פּאָמאַ געטראַכט:

— זי עסט, מיין פּריצהטע...

ער איז אויפגעשטאַנען און פּאַמעלעך אַוועקגעגאַנגען איבערן הויף — אַ קוק-טון, צי אַלץ איז אין אָרדענונג, צי עפּעס איז נישט פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן. נאָר געטון האָט דאָס אַלץ אַזוי ווי נישט ער.

ווייטער פון הויף האָט ביז דער צערקווע זיך אַוועקגעצויגן אַ גלייכער שטח, באַוואַקסן מיט סטעפּ-גראָז און דאָ און דאָרטן פאַרזייעט מיט וואַסער-גריבער. עס האָט פלוידערנדיק זיך גע-שלענגלט אַ שמאָל טייכעלע. ביים טייכל איז דער ברעג געווען אַ גלייכער, אַ ברייטער, אַ ווייס-זאַמדיקער און ווייטער אַ ביסל — אַ באַדעקטער מיט גרינעם גראָז. רעכטס פון הויף זענען צום

פּאַשע־פעלד און צוריק אין דאָרף אַריין, זיך דורכפּלעכטנדיק, גע־לאָפן שמאָלינקע שטעגעלעך: איבער זיי זענען פויערטעס געגאַנ־גען נאָך וואַסער צום קוואַל, וואָס איז פאַרבאָרגן געווען אין גע־דיכטעניש פון די פּאַשע־גרעזער.

אונטן, ביים באָד, איז אַליענאַ געשטאַנען מיט דאַווידקאַ מאַ־קין, און אַלעמאָל אַרויסגעלאַכט מיט אַן אָפּגעהאַקט קורץ געלעכטער. און ער, אַ הויכער, אַ קנאָכיקער, אַ וואָנסיקער, מיט ווייסע ברע־מען און עזותדיקע אויגן, האָט כּסדר איינגעטענהט מיט איר — דאָ בעטנדיק, דאָ דראָענדיק, און אָנגעפּאַלן אויף איר, זי אָנכאַפּנדיק ביי די ברוסטן, ביי די הענט, ביי די היפטן. אַליענאַ האָט אָפּגעטרעטן, געטרייסלט מיטן הינטן, כּלומרשט אים אָפּגעשטויסן, זיך גערייצט מיט אים און דאָך נישט אַוועקגעגאַנגען.

דאַווידקאַ איז נאָך געווען אַ בחור, האָט געוואוינט מיטן פאָטער אין זייער קראָם, אָדער פלעגט אַוועקגיין אין שכנותדיקן דאָרף אַריין שפּילן דאָרט גאַנצע טעג אויף זיין האַרמאָניקע. דער אַלטער מאַקין אַליין האָט זיך נישט געחברט מיט די פויערן, האָט געטראָגן אַ לאַנגן ראָק און געשוירן די באָרד. אָפט פלעגט ער פאָרן צוגאַסט אין פּריצישן הויף אַריין און האָט גערעדט אויף עפּעס אַ באַזונדערער, נישט פויערישער שפּראַך, מיט ספּעציעל צו־געקליבענע ווערטער, זייענדיק זיכער, אַז אַזוי רעדן אַלע אמת געבילדעטע מענטשן.

די אויסגעפּולטע, זאַטע, ברייט־ביינערנע אַליענאַ האָט זיך אַליך געדרייט פאַר דאַווידקען און באַמיט אַרויפצופירן אים אויף אַ זאַכלעכן שמועס, נאָר באַלד אָפּגעהאַקט מיט געלעכטער, כּלומרשט געשלאָגן אים איבער די הענט און פאַרדריסלעך איינגעטענהט:

— דו, מאַקינס זון, ריר מיר נישט אָן אפילו!... דו האָסט נישט מיט מיר חתונה געהאַט... אַצינד — האָב איך אַליין איבער מיר צו זאָגן...

— נו, מאַך נישט קיין אָנשטעלן!... נו, שטיף נישט אַזוי!... געווען דער מאַן סטעפּאַשאַ — כאָטש אַ צעקראָכענער, אָבער פאָרט

דיר געגונגן געטון... און אַצינד... פון ווען אָן טאָר דאָס אַ סאָל־דאַטקע נישט אַ לעב־טון ?...

— טשעפּע נישט, טשעפּע נישט !... איך וועל מיין פרייהייט נישט פאַרקויפן — איך געהער נישט צו דידאָזיקע. דו און דיין טאַטע — איר זענט גאַנצע מאַכערס אין דאָרף, אָבער איך אין אַ גוטער שעה, בין מיר אויך אַן אייגענע באַלעבאָסטע. איך האָב איין זאָרג — אויף די פיס זיך צו שטעלן און נישט וועגן חטאים און פאַרגעבונג צו טראַכטן. געווען דער מאַן — בלויז אַ שטערונג אויפן וועג, און דער שווער איז — אַ פאַרפוילטע קאָריטע. איך — בין איינע אַליין, און אַלץ ליגט אויף מיינע פּלייצעס : אויב די אַרבעט איז מיין, איז אויך די פרייהייט מיינע. יאָ, נישט קיין לייכט פּייַנעלע בין איך, נאָר מיט זאָרג באַלאָדנט. און דו — די הענט — נעם־צו, וואָרים איך וועל זיי דיר אָפּברעכן, און וועגן באַלעבאַטישקייט וועל איך מיר אפילו מיטן טייוול אַן עצה געבן...

פּאָמאַ האָט, אַ פאַרשעמטער, זיך אויסגעדרייט און צוריק אַוועקגעגאַנגען, געפּלעפּט און פאַרלוירן שמייכלענדיק.

— אוי, טאַטעלעך !...

ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים, די גאַנצע צייט זיך קלאַפּנדיק מיט די הענט איבער די לענדן און קנאַקענדיק מיט דער צונג, און פון זיין פּנים איז נישט פאַרשוואונדן דער וויינענדיקער שמייכל פון אַ דערשראָקענעם מענטש.

— אַזוי, אַזוי... האָט זי אים באַגלייט... וואָס־זשע... אַצינד איז זי אַליין באַלעבאָסטע... אַ גרויס אומגליק פאַר איר ! מיר וויסן שוין, איר איז אַן אויסגערוטער זשרעבאָק נייטיק... מיר וויסן שוין, איר איז סטעפּאַנקע צו ווייניק געווען...

און באַגלייט האָט זי אים בלויז ביז צום גרענעץ־שטעגל, דערנאָך ווי אַ קעלבל איבערן פעלד אַנטלאָפן. און ער, פּאָמאַ, איז פון צער אַזש בלינד געווען און נישט געזען אפילו, ווי אַזוי זי האָט זיך געזעגנט מיט סטעפּאַנקען, און ווי דאָס פּנים האָט ביי איר דעמאָלט אויסגעזען ; ער האָט זי נישט ליב געהאַט און מורא געהאַט פאַר איר, פּאָמאַ : אַ צעלאָזענע און פּיסקאַטע גע־

ווען, און פלעגט אין די יום-טובים, ווי אַן אויסגעלאָסענע, פון הויז אַנטלויפן..

— מיר ווייסן שוין, ער איז איר נישט גענוג געווען, סטע־פּאַנקאַ... מיר ווייסן שוין, זי האָט פריער אויך מיט אַנדערע זיך אַרומגעבאַלעוועט... צ... צ!...

מאַרינקאַ איז געווען אין שייער און אַרויסגעקליבן אייער פון אַ טאָפּ, ציילנדיק זי אויף איר שטייגער:

— צוואָנציק צען... דרייסיק איינס...

זי האָט אַלעמאָל געוואָרפן אַ בליק אויף דער טיר — מורא געהאַט, און ווען זי האָט דעם פּאַטער דערזען, איז זי שטיל גע־בליבן, זיך נידעריק אָנגעבויגן איבערן טאָפּ און ווייטער געציילט. פון אונטערן קלייד האָבן זיך אָפּגעגעזען די דיקע ליטקעס פון אירע קרעפטיק-צעשטעלטע פיס, און ברייט איז זיך דער קיילע־כיקער הינטן צעשוואומען.

פּאָמאַ איז אין דער טיר שטיין געבליבן, און נישט וויסנ־דיק וואָס ער דאַרף דאָ, בלויז טרויעריק אַ זיפץ-געטון און עטלע־כע מאָל איבערגעחזרט:

— צ... צ... טאַטעלעך!... צ... צ!...

— וואָלסט בעסער דיך אָפּגערוקט, טאַטע, — האָט מאַרינ־קאָ זיך אַ בייזער-געטון, — האָסט דאָס גאַנצע ליכט פאַרשטעלט... נאָר אין די ווייבערישע ווינקעלעך האָבן זיי ליב די נעז אַריינ־שטעקן...

ער האָט פאַרלעגן אַ שמייכל-געטון, זיך פון דער טיר אָפּ־גערוקט און צוריק אין שטוב אַריינגעגאַנגען.

— אייער ציילט מען נאָך האַרבסט... זי וואָלט בעסער גע־גאַנגען אויף טאָג-אַרבעט אין הויף אַריין... וואָלט אַ מאַמע גע־ווען, וואָלט זי נישט געלאָזט צעשלעפּן... אַ מיידל...

ער איז אין שטוב אַריינגעגאַנגען און גלייך דערפילט, אַז אים איז דאָ שווער, ענג, פיינלעך. ער האָט זיך געזעצט אויף דער באַנק, זיך איינגעקלאַמערט אין איר ברעג און פאַרגליווערט גע־בליבן, ווי אַ קראַנקער. עפעס נייעס, אומבאַגרייפלעכס האָט גע־

ברענט אין זיין אינגעווייד, אָבער וואָס אַזוינס — האָט ער נישט געקאָנט וויסן: אפשר איז דאָס געווען אַ פּאַרגעפּיל פון טויט, אפשר האָט זיך אים געגלוסט וויינען אויף זיין איינציקן זון, אויף סטעפּאַנען, און אפשר גאָר דאָס האַרץ אין אַ הייסער תּפילה אויס־גיסן. און עס האָט אים אַזוי שטאַרק אַ צי־געטון אין צערקווע אַריין, אַז ער האָט נישט געוואוסט וואָס מיט זיך צו טון. ער וואָלט געשטאַנען אַזוי אין שאָטן פאַר די געטלעך־צעשטראַלטע ליכט לעבן דערליייזער און געוויינט אַ ביסל מיט שטילע, וואַרימע טרערן פון טיפן האַרץ אַרויס.

אין הויף האָבן זיך דערהערט געשרייען און זידלערייען, גע־וויינען פון די ווייבער אָליענאַ און מאַרינקאַ. עס האָט עפּעס גע־נומען טראַסקען, קנאַקן, און באַלד נאָכדעם איז אין שטוב אַריינ־געלאָפן מאַרינקאַ, איינגאַנצן אַ צעקאָשמערטע, אַ ווילדע, אַ בלויע און פון צאָרן געעלטערטע. זי האָט כּסדר געיאָמערט און נישט אויפגעהערט צו שרייען:

— אַזאַ אויסגעלאַסן שטיק, אַ טייוולאָנישס!... אַזאַ הינטיכע!... מאַקינס שלומפּיכע!... צופרידן, וואָס זי איז דעם מאַן פּטור געוואָרן... מיטן לעבן באַצאָלן, און דאָס אויף אַלע וועגן אויסשרייען... שלומפּיכע!...

וואָיענדיק און שליאַפּענדיק מיט די דיקע פיס, איז זי אַריינ־געלאָפן אין קעמערל, פאַרהאַקט דאָס טירל אויפן ריגל און אויפסניי זיך צעיאָמערט. אָליענאַ איז אַריינגעקומען, אַ רויִקע, אַ שווייגנ־דיקע, אַ שטרענגע, ווי זי וואָלט פאַרזאָרגט געווען צוליב עפּעס אַ וויכטיקן, שווערן ענין. זי האָט געעפנט דאָס שענקל, אַרויסגע־נומען דאָס בינטל קלינגענדיקע שליסעלעך און דעם שליסל פון שייער אויך צו זיי צוגעטשעפּעט. דערנאָך האָט זי ווידער אַזוי רויִק און אויפמערקזאַם פאַרמאַכט דאָס שענקל און דאָס שליסעלע דערפון אַריינגעלייגט אין קעשענע.

— דו זאָלסט וויסן זיין, פאָטער, — האָט זי מיט קאַלטן צאָרן געזאָגט, — אַז ווען זי וועט מיר אין די הענט אַריין קומען, די גנבטע, וועל איך איר אַלע קודלעס אויסרייסן... איך וועל איר

ווייזן אַ שלומפּיכע... דו זאָלסט אויך וויסן זיין, פּאָטער, אַז זי האָט געלט בײַ זיך...

און ווי עס וואָלט גאָרנישט געהאַט געשען, האָט איר רעדן צוריק באַקומען אַ געוויינטלעכן, באַלעבאַטישן טאָן.

— איך, פּאָטער, וועל אַלע שליסלען האַלטן בײַ זיך... סטעפּאַשאַ איז נישטאָ, איז דאָס באַלעבאַטישקייט — אַ יתום... איך, פּאָטער, האָב צו איר גאָרנישט, אָבער גנבענען — וועל איך זי קיינמאָל אין לעבן נישט לאָזן...

— שווייג, מאַקינס שלומפּיכע! — האָט מאַרינע געקווישעט, — ווי לאַנג איזאַז דו האָסט דיך אים אָפּגעגעבן?

אָליענקאַ האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק און, אָוועקזעצנדיק זיך בײַם טיש, מיט הייטערער באַדעכטיקייט אַזוי גענומען רעדן:

— און וואָס זענען דען די מאַקינס?... ווער עס ווייסט ווי אַזוי, קאָן פון זיי אַמאָל אַ טובה האָבן... זיי — זענען קולאַקעס. זיי זאָלסטו קיין פינגער אין מויל אַריין נישט שטעקן. שאַרף אַליין באַלד די ציין אָן און האַלט די פויסטן געבײַלט, וואָרים אַז נישט, וועלן זיי דיך צעבייסן און דאָס בלוט דיינס, ווי הינט, אויסלעקן... וואָלט איך נאָר אַזוי דעם קאָפּ געהאַט... ציין האָב איך שאַרפע... איך — בין אַ דרייסטע... מיט די קרובים איז אויך דאָס אייגענע... אין שטוב — זענען דאָ בלויז ווייבער... לאַנג איז דאָ נישטאָ וואָס צו טראַכטן... איך וועל מיך מיט די נעגל איינגראָבן...

פּאָמאַ האָט שטום און טויב געהערט, וואָס די ווייבער האָבן געשריגן, וואָס אָליענאַ האָט אויפגעקלערט, און זיך געחידושט, פאַרוואָס דאָס רעגט אים נישט אויף, דערשיטערט נישט, פאַרוואונדעט נישט זיין נשמה. ער האָט געשוויגן און, ווי אין שלאָף, אומבאַוועגלעך אויסגעמיטן מיטן בליק אָליענען.

— ברויט דאַרפן מיר נישט קיין סך, פּאָטער... — האָט אָליענאַ פויערישמעסיק ווייטער געטענהט, און דאָס פּנים איז בײַ איר געווען גאָר אַן אַנדערס, ווי אין דער אָנוועזנהייט פון מאַן: אַ שטיינערינס, אַן אומגינסטיקס, ווי בײַ אַ יאַשטשערקע. — די תבואה וועט דאָס יאָר זיך הייבן אַ סך מער, ווי פאַריאָרן — עס

איז מלחמה-צייט... דאָס אַלטע קאָרן איז נאָך אין קאַסטן... דאָס נייע וויינט נאָך נישט, און וועט אויף זיין פּרייז זיך דערוואַרטן... די דאַניל־אָווער ערד איז נישט ערגער פון דער פּריצישער... מיט די מאַקינס וועלן מיר פונדעסטוועגן לעבן גוט... אָט וועלן מיר דיך, פּאָטער, אַוועקשיקן אַהין אויף די פעלדער און אַוועקזעצן אָרדע-נונג צו האַלטן, — האָט זי זיך אַ וויצל-געטון, און פּאָמאַ האָט צום ערשטן מאָל פאַרשטאַנען, אַז אָליענאַ רעכנט זיך נישט מיט אים, זעט אין אים ווי אַן אומזיסטן צוגאָב, אַ הויט אַן אַלטע, וואָס וועט באַלד פּלאַצן און פון געזונטן קערפּער זיך אָפּשיילן.

אַ באַלעבאָסטע !... — האָט ער שוואַך און קרענקלעך אַ ברום-געטון. — אָבער וואָס האָסטו געגומען אַזוי טרייסלען מיטן הינטן ?... דעם מאַן באַגלייט, האָסטו באַלד דעם פּאָדעלעך אויפגעהויבן...

— איך, פּאָטער, בין אַ קלוגע און אומרחמנותדיקע אין דער באַלעבאָטישקייט... — האָט אָליענאַ זיך גענומען בייזערן און איז פון דער באַנק אויפגעשטאַנען. — פּאַר קיין שום עבירות, פּאָטער, האָב איך נישט קיין מורא... איך פּלעג דאָס אויך סטעפּאַשקען זאָגן... און האָב פון מיין מאַן אַ וואָרט אויף דעם... און דו, פּאָטער, ווייס דיין זאַך און מיש דיך נישט אין פרעמדע עסקים... דו ביסט אַן אַלטפרענקישער און פינסטערער, און אויף מיר ליגט די גאַנצע לאַסט און אַלע דאגות. גענוג שוין! גענוג דעם יאָך געטראָגן. אַצינד וויל איך פריי זיין, און ווייס בלויז וועגן איין זאַך צו טראַכטן — דאָס לעבן בייצוקומען, פּאַר גאָט און טייוול נישט מורא צו האָבן, אַבי מיר זאָל גוט זיין...

פּאָמאַ האָט מיט דער האַנט אַ מאַך-געטון, זיך אונטערגע-הויבן און צוריק אויפן געלעגער געלייגט.

— וועסט מיר די ציין נישט פאַרדרעדן... זאָל זיין דערווייל אַזוי... אַלץ איינס... וועל איך שוין... ווי ס'איז...

אין קעמערל, הינטערן ווענטל, האָט שטיל געוויינט און גע-שנייצט די נאָז מאַרינקאַ. עס האָט געזשוזשעט און זיך אָנגעקלאַפּט אָן דער שויב אַ זשוק, איבערשרעקנדיק און צעשאַרנדיק די הכנעהדיקע זאַטע פליגן. אינדרויסן, הינטערן פענסטער, האָט הויל

זיך צעקלונגגען מיטן ליידיקן בויך און מיטן עמער דאָס פּאַס; אפּנים, די פּאַראָבקעס זענען געפאָרן נאָך וואַסער צום טייך.

און ווי נאָר פּאָמאַ האָט זיך געלייגט און איינגעדרימלט, האָבן ווידער אין זיין קאָפּ זיך גענומען שפּאַרן פאַרשידענע אומ־ניפּיקירטן, אַ טיפער אומעט האָט אים דורכגעדרונגען און זיין האַרץ מיט אומדערטרעגלעכן ווייטיק צונויפגעפּרעסט.

III.

ער האָט אויפגעוואַכט און מיט אַ קרעכץ זיך אַוועקגעזעצט איפן געלעגער.

לעבן אים איז געזעסן פּאַרושאַ. אָנגעשפּאַרט מיט די הענט אָן דער באַנק, האָט זי גערעדט, און ס'איז נישט געווען צו וויסן, צי זי רעדט דאָס צו אים אָדער צו זיך אַליין.

מיט אַ קורצער צייט צוריק איז איר אָפּגעשטאָרבן איר אַלטיטשקער, די זין האָבן צעשלעפּט די גאַנצע באַלעבאַטישקייט, און זי, אַזאַ הויכע, אַ קנאָכיקע, מיט אַראָפּגעהאָנגענע ברעמען איבער די אויגן, געוואוינט צו קאָמאַנדעווען, צו שרייען אויף די קינדער און שלאָגן זיי פון צייט־צו־צייט מיט דער פייערפאַן, — זי איז דאָס אַצינד אַרומגעגאַנגען פון איין זון צום אַנדערן און געשאָלטן זיי מיט טויטע קללות איבערן גאַנצן דאָרף. אַלע פיר זין אירע זענען געווען בייזע, מרה־שחורהדיקע, ווי אָקסן אומהיימלעכע. ווי נאָר די מוטער פלעגט קומען, פלעגן זיי אָנהייבן אויף אַ שרעקלעכן און אומזיניקן אופן זיך צו קריגן מיט איר, און אין די שטילע פאַרטראַכטע פאַרנאַכטן, ווען עס האָט זיך געגלוסט, ביים טרויעריקן זון־פאַרגאַנג, שווייגנדיק צו זיפצן, פלעגן זיך צעטראָגן אירע קולות איבערן גאַנצן דאָרף און אַרויסרופן אַן אומפריינטלעכקייט צו איר.

אַ צעקאָשמעטער, אַ צעקנייטשטער פון שלאָף, האָט פּאָמאַ לאַנג אָנגעקוקט די פון צרות שוואַרץ געוואָרענע פּאַרושאַ און אַ טראַכט־געטון:

„אָבער ס'איז דאָך פּאָרט — אַ מאַמע...״

און ער האָט זיך דערמאַנט, ווי דידאָזיקע פּאַרושאַ האָט אַמאָל, שוין זייער לאַנג צוריק, גורם געווען, אַז זיין האַרץ זאָל צום ערשטן מאָל אָנהייבן מיט בענקשאַפט זיך איבערפּולן. אַ גרויס-אויגיקע, אַן עזותניצע, אַ שרייערקע, אַן ענלעכע צו אַ פויער, איז זי אַמאָל צוזאַמען מיט אים געפאָרן אין מיל אַריין. פריי, אָן אָנשטרענגונג, ווי ער געטראָגן די זעק פון וואָגן אַראָפּ און, לאַכנדיק, חוזק גע-מאַכט פון אים.

— פּאַמקאַ, קום דיך שדכענען, וואָרים אַז נישט, וועל איך מיט אַן אַנדערן חתונה האָבן... וועסט פאַרשפּעטיקן...

— איך דאַרף דיך זייער נייטיק, גראָבהויטיקע... שטופּ דיך נישט בחינם: דו ביסט צו פּראָסט פאַר מיר...

און זיי האָבן לאַנג און געשמאַק זיך קעגנזייטיק געדריקט צווישן די וואָגנס, געקוקט אויף זיך מיט שיכורע אויגן, זיך גע-שטיקט און געציטערט.

דאָס איז געווען אַמאָל! און אָט אַצינד זיצט זי דאָ — אַ מאַכטלאָזע, אַ צעררייצטע פון די אָפטע באַליידיקונגען און שטענ-דיקע קריגערייען מיט אייגענעם בלוט.

— וואָ-אָס?... — האָט זי פויערישמעסיק גראָב זיך צעזונ-גען. — שוין אויפגעשטאַנען?... און איך, טראַכט מיר אַזוי, איך וועל אַריינגיין צו פּאַמען... ער האָט סטעפּאַנען אָוועקגעפירט, מוז אים אַצינד אויפן האַרץ אומעטיק זיין... שטאַרק פאַרזאָרגט ביסטו, און די נשמה איז ביי דיר, ווי אַ שנייעלע, פריש-געפאַלן... און מיר טוען די ביינער ווי... ווי קאָנען זיי דען נישט ווי טון... ביי אַזעלכע קינדער מוזן זיי שוין ווי טון... אַ באַלעבאָסטע געווען, אויף וועמען אַכטונג צו געבן געהאַט — אַ פולע שטוב שנורן גע-ווען... וויל איך, גיב איך די ביים צאַפּ אַ שלעפּ, יענער איבערן ראָזן בעקל אַ פּאַטש... און אַצינד זענען זיי ווי טאַטערן אויף אַ נבלה אָנגעפאַלן... שטראָף זיי, גאָט, מיט וויסטע פּיין... שיק, רבונו של עולם, די תוכחה אויף זיי...

„זי האָט שוין גאָר קיין שכל נישט...״ — האָט פּאָמאַ, אַן אויפגערעגטער, אַ טראַכט־געטון.

און אַ מאַך געבנדיק מיט דער האַנט, שטרענג און אַקצענטירנדיק זיך צו איר אַזוי געווענדט:

— וואָס מאָלסטו — מיל!... מעג מען דען אַזוי?... ער וועט דיר, דער רבונו של עולם, נאָך מער די הערנער אָפּהאַקן... אַלטער ראָר־שטעקן דו!...

און, שטורכענדיק זי מיט די אַלטע פויסטן אין דער ברוסט אַריין, האָט ער אָפּגעהאַקט און שטרענג גענומען רעדן, ווי לערנענדיק זי:

— דו — ביסט דאָך אַ מאַמע... צי מעג מען דען אַזוי רעדן אויף קינדער... בהמה דו!...

די ווייבער זענען נישט געווען אין שטוב: מאַרינקאַ איז, מסתמא, געגאַנגען אָפּוואַרטן די בהמות פון דער פּאַשע, און אָליענאַ — אויף ביינאַכט אין פעלד אַריין. פּאָמאַ איז אויפגעשטאַנען פון געלעגער און צוגעגאַנגען צום פענסטער: עס איז שוין צייט געווען צו פירן די קאָבילקע אָנטרינקען.

— אַוועקגעפירט דעם יונגן חברהמאַן, — האָט ער זיך אַ ווייצלגעטון — דריי־זשע דיך אַצינד, ווי אַן אַלטער בוהיי: נישט קיין נוצן פון דיר צו האָבן, נישט קיין פריילעכקייט... די נויט וועט ברענגען, מויד, וועלן מיר נאָך ביידע טאַנצן אַרומגיין....

— אוי, אוי, וועסטו נאָך טאַנצן... די קינדערלעך וועלן דיר אונטערשפּילן... צוויי אַוועקגעפירט — זענען צוויי אינדערהיים נאָך פייפן געבליבן...

— אפשר וועסטו שוין אויפהערן די נשמה צו באַאומרויקן... וואָס פאַר אַ מאַמע ביסטו?... זיי זענען אויפגעוואַקסן — איז אַלץ ווייערס... אַז די קינדער לעבן — איז דאָך אַ כבוד פאַר דיר...

און פּאָמאַ האָט נישט געפילט צו איר — נישט קיין אומצופרידנקייט, נישט קיין פאַראורטיילונג: שוין צו איינזאַם און צו ווייסטלאָז האָט זי אים אויסגעזען, דערווייטערט פון אירע קינדער, פאַרלאָזט פון זיי אין דער חורבה פון צעפירטן באַלעבאַטישקייט.

זאַמאַ האָט אומקלאָר געפּילט, אַז אירע קללות זענען אויסגעמישט מיט ליבע, בענקשאַפט און תפילות פון אַ פאַרשטויסענער מאַמע.

ער איז צוגעגאַנגען צו דער טיר. פּאַרושאַ איז, אַ מרה־שחורהדיקע און שטרענגע, אים נאָכגעגאַנגען.

— נו, צוריק אין דיין ווינקל אַריין... אַזוי שרייען די קינ־דערלעך...

— נישט די קינדערלעך, נאָר די פּאַן דיינע קלינגט דאָס אַזוי... — האָט פּאָמאַ זיך געוויצלט, — דו ביסט אַ מאַמע — ליידישע, אַבי מיט די קינדער צוזאַמען... זיץ נאָך אַ ביסל, נעכטיק דאָ, וואו ווערסטו גיין אַצינד?

— עס איז מיר קיינמאָל קיין נויט נישט געווען ביי פרעמדע מענטשן צו נעכטיקן... זאָל מיך גאָט אָפּהיטן!... איך האָב ליב מיין היים — אַ היימזיצערין בין איך — פאַר זיך אַליין אַ באַלעבאָסטע.

זי האָט געלאָסן און שטאָלץ זיך אָפּגערוקט פון אים און, מיט שטיינערנער אומבייגזאַמקייט אין די אויגן, פון צימער אַרויסגע־גאַנגען.

IV.

פּאָמאַ האָט אָנגענומען די קאָבילקע ביי דער לייץ און זי אַוועקגעפירט צום טייך אָנטרינקען. ער איז שוין לאַנג נישט גע־ריטן: עס איז אים שווער געווען אויפן פערד זיך אַרויפצוכאַפּן, דאָס איז שוין נישט געווען פאַר זיינע יאָרן. אָבער איבערגיין זיך, אויף זיין שטייגער, באָרוויס, און אָן אַ היטל, פאַר דער מאָרדע פון דער קאָבילקע, איז געווען אַ אָנגענעם, אי מען האָט זיך גע־וילט נישט אַזוי איינזאַם.

פון באַרג אַראָפּ אויף יענער זייט טייך האָט מען געטריבן די סטאַדע, אַ רויטער שטויב איז דאָרט אויפגעשטיגן און פאַר־שטעלט די כאַטעס, און עס האָט זיך געהערט דאָס אומגעדולדיקע, הילכיקע מרוטשען פון די בהמות, דאָס בלעקען פון די שעפּסן און הויכע שרייען פון די ווייבער און קינדער.

פאָמאַ האָט זיך פאַרנומען צו דער ברונען. דער הילצערנער קאַסטן פון קוואַל איז געזעסן אין דער שוואַרצער, קיינמאָל נישט אויסגעטרוקנטער בלאָטע פון טאָל, געדיכט אַרומגעוואַקסן מיט קראָפּיווע, ווילדע שוואָמען און לאָזע־קוסטעס. נאָך דער ברונען האָבן זיך אין אַ קופּקע געטוליעט און געכמורעט ווערבע־ביימלעך, וואָס זענען ענלעך געווען צו אַ געזעמל פון אַלטע פרויען. אין זייערע נעדיכטע ריטער האָבן זיך געטונקלט גאַנצע מחנות קאַווקעס, וואָס האָבן כסדר זיך איבערגעשריגן, ווי נאַראָנים.

ביי דער ברונען האָט פאָמאַ דערזען מאַסיעווס שנור, אָקסיען. מאַסיעוו האָט אויך שוין נישט געהאַט זיין אַלטע, ווי ער. פון פרויען איז געווען אין שטוב בלויז אָקסיע מיט די צוויי מיידלעך, אירע שוועגערינס. די גאַנצע לאַסט פון דער אַרבעט איז געלעגן אויף אירע פּלייצעס, און זי איז דאָך תמיד געווען אַ פרישע, אַ פולע, אַ גרויס־אויגיקע, ווי אַ נאַרעלע.

אָקסיע איז מיט דער קאָראָמיסלע אויף די אַקסלען שוין גע־גאַנגען אַהיים. דערזעענדיק פאָמען, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און אַ נייג־געטון צו אים.

— האָסט טאַקע אַוועקגעפירט סטעפּאַנקען, פעטער פאָמאַ? — האָט זי זיך טרויעריק צעזונגען מיטן טאָן פון אַן אַלטיטשקער.

— אַ־אַוועקגעטריבן... אַוועקגעפירט... מיט דער מאַשין...

— אַך גאָט, דו ליבער!... אַן אומגליק אַזוינס!...

— אַ־אַוועקגעטריבן... וואָס־זשע קאָן מען טון?... ביי זיי דאָרט אַזאַ מאַשין פאַרהאַן!... דורכגעקוקט זיי אַלע אויף איין גרויען שטייגער... אַ האָרך־געטון צו סטעפּאַנקען... געזוכט־געזוכט עפּעס... אַלץ אויף איין שטייגער... אַצינד, ברודער, זענען מיר אַלע גלייך: נישטאָ, ברודער, קיין פאַן, קיין איוואַן... אַ־אַוועקגעטריבן!... צי ווייסטו אים שוין געפינען אַצינד?... אין לעבן נישט געפינען... קיין פאַן, קיין איוואַן...

— אַ גרויס אומגליק דיך געטראָפן, פעטער פאָמאַ! — האָט אָקסיאַ ווידער געזונגען מיטן זעלבן טאָן פון אַן אַלטיטשקער. — און איך, זינדיקע, האַלט נאָר אין איין פרייען זיך, אין איין פרייען

זיך... רבונו של עולם, טראַכט איך, עס איז דאָך גאָר קיין מער גליקלעכער מענטש פאַר מיר אויף דער גאַנצער וועלט נישטאָ...

— אַ־אָוועקגעטריבן... מיט דער מאַשין...

— און פאַרוואָס בין איך אַזאַ גליקלעכע ?... אי די משפחה מיינע איז אַ גוטע, אי דער מאַן איז אַ גוטער, אי דער שווער איז אַ גוטער...

די קאָבילקע האָט שטיל און הכנעהדיק געטרונקען דאָס וואַסער פון דער קאָריטע און כסדר געציטערט מיט דער פעל. דאָס וואַסער האָט אויסגעזען אַזוי פריש און געשמאַק, אַז עס האָט זיך געגלוסט צו טרינקען עס צוזאַמען מיט דער קאָבילקע.

פון דער צווייטער זייט טייך זענען, אין אַ ברייטער, צעשיטער מחנה, אויפהייבנדיק אַ ראָזן שטויב הינטער זיך, מיד און היימיש, געגאַנגען די בהמות, שאָקלענדיק מיט די קעפ און שמייסנדיק זיך מיט די ווידלען איבער די זייטן.

אָקסיאַ איז געשטאַנען לעבן פאַמען, געקוקט אויף אים מיט איר העל, פריידיק, פול־באַקיק פנים, שטרענג און קינדיש געקרימטע די דיקע, נאָך מיידלישע ליפּן, געמרוגעט מיט די צניותדיקע גרויסע אויגן און מיט הנאה, ווי זי וואָלט אַ מעשהלע דערציילט, זינגעדיק אַזוי גערעדט :

— דאָס לעבן מיינס, פעטער פאַמאַ, איז ביי מיר זייער אַ גוטס : הלוואי ביי קיינעם נישט קיין ערגערס... מיידלוויז, פעטער פאַמאַ, האָב איך פון מיין יעגאָרן געלאַכט, מיט די ערגסטע צונג מען אים אָנגערופן... און אַצינד איז גאָר קיין בעסערס פון אים אויף דער וועלט נישטאָ...

— און איך אַקסיושאַ, האָב היינט געהערט אויפן וואָקזאַל, אַז מען וועט די צווייטע וואָך אַלע יעגאָרס פון דער געגנט צונעמען... — האָט פאַמאַ זיך געוויצלט, פאַרציענדיק די ברעמען. — וואָס, מיידל, וועסטו דעמאָלט טון ?

אָקסיאַ האָט נישט פאַרשטאַנען דעם שפּאַס, און דערשראָק שטיל געבליבן און פאַרלאָשן געוואָרן. דערנאָך אָבער האָט זי באַלד ווידער זיך אָנגעצונדן, גענומען פרייען זיך און אַרויסזונגען :

— איך, פעטער פּאָמאַ, ווײל אפילו נישט טראַכטן וועגן דעם:
איך, פעטער פּאָמאַ, האָב קיינמאָל פון קיין שום צרות נישט געוואוסט... אפשר בין איך אַזעלכע, וואָס איז גאָרנישט פעיִק אויף קיין צרות... ווי בלויז פרייד וואָלט מיר גאָט צוגעשיקט... קום אַריין אַמאָל, פעטער פּאָמאַ: עס האָט דאָך דיך אַזאַ צרה געטראָפן...
זי איז אַוועקגעגאַנגען פון דער ברונען באַרג־אַרויף, און אויף איר פּנים איז נישט געווען — נישט קיין טרויער, נישט קיין זאָרג, נישט קיין מידקייט: זי איז געווען אַזאַ ליבלעכע, אַ ווייכע און פריידיקע. פּאָמאַ האָט איר נאָכגעקוקט מיט אַ געפיל פון צערטלעכקייט און געריִרטקייט, און אים אַליין איז אויך געוואָרן אויף דער נשמה אַזוי גוט און זינגענדיק.
אויף ביידע זייטן טייך, איבער די גרינע שיפּועים פון די בערגלעך, האָבן אַרומגעבלאָנזשעט פויערטעס צווישן די בהמות און שעפּסן, אָפּזוכנדיק די אייגענע, און טרויעריק גערופן:
— שע־עפּסעלע! שע־עפּסעלע!...
דער הימל האָט נאָך געגליט אין אָוונט־רויטקייט, אָבער, אונטן, אין פעלד, איז שוין געווען רויִק, פאַרנאַכטיק־דורכזיכטיק און שטיל, עס האָט געשמעקט מיט טייך, גראָז, זומפּיקן באָדן, און עס איז אויך געווען פאַרנאַכטיק טרויעריק.
פּאָמאַ איז נאָך געשטאַנען אַ ביסל מיט דער קאָבילקע ביי דער ברונען, זיך איינגעהערט אין שטיפערישן געפּלעסקעריי פון וואַסער, געקוקט אויפן רויִקן, נישט געאיילטן פליסן פון טייך — עס האָבן זיך געשפּיגלט אין אים די שטיבער, דער שטאַרק משופּעדיקער ברעג פון דער צווייטער זייט — און ער האָט געפילט, ווי זיס און טיף דער צער האָט זיין האַרץ צונויפגעפּרעסט.
די קאָבילקע איז געשטאַנען, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, און מיט געזונקענע ברעמען איבער די אויגן געדרעמלט, ווי זי אַליין וואָלט אויך זיך מצער געווען, און פּאָמאַ איז געשטאַנען לעבן איר אַ פאַרגליווערטער, שטיל געוויינט און געשמייכלט, קוקנדיק אויפן הימל דורך די טרערן, וואָס האָבן זיינע אויגן פאַרגאָסן.

V.

דער יום־טוב פון דער הייליקער מרים איז אין וואָראָפּוקאָוו פאַררעכנט געווען אַלס פּאַראַפיאַלער יום־טוב. מען האָט זיך געגרייט צו דעם טאָג, ווי צו פּסח: אומעטום האָט מען געהייצט דאָס באָד, צעהאָנגען די מלבושים אויף די פּאַרקנס צום לופטערן, און דאָס דאָרף האָט זיך איינגעהילט אין רויך און געבלענדט מיט העלע בונטע פלעקן. אין יעדן הויז איז געשטאַנען פון אינדערפרי אָן אַ גערודער און צעטומלטקייט. די מלחמה האָט נישט געענדערט דעמדאָזיקן סדר: אַלץ איז פאָרגעקומען ווי פריער, ווי מיט הונדערט יאָר צוריק.

דער טאָג איז געווען אַ קילער, אַ ליכטיקער, מיט אַ בלויען, אַ ביסל שטאָלערנעם הימל און מאַט־גרויע וואָלקנס. און נאָענט, און ווייט האָט זיך אַלץ געצייכנט שאַרף: אויף דער צווייטער זייט, אויפן דאַך פון אַ קי־שטאַל, האָבן זיך אפילו דייטלעך געזען די דריי־פינגערדיקע מיסט־גאָפּלען און היי־קאַמען מיט די ציינער אַרויף. פון געדיכטן טוי, וואָס איז איבער נאַכט געפאַלן, האָט נאַס זיך געגרינט, געגלאַנצט דאָס גראָז און פעט זיך געשוואַרצט דער וועג.

מען האָט געקלונגען צו דער מיטאָג־תּפילה, און דאָס דאָרף האָט ווי געוויינט פון פרייד.

מאַרינאַ האָט אַרויסגענומען פון קאַסטן פאַרן פאָטערס וועגן אַ דופטנדיק העמד פון פּאָמס־קאָליר, אַ פּאָר באַרכאַנטענע הויזן און אַליין אַן אויסגעפוצטע אין אַ שטאָטיש קאַפּטנדל און קליידל אָן פאַלבן, וואָס האָט נעט אַרומגעפאַסט איר ברייטן הינטן מיטן בויך, האָט זי נאַריש זיך געדרייט אויף דער גאַס פאַרן אַרויסגאַנג, זיך אַלץ געריסן צו גיין ערגעץ, און דאָך זיך נישט אַנטשלאָסן.

אומעטום האָבן זיך געזען מענטשן. זיי זענען געגאַנגען איבער דער גאַס פאַרביי דער כאַטע, געגאַנגען הינטערן הויף לענגאויס דעם באַרג־אָפּהאַנג, אָנגעקומען פון טייך באַרג־אַרויף: זיי האָבן געשטראָמט פון אַלע זייטן איבערן ברייטן גראָז־פאַרוועלקטן באַרג־רוקן צו דער פריידיק־וויינענדיקער צערקווע, און די פּנימער

ביי זיי אַלע זענען געווען פֿייערלעכע און אַ ביסל נאַרישע.

אין דער צערקווע האָט פּאַמאַ לאַנג געוויינט. ווי נאָר ער האָט געקויפט די צוויי דינינקע דורכזיכטיקע ליכטעלעך, ווי נאָר ער האָט זיי דערפֿילט אין זיינע הענט — אַזעלכע קלעביקע, ווייטינקע, קאַלטע און הייליקע, ווי דאָס פּנימל פֿון אַ טויט קינד, האָט ער זיך גלייך צעוויינט. שטייענדיק אויף די קני פֿאַר זיינע ליכטעלעך, האָט ער כסדר אָנגעקלאַפּט מיטן שטערן דעם קאַלטן, הילצערנעם דיל. אים האָט זיך געדאַכט, אַז קריסטוס קוקט נאָר אויף אים אַליין, בענטשט אים מיט אַ ברייטער באַוועגונג פֿון דער האַנט און באַוועגט מיט די ליפּן. ווען פֿון אָלטאַר האָט זיך דערטראָגן דאָס ווייטע זינגענדיקע קול פֿון גייסטלעכן, האָט ער געמיינט, אַז דאָס רעדט קריסטוס. ווי נאָר אָבער ער האָט זיך אַ ביסל פֿאַרגעסן, האָט ער געזען שוין נישט קריסטוסן, נאָר סטעפּאַנקען.

און בלויז איין מאָל אין משך פֿון דער גאַנצער מיטאָג-תּפֿילה האָבן פּאַמען אויפֿגעוועקט הויכע דורכדרינגלעך-אומעטיקע שטימען. עס האָבן געזונגען נישט האַרמאָנישע שטימען אויפֿן קלירואַס:

— איינציקגעבוירענער זון!... לאָז דיך קרייציקן... מיט טויט — דעם טויט קויף אויס!...

און זיין נשמה איז שוין אַזוי געבליבן די גאַנצע צייט פֿון גאָטעס-דינסט ביי דידאָזיקע ווערטער. מער האָט ער שוין גאָרנישט געהערט ביזן סוף, חוץ דידאָזיקע ווערטער.

זיי האָבן געוועקט אומרו און טויט-אַנגסט, פֿאַרהאַקט דעם אָטעם מיט באַגייסטערונג, און זיינע ליפּן, אומרויִק און אויפֿגערעגט, האָבן געהאַלטן אין איין איבערחזרן, ווי אין פֿיבער אָדער פֿון שלאָף אַרויס:

מיט טויט... לאָז דיך קרייציקן... איינציקגעבוירענער...

פֿון דער צערקווע איז פּאַמאַ אַרויסגעגאַנגען דער לעצטער און געזען, ווי דער עולם האָט אין עטלעכע צוגן אין פֿאַרשידענע ריכטונגען אַריין זיך פֿונאַנדערגעשפּרייט, ווי די פֿינגער פֿון אַ ריזיק אויסגעצירט ראָד. די לופֿט איז געווען חאַרבסטיק פֿריש, האַרבסטיק דורכזיכטיק, און שאַרף האָבן זיך געצייכנט אין די ווייטן

די וואַלד-בערגלעך, שוואַרצע וועגן און גרינע ערד-פּאַסן. האַרבסטיק האָבן זיך אויך געטראָגן איבערן באַרג-רוקן די גרויע, אומגעלומ-פּערטע שאָטנס פון די וואָלקנס, דורכגעשניטן די מחנה און פאַר-פּאַלן געוואָרן דאָרט ערגעץ אין די פאַרשוויגענע ווייטן. און סיי די פאַרביק-אויסגעצירטע מענטשן, סיי די פאַרוועלקטע גרינקייט פון לעצטן גראָז האָבן כסדר אויפגעלויכטן און זיך געלאָשן. עס האָט ווי אַ טייך געשטראָמט אין אַלע זייטן אַריין דאָס גלאָקן-גע-קלאַנג, און די בונט-פאַרביקע מענטשן-צוגן האָבן זיך אויסגעטיילט פון דעמדאָזיקן גלאָקן-געקלאַנג און געפלאָסן אין אַלע זייטן אַריין אין לעבעדיקן מענטשן-שטראָם.

און אין מיטן פון דערדאָזיקער אויסגעצירטער מחנה, וואָס האָט יום-טובדיק פאַרברענגט די צייט אין ווײַלן זיך און פלוידערן, איז נישט מעגלעך געווען צו געדענקען, אַז אַ סך פויערן און יונגע בחורים זיצן אַצינד אין די שוץ-גראָבנס, אַז אַ סך פון זיי זענען שוין פאַרוואונדעט און דערהרגעט.

ביים צערקווע-פאַרקן האָט פאָמאַ דערזען מיקאָלייען מיט מאַ-שאַרקען. מיקאָליי האָט זיך געפּאַרעט אַרום דעם פערד און גע-שריגן דערויף מיט שטרענגער ליבלעכקייט פון אַ צופרידענעם באַ-לעבאָס. מאַשאַרקאַ איז געזעסן אויפן וואָגן אין אַ געבלימט טוך, און איז זיך אײַנגאַנצן צעפלאָסן פון דעם באַרג קנייטשעלעך און פאַלבן פון איר גרינעם סאַראַפאַן. זי האָט אויסגעזען. ווי אַן איבערגעזעצ-טע גאַנז אויף אייער, און איר געשטופּלט פּנים, מיטן פאַרשפּיצטן נעזל און אָנברעמיקע קראַנקע אויגן, האָט אויסגעזען קליין און זקביש אין דעם אויפגעקוואָלענעם באַרג אָנטועכץ.

זי האָט נאָך פונווייטנס דערזען דעם פאָטער, דערשראָקן אַ פלאַטער-געטון אויפן וואָגן און גענומען שרייען אַקעגן אים:

— טאַטעלע! דאָ-אַהער, דאָ קום!... אָך דו, גאָט מיינער!... אַנדרעאיטש, וואַרט נאָר צו, דער טאַטע גייט...

זי האָט אָן אויפהער געקוואָקעט, ווי זי וואָלט דערזען עפּעס נייעס אין פאָטער, וואָס האָט זי שטאַרק איבערראַשט. זי האָט זיך פאַרלוירן און נישט געוואוסט וואָס צו טון. מיקאָליי איז צוגעגאַנ-

געזן צום וואָגן און, מרוזשענדיק די שמאָלינקע אויגן, געשטשירעט די ציין און פאַרקנייטשט זיין אָנבערדיק פנים אין אַ סך האַרמאָניקעס.

— קבר דו, כאַ־כאַ! וויפיל טעג און וויפיל נעכט... צוויי־און־צוואָנציק נכפות! פאָטערל, טייערער!... אונזער שענסטע באַגריסונג...

אָפוואַרטנדיק פאָמען, איז ער געשטאַנען לעבן וואָגן מיט דער האַנט ביים דאַשעק. ער האָט געוואוינט די גאַנצע צייט אין שטאָט, אין דער מיל, און דעריבער געגאַנגען אָנגעטון שטאָטיש: די הויזן איבער די שטיוול, אין אַ וועסטל און אַ „פאַנטאַזיע"־העמד. מאַשאַרקאַ איז שווער אַראָפּגעפלויגן פון איר נעסט און צו־זאַמען מיט זיך אַראָפּגעוואָרפן דעם גאַנצן באַרג פון איר ברייטן סאַראַפאַן. זי האָט זיך איינגעגראָבן מיט די אויגן אין פאָטער — נישט געזען אים אַ גאַנץ יאָר — און זיך צעוויינט.

— טאַטעלע! וואָס מאַכסטו?...

זי האָט דערזען זיין געצוואונגענעם שמייכל, אַ ביסל אָפּגע־בלאַקעוועטע בלאָנזשענדיקע אויגן, זיך טרייסלענדיקע באָרד און גלייך דערפילט, אַז ער וועט שוין לאַנג נישט לעבן, אַז אין אים איז דאָ עפּעס אַזוינס, וואָס מאַכט אים ווייט, אומפאַרשטענדלעך און פאַרמשפט צום אונטערגיין.

— אפילו נישט אויסגעקומען מיט סטעפּאַנקען זיך צו געזע־גענען... — האָט מאַשאַרקאַ וויינענדיק געקוואָקעט, — אפשר וועט שוין גאָר גאָט נישט באַשערן אים צוריקצוקומען... און אַלץ איבער די רייסערייען אייערע... ער האָט עפּעס געוויינט, טאַטע, סטעפּאַנקע?

— פרעג נישט!... אויפן טויט, טאַטע, גיי איך... אַלע, ווי איינער, גלייך געוואָרן... אַ מורמל געטון — און פאַרשוואונדן... דאָ איז נישט קיין פאַן, נישט קיין איוואַן... אַריינגעצויגן געוואָרן אין קעסל־גרוב, און אים שוין ביי די שלייפן נישט אַרויסשלעפן... אַ־אַוועקגעטריבן!... קיין עצה נישטאָ!... אַזוי מסתמא...

ער האָט געוואָלט דערציילן אַ סך, אויפטרייסלען מאַשאַרקען מיט מיקאָלייען, נאָר נישט געפונען די נייטיקע, שטאַרקע, פייער־דיקע ווערטער, זיך געפלאָנטערט, באַוועגט מיט די ברעמען אויפן שטערן און זיך געפייניקט.

— אויף די אַלטע יאָרן איז דער טאַטע ענלעך געוואָרן צו אַ יאַכמערקע, צו אַ קוואָקע אויף אייער... — האָט מיקאָליי הייטער גענומען אָפּוועגדן. — קבר! דו וועסט שוין, מסתמא, לאַנג נישט לעבן פאָטער! דער סוף, דער סוף קומט... זיצט אויף, שווער, — איך וועל צופירן... צושטעלן גלייך אין אונזער סמאָרקאַלאָווקע...

מאַשאַרקאַ האָט זיך ווידער פאַרקליבן ווי אַ בליענדיקער באַרג אויפן וואָגן אַרויף; לעבן איר האָט זיך געזעצט מיקאָליי. פּאָמאַ האָט זיך אויפגעכאַפּט אין דער זייט מיט דער פּלייצע צו זיי, און אַראָפּגעהאָנגען די פיס. אויפן כוטאָר האָט ער זיך אָפּגעזאָגט צו פאָרן — עס האָט זיך נישט געגלוסט אויסצוהערן מיקאָלייס טענות: ער איז אים געקראָכן עקשנותדיק אין די אויגן אַריין און געשטערט אומעטיק און זיס צו טראַכטן וועגן זון. מיט מאַשאַרקען האָט ער געוואָלט בלייבן און שטיל און טרויעריק וועגן אַ סך זאַכן זיך דורכשמועסן. מיקאָליי אָבער האָט אים געשטערט זי איבערצולאָזן אַלס גאַסט ביי זיך.

לעבן זיין שטוב האָט ער דערזען מאַקינס געפלאָכטענעם טאַראַנטאַס. דאַווידקאַ איז אין אַ קעפּי פון אַ זשאָקיי, אַראָפּגערוקט אויפן רויטן קאַרק, געזעסן לעבן אָליענען. זי האָט געקנאַקט סעמיטשקעס, געקוקט אויף אים פויגליש, פון אַ זייט, און געדראָט מיט דער פויסט. אַראָפּשפּייענדיק פון דער ליפּ די שאָלן, איז זי גלייך אַרויפגעשפּרונגען צו אים אויפן טאַראַנטאַס. דאַווידקאַ האָט וואוילעריש אַ פאָך-געטון מיט דער בייטש און גענומען אונטערטרייבן דאָס פערד.

מאַשאַרקאַ איז רויט געוואָרן, ווי אַ פייער, און געבליבן זיצן, אַ פאַרגליווערטע, פאַר כעס און בושה. זי האָט פאַרלוירן געקוקט אויף אָליענען, אויף איר פלירט מיט דאַווידקען און כסדר אָן זינען איבערגעחזרט אַלץ איינס און דאָס זעלבע:

— אוי, טאַטעלעך! אוי טאַטעלעך!... אַ חרפּה דאָס איז!... אַ בושה דאָס איז!... אוי, טאַטעלעך!...

ווען דאַווידקאַ איז דורכגעפאָרן פאַר זיי, האָט אָליענאַ אפילו

מיט קיין ברעם נישט קיין ציטער־געטון. נישט אויפהערנדיק צו קנאַקן די סעמיטשקעס, האָט זי הויך אויסגעשריגן:

— איך, פּאָטערל, פאָר אויף די ראַנד־פעלדער... זאָלסט נישט וואַרטן אויף מיר...

און וואָס זי האָט נאָך געשריגן האָט מען שוין נישט געהערט.

— נאַדיר! געזען? — משוגע געוואָרן... — האָט מיקאָליי אָנגעהויבן צו דרייען מיט די צונג, פאַרקנייטשנדיק דאָס פּנים אין אַ האַרמאָניקע. — קבר! שוין איינע משוגע געוואָרן... עס וועלן נאָכקומען אויך אַנדערע... אַצינד, פּאָטערל, וועלן אַלע ווייבער איבער גאַנץ ראַסיי משוגע ווערן... אַ קבר, ווי גאָט איז מיר ליב!... אָדער מען וועט אויך אַלע געבליבענע מענער פאַר קאַליקעס מאַכן, אָדער זיי וועלן אַליין זיך די העלזער איבערשניידן, נישט אַנדערש!...

פּאַמעלעך האָט לאַנג נאָכגעקוקט אָליענען, ווי ער וואָלט גאָרנישט פאַרשטאַנען, געקוקט אויך אויף מאַשאַרקען און מיקאָלייען מיט אַ צאַנקענדיקן שמייכל. דערנאָך אַ מאַך־געטון מיט דער האַנט און, נישט פאַרלעשנדיק דעם שמייכל, געזאָגט, ווי ער וואָלט געטראַכט מיט ווערטער:

— זאָל זיין אַזוי... וועסט זי דען אַצינד אָפּהאַלטן?... קיינמאָל אין לעבן נישט אָפּהאַלטן... אפשר מיט מאַקינען זיך גיין שלאָגן... זאָל זיין אַזוי!...

— מיט מאַקינען? — האָט זיך מיקאָליי דערפרייט. — אַ קבר, כאַ־כאַ!... דאָס איז דיין זאַך, פּאָטערל...

אוי, טאַטעלעך! — האָט מאַשאַרקע אַלץ נאַריש געדויבלט. — אוי, טאַטעלעך! אַ חרפּה דאָס איז... מענטשן קוקן דאָך, מענטשן... גאָט, דו מיינער!...

פּאַמעלעך איז אַראָפּגעקראָכן פון וואָגן, געשטאַנען אַ ווײַלע אויפן אָרט מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, ווי אײַנהערנדיק זיך אין עפּעס געהיימע רעגירונגען פון זיין נשמה. און מיקאָליי האָט מאַשאַרקעס כּעס איבערגעשריגן און גענומען זיך רימען פאַר פּאַמען:

— איך וועל צופירן, פּאָטערל, קריך אַריין מיט די פיס אין וואָגן... קיין סמאָרקאַלאָווקע — אין פופצן מינוט צופירן — איך

גיב די האַנט אָפּצוהאַקן... אַ קבר — נישט קיין פערד זענען דאָס... וועסט בײַ אונז אויף דער „פּיעטשקע" ליגן... אַן אמת גראָב ווײַבל איז דאָס: אַ ברייט-הינטנדיקע, כאַ-כאַ... זיץ אויף, פּאָטערל...

פּאָמאַ האָט ווידער אַ מאַך-געטון מיט דער האַנט און זיך אַוועקגעדרייט. אין זײַן טעמפּער באַרימערישער זאַטקייט פון אַ לאַנג אויסגעהונגערטן היימלאָזן מענטש, איז אים מיקאַליי געווען אומדערטרעגלעך. עס איז שווער און נבזהדיק געווען צו קוקן אים אין די אויגן אַריין און שווייגן אויף זײַן פּוסטער פּויקנדיקער פּלוידערײַ.

„אַ חמור-קאָפּ... — האָט ער אַ טראַכט-געטון, אַוועקגייענדיק. — בלויז פון דער פּויערטע אַ תּל געמאַכט"...

— פּאָטערל! — האָט מיט אַ געפּאַלן קול אַ זאָג-געטון מאַשאַרקאַ. — וועסט כאָטש אַמאָל קומען צו אונז?... אויב דו פילסט דיך עפּעס באַליידיקט, זײַ אונז מוחל, פּאָטערל, ווי גאָט איז דיר ליב.

זי האָט זיך צעוויינט אומעטיק און שמערצלעך, ווי אַ מענטש. וואָס איז שוין מיד געוואָרן פון ליידן. פּאָמאַ איז שטיין געבליבן, אַ קוק-געטון אויף איר און דערזען, אַז מיט איר גאַנץ וועזן און די טרערן אירע — בעט בײַ אים מאַשאַרקאַ הילף, טרייסט און אַ ביסל צערטלעכקייט, וואָס איז שוין פאַר איר לאַנג פאַרשוואונדן. ער האָט גאָרנישט געענטפערט און אַראָפּגענומען דאָס היטל.

VI.

לאַנג זענען נישט אָנגעקומען קיין בריוו פון סטעפּאַנקען, און פּאָמאַ האָט איבער דער צייט זיך איינגעשרומפּן, איינגעטרוקנט, נאָך ווייסער געוואָרן. בלויז זײַן פּנים האָט געלויכטן מיט אַ פרעמדער, פאַר אַנדערע אומפאַרשטענדלעכער פייערלעכקייט, תּפילהדיקייט, פאַרבאָרגענער פאַרטראַכטקייט. און אין דעמדאָזיקן, פון אַנדערע פאַרהוילענעם, אינערלעכן לעבן זײַנעם איז ער ענלעך געווען צו עפּעס אַ הייליקן. יעדן טאָג האָט ער אָנגעטון אַ פרישהעמד, די הויזן — ער האָט נישט אויפגעהערט זיי אָנצוטון, זינט ער איז געגאַנגען אין יום-טוב פון דער הייליקער מרים אין צערקווע

אַריין, — דעם ראָק, וועלכן ער האָט געטראָגן נאָר אין טעג פון גרויסע יום-טובים. אָנגעטון יום-טובדיק, איז ער אַוועקגעגאַנגען אין שייער אַריין, וואו סטעפּאַנקאַ פלעגט אַמאָל אַרבעטן, אָדער אין פעלד אַריין, וואָס איז צעאַקערט געווען דורך סטעפּאַנקעס הענט. לאַנג געשטאַנען דאָרט, טראַכטנדיק נישט צו וויסן פון וואָס און פּורטשענדיק זיך אין דער באָרד אַריין.

אַ צווייטן מאָל איז, פאַרבייגייענדיק, אַריינגעקומען אין שטוב אָקסיאַ, לאַנג געזעסן, אַזאַ לויכטנדיקע, אַ פריידיקע, אַ באַגייסטערטע, און לאַנג גערעדט מיט אים וועגן איר גוט לעבן, און פאָמאַ האָט געקוקט אויף איר און געלאַכט מיט אַ געדעמפּט גליקזעליק געלעכטער.

איינמאָל אין אָוונט האָט אים דעם דעסיאַטניקס געלע ייִנגל געבּרענגט אַ ברודיקן צעקנייטשטן קאָנווערט מיט אַ חתימה, און פאָמאַ האָט אים בּיזן סאַמע נאַכט-עסן געדרייט, אַ מבולבלער, אין די הענט, נישט וויסנדיק, וואָס מיט אים צו טון. דערנאָך האָט ער זיך דערמאַנט, אַז מען דאַרף אים געבּן אָליענען: זי איז אין די קליינע אותיעלעך גאָר אַ בּריה, וועט פאַרשטעקן דעם גרעסטן פויער אין גאַרטל.

אָליענאַ האָט געמאָלקן די בהמות, און פון דער אָפענער קוּשטאַל אַרויס האָבן זיך כסדר געהערט מאָדנע-פרעמדע, רויִק-אויפגערעגטע אויסגעשרייען:

— שטיי!... שטיי איין!... כאָליערע!...

אפנים דער קו האָבּן וויי-געטון די ציצקעס, און זי האָט געקאָפּעט און נישט געלאָזט זיך מעלקן.

ווען סטעפּאַנקאַ איז נאָך געווען, פלעגן זיי עסן אָוונט-ברויט אין דער פינסטער. אַציַנד אָבער האָט אָליענאַ פּינקטלעך אַלע פאַרנאַכט נאָך דער אַרבּעט אָנגעצונדן דעם הענגל-לאָמפּ מיטן בלעכענעם אַבּאַזשור, אַליין זיך געזעצט אויפן ליכטיקסטן אָרט און אפילו אַליין אָנגעשניטן ברויט, אומבּאַמערקט צונעמענדיק דידאָויקע אַלטע בּאַלעבאַטישע פּריווילעגיע בּיי פאָמען

ווען די שנור האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ, האָט פּאָמאַ איר דערלאַנגט דעם בריוו:

— לייען נאָר איבער... לאָמיר נאָר זען... ווי אַזוי — ער שיסט דאָרט, דער מלחמה-פירער אונזערער, פון דער ביקס, ווי ער וואָלט לייז דערהרגעט, אדרבה...

אָליענאַ האָט נישט געאײלט און שווייגנדיק אַרויסגענומען דעם בריוו פון קאָנווערט און פּויערישמעסיק, גיריק און כאַפּנדיק, אים אָנגעהויבן שטיל-שעפּטשענדיק צו לייענען פאַר זיך. פּאָמאַ האָט איר געקוקט אין מויל אַריין און געוואַרט מיט געדולדיקער הכנעה, שוועך אַנגסטלעך. עס האָט אים געגלוסט אויפצושפּרינגען און אַרויסרייסן פון אָליענאַס הענט דעם בריוו און אַוועקטראָגן אים צו זיך אין קאַסטן אַריין: דאָס דאָזיקע געהיים-גנבישע שעפּטשעריי זינגט אַרויס פון בריוו דעם גאַנצן טרערנדיקן אמת, די גאַנצע ווייטיק, וואָס סטעפּאַנקאַ האָט אין זיין נשמה מיטגענומען, אויסגעריסן מיטן וואָרצל פון לעבן און אָפּגעגעבן אַלס קרבן. אַצינד שיקט ער אים איבער בלויז אַ ברודיק, צעקנייטשט, קיינעם נישט נייטיק שטיקל פּאַפּיר.

— לייען... עס איז דאָך נישט קיין זומפּ!... און וואָס איז דאָס פּרעפּלען, פּלאַטערקאָפּ?... שותּפטע מיינע!...

זי האָט אַקוק-געטון אויף אים מיט הייסע אויגן פון אַ נאַכט-קאַץ.

האָט פּאָמאַ אָפּגעזיפצט און אָנגעהויבן וואַרטן געדולדיק און מיט געבעט אויפן פּנים.

סטעפּאַנקאַ האָט, ווי יעדער אמתער פּויער, אָנגעהויבן פון די גרוסן, און געשריבן דידאָזיקע גרוסן לאַנג און מיט ליבשאַפט — און קיינעם נישט פאַרגעסן — נישט פון די קרובים, נישט פון די חברים.

„און איך מאַך דיך וויסן, ליבער טאַטע, וועגן דעם, ווי אַזוי עס איז אויסגעפאַלן אויף מיין גורל אַזאַ שווערליידן. ביי טאָג — אין פסדרדיקער שיסעריי, און ביינאַכט — אין גראָבן שוין גריבער. קיין פרייע צייט איז אינגאַנצן נישטאָ. און די העמדער און הויזן וואַשן מיר קיינמאָל נישט. דעם ניינטן אויגוסט און דעם דרייסיקסטן זענען מיר געווען אין אַ שרעקלעך פייער אונטער

שווערע האַרמאַטן-קוילן. פון די אויפרייסן האָבן מיר זיך געוואָרפן, ווי אין פיבער. חוץ דערהרגעטע און פאַרוואונדעטע, זענען טייל טויב געוואָרן, און טייל האָבן זיך די צונגען אָפּגעביסן. און די האַרמאַטן-קוילן גראָבן-אויס טיפע קעלערס, און פון די מענטשן בלייבט נישט קיין שריד-ופליט. מיר זענען אַלע ברודיק, וואַשן זיך נישט אָפּ, און די אויגן ווערן פאַרקלעפּט פון ראָפּע, אַזוי אַז מען מוז זיי מיט געוואַלט אויפרייסן. און מיר ווייסן נישט וואָס פאַר אַ טאָג אין חודש עס איז. און אַזאַ פּחד איז דאָ, טאַטע, — אַז איך וועל אפשר נישט אויסהאַלטן...״

פאָמאַ איז געזעסן ביים טיש רויִק און אויפמערקזאַם, זיינע ברעמען זענען געווען אויסגעהויבן, און ער האָט געוויינט אין דער שטיל, זקניש-הכנעהדיק. ווי ער וואָלט פאַרטרונקען געווען אין אַ שמייכל, אין טרערנדיקער באַגייסטערונג, און נישט אויסגעגאַנגען פון אַנגעטלעכער בענקשאַפט נאָכן זון, וואָס איז אויף אַזאַ אויס-טערלישן און אומפאַרשטענדלעכן אופן אָפּגעריסן געוואָרן פון אים אויף קרייציקונג און טויט דורך אַן אומבאַגרייפלעכער קראַפט, קעגן וועלכער ער קאָן נישט אַרויסטרעטן נישט מיט רייד, נישט מיט קאַמף, נישט מיט געבעט.

אָליענאַ האָט געגרייט צום נאַכט-עסן און מיט זיכערקייט אַקצענטירנדיק דערציילט פאָמען וועגן דעם, ווי אַזוי זי האָט איינגעאָרדנט דעם ענין מיט מאַקינען וועגן איר חלק אין דער מיל; ווי אַזוי עס זעט אויס דער ענין מיט קוזינס ראַנד-פעלדער, און אירע רייד, פאַרבלאָזע, האַרטע, ווי די אָפּגעשניטענע שטיקער ראַזאָווע ברויט. האָבן שווער און ווייטיקלעך זיך געלייגט פאַר אים און געדריקט די נשמה מיט זייער איבעריקייט און עפּעס אַזוינס, פון וועלכן עס האָט זיך געגלוסט צו אַנטלויפן, ווי פון אַ טשאַד, ווי פון טויט.

— אונזער זאַך, פאָטערל, איז — נישט צו פאַרלירן די פאָדקאָוועס... איך, פאָטערל, האָב מיט מאַקינען זיך שוין וועגן שטשעוויצע דורכגעשמועסט. איך וועל פון פערטן חלק אָפּנעמען דאָס מייניקע. איך וועל צוקויפן אַ פערד און — זיך אַ נעם טון צו דער אַרבעט... וועגן קאָרן האָט ער מיר אויך געגעבן אָנצוהערן... מין

וועסטו מיט לײדיקע הענט נישט נעמען: מען דארף וויסן ווי אזוי בײם טײוול די הערנער אנצוטאפן. און מענטשן מעגן זיך רעדן וואס זײ ווילן: עס איז נישט הײנט קײן צײט מיט פארגלײזטע אויגן ארומצוגײן. אמאל איז די פרוי געווען — א נאר, א טויגענישט... הײנט וועט זי דעם קלוגסטן פויער אויפן קארג זיך ארויפזעצן... איך וועל אלע זעלנערקעס צונויפרופן, און אויף א װײבערישער פארזאמלונג אלץ אלײן, ווי מען דארף, דורכפירן...

— וואס מיר חלק... וועד מיר חלק... שותפטע מײנע!... שטשעוויצא — דאס איז סטעפאנקעס זאך, סטעפאנקעס עסק!...

— וועגן דעם טאקע רעדט זיך דאך, פאטערל... מיר ווײסן שוין... ווער עס וויל זײן זאך פארזען... זאל זיך פארזען... אבער איך האב מײן כוח שוין געפונען... אויך אויף װײבערישן כוח — קומט אמאל א צײט... אצינד איז מײן כוח נישט קײן קליאטשע און דער ווילן — קײן יאך אויפן האלז... גענוג שוין!...

— אנפירערין!... מען דארף נאך מארינקען חתונה צו מאכן.

— מארינקא איז שוין נישט קײן קלײנע: זי האט שוין איר טרעלבויך געפונען... דו, פאטערל דארפסט עס וויסן, טאמער געשעט עפעס: זי האט זיך מיט דודארן צונויפגעשמעקט, מיטן וואלדשומר... אויב זי וועט וועלן א חתונה — זאל זי חתונה האבן, אבער פון שטוב וועל איך גארנישט לאזן ארויסנעמען...

געפלעפט און דערשלאגן, איז פאמא אויפגעשטאנען פון טיש און, א געהארבעטער, שווײגנדיק ארויסגעגאנגען פון שטוב.

אויף מערב איז דער הימל געווען א קאלטער, א גרויער, נאר דורכזיכטיקער, ווי וואסער, און אויך, ווי וואסער אין א טײך, אזא ליכטיקער און ברײטער. אויף דעמדאזיקן ליכטיקן און קאלטן הימל האבן די שטיבער אויף דער צווײטער זײט און די צערקווע מיט דער ברײטער עפענונג פון גלאקנטורעם זיך געצײכנט שארף און שווארץ. חוץ די שטיבער און דעם הויכן גלאקנטורעם, איז אלץ פארשוואונדן געווארן אין דער גרויער לײדיקײט און געווײעט אויף פאמען מיט אומהײמלעכן שווײגן. עס האבן געפינקלט אין דער טיפעניש פון הימל גרויסע און קלײנע שטערן, ווי

ליכטלעך אין אַ טעמפּל, און פּייכט האָט געשמעקט מיט ערד און אָפּשטאַרבנדיקן גראָז. און נאָך קיינמאָל האָט זיך פּאַמאַ נישט גע־פילט אַזוי איינזאַם און פאַרלאָזט, ווי אַצינד. ער האָט זיך אַנידער־געזעצט אויפן שטיגל ביים אַריינגאַנג און ווי פאַרגליווערט געוואָרן.

יאָ, ער האָט געלעבט און געאַרבעט, און וואָס קומט אַרויס דערפון: מען האָט אים אַרויסגעוואָרפן פאַר זיין לאַנג אין געהאָרכ־זאַם לעבן, ווי אַן אַלטן שוך, און עס איז אפילו נישטאָ ווער עס זאָל זיך פאַר אים אָננעמען, אים אויפהייבן.

— מען דאַרף שטאַרבן... — האָט ער וויינענדיק אַ שמייכל געטון. — שטאַרבן טאַקע... און זאָלן זיי זיך לעבן, ווי זיי ווילן... מען דאַרף אויפן בית־עולם צוגיין!...

און, ווי ענטפערנדיק אויף זיינע טרערן, האָט דער צערקווע־גלאָק זיך צעוויינט מיט זיין געוויינטלעכן אָוונט־טרויער. אויפשרייענ־דיק דומפּ: או־או־או!... האָט ער זיך צעקרעכצט, צעיאָמערט אויף לאַנג: אווי־אווי־אווי! און דערנאָך פאַרשטאָרבן געוואָרן אין בלינדער, אוראַלטער פאַרצווייפלונג. און דידאָזיקע פּוסטע, גרויע פינסטערניש און דער שאַרף־געצייכנטער איינזאַמער גלאָקנטורעם מיטן סאָווע־אויג האָבן אויסגעזען אַזוי שרעקלעך, ווי אַ ליידיק הויז אין מיטן דער נאַכט.

גרויסגערופן דורך דעמדאָזיקן פאַרנאַכטיקן גלאָקן־געוויין, האָט פון דער צערקווע, פון דער פינסטערניש אַרויס, איבערן באַרג־רוקן זיך גענומען דערנענטערן צו פּאַמען סטעפּאַנקאַ, אַזעלכער, ווי ער האָט אים געזען דאָס לעצטע מאָל אויפן וואָקזאַל, אין דעם ברייטן, גרויען שינעל מיט די לאַנגע אַרבל און אין דעם פרעמדן זעלנערישן הוט. ער איז געגאַנגען און געוויינט, פאַרכליפּענדיק זיך מיט די טרערן און סמאַרענדיק מיט דער נאָז. ער איז געגאַנ־גען, איינגאַנצן אַ פאַרמאַטערטער, קוים נאָכשלעפּנדיק די פיס, און געקוקט אויף פּאַמען מיט אויפגעקוואָלענע אויגן פון פיין און יעמערלעך זיך געבעטן:

„טאַטע!... און דאָ איז אַזאַ פּחד... אפשר וועל איך גאָרנישט אויסהאַלטן... טאַטע!...”

פּאַמאַ איז אַ צערודערטער אויפֿגעשפּרונגען פֿון דער שוועל, זיך אַ וואָרף־געטון צו סטעפּאַנקען און אַנידערגעפֿאַלן. ער האָט געוואָלט אויפֿשטיין, נאָר הענט און פֿיס זענען אים אָפּגענומען געוואָרן. גראַבלענדיק זיך איבער דער ערד, איז ער צוגעקראָכן צום וועג, נישט אַראָפּלאָזנדיק די פֿאַרשטאַרטע אויגן פֿון סטעפּאַנקען. און סטעפּאַנקאַ איז אַלץ געגאַנגען און זיך דערנענטערט צו אים. אַ געהויקערטער, נישט הייבנדיק די פֿיס, ווי ער וואָלט געטראָגן אַ משׂא איבער די כּוחות, — געגאַנגען און נישט געקאָנט צוקומען. פּאַמאַ איז אַ פֿאַל־געטון מיטן פּנים צו דער ערד און פֿאַרשטאָרבן געבליבן, נישט אויפֿהערנדיק מיט קלאַנגלאָזע ליפּן צו פּרעפּלען עפּעס צו דער ערד אין פּיין און באַגייסטערונג.

VII.

נאָך פֿאַר דעם יום־טובֿ פֿון דערהייבונג האָט אָליענאַ פֿאַרקויפֿט מאַקינען שטשעוויצע און נישט געזאָגט וועגן דעם פּאַמען, און ווען זי וואָלט אַפֿילו יאָ געזאָגט, ווער ווייסט צי ער וואָלט איר עפּעס געענטפֿערט. זאָל זי טוען, וואָס זי וויל.

בײַטאָג האָט ער געלעבט אין כּסדרדיקער דערוואַרטונג אויף דער נאַכט, ווען עס איז אָנגעקומען מיטן גלאָקן־געקלאַנג, און געבלאָנזשעט איבערן הויף, פֿון הויף צום שייער, צום געשניטענעם הירזש נאָכן שייער.

אַלץ אָפֿטער און אָפֿטער פֿלעגט אַרײַנקומען אָקסיאַ, און, אײַנגאַנצן אַ שלאָפֿנדיקע, אַ צערטלעכע, זיך אַוועקזעצן לעבן פּאַמען, לאַנג רעדן וועגן איר גוט לעבן און אויף אַ זינגענדיקן, זקנישן אופֿן אַלעמאָל אַרויסקרעכצן מיט טרערן, ווי אַ מאַמע:

— וואָס פֿאַר אַ צרות האָט דיך געטראָפֿן, פּעטער פּאַמאַ... גאָט דו מײַנער!...

און פּאָמאַ איז געוואוינט געוואָרן צו איר, געוואַרט אויף איר, געשמייכלט און געמורמלט אין פֿריידיקער, ביטערער און התפּעלותדיקער באַגייסטערונג:

— אַזאַ פּחד, טאַטע... אפֿשר וועל איך גאָרנישט אויסהאַלטן...

און זי האָט געלויכטן מיידליש־אומשולדיק און מיט טרויערי־קער ליבלעכקייט ווידער אַרויסגעזונגען:

— אַזוי פיל צער אויף דיר געקומען, פעטער פּאַמאַ... אַזוי פיל צער אויף דיר געקומען!...

און דערנאָך ווידער גערעדט וועגן איר גוט לעבן.

אָליענאַ האָט געשמייכלט מיט אַ רויִקן שלאַנגישן שמייכל און זיך באַמיט אַ ביס צו טון:

— זענען זיך צונויפגעגאַנגען דער הויז־שד מיטן הינדל... גיי נאָר, אַקסיוטאַ: דער שווער רופט דיך...

און אַקסיאַ האָט מיט גרייטקייט פריידיק געענטפערט:

— מיין שווער — איז אַ גוטער... הלוואי יעדן געזאָגט געוואָרן...

אָליענאַ פלעגט אָפט זיך צונויפטרעפן מיט מאַקינען און פאַר־פאַלן ווערן מיט אים אויף לאַנגע שעהן, און ווען זי פלעגט צוריק־קומען, האָט איר פנים אויסגעדריקט אַ כיטרעקייט, צופרידנהייט און זינדיקייט.

ערב יום־טוב, פאַרנאַכט, האָט מאַרינקאַ זיך אָנגעטון אין אַלעם שענסטן, שווייגנדיק אַוועקגעגאַנגען פון דער היים און מער זיך נישט אומגעקערט. אָליענאַ האָט רעטענישפול געשמייכלט און, אינמיטן דער אַרבעט אַרום דער באַלעבאַטישקייט, אַלץ וואוילעריש און פריילעך אונטערגעשמייכלט.

אינדערפרי האָט פּאַמאַ געוואָלט פאָרן אין צערקווע אַריין צו דער פרימאָרגן־תפילה, נאָר אָליענאַ האָט אים נישט געגעבן די קאָבילקע: געזאָגט, אַז זי וועט אַליין פאָרן אין דער געמיינדע אַריין. נאָך דעם האָט פּאַמאַ לאַנג תפילה געטון און זיך אָנגעקלאַפּט מיטן גרויען קאָפּ אָן ברודיקן דיל.

אָליענאַ איז אַריינגעקומען אין שטוב אַ בלייכע, אַ פויערישע מעסיקע, מיט סאָווישע אויגן.

— פּאָטערל, מאַרינקאַ איז ביי דוראָרן. דאָס — איז איר זאַך. נאָר זי האָט דער מאַמעס אַלע זאַכן מיטגענומען, אַלץ ביינאַכט צוגעגנבעט. איך וועל דאָס נישט דערלאָזן. ווי אַזוי זיך צו פירן וועל איך זי נישט לערנען, אָבער אַ גנבטע, אַ נאַכט־מויז, וועל אין

ראָס פּרצוף פאַרשענדן. וואָלט זי מיר אָפן געזאָגט אין די אויגן אַריין, כאָטש ווי אַ הינטעכע זי איז, וואָלט איך אַלץ אַליין געווען ווי אַ גוטע חברטע איינגעטיילט...

פּאָמאַ האָט זיך גענומען טרייסלען, וויינען, און קוים אויס־געשטאַנען אויף די פיס.

— אַוועק פון מיר, ווי גאָט איז דיר ליב... צוטשעפעניש דו !... שטן וואָס דו ביסט !... די שטוב פאַרזינדיקסטו, מיאוסעניש דו... און וואָס וועט אַצינד זיין, האַ ?... וואוהין־זשע וועל איך אַוועקגיין פון אייך, האַ ?... נאָר טוט ווי איר פאַרשטייט, לעבט אייך, ווי איר ווילט...

ער איז אַרויסגעגאַנגען פון שטוב און זיך געלאָזט גיין, אַליין נישט וויסנדיק וואוהין. דער פרימאָרגן איז געווען אַ קאַלטער, מיט אַ ווייסן פעלציקן טוי, און דער טוי איז געווען אומעטום — אויפן גראָז, אויף די אַנשיטן ביי די הייזער, אויף די שטרויענע דעכער פון די שייערס. דער הימל איז געווען אַ ריינער, אַ נידעריקער און שטאָלענער, ווי אויך ער וואָלט באַדעקט געווען מיט טוי. אויף דער דורכזיכטיקער ווייסקייט פון באַרג־רוקן האָבן זיך געזען פאַר־פרוירענע שפורן: עמעצער איז דורכגעגאַנגען פון דאָרף אין צערקווע אַריין.

פּאָמאַ האָט זיך דערקליבן צו פאַרושעס כאַטקע, געשטאַנען אַ ווײַלע און אַריינגעגאַנגען אין שטוב. פאַרושאַ האָט געהייצט דעם אויוון און זיך געפּאָרעט ביי די טעפּ. ווי תמיד, אַ שטרענגע און ווילדע, קיינמאָל נישט שמייכלענדיקע, האָט זי אַ קוק־געטון אויף אים מיט פאַרשטענדלעכע, טרויעריקע אויגן און די ערשטע אָנגע־הויבן צו רעדן פויערישמעסיק קלוג און שטרענג:

— וואָס ? דו לעבסט נאָך ?... זיי האָבן דיך נאָך נישט צערעכט געמאַכט די קינדערלעך ?

— באַאומרויִק נישט די נשמה אויך דו... און וואָס ווילסטו, אַלטע ?... זאָלן זיי זיך לעבן... זאָלן זיי זיך פירן, ווי זיי ווילן...

— זיי וועלן שוין פון דיר אַ תכלית מאַכן !... דו ביסט אַ ווייכער און נאַרישער : דו וועסט שוין לאַנג ביי זיי נישט אָנטרייבן, פּאָמאַ...

פאַמען האָט זיך געגלוסט צו טיילן מיט פאַרושען מיט זיין צער, עס האָט זיך אים געוואָלט דערציילן איר וועגן זיין הייליקן סוד, נאָר ער האָט נישט געפונען קיין ווערטער.

— ער קומט צו מיר סטעפּאַנקאַ, דו הערסט, פאַרושאַ... ווי נאָר עס ווערט נאַכט, קומט ער צו מיר...

— דו וועסט בקרוב שטאַרבן, פאַמאַ...

— די פיין זענען זייער גרויס, טאַטע... ער ליידט!...

ער האָט גערעדט מיט גלויבן, געלויכטן אינגאַנצן אין תפילה־דיקער אונטערטעניקייט, און אין דער נשמה איז געווען אַזאַ צער, אַז עס האָט זיך געגלוסט זיך אַ וואַרף צו טון אויפן דיל, וואַלגערן זיך און וואָיען פון פאַרצווייפלונג. ער האָט זיך צעוויינט און נישט געקאָנט מער רעדן.

— דו וועסט בקרוב שטאַרבן, פאַמאַ. — האָט פאַרושאַ געזאָגט מיט זיכערקייט און אויך זיך צעוויינט.

— מאַרינקאַ איז אַנטלאָפן פון מיר... גענומען און אַנטלאָפן... זיך פאַרבונדן מיט דוזאָרן און אַנטלאָפן...

דאָס איז געווען פאַר פאַרושען, ווי זי וואָלט געהערט אַ פריידיק נייעס. זי האָט זיך צעהוסט פון געלעכטער, און לאַכנדיק אויסגעזען מיד און אויסגעפּייניקט.

— נאָך דאָס האָט דיר געפעלט, פאַמאַ... נאָך דאָס האָסטו געדאַרפט... אַ שיין איבערקערעניש ביי דיר אין הויז... דער שטן האָט זיך צו דיר אין הויז אַריינגעכאַפּט... דער אמתער שטן!...

— וואָס־זשע טוט מען, אַלטע, האַ?...

— דו — אַלטער הונט... וואָיעסט אין די נעכט, ווי אַ פאַר־שאָלטענער... מיך, די הינטעכע, האָט מען אויף אַ קייט אַוועקגע־שטעלט... וואַרט־צו, זיי וועלן אינגאַנצן דערווערגן... אָבער די נשמה מיינע וועל איך נישט אומברענגען: איך וועל מיין שטאָלץ צו דער הייליקער מאַמען מיטנעמען...

זי האָט זיך אויסגעגלייכט, שטייף געוואָרן, זיך אָנגענומען מיט כוח, געוואָרן צוריק ווי פריער — עקשנותדיק, גרויס, אומבייגזאַם, מיט אָנגעכמורעטע ברעמען און קאַלטן מעטאַל־גלאַנץ אין די אויגן.

פאַמען איז ווידער געוואָרן שווער, ער האָט ווידער דער־פילט, אַז פאַרושאַ וועט אים נישט פאַרשטיין, נישט באַגרייפן זיין סוד, נישט דערפילן זיין צער. און פאַר וועמען זיך אויסצורעדן איז נישטאָ. און עס איז אים ווידער געוואָרן נישט צום אויסהאַלטן פון זיין איינזאַמקייט און פיינלעכער בענקשאַפט.

ער איז אַרויסגעגאַנגען פון פאַרושען און אַוועקגעגאַנגען אין שייער אַריין. דאָרט איז געווען גוט: אויף אַלעם איז קענטיק געווען סטעפּאַנקעס האַנט, און פון יעדן שטרויעלע און יעדער זאַנג האָט געקוקט אויף אים זיין מיזאַם פּנים. לאַנג האָט ער זיך אַרומ-געדרייט איבערן שייער גאָרנישט טוענדיק, דערנאָך אַראָפּגערוקט דעם הוט איבער די אויגן און אַוועקגעגאַנגען אין פעלד אַריין. ער האָט זיך דערמאַנט, אַז מען וואָלט געדאַרפט אַוועקגיין צום וואָק-זאַל, וואו ער האָט באַגלייט סטעפּאַנקען, און וואו סטעפּאַנקאַ האָט געוויינט און זיך געפיינקט צום לעצטן מאָל. דורכן פאַרנעפּלטן האַרבסטיקן וואַלד אויפן האָריזאַנט, איבער די שוואַרצע און גרויע פעלדער, האָבן שוואַך און טריב געדופן פאַמען די טרויעריקע פּיי-פערייען פון די לאָקאָמאָטיוון.

VIII.

אויף דער סטאַציע איז, ווי פריער, געווען אַ סך וואַגאָנעס; מען האָט זיי איבערגעפירט פון איין אָרט אויפן צווייטן, און זיי האָבן זיך אָנגעקלאַפּט איינער אָן צווייטן און געגרילצט. און אין וואָקזאַל אַליין איז אַלץ געווען ווי דעמאָלט: אויך אַזוי פּוסט און ענג. אויף די פאַרשטויבטע ווענט זענען געהאָנגען די זעלבע גרויסע און קליינע ברודיקע מודעות; זיי זענען דאָ געהאָנגען שוין לאַנג, פון יענער צייט אָן, וואָס מען האָט דורכגעפירט די באַן, און הענגען אַזוי ביז אַצינד — מען האָט זיי, אפנים, נישט אַראָפּגענו-מען די גאַנצע צייט: ווער דאַרף זיי?

לעבן פעראָן איז געשטאַנען אַ לאַנגער צוג, און לענגאויס די וואַגאָנעס האָבן זיך געדרייט סאָלדאַטן: טייל אויף קוליעס, אַנדע-

רע מיט באַנדאַזשירטע הענט און קעפּ. אין דער זייט זענען געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט פון וואָקזאַל און פאַרצוימונג פון גערטל אָנגעכמורעטע פויערן און פויערטעס פון שונאַק. עס זענען אויך דאָ אַהערגעקומען מאָרדווינערינס אין זייערע ווייסע קיטלען.

פּאָמאַ איז געשטאַנען אַ ביסל אויפן פעראָן, פאַרלעגן און אונטערטעניק שמייכלענדיק און, נישט וויסנדיק וואוהין צו גיין און וואָס צו טון, האָט ער געקוקט אויף די זעלנער און געקייעט מיט די אָנצייניקע יאַסלעס.

פון הינטן, ביים לעצטן וואַגאָן, זענען געזעסן צוזאַמען עטלעכע זעלנער אויף אַ פראַכט-וועגעלע און גערייכערט. איינער פון זיי איז געווען מיט אַ באַנדאַזשירטער האַנט, דער צווייטער מיט אַ קוליע. אַלע יונגע און ברייט-פּרצופדיקע. בלויז איינער איז געווען מיט אַ באָרד, אַזוי לאַנג ווי אַ פערדישער ווידל, און מיט אַ גרוי אויסגעמאַטערט פּנים, ווי ביי אַ טויטן. יעדער פון זיי איז ענלעך געווען צו סטעפּאַנקען און פּאָמאַ האָט זיך געפילט פאַרוואַנדט מיט אים, ווי מיט אַן אייגענעם, ווי מיט אַ וואָראָפּוקאָווסקער. אפשר זענען זיי סטעפּאַנקעס פריינט: אויב זיי זענען פון דער געגנט, זענען זיי זיכער געווען צוזאַמען מיט אים.

פּאָמאַ האָט נישט דרייסט זיך אָנגעהויבן צוצושאַרן צו זיי מיט זיינע שאַרף-נעזיקע שטיוול. די זעלנער האָבן אַ קוק געטון אויף אים מיט גלייכגילטיקע, לאַנגווייליקע אויגן און ווייטער שטיל געפירט זייער געשפרעך און געלאַכט, וואַרפנדיק בליקן אויף די מאָרדווינערינס אין זייערע נעט-אָפּגעצויגענע קיטלען. פּאָמאַ האָט אַראָפּגענומען דעם הוט און, מיט פאַרצויגענע ברעמען, ליבלעך און צאַרט געקוקט אויף זיי און נישט געוואוסט וואָס צו רעדן. און רעדן האָט זיך געגלוסט ווען אַ סך, וועגן אַזוי פיל, אַז עס וואָלט געקלעקט אויף אַ גאַנצן טאָג.

— מאָרדווינערינס... — האָט ער שמייכלענדיק און פריידיק אַ בורטשע-געטון, — אין קיטלען... פון פּאָקשטע... אַן אַרבעטזאַם פאָלק... באַלעבאַטים...

דער זעלנער מיט דער אויסגעהאָנגענער האַנט האָט אַ קוק-געטון

אויף אים, באַוועגנדיק מיט די וואָנסעס, און פאַרזשמורעט איין אויג.

— אַ !... פאָטערל אַלטער — אי קלוגער, אי קאַלטער... אויף טרערן נישט קאַרגער, אין תפילות נישט ערגער...

— כאַ-כאַ-כאַ !...

פאַמאַ האָט אין פאַלעגנהייט פאַרצויגן די ברעמען אַלץ העכער און גליקלעך געשמייכלט.

— אַ גלאַטיקע צונג דאָס איז... אַ פרײלעכער... אַזאַ גאַ-נער חברהמאַן...

— צוזאַמען מיטן טויט געשיכורט... און אַצינד טוט פון אויס-ניכטערונג דער קאָפּ ווײ...

דער בערדיקער זעלנער האָט טעמפּ און געשפּאַנט געקוקט ערגעץ פאָרויס מיט אַזעלכע אויגן, ווי ער וואָלט לאַנג נישט גע-האַט געשלאָפן און, נישט אויסדרײענדיק זיך, מיט אַ הייזעריק קול, גלײכגילטיק געזאָגט :

— אַ תהום און איבערקערעניש... אַ קעסל-גרוב !... אין זײער מאַמען אַריין... בלוט... די מענטשן קומען אום... די ערד פּלאַצט-אויף אין לאַקסירן... מיין בלוט !... אין פײער און הפקר — מיין בלוט... פאַרברען אַלץ מיט פײער און בלוט !... עס זאָל נישט זיין... נישט זיין... נישט זיין !...

ער האָט זיך אײנגעגראָבן מיט ביידע הענט אין די האָר פון קאָפּ, און די באָרד איז אַראָפּגעפּלאָסן ווי שוואַרץ בלוט פון זיין בלייך פּנים.

דער זעלנער מיט דער באַנדאַזשירטער האַנט האָט גענומען רודערן מיט די קין-באַקן, מיט איין שפּרונג אַראָפּ פון וועגעלע און אַ כאַפּ-געטון דעם בערדיקן אונטער דער האַנט :

— היידאַ, חבר !... היידאַ, ברידערל !... צו די מאַרדווינערינס זיך אַ נעם טון... טאַפּן זײ... היידאַ, יאַטן !...

דער בערדיקער איז געגאַנגען ווי אַ שיכורער, געשטויסן אין דער לופט אַריין מיטן קאָפּ און געשריגן, ווי אַ דולער :

— אויף בלוט זײ, אין אײער מאַמען אַריין... אויפן פײער !... פאַרשאָלטענע !... עס זאָל נישט זיין... עס זאָל נישט זיין !...

און נאָך לאַנג געוואָיעט ווי אַ צעמישטער.

די זעלנער האָבן געשוויגן און געקוקט מיט מבולבלע אויגן.

— אַזוי־אַזוי... — האָט פאָמאַ געזאָגט. — סטעפּאַנקאַ וועט מסתמא, אויך נישט אויסהאַלטן... אַ גרויסע אימה... סטעפּאַנקאַ איז דאָך אויך דאָרט...

— וועלכער סטעפּאַנקאַ?

— סטעפּאַן סטאָלבאָוו... אוודאי... איר זענט דאָך צוזאַמען געווען... צוזאַמען צרות געליטן... איר דאַרפט דאָך וויסן... סטעפּאַן סטאָלבאָוו...

— אָהאָ, פאָטערל, נישט נאָר די סטאָלבאָווס, נאָר אויך די דוּ־באָווס האָט מען דאָרט די קעפּ אַראָפּגעהאַקט... אַן אמתע פריזירעריי...

— אוודאי... דאָרט איז ער דאָך, סטעפּאַנקאַ... דאָרט ליידט ער דאָך און מאַטערט זיך... סטאָלבאָוו, אוודאי...

— עס איז געווען איין סטאָלבאָוו אין אונזער אָפּטיילונג... איך ווייס... נאָר יענער האָט געהייסן סעמיאָן...

— סטעפּאַן.... אוודאי... נישט סעמיאָן, נאָר סטעפּאַן...

— נו, אויב אַזוי איז דער סטאָלבאָוו געהרגעט געוואָרן...

— אָ? סטעפּאַנקאַ?... טאַטעלעך!...

פאָמאַ האָט אָנגעטון דעם הוט, דערנאָך ווידער אים אַראָפּ־גענומען און גענומען קייען מיט די ליפּן. ביי אים האָט פלוצלינג שטאַרק זיך גענומען טרייסלען דער קאָפּ, און ער האָט שווייגנדיק, מיט דער פריערדיקער שטומער ליבשאַפט און געבעט געקוקט אויף די זעלנער.

ג.

דאָ אויסטוענדיק, דאָ ווידער אָנטוענדיק דעם הוט, האָט פאָ־מאַ שנעל און שווער געשאַרט מיט די פיס איבערן וועג...

אַרום זענען געווען פוסטע פעלדער, שווייגנדיקע און אין טרויער פאַרזונקענע, ווי זיי וואָלטן געלעבט. ווי אומענדלעך און הכנעהדיק זיי זענען! מיט דורות לאַנגער פויערישער פיין אָנגעזאַפּט, האָבן זיי אים אויסגעזען ווי באַלעבט דורך זיין שוואַרצער אַרבעט, —

אַזעלכע הכנהדיקע, זיפּצנדיקע, קרבנפּעיִקע. ווי אַ מענטש, האָבן זיי געקוקט אויף פאַמען, זיך געשטרעקט צו אים פון אַלע זייטן, פון סאַמע האָריזאָנט אָן, זיך פאַרשלאָסן ביי זיינע פיס און אָנגעפילט זיין נשמה מיט אומדערטרעגלעכע ווייטיק, אויך אַזאַ אומפאַנדלעכע, ווי זיי אַליין זענען. איינער אַליין איז געגאַנגען פאַמאַ איבערן וועג מיט העלע שפּורן פון די רעדער אין די קאָליעס און אומצייליקע גריבלעך פון די פערד-פּאָדקאָוועס אין מיטן, און אַ שוואַרצער, אַ צוגעדריקטער צו דער ערד, איז ער אַליין אויך פאַרשוואונדן געוואָרן אין איר, ווי ער וואָלט פאַרזונקען אין איר איינגעוויידן און אינגאַנצן אויפגעלייזט געוואָרן אין איר.

דער טאָג איז געווען אַ פרישער, אַ ביסל נעפּלדיקער אין די ווייטן, מיט בלייכע, אומקלאָרע שאַטירונגען. אַן איינזאַמער צווישן די פעלדער, האָט פאַמאַ מיט טרערנדיקע אויגן זיך איינגעקוקט אין וועג און פאַרלוירן און דערשלאָגן די גאַנצע צייט אַלץ געמרוטשעט און געקנאַקט מיט דער צונג:

— צ-צ !... צ-צ !...

אין טאָל, עטוואָס רעכטס פון וועג, האָבן אין געקרייזלטן שטרייף זיך טרויעריק געטונקלט די שפּיצן פון אַ יונג וועלדל, און לינקס, אויף דער צווייטער זייט טאָל, האָבן העל און יונג זיך געגרינט ברייטע פאַסן ווינטער-תּבֿואה, סימעטריש און דין אָפּגעגרענעצט דורך דער שיפּוע פון באַרג. פאָרויס האָט דער וועג זיך אויך אָפּגעהאַקט, און ווען ער האָט ווידער אויפגעשטיגן פון טאָל, איז ער שוין געווען אויף אַ צווייט אָרט און פעט זיך געשוואַרצט צווישן דער ווינטער-תּבֿואה אין שוואַרצע פרישע איבערגעאַקערטע ערדפאַסן, האָט אויפן רויטן פאָן פון פריצישן וואַלד, ווי אַ גרויער אַלטער סלופּ זיך געצייכנט דער היימישער גלאָקנטורעם, און עס האָבן אין אַ קופּע זיך געטוליעט די הויטן פון די גראָבן-בערגלעך ביי די שייערס. אָבער אויך דערדאָזיקער גלאָקנטורעם און די קייַלעכיקע גראָבן-בערגלעך, ווי קברימלעך, האָבן שוין אויסגעזען ווייט און פרעמד פאַר פאַמען. עס איז שוין נישט געווען נאָך וואָס צו גיין אַהין. אַלץ איז מיטאַמאָל פאַרזונקען געוואָרן אין אַ תּהום,

און ער איז געבליבן איינער אליין צווישן די פעלדער, א לעצטער, קיינעם נישט נייטיקער. און אין זיין נשמה איז געווען אזא געפיל, ווי ער וואלט פלוצלינג פארענדיקט א גרויסע ארבעט, וואס איז באשטימט געווארן פאר אים פון זיין געבוירנשאפט אן, און אצינד האט ער מיט איינמאל דערפילט אן אומגעוויינטלעכע פויגלישע לייכטקייט און פרייקייט. ווען ער וואלט געהאט פליגל, וואלט ער לייכט זיך אויפגעהויבן אין די פרייע בלויע הויכן.

ווייטער א ביסל, נאך דעם געהארבעטן בערגל, זענען דורכגעגאנגען פאר אים זעלנער, — די אייגענע, וואס ער האט געזען אויפן וואקזאל. זיי זענען דורכגעגאנגען שווערבנדיק און פארשוואונדן — צעגאנגען געווארן.

פאמא האט מיט אלע כוחות גענומען לויפן אויפן בערגל ארויף און, שטיקנדיק זיך, קוים האלטנדיק זיך אויף די פיס, געסטארטשעט די בלינדע אויגן פון שרעק אויף יענעם ארט, וואו די זעלנער זענען דורכגעגאנגען. ווען ער האט זיך אויפגעהויבן אין טאל, איז קיינער ארום נישט געווען, און די פעלדער האבן, ווי פריער, פון אלע זייטן געקוקט אויף אים מיט אומעט-פארזונקענער שטילקייט.

גיין ווייטער האט ער שוין נישט געהאט קיין כוח, ווי ער וואלט צוגעלאפן ביז צו א פארבאטענער גרענעץ, און ווייטער איז שוין נישט געווען וואוהין און נאך וואס צו לויפן, און אין דעמדאזיקן לעצטן אייליקן וועג האבן ארויסגעשטראמט פון אים און צעגאנגען געווארן זיינע לעצטע באוועגונגען. ער האט ווי א זאק זיך אראפגעלאזט אויפן גראזביים וועג, א פאל-געטון אויף א זייט און זיך איינגעקורטשעט, איינגראבנדיק דעם קאפ אין די קאלטע פייכטע ערד-בערגלעך, אנגעווארפענע דורך די רעדער פון די וואגנס.

איינער אליין צווישן די פעלדער, ביי דער היימישער ווינטער-תבואה, האט פאמא גענומען פלאטערן און פארגליווערט געווארן אין זיין טויט-אנגסט. און ער האט שוין נישט געפילט מער קיין קערפערלעכע מידעקייט: עס איז געווען בלויז א תהום-טיפע ערדישע רו. די ווייטיק און פארצווייפלונג האבן ווי א קנויל זיך

אָפּגעטיילט פון קערפּער, וואָס איז פאַרזונקען געוואָרן אין אָפּגרונט פון ערדישן שווייגן, און זיך אויפגעלייזט אין אים, ווי אַ טראָפּן אין ים. און די פאַרצווייפלונג און דער טויט-אַנגסט זענען געקומען דערפון, וואָס סטעפּאַנקאַ איז שוין נישט געווען, וואָס סטעפּאַנקאַ איז שוין אומגעקומען און וועט מער נישט אויפשטיין.

עס האָבן געקלונגען די ווייטע היימישע גלאָקן, פון דעם קלונגען האָט געזונגען די ערד.

און פּאַמאַ האָט דערפילט, אַז ער ליגט ווידער, אַן אויסגע-שפּרייטער, אויפן דיל פון זיין היימישער צערקווע און בעט שטום, אָן ווערטער, פאַר סטעפּאַנקען. און ווי עס וואָלטן געברענט אַ סך ריינינקע ווייסע ליכט, זיי פינקלען און וויינען, די ליכט, און ווי עס וואָלט זיי אַלע אָנגעצונדן בלויז ער אַליין, פּאַמאַ, — און ווי דאָס וואָלטן גאָר קיין ליכט נישט געווען, נאָר דאָס אַלץ, צוליב וואָס ער האָט געלעבט, צוליב וואָס ער האָט געליטן און בשום אופן נישט געקאָנט אויסדריקן מיט קיין ווערטער.

און ווען פּאַמאַ, דערשיטערט פון באַגייסטערונג, האָט זיך אונטערגעהויבן אויף די הענט, האָט ער דערזען לעבן דער סאָמער ווינטער-תבואה סטעפּאַנקען, אָן אַ היטל, אין שינעל. ער איילט זיך און שאָקלט מיט זיין צעשויבערטן קאָפּ, ווי ער פלעגט עס טאָן אין דער קינדהייט, און שרייט צו אים פונווייטנס, ווי אַמאָל, אַלס קליין יינגעלע, ווען דער פאָטער פלעגט קומען פון פעלד:

— טאַטע, האַ, טאַטע !... איך — גיי צו דיר.

גראַבלענדיק זיך איבער די האַרטע בערגלעך ביים וועג, פאַלנדיק און גראַבנדיק מיטן קאָפּ די ערד, האָט פּאַמאַ זיך גע-שטיקט פון פרייד און אים אַקעגנגעברומט אָן ווערטער, ווי אַ צעמישטער.

מיט אַ צעקלאַפּט פּנים פון די בערגלעך, איינגאַנצן צעבלוטיקט און צעביילט, האָט זיך פּאַמאַ איינגעגראָבן מיט די פינגער אין סטעפּאַנקעס שטיוול און אָנגעהויבן זיי קושן, אויסגייענדיק פון גליק.

... אויפגעהויבן פּאַמען אויפן וועג האָט דער דאַנילאָווער

פּאָטשטער און, פון באַקאַנטשאַפט, דורכפאָרנדיק אים געבּרענגט צו פירן אין סמאַרקאַלאָווער כוטאָר אַריין, צו מיקאָלייען. פאָמאַ האָט שוין געהאַט פאַרלוירן דאָס לשון, און דעם גאַנצן וועג געלעגן אין וואָגן, ווי אַ שטיק טייג, אָן באַוועגונג.

געקומען צו זיך איז ער ערשט לעבן מיקאָלייס שטוב. ווי אין חלום געזען, אַז מיקאָליי נעמט אים אַראָפּ פון וואָגן און פירט אים אין אויער אַריין זיינע געוויינטלעכע פּוסטע שטותערייען:

— פּאָטערל גליקזעליקער! צווייאונצוואָנציק נכפות! מיט דער פּאָטשט אין הויז־און־הויף אַריין צוגעשטעלט... לאָז דיר וואויל־גיין, פּאָטער, אין אייגענעם הויז און לייג דיך אַוועק אונטער די הייליקע בילדער... די בענק זענען ביי אונז ברייטע, פּאָטערל: אפילו פאַר אַ גענעראַל צום שטאַרבן... קבר!...

מאַשאַרקאַ האָט געוויינט און אַ פאַרלוירענע זיך געדרייט אויף איין אָרט, אין זעלבן גרינעם סאַראַפאַן, אין וועלכן זי איז געווען אין יום־טוב פון דער הייליקער מרים אין דער וואָראָפּוגאָ־ווער צערקווע. ווען מיקאָליי האָט אים אויף דער באַנק אַרויפגע־לייגט, האָט פאָמאַ אומקלאָר דערזען, ווי עס האָט זיך אָנגעבויגן איבער אים מאַשאַרקעס געשטופּלט פּנים מיט דער קורצער נאָז, פאַרגאָסן מיט טרערן, און ווי זי האָט פונוויטנס, שוואַך, מיטן קול פון אַ שעפּס, אַ געשריי־געטון צו אים:

— צי האָלטסטו שוין טאַקע אַזוי שלעכט, פּאָטערל? צי שטאַרבסטו שוין, פּאָטערל?... גאָט דו מיינער!...

און דערנאָך איז אַלץ פאַרשוואונדן געוואָרן — ווי אַ ליכט זיך אויסגעלאָשן.